STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10391

SHMUESN MIT DER TSAYT

Mordecai Strigler

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי שטריגלער

שמועסן מיט דער צייט

קיום

25

משה פייגענבלום.

מרדכי שטריגלער

שמועסן מיט דער צייט

אינטימע קאַפּיטלען
פון
אַ ייִדישן חשבון

באַנד צוויי

פאַרלאַג
פועלי ציון-התאחדות

בוענאָס איירעס, 1961 — התשכ״א

דאָס דאָזיקע בוך איז דערשינען
מיט דער מיטהילף פון די פריינט
משה און פרומע גאָלדענבערג
און
שמואל און יולאַ גלאַזערמאַן
וועמען דער פאַרלאַג דריקט אויס
אַ האַרציקן דאַנק.

טראַגעדיעס און זכותים פון דער ייִדישער ליטעראַטור

א. אַריינפיר.

אין דער צווייטער העלפט פון אונדזער יאָרהונדערט איז די ייִדישע ליטעראַטור שטיין געבליבן ביי איר שווערסטער טראַגעדיע: אָ ן אַ נ אָ כ װ וּ ק ס. ביי איר ווערקשטעל זענען נאָר געבליבן אַ צאָל עלטערע און מידע מייסטער. פונעם ייִדישן מזרח־אייראָפּע זענען איר בלויז געבליבן בירושה אַ פּאָר געציילטע נעמען — און דערמיט איז ווי געשלאָסן געוואָרן דאָס קאַפּיטל ייִ נ ג ע. וואָס שייך דער ייִדישער אַמעריקע, האָט זי טאַקע געבויט ייִדישע שולן און במשך פון אַ צייט אויך פאַרמאָגט אַן אייגענע סביבה. אָבער פון דעם אַלעמען האָט זיך נישט אויסגעוואַרעמט אַפילו קיין אַ יי ן אַמעריקאַניש־געבוירענער שרייבער פון פאַרנעם. ווי נאָר דאָס ייִדישע אייראָפּע איז חרוב געוואָרן, האָט אויך אויפגעהערט דער צושטראָם פון נייעם בלוט אין אירע אָדערן.

(אפשר דאַרף דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן אַ פּריִערדיקער זאַץ: מיט אַ „ש ר יי ב ע ר פ וּ ן פ אַ ר נ ע ם" ווערט געמיינט איינער, וואָס ברענגט מיט זיך אַן אייגענע וועלט. קען דערין נישט אייַנגעשלאָסן ווערן אַפילו אַזעלכער, וואָס איז דערגאַנגען ביז צום אָנשרייבן אַ קאָרעקטן מאמר אויף ייִדיש).

נישט אַנדערש איז עס מיט אירע נאָכפאָלגער. אינעם נייעם דור, פון אַ ל ע ייִדישע קיבוצים, קען מען קיין נאַטירלעכע לייענער פון דער ייִדישער ליטעראַטור כמעט ווי נישט דערבליקן. במילא איז זי געוואָרן אַ ליטעראַטור פון ע ל ט ע ר ע פ אַ ר ע ל ט ע ר ע. לויטן פשוטן שכל איז גבכן אומפאַרמיידלעך די קאַטאַסטראָפע. עס איז נאָר אַ פראַגע, ווער עס וועט וועמען איבערלעבן: דער שרייבער דעם לייענער, אָדער פאַרקערט?

אין אַזאַ צייט וואָלט כדאַי געווען צו מאַכן אַ תוכיקן חשבון און זען ווי וּ עס שטעקן די וואָרצלען פון דער טראַגעדיע. אָבער הגם אינעם ייִדישן קולטור־וועלטל זענען פאַראַן צוויי עקסטרעמע „לאַגערן" — מיידן ב ייִ ד ע אויס בכיון דעם האַרבן חשבון־הנפש, צוליב פאַרשידענע טעמים.

דער ערשטער לאַגער וויל זיך ראַטעווען דורכן איבערשרייען די ווירקלעכקייט. וואָס שאַרפער עס ווערן די אונטערגאַנגס־סימנים, אַלץ העכער נעמען אירע קרייזן דעקלאַמירן דאָס ליד פון דער יידישער ליטעראַטורס אייביקייט. זיי לאָזן גאַרנישט אָפּדינגען פון איר פּאָטענציעלן לעבנס־דויער. דאָס איז פּאַר זיי אַ מין סגולה — און ווי נאָר עמעץ וויל אַרויסברענגען אַביסל אויפריכטיקע קריטיק, מיינט עס פּאַר זיי: העלפן אונטערברענגען די יידישע ליטעראַטור. אויב זיי קענען דעם מויל־אָפּטימיזם נישט באַקרעפטיקן מיט טעגלעכע פאַקטן, נעמען זיי צו הילף מיסטישע פאַרגעפילן און היציקע טרוים־ווינטשן.

דער צווייטער לאַגער ווידער האַלט שוין לאחר־יאוש. לויט אים קען שוין גאָרנישט מילדערן דעם גרויליקן פּסק־דין. סייווי איז שוין אַלץ פאַרשפּעטיקט. וואָסזשע טויג דער שניידיקער חשבון? אַ קראַנקן אָן האָפענונג שיט מען נישט קיין זאַלץ אויף די וווּנדן און מען דאַרף אים נישט שטאָפּן מיט קיין האַרבע מעדיצינען. גיכער דאַרף מען אים טרייסטן מיט וואָס עס קומט נאָר אין מויל אַריין, בכדי די לעצטע טעג זאָלן אים כאָטש לייכטער זיין.

דער שרייבער פון דער אַרבעט איז ווייט פוןביידע: ער קען, ליידער, נישט מסכים זיין מיטן ערשטן און ער קען אויך נישט שלום־מאַכן מיטן צווייטן. ער איז אַדורכגענומען מיטן געפיל פון מורא און צער צוליב דער ווירקלעכקייט, אָבער ער איז נאָך אַלץ איבערצייגט אין דער מעגלעכקייט פון ראַטעווען איר לעבן. טאַקע דערפאַר האַלט ער פאַר זיין חוב אַרויסצוברענגען קודם־כל געוויסע שטריכן, וואָס האָבן דער יידישער ליטעראַטור געשטערט צו באַהעפטן זיך מיטן גאַנצן פאָלק. אָבער נישט ווייניקער וויכטיק איז פאַר אים דער חוב צו דערמאָנען יענע ווערטן אירע, וואָס וועלן זי נישט לאָזן נעלם ווערן — כל־זמן עס וועט בכלל זיין אַ ווילן ביי יידן צו עקזיסטירן.

בלויז צוליב דער הנחה באַמיט זיך דער מחבר צו מאַכן אַ שטיקל סך־הכל, אין ראשי־פּרקים, סיי פון די גרויסע חסרונות און סיי פון די נישט־קלענערע זכותים, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט אָנגעזאַמלט אויף איר וועג.

ב. מוסר און האָפענונג פון אַ יידישן גאון.

עס איז ביי מיר קיין שום ספק נישט, אַז די יידישע ליטעראַטור איז, אין אַ געוויסער מאָס, דער המשך פון אונדזערע אַלטע ספרים — הגם אירע שעפער זענען עס אפשר נישט אויסן געווען. פונקט ווי טייל ספרים פון אַלערליי עפּאָכעס — און פון פאַרשידענעם כאַראַקטער — האָבן נישט איינמאָל געהאַלטן ביים פאַרגעסן ווערן און דאָך ווידער אויפגעלעבט, אַזוי וועט עס אויך מוזן געשען מיט אַ פאַרנעמיקן טייל פון דער יידישער ליטעראַטור.

אָבער איידער מען דערגייט צו אַזאַ סך־הכל, מעג מען זיך פרעגן: פון וואַנעט שטאַמט די דאָזיקע זיכערקייט? דער נאַקעטער שכל מאַכט גאָר דעם חשבון פאַרקערט: אויב זי האָט, במשך איר שענסטער בליִ־צייט, זיך נישט געקענט באַוואָרענען פאַר דער איצטיקער ירידה — טאָ ווי אַזוי קען מען, דווקא אין די טעג פון איר פאַלן, זיכער זיין אין איר פאַרבלייבן? נאָך מער: פאַר יעדן איינעם, וואָס וויל זיך אַליין נישט נאַרן, מוז זיין קלאָר: די ייִדישע ליטעראַטור קען נאָר גראַטעוועט ווערן דורך נ ס י ם. דער נאַטיר־לעך־נאָרמאַלער וועג א י ז שוין פאַר איר אָפּגעשניטן. אַזעלכע פּראָצעסן קומען נישט פאַר צופעליק. וויבאַלד זי איז אַזוי איינגעשמעלערט געוואָרן, האָבן דאָס זיכער גורם געווען גאָר־וויכטיקע סיבות. אויב די ייִדישע ליטעראַ־טור האָט זיך מיט אַ יאָרהונדערט צוריק אַרויסגעריסן, ווי פון אונטער דער ערד — איז זיכער געווען אַ לעבנס־כוח, וואָס האָט איר געגעבן דעם זאַפט צום וואַקסן. און וויבאַלד זי האָט שפּעטער זיך גענומען לעשן און פאַרלירן דעם באָדן, איז דאָס אויך נישט געקומען אָן נאַטירלעכע סיבות. זי האָט נישט אויסגענוצט דעם גרויסן שאַנס, וואָס די ייִדישע געשיכטע האָט איר געגעבן. טאָ ווי אַזוי קען זי האָפן ווייטער צו לעבן, דווקא נאָכן פאַרשפּילן איר ליכ־טיקסטע געלעגנהייט?

בכדי צו געבן דערויף אַ תשובה, מוז מען קודם באַמערקן יענע חסרונות, וואָס די ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך צוגעאייגנט ד ו ק א דערפאַר וואָס זי האָט איבערגעלעבט אַ לייכטן טריומף־צוג צווישן די ייִדישע מאַסן — און דערפון אַזויווי שיכור געוואָרן. אָבער אַזאַ שיכרות איז מער נישט מעגלעך אין די טעג פון איר טרויער און גורל־פּחד. במילא איז זי איצט אויף טייל שטחים מער באַוואָרנט פון זינד און לייכטזיניקייטן, איידער אין די יאָרן פון באַהערשן גאַנצע מחנות. איצט איז אַ סך לייכטער צו פרעגן די ערשטע און וויכטיקסטע שאלה: וואָס שטעלט זי באמת מיט זיך פאַר, שוין נאָך אַלע אומ־געזונטע רוישן, פאַרן ה י ס ט אָ ר י ש ־ י ִ ד י ש ן געדאַנקען־גאַנג? דער־ביי שטרייך איך באַזונדערס אונטער דעם „היסטאָריש־ייִדישן געדאַנקען־גאַנג" — ווייל אירע ריין־קינסטלערישע פאַרדינסטן מוזן מיר דאָ שטעלן אין הינטערגרונט. דאָס איז גיכער אַן עסק פאַרן ליטעראַטור־קריטיקער און האָט פאַר א ו נ ד ז ע ר טעמע אַ קנאַפּן באַטייט.

נישט אַלע מסקנות לאָזן זיך דאָ דאָקומענטירן ווי געהעריק. דערויף מוז מען שוין האָבן גאַנצע בענדער. עס איז אָבער, בכל־אופן פאַר מיר אַליין, קלאָר געוואָרן: די ייִדישע ליטעראַטור איז נישט אויסגעוואַקסן צו איר פולער הויך (הגם ביי יעדן ווייטערדיקן אויספיר מעג מען געדענקען אין געוויסע א ו י ס־נ אָ מ ע ן) דווקא דאָרט ווו זי האָט זיך שטאַרק באַמיט דערויף. דערפאַר

אָבער איז זי ג ר אָ ד אַ י צ ט דערהויבן געוואָרן אויף אַזעלכע שטחים, פון וועלכע זי האָט אין איר בלי־פּעריאָד כמעט נישט געטראַכט. איר היסטאָרישע עליה איז געקומען אַזויווי בהיסח־הדעת, אַנגעוואָרפן בגוואַלד פונעם יידישן גורל. דאָס איז איינער פון אירע טראַגישסטע שטריכן, ווייל זי האָט זיך צו איר גדלות נישט צוגעגרייט ווי געהעריק. אָבער סוף־כל־סוף וואָלט זי נישט געקענט גרויס ווערן — אַפילו בגוואַלד — ווען אירע שפּעטער זאָלן באַלד לכתחילה נישט געווען פאַרמאָגן קיין גרויסע כלים.

דעם דאָזיקן טאָפּל־שטריך האָט שוין מיט צענדליקער יאָרן צוריק באַמערקט איינער פון די איידלסטע פּערזענלעכקייטן אין דער יידיש־רעליגיעזער וועלט. אמת: ער האָט זיך אפשר מתכוון געווען צו דער העברעישער ליטעראַטור מער ווי צו דער יידישער — אָבער זיין אָפּשאַצונג פּאַסט זיך זייער גוט אויך פאַר אונדזער ענין. ה ר ב אַ. י. ק ו ק זעט דעם הויפּט־חסרון פון אונדזער ליטעראַטור אויף אַזאַ אופן:

> הספרות המשוטטת בכל הזויות, שיש שם שירה וחיים, לא חדרה כלל לתוך אוצר החיים הנפלא הזה: אוצר התשובה. באמת לא התחילה כלל להתעניין בו, לדעת את תכונתו וערכו אפילו מצדו הפיוטי, שהוא מלבב לאין חקר. וקל וחומר, שלא נקפה אצבע עדיין על דבר צדו הממשי, ביחוד במה שנוגע למצבי־החיים החדשים שלנו. („אורות התשובה", פרק א).

אין פרייער איבערזעצונג: „די ליטעראַטור, וואָס שוועבט אין אַלע ווינקלען, ווו עס איז פאַראַן פּאָעזיע און לעבן, איז בכלל נישט אַריינגעדרונגען אינעם דאָזיקן וווּנדערלעכן לעבנס־אוצר — דעם אוצר פון תשובה. אין דער אמתן האָט זי זיך בכלל נישט אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט אים, בכדי צו וויסן זיין אייגנשאַפט און ווערט — אַפילו פון זיין פּאָעטישער זייט, וואָס איז באַהאַרצט אָן אַ שיעור; ווער שמועסט נאָך, אַז זי האָט נאָך נישט אָנגעקלאַפּט מיט אַ פינגער וועגן זיין ממשותדיקער זייט, באַזונדערס ווען דאָס איז נוגע אונדזערע נייע לעבנס־אומשטענדן".

הרב קוק האָט בכן פאַרגעוואָרפן אונדזער ליטעראַטור איר פלאַכע זיכערקייט מיט זיך. דערפאַר האָט זי נישט דערזען דעם יידישן אומרו, דאָס וווּנדער פון יידישן אומקער וואָס מוז קומען. זי האָט טאַקע אַרומגעזוכט אַלע פּאָעטישע דערשיינונגען, אָבער די פּאָעזיע פון יידישער ת ש ו ב ה האָט זי נישט געוואָלט באַמערקן — אַפילו ווען דאָס האָט שוין געהערט צו „אונדזערע נייע לעבנס־אומשטענדן".

אָבער אַזאַ שווערער חסרון האָט אויך אים, דעם טיף ־ ר ע ל י ג י ע ז ן גאון און טראַכטער, נישט געפירט צום אָפּזאָגן דער וו ע ל ט ל ע ך ־ יידישער ליטעראַטור דאָס לעבן. נישט בלויז וואָס ער האָט זיך פון איר נישט

מייאש געווען, נאָר אין אַ ווייטערדיק קאַפּיטל (פּרק יז) פונעם זעלבן ספר הערן מיר פון אים אַזעלכע האַרציקע ווערטער — וואָס קיינער פון דער פרום־ייִדישער וועלט האָט ביז אים נישט געוואַגט אַרויסצוברענגען:

תחיית האומה היא היסוד של בנין התשובה הגדולה, תשובת ישראל העליונה ותשובת העולם כולו, שתבא אחריה... הארת התשובה ישנה בישראל. התעוררות חפצה של האומה בכללה לשוב אל ארצה, אל מהותה, אל רוחה ואל תכונתה — באמת אור התשובה יש בה... התשובה היא פנימית, אלא שהיא מכוסה בהרבה מסכים חוצצים ואין כח בשום עיכוב ומניעת השלמה לעכב את האור העליון מהופיע עלינו.

גם מתוך החול יגלה הקודש וגם מתוך החופש הפרוץ יבא העול האהוב. עבותות זהב ישתרגו ויעלו גם מתוך השירה החפשית ותשובה מזהירה תצא גם מתוך הספרות החיצונית. יגמל זה הציץ, יפרח הפרח, יבושל הפרי וידע כל העולם כולו, כי רוח־הקודש מדבר בכנסת ישראל בכל תנועות רוחה. וסוף הכל הוא לתשובה, המביאה רפואה וגאולה לעולם... רגשי התשובה בכל הוד יפעתם, בכל דכדוכי נפשם היותר עמוקים, מוכרחים להגלות בספרות, למען ילמד דור התחייה את התשובה בעומק נפש, בתכונה חיה ורעננה ושב ורפא לו. וקום יקום לנו משורר התשובה, משוררה של הנשמה הלאומית, ההולכת להגאל...

אין פרייער איבערזעצונג: „דאָס אויפלעבן פון דער אומה איז דער יסוד פאַרן בנין פון דער גרויסער תשובה; די תשובה פונעם העכערן ישראל און די תשובה פון דער גאַנצער וועלט, וואָס וועט קומען נאָך איר... דאָס אויפלויכטן פון תשובה איז פאַראַן ביי ייִדן. דער אויפגעוואַכטער ווילן ביי דער אומה אין כלל, אומצוקערן זיך צו איר לאַנד, צו איר וועזן, צו איר גייסט און איר אייגנשאַפט — באמת ווי דערין איז פאַראַן דאָס תשובה־ליכט. די תשובה איז אַן אינערלעכע, נאָר זי איז פאַרדעקט מיט אַ סך פויערהאַנגען וואָס טיילן אָפּ, און ס'איז נישטאָ קיין כוח ביי קיין שום אָפּהאַלט און שטער צו דערגאַנצונג אָפּצוהאַלטן דאָס העכערע ליכט פון אויפשיינען איבער אונדז.

„אויך פון דער וואָכעדיקייט וועט זיך אַנטפּלעקן דאָס הייליקע און אויך פון דער צעלאָזענער פרייקייט וועט קומען דער ליבער יאָך. גילדענע געפלעכטן וועלן זיך צונויפהעפטן און אויפגיין אויך פון דער וועלטלעכער פּאָעזיע; און אַ צעלויכטענע תשובה וועט אַרויסקומען אויך פון דער וועלטלעכער ליטעראַטור. די דאָזיקע פלאַנץ וועט רייף ווערן, אויפבליִען וועט די בלום, פּאַרטיק ווערן וועט די פרוכט און די גאַנצע וועלט וועט וויסן, אַז דער רוח־הקודש רעדט ביי דער כנסת ישראל דורך אַלע באַוועגונגען פון איר גייסט. און דער סוף פון אַלע וועט זיין תשובה, וואָס ברענגט רפואה און גאולה צו דער וועלט. די געפילן פון תשובה, מיט אַלע נשמה־צאַפּלען, מוזן נתגלה ווערן אין דער ליטעראַטור, בכדי דער דור פון אויפלעבונג זאָל לערנען די תשובה אין די נשמה־טיפעניש, מיט לעבעדיק־פרישן אויפרודער — און ער וועט זיך אומ־

קערן און געהיילט ווערן. און עס וועט ביי אונדז אויפקומען דער פּאָעט פון תשובה, דער דיכטער פון דער נאַציאָנאַלער נשמה וואָס גייט אויסגעלייזט ווערן...״

אויך מיר ווילן קודם אָנווייזן, ווי ווייניק די יידישע ליטעראַטור האָט באַמערקט די נאַציאָנאַלע תשובה, ווען זי האָט זיך נאָר־וואָס גענומען אויס־וויקלען; בעת די דאָן־מעכטיקע השפעה פון אונדזער ליטעראַטור האָט איר געגע־קענט אַ סך העלפן. מיר ווילן אָבער אויך דערציילן, ווי אַזוי די נבואה פון הרב קוק ווערט פּאַרט ביסלעכווייז מקויים: כמעט ווי אָן איר ווילן און אויס־רעכענונג גייט־אויף פון דער יידישער ליטעראַטור יענער „העכסטער ווונ־דער״ פון יידישן אומקער — שוין נאָך אַלע אירע צעלאָזטקייטן, קורצן בליק, פאַרגעסערישקייט און בלאָנדזשענישן.

ג. אַ טעותדיקע הויפּט־הנחה.

בלויז אַ קליינער טייל פונעם יידישן קולטור־קרייז וויל נאָך אַלץ לעבן מיט פאַרמאַכטע אויגן. דערפאַר איז ביי אַזעלכע מענטשן די יידישע ליטעראַ־טור אָן דער מינדסטער פגימה: זי איז ג ר ו י ס ! וואָס נאָר מען קען פאָדערן פון אַ נאַציאָנאַלער ליטעראַטור — האָט זי געגעבן. דאָס וועלטלעכע יידנטום דאַרף בכן מער גאָרנישט האָבן פאַרן אייגענעם קיום. אם היא כאן — ה כ ל כאן. ביי די חסידים פון דעם קרייז האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ מין פרום־קולטוריסטישע א מ ו נ ה — און ווי ביי אַלע פאַרגלייבטע, האָט זי דעם ענטפער אויף אַלע נאַציאָנאַל־גייסטיקע שאלות.

אָבער דער רוב פונעם איינגעשמעלערטן יידיש־קרייז האָט שוין „אָנער־קענט״ דעם ק ר י ז י ס. ס׳איז שוין אַפילו רעכט צו ריידן וועגן אַ טראַ־געדיע. די צרה איז נאָר, וואָס אויך ד אָ זעט מען זי א יי נ ז יי ט י ק. ווען עס קומט צו דער שאלה, ווערט זי ריכטיק געשטעלט: פאַרוואָס זענען מיר דערגאַנגען צו אַזאַ מצב? ווי אַזוי איז מעגלעך, אַז אַזאַ געשאַפענער אוצר זאָל קיין גרויסן אינטערעס נישט אַרויסרופן? אָבער דער ענטפער איז שוין היפש פּראָבלעמאַטיש: שולדיק איז בלויז י ע נ ע ר, וואָס לעבט אויף דער צווייטער זייט פונעם יידישן שרייבער־פאַראיין. די אָנגעגעבענע כיבות דערשרעקן ממש מיט זייער פשטות: דער נייער דור קען נישט קיין יידיש און דער אַלטער איז מיד, אָדער שטאַרבט אויס... עלעמענטאַרע אמתן. אָבער פאַרוואָס האָט זיך ט אַ ק ע די יידישע ליטעראַטור נישט איינגע־פלאַנצט אינעם נייעם דור? און פאַרוואָס איז דער אַלטער דור מיד געוואָרן פון איר?

איך מייד בכיון אויס דעם ש ט אַ ר ב ־ מ אָ ט י ו, ווייל ער וואָלט נישט געווען קיין מניעה, ווען דער יינגערער דור זאָל פאַרנעמען דעם אַלטנס פּלאַץ. נאָך עפּעס: דער מאָטיוו פונעם „אויסשטאַרבנדיקן לייענער" קען נאָר גילטן פאַר דער יידישער פרעסע, וואָס מוז אָנקומען צו ה מ ו נ י ם. אָבער אַזאַ תירוץ איז בפירוש פאַלש ווען עס קומט צו אַ ליטעראַטור, וואָס דער־שיינט דורכשניטלעך אין טויזנט קאָפּיעס. דאָ איז שוין שווער צו וואַרפן די גאַנצע שולד אויף די... קברים. ס'איז דאָ אויך נישט שייך אַן אַנדער וואַ־ריאַציע פונעם זעלבן תירוץ: באשר־ובכן מיליאָנען יידישע לייענער פון מזרח־אייראָפּע זענען פאַרשניטן געוואָרן. סוף־כל־סוף לעבן דאָך ברוך־השם הונ־דערטער־טויזנטער יידן אין אַנדערע לענדער, וואָס האָבן זיך שפּראַכלעך נאָך נ י ש ט אַסימילירט. שוין נאָך אַלע ביטער־רעאַליסטישע חשבונות זענען פאַראַן צענדליקער־טויזנטער יידן, וואָס באַטראַכטן זיך פאַר אָנהענגער פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור. אין פּריוואַטע שמועסן וועלן זיי זיך געפער־לעך באַליידיקן, אויב מען וועט זיי דערקלערן פאַר ב אַ נ ק ר אָ ט. דערצו האָט זייער מערהייט אַ פינאַנסיעל־געזונטע באַזע, פון וועלכער דער דורכ־שניטלעכער ייד אין מזרח־אייראָפּע האָט אַפילו נישט געקענט חלומען. וואָס דאַרף מען מער? אַפילו אינעם „קאַלטן" ניו־יאָרק קען מען טיילמאָל זען אויף א יי ן קולטור־אימפּרעזע עטלעכע מאָל אַזויפיל יידן ווי די צאָל פאַרקויפ־טע קאָפּיעס פון אַ גוט בוך אויף יידיש אין דער ג אַ נ צ ע ר וועלט. טאָ ווו זענען זיי „אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר"?

איך בין דאָ לגמרי נישט אויסן די ג ע ש ע פ ט ל ע כ ע זייט פון דער יידישער ליטעראַטור. איך גלייב אויך נישט, אַז אַ פאַרגרעסערטע צאָל פאַר־קויפטע קאָפּיעס וועלן לייזן דעם קריזיס. דאָס דינט מיר נאָר ווי אַן אילוס־טראַציע; צו באַווייזן, אַז יענע תירוצים זענען נישט די גאַנצע ווירקלעכקייט, נאָר מיידן זי גאָר אויס. זיכער ליגט אַ סך אמת אין אַזאַ מין טענה: ביי אַ צאָל יידישע קולטור־עסקנים האָט זיך איינגעבירגערט אַ צביעותדיקער שטריך, הגם אָן כוונה. טויזנטער יידן אין אַמעריקע גייען נאָך גערן צו אַ יידיש־קול־טורעלער אונטערנעמונג. זיי האָבן חשק צו אַ ליטעראַרישער „לעקציע", האָבן פון איר הנאה און אַפּלאָדירן. אָבער וויפל פון זיי האָבן אַן אינטערעס צום געשריבענעם בלאַט פון דער זעלבער ליטעראַטור? נישט ווייניקער ריכ־טיק איז אויך די טענה, אַז אונדזערע קולטור־יידן זענען עס מער מיטן א ו י ע ר, איידער מיטן אויג און מוח. טייל פון זיי זענען יוצא פאַר זייער „וועלטלעך" געוויסן מיטן טומל אַ ר ו ם ליטעראַטור. זיי האָבן ליב די יידישע קולטור, ווען מ'קען די דאָזיקע ליבשאַפט דעמאָנסטרירן פאַר אַנ־דערע. אָבער זיי זענען נישט גרייט צו לעבן מיט איר ב י ח י ד ו ת; בלויז פאַר דער אינערלעכער הנאה. נאָר אַזעלכע תירוצים פאַרשאַרפן נאָך מער די

אייגנטלעכע שאלה: פֿאַרוואָס האָט זיי טאַקע די ייִדישע קולטור דערצויגן אַ ז ו י און נישט אַנדערש?

קערן מיר זיך אום צו איינער פֿון די טעותדיקע הנחות, וואָס איז געוואָרן אונדזער שוק־וואָנט. ביים ריידן וועגן דער דאָליע פֿונעם ייִדישן בוך — הערן מיר כסדר די איינזייטיקע טענה: די ייִדישע ליטעראַטור האָט ג ע ט ו ן אַלץ וואָס מען דאַרף. זי האָט פּראָדוצירט הויך־ייִדישע ווערטן, דערהויבן דעם פֿאָלקס־מענטש, געשטאַנען אויף דער וואַך איבער אַלע פּראָנטן פֿון דער ייִדישער נשמה, געגעבן אירע לייענער אַ סך וויסן, אַ חוש פֿאַר שיינקייט און צערטלעכע פֿליגל. אָבער דער „אָפּנעמער" איז טעמפּ געוואָרן און געהאַנדלט ווי אַ צעלאָזטער בן־יחיד: ווי נאָר די מאַמע איז געקומען אויף די עלטערע יאָרן, האָט ער זי פֿאַרגעסן. זיכער איז אין אַזאַ צוגאַנג פֿאַראַן אַ רירנדיק שטיק לעבנס־אמת, אָבער נישט דער גאַנצער.

מען טאָר נישט פֿאַרגעסן, אַז דאָ האַנדלט זיך אין דער גרעסטער מערהייט פֿונעם ייִדישן פֿאָלק. אויב מען זאָל מעסטן ייִדיש געפֿיל און ייִדישע וואָרעמקייט לויט דער באַציִונג צו דער ייִדישער ליטעראַטור — וואָלט מען געמעגט רייסן קריעה. אויב זי איז געווען און פֿאַרבליבן כולה־גוט; אויב זי איז טאַקע דער ריינסטער אויסדרוק פֿונעם פֿאָלקס טיפֿעניש — מיינט עס דאָך, אַז דאָס גאַנצע פֿאָלק איז באַנקראָט. איז ד אָ ס טאַקע וואָר? אין דער תקופה פֿון מדינת ישראל דאַרף מען אפשר נישט זוכן קיין באַווייזן, אַז אַפֿילו ה יי נ ט קענען זיך נאָך גרויסע טיילן פֿון פֿאָלק צעפֿלאַקערן פֿאַר אַ ייִדישן אידעאַל. אוודאי איז דער מצב שלעכט אויף גאָר אַ סך שטחים. אָבער אויף קיין שום אָפּשניט איז די לאַגע נישט אַזוי ביטער ווי אין דער ייִדישער ליטעראַטור. נאָך אַלע חשבונות ווייסן מיר: דאָס פֿאָלק איז נאָך אַלץ פ אַ ר אַ ן, ווען עס קומט צו אַ גרויס־ייִדישן גורל־ענין. נישט מער: מען האָט אויפֿגעהערט צו באַטראַכטן די ייִדישע קולטור בכלל פֿאַר אַ וויכטיק־גורלדיקער זאַך. זי פֿעלט נישט צופֿיל אויס ביים דערהאַלטן דעם ייִדישן קיום. דערפֿון מוז מען שוין דרינגען, אַז די ייִדישע ליטעראַטור האָט עפּעס פ אַ ר פֿ ע ל ט צו געבן.

די דאָזיקע קעגן־הנחה איז ווייט פֿון פּלפּול מחמת נויט, אָדער אַ פּועל־יוצא פֿון וועלן אויסגלעטן די עוולות פֿונעם ייִדישן פֿאָלק. זיכער האָט זיך אונדזער ייִדישער דור דערווייטערט פֿון די קוואַלן. עס פֿאַלט מיר גאָרנישט איין צו לייקענען, אַז אַ סך ייִדן אינטערעסירן זיך נישט מיט גייסטיקע ענינים בכלל — מעגן זיי שטיין ווי הויך. אָבער זייער צאָל איז באַין אופֿן נישט אַזוי גרויס ווי די צאָל גלייכגילטיקע צום גורל פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.

ד. דער פּאַספּאָרט פונעם ייִדישן שרייבער.

די ייִדישע ליטעראַטור איז אַ לעגיטים קינד פון אונדזער וועלטלעכער באַוועגונג. דאָרט ווו זי האָט עפּעס דערגרייכט, איז אויך געוואַקסן די חשי־בות פון דעם ייִדישן שרייבער. אָבער דאָרט ווו זי האָט געמאַכט טראַגישע טעותים, האָט דער טעות באַלד רעפלעקטירט אויפן מזל פונעם ייִדישן בוך. היינט ווילן טייל ראַטעווען די ייִדישע ליטעראַטור, דורכן אָפּטיילן זי פון דער וועלטלעכער באַוועגונג. זיי ווילן איר אַפילו אויסשטעלן אַ כשר־רבנישן פּאַספּאָרט כּראוי. אָבער דאָס זענען נאָר יאוש־מיטלען, וואָס קענען די פאַקטן נישט ענדערן. אויב די ייִדיש־וועלטלעכע קולטור איז איינגעצוימט געוואָרן אין אַן ענגן שטח — מוז אויך איר ליטעראַריש צערטל־קינד האָבן די זעלבע מערכה.

אין אונדזער דור ציט זיך דאָס ייִדישע לעבן צו דריי הויפּט־שליאַכן: א) די אַלט־באַקאַנטע אַסימילאַציע, וואָס קומט היינט גיכער צום אויסדרוק אין באַקוועמער עם־הארצות איידער אין געדאַנקלעכער אידעאָלאָגיע; ב) די ציוניסטישע־נאַציאָנאַלע לייזונג פונעם ייִדישן פּראָבלעם, וואָס איז אויף טייל אופנים באַקרעפטיקט געוואָרן (און אויף אַ טייל — אָפּגעפרעגט געוואָרן) דורך דער שאַפונג פון מדינת ישראל; ג) די פּראַגראַמאַטיש־טראַדיציאָנעלע ייִדישקייט, וואָס האָט אינעם אַמעריקאַניש־ייִדישן לעבן אַלערליי געשטאַלטן און אפילו פנימלאָזיקייט.

ווען עס קומט צו אונדזער וועלטלעכקייט — ווי זי האָט זיך אָרטאָדאָק־סאַל־אידעיִש מאַניפעסטירט אין מזרח־אייראָפּע, אָדער אינעם פאַר־מלחמה־דיקן אַמעריקע — האָט זי לכתחילה געוואָלט אַ פּ וו אַ ר פ ן אַלע דריי. ווען זי זאָל באמת וועלן טריי־בלייבן זיך אַליין, וואָלט זי איצט געדאַרפט פירן אַ מלחמה אויף אַלע פראָנטן און במילא שווימען קעגן אַלע הויפּט־שטראָמען. דאָס וואָלט אפשר געווען איר נאַטירלעכסטער וועג, הגם דאָס מוז זי פאַר־משפטן צו שטרענגער איינזאַמקייט. אָבער איר אַמעריקאַנער ווערסיע בזמן הזה — וואָס האָט אין זיך שיריים פון אַלע וועלטלעכע וואַריאַציעס — האָט זיך נאָכן חורבן־אייראָפּע מער נישט געוואָלט וואָרפן אין אַזאַ קאַמף. אדרבא: אויף וויפל איר איז מעגלעך געווען, האָט זי זיך געפּרוווט אַנשליסן אין דער מחנה פון ייִדישקייטס־זוכער — פון וו ע ל כ ע ר זייט זיי זאָלן נישט קומען. דערפאַר איז זי געשטעלט געוואָרן פאַר אַ שווערער דילעמע: סיי זי און סיי איר ליטעראַרישער מאַרך האָבן זיך נישט פאַרזאָרגט מיט קיין גענויער דעפי־ניציע, וו אַ ס אַזוינס ייִדישקייט דאַרף מיינען אַ י צ ט. עד־היום מעדיטירן אירע מיד־געוואָרענע פאַנען־טרעגער מיט אַ ראָמאַנטיק, וואָס קיינער האָט

ג׳ישט בדעה — אָדער איז נישט בכח — צו פּראַקטיצירן. זיכער שמועסט מען אַ סך וועגן דער „ירושה פון ייִדישע דורות" — אָבער פאַר זיך גופא שימערן אַזעלכע דורות מיט פאַפירן־בלאַסער סימבאָליק און נישט מער. וואָס קען דאָ מיטרייסן אָדער אויפרעגן אַפילו די אייגענע אָנהענגער?

אַ מ אָ ל האָט זי כאַטש געהאַט די גרויסע מעלה פון מוטיקער אָפנ־האַרציקייט. דאַן האָט זי בפירוש אויסגעזאָגט וואָס זי טראַכט און וואָס זי וויל. דערפאַר האָט זי אויך געקענט אַרויסרופן אַ געוויסע מיליטאַנטישקייט. אָבער דעמלט האָט זי אָפּערירט אויף אַזעלכע שטחים, וואָס זענען שוין היינט כמעט ווי נעלם געוואָרן פונעם ייִדישן האָריזאָנט. נאָך מער: איר טראַגעדיע באַשטייט טיילמאָל נישט דערין וואָס זי האָט ב אַ נ ק ר אָ ט י ר ט , נאָר ווייל זי האָט אָפּגעהאַלטן אַ צו־גרויסן נ צ ח ו ן. אַפילו איר שאַרפסטער אָפּאָנענט, די ייִדישע אָרטאָדאָקסיע, איז ריין־פאָרמעל געוואָרן מער וו ע ל ט־ ל ע ך ווי די מאָהיקאַנער פון ייִדישער וועלטלעכקייט האָבן אַמאָל געקענט חלומען. דערפאַר איז איר ראָלע אויף ד ע ם פראָנט געוואָרן איבעריק.

אמת: זי האָט אויך געהאַט סאָציאַלע חלומות. סיי אין מזרח־אייראָפּע און סיי בעת דעם אַמעריקאַנישן סיסטעם פון שוויץ־שאָפּ זענען זיי געווען אײ־נעם פולן הסכם מיטן רעאַלן מצב. אָבער ביי דער ענדערונג פון דער עקאָ־נאָמישער לאַגע, האָבן זיך אויך די סאָציאַלע באַגריפן געענדערט — אַפילו ביי אירע אייגענע אָנהענגער. דאָס סאָציאַלע ליד פון דער וועלטלעכער באַ־וועגונג איז היינט שוין מער אַנאַכראָניזם ווי אַ שפּיגל פון דער צייט; מער געשיכטע און ראָמאַנטיק ווי צייט־מאָטיוו. דאָס מיינט נאָך ווייט נישט, אַז משיח איז געקומען — אָבער אויך דער סאָציאַלער מאָמענט דאַרף האָבן אַנדערע טענער. זיכער פעלן נישט עד־היום קיין סאָציאַל־באַוואוסטע אויך ביי ייִדן — אָבער זייער רוב זוכט שוין אַן אַנדער „לייזונג": דעם אינדי־ווידועלן.

ביי איר אויפקום, האָט מען איר באַציִונג — ריכטיק אָדער נישט — צו די „קלעריקאַלע" ווערטן נישט געקענט טייטשן אַהין און אַהער. מען האָט לכל הפחות געוווסט וו ו זי האַלט אין דער וועלט. דער „ככל הגויים" איז געווען ־ער חלום פון דער נישט־ציוניסטישער וועלטלעכקייט אַ סך מער ווי אינעם ציוניסטישן חדר — הגם מען וויל אים איצט ביטולדיק אונטערוואַרפן בלויז ביי דער ציוניסטישער שוועל. ווי אַזוי קען מען אָבער זיין ככל הגויים און דאָך בלייבן ייִדן? וויאַזוי קען מען ק י ו מ ע ן ייִדיש־וועלטלעך און אַפילו די ציוניסטישע תשובה נישט אָנערקענען?

אין יענע גוטע יאָרן האָט די דאָזיקע באַוועגונג קיין ענטפער נישט געדאַרפט זוכן. זי האָט געהאַט פאַר זיך אַ דור מיט אַ באַשטימט פנים און

נישט געטראַכט, אַז עס קען קומען אַ נייער דור מיט אַנדערע זוכענישן. האָט זי אויך נישט גרייט געהאַט די תשובה אויף אַ פשוטער שאלה: אויב דער אַלטער „שולחן־ערוך" איז נישט מער ווי אַ קולטור־געשיכטלעכער דאָקומענט (אויך *דאָס* זענען נישט אַלע גרייט געווען צוצוגעבן) — און וויבאַלד מען דאַרף פאָרט בלייבן ייִדן — טאָ וואָס אַזוינס איז דער ייִדיש־וועלטלעכער ספר־החיים? קען זיין, אַז אירע עסקנים האָבן זיך דאָ סומך געווען אויף איר ליטעראַרישן מעדיום. אָבער די ייִדישע ליטעראַטור גופא האָט *בעתן* *ווערן* נישט־צופיל געטראַכט, וואָס אַזוינס עס מיינט: *בלייבן אַ פאָלק אין אַזאַ צעוואָרפנקייט*. דער רוב שרייבער האָט בעיקר געטראַכט וויאַזוי צו רעהאַביליטירן דאָס לשון, מיט וועלכן זיי האָבן *געמוזט* קומען צום אויסדרוק: היות ווי אַנדערע פעלקער האָבן אַ קינסטלערישע ליטעראַטור — מוזן עס אויך ייִדן פאַרמאָגן. שוין די דאָזיקע אויפגאַבע האָט פאַרלאַנגט אַזאַ ריזיקע אָנשטרענגונג, אַז עס איז כמעט ווי נישט געבליבן קיין אָרט פאַר אַנדערע זאַכן. דאָס נאָכפאָלגן קודם כל דעם ליטעראַריש־קינסטלערישן ציל — אין פאַרגלייך מיט די פאָרויס־געגאַנגענע וועלט־פעלקער — האָט געצוווּנגען צו אימיטירן די אַלגעמיינע פאָרעם. דערפאַר איז אָפטמאָל קיין צייט נישט געווען צום אייגענעם פאָלקס־חלום און אייגענער מחשבה.

ס'איז אויך וואָר: אין יענע התחלה־יאָרן האָט דאָס בלויזע שאַפן אַ הויכע קונסט־ליטעראַטור געמיינט גאָר אַ סך. אָבער ווען מען זוכט אַ פאָרמולע פאַר „מאָדערנער" ייִדישקייט, קען מען אַדורכאַקערן די גאַנצע ייִדיש־ליטעראַטור (מיט ווייניק אויסנאַמען, בעיקר אינעם עסייאיסטישן קערן) און דאָך נישט קענען דערגיין קיין טאָלק: וואָס איז איר קאָנקרעט־ייִדישער וועלטבאַנעם? מיט וואָס קען זי באַרעכטיקן, אָדער גאָר פאָדערן, אונדזער באַזונדערע עקזיסטענץ „צווישן די פעלקער" — בפרט אין אַ דור, וואָס קען זיך לייכט אויסמישן?

דאָ פאָדערט זיך אַ שטיקל צווישן־רוף: מיר מעדיטירן דאָ בעיקר וועגן דער *נישט*־ציוניסטישער וועלטלעכקייט אויף *ייִדיש*. וואָס שייך דעם העברעיִש־וועלטלעכן נוסח, האָט ער, דורכן ציוניזם, געהאַט *זיין* תשובה. ערשט נאָך די האַרבע וויכוחים אין מדינת ישראל ווייסן מיר, אַז אויך ער האָט אַ סך זאַכן נישט באַוויזן צו דעפינירן*). בכל אופן האָט ער אָבער צוגעפירט דאָס ייִדנטום צו *זיינס* אַ ראַם. טאַקע די העברעיִשע ליטעראַטור־צווייג האָט באַוויזן, אַז נישט דער נוסח־וועלטלעכקייט האָט לגמרי אויסגע־

* פאַראַן אַ צאָל דענקער אין מדינת ישראל — זייער פאָרשטייער איז ד"ר ש. ה. בערגמאַן — וואָס זעען די גרעסטע טראַגעדיע פון ציוניזם אין זיין „פאַרוועלטלעכט" ווערן.

שפּילט, נאָר די אומקלאָרקייט וואָס מען האָט אויסגעשפּרייט איבער דער דאָזיקער באַוועגונג.

נחזור לעניין: אונדזער וועלטלעכער לאַגער האָט געמאַכט די ייִדישע ליטעראַטור פאַר זיין גייסטיקער פּאַן. אָבער ליטעראַטור בכלל איז גראָד דאָס פאַרקערטע פון פינקטלעכער דעפיניציע. פּאָעטישע פרייקייט איז דער וויכטיקסטער יסוד אין דער שרייבערישער פּראָדוקציע. מילא, וואָס מ׳קען אַלץ ליטעראַריש באַזינגען! לעבן ייִדיש מיט בלויז ליטעראַטור מיינט דאָס זעלבע ווי וואַכן אין חלום און עסן פאַסטנדיק. אַפילו ווען אונדזער קינסטלערישע ליטעראַטור זאָל י אָ געוועזן געבן אַלערליי רמזים פאַר אַ ייִדישן לעבנסבאַנעם — ווער וואָלט עס איר געגלויבט?

איצט, ביים הויכפּונקט פון איבערברוך, ווילן טייל ראַטעווען די לאַגע דורך אַ ראַדיקאַלן שניט: די אַלטע וועלטלעכקייט איז טאַקע אָפּגעלעבט, אָבער די ייִדישע ליטעראַטור קען ווייטער אָנגיין מיט איר אַרבעט. דאָס לאָזט זיך אָבער שווער דערקלערן צו אירע פּשוטע מיטגייער. ביי זיי מוז די ייִדישע ליטעראַטור לעבן מ י ט איר שטאָם און איינדאַרן אָן אים. דאָס גטן זיך מיט דער אַבסטראַקטער וועלטלעכקייט און זיך ווייטער עלטערן מיטן ג אַ נ צ ן בנין פון דער ייִדישער ליטעראַטור איז אַזוי מעגלעך, ווי דעם תלמודישן קייסערס באַפעל: „צעברעך דאָס פאַס און היט מיר דעם ווײַן". דער גרעסטער חלק פון דער ייִדישער ליטעראַטור א י ז אידייִש־וועלטלעך אינעם אַלטן נוסח. קיינער קען דאָס פריַער־אָנגעשריבענע נישט אַרויסקראַצן, אַפילו מיט טויזנט העק. אויב עס וועלן קומען רעוויזאָרן — וועלן זיי מוזן מוחל זיין און קודם־כל רייסן שטיקער פון זיך אַליין. ווער־זשע וויל עס זיין אַזוי קאָנסעקווענט?

ה. ווייט פון די וואָרצלען.

לאָמיר זיך נישט דערשרעקן: די ייִדישע ליטעראַטור וועט מוזן אידייִש רעווידירט ווערן, נישט ווייניקער ווי די וועלטלעכע באַוועגונג. די וועלטלעכע ראשונים האָבן אפשר לכתחילה געדאַרפט זען, אַז זיי האָבן צו־ווייניק פּאָליטישע באַזע פאַר דער צוקונפט. זיי האָבן זיך געצויגן צו אַ לייכטערער ייִדישקייט און ז י קען זיך נאָר האַלטן אויף אייגענעם באָדן, פּשוטו כמשמעו: אויב די ייִדישע וועלטלעכקייט האָט אויפריכטיק געוואָלט דערגרייכן נייע דורות, האָט זי געקענט האָבן די בעסטע אחיזה אין דער קעמפעריש־צעפלאָמטער מחנה, וואָס איז אַוועק קיין ארץ־ישראל. אַ סימן: עד־היום האָט דאָרט די וועלטלעכע אידיי גרויסע יוגנט־מחנות, וואָס קעמפן פאַר איר. אָבער די

פיאָנערישע וועלטלעכקייט האָט דאָס נישט פאָרויסגעזען און דערפאַר האָט זי דעם ציוניסטישן „ענד־ציל" נישט גורס געווען. בעיקר האָט זי זיך רעקרו־טירט פון קרייזן, וואָס האָבן אָנגעהויבן מיט פייערדיק־תמימותדיקער אמונה אין אַפּיקורסות — און טאַקע אויך אין אויפלייזערישן אינטערנאַציאָנאַליזם. דערפאַר האָט אויך דער „פרייער" ציוניזם זי אָפּגעשראָקן, סיי מיט זיין קלאָ־מערן זיך אין אַלערליי „פסוקים" און סיי מיט זיין טעריטאָריעל־אַרומגע־צוימטער ייִדישקייט. דאָס האָט אומדירעקט גורם געווען, אַז די מערהייט ייִדישע שרייבער זאָלן זיך שטעלן מיטן רוקן צו די ציוניסטישע אידעאַלן.

אָבער אין די בראשית־יאָרן האָט די וועלטלעכע מחנה כּאַטש געהאַט דעם חן פון אַ ייִנגן שטורעם. היינט איז דער וועלטלעכער ייִד אויך אַן אַ ל ־ ט ע ר ייִד. ביי זיך קען ער שוין קיין קאָנטיקע רעוואָלוציעס נישט מאַכן, בעת פון דער יוגנט אין מדינת־ישראל — די איינציקע יורשים פון פּראַגראַמאַ־טיש־ייִדישער וועלטלעכקייט, הגם אויף אַן אַנדער שטייגער — איז ער סיי ליטעראַריש און סיי שפּראַכלעך אַ נ ט וו יי נ ט געוואָרן. פונעם ייִנג־אַמע־ריקאַנער דור איז שוין אָפּגערעדט.

עס האָט זיך דערביי אויסגעווירקט נאָך אַ פאַקטאָר: וויבאַלד ד ע ר דור האָט נאָר אָנגעשטעלט זיין בליק צו דער וו ע ל ט, האָט ער במילא נישט געהאַט קיין גרויס חשק איינצוהאַלטן זיין קינד אינעם ייִדיש־אָרעמען געצעלט. זיין שרייבער — אוודאי נישט. אויב ער האָט שוין מסכים געווען צו שיקן זיין יורש אין אַ שול, בכדי צו לערנען אַ פּאָר ייִדישע לידלעך — האָט ער אָבער געזען דעם נאָענטן תכלית פאַר אים „ווייטער פון געטאָ". פון אַרויס־וויזן אַזאַ „פאַנאַטיזם" פאַר אייגנס, ווי דער חלוץ אין ד ג נ י ה אָדער ע י ן ־ ה ר ו ד, האָט ער אַפילו נישט געטראַכט. קומען איצט סך־הכלדיקע פאַקטן, וואָס שניידן דאָס האַרץ: במשך פון די לעצטע 75 יאָר האָבן אַדורכגעווינטיקט די ייִדישע ליטעראַטור און פרעסע ט ו י ז נ ט ע ר נעמען. בלויז די רשימה פון ייִדיש־שרייבנדיקע אין צפון־אַמעריקע קען אויספולן אַ גאַנצן באַנד. אָבער וויפל פון זייערע קינדער זענען געבליבן אין די אייגענע רייען? אויסצוציילן אויף די פינגער. די אַנדערע זענען פאַרשוווּנדן פונעם ייִדישן לעבן. דערמאָנט אייך: מיר רעדן נאָר פון די שרייבערישע פ ע נ ע ר, ווען עס קומט צום דור פון סתם־עסקנים און מ י ט ג יי ע ר — ווערט די בראָך אומצייליק גרע־סער. דאָס איז אויך נאָר געזאָגט וועגן דער בלויזער ראַם פון ייִ ד י ש. אויב מיר זאָלן צעגלידערן אַלע אידעאַלן וואָס יענער דור האָט געפּרעדיקט און שפּעטער נאָכפאָרשן וויפל פון זיי עס האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי קינדער און אייניקלעך — פאַרלירט מען פשוט דאָס לשון.

די ייִדיש־וועלטלעכע אידעאַלן האָבן זיך טעאָרעטיש זייער פיין אויס־

געלעבט — אויפן פּאַפּיר. אָבער זעלטן־ווער פון זייערע וואָרט־טרעגער האָט זיך באַמיט זיי אַריינצובעטן ממשותדיק אינעם אייגענעם לעבן. זיכער קען מען אונדז פאַרוואַרפן, אַז נאָך אַלעמען איז לייכט צו קריטיקירן. בשעת־מעשה וואָלטן אויך מיר אפשר נישט בעסער געווען. אָבער דאָ גייט נישט אין קיין סתם־באַשולדיקונג, נאָר אינעם פעסטשטעלן די פאַקטן און זוכן די סיבות.

עס איז אויך וואָר: געווען אַ צאָל טעאָרעטיקער, וואָס האָבן געוואָלט צונויפשטעלן אַ יידיש־מאָדערנעם וועג אין מיטן דער וועלט. טייל פון זיי האָבן אַפילו געהאַט בשעתם אַ גרויסע השפּעה. אָבער דאַן האָט זיך בעיקר אויסגעווירקט די האָפענונג, אַז זיי וועלן דערפירן צו אַ קיילעכיקער קלאָר־קייט. דער סוף האָט אָבער אָפּגענאַרט. מער ווי עפּיזאָדן פון זייער אומרויִקער צייט זענען זיי נישט געבליבן. קיין איינגעקריצטן וועג אינעם לעבן פון המונים האָבן זיי נישט איבערגעלאָזט. פאַרוואָס? נישט די לעצטע סיבה איז זיכער, וואָס זיי האָבן בלויז געפּרעדיקט — אָבער פּערזענלעך האָבן זיי געלעבט מיט יענער פּראַקטישער אַסימילאַציע, קעגן וועלכער זייער וואָרט האָט געשטור־רעמט.

די יידישע וועלטלעכקייט האָט אין אירע ערשטע יאָרן פאַרמאָגט אַ גרויסע אַטראַקציע פאַרן ייד פון שטעטל. ער האָט אין איר געזען דאָס איינ־ציקע און מעגלעכע פענצטער צו דער וועלט. דער דאָזיקער צויבער האָט אויך אַראָפּגעשיינט פון דער ליטעראַטור. מיט דער צייט האָט זיך אָבער איבער־געחזרט דער אַלטער אמת: מאָמענטאַלע צויבערן קענען האָבן, במשך פון אַ צייט, די גרעסטע השפּעה. אָבער דערנאָך קילן זיך אָפּ די כישופן, וואָס זענען בלויז אַ פּראָדוקט פון איין באַשטימטער אַטמאָספערע. עס בלייבט נאָר דאָס קלאָרע און טיף־פאַרוואָרצלטע, וואָס קען רעדן צום מענטש פון אַלע צייטן. דער געשיכטלעכער זכרון איז שוין בכלל איבערגעפּראָפּט מיט אידייען. דער־פאַר לאָזט ער נאָר איבער דאָס אויפריכטיקסטע און עכטע. אויב ער האָט שוין איין געדאַנק „געהערט" ביי די נביאים, קען ער נישט מיטנעמען לאורך־ימים אויך די נייע און אימיטירטע וואַריאַציעס — בפרט פון מענטשן, וואָס האָבן אַליין נישט געהאַט קיין כח זיי צו פאַרקערפּערן.

צי האָט די יידישע וועלטלעכקייט געקענט האָבן אַן אַנדער גורל? זיכער יאָ. מען דאַרף זיך דערמאָנען, אַז דער מדינה־ציוניזם איז אין תוך געווען אַ סך וועלטלעכער (ווייל ער האָט דאָך נעגירט אויך יענע גלות־ראָ־מאַנטיק, מיט וועלכער אונדזער יידישיסטיק האָט זיך געקוויקט דאָס האַרץ. און דאָך האָט ער אין אונדזער דור באַקומען מער באַדן ווי פריִער. בלי ספק איז עס אויך דערפאַר, וואָס אַ סך פון זיינע ראשונים האָבן קודם־כל אָנ־

געהויבן מיט זיך אַליין, מיט אייגענער עקשנות און מסירת־נפש. מעג מען דערפון דרינגען, אַז נישט די אידיי, נאָר די מענטשן ביי איר זייט, קענען פירן אַ געדאַנק צו מפּלה אָדער נצחון. אָבער דער נישט־ציוניסטישער וועלטלעכקייט און אירע ליטעראַרישע כהנים האָט פּשוט פאַרפעלט פערזענלעכע עקשנות, בכדי זיך איינצוגראָבן געלאַסן און שווער אין פרוכטיקער ערד.

פאַר אַ פּען וואָס שרייבט יידיש איז אַ ווייטיק צו פאַרצייכענען דאָס ווייטערדיקע — אָבער דער ערלעכער חשבון פאָדערט עס: לכל־הפּחות אין די לעצטע 25 יאָר (פאַקטיש אַ סך פריער) האָט דער ווייט־גרעסטער רוב פון יידישע שרייבער זיך בלויז אָפּגעגעבן מיטן אויסגעפוצטן וואָרט. אויסער דעם האָבן זיי קיין ליידנשאַפטלעכע קאַמפן פאַר העכערע צילן נישט געפירט — אין אויך מיט זיך גופא אַזוינס נישט רעפּרעזענטירט. זיי האָבן באין־אופן נישט פאָרגעשטעלט יענע טיפע מאָראַלישקייט, וואָס זאָל קענען צוהאַלטן אַ גאַנץ פאָלק צו דעם וואָס זיי שרייבן. די מענטשלעכע לעגענדע האָט זיך נישט געקענט צעשוועבן איבער זייער קאָפּ. איין דור האָט געקענט פון זיי האָבן מער גענוס — אויב עס האַנדלט זיך אין דער קינסטלעריש־פאַרוויילערישער זייט — און איין דור אַביסל ווייניקער. אָבער פון דער גאַנצער ליטעראַטור־געביידע און אירע לעבעדיקע טרעגער האָט זיך נישט געזען יענער אייגן־קאַטעגאָרישער רוף, פאַר וועלכן די יוגנט זאָל גרייט זיין אויף פערזענלעכע קרבנות.

כ'מיין נישט דערמיט צו זאָגן, אַז דער יידישער שרייבער פונעם היינטיקן דור איז געבוירן געוואָרן אַ פאַרטיקער ציניקער; אַז אויסער דעם וואָרט־שפּיגל האָט פאַר אים פערזענלעך גאָרנישט עקזיסטירט. הגם דער רוב איז געווען איינגעשפּאַנט איבערן קאָפּ אינעם געיעג נאָך אַ האָרעלע כבוד, אינעם בזיונדיקן פּרעמיעס־האַנדל (וואָס האָט באַגרענעצט די דאָזיקע אינסטיטוציע צו אַ געזעלשאַפט פאַר אויסטיילן זיך קעגנזייטיק בכבודיקע נדבות), אינעם ציינישן טויש־מסחר מיט רעצענזיע־קנעפּלעך — איז דאָס אַלץ נאָר געווען אַ פועל־יוצא פון דער טיפער עלנט. נאָכן בלייבן אַזוי־וויי אַליין און אָפּגעריסן, האָט נישט איין שרייבער זיך געוואָלט אַביסל דערמוטיקן, אַרויסרייסן אַפילו קינסטלעך דאָס טראָפּן אָנערקענונג — ביי אַ סביבה וואָס וויל אים מער נישט דערקענען. אויך דאָס געהערט שוין אייגנטלעך מער צו זיין טראַגעדיע איידער צו זיין זינדיקייט.

לכתחילה האָבן גאָר אַ סך פון אונדזערע שרייבער עפּעס געוואָלט, עפּעס געזוכט. ס'איז אָבער נישט געשאַפן געוואָרן יענער כח, וואָס זאָל זיי באַהויכן מיט עטישער דיסציפּלין; וואָס זאָל זייער אייגן וואָרט געבן נאַציאָנאַל־געדאַנקלעכן יסוד. איז די וואָרט־דערגרייכונג אַוועק אַ סך ווייטער

ווי די נשמה ־ דערגרייכונג. די יידישע ליטעראַטור האָט אַפּילו געהאַט אָפּענע טירן פאַר נישט־ווייניק צעוועדעמטע און טיף־פאַרדאַרבענע פעדער־האַלטער. זייער וואָרט האָט געמעגט שפּילן אויף איידעלע סטרונעס, אָבער זייער אייגן לעבן האָט געווייקט אין הוילן אור־אינסטינקט. לאַנגע צייטן האָבן מיר עס מקבל־באהבה געווען, לויטן מוסטער פון פרעמדער טאָלעראַנץ; באַוויזן מיט אותות ומופתים, אַז דאָס איז אומעטום בפירושע ליטעראַטור־טראַדיציע. אָבער יידן זענען פאָרט אַנדערש — און אין אונדז האָט זיך עס ביטער נוקם געווען.

ז. אָן אַ צענטראַלן נערוו.

ביי אַזאַ אַנטוויקלונג האָט אויך געמוזט קומען צום אומפאַרמיידלעכן: דער באַגריף „יידישע ליטעראַטור" איז מיט דער צייט געוואָרן מער אַבס־טראַקציע, איידער אַן אָרגאַנישער קאָמפּלעקס פון איינהייטלעך־אויטענטישע ווערטן. דער גרויסער שרייבער־כלל פון גאַנץ צפון־אַמעריקע, למשל, האָט אַפּילו אין זיינע בעסטע יאָרן נישט באַוויזן צו שאַפן כאָטש איין כלל־ליטע־ראַרישן בנין — צו וועלכן אַלע זאָלן זיין שותפים. ס'איז אויך גאָרנישט געטון געוואָרן, אַז אַ נייער דור זאָל — דורך עפּעס אַ פול ווערק — קענען אַריינבליקן אין דער גאַנצער ליטעראַטור. עד־היום איז נאָך פאַרן יידישן שריי־בער־וועלטל כאַראַקטעריסטיש די מוראדיקע צעפּיצלטקייט, די צעדריסענע עלנט. מען קען זיך שוין פשוט נישט פאָרשטעלן מיטן שכל, אַז לכל־הפּחות איין גאַנצער מנין זאָל קענען זיצן בשותפות אויף אַן אַרבעט במשך פון גאַנצע און פאַרעקשנטע יאָרן. יעדער פאַר זיך וועט זיך אַוודאי באַמיען, אַז אין דער מינדסטער שולע זאָל מען אַ קינדיש שוועלבעלע שטאָפן מיט זיינס אַ ליד און אַריינהעמערן זיין נאָמען. עס איז אָבער כמעט נישט מעגלעך, אַז „ער" זאָל אַרבעטן מעשים בכדי די דאָזיקע תינוקות של בית רבן זאָל האָבן אַ שליסל צום גאַנצן בנין.

נישט אומזיסט האָט זיך שמואל ניגער אַמאָל באַקלאָגט פאַר מיר, אַז מיר האָבן שרייבער אָבער נישט קיין ליטעראַטור. דאָס מיינט: יעדער פאַר זיך אַרבעט און שאַפט, האַקט אַדורך אייזערנע ווענט — אַבי ער זאָל כסדר דערשיינען אויף דער סצענע. עס גייט אים אָבער קנאַפּ אָן, וואָס אַזוינס עס דאַרף געשאַפן ווערן אויסער זיינע ראָמען און וואָס די גאַנצע ליטעראַטור דאַרף האָבן, בכדי צו לעבן נאַטירלעך. נישטאָ קיין אַלגעמיינע ווערטן אונטער אַלעמענס אחריות, וואָס זאָלן מיט זיך פאָרשטעלן דאָס כלל־געוויסן.

עס איז אַפילו נישט געשאַפן געוואָרן דאָס עלעמענטאַרסטע פאַר אַ ליטעראַטור — בפרט פאַר אַזעלכער, וואָס גייט איבער צו אַ לגמרי־איבער־געאַנדערשטן דור. עטלעכעביישפּילן: אַ גרויסער טייל פון דער ייִדישער לי־טעראַטור קען שוין היינט נישט פאַרשטאַנען ווערן פונעם נייעם דור — אַפילו ווען ער זאָל יאָ קענען דאָס לשון און האָבן חשק דערצו — אָן אַ גע־נויעם פירוש. אירע מאָטיוון, ובפרט די ספּעציפישע אַטמאָספערע וואָס ווערט געשילדערט, זענען שוין כמעט ווי אומפאַרשטענדלעך דעם יונגן ייִד. ער מוז דערצו האָבן אָביעקטיווע טייטש־ווערק, וואָס זאָלן אים אַריינפירן אין אירע לאַבירינטן. אָבער אַזוינס איז נישט געשאַפן געוואָרן, ווייל עס האָט געפעלט די כלל־אחריות. נאָך עפּעס: אַפילו ווען אונדזער ליטעראַטור זאָל יאָ פאַרשטאַנען ווערן אַזויווי זי איז — קענען נישט אַלע ייִדישע ביכער טתם־געלייענט ווערן. בשעתם זענען זיי געשריבן געוואָרן אונטער אַ באַזונ־דערן קאַמפּס־שטערן. ווען די ייִדישע ליטעראַטור האָט געבליט, איז געווען אַ צייט פון אַלערליי רייסערייען און נישט ווייניק בעלעטריסטישע שילדע־רונגען האָבן זיך געשטעלט אונטער אַ באַשטימטער פאָן. במילא פעלן אויך נישט קיין איבערטרייבונגען און קאַריקאַטורן וועגן פאַרשידענע טיילן אי־נעם ייִדנטום.

טייל היפּער־קריטישע שילדערונגען האָבן אַפילו געהאַט אַ גערעכטע טענדענץ: אויסצובעסערן אַלערליי פעלערן דורכן ווייזן דאָס קרומע אונטער אַ פאַרגרעסער־גלאָז. ביים האָבן די גאַנצעווירקלעכקייט פאַר די אויגן, איז מעגלעך געווען אַדורכצופירן די קאָנפראָנטאַציע און במילא וויסן דעם חילוק צווישן דעם נייטיקן צייט־מאָטיוו און די אויספירן.

אָבער ביים היינטיקן טאָג מוז דער ייִנגער ייִד זוכן ביי דער עלטערער ליטעראַטור אַ טרייען שפּיגל פון זיין עבר. דאָס ייִדישע בוך איז פאַר אים, קודם־כל אַ מיטל פון דערנענטערן זיך צום אייגענעם פאָלק: אַ קמיע, וואָס זאָל אים אָפּהאַלטן פון דער פאַסיווער און אויטאָמאַטישער אַסימילאַציע. אָבער די גאַנצע ליטעראַטור אויף ייִדיש קען אַזאַ נאַציאָנאַלע שליחות נישט אַדורכפירן. אַדרבא: גאָר אַ סך ביכער קענען דעם ייִנג־שפּירעוו־דיקן ייִד מער אָפּשטויסן איידער צוציִען. עד־היום ווערן נאָך פּראָדוצירט אַ היפּשע צאָל ווערק — מיט אַ קוק אויפן אַלט־פאַרשניטענעם לעבנס־שטייגער — וואָס זייער טעמאַטיק איז שוידערלעך צעקרומט, אויב נישט לגמרי פאַר־ווערן. ביים לייענען זיי מוז זיך נישט איין ייִנגער ייִד, וואָס וויל דאָרט שעפּן מער ייִדיש וויסן וועגן זיך אַליין, פרעגן בתמימות: איז דאָס געווען דער סימן מובהק פון היסטאָרישער ייִדישקייט? אויב יאָ, איז נישטאָ פאַרוואָס זיך מקריב צו זיין.

איך בין באין־אופן נישט גורס קיין ספּעציעלע שמינקע אויפן פּנים פון ייִדיש־געשיכטלעכע קאַפּיטלען — לויטן מוסטער פון די טענדענציעזע אוהבֿי־ישׂראל — אַפילו ווען דאָס זאָל העלפן דער ייִדישער יוגנט „שטאָלץ זיין מיט זייער פאָלק". פאַרפאַלן, מיר מוזן נעמען דעם ייִדישן עבֿר אַזוי ווי ער איז. עס קען אויך קיין רייד נישט זיין וועגן אַ בלינדער און אומבאַרעכנטער צענזור איבער ייִדישער ליטעראַטור און אַרויסוואַרפן אַלצדינג, וואָס קען ווירקן נעגאַטיוו. דאָס וואָלט געמוזט פירן צו אַן אָרגיע פון ווייסע פלעקן. ביסלעכווייז וואָלטן מיר נישט בעסער געווען ווי אַנדערע קולטור־וואַנדאַלן אין פאַרשידענע דיקטאַטורן. עס איז אָבער יאָ נייטיק אַ פאַראַנטוואָרטלעכע *אויפקלערונג* איבער די געשילדערטע עפּאָכעס; אַ באַווייזן *וואָס* עס איז יאָ ריכטיק געשילדערט און וואָס עס איז איבערגעטריבן. אויך די איבערטרייבונג מוז דערקלערט ווערן אין ליכט פון דער באַשטימטער תקופֿה־שטימונג, בכדי לכל־הפּחות די ערלעכע שרייבער זאָלן דערביי נישט אַרויסקומען ווי באַוווסטזיניקע ליגנער און פעלשער. עס מוז בכן אַוועקגעשטעלט ווערן אַ גרענעץ צווישן דער ליטעראַרישער פיקציע און דער נאַציאָנאַל־ייִדישער מסקנה, וואָס מען קען פון איר יאָ אָדער נישט אַרויסציִען.

אַזעלכע *פּאָלע*אָריענטאַציע־ווערק, וואָס זאָלן מסביר זיין און תּוכיק אַריינפירן אינעם צופעליק־אָנגעהויפטן ביכער־שטויס, זענען נאָך ביי אונדז נישט געשאַפן געוואָרן. דערפאַר אָבער אַגיטירט מען ווייטער, לויט רוטינע פראַזן, לטובֿת דער *גאַנצער* ליטעראַטור — הגם נישט איינמאָל נעמט די יוגנט (ווי עס איז געווען דער פאַל אויך אין מדינת־ישׂראל) און לערנט דערפון פונקט דאָס *פאַרקערטע*, וואָס מיר ווילן. צופעליק האָט פלוני אָדער אלמוני אַריינבאַקומען אַ בוך אין דער האַנט, לויט וועלכן ס'זעט אויס, אַז דאָס ייִדנטום אין מזרח־אייראָפּע איז געווען דעגענערירט, האָט געשמוגלט, פראָסטיטויִרט די טעכטער — און וואָס נישט? איז שוין דער נמאסער איינדרוק פאַרבליבן.

בדרך־כּלל איז די ייִדישע ליטעראַטור רייך אין *ביכער*, אָבער אָרעם אין אַן אייניהייטלעכן קולטור־פּלאַן; אָן אַ טיפערער שייכות צווישן איין ווערק און דעם צווייטן. דער געוויינטלעכער לייענער קען נישט אויסגעפינען אירע אידייִיש־מאָראַלישע בינדונגס־גלידער; זעט נישט פאַר זיך דאָס אחריותדיקע ווערק, וואָס זאָל אים אָריענטירן: וואָס איז עיקר און וואָס טפֿל, וואָס איז גרויס און וואָס קליין, וואָס אמת און וואָס שקר. נאָך דער שפע ספּאָנטאַנעם מאַלענט, וואָס האָט אַרויסגעשפּאַרט פון דער ייִדישער ליטעראַטור, האָבן מיר פאַר זיך אַ מוראדיקן יריד; אַ קאַקאָפאָניע פון קולות איבער אַ ים פון שורות. מען זעט פאַר זיך אַ מאַסע מחברים אָן איין סכום־הכּולל. נישטיקע זאַכן קע־

נען אויסגעשריגן ווערן ווי גענייאַלע דערגרייכונגען און גרויסע ביכער זאָלן אַפילו נישט באַמערקט ווערן. בקיצור: עס אַרבעטן באַזונדערע שרייפּעלעך, אָן איין צענטראַל האַרץ. די יידישע ליטעראַטור לעבט נאָר — אויף וויפל כּל־וכּל יחידים זענען נאָך אינטערעסירט אין זייער ליטעראַריש לעבן. עס איז נאָך אַלץ פאַראַן לעבעדיקע אינערציע פאַר מיינס, אָבער עס איז שוין כמעט גאָרנישטאָ פאַר אונדזערס: נישטאָ קיין אמתע ליטעראַטור־געשיכטע; קיין אָביעקטיוו־אַרומנעמענדיקע שטודיע פון דער חורבן־ליטעראַטור; קיין פול־יידישע ענציקלאָפּעדיע, אָדער לעקסיקאָן; קיין פּשוטער ווערטערבוך און האַנטבוך פאַר דער צאָל ספּעציפיש־יידישע באַגריפן; קיין ווערק, וואָס זאָל אונדז ווייזן וויסנשאַפטלעך־אַנאַליטיש דעם אָפּגעלאָפענעם וועג פון עטלעכע ליטעראַרישע דורות; קיין ספר, וואָס זאָל לכל־הפּחות סומירן אַלע אידייען און ווערטן וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט יאָ באַוויזן אָנצוזאַמלען; גישטאָ, שוין לאַנג, קיין אָרט פאַר איבערזעצונגען בכדי צו האָבן דעם מינדסטן קאָנטאַקט מיט אַנדערע ליטעראַטורן — אַפילו נישט מיט דער העברעיִשער; נישטאָ אַפילו די זאָרג, אַז דער לייענער (פון בלויז יידיש) זאָל דורך איר קענען אויסברייטערן זיינע וויסנס־האָריזאָנטן אַפילו אויפן יידישן שטח... בקיצור: די יידישע ליטעראַטור האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי עטלעכע געציילטע טענער און במילא האָט זיך איר פּעריפעריע באַגרענעצט צום שמאָלסטן קרייז. טאָ וויאַזוי קען זי בלייבן וועגווייזעריש פאַר אונדזער איבערגאַנגס־דור?

ז. איבערגעריסענער קאָנטאַקט.

אין דער באַנייטער מדינת־ישראל האָט אויך העברעיִש אויסצושטיין אַ שאַרפע קאָנקורענץ מצד דער פרעמד־שפּראַכיקער קולטור. אָבער דאָרטן דאָמינירט פאָרט דאָס העברעיִשע לשון, נישט בלויז צוליב די אָפיציעל־מלוכהשע קאַנאַלן. די העברעיִשע ליטעראַטור, אַפילו דורך איבערזעצונגען פון שבעים לשונות, נעמט ביסלעכווייז אַרום אַלץ מער און מער רעאַלע לעבנס־צווייגן. זי דרינגט אַריין פּאָעטיש און בעלעטריסטיש אין אַלע ווינקעלעך פונעם היינט. ווען עס קומט צו פאָרשונג און עסייִסטיק — בפרט ביים אַרויסברענגען דעם יידישן געדאַנקען־גאַנג פון אַלע צייטן — שפּרייזט דאָס העברעיִשע וואָרט מיט ריזיקע שריט פאָרויס. דערביי קען דער העברעיִשער שרייבער אויך זיכער זיין, אַז די העלדן וועלן אים צושטעלן נאַטירלעכע שפּראַך פאַר דער געשילדערטער סביבה. די ליטעראַטור ווערט במילא אַלץ מער און מער פאַרקנופּט מיטן לעבן.

אָבער די ייִדישע ליטעראַטור האָט שוין כמעט ווי פאַרלוירן אַזעלכע נאַטירלעכע מעגלעכקייטן. זי האָט זיך אויפגעהערט ראַנגלען, אַרויסגעלאָזט די צייט פון די הענט און זיך פאַרפאַנצערט אין אַ פּאָעזיע, וואָס קען גיכער אָפּערירן מיט בלויז האַרץ און איבער־צייטלעכער עמאָציע. ווען עס קומט צו איר פּראָזע, האָט זי זיך ביסלעכווייז צוריקגעצויגן צו אַ צאָל „זיכערע" טעמעס, פאַר וועלכע אַלע כלים שטייען שוין גרייט מקדמונים — בעיקר די שטעטל־שטייגערישע און היסטאָרישע ראָמאַנען. דאָס לעבן פון היינטיק־ייִדישע ישובים ווערט כמעט אויסגעמיטן, אָדער פיקסירט אין רעפּאָרטאַזשן און צוריקבליקן. דעם ייִד פון אַמעריקע הייסט מען „דערמאָנען" זיך זיין היימישן אַמאָל. דערפאַר אָבער זענען פאַראַן נישט־ווייניק ישובים מיט גרעסערע צאָלן ייִדן, וועלכע זענען נאָך קינסטלעריש כמעט ווי נישטאָ אין דער ליטעראַטור.

דאָס איז נישט צופעליק: אַן אמתן קינסטלער אויף ייִדיש איז שוין גאָר שווער צו אָפּערירן מיט זיין היינטיקן העלדס נאַטירלעך לשון, אַפילו ווען יענער געהערט נאָך צום ייִדיש־רעדנדיקן דור. דער שרייבער, וואָס וויל אים אָוועקשטעלן אויף היינטיקן באָדן, פילט זיך ווי אויף אַ גליטש. אַפילו די ייִדיש־רעדנדיקע מאַסע פון די נייע לענדער פאַרצערט בלויז די אַלטע לשון־אָנזאַמלונגען, אָבער שאַפט ווייניק נייע — בכדי מיט לעבעדיקער קראַפט אויסצודריקן דאָס טיפּישע פון דער פרישער היים. דער לעבעדיק־ייִדישער טיפּ, ווען די ליטעראַטור ק ע ן נעמען אויף דער פען, איז טיילמאָל בלויז פאַרבליבן מיט עטלעכע הונדערט באַזע־ווערטער אין מויל. דער שרייבער מוז אים אָפּטמאָל קינסטלעך אָנהענגען ז יי נ ע שפּראַך־אוצרות, הגם דער פּראָטאָטיפּ נוצט זיי שוין נישט מער. אויב עס זענען נאָך אַלץ פאַראַן לשון־באַנייער אין דער ייִדישער ליטעראַטור, בלייבן זייערע חידושים אין די אייגענע פיר ווענט. דער ייִדישלעכער עולם וועט זיי שוין מער נישט אַריבערטראָגן פון דער ליטעראַטור אין לעבן אַריין. די ייִדיש־שולן וועלן שוין אַוודאי זיי נישט אַריינלייגן אין מויל פון די קינדער, ווייל ביי יענע וועלן אַפילו די עלעמענטאַרסטע ווערטער בלייבן פרעמדלעך. וואָס שייך דעם עלטערן דור, האָט ער קוים כוח צום „אַלטן" לשון און פאַרגעסט דערביי נישט־ווייניק ווערטער אויפן וועג. לייגט זיך אים נישט אויף דער צונג יעדער נייער פלאַטער, וואָס דער אָדער יענער יחיד באַשאַפט כסדר מיט איינזאַמער עקשנות. דערפאַר מוזן דווקא די מאָדערנסטע שאַפונגען בלייבן אָפּגעריסן פון דער מחנה.

היות ווי דער דאָזיקער פּראָצעס דויערט שוין אַ פערטל יאָרהונדערט — און אפשר מער — מ ו ז דער שרייבער „פאַרגעסן" אינעם לעבעדיקן ייִד, וואָס דאַרף זיין וואָרט־שאַץ פאַרדייען. נאָך מער: אויב ער וויל האָבן אַ נאַטירלעכן, נישט־צוגעטראַכטן, קלימאַט אין זיין ווערק — מוז ער זיך קינסט־

לעריש אַנלעגען אין אַ דור, וואָס קען כאַטש אַרויסרופן די אילוזיע פון נאַ־טירלעכקייט. דערפאַר פאַרקירעוועט ער זיך כסדר צו דער אַלטער היים, צום עלטערן עמיגראַנטן־דור — אָדער גאָר צו יענע פּאַרצייטנס, ווו אַלע חנען פון יידיש קלעפּן נאָרמאַל צו דער טעמע. דאָס מיינט במילא, אַז די יידישע ליטעראַטור מוז זיך פילן שפּעריש־גוט מיט זקנה און גיין אַזיווי אויף שטאָלצן, ביים שילדערן דעם יינגן דור.

אָבער אויך יענע דינע שיכט, וואָס דערקענט נאָך זיך און די אייגענע היים אין דער ליטעראַטור, האָט אַדורכגעמאַכט אַ געוויסע מעטאַמאָרפאָזע. ווייפל מען זאָל זיך נישט וועלן קריגן מיט דער ליטעראַטור פון די השכלה־צייטן, מוז מען צוגעבן: זי איז דירעקט אַרויסגעוואַקסן פונעם פאָלקס האַרץ און מויל. אירע טענדענצן האָבן געפּאַסט פאַר זייער צייט און אויך די שריי־בער האָבן געוווסט וואָס זיי ווילן. זיי זענען בפירוש אויסן געווען צו ווערן עפּעס מער ווי בלויזע הענט פון דער שרייב־און־מויל־מלאכה, אַפילו ווען זי זאָל זיין פערפעקט. פאַקטיש האָבן זיי געוואָלט איבערנעמען דעם צויבער און השפּעה פונעם אַלטן ספר. פאַר זיך גופא האָבן זיי אויסגעקליבן די בכבודיקע שליחות פון פאָלקס־לערער.

היינט מעג אונדז אויסזען נאַיוו יענער חשק צו פירן „רביישן" שטייגער — אַ מין בייט פאַר דער אָפּגעשוואַכטער רעליגיעזיטעט ביים עולם וואָס האָט זיך סובלימירט אין פאַרליבטן דרך־ארץ צום שרייבער־רבין. מיר קענען היינט שמייכלען ביים הערן, וויאַזוי מען האָט אַמאָל געטאַנצט אַרום פּרצן אָדער מענדעלען; געזונגען אַרום זיי „אונדזער רביניו", אָדער גאָר אויסגע־שפּאַנט די פערד און אַליין געשלעפּט די קאַרעטע — מיט בולטער אימיטאַ־ציע פון חסידישע „הייף". אָבער אויך ד אָ ס האָט אָנגעזאָגט טראַנספאָרמאַ־ציון שטייגער, וואָס האָט טראַציק און פאַרבענקט זיך געקייטלט אינעם אַלטן. אין די טיפענישן ביי יענע המונים האָט געגורטעוועט אַ התפּעלות, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיטן רעליגיעז־עקסטאַזישן „אַרויס פון די כלים". נאָכן גאַנצן חשק צו האָבן אייגענע „גאַגאָלס" און „טאָלסטאָיס" — האָט מען אָבער פאַרט געהאָפט צו באַקומען אַן אייגן־יידישן נוסח מיט דער הילף פון די נייע וואָרט־גיבורים.

יעדעס נייע ליד, דערציילונג אָדער עסיי האָט אַזיווי געלייגט נאָך אַ שטיין צום אייגענעם בנין. די מחברים — אָדער אַזוי האָבן לכל־הפּחות גע־מיינט זייערע חסידים־לייענער — האָבן דערמיט געוואָלט אַריינשמוגלען אין די מוחות אַ פרישן געדאַנק, אַ נייעם מאי קא משמע לן פון אידיי און אויפקלע־רונג. דער מאַסן־לייענער האָט טאַקע לכאורה נאָר געוואָלט שטילן זיין הונ־גער צו אייגענע קינסטלער ככל הגויים — אָבער טיף אין האַרץ האָט ער זיין

ליטעראַטור נישט בלויז אויפגענומען ווי אַן עסטעטיש־פּראָווייַלערישע דער־שיינונג. ער האָט פון איר אויך אַרויסגעהערט אַן אַ שיעור בשורות־טובות, וואָס זענען נוגע אים פּערזענלעך. בכוונה אָדער נישט — איז אָבער אַ פאַקט: אויף יענער ליטעראַטור האָבן זיך בעיקר דערצויגן אידעאָלאָגישע זרות. אירע געניסער האָבן זיך על־פּי־רוב רעגימענטירט פון אַלערליי באַ־וועגונגען מיט הויכע צילן: בונדיסטן, ציוניסטן, אַנאַרכיסטן, טעריטאָריאַ־ליסטן — ביז צו די ערשטע שוואַלבן פונעם ייִנגן און נאָכנישט־בלוטיק־דע־גענערירטן קאָמוניזם. דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז די ייִדישע ליטעראַטור האָט אַפּעלירט צו דער אידייִשער זייט פון ייִנגן ייִד. דאָס מיינט, אַז זי האָט ערגעצוו געפּירט — אויף אַן אָפענעם וועג, אָדער דורך דעם וואָס מען האָט פון איר אַרויסגעדרונגען.

דאָס איז אָבער נאָר גילטיק געווען בעת דער ייִדישער שרייבער האָט געקענט אַנהאַלטן זיין פולע חשיבות. וואָס שייך „קענען די וועלט" — איז ער געשטאַנען משכמו ומעלה איבער זיין דורכשניטלעכן לייענער. אויך מיט זיין ייִדיש וויסן האָט ער זיך פאַר קיינעם נישט געדאַרפט פאַרשעמען. דערצו נאָך האָט דער רוב פון דער ייִדישער מאַסע בלויז ביי אים גע־קענט טועם זיין דעם טעם פון ריינער ליטעראַטור. אין אונדזער דור האָט זיך אָבער דאָס בילד שטאַרק געענדערט: פאַרן רוב מנין־ובנין איז שוין די ייִדישע ליטעראַטור נישט דאָס איינציקע פענצטערל צו דער וועלט און איר שרייב־קונסט. דער מאָדערנער ייִד — ובפרט דער ייִנגער און געבוירע־נער אינעם לאַנד פּלוני אָדער אלמוני — קען שוין געניסן סתם־ליטעראַטור אין אַ צאָל אַנדערע לשונות. דער נייער דור האָט שוין בדרך־כלל גענוג פאַר־מעלע בילדונג — און נישט די ייִדישע ליטעראַטור וועט פאַר אים אַנטפּלעקן „די וועלט". ער האָט נאָר דאַרט וואָס צו שעפּן אויפן שטח פון אַנטפּלעקערי־שער ייִדישקייט, וואָס איז פאַר אים דאָס מיסטיש־פאַרזיגלטע און רייצנדיק־פאַרהוילענע בוך. וויבאַלד אָבער ער זאָל אין דער ייִדישער ליטעראַטור נישט אַנטרעפן דאָס ספּעציפיש־נאַציאָנאַלע און אייגנאַרטיק־דערהויבענע — אויף וואָס דאַרף ער זי בכלל?

אין בעסטן פאַל, וועט דאָס לייענען ייִדיש אַנקומען שווער דעם ייִנגערן דור — אַפילו ווען ער האָט זיך גוט באַקענט מיט די אותיות־מרובעות. בכל אופן — אַ סך שווערער ווי די לאַנד־שפּראַך. אָבער וויבאַלד ער זאָל, נאָך אַלע אָנשטרענגונגען, נישט אַנטרעפן אין דער ייִדישער ליטעראַטור מער ווי אַ גוט־געבויט ליד, אָדער אַ מיט טאַלענט־געשריבענע דערציילונג — וואָס טויג אים די מאַטערניש? די דאָזיקע קונסט באַקומט ער — אין אַ גרעסערער שפּע — אין זיין היימישער ליטעראַטור. דערביי וויל אויך דער עלטערער

דור נישט לעבן אין קיין חלל. ער וויל אימפּאָנירן דאָס אייגענע קינד. דערפאַר וועט ער מיטהאַלטן שריט און באַקענען זיך מיט ד ע ר ליטעראַטור, וואָס איז אויסגערימט ביי אַ ל ע. די אַלגעמיינע פּאָפּוליראַטעט שטעקטאָן — און במילא בלייבט ווייניק צייט פאַר דער ייִדיש־קינסטלערישער ליטעראַטור. זי דערגייט דאָך אַפילו נישט צום אייגענעם זון אָדער טאָכטער!

אונדזערע שרייבער האָבן פאַרגעסן אין נאָך אַ פונקט: דער ייִדישער ליטעראַטור־חסיד איז צו־האַסטיק אַריבערגעשפּרונגען דעם פלויט פונעם עטלעכע־טויזנט־יעריקן בית־המדרש. דאָס איז נישט דווקא געזאָגט געוואָרן וועגן דעם „קאַליע־געוואָרענעם" ישיבה־בחור, נאָר אויך וועגן פאָלקסטימלעכן אַרבעטער־עלעמענט. דער ייִדישער לייענער האָט נישט געוואָלט סתם אַנטלויפן פונעם לערנערס וועלט (אַפילו ווען ער האָט געחוזקט פונעם באַנק־קוועטשער!), נאָר זיך א ו י ס ג ל ײ כ ן מיט איר דורך אַן אַנדער שטח פון וויסן. ד אָ ס האָט ער בעיקר געזוכט, ביים אַריבערוואַרפן זיך מיט אַזאַ אייפער צו דער ייִדישער ליטעראַטור. ער אַליין האָט טאַקע מער נישט געהאַט קיין אינטערעס פאַר דער ת ו ר ה , אַפילו אָפּגעלאַכט פון איר — אָבער דער לערן־חשק איז אים געבליבן בירושה. וויפל מען האָט מיט אים נישט געקנעלט, אַז ליטעראַטור איז אַ זאַך „פאַר זיך אַליין", האָט ער עס בלויז אויסגעהערט מיט לאָגישער הסכּמה. דער טיפערער אַטאַוויזם האָט אָבער ווייטער געוואָלט זען אינעם בוך דעם יורש פון ספר, אָדער זיין פאַראַלעלן „קאָנקורענט". די דאָזיקע באַציִונג האָט זיך נישט אַזוי לייכט (און נישט אַזוי שנעל) געלאָזט אויסוואָרצלען. בכדי צו ווערן אַ בלויזער „ליטעראַטוריסט" האָט מען געמוזט אַנטלויפן פון אָן אַ שיעור הינטערקוליסן אין דער אייגענער נשמה. דאָס איז נאָר מעגלעך געווען פאַר געציילטע — על פּי רוב טאַקע שרייבער אַליין, רעצענזענטן, דעקלאַמאַטאָרן און קולטור־עסקנים — וואָס זיי גופא זענען אַ היפּש ביסל אַנגאַזשירט אין דער שרייב־מלאכה.

דער מאַסן־ייִד איז געבליבן ביי אַן אַנדער געפיל, ווייל ייִדן האָבן געהאַט אַנדערע דערפאַרונגען און אַנדערע טראַדיציעס ווי דער רוב פעלקער. דער געדאַנק פון „ליטעראַטור פאַר זיך אַליין" האָט ביי ייִדן נאָך געדאַרפט שוועבן לכל־הפּחות אַ גאַנצן יאָרהונדערט — ביז אויך ער זאָל ווערן פאָלקס־טראַדיציע. די ייִדישע ליטעראַטור וואָלט פריִער געמוזט אַדורכבויערן, אויף אַ געלאַסענעם אופן, דעם באַוווסטזיין פון עטלעכע דורות. אָבער היסטאָריש־גענומען האָט זי קיין צייט נישט געהאַט דערצו. דער איבערברוך איז געקומען אַ סך פריִער ווי אונדזערע שרייבער־ראשונים האָבן געקענט אויסרעכענען. במילא איז צווישן דער ליטעראַטור ל ש מ ה און איר דור אויסגעוואַקסן אַ פרעמדע וואַנט.

ח. אָן „תורה".

די עלטערע יידיש־ליטעראַטור, בעת איר האַסטיקן אויפבלי, האָט גע־אַטעמס מיט אַלטן ווײַן און יידישן דערפאַרונגס־ריח. אירע שעפער זענען קודם־כל געווען אַדורכגעוויקט מיטן יידיש וויסן און דעם קנייטש פון פאַרצייטנס. ערשט איבער דעם האָבן זיי אַרויפגעצויגן די מאָדערנע הילע. דאָס איז אויך געווען אינעם קלאַסישן ליטעראַטור־נוסח. מען קען זיך כמעט נישט פאַר־שטעלן קיין גרויסן שרייבער ביי די אומות־העולם, וואָס זאָל נישט האָבן קיין תוכיקע ידיעה אין זיין פאָלקס נאַציאָנאַלע אָנזאַמלונגען. אַ גרויס־ליטעראַ־רישע פיגור מוז וויסן, וועלכע גייסטיקע גורמים עס האָבן זיך אויסגעווירקט אין אייגענעם פאָלק במשך יאָרהונדערטער. זיכער זענען אויך געווען „נאַטיר־לעכע" פאָלקס־קינסטלער, וואָס זענען געקומען גלייך פון דער מאַסע צו דער ליטעראַטור — אָבער זיי זענען געווען אויסנאַמען און טאַקע איבעראַשט מיט זייער אויסטערלישקייט. אַזעלכע זענען טאַקע אויפגענומען געוואָרן וואָ־רעם, ווי אַ פיקאַנטער מיעוט — אָבער נאָכן איינגעגלידערט ווערן אין דער קולטור, האָבן זיי אַליין זיך באַמיט צו באַקענען וואָס מער פונעם אייגענעם פאָלקס־פאַרמעגן. אָן ד ע ם וואָלטן זיי נישט געקענט סימבאָליזירן די נאַ־ציאָנאַלע קולטור.

אויך אין די פיאָנערישע יאָרן פון דער יידישער ליטעראַטור האָט מען אויפגענומען מיט פאַראַד עטלעכע וויכטיקע שרייבער — הגם זיי האָבן שוין צ ו פ י ל און איבערגעטריבן דעמאָנסטרירט „עם־הארצות". אָבער דאָס איז גיכער געווען אַ שמחה מיטן אויסנאַם, איידער אַ פּראָגראַמאַטישע ליניע. עס האָט הנאה געטון ביים דערזען גרויסע כוחות אין די פאָלקס־טיפענישן. ס'איז אָבער באַין־אופן נישט געווען קיין הסכמה צום אַלגעמיינעם נ י ש ט־ק ע נ ע ן. קיינער האָט דערמיט נישט געוואָלט פּראָקלאַמירן דאָס יידישע אומוויסן ווי אַ הייליק־קינסטלערישע טוגנט. וו ע ר ־ נאָר עס האָט דאָס אָפן פאַרטיידיקט — איז פאַרבליבן אַ קוריאָז.

אָבער די נייערע יידיש־ליטעראַטור איז, אַזוויי נישט־בכיוון, אַוועק אויפן דאָזיקן וועג. זי האָט געפּאָדערט אַ צו־שנעלן רעוואָלט ביי אַזאַ אַלט פאָלק. זי האָט געוואָלט געבן בלויז א יי ן אַספּעקט — דעם ריין־געניסערישן. עס האָבן צו איר גענומען שטראָמען גאַנצע מחנות שרייבער, מיט אַ קנאַפּער אַנונג וואָס ס'האָט זיך באַמת אָפּגעשפּיגלט אין דער נאַציאָנאַלער נשמה במשך פון דורות. און דאָס נאָך־טראַגישערע: זיי האָבן אויך ל ה ב א נישט געוואָלט וויסן. אדרבא: ביי טייל איז געוואָרן אַ מין מאַניער, פון אַרויסשטעלן דאָס אומוויסן אינעם שרייבערישן שוי־פענצטער. מער ווי אַ ביסל עכאָס פון

„הדר" האָבן זײ נישט געדאַרפט. ייִדישקייט האָבן זײ אײַנגעזויגן דורכן אויג, דורך אַביסל זכרונות פֿונעם אַרום און דערפֿון געצויגן שטייגערישע חיונה. די ייִדיש־ליטעראַרישע וועלט האָט זײ אויפגענומען מיט באַרעכטיקטער שמחה, נישט געשטעלט זײ קיין גרויסע ת נ א י ם — האָבן אויך זײ אַליין בײַ זיך נישט געפֿאָדערט קיין אײַן שריט ווײַטער. אַ סך פֿון זײ האָבן געחוזקט פֿון אַלטער ייִדישקייט, נישט וויסנדיק אַפֿילו וואָס דאָרט שטעקט. אָבער דעם בלויז אינעם היסטאָריש־דערפֿאַרענעם האַרץ פֿון ייִדנטום האָט מען דערמיט נישט געקענט אויספֿולן. בכל־אופֿן: נישט אויף לאַנג.

זיכער האָבן דערין געהאַט אַ האַנט פֿאַרשטענדלעכע צײַט־סיבות; אַוודאי האָט זיך דאָ אויסגעווירקט אַ ייִנגער מרידה־ברען. ס׳איז געווען אַ צײַט פֿון רעוואָלוציע און מען האָט זיך פּשוט געגויטיקט אין פּעסטונגען, וועלכע מ׳זאָל קענען שטורעמען. אָבער דווקא דער נ צ ח ו ן פֿון אַזאַ אײַנשטעל האָט שפּעטער פֿאַרגרעסערט די טראַגעדיע: אויב מען קען זײַן אַ ייִדישער וואָרט־מייסטער און „גײַסטיקער אַריסטאָקראַט" אָ ן ייִדישן וויסן — און נאָר מיטן טעכנישן ריטם־מעסטער אין דער האַנט — וואָס־זשע טויגן די ייִדישע כלים בכלל? ווער עס קען נישט קיין אַנדער לשון — איז פֿאַרפֿאַלן. אָבער פֿאַרוואָס זאָלן זיך קלאַמערן אינעם ייִדיש־ווינקל די אַלע ייִנגעלייט, וועלכע קענען ברוך־השם אַרויס אין די ו ו י ט ע ר ע גאַסן?

האָט זיך אָנגעהויבן דרייען דאָס פֿאַרכישופֿטע ראָד: די ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס זענען אַמאָל נאָכגעלאָפֿן זייערע צעשויבערטע געטער, האָט דאָס לעבן גופֿא היפּש אויסגעניכטערט. האָבן זײ פֿאַרגעסן אין די מורדישע וואָרט־שפּילער, וואָס זענען סייווי נישט געבליבן בײַ זייערע ייִנג־צי׳ענדיקע טשופּרינעס. זײ האָבן חתונה געהאַט, געוואָרן באַלעבאַטיש, זיך געעפֿנט פֿאַבריקלעך און באַקומען אײַניקלעך. די אַמאָליקע צויבערן האָבן אויפֿגעהערט צו לאָקן און די אַטאַוויסטישע בענקשאַפֿט האָט באַקומען די אויבערהאַנט. אין שפּעט־רײַפֿע יאָרן קען מען נישט ווערן בגילופֿין פֿון בלויזע פֿערזן. דאָס האַרץ קען נאָר ווערן אויפֿגערודערט פֿון עפּעס שטאַרקס און טיפֿס — און וואָס קען נאָך זײַן טיפֿער ווי אַ ברונעם פֿון טויזנטער יאָרן? האָט זיך אַפֿילו דער מורדישער, אָבער פֿאַרעלטערטער, מייסטער געמוזט אומקערן צו די פּרציאַנישע, אָדער גאָר צייטלינישע, טענער — פֿון וועלכע מען איז אַמאָל אַנטלאָפֿן אין בהלה — אָבער שוין צו־שפּעט.

אין סך־הכל איז די ייִדישע ליטעראַטור „אָן טענדענצן" געבליבן בײַם אייגענעם דור, וואָס איז אָבער פֿאָרט נישט געבליבן דער זעלבער ווי אַמאָל. ער האָט טאַקע מיט כּל־זוכך יאָרן צוריק רעבעלירט — אָבער ביסלעכווײַז אַרײַנגעלעבט אין יענער קהלת־עלטער, וואָס ווערט פֿאַרצערט פֿונעם מידן

הבל־הבלים. צו אים קענען נאָר ליכטיקן יענע „ניגונים פון זיידן״ — ווייל אויך ע ר אַליין איז עס ברוך־השם געוואָרן. אמת: טייל פון זיי האַלטן זיך נאָך אַלץ ביים „קולטור־קלוב״ נוסח־אַמאָל; אָבער דאָס איז פון יענעם מין „געהערן״ ווי ביים פאָנען־טרעגער פון 1905. ער טראָגט נאָך אַלץ דאָס סאָציאַליסטישע קאַרטל מיט זיך, הגם ער אַליין האָט שוין אויפגעשטעלט אייגענע מסחר־אימפּעריעס...

אַוודאי זענען פאַראַן נאָך סיבות פאַרן געענדערטן מצב, וואָס אַ ל ע קענען שוין אייגנטלעך אויסנווייניק. עס איז אונדז שווער צו מעדיטירן וועגן דעם גורל פון דער ייִדישער ליטעראַטור — ווען דאָס מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדנטום ז אָ ל געווען לעבן־בלייבן און דאָס קאָמוניסטישע רוסלאַנד זאָל נ י ש ט געווען פאַראַטן. קען זיין, אַז דער איבערברוך וואָלט סייווי געווען געקומען — ווייל אַ סך סימנים האָבן אים אויך ד אָ ר ט פאָראויסגעזאָגט. אָבער מיר מוזן זיך האַלטן ביי די געשעענע פ אַ ק ט ן: נאָכן חורבן־אייראָפּע איז די אחריות פאַר דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור כמעט־לגמרי געפאַלן אויפן ייִדיש־רעדנדיקן אַמעריקע. די מזרח־אייראָפּעיִשע סעקציע איז אַרויסגעפאַלן, אי ווי אַ שעפערין און אין ווי אַן אָפּנעמערישער כוח. די ליטעראַרישע ווערסיע פונעם סאָוועטישן קאָסטן איז פאַרשטומט געוואָרן און אין גאַנץ מערב־אייראָפּע זענען מער ווי צעשלאָגענע רעשטלעך נישט געבליבן. נאָך אַזאַ בראָך מוז אַפילו דער וועלטלעכער ייִד האָבן צו וועמען אויפצוהייבן די אויגן. אָן אַ שיעור רעטענישן מוזן ביי אים האָבן זייער באַשייד. אָבער דער ייִדישער שרייבער איז גאָר־ווייניק געווען צוגעפּאַסט צו דער ראָל פון אַ פאָלקס־לערער. דווקא אין אַמעריקע האָט דאָס פּראָדוצירן ב ל ו י ז ־ ליטעראַטור זיך אָנגעהויבן אַ סך פריִער ווי אומעטום. ייִדישקייט ווי אַ צענטראַלער נערוו אינעם קינסטלערישן שאַפן האָט דאָ — ביז טיף אין די דרייסיקער יאָרן — ווייניק־וואָס דאָמינירט. אָבער דער לייענער האָט מער נישט געקענט מיטמאַכן אַזאַ וועג. ווי נאָר ער האָט זיך אַריבערגעטראָגן אַהער, איז ער טאַקע געוואָרן אַ סך פרייער ווי אין אייראָפּע. דערפאַר האָבן אַ סך פאָראויסגעזאָגט זיין שנעל פאַרשווונדן ווערן פונעם ייִדישן האָריזאָנט. אָבער אויך ער האָט אין זיך שטילערהייט געגנערט אַלערליי נאָסטאַלגיעס — לאַוו־דווקא צום נאַיִוון „שטעטעלע און געסעלע״ — נאָר צו אַביסל פאַרוואָרצלטן ייִדישקייטס־באַוווּסטזיין. עס זענען פאַרביי די צייטן, ווען עס האָט געהערט צום גוטן טאָן נאָכצולויפן אַלערליי „אינטערנאַציאָנאַלן״ — צוליב באַקאַנטע סיבות. דווקא דאָס נייע לעבן אין אַמעריקע בכלל האָט גאָר אַוועקגעשטעלט אַ פאָדערונג פון אייגענע פאַספּאָרטן און נאַציאָנאַלער אידענטיפיקאַציע. האָבן אַלע באַהאַלטענע לעכצן באַקומען זייער אָפענעם וועג צו דער ליכטיקער שיין.

דער ייִדישער ליטעראַט האָבן בכן ג ע מ ו ז ט אויפנעמען דאָס נייע — אָבער ביי וואָס אָנהייבן? ווי ווייט קען ער און מעג דערגיין? כמעט דער גאַנצער — און „פאַרשפּילטער" — דור האָט קיין סך ייִדישע מקורות נישט באַוויזן איינצוזאַפּן. האָט ער, בשעת נויט, זיך דערמאָנט אין זיין שרייבער: ע ר מוז אים העלפן אין זיינע גייסטיקע זוכענישן. דאָס איז אָפט געקומען צום אויסדרוקביים זוכן ל ע ק ט אָ ר ן מיט מער אייפער ווי גוטע שרייבער. די דאָזיקע נויט איז נאָך בולטער געוואָרן, בעת אַזויפיל פריִערדיקע „גע־טער" האָבן אַנטוישט: מ אָ ס ק וו ע איז געוואָרן אַ באַגריף, וואָס רופט אַרויס שוידער; די דייטשע קולטור און איר שווערע קינסטלערישקייט איז מגולגל געוואָרן אינעם היטלעריסטישן שגעון; דער חורבן האָט אַ סך ייִדן גע־מאַכט פאַר אבלים, וואָס ווילן לכל הפחות דורך א י ו ב באַנעמען דעם אומזיניקן זין פון וועלט־געשעענישן; דער אויסגעלאַכטער ציוניזם איז אַוועק אויף די ברייטסטע קאַמפּס־שליאַכן און דערמיט אויפגעלעבט דעם טיפערן אינטערעס פאַר געשיכטלעכע אַנאַלאָגיעס; דער אויפקום פון מדינת ישראל בכלל האָט באַוויזן, וויאַזוי אַלטע פּסוקים האָבן כוח אויפצולעבן...

בקיצור: אומצייליקע געשעענישן פון די לעצטע 25 יאָר האָבן געמוזט אויפרודערן דאָס ייִדישע האַרץ. אָבער די ייִדישע ליטעראַטור — ובפרט איר אַמעריקאַנישע ווערסיע — האָט זיך שוין געהאַט איינגעלעבט אינעם ראַפּי־נירטן זינגען דאָס „זאַרגלאָזע" ליד. די פּראַלעטאַריש־טענדענציעזע גראַם־פּלאַקאַטן וועגן „אַרבעטס־מאַן" (וואָס האָבן אַמאָל אָנגעריסן מחמת זייער ממשותדיקן קלאַנג) האָבן שוין געהערט צום ליטעראַרישן אַרכיוו. אין דער דריפּער ליטעראַטור זענען אַריין גאַנצע רייען בלויז מיטן שרייבערישן יאָך און אָן דעם צוגעווירצט־ייִדישן עול פון גורל. דער רוב ווערק, וואָס זיי האָבן שוין געהאַט אַריינגעטראָגן אין דער ייִדישער ביכער־שראַנק, האָט בעיקר אַרויס־געשטעלט די וויכטיקסטע דערגרייכונג: ענלעכקייט צו אַ שטיקל נישט־ייִדי־שער ליטעראַטור. אָבער ייִדן האָבן שוין געהאַט אַנדערע דאגות. די געשעע־נישן האָבן געיאָגט איינס דאָס ווייטע, געצוווּנגען צום פאַרטראַכטן זיך — בעת דער קינסטלער האָט מיט אַזעלכע ריזיקע שריט נישט געקענט נאָכלויפן. געבליבן זענען די פאַרטיקע בלעטער, וואָס האָבן נישט געקענט דערוואַרעמען די צייט. אויף אונדזער ליטעראַרישער גאַס האָבן זיך שוין אַרומגעדרייט מיטל־יעריקע „פּרינצן פון ליד" און „גרויסמייסטער פון דער נאָוועלע". די פריִער־דיקע שאַפּונגען האָבן שוין צוגענומען זייער הויפּט־כוח און צום נייעם האָבן זיי זיך אָפט נאָר געקענט צורירן מיט ציטערדיקע, נישט־זיכערע פינגער. נישט זעלטן האָט מען אין די דאָזיקע רייען געקענט אָנטרעפן מענטשן מיט גוטער פען־טעכניק און ליטעראַרישע שרייב־מאַניערן — אָבער אָרעם אין באַ־

נעם, טיילמאָל ממש־פּרימיטיוו וואָס שייך צייט־מחשבה בכלל; ובפרט אויפן יידישן טראַכט־שטח.

די יידישע גאַס — יענע, וואָס איז באמת אַדורכגענומען געוואָרן מיט דער צייט — האָט, אין שרעקלעכער איילעניש, זיך געגייטיקט אין גאָר אַ סך לערער, וועגווייזער. אָבער דער רוב שרייבער האָט דאָס נישט געקענט ווערן און במילא אזוי ווי צוגעדריקט געוואָרן צו דער שייד־וואַנט. די לעצטע צוויי צענדליק יאָר האָבן באַוויזן, אַז נישט די יידישע צייט און נישט דאָס יידישע געמיט קענען זיך קיומדיק אויסלעבן מיטן בלויזן פויגל־געזאַנג. די בעסטע לידער, אָדער ראָמאַנען, געשריבן מיט דריי צענדליק יאָר פריער, האָבן אָפּט געענומען קלינגען ווייט און אַרכאַיש. דערפאַר איז אַ היפּשער חלק פון אונדזער אָפּגעשפּאָרטער ליטעראַטור — אַפילו פון דער ריינסטער פּרובע — נאָר גע־בליבן ווי אַ מין קינוח־סעודה פאַר ווייניקע; ווי אַ לעפּעלע קאָמפּאָט און רע־ציטיר־מאַטעריאַל כטוב לב העם ביין. איז געקומען דערצו, אַז אַפילו ביי דעם רוב יידיש־נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס — הגם זיי לעבן פון יידישן סענטי־מענט — איז די יידישע ליטעראַטור כמעט ווי איבעריק געוואָרן. אמת: נישט ווייניק ווירקט זיך דערביי אויס דער ס נ אָ ב י ש ע ר עלעמענט — אָבער זי גופא צ ו י נ ג ט זיך אויף זיי נישט אַרויף ווי אַ נ אַ צ י אָ־נ אַ ל ע ג ע ו י ס נ ס ־ פּ ר אַ ג ע.

זיכער האָבן נישט ווייניק שרייבער דערזען די טראַגעדיע לאַוו־דווקא ווי אַן עוולה פונעם אַנדערן צד. זיי האָבן דערשפּירט, אַז דער מצב שטאַמט אויך פון ז יי ע ר ס אַן אָרגאַנישן פעלער. האָבן זיי אָנגעהויבן זינגען מיט אַ ניי קול, געוואָלט זיך איינבריקן אין דער יידישער צייט אַריין. אָבער נישט אַלעמאָל איז געגנוג דער בלויזער ווילן. אַ סך האָבן מער נישט געקענט מיט־זינגען מיט אַזויפיל פרישקייט און איבערצייגונג ווי אין די יוגנט־יאָרן. אַ קינסטלערישע נאָטע מוז פריער אויסגעוואַרעמט ווערן במשך פון לאַנגע צייטן. קען מען עס אָפּטמאָל נישט טון, דווקא ווייל די תקופה שטייט איבער דיר ווי מיט אַ בייטש און טרייבט: אייל דיך, מאַך עס שנעלער — איידער דו פאַר־שפּעטיקסט די לעצטע באַן...

יאָ, דער טרייער יידיש־לייענער — וואָס האָט נאָך אַלץ נישט אויפגע־געבן זיין „אַמאָל“ — קלאַמערט זיך די לעצטע 20 יאָר אין זיין לשון, ממש מיט אי־ראַציאָנעלער פרומקייט. דאָס איז געוואָרן ז יי ן אופן פון דער־נענטערן זיך צו די פאַרנאַכלעסיקטע קוואַלן. אָבער אָפּטמאָל קען ער ווייטער ווי צום לשון נישט דערגיין. אַפילו דער שרייבער מיט די אויפריכטיקסטע תשובה־געפילן איז דאָ טיילמאָל נישט ווינציקער הילפלאָז ווי זיין לייענערי־שער תלמיד. דערפאַר זענען מיר אויך דערגאַנגען צו איינעם פון די בי־טערסטע און רעאַלסטע פּאַראַדאָקסן:

דווקא אין די נאַציאָנאַל־אויפגעוואַכטע קרייזן, וואָס לעבן טאָג און נאַכט מיט דער פראַזע פון יידישן קיום, מוז יידיש פירן איר שווערסטן קאַמף פאַר אַ טראָפּן אָנערקענונג. קיינער האָט זיך נישט באַמיט אַרויסצוזוכן די נאַציאָנאַלע ווערטן, וואָס זענען בײַ איר פאַראַן — און במילא ווערן אַפילו היים־יידישע אָרגאַניזאַציעס אַדורכגענומען פונעם געפיל, אַז יידישע ליטעראַטור איז אַן איבעריקע זאַך. מיט ז יי ע ר טעטיקייט קער זי זיך ווייניק אָן. די פאַרבליבענע שרייבער זענען שוין לאַנג אַריבער אין ווילנלאָזער דעפּענ־סיווע — און דער ענערגישסטער שריט בײַ זיי צילט בלויז צו דערגרייכן אַ פּיצל דערלויבעניש פאַר אַ יידיש לידל אויף אַ גרויסער אימפּרעזע. אויך דאָס ווערט געבעטן מיטן הכנעהדיקן רחמים־טאָן. עס האָט זיך אָפּגעטון פון די מאָדערן־יידישע שרייבער די רעוואָלטירנדיקע ענערגיע, דער נאַטירלעכער שטאָלץ, די קראַפט פון ווערטפולקייט.

טייכמאַל ווערט מען ממש אויפגערודערט ביים דערזען, ווי אַזוי מען מאָנט פאַר דער וו ע ל ט ל ע כ ע ר ליטעראַטור אַביסל נדבההדיקע אָנער־קענונג — מיט אַ מין רעליגיעזער אינטערפּרעטאַציע; אַזוי ווי זי אַליין וואָלט שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אי־ראַציאָנאַלער ר ע ל י ק וו י ע, וואָס ס׳איז אַן עבירה פאַר גאָט זי צו פאַרשעמען. טייכמאַל דוכט זיך מיר, אַז אַט־באַלד וועלן אונדזערע „פריי־געזאָגענע״ קולטוריסטן נעמען וואָרענען מיט סמאָלעדיקן גיהנום און אשמדאיס שטראָף־הערנער פאַרן נישט־לייענען דאָס הייליקע בוך אויף יידיש. דאָס פּאַסט בפירוש נישט צום פּנים און כאַראַק־טער פון דער יידישער ליטעראַטור. די גאַנצע יידיש־פרומקייט פון אַזאַ שטייגער איז אַ פאַלשער — און במילא שווערער — יאָך. דערפאַר קומען אַרויס די מעשים אויף דעם שטח, וואָס ווערן שוין י אַ געטון, אַזוי נישט־אײַ־בערצייגנדיק.

אַלע פרוּוון, וואָס ווילן געבן דער יידישער ליטעראַטור דעם סטאַטוס פון אַ חזן און קברים־רייסער אויף יידישע טריבונעס; יעדער אַפּיל, וואָס וויל מאַכן פון יידיש אַ מין מאָדערנעם „אל מלא״ און וועקן אַביסל דרך־ארץ צו איר „אין נאָמען פון די פאַרשניטענע קדושים״ — פאַרפעלן דעם ציל. ז י איז נישט באַשאַפן געוואָרן, בכדי אויפצומאָנען פסיידאָ־רעליגיעזע יידיש־קייטס־חובות בײַ מענטשן — וואָס אָן דעם „מיסטישן״ חוב האָבן זיי נישט קיין אויער פאַר איר.

ט. אָן פּראָבלעמען בײַ אַ פּראָבלעמאַטיש פאָלק.

די יידישע ליטעראַטור, ווי יידיש בכלל, איז איצט אַוועקגעשטעלט גע־וואָרן פאַר אַ פּערמאַנענטן קאַמף קעגן בייזן אונטערגאַנג אָדער ליבלעכן אומ־

ברענג. אירע אָנהענגער מוזן זיך שלאָגן פאַר איר אין אַלערליי „דועלן" ווי פאַר אַ קולט — הגם זי האָט נאָך אַפילו די פולקייט פון אַ קולטור ג'ישט דערגרייכט. דערביי קען זי נישט לעבן כסדר, אַפילו ביי אירע אָנהענגער, פונעם בלויזן אויסגראָבן אין אירע קעלערן אַ צאָל חסידישע מאָטיוון, אָדער ענלעכע רעציטאַציע־מאַטעריאַלן.

ווי דער אָראַקל פון וועלטלעכקייט, האָט די יידישע ליטעראַטור, אין אירע בעסטע יאָרן, בעיקר אַדאַפּטירט וועלט־אידייען. אָבער זי האָט זי גיכער געקענט נאָכגיין איידער מיטשאַפן. אַ גרויסע צאָל פון אונדזערע ביכער האָבן אַקאָרדירט אַ זייטיקן שליאַך ביי דער גרויס־שטאָט פון יידישן גורל. עס איז געווען אַ שפּיל מיט ווערטער, בעת דאָס פאָלק האָט געדאַרפט האָבן אייגענע לוחות. גוטע און אַפילו אויסגעצייכנטע ליטעראַטור האָט נישט געקענט ווערן גרויס אינעם נאַציאָנאַלן מיין — אויב זי האָט נישט געקענט דינען וועגווייזעריש. טאַקע דאָ האָט זיך געעפנט נאָך אַ טירל צו אונדזער ליטעראַרישער טראַגעדיע.

נאָך אין מזרח־אייראָפּע האָבן מיר געהאַט שרייבער, וועלכע האָבן אין דער קונסט־פאָרם געזען דעם אלף און די תיו. אָבער דאָרט האָט זיך לכל־הפחות געקראַנצט אַ שטיק אמת לעבן אַרום די שורות — און נישט יעדער שרייבער האָט דערביי געמוזט זיין אַ כהן־גדול פון גייסט. דאָס יידישע לעבן האָט, טאַקע דורכן בלויזן לעבן, געלייזט אַ סך פּראָבלעמען און במילא אַזוי־באַפרייט די ליטעראַטור פון אַ סך אחריותן. זי האָט זיך זאָן אַפילו געקענט דערלויבן צו זיין די דעקאָראַציע צום לעבעדיקן אַרום. אדרבא: דווקא ווייל עס האָט זיך געמערקט אַזויפיל יאוש אין דער רעאַליטעט, האָט זי געקענט ווערן דאָס קינסטלערישע טעאַטער — וואָס רייסט אַרויס מיט געוואַלד פון דער בייזער ווירקלעכקייט. אויב איר ווילט, איז אויך דאָס אָפּנייגן פון דער טעגלעכער פּראָבלעמאַטישקייט געווען אַ שטיק מיסיע. דערצו איז דער אַבסטראַקטער ליטעראַט נישט געווען דער איינציקער. צוזאַמען מיט אים האָבן מיטגעשפּרייזט איבערן שרייב־וועג אַנדערע וואָרט־זאָגער, פון עטיש־פּאַרטיפּנדיקע קאַטעגאָריעס. האָט זיך במילא געקענט שאַפן אַ שטיק גלייכוואָג, אַ בילד פון אַלזייטיק־ליטעראַרישער דערגענצונג. אין די ראַמען פון דער ערב־חורבן־תקופה איז געווען מער אָרט פאַר אַלערליי ווי־זיעס — און וויבאַלד אויך יוגנט איז געווען דערביי, האָט יעדער ליטעראַרישע רעדאַקציע אויך געקענט אָנגיין פאַרן טעמפּל פון גרויסקייט.

אָבער נאָך איידער דער צענטער פון יידיש־ירושה האָט זיך אַריבערגעטראָגן קיין אַמעריקע האָט מען שוין געקענט פילן: הגם די יידישע ליטעראַטור האָט קיינעם נישט געוואָלט נאַרן בכיוון, האָט מען זיך אין איר פאַרט גענאַרט. לאָמיר בלויז דערמאָנען עטלעכע סיבות:

דער אויפקום פון היטלערן איז געקומען ווי אַ האַמער־קלאַפּ. אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן הונדערטער טענער שוין געהאַט אויסגעזונגען זייער שיר מזמור צום קולטורעלן „אייראָפּע״; די דייטשע ליטעראַטור איז פאַר איר געווען דער גרויסער מוסטער פון דער געגאַרט־ליטעראַרישער אייראָפּעישקייט — און דאָס האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויך צום יידיש־לייענער. גאַר אַ סך גרויסע קינסטלער, וואָס די יידישע יוגנט האָט באַטראַכט ווי איבער־מענטשן מיט אַ ליכט־אַרעאָל איבערן קאָפּ, האָבן זיך גאַר גענומען בוקן צום וואָטאַנישן אָפּגאָט. האָט דערנאָך גְעמוזט קומען די אויסניכטערונג.

דערפון האָט געמוזט אַרויסגעצויגן ווערן די מסקנה: ליטעראַטור קען (אינעם יידישן נוסח) זיין בלינד־נאַיוו און אַפילו (אין אייראָפּעישן נוסח) חניפהדיק־פחדנותדיק און בלוטדורשטיק. דאָס אָפּקראַצן דעם בראַנדז פון דער יידישער ליטעראַטורס אַלץ־וויסערישקייט איז געקומען צוליב נאָך אַ פאַקט: ביז צו היטלערס נצחון האָט אונדזער ליטעראַטור לגמרי נישט דערזען די סכנה; נישט פאַראויסגעזאָגט און נישט געוואָרנט פאַר דעם וואָס קען קומען. אמת: קיינער האָט נישט בדעה צו פאָדערן פון קונסט קיין נביאישע קוואַליפיקאַציעס — אָבער וויבאַלד אויך זִי איז שטיין געבליבן איבעראַשט, אַנטוישט און הילפלאָז, קען מען זי פאַר קיין קלוגער וועגווייזערין מער נישט באַטראַכטן. נישט ביי דער ליטעראַטור קען מען, בכן, זוכן טרייסט און אָריענטאַציע אויף להבא.

דער „דייטשער״ מאָטיוו איז נישט דער איינציקער. וויפל מען זאָל איצט נישט וועלן פאַרגעסן אַ שרעקלעך קאַפּיטל — טאָר עס אָבער נישט אַרויסגעלאָזט ווערן: די סאָוועטישע אַנטוישונג. עס כאַפּט היינט אָן אַ פחד ביים דערמאָנען זיך, וויפל פון אונדזערע ליטעראַטור־מייסטער עס זענען בלינד — אָדער מיט אַלערליי חשבונות — נאָכגעלאָפן דעם סטאַליניסטישן וואָגן. ווער נאָך, אַזוי ווי דער יידישער געפילס־שרייבער, האָט געדאַרפט אויפגעטרייסלט ווערן שוין פונעם ערשטן בלוט־טייך, וואָס איז אין קאָמוניסטישן רוסלאַנד פאַרגאָסן געוואָרן? ס'איז אָבער געשען אַנדערש. דער ציוניסטישער דור פון יענער צייט האָט ממש נישט געקענט באַגרייפן דאָס קאַלט־אכזריותדיקע שווייגן מצד הונדערטער יידישע שרייבער — בעת אַ גאַנצער דור פון העברעישע שעפער איז גרויזאַם פאַרפייניקט געוואָרן; דער רעליגיעזער דור האָט נישט געקענט באַנעמען, ווי אַזוי זיי האָבן געקענט לויבן און דינען אַ מאַכט, וואָס באַגייט כלפּי דעם אמונה־לעבן די שפּאַנישע אינקוויזיציע; דער פּשוט־געווויסנהאַפטיקער ייד קען נאָך עד־היום נישט אַרויסוואַרפן פון זכרון דאָס בילד, ווי אַזוי אַזאַ מחנה יידיש־שרייבער מיט פאַטישן געפיל האָבן געקענט

נאַנצן אויף קאָמוניסטישע חתונות — שוין נאָך אַלע „פּראָצעסן“, פון וועלכע עס האָט זיך געטראָגן ווי־ווייט דער ריח פון צאַפּלדיק בלוט, צעפוילטער דעגענעראַציע און אַנטיסעמיטיזם.

פון אַ ליטעראַטור וואָס מען פאַרהערלעכט, האָט מען געמעגט דערוואַרטן מער מאָראַלישע וויזיע, מער מוטיקע וואָרנונגס־סיגנאַלן און מער געוויסן ווי אונדזערע יידישע ליטעראַטור האָט אַרויסגעוויזן בעת די היסטאָרישע שוידער־עטאַפּן. צוליב רוטין רופן מיר נאָך אַלץ צו האָבן דרך־ארץ פאַר דער גאַנצער ליטעראַטור אויף יידיש — אָבער ביים מישן אירע עלטערע בלעטער קען מען זען וויפל קניערישקייט פאַר רוצחים און תלינים דאָרט האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאַקעגן איז כמעט נישט אָנצוטרעפן קיין אָנגעזען ווערק, וואָס האָט געוואָרנט קינסטלעריש פאַר דער דייטשער בעסטיע איידער אַלע האָבן שוין במילא געשפּירט אירע נעגל; עס איז אויך כמעט נישט מעגלעך אָנצוטרעפן קיין גרויס ווערק, וואָס זאָל האָבן ממש באַצייטנס געוואָרנט פאַרן גרויסן מאָנסטער אין רעוואָלוציאָנערן געשטאַלט — איידער אַפילו „אַ דינסט אויפן ים“ האָט אים סייווי דערזען. אין דען אַ וווּנדער, וואָס אונדזער דור — דער געניוער עדות פון ביידע דעגענעראַציעס — קען ביי דער יידישער ליטעראַטור נישט זוכן די גרויס־מאָראַלישע אינטויציע? די גאַנצע ליטעראַטור טאָר גאָר דורך אונדזער יוגנט נישט פאַרהערלעכט ווערן — ווייל דאַן וואָלט מען זי דאָך באַקענט פון דער זייט און געזען, וויפל יידישער קטורת עס איז געדעמפּט געוואָרן צום מאָדערנעם מולך.

זיכער זענען אַ סך שרייבער שפּעטער אַוועק פון יענער מחנה און גענומען זינגען פאַרקערטע קלאָג־לידער. דאָס איז אָבער שוין געשען נאָך אַלעם, ווען פייגל פון אַלע דעכער האָבן שוין אָנגעזאָגט די גרויסע בראָך. דאַן — פּונקט ווי ביים היטלער־אויסברוך — האָט די יידישע מאַכע שוין מער נישט געדאַרפט די עצה פון איר ליטעראַרישן אורים־ותומים. פאַרקערט גאָר: דער שרייבער האָט זיך שוין דאַן אייגגעהערט אינעם קול פון פּשוטן פאָלק און ער האָט פון דאָרט געשעפּט דאָס ביסל מוט איבערצורייסן — הגם טיילמאָל האָט זיך נאָך אַלץ נישט געוואָלט מוותר זיין אויפן ביסל כיבוד, וואָס מ׳האָט ווייטער געטיילט אין יענער מחנה. אַוודאי נעמען מיר אָן דעם וויכטיקסטן תירוץ: אויך דאָ איז די יידישע ליטעראַטור געפאַלן אַ קרבן פון אַ מוראדיקער פאַרפירעניש. עס איז גוט צו זיין אַ חכם נאָך אַלעמען. אָבער אין געשיכטלעכן צוריקבליק ענדערט עס ווייניק. מיט אַזעלכע תירוצים קען זי גאָר אַרויסרופן צו זיך יענעם מיטגעפיל, וואָס מען האָט צו געשלאָגענע בכלל — אָבער ביז צום טיפן דרך־ארץ, וואָס מ׳האָט צו פירעריש־גייסטיקע ווערטן, איז אַ ווייטער מהלך.

בײַ אַזאַ חשבון קען מען, נאַטירלעך, אויך נישט אַרויסלאָזן נאָך איין טראַגישן מאָמענט פון דער ייִדישער ליטעראַטור: דאָס פאַרזען דעם גרויסן מאַרש צו דער ייִדישער אויפלעבונג. דערמאָנט אייך נאָר: צענדליקער יאָרן האָבן אַ סך טויזנטער ייִדן, פון דער שענסטער און ריינסטער פאָלקס־יוגנט, געשפּרייזט מיט צעבלוטיקטע פיס און צעזונגענע נשמות אויף די פעלדזן און שטיינער פון ארץ־ישראל. כ׳האָב מורא אַריינצופאַלן אין דער איצט־שוין־שאַבלאָנער פּאַטעטיק, בכדי צו שילדערן וויפל קרבנות, וויפל שטראַליקע גבורה און וויפל אומבאַגרייפלעכע קדושה עס האָט זיך דאָרט אַנטפּלעקט. דער ייִדישער שרײַבער האָט ממש געהאַט פאַר די אויגן די העכסטע העלדישקייט, די רעוואָלוציאָנערע דראַמע וואָס יעדער ציוניסטישער טאָג האָט דאַן באַוויזן. אָבער אונדזער ליטעראַטור — וואָס האָט אויפגעכאַפּט יעדער הערא:יש־רעוואָלוציאָנער ווינטל פונעם פרעמדן דרויסן — האָט יענעם מאַרש פון די פּיאָנעריש־חלוצישע יאָרן כמעט ווי נישט באַמערקט. קיין קינסטלערישע דערמוטיקונגס־בלומען פאַר דער מעכטיקער מחנה הייליק־וועלטלעכע מאַרטירער זענען אויפן פעלד פון דער ייִדישער ליטעראַטור כמעט ווי נישט געוואַקסן. דערפאַר אָבער האָבן דאָרט יאָ געבליט אַלערליי שפּאָטישע שטרויכל־שטיינער. אדרבא, זאָל עמעצער אָנווייזן אויפן גרויסן ווערק אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס האָט דערמוטיקט יענעם ליכטיקן אָנהייב ביז העט־העט אין די דרייסיקער יאָרן! און דאַן האָט מען דאָך אויפגעכאַפּט יעדעס וואָרט פון דערמונטערונג מיט צעפּייניקט־צעטומלטע טרערן אין די אויגן (אויב שלום אַש, למשל, האָט אָנגעשריבן איין ראָמאַן וועגן די חלוצים, האָבן עס אַ סך אים נישט פאַרגעסן ביז אין זיין טיפסטער עלטער אַריין). דערבײַ מעג מען זיך שוין דערמאָנען, וויפל דעפעטיזם און שניידיק אייז די ייִדישע ליטעראַטור האָט געלייגט אויף די צעפייערט־חלוצישע קעפּ, דווקא אין די יאָרן פון גרעסטע נסיונות *.

מוז שרעקלעך ווײַ טון: ווי אַזוי האָט אַזאַ פאָלקסטימלעכע ליטעראַטור, ווי די ייִדישע, נישט געקענט מ י ט ל ע ב ן אַזאַ מסירת־נפש? סוף־כל־סוף האָט דאָך דער דאָזיקער גאַנג געדויערט צענדליקער יאָרן און אַפילו אַ בלינדער מיט אַ קינסטלערישן חוש האָט אים געקענט באַמערקן. אַ פייערדיק שטיק פון ייִדיש־לעגענדאַרן ענטוזיאַזם האָט זיך אַ ריס געגעבן, געקראָכן

---

* אמת: פאַראַן אַ צאָל ציוניסטישע לידער אין דער ייִדישער ליטעראַטור — און מיט גרויסער מי קען מען זיי צונויפנעמען אין אַ היפּשן באַנד. דאָס איז מיר אָנגעוויזן געוואָרן, נאָכן פאַרעפנטלעכן די דאָזיקע אַרבעט אין ניו־יאָרקער „אידישער קעמפער". בין איך נישט אזא עם־הארץ, ביזן נישט וויסן דערפון. אָבער ערשט אַזאַ צונויפנעם וועט דעמאָנסטרירן די מוראדיקע ד י ס פּ ר אָ פּ אָ ר ץ.

איבער צעפלאַקערטע דערנער מיט אַזויפיל מיסטיש־פאַרכישופטן עקסטאַז — אַז ער האָט גיכער געפּאַסט פאַר אַ נביאים־דור, איידער פאַר אַזאַ ציניש יאָרהונדערט. אָבער אַ גרויסע פּלעיאַדע ייִדישע שרייבער האָט גאָרנישט באַמערקט, אָדער גאָר דערזען אַ ז אַ געשיכטלעכן גאַנג פון דער לצנישער זייט. ווי אַזוי זאָל מען דאָס דערקלערן? היינט זעט עס אויס ווי אַן אימהדיקע פאַנטאַזיע: מדינת ישראל איז כמעט געשאַפן געוואָרן אָ ן דער באַגלייטונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור (דאָ ווערט נישט גענומען אין חשבון די ציוניסטיש־פּובליציסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין יי ד י ש, וואָס האָט אויפגעטון ווונדער, נאָר דעם ריין־קינסטלערישן אויסדרוק פון די אנשי־שם אין דער ייִדישער ליטעראַטור) און אין אַ גרויסער מאָס — אַפילו ק ע ג ן איר ווילן. דער מאָדערנער גאַנג קיין ציון איז געווען אָנגעלאָדן מיט אַן אַ שיעור פּאָעטישע קלימאַקסן. אָבער די ייִדישע ליטעראַטור האָט פאַר זיי נישט געהאַט קיין געהער — הגם זי האָט זיך געוואָרפן אויף אַלע ענלעכע דערשייַנונגען אין דער וועלטס הינטערגעסלעך. נאָך מער: אַן איינציקער שאָס פון אַ ייִדישן אַרבעטער, אין דער גוייִשער פרעמד, האָט באַלד אויפגערודערט דאָס פּאָעטישע בלוט פון אונדזערע שרייבער — אָבער דער גבורהדיקער קידוש־השם פון צענדליקער טויזנטער חלוצים; פון די אומצייליקע העלדן ביי „שמירה", ייִדישן קאַמף און אַנדערע נאַציאָנאַלע אויפברויזן האָבן נישט געצויגן די פאַרדינטע אויפמערקזאַמקייט. צי האָט אַזאַ מין מיסטישע ליבשאַפט צום פאָלק נישט געקענט אינספּירירן, לכל הפּחות אַזויפיל ווי אַ טראַגישע ליבע צווישן צוויי העלדן אינעם קירכלעכן מיטלאַלטער, אָדער ווי דער נאַיִוועסטער ראָמאַן פון אַ ייִדישער אדם־וחוה אין איינעם פון די שטעטל־געסלעך? אַ טראַגישע רעטעניש, וואָס ס'איז שווער צום באַשיידן.

יאָ, עס האָט געמוזט קומען דער גרויסער היטלער־חורבן, די פאַרהערמערטע לאַגערן, די נאָך־מלחמהדיקע פּאָגראָמען, די פאַרשלאָסענע וועלטטויערן, די קאַמפן פון הילפלאָזע ייִדן מיטן אַרבעטער־באַפאַרבטן ענגלאַנד — ביז דער ציוניזם זאָל אויפהערן זיין די נחלה פון געציילטע שרייבער. פון דעם אוטאָפּישן הייפל ציוניסטן איז שוין סייווי געוואָרן אַ גרויסע מחנה; די גרעסטע פאָלקס־באַוועגונג, וואָס קיינער קען מער נישט פאַרזען און אַ ל ע מוזן זיך מיט איר רעכענען. האָבן אויך די שרייבער קיין אַנדער עצה נישט געהאַט — און מיטגעגאַנגען. אויך דאָ איז די ייִדישע ליטעראַטור געוואָרן די ש פּ ע ט ע ר ע נאָכגייערין, במקום דעם פריִען פאָראויסגיין און אָנזאָגן דעם נייטיקן וועג. נישט דאָס פאָלק האָט געלערנט ביי איר, נאָר זי ביים פאָלק. דער שרייבער איז שוין געקומען באין־ברירה און נישט דאַן, ווען זיין וואָרט האָט געקענט העלפן, טרייסטן, דערמוטיקן און מיטרייסן.

ווידער די זעלבע מעשה: אויך דאָ איז דער יידישער שרייבער — און מיט אים די ליטעראַטור — געפאַלן אַ קרבן פון אַ סך פאַלשע איינשטעלן. מיר קענען אַפילו האָבן פאַרשטענדעניש פאַר אַ ריי סיבות, וואָס יעדער פאַר־טיידיקער קען אַרויסברענגען מיטן גאַנצן אייפער. אָבער נאָך אַלע רייד קען מען פאַרט נישט פאַרזען אַזאַ מעכטיקן ב ל ו י ז אין אַ בנין, וואָס דאַרף און מוז אייגנטלעך זיין דער קנין פונעם גאַנצן פאָלק.

י. אָן דעם יידישן מוסטער־טיפּ.

במשך פון אַלע צייטן האָט דער יידישער געדאַנק געוואָלט האָבן אַ ספע־ציעלן סימן, לויט וועלכן מען זאָל דערקענען אַ מענטש פון פאָלק ישראל. טיילמאָל האָט ער זיך אויסגעדריקט אינעם נעגאַטיוו (די יידן האָבן נ י ש ט געטוישט זייער נאָמען, נ י ש ט געביטן דאָס לשון און נ י ש ט גע־מסרט) — און טיילמאָל איז דער ייד־סימן געקומען צום אויסדרוק דורך אַ פּאָזיטיוון שטריך (רחמנות, שעמעוודיקייט, גמילת חסד). נאָך אַזויפיל יידי־שע תקופות האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַ שפּאָר ביסל ספּעציפישע אייגנשאַפטן, וואָס בלויז אַן אויפזאַמלונג פון יידישע ווערטן קען זיי אויסרעכענען. בלויז מיט ז יי האָט אַ ייד באַוויזן זיין אידענטיק, הגם ער האָט דאָך געהאַט אַ גרויסע תורה. דער דראַנג צו אַ קורצער יידישקייטס־פאָרמולע האָט נישט אויפגעהערט אַפילו ביי די פרומסטע דורות. והראיה: הלל'ס דעפינירן „די גאַנצע תורה על רגל אחת"; דער רמז פון דער גמרא אויפן איינציקן חבקוק־פּרינציפּ (אמונה); דאָס באַמיען זיך פון חכמים אין יידישן מיטלאַלטער פעסט־צושטעלן אַ צאָל עיקרים; דאָס זוכן אַ באַזונדערן גייסט־פּאַראַל, וואָס זאָל פאַרבונדן אַ ל ע יידן צווישן זיך. אין יעדער דור האָט אָבער דאָס דאָזיקע זוכעניש געהאַט אַן אַנדער פּנים.

אין די צייטן וואָס מ י ר געדענקען נאָך, האָט דאָס מזרח־אייראָ־פּעישע יידנטום געהאַט גאָר אייגנאַרטיקע סימנים: יידישע מלבושים אין מיטן אַ פרעמדער וועלט; אַן אייגענעם סאָרט בית־המדרש, וואָס קיין אַנדער תקופה האָט נישט געקענט; אַ היימיש־פאָלקסטימלעכן גאָט־באַגריף, וואָס האָט קיין גלייכן נישט אין אַנדערע באַנעמען פון רעליגיעזן כאַראַקטער; אַפילו אַן איי־גענעם תנ"ך (ווי עס קומט מיר אויס צו באַווייזן אין אַ באַזונדער אַרבעט), וואָס קיין שום אומה ולשון האָט נישט באַקענט. שוין בלויז דערמיט האָט דער ייד אין דער וועלט געקענט בלייבן לעבן אויף זיין באַזונדערער „טע־ריטאָריע".

אָבער נאָכן חורבן־היטלער — און דאָס אַריבערטראָגן דעם צענטער פון

ייִדישע תפוצות אין די אַמעריקעס — איז דער ייִדישער לבוש אַזוי־ווי אַראָפּ־געפאַלן פון אונדזער גוף. דער הײַנטיקער ייִד טראָגט שוין דעם מלבוש פון ד׳ער וועלט. נאָך מיט צוויי דורות צוריק איז ד אָ ס געווען די שאַרפסטע גרענעץ אַפילו פאַרן געוויינטלעך־רעליגיעזן ייִד. נישט איין שווערער קאַמף צווישן טאַטעס און קינדער איז אויסגעפאָכטן געוואָרן צוליב דעם „ייִדישן" כאַלאַט און היטל. אָבער הײַנט האָט שוין אַפילו די שטרענגסטע אָרטאָדאָק־סיע נישט בדעה צו קעמפן קעגן דעם וועלטלעכן מלבוש — אַפילו ביי אייגענע רבנים. שוין בלויז די דאָזיקע ענדערונג באַווייזט אונדז דעם מהלך, וואָס מיר זענען אָפּגעלאָפן.

אויב דער בית־המדרש — אין זײַן אַלט־פאָלקסטימלעכן נוסח — איז כמעט ווי נעלם געוואָרן פון די ייִדישע האָריזאָנטן. אין ביידע אַמעריקעס קען מען כמעט מער נישט טרעפן דאָס הויז מיט צעעפנטע טירן — פון פאַרטאָג ביז שפּעט ביינאַכט — וווהין אַ ייִד קען אַרײַנגיין ווען ער וויל און זיך זעצן על התורה. דאָס אָרט פון דורותדיקן בית־המדרש האָט פאַרנומען די ספרים־ליידיקע סינאַגאָגע, מיט אירע באַשטימטע אַמטיר־שעהן. אויך כ ב ־ י כ ו ל קען דאָ נישט „אויפנעמען" קיין ייִד צו יעדער צייט — נאָר ווען די גבאים הייסן. דאָס הויז פון לערנען און ייִדיש־געמיטלעכן שמועס, וואָס האָט אַזוי היימישלעך געברומט „אין די לאַנגע נעכט פון טבת", איז כמעט ווי ליקווידירט געוואָרן, אויך דורך אונדזערע געשעפטלעכע רבנים און אדמו״רים. נישטאָ שוין מער דאָס נאָסטאַלגיש־פאַרשטויבטע ווינקעלע, ווו בחורים זיצן אויף „משמורים" און אַן עלנטער ארחי־ופרחי קען זיך פריי צושפּאַרן אויף אַ באַנק, מיטן שטעקן צוקאָפּנס. די קאָמערציעלע ציוויליזאַציע האָט אויך ד י ייִדישע היים גענומען אין אַרענדע.

וואָס שייך דעם ייִדישן גאָט, האָט אויך ער, ביים יונג־אַמעריקאַנער ייִד, אויפגעהערט צו זײַן דער ייִדישלעכער רבונו של עולם — מיט אַלע פאָלקס־קנייטשן און חנען, וואָס דער דאָזיקער נאָמען האָט אַרויסגערופן. שוין נאָך אַלע רעליגיעזע געפילן און „אומקערענישן", ווערט ער אינעם ניי־ייִדישן אַמעריקע אַלץ מער און מער דער אַלגעמיינער ג אָ ד — מיטן ברייט־ענגלישן פתח; ווייט און אָפּגעטיילט. א י ם קען מען שוין טרעפן, אַן די וויכטיקסטע וואַריאַציעס, סיי אין דער קריסטלעכער קירכע און סיי אינעם עקזאָטישסטן טעמפּל. אַפילו דער תנ״ך איז שוין כמעט ווי אַרויסגעפאַלן פון זײַן ייִדיש־פאָלקסטימלעכן אַרומהיל — און ביי דער מערהייט אַמעריקאַנער ייִדן (אויב זיי קומען בכלל צום קענען אים לכל הפחות ווי אַ גרויסע צאָל רעליגיעזע קריסטן) ווערט ער אַלץ מער און מער „ביבל"; דאָס אוניווערסאַלע ספר, אָן ייִדישן אויסטייטש און חן. דאָס באַווייזט, אַז יענע סימני־היכר —

וואָס האָבן נאָך מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק אַרומגענומען די ייִדישע לאַנדשאַפט — ווערן ממש נעלם פאַר אונדזערע אויגן.

מיט רעכט אָדער נישט, אָבער די ייִדישע ליטעראַטור האָט אַ היפּשן חלק דערין. אַפילו ווען זי — און איר העברעיִשע שוועסטער — האָט שוין געגומען זען דאָס פּאָעטישע בית־המדרש־פּייערל, איז עס נאָר געווען דער־פאַר ווייל עס האָט שוין געלויכטן פון דער סענטימענטאַלער נאַכט אַרויס. די ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך נישט געקענט אידענטיפיצירן מיט די איינ־געפּעסטיקטע קען־צייכנס, אַפילו געהאָלפן זיי פאַרטרייבן פון דער ווירקלעכ־קייט — אָבער קיין צווייטע ייִד־סימנים האָט זי נישט געבראַכט אויף זייער אָרט. אמת: איר ערשטער דור תלמידים האָט זיי נישט באַדאַרפט. ער האָט זיך בכלל שטאַרק אויסגעלעבט אינערלעך און וואָס שייך דער טאַטלע־כער ייִדישקייט האָט מען געקענט יוצא זיין מיט אַ כזית. אָבער אינעם ייִדישן אַמעריקע פון היינט שפּילט דאָס אינערלעכע גייסט־לעבן גאָר אַ קנאַפּע ראָלע. טייל מאָל האָט מען אַפילו קיין צייט נישט צו מעדיטירן. ייִדיש לעבן קען דאָ נאָר אָנגיין, אויף וויפל עס לאָזט זיך מאַניפעסטירן דורך קאָנקרעטע מעשים — און פאַר אַזאַ דור איז אונדזער ליטעראַטור נישט געווען צוגעגרייט.

קען זיין, אַז אונדזער ליטעראַרישע טראַגעדיע באַשטייט אויך דערין, וואָס מיר האָבן דעם נאָמען ייִד בלויז געוואָלט אויסטראָגן דורך עמאָציע; דורך אַ קינסטלעריש־דיסטילירטער רעמינענסענץ. ווען עס איז געקומען צו די מאָראַליש־פּראַקטישע פּרינציפּן, האָבן מיר געשפּאַנט צוזאַמען מיט דער נישט־ייִדישער וועלט. בכדי אַ מאָראַלישע קאַטעגאָריע זאָל ווערן אַקצעפּטירט מיטן גאַנצן מויל און האַרץ — האָט זי געדאַרפט באַקומען די הסכמה פון דרויסן. מיר האָבן פריִער געמוזט זיכער זיין, אַז דאָס איז אין הסכם מיט מאָ־דערנער וועלטלעכקייט. ווען די ייִדישע ליטעראַטור איז געווען יונג און ביים זעניט פון איר השפּעה, האָט זי בעיקר אַדאַפּטירט די הומאַניסטישע אידייען פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער. זי האָט געמוזט האָבן דעם גרויסן שותּף.

[ס'איז טאַקע וואָר: דער ייִדישער וואָרצל האָט סייווי אַדורכגעזאָפּט אי־רע שורות. דערפאַר איז זי געווען געניגט צו נעמען פון דאָרט בלויז דאָס שענסטע און בעסטע. מהאי־טעמא האָט, למשל, אונדזער עכטע ליטעראַטור זיך ווייניקער געקאָכט אין בלוט־סצענעס, אין יאַגד־אַרגיעס און שווערד־פאַ־ראַדן ווי די וועלט־ליטעראַטור (איר איינציקע בלוט־לאַנדשאַפט, במשך אַ לאַנגע צייט, איז נאָר געווען דאָס היימישע שעכט־שטיבל און די קצבישע יאַטקע). מען דאַרף זיך בלויז דערמאָנען ווי ווייניק מאָרדן און זעלבסטמאָרדן עס קומען פאָר אין דער ייִדישער ליטעראַטור — און טאָמער טויכן זיי אויף,

זענען זיי עפּעס נישט איבערצייגנדיק (כ׳זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד: דער נקמה־מאָרד אין גאָרדינס „שחיטה“ איז מיט אַ פּאַפּירן מעסער און אַפילו פליגלמאַנס זעלבסטמאָרד ביי נאָמבערגן קומט אַרויס אַזויווי אָן פליגל). אויב עס זענען שפּעטער געקומען יידישע שרייבער און דווקא געוואָלט אימיטירן די וועלט מיט אַן אייגענער גזלעוואָיע (די צייט האָט דאָך אויך יידן געגעבן דאָס מעסער אין האַנט!) האָבן אַפילו די פּעיקסטע אויסגעזען אויף דעם שטח ווי פּורים־שפּילער. מאָרד לשמו, מיט אַלע נאַטירלעכע פליטערלעך און הייסן רציחה־אָטעם, האָט זיך עפּעס נישט געקלעפּט צו דער יידישער ליטעראַטור. אָבער דאָס אַליין איז מוראדיק־ווייניק].

אפשר דערפאַר האָט די יידישע ליטעראַטור אַרויסגעגעבן אַ גרויסע צאָל קינסטלער — אָבער גאָר־ווייניק גרויסע יידן; מאָראַליש־יידישע פּערזענלעכקייטן, צו וועלכע מען זאָל קענען אַרויפקוקן מיט יראת־הכבוד און חידוש. אין דער אַלט־יידישער באַגריפן־וועלט איז גאונות געווען אידענטיפיצירט נישט בלויז מיט קענען, נאָר אויך מיט פּערזענלעכער צדקות. אָבער אין דער יידישער ליטעראַטור האָט אַזאַ אידענטיפיקאַציע נישט געקענט מעגלעך זיין. דער יידישער צדיק האָט זיך, אַפילו ריין־אידיאָמאַטיש, צונויפגעגאָסן מיטן גזיר, וואָס קען נישט „קיין צורת־מטבע“ און דעם שפּיץ פון ליידנשאַפטן. די יידישע ליטעראַטור האָט אָבער געוואָלט אויפרייסן אַ פענצטער צו דער וועלט און נישט צוהאַקן די לעצטע טיר. אַפילו די אומרעליגיעזע צדיקים — אין געציילטע וואַריאַציעס — וואָס זי האָט געשילדערט, זענען גענומען געוואָרן ביים פּשוטן פאָלק. די הירש לעקערטס זענען געקומען פון אָרעמען קעלער און נישט פונעם אינטעלעקטועל־שרייבערישן קרייז. דערביי איז אויך זייער צדקות נישט אָנגעמאָסטן געוואָרן אויפן גאַנצן לעבן, נאָר אויף איין בונטאַריש־ספּאָנטאַנעם אויסברוך.

הגם מיר האַלטן נאָך נישט ביי אירע מעלות — מעג שוין איצט געזאָגט ווערן, אַז די יידישע ליטעראַטור האָט דאָ אָבער נישט געוואָלט פעלשן. מען וועט ביי איר זוכן אומזיסט יענעם וועלטלעך־קינסטלערישן צדיק, וואָס זאָל שטיין אויף דער מענטש־מדרגה פון אַ „חפץ חיים“ למשל. דאַקעגן זעט איר אַ פריקרע בילד פון דער פאַרקערטער זייט: על פּי רוב האָט די יידישע שרייבער־מעמואַריסטיק — אויך די האַלב־קינסטלערישע — געגעבן שילדערונגען פונעם יידישן שרייבער מיט אָן אַ שיעור קליינלעכקייט. אויב טייל האָבן דווקא געוואָלט צושמינקען אַן אייגענעם מוסטער־טיפּ — אינעם נוסח פון חסידישן „שבחי שרייבער פלוני“ — זענען די פּרוּוון ווייט געווען פון איבערצייגנדיקן כוח. מענטשלעך־לעגענדאַרע פיגורן לאָזן זיך פון דעם טייג נישט קנעטן... און ווידער צום שבח פון דער יידישער ליטעראַ־

טור: אויב אַפילו אַזאַ קלאַסיש־וועלטלעכער שרייבער ווי פּרץ האָט זיך פאַרבענקט נאָך דער צדיקישער פיגור — האָט ער זיין זוכן מאָראַלישן מיטאָס אויסגעלאָדן אויף געשטאַלטן פון דער שטרענג־פרומער וועלט. נישט אַנדערש איז עס מיט דער שפּעטערדיקער צדיק־טעמע אין דער יידישער ליטעראַטור בכלל. קיינעם איז, דוכט זיך, אַפילו נישט איינגעפאַלן אויסצוציבערן אַ וועלטלעכן מהר״ל מפּראַג; אויסצוטראַכטן אַ היימישן משה לייב סאַסאָווער, נעמיראָווער צדיק, לוי יצחק באַרדיטשעווער אָדער ישראל סאַלאַנטער. די עכט־קינסטלערישע חושים האָבן אַנגעוויזן וווּ צו אָוועקצושטעלן די גרענעץ. ס׳איז, ווייזט אויס, שווער געווען אַנצוטרעפן אַ ייד פון אונדזער אייגענער סביבה, וואָס זאָל האָבן דעם כוח אָוועקצוואַנדערן אין אַ שנייִקער סליחות־נאַכט און איינהייצן דעם אויוון ביי אַ קראַנקער אלמנה.

די שאלה בלייבט אָבער: פאַרוואָס האָט די יידיש־ליטעראַרישע סביבה טאַקע נישט אויספאָרמירט אַן אייגענעם מענטש פון אַזאַ הומאַניטאַרער הויך, זאָל זיין אָן אַ גאָט? צי האָט זי דען נישט אונטערגעגראָבן דערמיט אירע וואָרצלען פון טיפער השפּעה, בעת דער בלויז־ליטעראַרישער רייץ האָט אויסגעוועפּט? העכסטנס קען מען נאָר צוגעבן: דער ליטעראַרישער ייד האָט זיך נישט באַוויזן אַנצוואַרעמען אידייִש ווי געהעריק. די ערשטע צייט איז ער געווען פאַרנומען מיטן דעטראָניזירן געטער און לויפן מיט אַלע כוחות צו דער קינסטלערישער מעטע, וואָס אַנדערע אומות האָבן שוין לאַנג דער־גרייכט. עס איז געווען צופיל אַרבעט אין דרויסן — במילא איז נישט געווען קיין סך צייט זיך אומצוקוקן אין דער אייגענער שטוב, אינעם אייגענעם האַרץ.

יא. דער פּאַטוס פון דער יידישער ליטעראַטור: מאַסע.

די יידישע ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן מיט אַ גרויסער ברכה, וואָס איז אָבער שפּעטער געוואָרן איר שטרויכל־שטיין: פּאָלקס־מאַסע. זי איז אַריין אין דער קינסטלערישער לאַבאָראַטאָריע מיט אַ רעוואָלט קעגן דער שווער־לייביקייט פונעם אַלטן העברעיִש. זי האָט מלכתחילה געהאַט אַ טענדענץ פון „גיין אין פאָלק״ און לערנען די מאַסע. אַפילו די שפּעטערדיקע גלאָריפיקאַציע פון חסידות אין דער יידישער ליטעראַטור — קעגן דעם קלאַסישן חוזק אין דער פרי־העברעיִשער — האָט געהאַט איר טייטש: מ׳האָט גיכער אַרויסגעזען דעם חסידישן רעוואָלט קעגן לומדות, איידער דעם יידיש־פּאַטעטישן פּאָזיטיוויזם. די יידישע ליטעראַטור האָט זיך אַליין באַגלייט די ערשטע שריט מיט אַ ריי פּובליציסטישע הקדמות, וועגן דער מאַסע וואָס לעכצט נאָך אַ כזית קולטור און אַ גרוגרת פון דער גרויסער וועלט. אַזאַ צו־

גאַנג האָט געשמעקט אי מיט גוטער פאָלקס־ליבשאַפט (און אַדאַנק איר האָט זי טאַקע היפש דערגרייכט) און אי מיט אַ טאָן, וואָס קען באַליידיקן. עס האָט זיך אויסגעמישט דער ווילן צו דערהייבן דאָס „פּראָסטע פאָלק און ווייבער" מיטן צער אויף זיך אַליין, הלמאי מען קען נישט זינגען „אויף אַן אַנדער לשון". די רוסישע „נאַראָד"־שטימונג האָט דאָ בפירוש געלייגט איר פינגער דער יידישער ליטעראַטור אין מויל אַריין. אמת: אויך די העברעישע השכלה־ליטעראַטור איז פול מיט קרעכצענישן; אויך זי קלאָגט אויף דער „פינצטער־ניש פון דער יידישער מאַסע". אָבער דאָ איז עס געבליבן אַ היפשע מליצה. שוין די שפּראַכלעכע באַריערע האָט איר צוגענומען אַ סך ווינט פונעם צוגע־גרייטן שטורעם. די פאָלקס־מאַסע, ווי דער טרייבנדיקער כוח צום שאַפן, איז בעיקר אויסגעוואַקסן ביי דער שוועל פון דער יידישער ליטעראַטור. די העברעישע בונטאַרישקייט האָט זי, דאַקעגן, ווייניק פאַרשטאַנען.

דער ראשון־שרייבער אין יידיש האָט על פי רוב „שולט געווען בשפת עבר". ער האָט אָבער מוותר געווען אויף דער אָפּגעשלאָסן־העברעישער עולם־הבא, בכדי צו דערגרייכן די דאַנקבאַרקייט פון די פאַרשטייענדיקע המונים, אויף יידיש. ווען מ'זאָל אין יענע יאָרן געווען אָנזאָגן די תקופה פון „אומפאַר־שטענדלעכע" לידער אין יידיש, וואָלט עס געקלונגען ווי אַ פאַנטאַזיע. דאָס שאַפן, מיטן אויג אויפן ברייטן „נאַראָד", האָט טאַקע אַריינגעבראַכט האָ־פערדיקן שוואונג און צעפּאָכטעטע פליגל. אָבער ביסלעכווייז האָט דער נייער דור שרייבער זיך צוגעוווינט צו דער סוגעסטיע פון מאַסן־באַוווּנדערונג — און אַן איר האָבן זיך די הענט נישט געהויבן. אויב די ראשונים האָבן גע־האַלטן, אַז פאַר דער מאַסע זענען זיי יוצא מיט דער בלויזער שפּראַך־קאָנצע־סיע, האָבן טייל פון זייערע שפּעטערדיקע תלמידים זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר ווייטערדיקע הנחות. עס איז געקומען צו אַ ירידה דווקא אין די טעג פון גרויסן נצחון: ווען דאָס לייענען יידיש איז געוואָרן אַ מאַסן־דערשיינונג און אויך טעגלעכע צייטונגען האָבן געדאַרפט די ליטעראַטור פאַר „הינטערן שטריך".

אַן אָביעקטיווער פאָרשער וועט זיכער מוזן פעסטשטעלן: די העברעישע ליטעראַטור האָט, ביז צו דער תקופה פון ניי־עברית, כמעט נישט געוווּסט פון דער פלאָג, וואָס איז באַפאַלן יידיש ווי אַ בייזע חיה: דעם שונד־ראָמאַן. זי־כער פעלן נישט אין העברעיש קיין ש ל ע כ ט ־ ג ע ש ר י ב ע נ ע בי־כער; דערמיט האָט זי איבערגעשטיגן די יידישע. אָבער ב כ י ו נ ד י ק ע אַראָפּלאָז־אַרגיעס האָט מען ביי איר נישט אָנגעטראָפן. אַפילו דער שוואַכס־טער שרייבער אין העברעיש האָט זיך דאַן קודם־כל געקלאָמערט אין אידיי. ביז עס איז נישט געקומען דער גאַסן־אַריינברוך אין דער העברעישער ליטע־

ראַטור — האָט דאָרט, דוכט זיך, נישט עקזיסטירט יענער טיף שרײַבער, וואָס אײן האַנט זײַנע שרײַבט קונסט און די צווייטע — דאָס ביליקסטע געמויזעכץ. אַפּילו עד־היום זענען דאָרט ב ײ ד ע סאָרטן צ ע ט ײ ל ט צווישן זיך. דאָס האָט נאָר געקענט מעגלעך זײַן אין דער ברייט־צעכוואַליעטער צײַטונג (הגם אויך זי האָט גרויסע פאַרדינסטן אויף אַנדערע שטחים) וואָס האָט זיך געגײַטיקט אין אַ גרויסער ליטעראַטור־פּאַרציע פון „חסידיש, נגידיש און ממזריש״. נאָכגעבן דער „מאַסע״ האָט מען זיכער געמוזט. אָבער ווי ווײַט? אפשר האָט געלוינט צו בלײַבן בײַ ווייניקער לייענער, אַבי די דערגרייכטע זאָלן מ ו ז ן מיטגיין אויפן העכערן שטאַפּל? חקירות אויף צוריק קענען ווייניק העלפן (הגם זיי קענען וואָרענען די נײַ־העברעיִשע ליטעראַטור אין מדינת ישראל, וואָס האָט ערשט לעצטנס אָנגעהויבן איבערצוחזרן דאָס זעלבע — גלײַך ווי די „קאָמפּראָמיסן״ אין יידיש וואָלטן זי גאָרנישט געלערנט), אָבער פאַקטן בלײַבן פאַקטן: אין דער יידישער ליטעראַטור האָט זיך אײַנגעבירגערט כמעט ווי אַן אָפענער היתר פאַר דער טאָפּלטער פעדער. דערנאָך האָט שוין אַ ייד געמעגט לייענען דאָס בעסטע פון אַזאַ שרײַבער — און דאָך זאָל ער פאַר אים נישט האָבן יענעם אינערלעכן ציטער פון אַמאָל.

דער סך־הכל איז געקומען מיט דער גאַנצער נקמה: די העברעיִשע ליטעראַטור, וואָס האָט ד אָ ן נישט געזינדיקט מיט יענעם חטא, האָט טאַקע קיין גרויסע מתנות נישט מיטגעריסן. דערפאַר אָבער האָט זי ביסלעכווײַז אָנגעזאַמלט אַן אידעאַליסטישן קרייז, וואָס האָט זי געפירט ביז צו אַן אינטעגסיוו לעבן. מיט יידיש האָט זיך דאָס קאַפּיטל געשריבן פונקט פאַרקערט: זי האָט אָנגעהויבן מיט דער לויזער מאַסע און געבליבן בײַ געציילטע. נאָך דער פּאַטום „מאַסע״ גייט איר ווייטער נאָך, הגם זי קען בלויז ווידער אָנהייבן לעבן אויפן אַמאָליקן וועג פון העברעיִש: פאַרגעסן יענע רויש־אַפּלאָדיסמענטן, זיך נעמען ווידמען די קליינע גרופּן פון ערנסטע זוכער און זיך באַפרייען פון נעם חלום וועגן פאַרלוירענעם מאַסן־גן־עדן.

אָן דער פאַטאַלער פאַרשטעלונג וועגן דער מאַסע, קען מען האָבן מער אָרדענונג אין דער קינסטלערישער באַלעבאַטישקייט: אויסקלײַבן און לייגן אויף דער וואָג בלויז דאָס וויכטיקסטע און זאַמלען אַרום זיך דאָס ביסל סולת פון יידישער לייענערשאַפט. דווקא די איצטיקע טראַגעדיע קען באַפרייען פון אַ צאָל קאָמפּלעקסן: אויב קיין אומצייליקע טויזנטער קען די יידישע ליטעראַטור סיִיוֹי נישט דערגרייכן, מוז דער שרײַבער גאָרנישט בײַשטייערן צום מאַסן־פּסיכאָז. בעת אפילו גרויסע, נישט־יידישע שרײַבער אין אַמעריקע מוזן געבן קאָנצעסיעס דער מעגלעכקייט פון אַ מיליאָניקן טיראַזש פאַר זייערע ווערק — איז דער יידישער שרײַבער פּטור פון זיי. דערפאַר קען ער שטיין

אויג אויף אויג מיט זיין שרייבעריש געוויסן, אָן גרויסע נסיונות. ער קען זיך אויסלעבן מיטן טראַגישן אָבער אויך לייטזעליקן געפיל, אַז קיין שום זאַך קען אים שוין מער נישט פאַרוואַנדלען אין אַ מאַסן־אָפּגאָט. איז ער אַ סך פרייער ווי יעדער קינסטלער בכל אומה ולשון. ווער ווייסט? אפשר קען דאָס דאַזיקע באַוווסטזיין אים דערלויבן די האַרבסטע רעוויזיעס און געבן אַזאַ מאָראַלישן כּוח, וואָס זאָל מיטרייסן דאָס   ב ע ס ט ע   אינעם ייִדישן פאָלק.

מען דערציילט אויף אַ פאַרצייטישן חסיד, וואָס אַ בת־קול האָט אים אָנגעזאָגט: ער האָט נאָר־וואָס פאַרלוירן זיין חלק לעולם הבא. איז ער נישט אַריינגעפאַלן אין עצבות, נאָר פאַרקערט: ער איז גאָר פריילעך געוואָרן. איצט, הייסט עס, וועט ער קענען דינען גאָט מיט אַ ריין געפיל — ווייל אויף קיין שכר פון יענער וועלט קען ער מער נישט האָפן. דער ייִדישער שרייבער קען האָבן דאָס זעלבע געפיל פון שמחה צוליב אַ פאַרקערטער בשורה: אויב ער זאָל וויסן, אַז קיין עולם   ה ז ה   קען ער מער נישט דערוואַרטן — וועט ער במילא באַפרייט פון אַ צאָל אילוזאָרישע קייטן. אויב דאָס לעבן וועט אים סייווי נישט בכוח זיין צו באַצאָלן פאַר זיין מי, איז אים לייכטער צו דינען מיט זיין פעדער דעם אינערלעכן אמת און זיך בלויז צופרידנשטעלן מיט דער ריינסטער שאַפונגס־פרייד.

יב. וואָס ראַטעווען? ווי אַזוי?

דער וואָס מיינט ערנסט מיטן ראַטעווען די ייִדישע ליטעראַטור פון נעלם ווערן — מוז זי קודם פאַרטיילן אין דריי קאַטעגאָריעס: ד י   ק ו ל ט ו ר־ ה י ס ט אָ ר י ש ע, ק י נ ס ט ל ע ר י ש ע   און   א י ד י י ִ ש ע. אויב עס האַנדלט זיך אין דער   ע ר ש ט ע ר   קאַטעגאָריע — איז היינט גאָר אַ גרויסער טייל פון דער ייִדיש־ליטעראַטור געוואָרן אַ   ה י ס ט אָ ר י ש ע ר דאָקומענט. דערויף וועלן מיר זיך נאָך אָפּשטעלן. ווען ס'קומט צו אויטענטי־שער דאָקומענטאַציע, מוז מען די טענות צו איר גאָר אַנדערש באַגרינדן. וואָס שייך דער   צ ו ו יי ט ע ר   קאַטעגאָריע — מוז מען זיך בעיקר רעכענען מיט דער ריין־ליטעראַרישער דערגרייכונג. דורך אַזאַ חלוקה קען מען אַריינברענ־גען מער קלאָרקייט אין אונדזערע פאָדערונגען צו דער ייִדישער ליטעראַטור: פאַראַן למשל ביכער, וואָס האָבן אַ גרויסע ווערט פאַר דער קולטור־היסטאָ־רישער רובריק, אָבער קענען קיין אָרט נישט פאַרנעמען אין דער קינסטלערי־שער אָפּטיילונג. פאַרקערט ווידער: פאַראַן ווערק, וואָס זייער עפעקטיווע זייט איז ראוי צו פאַרנעמען אַן אָרט אין זכרון — אָבער קולטור־היסטאָריש זענען זיי פון קנאַפּן ווערט. עס זענען אויך פאַראַן ווערק, וואָס פאַרמאָגן   ב יי ד ע

קוואַליפיקאַציעס — און דאַך זאָלן זיי נישט טויגן פאַר דער דריטער קאַטע־גאָריע (פון וועלכער עס איז ביז איצט געווען די רייד) — דער אידייִשער.

יעדער איינער חלק קען אַפּעלירן צו אַ באַזונדער שיכט מענטשן. מיר האָבן ווערק, וואָס האָבן בשעתם עפּעס געפּאָדערט — אָבער דאָס געהערט זיך וויניק אָן מיט די איצטיקע תנאים אין יידישן לעבן. זיי האָבן גערופן צו עפּעס, וואָס קען שוין היינט נ י ש ט וואַרעמען. קען דער היינטיקער ייִד זייער געדאַנקען־גאַנג נישט אַקצעפּטירן — אָבער דער ייִדישער קולטור־היס־טאָריקער מ ו ז צו זיי אָנקומען, אויב ער וויל פאַרשטיין דעם ייִדישן עבר. פאַראַן ווידער ביכער, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געהאַט בדעה עפּעס צו פּרעדיקן. זיי זענען נאָר אויסן געווען די פאַבולע און די קינסטלערישע באַ־אַרבעטונג פון דער טעמע. זיי האָבן בכיון זיך געשיצט מיט דער אינערלעכער פּיקציע, נישט געוואָלט ברענגען קיין נייע תורה און נאָר געזוכט צו פאַרטיפן דעם עמאָציאָנעל־פאַנטאַסטישן עלעמענט. מיט זיי קען מען זיך באַווייזן פאַר אומות־העולם, אָדער אַפילו פאַר אייגענע יידן מיט אַ קולט פאַר קונסט. אָבער דערביי מוז קלאָר זיין: זייער תוכן איז נישט מער מחייב ווי דער אינהאַלט פונעם גריכיש־פאַגאַנישן קלאַסיקער פאַרן מאָדערנעם מענטש. ערשט דעם דריטן חלק מוז מען אויסטיילן באַזונדער, ווייל ער האָט שוין אַ ווערט פאַרן גאַנצן פאָלק. דערמיט מיינען מיר יענע אידייען, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט יאָ בייגעשטייערט צום נאַציאָנאַל־אייביקן געדאַנק.

בלי ספק מוז אין יעדער אָפּטייל באַזונדער פאָרקומען אַ געהיטענער אָפּ־קלייב, וואָס איז מחייב אַלע דריי: דעם יידישן היסטאָריקער, דעם קינסט־לערישן ליטעראַטור־קריטיקער און דעם אידייען־זוכער פון מאָדערנער יידיש־קייט. דערביי מוז אַרויסגעהויבן ווערן דאָס שיינע און מען דאַרף אויסעלימי־נירן אַלע פריִערדיקע טעותים. כשאני לעצמי — בין איך אָבער נאָך אַלץ נישט זיכער, וועלכער מעטאָד איז בעסער: בלויז אויסקלויבן דאָס גוטע און לגמרי פאַרגעסן אינעם שלעכטן — אָדער אויך אָפּשטעלן זיך אויפן נעגאַטיוון און באַווייזן, פ אַ ר וו אָ ס דאָס האָט נישט געטויגט.

בכל אופן ווערן מיר אָבער דערביי געשטעלט פאַר פּראָבלעמען, וואָס זענען אפשר קיין בייעס נישט אין אונדזער לאַנגער געשיכטע. לאָמיר זיך דער־מאָנען — לשם אילוסטראַציע — אין דער אַלט־ייִדישער חקירה: ווען עס ברענט אויס אַ שריפה אין אַ הויז מיט ספרים און מער ווי אַ יי ן ספר קען מען נישט ראַטעווען — וואָס איז בילעכער? סימבאָליש זענען מיר שוין נישט איינמאָל געשטאַנען פאַר אַזעלכע נסיונות, ווייל אין דער ייִדישער גע־שיכטע זענען געווען אָן אַ שיעור „שריפות" פון דעם מין: גזירות קעגן תורה, רדיפות פון אַלזייטיקן כאַראַקטער, מאַסן־שמד, שפּראַכן־טויש, שכחה, עס־

הארצות, פרייוויליקע אַסימילאַציע, געאָגראַפישע איבערוואַנדערונג, אידייען־פאַרבייט, מאַסן־אַנטוישונג, געענדערטע לעבנס־באַדינגונגען — — — נישטאָ קיין גרענעץ צו די פאַרוואַנדלונגען ביי אַזאַ אַלט פאָלק ווי דאָס יידישע.

נישט איינמאָל זענען מיר שוין מיד געוואָרן פון „צופיל גייסט" און די ריזיקע ספרים־אָנזאַמלונג איז געוואָרן אַ שווערע משא פאַרן פאָלקס זכרון. זענען אַ סך פון אונדזערע ספרים פאַרלוירן־געגאַנגען אויפן וועג, אויסגע־ברענט געוואָרן פונעם מאַסן־מח. כמעט יעדער נסיון האָט פרובער נישט אָנ־געזאָגט, אַז ער קומט. ער איז אָנגעלאָפן האַסטיק, ממש ווי אַ הוראַגאַן — און מען האָט זיך נישט געקענט שטעלן, אין דער לעצטער מינוט, לעשן דאָס גאַנצע פייער. אָבער די געניאַלע מוחות אין פאָלק האָבן געוווסט: פונקט ווי אַ ייד אין מיטן וועג קען נישט דאַווענען אַלע אָנגענומענע תפילות — נאָר ער איז יוצא מיט אַ „תפילה קצרה" — אַזוי מוז מען ביי געשיכטלעכע וועג־שריפות אויפהיטן דעם יידישן המשך מיט אַ „קורצער תפילה".

אונדזער קולטור־געשיכטע באַווייזט, אַז אַזעלכע טראַגישע דילעמעס האָבן ביי אונדזערע גדולים נישט געליימט די הענט. אדרבא: אויך פון זיי זענען גאָר אַרויסגעוואַקסן מעכטיקע ווערק. קען זיין, אַז דער דאָזיקער נויט האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם תנ"ך, דעם תלמוד, מדרשים, אלפסי, רמב"ם, טורים און דעם קאָנדענסירטן שולחן־ערוך. אין יעדן איינעם פון די דאָזיקע ווערק מערקט מען די שפורן פון ראַטעווען. דאָס מיינט נישט, אַז דורכן „מקצר זיין די תפילה" האָט מען רעזיגנירט פון דער „לאַנגער" שמונה־עשרה. אָבער דער קיצור האָט געדאַרפט לייכטער מאַכן דעם וועג צום גאַנצן.

ווען עס קומט צו אונדזער צייט, איז נישט שייך מאריך צו זיין: וועלכע חלוקות מיר זאָלן נישט מאַכן, שטייען מיר נאָך אַלץ פאַר דער גרעסטער קולטור־שריפה אין אונדזער געשיכטע. העכער אַ העלפט פונעם יידישן פאָלק --- ווי פאַרזיכטיק מיר זאָלן נישט שאַצן — קען שוין אַפילו נישט די בלויזע צורה פון אונדזער אלף־בית. וואָס שייך לערנען טיפער, זענען צו דעם אפשר מער נישט מסוגל גאַנצע דריי־פערטל פונעם היינטיקן יידנטום. וואָס קען שוין זיין מיט איין דור שפעטער?

ס'איז אָבער אַ נס, וואָס אַ גרויסער טייל פון די „דריי פערטל" וויל נישט אָפּהאַקן דעם לעצטן פאַדעם. אַ סך זוכן דעם וועג צוריק, ווילן כאַטש אויף אַ מינימאַלן אופן אָנהאַלטן קאָנטאַקט מיט זייער יידישקייט. אָבער וויאַזוי? אָפטמאָל שטייען מיר פאַר ריזיקע ספרים־פּאַליצעס מכל המינים און מיר ווייסן נישט וויאַזוי זיי צו עפענען. צו וועמען וועלן רעדן די אָנגעזאַמלטע אוצרות אין זייער אָריגינעלן לשון און אויף זייער שטייגער? און וויאַזוי ראַטעוועט מען אַרויס לכל־הפחות דאָס סאַמע־וויכטיקסטע, בכדי אַזויפיל

ייִדישע חכמה זאָל נישט פאַרלוירן גיין — אַפילו פאַר די וואָס זוכן זי אַרום?

מיר האָבן דאָ דערציילט וועגן אונדזער ליטעראַרישער טראַגעדיע — און זיך בלויז באַגרענעצט צום ייִדיש - סעקטאָר. אָבער דאָס זעלבע פּראָבלעם איז אייגנטלעך נוגע אַ סך פעלקער און קולטורן. פאַראַן לענדער, וואָס פּראָדוצירן יעדעס יאָר טויזנטער ביכער. זענען אויך ביי זיי, במשך פון יאָרהונדערטער, אויסגעוואַקסן פאַנטאַסטישע ביבליאָטעקן מיט מיליאָנען בענדער. ווייסט מען שוין: אַ סך ביכער מוזן שטאַרבן פונקט ווי מענטשן און מאַכן אָרט פאַר אַנדערע. דער ליטעראַרישער בית־עולם ביי אַנדערע אומות — מיט אַ גרעסערער בוך־קולטור און אַ קלענערן ספר־פּיעטעט ווי ביי ייִדן — איז געוואָרן אַ נאַטירלעכער. פונקט ווי זיי גראָבן אויס אַלטע קברים און שיקן די ביינער אין קאַטאַקאָמבן — אַזוי טוען זיי מיט די „ביינער" פון ביכער, וואָס האָבן שוין אָפּגעזאָגט זייערס. עס דערמאָנט אין דער שירה פון אינדזער אקדמות: יעדער מלאך האָט זיין געזאַנג. אָבער נאָכן אָפּזינגען טרעט ער אָפּ — און קען זיך מער צום כסא־הכבוד נישט אומקערן... איז אַ שטערבלעכער זינגער מער יחסן ווי אַ מלאך?

אָבער די אומות־העולם זענען פאָרט גליקלעכער פאַר אונדז. ראשית, קענען מיר זייער קרייז קולטור־מידע — אָדער פשוטע עמי־הארצים — נישט פאַרגלייכן מיט דער גרויסער מחנה אַנאַלפאַבעטן פונעם ייִדישן אות. ביי זיי איז דער אינטעליגענט באַזונדער און אויך דער אומוויסנדיקער האָט זיין באַזונדערן שטח. שנית, איז ביי זיי פאַראַן אַ סטאַבילע ערד — און זי זאַפּט אין זיך איין די געדאַנקלעכע ירושה, אַפילו פון „געשטאָרבענע" און פאַרגעסענע ביכער. אַ טאָן פון יעדנס ניגון בלייבט שוועבן איבער די הייזער, די גאַסן, די לאַנדשאַפטן. זייער עסענץ דרינגט אַריין אינעם פאָלקס בלוט אַ דאַנק דער וואַכער אינטעליגענץ, וואָס האַלט אַן אויג אויפן אָנגעזאַמלטן פאַרמעגן. כמעט אַלע ווערק, וואָס זענען נאָר ראוי דערצו, האָבן ערגעצוו השארות־הנפש אפילו אין זייער פאַרגעסנקייט. אַ קולטור־פאָלק אין נאָרמאַלן מצב האָט בכן באַזונדערע לאָגלען, וווהין עס טריפט אַריין דער תוך פון יעדער שאַפונג.

אין משך פון לאַנגע תקופות — ווען סיי דאָס ספר איז געווען אונדזער גייסטיקע טעריטאָריע און סיי די פאָלקס־אינטעליגענץ איז געבליבן אינעם ייִדישן שטח — זענען ייִדן אפילו געווען אין אַ בעסערער לאַגע ווי אַ צאָל פעלקער. נישט אַלע ייִדן האָבן טאַקע געקענט זיין לומדים, אָבער אין יעדער דור זענען געווען געניאַלע אויפהיטער פונעם געשאַפענעם. עס איז אויך געווען אַ ייִדישע גאַס ביי דער זייט פונעם בית־המדרש. האָט דאָס לעבעדיקע בלוט פון ספרים געהאַט קאַנאַלן, דורך וועלכע עס האָט זיך געקענט אַריינגיסן אין

די נאַציאָנאַלע אָדערן. אַפילו דער פּשוטסטער ייִד האָט זיך געקענט אָנשמעקן מיט אייגענער קולטור מפּי השמועה. ער האָט געכאַפּט זיין ייִדישן אינהאַלט פון דער גאַס, דורך אַ באַריר מיט אַ צווייטן ייִד, פון דער הוילער לופט. אַפילו בעת זיין האַנדל אָדער מלאכה האָט ער איינגעזויגן אין זיך אומצייליקע מימרות, פּסוקים און גרויסע געדאַנקען פון אייגענעם קוואַל. דער באַקאַנטער מאמר פון ירושלמי, אַז ייִדישער מנהג איז תורה, איז זיכער נישט געווען קיין קאָמפּראָמיסלעכער שמייכל אין דער זייט פון „עמך״. אונדזערע חכמים :זענען בלויז געווען זיכער, אַז וויבאַלד ייִדן זענען זיך אַזוי נוהג — האָבן זיי געהאַט אַ הייליקע איבערליפערונג; אויב מ נ ה ג פון פאָלק, אַפילו אָן דעם אָפענעם מקור — האָט ער זיכער זיין באַהאַלטענעם תורה־קוואַל.

איצט איז אָבער אַנדערש. ווען עס קומט צו דער ייִדיש־וועלטלעכער קול־טור — איז זי נאָר דער קנין פון אַ דינער שיכט. וואָס שייך דער אָרטאָדאָקסי־שער תורה־קולטור, לעבט זי בלויז אין אַ קליינעם פאָלקס־שפּליטער. ביידע עקסטרעמען לעבן שוין מער נישט מיטן ג אַ נ צ ן פאָלק און באַגלייטן עס נישט מער צו דער גאַס, צום ווערקשטעל און אַפילו נישט צו דער קולטור־שעה. צווישן ביידע מחנות ליגט אַ ריזיקער שטח פ אָ ל ק, אַ פּנימלאָזער מ י ט ן. דאָרט לעבט נישט דווקא דער אַלזייטיקער עם־הארץ, נאָר אויך די מערהייט פון ייִדישער אינטעליגענץ מיט די לעבעדיקסטע מוחות. אויב עס גייט אין נאָרמאַלער קולטור — אידענטיפיצירט זי זיך מיט דער אָפיציעלער לאַנד־שאַפונג; בפרט נאָך ווען עס קומט צו דער בלויזער ליטעראַטור־סעקציע. וואָס שייך דעם ייִדישן אַמעריקע, איז די לאַגע נאָך קוריאָזער. פּשוט: דערפאַר וואָס אַפילו ייִדישקייטס־פאַרזאָרגער, פאָלקס־לערער, עסקנים, מנהיגים, ראַ־בייס און גבאים — די גייסטיקע און נאַציאָנאַלע מדריכים פון מיליאָנען — קענען אָפּטמאָל נישט אַריינשטעקן די נאָז אין אַ העברעישן אָדער ייִדישן טעקסט. איז דאָס בכיוונדיקע אַסימילאַציע? זיכער נישט. אָבער קיינער פאָ־דערט מער נישט פון זיי אַזאַ עלעמענטאַרע קענטשאַפט. טאָמער אַפילו ווילן זיי אַליין עפּעס באַקענען פונעם אייגענעם קוואַל — דערשרעקט דער ספרים־אוצר מיט זיין אומגעהייערער גרייס. אויב מען דאַרף „דאָס אַלץ״ אַדורכ־לערנען — איז שוין גלייכער נישט אָנצוהייבן. עס פעלט זיי דער קאָנקרעטי־זירטער אָנהויב, די תפילה קצרה, דער סיסטעמאַטישער ש ל י ס ל צום עפענען דעם ייִדישן געדאַנק.

דער מצב איז גענוג טראַגיש ווען עס קומט צום שריפט־אוצר פון ייִדיש־קייט בכלל — אָבער דער אויפקום פון מדינת־ישראל האָט כאָטש געבראַכט פרישע האָפענונגען לכל הפחות אויף איין שטח: דער אינטערעס צום העב־רעישן וואָרט איז שטאַרקער געוואָרן. דערצו ווערט נאָך דער ייִדישקייטס־

באַגריף אַ סך נענטער לכל־הפּחות צום אייגענעם דור וואָס ווערט דאָרט דערצויגן. עס איז, נאַטירלעך, שווער צו מעדיטירן וועגן דער צוקונפט. אָבער איינס איז זיכער: דער ייִנגער דור אין ישראל האָט אַ היפּשע צאָל מ ע ג ל ע כ ק יי ט ן צו באַקענען די ייִדישע קוואַלן. נישט ווייניק פון די וויסנסאָנגעזאַפּטע ישראל־מענטשן וועלן זיכער שטיין אין קאָנטאַקט מיט ייִדן פון אַנדערע לענדער, זיך מישן מיט דער תּפוצה־יוגנט און במילא קענען פאַרוואַרפן אַ שטיקל בריק. אָבער עד־היום קען די דאָזיקע האָפענונג נישט באַרירן דעם שטח פון ייִ ד י ש . פּשוט: דערפאַר, וואָס אויך פאַר דער ישראל־יוגנט איז ער אומבאַקאַנט.

דערביי האָבן זיך אויך אין ייִדיש אָנגעזאַמלט טויזנטער איינסן, בעת דער גייסטיקער בית־קיבול ווערט פאַרשמעלערט פון יאָר צו יאָר. אָבער דווקא דאָ, ווו די סכּנה איז די גרעסטע, איז נאָך גאָרנישט געטון געוואָרן בכדי צו פאַרקירצן דעם וועג; אַפילו נישט אין דער זעלבער מאָס ווי עס איז געטון געוואָרן אויפן שטח פון ייִדישקייט בכלל.

אמת: שוין נאָך אַלע אָפּטימיסטישע נצחון־פאַנפאַרן, בויט אויך די אַמעריקאַנער אָרטאָדאָקסיע מער נישט איר קיום אויפן בלויזן ספר. אירע ייִנגע עסקנים פאַרנעמען זיך אַלץ מער און מער מיט אַלגעמיינער קולטור, ביז עס בלייבט זיי ווייניק אָרט אין מח פאַר תּוכיק־ייִדיש וויסן. אָבער דאָרט ווערט דאָך ייִדישקייט אָנגעהאַלטן דורך פּראַקטישע מצוות; דורך תּפילין און כּשרות במקום לומדות. אין וועלטלעכן לאַגער איז אַפילו אַזאַ מעשימדיקער גאָטשאָטן נישטאָ; עס פעלט אויך דער אידעיִשער צעמענט־גאַרטל — טאָ וויפל אָרט קען מען שוין אויסראַנגלען פאַרן ייִדישן בוך, אַפילו ביי די תּלמידים וואָס גייען אין היימישע שולן? דערצו ווערט נאָך אַלץ געמאַכט צופעליק, דורך ברעקלעך וואָס מען האָט אונטער דער האַנט. איז דען אַ וווּנדער, וואָס אַלץ בלייבט הענגען אין חלל?

יג. לייכטע לייזונגען פירן צו גאָרנישט.

טייל האָבן גאָר אַ לייכטע לייזונג: אַנטאָלאָגיעס. איז דען דער תּנ״ך גופא נישט קיין אָפּגעהיטענע „זאַמלונג״? שוין אין יענער צייט איז דער ספרים־אוצר געווען אַ סך גרעסער. פונעם תּנ״ך גופא קען מען זען, אַז שוין אין די נביאים־צייטן האָט פאַקטיש עקזיסטירט אַ מין ייִ ד י ש ־ וו ע ל ט ל ע כ ע „ליטעראַטור״. זי איז אָבער נעלם געוואָרן, דערפאַר וואָס די „רעדאַקטאָרן״ פון תּנ״ך האָבן זי באַטראַכט פאַר פאַלש, אָן ייִדישן יסוד. מען דאַרף אויך נישט מאריך זיין וועגן דעם, אַז דער אָפּקלויב־מעטאָד האָט ממש דאָמי־

גירט די תלמודישע עפּאָכע (לויט טייל מאמרים זענען דאַן געווען ה ו נ ד ע ר־ט ע ר סדרים משניות, בעת מ י ר זענען נאָר געבליבן ביי ז ע ק ס). אַפילו דער רמב״ם פּסקנט הלכות, וואָס קיינער ווייסט היינט נישט מער זייער מקור — אַ סימן, אַז אַפילו אינעם פריִען מיטלאַלטער זענען אַ סך ספרים אַרויסגעפאַלן פון אונדזער ביבליאָטעק. קאָדעפיצירטע ייִדישקייט האָט, בכן, אַלע־מאָל געמוזט צונויפשמעלצן גאַנצע ביכער־רייען, הגם דאָס ספר איז געווען דאָס זאַלץ פון אונדזער לעבן.

אָבער אין יענע תקופות האָט זיך נישט געהאַנדלט אין קיין מעכאַנישע אַנטאָלאָגיעס. דאָס וואַכע אויג פון גאונים האָט נאָר געזוכט צו ראַטעווען דאָס פּולע, דעם ע י ק ר מן הספר, דעם ג ײ ס ט פון גאַנצן אַנזאַמל. דערצו האָבן יענע גאונישע שומרים נאָך געלעבט א ײ ד ע ר די דרוקעריי האָט אַדורכגעשווענקט אונדזער קולטור־וועזן. ביז וואַנעט אַ בוך האָט זיך דערהאַלטן ביים לעבן האָט עס געמוזט אַדורכגיין אָן אַ שיעור הענט. י ע ד ע ר קאָפּיע האָט געמוזט אַרויסרופן אינטערעס ביי עמעצן — איידער ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי דער מיפּולער אַרבעט פון איבערשרייבן. במשך פון עטלעכע דורות האָט בלויז די צאָל פון מבינישע קאָפּירער דערגרייכט אַ סך הונדערטער. האָבן זיך אָפּגעשטעלט ווינציקער פּאַרשפּרייטע ספרים און אויך די אָפּקלייב־שיטה האָט געהאַט אַ לייכטערן וועג. אָבער בזמן הזה קומט אונדזער ריזיקע ביבליאָגראַפיע און נעמט אָפּ הענט און פיס: ביי וואָס אָנהויבן פריִער?

נאָך עפּעס: אין אַלע כינוס־צייטן איז קודם כל געשטאַנען פאַרן אויג אַ באַשטימטער טיפּ ייִד: ער קען טאַקע נישט אַדורכלערנען אַ ל ץ, אָבער אַ יודע־ספר א י ז ער. קיין סך ספרים איז ער נישט בכח איינצוזאַפּן, אָבער ד י ווייניקע וואָס ער וועט האָבן בשלימות — איז ער מסוגל צו פאַרשטיין. היינט אָבער לעבט זיך ייִדישקייט בעיקר אויס אין דער מויל־פּראַזע. אַפילו אינעם גרויסן, ייִדישן אַמעריקע דערנענטערן מיר זיך צום פּרימיטיוו: ווער עס קען נאָר אַ לעק אין די שוואַרצע פינטעלעך, ווערט שוין אין אַ ריי קהילות באַטראַכט ווי דער אַמאָליקער „פּריסטער״ — אַן אויסטערלישער גאון, וואָס איז מבין בלשון היראָגליפן.

אויב מען שאַצט די צאָל היימישע מיט ייִדישע אותיות אויף פערציק אָדער ווינציקער פּראָצענט, רעכנט מען שוין אַריין אַ ל ע מ ע ן; אַפילו די ייִדן, וואָס קענען נאָר אַריינקוקן אין אַ ייִדישער צייטונג — און טיילמאָל בלויז אין דער שונד־ראָמאַניסטישער אָפּטיילונג. במילא קען בלויז אַ טייל פון די ד אָ ז י ק ע פּראָצענטער באַנעמען אַ בעסער בוך, אָדער גאָר אַ ספר. טאָ וואָס וועט אונדז שוין העלפן, אויב מיר זאָלן מעכאַניש פאַרקלענערן די

בוך־משא? שוין איצט מוזן מיר שטיין אויף די קני פאַר מיליאָנען ייִדן און זיך בעטן ביי זיי, אַז זיי זאָלן אונדז טון אַ טובה און באַווייליקן... נישט אונטערצוגיין. אָפּטמאָל ווילן מיר זיי ראַטעווען מיט די לעצטע ייִד־סימנים — אַפילו דורכן שפּילן אכילה־גסהדיק די מעלאָדיע פונעם ייִדישן מאָגן. מיר האָבן שוין אויפגעבויט אין אַמעריקע אַ גאַנצע אינדוסטריע פון לייכטער ייִדישקייט. עס איז געקומען דערצו, אַז מיר טרייסטן זיך פילאָזאָפיש און טעאָרעטיש מיט דער טרייסט פונעם כעלעמער מלמד: ער האָט טאַקע נישט קיין שייבלעך אין די ברילן, דורך וועלכע מען זעט קלאָר, אָבער די ראַמלעך טראָגט ער ווייטער — בעסער ווי גאָרנישט... מחמת גרויס נויט האָבן מיר גענומען שטעלן דעם דגש אויף די אָפּטימיסטישע ייִדישקייטס־ראַמען. דערביי היטן מיר זיך פון אַרויפלייגן „צופיל" משא אויף די ראַמלעך, ווייל איין גאָט ווייסט ווי דין זיי זענען. איז במילא שווער פאָרויסצוזאָגן, וויאַזוי דער תמצית פון עטלעכע טויזנט ייִדישע ביכער — אָדער אַ זאַמלונג פון זייערע פראַגמענטן — קען ראַדיקאַל ענדערן דעם מצב. אָבער ווו נעמט מען די „זיכערע" עצה?

די ייִדישע ליטעראַטור קען בלויז איינגעגלידערט ווערן אין אַ גרויס־נאַציאָנאַלער מאַסן־אַקציע פאַר לערנען בכלל. דאָס איז, אגב, אַלעמאָל געווען דאָס ערשטע געבאָט פון ייִדישקייט: קודם כל האָבן דאָס געהעריקע וויסן און דערנאָך וועט מען זען ווייטער. בלויז ווען די ייִדישע ליטעראַטור וועט ווערן אַ קאָנקרעטיזירטער חלק פון דער ייִדישער וויסערישקייט בכלל, קען מען האָפן אַז איר אויסשעפּלעכער תמצית וועט האָבן די געהעריקע פּעולה. מהאי־טעמא בלייבן העגגען אין דער לופט נאָך אַ צאָל טענות, מיט וועלכע טייל ייִדן ווילן זיך לייכטער מאַכן דאָס געמיט: ווער דאַרף אַריינשלעפּן די ייִדישע ליטעראַטור אין די דאָזיקע קיום־חקירות? זי איז אַ קונסט ווי אַלע קונסטן. זי וועט לעבן, אויף וויפל אירע קינסטלערישע דערגרייכונגען וועלן האָבן אַ ווערט; און זי וועט אָפּשטאַרבן, אויב דער רויער עלעמענט וועט זי מנצח זיין. דאָס אַלץ. אַ נאָרמאַלע ליטעראַטור האָט מען קיינמאָל נישט געמאָסטן לויט דעם, וויפל פערזענלעכע צדיקים זי האָט פאַרמאָגט און וויפל נאַציאָנאַלע אידייִשקייט זי האָט געגעבן. מען קען, למשל, זיין אַ מענטש מיט אַ גאָלדן האַרץ — און דאָך זאָל מען נאָר שרייבן ווערטלאָזע לידער; בעת אַנדערע — אוממענטשן פון דער נאַטור — זאָלן גרייכן צום העכסטן, פּאָעטישן שטאַפּל. עס קענען זיין ביכער, וואָס זענען אָנגעלאָדן מיט אידייען און דאָך זאָלן זיי, פון קינסטלערישן קוק־ווינקל, טויגן אויפן פייער — בעת אַנדערע ביכער זאָלן קיין ברעקל „געדאַנק" נישט פאַרמאָגן און דאָך זאָלן זיי געבן גרויסאַרטיק־קינסטלערישן גענוס. וויבאַלד עמעצער זוכט טעאָלאָגיע אָדער מאָראַל —

דאַרף מען אים שיקן אויף אַנדערע אַדרעסן. די וועלט-ליטעראַטור האָט זיך קיינמאָל נישט געגריבלט אינעם ביאָגראַפישן הינטער־טייל פון אַ ליד — כּיידן ווען עמעצער האָט אויך געוואָלט האָבן אַביסל פּיקאַנטע פּאַרוויילונג. ליטעראַרישע ווערק גייען ב אַ ז ו נ ד ע ר , בלויז מיטן כּח פון וואָרט. דער ייִדישער ליטעראַט דאַרף זיין אַ קינסטלער — און נאָר ד אָ ס מעג מען פון אים פאַרלאַנגען.

אַזעלכע טענות וואָלטן געווען אַ דבר המוטל בספק אַפילו אין נאָרמאַלע צייטן, ביי נאַטירלעכע ליטעראַטורן פון שלאַף־איינגעוויגטע פעלקער. דאָך וואָלט זיך עס אפשר געלייגט אויפן שכל אַפילו בנוגע דער ייִדישער ליטע־ראַטור — ווען די אַגיטאַציע אַרום איר זאָל זיך האַלטן אין באַשיידענע ראַ־מען. מיר זעען דאָך אָבער — און פאַרשטייען עס — אַז דער מאָמענט פון ריינער קונסט ווערט אַלץ ווייניקער אַרויסגעהויבן אין איר פּראָפּאַגאַנדע. די כּיבות דאַרף מען מער נישט דערקלערן — בפרט ווען מיר האָבן שוין אַ טייל פון זיי אַרומגעשמועסט. אַפילו דעם געקליבענעם לייענער קען מען שוין כּמעט נישט דערלאַנגען דאָס ייִדישע בוך אויף אַ נאַטירלעכן וועג. גיכער שלעפּט מען אים כּסדר צו דער ר ע ט ו נ ג ס ־ אַקציע. אַפילו דעם עלטערן לייענער־דור וועקט מען שוין מיט פ ר ו מ ע טענער און נאַציאָנאַלע פּיעטעט־מאָ־טיוון. מיר האָבן אָנגעהויבן אַפּעלירן מיט אַ מין וועלטלעכער „עולם הבא״ פאַרן אַריינברענגען דאָס הייליק־ייִדישע בוך אין שטוב אַריין. אַפילו ריין־עראַטישע ראָמאַנען נעמט מען שוין „פאַרקויפן״ ווי נאַציאָנאַל־ייִדישע רעליק־וויעס. דערפאַר איז פּשוט מער נישט מעגלעך אַרויסצולאָזן דעם ייִדישן באַ־ראָמעטער פון דער האַנט און ווי שווער דאָס זאָל אונדז נישט זיין, מוזן מיר זיך פרעגן: מאי קמשמע לן? וואָס קען איר באמת געבן דאָס רעכט אויף אַזעלכע פּרעטענזיעס?

יד. די סכּנה פון נישט זען די סכּנה.

דאָס אַוועקשטעלן די ליטעראַטור ווי דאָס סאַמע־העכסטע אין לעבן פון אַ פאָלק — ווי עס קומט צום אויסדרוק אין אונדזער עגאָצענטרישן שרייב־קרייז — האָט אָפּטמאָל אָנגעוואָרפן אַ פּחד: וואָס וועט זיין, אויב די ייִדישע ליטעראַטור וועט ט אַ ק ע מער נישט באַווירקן דאָס פאָלק? דערפאַר זענען אויך געקומען טרייסטער מיטן סאַמע־עקסטרעמען „טאָמער פאַרקערט״. אויך זייערע טענות קענען באַווירקן: וועמען אַרט עס? למען האמת, איז ייִדנטום בעיקר באַשטאַנען — לויט דער דאַזיקער שיטה — פון אַ געזונטן לעבנס־שטייגער. וויפל מען האָט זיך נישט צעשריבן וועגן סינאָנים „עם הספר״ —

האָבן עס בעיקר געשריבן... ליטעראַטן. דאָס ייִדישע פאָלק איז געבליבן לעבן נ י ש ט דערפאַר, ווייל די ספרים האָבן אַזוי געהייסן — נאָר ווייל עס האָט טאַקע ג ע וו אָ ל ט ל ע ב ן. אַ שריפטלעכער באַפעל קען האָבן השפעה במשך פון אַ דור אָדער צוויי — אָבער נישט אויף קיין טויזנטער יאָרן. בכדי אַ פאָלק זאָל לעבן, מוז עס צי͏ִען חיונה פון לעבעדיקע זאַפטן און נישט פון קיין פּאַפּיר. וויפל ביכער האָבן עס בכלל געלייגט זייער שטעמפל אויף דער מענטשלעכער געשיכטע? עטלעכע... אָבער יעדער מחבר באַזונדער מיינט, אַז אויך ע ר האָט עס באַוויזן. מען קען זיך אַלצדינג אויסלערנען פון אַ בוך — אויסער לעבן. דאָס מוז מען האָבן אין בלוט, אינעם אינסטינקט — און דער דאָזיקער ייִדישער „אינסטינקט" איז ווייטער פאַראַן, אַפילו ווען דאָס פאָלק זאָל פון קיין ייִדישע ביכער נישט וועלן וויסן. טאָר מען דאָס „ליטע־ראַרישע" פּראָבלעם נישט פאַרוואַנדלען אין קיין קיום־פראַגע.

איין כלל, הייסט עס, דאַרף דערביי שטיין פאַר די אויגן: כל־זמן ייִדן וועלן בלייבן ייִדן, וועלן זיי זיך באַזאָרגן מיט די געהעריקע לעבנס־כלים. אויב עס וועט נויטיק זיין, וועט יעדער דור שרייבן די ביכער וואָס ע ר דאַרף האָבן. דווקא אונדזער צייט האָט באַוויזן, אַז ייִדישער קיום איז אַ פאַקט ט ר אָ ץ דעם ייִדישער ליטעראַטור. וואָס וואָלט, למשל און חלילה, געווען — ווען דאָס ייִדנטום זאָל געוועזן לגמרי פאַלגן די ייִדישע ליטעראַטור? דער ציוניזם וואָלט זיכער קיין כח נישט געהאַט צו שאַפן אַ מדינה און דאָס בעסטע פונעם פאָלק ישראל וואָלט איצט וועגעטירט אין די אָרעמס פונעם באַלשע־וויזם. נאָך מער: די ערשטע צוויי דורות חלוצים האָבן רעוואָלטירט סיי קעגן אַלטן ספר און סיי קעגן די מאָדערנע ביכער אין ייִדיש. דאָך איז קיין לאַך אינעם הימל נישט געוואָרן. אָ ן דעם ספר און אָ ן דעם ייִדישן בוך זענען דווקא ז יי אַוועק די ערשטע, בכדי צו שטרעקן זייער לעבן פאַרן ייִדישן פאָלק. דווקא זיי האָבן אַרויסגעוויזן מער ייִדיש־קיומדיקע עקשנות און מסירת־נפש, איידער אַ סך בוך־ייִדן און הייסע קולטוריסטן. מען טאָר נישט פאַרגעסן נאָך אַ פאַקט: בעת די מדינת ישראל איז געשאַפן געוואָרן, זענען טויזנטער ייִדישע ייִנגעלייט — פון אַמעריקע און מערב־אייראָפּע — געלאָפן זי פאַרטיידיקן. אָבער אַלע ווייסן, אַז די מערהייט פון זיי האָבן אַפילו נישט געכאַפּט קיין בליק אין דער ייִדישער ביכער־שראַנק און... אויך נישט געהערט צום באַזונ־געטעם דור פון „רעליגיעזן אומקער". זאָגן אייך אַזעלכע פאַקטן גאָרנישט? טאָ פאַרוואָס זאָל מען מאַכן אַ נאַציאָנאַלע טראַגעדיע פון אָפּגעשוואַכטן יי ד י ש ? באַשר־ובכן אייערע ליטעראַטן טוט עס וויי?

די אַלע ביכער — פונקט ווי ליטעראַטור בכלל — זענען נאָר אַ געווירץ, וואָס האָט באַטעמט דאָס ייִדישקייט אין געוויסע ערטער. דאָס מיינט אָבער

נישט, אַז ייִדישער לעבנס־אינסטינקט קען אָ ן ז יי נישט אויסקומען. ייִדן לעבן איצט אין אַן אַנדער וועלט, מיט ניי־ספּעציפישע אימפּולסן — און זיי קענען זיך מיט יענע מטעמים מער נישט קוויקן די נשמה. ייִדן זענען אַלע־מאָל געווען דאָס גרויסע פאָלק, אויך אָ ן ד ע ם אָדער י ע נ ע ם בוך. אדרבא: ס׳וואָלט געווען אונדזער גרעסטע טראַגעדיע, ווען מיר זאָלן אָפּהענגיק זיין פון ד ע ם ליד אָדער פון י ע נ ע ם ראָמאַן... אַ שייִנער קיום וואָלט דאָס, מישטיינס־געזאָגט, געווען!

אונדזערע ייִדישע דורות האָבן שוין נישט איינמאָל רעוואָלטירט קעגן אַזאַ לעגענדע און אויך היינט איז עס נישט אַנדערש. וועט זיך דאָס גאַנצע פאָלק נישט אַוועקשטעלן שרייען געוואַלט, צוזאַמען מיט די פּאָר שרייבער, ווען בלויז ז יי ע ר וועלט גייט אונטער. אַ געזונטע אומה מוז זיך אַלעמאָל אומקוקן, וווהין זי איז דערגאַנגען און אויף די דאָרטיקע יסודות מוז זי ווייטער בויען איר לעבן. אויב זי געפינט זיך אויף אַ נייעם קאָנטינענט און אין אַ נייעם מצב — מוז זי שאַפן די קיום־מיטלען וואָס זענען איר ד אָ ר ט נייטיק. וויבאַלד די ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך אַליין געלאָזט אַרויסשטויסן פונעם אַקטועלן לעבן, קען עס אפשר זיין טרויעריק. אָבער קריעה־רייסן דאַרף מען נישט... אַנשטאָט אַוועקגעבן ענערגיע אויפן וועקן מתים פון קבר, איז גלייכער צו ווידמען אונדזערע כוחות די לעבעדיקע אויף דער ערד*.

דער איצטיקער ייִדישקייטס־נוסח איז פלאַך? נו, עס איז בלויז אַ פראַגע מיט וועלכע אויגן מען קוקט אויף אים. אויך פונעם אַמאָליקן שטייגער האָט איר זיך דאָך געריסן, ווי פון אַ קייט. כל־זמן איר האָט אים נישט געזען דורך בלויזער נאָסטאַלגיע — נאָר געפילט זיין רעאַלן אָטעם אויף אייער טאָג־טעגלעכקייט — זענט איר דאָך פון אים אַנטלאָפן אויף אַלע פיר. וואָס־זשע טויגן אייערע איצטיקע בענקשאַפט־סערענאַדעס? ווען איר זאָלט זיך נישט געווען רייסן פון דער אַלטער ייִדישקייט — וואָלט היינט נישט געווען קיין ייִדיש אַמעריקע און נישט קיין מדינת־ישראל. מאַכט־זשע נישט קיין אַנשטעל און דערציילט נישט קיין מעשהס, אַז דאָס רעציטירן אַ פּאָר לידער אין אַ פּאַרטייִיש קרייזל האָט געהאַט מער גייסטיקע האַפט ווי אַ בר־מצוה אין אַ היינטיקער סינאַגאָגע, „אָן לייב און לעבן״... זאָל אייער „מאָדערנע״ ליטעראַטור קודם־כל אויפהערן חוזקן פונעם ייִדישן ה יי נ ט ! אַז נישט וועט זי עס באַדויערן, פונקט ווי זי באַדויערט א י צ ט דעם פריִערדיקן חוזק איבערן אַמאָליקן „היינט״. די אַמאָליקע ליבשאַפט צו אייער ייִדישער ליטעראַטור?

* די דאָזיקע אַרבעט איז געשריבן געוואָרן מיט יאָרן פריִער, איידער דוד בן־גוריון האָט אַרויסגעבראַכט ענלעכע געדאַנקען בנוגע דער העברעיִשער ליטעראַטור און אַרויסגערופן אַ גרויסן רעש ביי די ישראל־שרייבער.

גייט שוין, גייט... זעט צו וואָס אַלע גריבלערייען — און פאָרשונגען פון „יעדן אות" אירן — האָבן דערפירט אין סאָוועט־רוסלאַנד...

אויב איר זאָלט זיך האַלטן אין דער מעלה, רעדן באַשיידן, אָנווייזן אויף דעם אָדער יענעם שטריך פון דער פּאָזיטיווער זייט — איז מהיכא־תיתי, וועלן מיר זיך נאָך אפשר דערשמועסן צו עפּעס. אָבער ווי נאָר איר מאַכט דערפון אַ קאַטעגאָרישע לעבנס־פראַגע — ווערט איר לעכערלעך; און מיט לעכערלעכקייט פירט מען נישט קיין וויכוחים.

אַזעלכע אָפּטימיסטן האַלטן, אַז אונדזער ליטעראַרישער טאַראַראַם האָט אינדז בכלל געבראַנגט מער ווינט ווי ווייץ. אדרבא, פאַרן יידישן פאָלק איז אַפילו געזונטער, ווען עס וועט זיך מער נישט אַריינלייגן מיט דער גאַנצער נשמה אין די פּאַפּירן. זאָלן זיך בעסער יידן אָנזען אין לעבן גופא. איין יידישער געווינער פונעם נאָבל־פּרייז, וואָס האָט נאָך דערצו אַ יידיש האַרץ, איז מסוגל צו שטאַרקן דאָס יידישקייט ביי אַמעריקאַנער יוגנט מער ווי טויזנט ביכער. אונדזער וואַרעמען דאָס ליטעראַרישע זכרונות־טעפּל האָט דעם זעלבן טעם ווי איבערגעשטאַנענע גריץ. אלא טייל אַלטע יידן בענקען? זיי טענהן, אַז דער פריערדיקער נוסח האָט געהאַט מער יידישן טעמפּעראַמענט? האָט נאָך קיינער נישט באַוויזן, אַז יידישע „היץ" האָט בלויז מעלות. דער אַמעריקאַנער ייד איז מער גוטמוטיק, פאַרמאָגט אין זיך ווינציקער שפּילקעס — וועט ער נישט שפּאַלטן קיין קעפּ, דערפאַר וואָס דער צווייטער צד איז מיט אַ פּאָליטישער, אָדער רעליגיעזער, האָר אַנדערש ווי ער. בעיקר: דווקא ווייל ער האָט זיך נישט אָנגעזאָפּט מיט די יידיש־ליטעראַריזמען, קען ער זיצן ביים טיש מיט יעדן איינעם און בעת אַ סכנה ווערט פון אַלעמען איין יידישע האַנט. ער פאַרמאָגט ווייניק פּערזענלעכע יידישקייט? אָבער יענע קאָכיקע יידן פון אַמאָל — מיט אַ פּאַרע פון דער אויבערשטער באַנק — האָבן געוווּסט, אַז צדקה מיינט אַ קאָפּיקע. דערצו האָט דער אָרעמאַן טאַקע געמוזט אַליין קומען צו דער טיר. אַז איר ווילט — וועט אייך די יידישע ליטעראַטור גופא באַווייזן, וויפל צביעות און מענטשלעכע פּאַרדאָרבנקייט עס האָט געשטעקט אין דער אַלט־יידישער וועלט. דאָס איז אַ סך ערגער ווי עסן עוף אויף באַנקעטן און לעקן וווּלגאַר די פּעטע פינגער. די צדקה־השגות פון איין רייכן ייד אין אַמעריקע — אָן דער גבורה אין די דראָבנע אותיות — זענען אָ סך העכער ווי ביי הונדערט אַמאָליקע נגידים. טאָר מען אין אַזאַ ניכטערנער צייט נישט אָפּעפירן מיט פאַרלאָשענע עקסטרעמען; נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אויטאָמאַטישע „אַמאָלייקים": אוי, אַמאָל! בלויז אַמאָל זענען מיר געווען אַ לייטיש פאָלק, בעת היינט איז עק וועלט...

אויך אין אַזעלכע טענות פעדעמען זיך אַדורך ברעקלעך אמת צווישן דעם

המון פון אומריכטיקע הנחות. די גרעסטע טראַגעדיע פון דער ייִדישער לי־טעראַטור זענען טאַקע געווען אירע עקסטרעמיסטן; יענע שרייבער, וואָס האָבן מיט אַזוי ווייניק וויסן און אידיי זי געוואָלט פאַרוואַנדלען אינעם וויכ־טיקסטן שופר פון ייִדישן גייסט. זיי האָבן זי געוואָלט אַרויסשטעלן ווי דאָס איינציקע פאַרמעגן פונעם פאָלק — העכער ווי אַלצדינג וואָס אונדזער גע־שיכטע האָט אָנגעזאַמלט. דערפאַר האָט געמוזט קומען די רעוואָלטירנדיקע קעגן־רעאַקציע, דער ביטול, די אַנטוישונג.

אָבער יענע אָפּטימיסטן פונעם אַנדערן צד פאַרגעסן אין גאַאייל, אַז דער דראַנג צו מסירת־נפש ביי די „ביכערלאָזע״ דורות האָט זיך פאַרט גענערט, שטילערהייט, פון געווירשנטע ספרים־חלומות. די דאָזיקע יוגנט האָט טאַקע פאַר זיך אַליין קיין ביכער נישט „געדאַרפט״ — אָבער זי האָט פון זיי גע־צויגן חיונה דורך אומדירעקטער השפעה. פון דער פּוסטער לופט וואָלטן די דאָזיקע נייע קרייזן קיין ייִדישן ברען נישט געהאַט.

נאָר אַפילו ווען מיר זאָלן מודה זיין אינעם כח פון אינסטינקטיוו־נאַ־ציאָנאַלן אימפּולס — איז ער בלויז בכח מיטצורייסן איינעם אָדער צוויי אי־דעאַליסטישע דורות. שפּעטער בלייבט ווייניק־וואָס פאַר קינדער און קינדס־קינדער. די סכנה פון אַזעלכע „ליטעראַטור־לאָזע״ טענות באַשטייט דערין, וואָס זיי ווילן זיך צופיל פאַרלאָזן אויף דער ייִד־אינערציע. זיי דינען צום ווינט — און וויבאַלד ער וועט נעמען בלאָזן אין דער פאַרקערטער ריכטונג, וועט אַלדאָס־ייִדישע פאַרפלײַען מיטן זאַמד. די דאָזיקע ריכטונג — וואָס האָט זיך בעיקר געלאָזט דערקענען אין מדינת ישראל — באַטראַכט זיך פאַר ראַ־ציאָנעל. אָבער פאַקטיש איז זי זיך סומך אויפן מיסטישן נ צ ח   י ש ר א ל. מיר וואָלטן זיך אפשר געקענט אָנשליסן אויף אַ ווייל אינעם דאָזיקן געדאַנק -- ווען ייִדן זאָלן נאָר בלייבן שטעקן אין אַ ליידיקן חלל. דאָס מיינט: ווען מיר זאָלן זיין אַ ל יי ן אויף דער וועלט און לאָזן דעם ייִדישן אינסטינקט טון דאָס זייניקע. דאַן וואָלט אפשר דער „נצח ישראל״ באַוויזן גבורות אָ ן דער הילף פון אַ צעצווייגט־אידייִשער ליטעראַטור. למעשה עקזיסטירט אָבער נישט אַזאַ מעגלעכקייט און דער הייַנטיקער ייִד שטייט נישט פאַר קיין נאַקעטער קאָנפראָנטאַציע מיט זיין קיום. אויב אַפילו ע ר וועט זיך אָפּזאָגן פון זיין ליטעראַרישן מעדיום — וועט זיך די „איבעריקע וועלט״ פון אים נישט אָפּזאָגן. קיין הוילער וואַקום וועט נישט בלייבן — און דאָס אָרט פון דער ייִדישער שריפטלעכקייט וועט פאַרנעמען די גרויסע וועלט־ליטעראַטור, סיי מיט אירע קריסטלעך־ציוויליזאַטאָרישע אַקצענטן און סיי מיט איר אַלגע־מיינער טענדענץ. אָן דעם שטאַרקן ווידערשטאַנד פון אַ ייִדיש־געצילטער לי־טעראַטור, קענען זיי דערשטיקן יענעם מיסטישן „אינסטינקט״ און אַרויפ־צווינגען דעם מעכטיקן אויפלייז.

די סכנה פון גלאָריפיצירן די קולטור־אָפּגעריסנקייט פון אייגענעם קוואַל — דווקא אין נאָמען פון נאַציאָנאַל־אידייִשע אינטערעסן — האָט שוין באַוויזן איר האַרבקייט אַפּילו אין אַזאַ ייִדיש־צוגענאָגלטער געזעלשאַפט ווי מדינת ישראל. ד ע ם עקספּערימענט האָבן מיר שוין פּאַקטיש מיטגעמאַכט — און קענען זען זיינע ערשטע רעזולטאַטן. עס איז, בכן, נישט כדאי צו פירן דעם קאַמף דורך ווערטער — וויבאַלד עס זענען שוין געקומען פאַקטן און באַוויזן, ווי שעדלעך אַזאַ טעאָריע ווירקט זיך אויס. במילא איז שוין אויך צייטיק דער געדאַנק פון ברענגען דעם אָביעקטיוון סך־הכל פון דער ייִדישער ליטעראַטור אויך פאַרן נייעם ישראל־דור. זאָלן לכל הפּחות די אומשולדיקע תלמידים זי נישט קענען אָפּוואַרפן מיט אַ רויק געמיט און נאַציאָנאַלן הכשר. אָבער דאָס מוז געטון ווערן אָן געשוואָלענע גוזמאות. אַנדערש — קענען מיר פאַרלירן די לעצטע געלעגנהייט.

טז. צוויי פליגל.

די צופיל־זיכערע „זעלבסטשטענדיקייט" פון דער ייִדישער ליטעראַטור — און די אילוזיעס, וואָס זי האָט אַרויסגערופן — האָט היפּש מיטגעווירקט צו דער היינטיקער טראַגעדיע. ווער עס האָט דער ערשטער אָפּגעטיילט די ייִדישע ליטעראַטור פון דער העברעיִשער — האָט ב יי ד ן געטון אַ בערישע טובה. דאָס איז נישט דערפאַר — ווי עס איז שוין אַזויפיל מאָל געזאָגט געוואָרן — וואָס ביידע זענען אייגנטלעך א יי נ ס , נאָר דווקא צוליבן פאַרקערטן.

אַ שטיקל אַריינבליק אין ביידנס וועג באַווייזט אונדז, וויאַזוי יעדער איינער פון אונדזערע ליטעראַטורן איז באַשערט געווען אַ באַזונדער שטח — און וואָס איינע האָט פאַרפעלט איז ביי דער צווייטער געוואָרן אַן עיקר. ביידע צוזאַמען קענען בכן מיט זיך פאַרשטעלן דאָס ייִדישע קולטור־פאַרמעג, בעת יעדע פאַר זיך אַליין בלייבט הענגען אין עפּעס אַ מ י ט ן. בלויז עטלעכע ביישפּילן:

אַ ברייטערער אויסשפּיר פון דער ייִדישער שרייב־קונסט מוז אונדז פירן צום תנ"ך — און וויפל מען האָט שוין נישט געשריבן וועגן דער פּאָעזיע פון אונדזער אייביקן ספר, איז זיין יסוד אַ „דערציילערישער". די השפּעה פון תנ"ך אויף דער העברעיִשער ליטעראַטור וואָלט בכן — און לכל הפּחות — געדאַרפט אָנרעגן צו „פּראָזע" אין דער זעלבער מאָס ווי צו „פּאָעזיע". עס איז בכן קיין וווּנדער נישט, וואָס די תלמודישע תקופה באַווייזט אונדז ווונדערלעכע מוסטערן פון דערצייל־קונסט. דערויף זענען עדות אומציילִיקע אגדות

אין מדרשים. סיי דער תנ״ך און סיי די תלמודישע ליטעראַטור האָבן געלאָזט פאַר ווייטערדיקע דורות געננג מעכטיקע כלים פאַר שלייפן אַ דין־איידעלע פּראָזע אויף העברעיִש.

אָבער דאָ איז געקומען אַן אומפאַרשטענדלעכע ענדערונג: אַ קורצע צייט נאָכן שליסן דעם תלמוד, האָט די העברעיִשע שריפט־וועלט פאַרלוירן דעם וועג צום קינסטלערישן „דערציילן״. במשך פון קנאַפּע טויזנט יאָר האָבן מיר כמעט ווי נישט באַקומען קיין איין ספר, וואָס זאָל אונדז געבן אַ טיף בילד פון צייט און מענטשן. אַזאַ רעטעניש ווערט נאָך גרעסער, בעת מיר דערמאָנען זיך: דאָס איז באַין אופן נישט געווען קיין פּועל־יוצא פון פאַרלירן דעם חשק צום קינסטלערישן וואָרט. דווקא אין דער לאַנגער תקופה פון דער־ציילערישער שטומקייט זענען ביי אונדז אויפגעקומען די גאַניאַלסטע מייס־טער פונעם העברעיִשן ליד, שרייבער פון דענקערישע ווערק און פרעציזע אַנאַליטיקער פון דער אַנטוויקלטער הלכה.

וואָס זענען די סיבות פאַרן נעלם ווערן פון א יי ן קונסט־צווייג, בעת די אַנדערע וואָרט־סעקציעס האָבן זיך גאָר מעכטיק צעבליט? לאָמיר עס לאָזן פאַר קולטור־היסטאָריקער און זיך נאָר באַגרענעצן צום אַנגעבן פאַקטן: אַ גע־ניטער מענטש קען זיך גאָר לייכט שאַפן אַ קלאָר בילד פון ייִדישן לעבן אין די ערשטע יאָרן פון דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג. דערויף האָט ער די תלמודישע ליטעראַטור. עס וועט אים אָבער אָנקומען ביטער און שווער צו שאַפן זיך אַזאַ בילד וועגן אַ שפּעטערדיקער תקופה. די גאונים־צייט, למשל, — וואָס איז אונדז צייטלעך נענטער — איז פאַר אונדז מער פאַרנעפּלט ווי די עפּאָכע פון ר׳ עקיבא און ר׳ מאיר.

זיכער קלאָגן מיר זיך, אַז מיר האָבן אייגנטלעך נישט קיין פולע פאָלקס־געשיכטע נאָר אַ היסטאָריע פון ליטעראַטור, רדיפות און קינות. אָבער וואָס קען מען זיך דען העלפן, אויב גאַנצע יאָרהונדערטער און זייער ר ע אַ ל לעבן זענען ביי אונדז נאָר געבליבן פּיקסירט אין געציילטע כראָניק־ספרים אָדער אין הלכה־רמזים?

וואָס די סיבות זאָלן נישט זיין — האָבן מיר פון לאַנגע יאָרהונדערטער אַ שלל מיט פּאָעטישע ריזן און דענקער. אָבער קיינער פון זיי האָט נישט גע־האַלטן פאַר נויטיק איבערצולאָזן אַ גרינטלעכע שילדערונג פון זייער צייט. די דאָקומענטן פונעם טעגלעכן לעבן מוזן מיר זיך צונויפשטיקעווען פון ברעק־לעך אין שאלות־ותשובות, קינות און לאָקאַנישע פאַרצייכענונגען אין בריוו אָדער הקדמות.

די ספרים־ריי, זינט דער תלמוד־צייט, איז מעכטיק אויסגעוואַקסן. אָבער די רש״י׳ס, רמב״מס, רבינו גרשומס, ר׳ יהודה הלויס, אבן־גבירולס, אבן־

תיבונס — און אַפילו ר׳ משה חיים לוצאַטאָס — האָבן כמעט ווי אויסגעמיטן דאָס פולע לעבן פון זייער עפּאָכע. מיר מוזן אָקערן צווישן די שורות פון הונ־דערטער ספרים, איידער מיר שטעלן זיך צונויף דאָס מינדסטע בילד.

די דאָזיקע דערשיינונג לאָזט זיך מערקן כמעט ביז צום אויפקום פון דער נײַ־העברעיִשער ליטעראַטור. אָבער אַפילו ווען עס איז שוין אָנערקענט גע־וואָרן די חשיבות פון שילדערן, האָט זיך די דורות־לאַנגע טראַדיציע היפּש אָנגעזעצן אין דער מאָדערנער ליטעראַטור אויף העברעיִש: תיכּף ביי אירע ערשטע טריט, האָט איר פּאָעזיע געגומען באַוויזן וווּנדער. דאָס איז נישט קיין חידוש, ווען מען דערמאָנט זיך וויפל לשון־מייסטער זי האָט געהאַט פאַר רביים. דאַקעגן איר פּראָזע האָט זיך — כמעט ביזן אַריינפאַר אין צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט — נישט געקענט באַפרייען פון שטאַמלעניש. דער קינסט־לערישער חילוק צווישן פּאָעזיע און פּראָזע אין דער קלאַסיש־העברעיִשער לי־טעראַטור רייסט פשוט דאָס אויג. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס דערציילער האָט זי געהאַט ווייניק — און במשך דריי־פערטל יאָרהונדערט קען מען קוים אָנווייזן אויף אַ צענדליק גאַנצע ראָמאַנען — בעת אירע פּאָעטן האָבן זיך געציילט אין די צענדליקער.

יאָ, דערויף איז שוין פאַראַן דער פשוטער תירוץ: העברעיִש האָט במשך פון יאָרהונדערטער נישט געהאַט קיין „קאָנטאַקט" מיטן פאָלקס־לעבן און במילא נאָר געבליבן אַן אינסטרומענט פון יידישן האַרץ און אייביקייטס־מחשבות. דערפאַר האָט זי, בעת איר מאָדערנער באַנייונג, נאָר געקענט זינ־גען אָבער נישט זאָגן; אַרויסברענגען דעם העכערן צער און די איבער־וועל־טישע פרייד פון יידישן געמיט — אָבער שילדערן דאָס טאָג־טעגלעכע איז געווען איבער אירע כוחות. דערויף האָט זי שוין געדאַרפט אַ צווייטן שריפט־מעדיום. אָבער אויך אַזאַ פאַרשטענדלעכע סברא האָט זיך אירע רעטענישן. פאַרוואָס טאַקע האָט די ספרים־וועלט — וואָס האָט זיך אויסגעלעבט אין העברעיִש — נישט באַשאַפן דעם „טעגלעכן" קלימאַט? און צי דען האָבן די הלכה־ספרים — וואָס האָבן געהאַט צו טון מיטן אַ ק ט ו ע ל ן פּסק־דין — נישט פאַרצייכנט אַלערליי סכסוכים און געשעענישן אין תנכישן אָדער גמרא־דיקן לשון? טאָ פאַרוואָס איז דערפון נישט אויסגעוואַקסן קיין קינסטלערישע טערמינאָלאָגיע, פונקט ווי אין דער וווּנדערלעכער פּאָעזיע?

נאָר וויבאַלד מיר קערן זיך אום צו די פאַקטן, זעען מיר: אַפילו די נײַ־העברעיִשע קלאַסיקער זענען נאָר גרויס געוואָרן אינעם ל י ד — אָדער בעתן אָוועקוואַנדערן בעלעטריסטיש צו דער תנ"ך־סביבה. מיט ז יי ע ר צייט האָבן זיי זיך קוים געקענט משדך זיין. דערפאַר אָבער האָט די נײַ־יידישע ליטע־ראַטור געהאַט אַ פונקט־פאַרקערטע אַנטוויקלונג: וויפל זי האָט זיך נישט

באַמיט, בעת איר בראשית, אַריינצופּאַנגען דאָס שטאַרקע ליד — און אויס־שפּילן אויף ייִדיש דעם גרויס־פּאַטעטישן ניגון — איז עס איר במשך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט נישט געלונגען. לא די וואָס זי האָט נישט דערגרייכט דעם גאָלדענעם טאָן פון עלטערע צייטן, איז איר ליד אַפילו נישט דערגאַנגען צו די העברעיִשע מייסטער פון איר אייגענער צייט. מען קען בלויז מאַכן אַן אויסנאַם פאַרן חנעוודיק־נאַטירלעכן פ אָ ל ק ס ־ ל י ד, וואָס העברעיש האָט אויך דאַן נ י ש ט באַוויזן צו שאַפן — ווייל דער פאָלקס־טאָן האָט שוין געוואָרצלט אינעם טעגלעכן חלום פונעם מאַסן־מענטש און ע ר האָט בלויז געדאַוונט אין העברעיִש. נאָר צום חילוק צווישן פּאָעזיע און פּראָזע בכלל — האָט עס אַ קנאַפּע שייכות.

דערפאַר אָבער האָט זיך די קלאַסיש־ייִדישע ליטעראַטור תיכף־ומיד דערשפּירט היימיש מיט דער שילדערונג, ווי נאָר זי איז געקומען אין באַריר מיט דער קינסטלערישער פּעדער. אירע קלאַסיקער זענען בעיקר געווען פּראָזאַיקער, בעת די העברעיִשע קלאַסיקער זענען געווען פּאָעטן. די ייִדישע קלאַסיקער — מיטן וווּנדערלעכסטן פּראָזע־טאָן אין ייִדיש — האָבן קוים עפּעס דערזאָגט אין זייער ליד; און פּונקט אַזוי וואָרט־אָרעם זענען געוואָרן טייל מעכטיקע קלאַסיקער פון העברעיִש, בעת זיי האָבן זיך צוגערירט צו דער אומבאַפליגלטער פּראָזע.

דאָס איז געשען אין אַ תקופה, ווען די מערהייט פון ייִדישן פאָלק האָט געלעבט אין פּוילן און רוסלאַנד; ווען דאָרט זענען פאָרגעקומען די געוואַל־טיקסטע ענדערונגען אינעם ייִדישן לעבן. מען קען זיך קוים פאָרשטעלן ווי אָרעם מיר וואָלטן געווען אין רייך־קינסטלערישע, אָדער צייטלעך־דאָקומענ־טאַרישע, בילדער פון אונדזער נאָענטן עבר — ווען די דאָזיקע עפּאָכע זאָל געווען בלייבן פאַר העברעיִש אַליין. שוין נאָך אַלע אירע פּרוּוון, אין אַ צאָל פּראָזאַיִשע ווערק, צו געשטאַלטן דעם ייִדישן ה ו ה — איז איר כח פאַר־בליבן שטעקן אינעם זינגעוודיק־ווייטן עבר, אָדער וויזיאָנערן עתיד. דערפאַר טאַקע האָט די ייִדיש־קלאַסישע ליטעראַטור געקענט פאַרנעמען אַזוי לייכט דאָס גרויסע אָרט און דעראָבערן דאָס האַרץ פון דור.

ס׳האָט אויסגעזען, אַזויווי די געהיימע האַנט פון ייִדישן גורל אַליין האָט דאָ איינגעטיילט די ראָלן: געלאָזט פאַר יעדער איינער פון די נאַציאָ־נאַלע לשונות איר אייגן און באַזונדער ווינקל — בעת ביידע האָבן זיך געריסן צום נייעם שליאַך פון מאָדערן־ייִדישער שאַפונג — און איינע זאָל שפּעטער נישט קענען פאַרלייקענען די צווייטע, אינעם קאָנקורענץ־געיעג פון אַ רעאַ־ליסטישער עפּאָכע.

ווי נאָר מיר וואַרפן אָפּ די אַבסורדאַלע טעזע, אַז אַ פאָלק קען לעבן אַן

אַ זכרון, האָבן מיר שוין פאַר די אויגן די גרויסע ווערט פון דער ייִדישער ליטעראַטור: איר אָפּהיטן פאַר אונדז דאָס בילד פון אַ באַנבערעכעריש־ייִדישער תקופה, בעת העברעיִש איז עס נישט בכח געווען. אמת: די העברעיִשע ליטע־ראַטור האָט בשעת־מעשה עוסק געווען אין דברים העומדים ברומו של עולם; זיך אָפּגעגעבן מיט נאַציאָנאַלן פּאַטאָס און במילא נישט געלאָזט פּאַרזונקען אין הוילן קאַבצאַנסק אָדער טונעיאַדעווקע. טאַקע דערפאַר בלייבט זי אַ מעכ־טיקער פליגל, בעתן נאַציאָנאַלן אַדורכפּלי איבער אַ צעשטורעמטער צייט. נישט מער: אָן דעם צווייטן פליגל פון דער פּראָזע אין ייִדיש, בלייבט זי אָפּגעריסן פון דער לעבעדיקער פאָלקישקייט אין אַ וויכטיקן אָפּשניט פון ייִדישער געשיכטע.

טז. אויף באַזונדערע פּאָזיציעס.

אַז דאָס קינסטלערישע בילד האָט זיך שפּעטער פאַרענדערט, פאַרשפּאַר איך אַפילו צו דערציילן. ביסלעכווייז האָט זיך העברעיִש דערשלאָגן צו הויך־קינסטלערישער פּראָזע, בעת ייִדיש האָט זיך אויסגעמייסטערט אַ גרויסע פּאָע־זיע. אדרבא: וואָס שייך דער דאָזיקער צעטיילונג, האָבן זיך די ראָלן כמעט ווי געטוישט. די ייִדישע ליטעראַטור איז אַלץ מער און מער איבערגעגאַנגען צום ליד — און דאָס איז היינט כמעט איר שעפערישסטע צווייג. דאַקעגן דאָס נייע העברעיִש האָט אַ שפּאַן געטון צו אַ צעכוואַליעטער פּראָזע, הגם איר שוואַכ־קייט אויפן דאָזיקן געביט לאָזט זיך שפּירן עד־היום. אָבער דאָס האָט שוין אַ שייכות צו דער געענדערטער לאַגע אינעם ייִדישן פאָלק בכלל — ובפרט צו זיין שפּראַכלעכן מצב. אַרום העברעיִש איז אָנגעוואַקסן אַ ייִנג־דינאַמישע רעאַליטעט און זי האָט זיך געריסן צום אויסדרוק. ייִדיש אָבער האָט אָנגע־הויבן פאַרלירן דעם רעאַליסטישן באָדן — זאָל אַפילו זיין פון בלויזן שטעטל־שטייגער — און במילא געמוזט אָנקומען צום נאָסטאַלגיע־מעדיום. וואָס האָט מער מעגלעכקייטן אינעם ליד.

אָבער ווען מיר קערן זיך אום צו דער געשיכטלעכער ירושה, איז שוין מעגלעך צו מאַכן אַ געוויסן אויספיר: אין דער איבערגאַנגס־תקופה פון ספר צו בוך (וואָס דאָס האָט בלויז סימבאָליזירט דעם איבערגאַנג פון פרומער ייִדישקייט צו סעקולער־נאַציאָנאַלער) האָט יעדע פון אונדזערע צווי קלאַסי־שע ליטעראַטורן אַדורכגעפירט אַזאַ שליחות, וואָס די אַנדערע האָט נישט געקענט: העברעיִש האָט זיך באַוועגט אין די רוימען פון גרויס־ייִדישן חלום, בעת ייִדיש האָט איינגענומען די פעסטונג פון דער ייִדישער וואָר.

היות ווי יעדער גענעראַליזאַציע איז געפערלעך — ובפרט ווען עס גייט

אין צוויי גרויסע ליטעראַטורן — מוז איך נאָכאַמאָל דערמאָנען וועגן אויסנאַמען אויף ב יי ד ע זייטן. אָבער שוין נאָך אַזאַ עלעמענטאַר־מענטשלעכער באַוואָרענישׂ קען מען זאָגן: די ניי־העברעיִשע ליטעראַטור האָט זיך (כמעט ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה) בעיקר אָפּגעגעבן מיטן עבר אָדער דער צוקונפט פון ייִדן. אָבער די ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך, על פּי רוב, אָפּגעגעבן מיטן ייִדישן אַ י צ ט. אַפילו אירע היסטאָרישע מאָטיוון זענען באַלויכטן געוואָרן דורכן אַקטועל־סימבאָלישן לייכטער. אויב זי האָט כמעט ווי נישט באַמערקט דעם אידעאַליסטישן ציוניזם, איז ער אָבער נישט געבליבן קיין ליידיק בלאַט אין אונדזער קולטור בכלל — ווייל די העברעיִשע ליטעראַטור האָט דעם דאָזיקן ציל שוין נאָכבאַגלייט מיט גרויס פּאַרליבטקייט. פּונעם בליק אויף ייִדישן שאַפן בכלל, ווי אַן אויסדרוק פון א יי ן פאָלק, איז דער שאָדן סוף־כל־סוף אויסגעגליכן געוואָרן. עס איז אַפילו, היסטאָריש־אינטויטיוו, פאַרמיטן געוואָרן קינסטלערישע דופּליקאַציע. ייִדיש האָט געהאַלטן אַן אויג אויפן ייִדישן מ ע נ ט ש פון אומעטום — בעת העברעיִש האָט אים נישט געוואָלט (און אפשר נישט געקענט) דערזען, אָדער געקוקט אויף אים מיט וויזיאָנערן ביטול.

די ייִדישע ליטעראַטור האָט טאַקע נישט באַגלייט די איידעלע חלוצים־מחנה קיין ציון, בעת די העברעיִשע איז איר נאָכגעגאַנגען מיט געזאַנג. דערפאַר אָבער איז די ייִדישע ליטעראַטור מיטגעגאַנגען נאָך אַלע עמיגראַנטן־מחנות ביז עק וועלט — בעת די העברעיִשע ליטעראַטור האָט צו זיי נישט געהאַט די רחמימדיק־נאַציאָנאַלע סבלנות. עס זענען געווען צייטן, ווען מיליאָנען ייִדן האָבן זיך געטראָגן אין מרחקים און כמעט גאָרנישט גענומען מיט זיך, אויסער קענטשאַפט פון ייִדישן לשון. וויאַזוי וואָלט אויסגעזען דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום בין תקופה לתקופה, ווען מ׳זאָל זיך בלויז געווען פאַרלאָזן אויף דער העברעיִשער ליטעראַטור — אַז זי וועט שפּייזן די ייִדישע נשמה? וואָס וואָלט פּאַסירט, ווען די ייִדישע ליטעראַטור זאָל חלילה נ י ש ט געווען מיטשפּרייזן אין אַלע פּאַרוואָרפעניש — ווו רעליגיעזע דינים האָבן פאַרלוירן זייער כח און דאָס העברעיִשע וואָרט האָט כמעט קיינעם נישט געדינט?

זיכער פעלן היינט נישט קיין רעאַליסטן, וואָס שטעלן די פראַגע: אָבער וו אָ ס האָט זיך דערפון אויסגעלאָזט? אַט זעען מיר דאָך דעם אַמעריקאַנער ייִד אין אַן אַנדערן גלגול! זיי פאַרגעסן אָבער, אַז אויך דאָס „אַנדערע” ייִדנטום פון היינט האָט געמוזט וואַקסן פון ערגעץ; מאָראַליש געשיצט ווערן פון עמעצן אין דער סאַמע־געפערלעכסטער צייט פון אינערלעכער תוהו־ובוהו. אויב עס האָט זיך בכלל אָפּגעשטעלט אַ ייִדנטום אין די אַמעריקאַנער לענדער — וואָס איז נישט צעקראָכן געוואָרן לגמרי אינעם גרויסן שמעלץ־טאָפּ,

אָדער אין דער הפקרות פון נויט און גאַטלאָזיקייט — האָט אין דעם גאָר אַ גרויסן חלק די גייסטיקע השפּעה פון דער ייִדישער ליטעראַטור, שוין נאָך אַלע אירע בלאָנדזשעניש. אויב עס איז איצט מעגלעך געוואָרן אַזאַ אומקער צו טראַדיציאָנאַליזם און צו דער לעבעדיקער מדינת ישראל — מעג מען דאָס, אין אַ גרויסער מאָס, פאַרדאַנקען דער ייִדישער ליטעראַטור. זי האָט אָנגעהאַלטן אַ ליכטיק פּייערל אין אַ דור, וואָס קיין ספר און קיין חלום פון אייגענער ערד האָבן נישט געקענט האָבן אויף אים קיין השפּעה. די העברעיִשע ליטעראַטור — אַוודאי נישט...

איך וואָלט געזאָגט, אַז די געניאַל־מיסטישע האַנט פון ייִדישן גורל האָט דאָ פאַרטיילט פּאַסיקע ראָלן פאַר יעדער אַקט פון ייִדישן קיום — הגם די שפּילער אויף דער „סצענע" האָבן דאָס בשעת־מעשה אפשר נישט געשפּירט; נישט אַדורכגעפירט זייער שליחות מיטן גאַנצן באַוווסטזיין. דערביי איז די עמיגראַציע קיין צפון־אַמעריקע, וואָס די ייִדישע ליטעראַטור האָט איר אַזוי־פיל געגעבן בעת די פאַרמירונגס־יאָרן, נאָר אַ משל פון באַזונדערער בולטקייט. פּשוט: ווייל אַהער האָט זיך געצויגן דער גרעסטער שטראָם. דער אויספיר איז אויך גילטיק פאַר לאַטיין־אַמעריקע און אַנדערע ווינקלען, וווּהין די ייִדישע מחנות האָבן געצויגן. קיין שעפעריש־געזונטע אָרטאָדאָקסיע האָט אַהין נישט מיטגעוואַנדערט און בלויז דאָס ליטעראַטור־פּייערל אויף ייִדיש האָט געקענט דערוואַרעמען דאָס פאַלקישע האַרץ; אָנהאַלטן ייִדישן גלי.

איך גלייב באמונה שלימה, אַז די ייִדישע געשיכטע האָט אַ „סיסטעם"; אַ מין באַזונדערע פּראָפילאַקטיק, דורך וועלכער זי פאַרהיט פון אונטערגאַנג און היילט כל־המינים ווונדן. איינע פון אירע שטאַרקסטע רפואות איז אויך געווען דער אויפקום פון ייִדיש און איר ליטעראַטור — פאַר אַזעלכע ייִדישע אברים, וואָס קיין שום אַנדער הייל־מיטל האָט זיי נישט געקענט העלפן... און אַז מיר האַלטן ביי אַזאַ „מיסטישן" אַרגומענט, וויל איך שוין אויסדריקן נאָך אַן אַפּיקורסות:

צווישן אונדזערע פאַרוואָרפן האָבן מיר אויך דערמאָנט דעם גרויסן חטא פון נאָכלויפן דער קאָמוניסטישער פּויסט. כ'דאַרף אפשר לגמרי נישט דערקלאָרירן מיין אייגענעם אַנטי־קאָמוניזם, בכדי צוצוגעבן: אונדזער הייַנטיקער דור האָט זיכער אַלע רעכט אויפצושוידערן פונעם דאָזיקן פאַקט. ווער קען אָבער וויסן, ווי אַזוי דאָס וועט אויסזען אין דער ווייטער געשיכטע? לאָמיר זיך בלויז דערמאָנען:

אַ בלוטיקע הפקר־איבערקערעניש, וואָס רייסט אויף אין פאַרביטערט־ייִדישע מאַסן אַלע שלעסער; אַן עפּאָכע ווען מענטשלעך לעבן און ייִדישע געדענקשאַפט שפּילן נישט די מינדסטע ראָלע; אַ רעזשים וואָס ליקווידירט בתי־

מדרשים צוזאַמען מיט ציוניסטישע קלובן; וואָס מאַכט נישט קיין חילוק צווישן אַן אַלט ספר און אַ מאָדערנעם באַנד העברעיִשע שירים; אַ מאַכט וואָס ווישט־אָפּ, תיכף ביי אירע ערשטע טריט, אַלץ וואָס געהער זיך אָן מיטן נאַציאָנאַלן קולטור־באַגאַזש... וואָס האָט געקענט בלייבן, ווי אַ יִידישער זכר, פאַר אַ דור אין צעמישעניש? וואָס האָט געקענט באַלייכטן, מיט אַ ברעקלדיק פלעמל, יענע כוואַליע יִדן — וואָס זענען אַריינגעשליידערט געוואָרן, אָדער אַליין אַריינגעקראָכן, אין אַזאַ הפקרדיקער שכרות?

הײַנט מעג אונדז עקלען פון יעדער אות אין דער יעווסעקישער ליטעראַטור אויף יִדיש. אָבער דאָס געשיכטלעכע אויג אין די ווייטקייטן וועט דאָרט אפשר דערזען נאָך עפּעס. ליובאַוויטשער חסידות אין די קעלערן — האָבן בלויז געקענט פראַווען געצײַלטע. אָפּהיטן אַ העברעיִש וואָרט אין געהיים, האָבן נאָר געקענט שטאַרקע כאַראַקטערן — מיט אַ גרייטקייט צו מסירת נפש. אָבער וואָס איז מיט די רוישיקע מאַסן — וואָס האָבן נאָך דאָס קליינע פּינטעלע ייִד אין האַרץ, אָבער זיי קענען דערפאַר נישט גיין אין פייער? אָט־דער חלק פון סאָוועטישן יִדנטום האָט נאָר באַקומען אײַן לעגאַלע מעגלעכקייט צו זען אַ יִדיש אות פאַר די אויגן. אין אַזאַ מוראדיקער תפיסה, איז אויך דאָס אַ וויכטיקער פאַקטאָר.

דער טראַגישער און מיאוסער סוף? זיכער געדענקען מיר אין דעם. נישט איין אילוזאָרישע תקופה האָט זיך ביי אונדז טראַגיש פאַרענדיקט. אָבער דערווייל האָבן עטלעכע צענדליק ליקווידאַציע־יאָרן געטראָגן אויף זיך אַ שטיקל יִדישן חותם — הגם אין אַ פאַרקריפּלט־פאַסקודנער פאָרם. אין די געפּערלעכסטע אויפלייזונגס־יאָרן איז אַ געוויסן טייל פון סאָוועטישן יִדנטום געגעבן געוואָרן אַ שוואַכער שאַנס לכל־הפחות אָנצוקוקן יִדישע אותיות; צו דערמאָנען זיך דורך שענדלעכע הינטערטירן אין אַ פסוק, אַ יִדישלעכן זאַץ, אַ לצישע קאַריקאַטור פון יִדישן אייגנס. קיינמאָל איז אפשר נישט געווען אַזוי ביטער־ערנסט דער אָנזאָג פון „וראיתם אותו וזכרתם‟ ווי אין סאָוועטרוסלאַנד: דערמאָנען זיך דורך אַ רמזדיק זען...

אויך אין דעם גיהנום האָט די יִדישע ליטעראַטור באַוויזן צו מאַכן עטלעכע נאַציאָנאַלע שריט — הגם דאָס אייז איז געווען אַזוי דין, אַזוי גליטשיק און... שמוציק. דערווייל קענען מיר נאָך נישט וויסן, וויפל יִדן האָט דאָס בלויזע קלאַמערן זיך אינעם יִדישן אות געראַטעוועט פון לגמרי׳דיקן פאַרגעסן. עס איז אָבער זיכער, אַז אַפילו די קרענקלעכע האַוועניש אַרום אַן אייגענער קולטור — אין אייביקער אינקוויזיציע־שרעק — האָט אַביסל אָפּגעהאַלטן דעם פולן חורבן. אָן דער ערשטער קאַפּיטולאַציע, בכדי צו דערהאַלטן אַ בערגל יִדישע ווערטער, וואָלט שפּעטער נישט געקענט מעגלעך

זיין קיין געהיטענע דערמאָנונג פון בר־כוכבא, ר׳ עקיבא, חנה מיט די זיבן זין, דוד הראובני — און אַנדערע נאַציאָנאַלע רמזים — וואָס האָבן מיט ווייטן עכאָ אָפּגעהילכט אין האַרץ פון סאָוועטישן ייִד. עס וואָלט אַ סך שווערער געווען צו געדענקען אַ ליקווידירט אות פון 1918 ווי בעת דאָס זעלבע אות איז ערשט אָפּגעמעקט געוואָרן מיט דרייסיק יאָר שפּעטער.

זענען די יעווסעקישע מנהיגים דאָס אויסן געווען? זיכער נישט. אָבער ווען מיר באַטראַכטן דעם ענין געשיכטלעך — איז אונדז אַ קנאַפּער חילוק, וועלכע פיגורן די ייִדישע געשיכטע האָט זיך אויסגעקליבן, בכדי אָנצוהאַלטן דורך זיי דאָס מינדסטע פלעמל. נישט אַנדערש איז עס מיט דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור בכלל: זי האָט טאַקע געפעלשט און געליגנערט אויף וואָס די וועלט שטייט — אָבער אַפילו *דאָס* גופא האָט אונדז עפּעס געגעבן. ראשית כל, האָט איר געפעלשט פּנים באַוויזן די אומשטענדן פון ייִדישן לעבן אונטער דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור. אַ בלויז *שווייגן* האָט עס אונדז נישט געקענט דאָקומענטירן. והשנית, וועט אַמאָל אפשר מעגלעך זיין אָפּצושיילן אַלע פּאַסקודנע הויטן פון איר און פון דאָרט אויסגראָבן נישט איין געזונטן קערן. *עפּעס* וועט פאָרט בלייבן, וואָס זאָל אונדז דער־ציילן וועגן ייִדישן לעבן אין דער באָלשעוויסטיש־רוסישער נאַכט. זאָל זיך נאָר אויפהייבן דער מוראדיקער פויערהאַנג — און מיר וועלן אפשר נישט דאַרפן מעדיטירן, נאָר זען באַשיינפּערלעך דאָס ביסעלע זריעה פון *אַזאַ* דרייסיק־יעריקן אָפּשלעפּן דעם לעצטן גזירה־אויספיר.

איך האָב פּאַקטיש נישט קיין איין דאָקומענט — אויסער אַביסל רמזים אין דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור — וואָס זאָלן באַשטעטיקן מיין טעזע. בלויז דאָס געפיל זאָגט מיר אונטער, אַז *אָן* איר וואָלט דער חורבן געווען נאָך גרעסער.

נישט בלויז אַ געשווירענער ציוניסט מעג איצט זאָגן: ביטער וואָלט אינדז געווען ווען נאָר די ייִדישע ליטעראַטור זאָל פאָרשטעלן אונדזער קינסט־לעריש פאַרמעגן. *ווער* וואָלט דעמאָלט אויסגעשפּילט דעם „עוד לא אבדה״ פאַרן צעפּיבערטן חלוץ? אָבער נישט בעסער וואָלט אונדז געווען, אויב *אַלע* זאָלן זיך געווען אָפּגעבן קינסטלעריש־יסורימדיק מיט די שטיינער פון ציון — בעת אַזוי פיל צעפּלאָשעט־ייִדישע מחנות האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין אַלע זייטן מיט אַ ליידיקן טלומעק. די ייִדישע ליטעראַטור, וואָס האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַרן אַמעריקאַנער ים און דער סאָוועטישער יבשה, האָט בפירוש געהאַט אַ היסטאָרישע שליחות. וויפל, אָדער ווי ווייניק, זי זאָל נישט האָבן דערגרייכט — טאָר עס קיין שום ייִדישער גאולה־חשבון נישט פאַר־לייקענען.

יז. נישט בלויז די צוויי עקסטרעמען.

ווען עס קומט צו די פאַרדינסטן פון דער יידישער ליטעראַטור אין עבר, האָבן מיר נאָר דערמאָנט צוויי עקסטרעמען: דעם אַמעריקאַנישן און סאָוועטישן. זיי שטעלן מיט זיך פאָר בולטע ביישפילן: אין אַמעריקע האָט די יידישע ליטעראַטור געהאַלטן וואָך איבערן ביסל נשמה־יידישקייט — בעת העברעיש האָט עס נישט געקענט, ענגליש האָט עס כמעט נישט געוואָלט און די פרומקייט איז עס נישט געווען ביכולת. אין סאָוועטישן גיהנום איז שוין די יידישע ליטעראַטור געבליבן דער איינציק־מעגלעכער ניצוץ; דער לעצטער קרעכץ און צאַפּל.

ווי „גויִיש" די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע זאָל נישט האָבן געקלונגען, האָט זי פאַרט באַשאַפן אַרום זיך יידישן קלימאַט און איידעלע בענקשאַפט אין פאַרהאַרטעוועטע הערצער — אויב נישט נאָך מער. דאָס האָט זי געגעבן אַ יידישן ניואַנס דער בהלהדיקער צערוישטקייט. אָבער דער סך־הכל פון זכותים שליסט זיך נישט אָפּ מיט אַזעלכע צוויי אַנטיפּאָדן. מיר טאָרן אויך נישט אַרויסלאָזן פון חשבון יענע לענדער — ווו עס איז אָנגעגאַנגען אַ צאַפּלדיק־יידיש לעבן, אָנגעזאַפּט מיט דורותדיקער קולטור און טראַדיציע. לאָמיר זיך אַפילו נישט שרעקן פאַרן אָוועקשטעלן אין דער ערשטער ריי אַזאַ לאַנד ווי פּוילן. מיר ריידן אַזוי זיכער וועגן דער פאַרפירערישער זייט פון דער יידישער ליטעראַטור (און פריִער איז דאָס טיילווייז באַשטעטיקט געוואָרן פון אונדז גופא), ביז מיר פאַרגעסן איין געשיכטלעכן פאַקט: מיט דער יידישער ליטעראַטור אָדער אָן איר — וואָלט סייווי געקומען צו אַ געוויסן איבערברוך. זיינע סימנים האָבן זיך שוין געוויזן פאַרן אויג.

עס וואָלט בפירוש נישט געשטימט מיטן אמת, ווען מיר אַקצעפּטירן היינט אַ געוויסע „היסטאָריאָזאָפיע" — הגם זי געהערט נישט בלויז צו אולטראַ־אָרטאָדאָקסישע קרייזן. דהיינו: אַז ווען נישט די אָדער יענע וועלטלעכע גרופּע — וואָלט דאָס פּוילישע יידנטום געווען פאַרבליבן ביז צום חורבן צווישן די „גאַנצע" בית־המדרש־ווענט. נישטאָ קיין פאַלשערע לעגענדע ווי די דאָזיקע. נישט די וועלטלעכע באַוועגונג — און איר ליטעראַטור — האָט אַרויסגעפירט די „יוגנט" פון בית־המדרש, נאָר פאַרקערט: ווייל דער חשק אָוועקצוגיין האָט זיך געשטאַרקט — איז געקומען די וועלטלעכע באַוועגונג מיט איר ליטעראַטור און געגעבן דעם דאָזיקן חשק אַ באַשטימטע ראָם.

היינט איז אונדז לייכט צו זינגען נאָסטאַלגישע לידער — אָבער בעת „גער" אָדער „בעלז" זענען געווען קרעפטיקע ממשותן, האָבן זיי אַ גרויסן טייל פונעם דור געמאַכט ענג דאָס לעבן. איז עס געווען בלויז זייער

שולד, אָדער אויך די אַרומיקע לופט האָט זיך אויסגעווירקט? לאָמיר מאַכן אַ פּשרה: אי זיי האָבן געטריבן, אי די „וועלט" האָט געצויגן. דער גייסטיקער חורבן האָט אייגנטלעך געקענט זיין אַ סך גרעסער — ווען נישט די וועלט־לעך־נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, מיט דער ייִדישער ליטעראַטור בראש. עס איז גענוג צו דערמאָנען די אַסימילאַציע אין דייטשלאַנד, וואָס האָט נישט געהאַט קיין „צווישן־פּלאַנעט" — נאָר דער אַנטלויפער פון פרומקייט האָט ג ע־מ ו ז ט אַריינפאַלן דער עכט־דייטשער סביבה אין די אָרעמס. נישט אַנדערש — אָדער נאָך ערגער — האָט ער אויסגעזען אין אונגאַרן... וווּ קיין מיטלוועג צווישן סאַטמאַרער — אָדער מונקאַטשער — הויף און דער וועלט איז כמעט נישט געווען. דאָרט איז נאָר געווען איין ברירה: עקסטרעמסטע פרומקייט אָדער אַסימילאַטאָרישע קאַפּיטולאַציע. דער ציוניזם איז ערשט גאָר־שפּעט דאָרט געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר.

ביז וואַנעט די ייִדישע וועלטלעכקייט האָט זיך נישט צעבליט — און נישט אויסגעוואָרעמט קיין אייגענע קולטור — האָט דער אַנטלויפער פון בית־המדרש נישט געהאַט וווּהין צו גיין. וויבאַלד אין זיין היים האָט ער געמוזט בלייבן ביי דער קאַפּאָטע — און יעדער שריט ווייטער איז סייווי געווען פאַר־בונדן מיט עקסטרעמען איבערברוך, טאָ וו אָ ס איז שוין דער חילוק? מיר האָבן שוין כמעט ווי פאַרגעסן די ביטער־אַנטוישטע אַסימילאַציע, וואָס האָט אָפּט דערפירט אַזעלכע אַנטלויפער צו גלייכער שנאה און שמד. דער ייִדישער מיטלוועג האָט דאָ כמעט ווי נישט עקזיסטירט. איך גופא געדענק נאָך קרייזן — ממש אויפן שוועל פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — וואָס האָבן פון קיין שום פּשרות נישט געוואָלט וויסן: נעמסטו אַ בוך אין האַנט, ביסטו סייווי אויס ייִד.

הונדערטער יאָרן האָבן אַזעלכע עקסטרעמיסטן — אין פּוילן ווי אין רוסלאַנד — נישט געקענט באַמערקן די וועלט. ביי זיי האָט עקזיסטירט איין שאלה: הלנו אתה או לצרינו? דאָס האָט ביי זיי געמיינט: אויב דו ביסט נישט קיין „אונדזעריקער" — געהערסטו צום שונא. אָבער דאָס איז צווישן ביידע וועלט־מלחמות מער נישט מעגלעך געווען. עס איז אויך מער נישט מעגלעך געווען צו פּסקענען מיט קאַלט בלוט: אויב נישט אינעם בית־המדרש — מעגסטו אַפילו בייטן דאָס רענדל. טויזנט און איין כוח האָבן צוגערוקט „די וועלט" ממש צו דער נאָז — און קיין שום כוח וואָלט מער נישט געקענט צוימען די כוואַליע, וואָס האָט זיך געריסן צו יענער זייט. דער פּלויט איז גע־וואָרן אַלץ דינער און דינער — הגם אויך יענע זייט האָט געקוקט אויפן ייִד מיט שנאה־אָנגעפּולטע אויגן.

אָ ן דער ייִדישער ליטעראַטור — וואָלט אפשר געקומען צו אַ מורא־

דיק־נאַציאָנאַלער טראַגעדיע, ווייל די אַנטלויפער וואָלטן נישט אַנגעטראָפן אויף קיין שום מאָדערן־געבויטער באַריערע. נישט אַלע האָבן געחלומט ציוניסטיש און אַפילו נישט געטראַכט וועגן יענער זייט ים. במילא וואָלט דער חשבון געמוזט זיין פשוט און קלאָר: אויב שוין יאָ אַרויסגעריסן זיך און אויסגעלאָזט גאָט און דעם טאַטן — איז שוין קיין חילוק נישט וווּהין מען גייט... איז נאָך אַ גליק, וואָס די יידישע ליטעראַטור איז אַזעלכע מחנות אַנטקעגן־געקומען, אָפּגעשטעלט אין מיטן אַמאָק־לויף און געזאָגט: פון ד אָ ר ט מוז מען טאַקע אַוועק, אָבער אָט איז די גרענעץ. עד כאן. דאָ האָט איר גייע ווערטן און איר מוזט נישט דווקא דערלויפן צו דער גוייִשער מעטע.

קען זיין, אַז די יידישע וועלטלעכקייט (די ליטעראַטור איינגעשלאָסן) האָט אַ סך יונגעלייט אַרויסגעריסן פון „גאַנצער" יידישקייט. איך בין אָבער זיכער, אַז נאָך מער האָט זי געראַטעוועט — מיטן אָוועקשטעלן זיך על פרשת דרכים — בעת זיי וואָלטן סייווי געלאָפן... אָבער אָן יידישן אָפּשטעל.

נאָך עפּעס: די טענדענציעזע „היסטאָריאָזאָפיע" שילדערט אונדז היינט אַ מין צוגעטראַכטע ברירה פאַר יענעם דור. עס דאַרף הייסן, אַז מען האָט נאָר געהאָט דעם אויסוואַל צווישן וועלטלעכער קולטור און רעליגיעזער. דאָס איז אפשר נאָר אמת, ווען עס האַנדלט זיך אין „טאַטנס קינדער"; יונגעלייט וואָס האָבן געשטאַמט פון באַלעבאַטישע היימען און ווען נישט די „וועלטלעכע" פאַרפירער — וואָלטן זיי געבליבן ביי דער עכטער און טריי־תורהדיקער קולטור. עס ווערט אָבער אַזוי ווי בכיוון פאַרזען, אַז אויך ד י שיכט איז געווען אַ מינדערהייט. אַ גאַר־גרויסער טייל פון דער יידישער יוגנט האָט קוים באַוויזן אַריינצושמעקן אין „חדר" — אָדער אין דער אָרעמער תלמוד־תורה. פאַר איר האָט זיך, ממש אין די פריסטע יאָרן, אָנגעהויבן דער קאַמף פאַרן ביסן. זייער חלק וואָלט סייווי געווען די ביטערסטע און הפקרדיקסטע עם־הארצות. אויך קיין וועלט־קולטור — דורך פאָרמעלער בילדונג — האָט זי נישט געקענט דערגרייכן. טאָ וואָס וואָלט געוואָרן פון יענער גרויסער מחנה שווערע אַרבעטער און פּראָלעטאַריער — ווען די יידיש־וועלטלעכע באַוועגונג וואָלט איר נישט געקומען צו הילף? וואָס וואָלט ז י געוווּסט און געקענט, אָן דער צוגענגלעכער ליטעראַטור אויף יידיש?

מיט אַלע אירע חסרונות — וואָלט געווען ווי און ווינד דעם יידישן כלל, ווען די יידישע ליטעראַטור זאָל נישט געווען עקזיסטירן אין פוילן; ווען זי זאָל נישט געווען שטיין ביי דער זייט פונעם מורדיש־אַרבעטנדיקן דור אין רוסלאַנד; נישט געווען אַריינדרינגען אין די אָרעמקייטס־קוואַרטאַלן פון די יידישע גרויס־שטעט; ווען זי זאָל נישט געווען מיטלויפן מיטן צעפיבערטן עמיגראַנט אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער רחבותן; ווען זי זאָל זיך נישט געווען

שטעלן ביי דער זייט פונעם אַטראַפּירט־אויסגעמאַטערטן שאַפּ־ייִד אינעם שווייסיק־גרינעם צפון־אַמעריקע... בלויז ז י האָט אין אַ גרויסער מאָס באַוויזן צו געבן יידישן זין אַ צעשויבערטן דור — וואָס האָט סייווי אינעם זיסן גמרא־ניגון קיין שום טעם נישט געשפּירט און דאָס שייטל עברי איז אים שוין לאַנג אַרויסגעפאַלן פון קאָפּ, מקוצר רוח ומעבודה קשה... פאַרוואָס בלויז אַוועקשטעלן די לומדישע וועלט, ווי די איינציקע וואָס האָט געקענט בלייבן, ווען נישט די יידישע וועלטלעכקייט?

אַ שטרענגע, אָבער גערעכטע, היסטאָריקער־האַנט וועט בכן מוזן אָנווייזן אַלע טעותים, סיי פון דער ייִדישער וועלטלעכקייט און סיי פון איר ליטעראַ־טור. זי וועט אָבער מוזן צוגעבן: שוין נאָך אַלע „ניינס" האָט זי מער געראַ־טעוועט ווי צעשטערט; מער געהאָלפן ווי קאַליע געמאַכט. זי האָט באַוויזן אַריינצושרייען אַ גרויסן „יאָ" אין גאָר אַ סך יידישע הערצער — וואָס אָן איר וואָלטן זיי געבליבן אָן יסודות, אָן אַ גאָט און אָן אַ פאָלק. שוין פאַר דעם אַליין קומט איר אַן אָרט אויף דער מזרח־וואַנט פון דער יידישער געשיכטע.

יח. ובזמן הזה.

איך ווייס זייער וויל, אַז מיינע ביז־איצטיקע אַרגומענטן שמעקן מיט סענטימענטאַלער „דאַנקבאַרקייט". פונקט אַזוי ווייס איך זייער גוט, אַז אין אונדזער צייט האָט זיך איינגעבירגערט דער צינישער כלל פון די דייטשן — וואָס זיי האָבן אים גאָר אונטערגעוואָרפן דער יידישער שוועל: „פאַרן געווע־זענעם צאָלט דער ייד גאָרנישט". לכן, קען זיך עמעצער אַוועקשטעלן און זאָגן: ווילסט אַ דאַנק פאַר אַמאָליקע פאַרדינסטן? מהיכא־תיתי. אָבער וויפל איז דער שיעור צו צאָלן פאַרן „געוועזענעם"? ה יי נ ט שטעלט זי מיט זיך נישט פאַר קיין לעבעדיקן כוח, גיט ווייניק דעם נייעם דור און גייט ביס־לעכווייז אונטער. וואָס זשע קומט אַרויס פון דיין גאַנצער סערענאַדע?

איז אָבער די מעשה, וואָס נאָכן חורבן איז די יידישע ליטעראַטור אַ סך מער אויסגעוואַקסן ווי פריער. אַמאָל האָט מען זיך נאָך געקענט פאָרשטעלן, אַז ערגעצוו וועט אַ קליינער אָדער גרויסער קרייז ווייטער אָנהאַלטן דאָס יידישע בילד פון עטלעכע צענדליק דורות. איצט איז עס אָבער נישט מער ווי אַ טראַגישער חלום. דערביי איז די יידישע ליטעראַטור דאָס איינצי־קע אָרט, וווהין עס האָבן זיך געראַטעוועט אַלע יידישע שטייגערן אויף אַ בילדלעכן אופן. נישט די העברעיִשע ליטעראַטור און נישט די רבנישע ספרים האָבן באַוויזן אויפצוהיטן דעם לעבעדיקן צאַפּל, ממש דאָס גאַנצע געשטאַלט פון עטלעכע הונדערט יאָר יידישן ז יי ן. ווער נאָר עס וועט וועלן באַקענען דעם ייד פון אַ צאָל דורות — און האָבן פאַר זיך די פול־נאַציאָנאַלע ביאָגראַפיע

פון אייגענעם פאָלק — וועט אָן דער ייִדישער ליטעראַטור בלייבן הילפלאָז. דאָס ספר האָט אונדז געגעבן דעם מצווה־ מאָנומענט פון ייִדנטום; די העברעיִשע ליטעראַטור האָט אונדז געגעבן דעם בענקשאַפט־מאָמענט און די געפאַלענע זייט פונעם גלות־ייִד — בעת די ייִדישע ליטעראַטור האָט אונדז געגעבן דעם גאַנצן מענטש־ייִד, מיט זיינע עליות און ירידות; מיט זיין טאָג און זיין נאַכט. זי האָט אים געזען בעת זיין זיצן און שטיין, בעת זיין לויפן, וואַנדערן און באַזעצן זיך אויפסניי; „אַראָפּגעכאַפּט" אים בעת ער וויינט אָדער לאַכט, הייבט זיך און פאַלט. אָן איר איז ער כמעט ווי אַ שאָטן אויף זיין אַלטער ערד — בעת מיט איר לעבט ער ווייטער, קען ער זיך אַריבערטראָגן אין די אָביעקטיווע געשיכטע־בלעטער. אלא זי האָט ערגעצווו פאַרפעלט, אַריינגעפירט נישט ריכטיקע טענדענצן? דערויף איז שוין פאַראַן דער אַנאַליטישער שכל־הישר און ער וועט שוין וויסן וואָס אַרויסצונעמען פונעם בילד און וואָס אָפּצוואַרפן.

דווקא איצט הייבט אָן די ייִדישע ליטעראַטור צו לעבן אויף אייביקע טערמינען. זי — און קיינער נישט אַזוי ווי זי — האָט אָנגעזאַמלט אַזויפיל ייִדיש לעבן, ייִדישע פאָלקס־חכמה, ייִדישן וויץ און זיפץ; אַזויפיל תחיית המתים פון אָפּגעמעקטע דורות — אַז בלויז האַרצלאָזע ציניקער קענען זיך דערלויבן זי אַריינצוואַרפן אין שטויב.

אַ יונגער צאַבּרע־שרייבער האָט זיך לעצטנס געקלאָגט, אַז ער האָט בלויז אַ טאַטן — אָבער נישט קיין זיידן אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. דאָס מיינט: מען האָט פאַר אים כסדר נאָר געשילדערט דעם דור, וואָס האָט מורד געווען אינעם גלות און געקומען מאַכן זיין רעוואָלוציע אויף דער אייגענער ערד. זיינע אידעאַלן, ראַנגלענישן און דערגרייכונגען ווערן אַרויסגעברענגט מיט אַלע פּרטים. דאָס איז אייגנטלעך זיין טאַטע. אָבער וואָס איז מיטן „זיידן" קעגן וועלכן דער „טאַטע" האָט מורד געווען? וויאַזוי האָט ער אויסגעזען? וועלכע ספיקות האָבן אים געפּייניקט און וועלכע נחתן האָבן אים געגלעט דאָס האַרץ? מסתמא האָט אויך יענער נישט געלעבט אין קיין גייסטיקן סטעפּ. אויך ער האָט געהאַט חלומות, אידעאַלן, בענ־קענישן און... אַ טעגלעך לעבן. מסתמא האָט אויך ער געהאַט אַן אייגן פּנים, אַן אייגענעם לעבנס־שטייגער, אַן אייגענע מאָראַל. טאָ פאַרוואָס דערציילט מען אים נישט וועגן דעם? עפּעס קען ער זיך נישט פאָרשטעלן, אַז די גאַנצע ייִדישע געשיכטע — פון איר שיינער זייט — הייבט זיך בלויז אָן ביים תנ"ך, וואָס פירט אויף טויזנטער יאָרן און טויכט ערשט ווידער אויף מיט זיין „טאַטן".

דאָס קול איז נישט געבליבן איינציק. באַלד האָבן זיך אָפּגערופן נאָך עכאָס פון זעלבן מין — הגם ווייניק. רעסטאַווראַציע פונעם „זיידן" אין העב־

רעיִש? מעגלעך. דאָס איז אפשר די סיבה, פאַרוואָס אַזעלכע שרייבער ווי ע ג נ ו ן האָבן פאַרט אויפגעהיטן אַזאַ דרך־ארץ צו זיך. אָבער עפּעס אַנ־דערש איז, בעת מען נעמט זיך שרייבן אַ ליטעראַטור מיט בפירושע רעסטאַ־וראַציע־כוונות — און עפּעס אַנדערש איז אויך, בעת עס איז פאַראַן אַ לי־טעראַטור וואָס האָט געשילדערט דעם יידן, בעת ער איז נאָך געשטאַנען אַ לעבעדיקער פאַרן אויג. ד י מעלה וועט קיינער נישט קענען צונעמען ביי דער יידישער ליטעראַטור.

און פאַרוואָס עפּעס בלויז יענער צאַבער? טאָמער יידיש פאָלק וועט בכלל בלייבן ביים לעבן — וועט עס נישט געשען דורך עם־הארצישער אימיטאַציע. אויב ב ל יי ב ן — וועט עס נאָר געשען דורך אַ דור מיט אינטעליגענץ... כ׳וואָלט געזאָגט: מיט אינערלעכן שכל און אַריסטאָקראַטיש געפּיל. אַזאַ דור וועט נישט וועלן בלייבן בלויז מיטן אַריינגעוואַנדערטן „טאַטן", וואָס איז געקומען פון אַן אַלטן היים־נעפּל צו די אַמעריקאַנער ברעגן. אויך ער וועט נעמען זוכן אַ בריק צום „זיידן" און עלטער־עלטער־זיידן. אויך ע ר — פונקט ווי זיין געבילדעטער שכן ד אָ, אָדער זיין ענגלישער פּראָטאָטיפּ אין אייראָפּע — וועט באין־אופן נישט וועלן בלייבן קיין אונטערגעוואָרפענער ממזר ביי דער געשיכטלעכער טיר. וועט ער במילא מוזן זוכן זיין לענגערן ספר־היוחסין, נישט בלויז דורך פראַזן פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער (אונדזער יחוס פון אברהמען אָדער יהודה המכבי). ער וועט אויך וועלן דערגיין ז יי ן דירעקטן וואָרצל, דורך נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער יידישער וועלט, וואָס האָט אָט־ערשט עקזיסטירט. וואָס האָט זי מיט זיך פאַרגעשטעלט? וועלכע ווערטן האָבן אין איר דאָמינירט? און דאַן וועט ער אייגנטלעך נאָר האָבן א יי ן ליטעראַרישן אַדרעס.

דאָס איז נאָר איין מאָטיוו לטובת דער רע־אַקטואַליזאַציע פון דער יידי־שער ליטעראַטור. דערפאַר בין איך נישט אַזוי דערשראָקן ווי אַנדערע, הלמאי די יידישע ליטעראַטור איז אַזוי פול מיט „שטעטל" און „באָרד". די מאָ־דערנע מאָטיוון וועט זי קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיקן — און דערצו נאָך איז זי נישט די איינציקע אויף ד ע ם יריד. דערפאַר אָבער איז דער יידישער שרייבער אפשר דער לעצטער, וואָס קען אויפוועקן אין זיין זכרון נאָך אַ שטריך און נאָך אַ בילד פון יענעם זיידן — צו וועלכן א ל ע וועלן אַמאָל מוזן ווענדן דעם בליק. דאָ ליגט אויך די הויפּט־גאַראַנטיע פאַר דער יידישער לי־טעראַטורס לעבן־בלייבן. זאָלן געבענטשט ווערן די הענט, וואָס ווילן אַריינ־ברענגען אין יידיש אַ ל ץ וואָס האָט צו טאָן מיט יידיש לעבן אומעטום און מיט קונסט בכלל. אָבער טאָמער דאַרף דאָס גיין אויפן חשבון פון איר בגוואַלד־אַרויפגעצווונגענער — און דאָך ווירדיקער — באַשטימונג, וועל איך פון אַגנצן האַרץ זאָגן: מוחל.

וואָס פּריִער מיר וועלן מאַכן דעם געניויען סך־הכּל פֿון דער ייִדישער לי־טעראַטור — און אַרויסציִען פֿון דאָרט אַלע ווערטן, וואָס נאָר זי פֿאַרמאָגט — אַלץ שנעלער וועלן מיר דערמעגלעכן איר געהעריקע אָנערקענונג. בלויז אַ פֿולער חשבון פֿון איר אָפּגעלאָפּענעם וועג קען העלפֿן בויען די בריק צו איר נייעם, אינטים־ייִדישן אויפֿשוווּנג. זאָל עס הײַנט אַפֿילו אויסזען ווי חלשות־טרייסט, וועט איין דור שפּעטער — אַפֿילו אין מדינת ישראל גופֿא — דערזען כּי לא לשווא עמלו הבונים.

פּאַריז 1952 —
ניו־יאָרק 1958.

ירחמיאל דער ערשטער

א.

ערשט די טעג האָב איך באַמערקט אין דער ישראל־פּרעסע, אַז מען האָט זיך שוין ווידער גענומען צו „אים". אַ שרייבער האָט זיך גראָד געניטיקט אין אַ שטאַרק וואָרט קעגן אַ צווייטן — און ס'איז אַרויסגעקומען אַזויווי פֿון זיך אַליין: י ר ח מ י א ל! דערנאָך האָבן זיך אויך אַנדערע דערמאָנט, אַז אייגנטלעך האָט מען אים שוין לאַנג געלאָזט צורו. פֿאַר וועלכע מעשים טרבים? איז דער זידל־נאָמען ווידער אַריין אין קורס: ירחמיאל! ירחמיאל...

פֿאַראַן היפּער־קלוגע פּובליציסטן, וואָס קענען נישט אויסקומען אָן אַ „קרבן". בכדי צו באַווייזן בולט די אייגענע חכמה, מוזן זיי האָבן די שאַרפֿע אַנטי־טעזע: אַ מוסטער פֿון גאַפּעוואַטער נאַיוּוקייט, שלימזלדיקער תמימות, אידיאָטישער פֿאַרגלויבטקייט און וואָס־אין־דער־קאָרט. ובכן? קיין בעסערער ביישפּיל איז גאָרנישט בנמצא. יעמוד החתן ירחמיאל!

כ'האָב געזאָגט: ו י ד ע ר אַריין אין קורס. פּשוט דערפֿאַר. ווייל אייגנטלעך איז ער נישט קיין פּנים־חדשות אינעם ניי־העברעיִשן וואָרט־שאַץ. אין די ערשטע יאָרן פֿון מדינת־ישראל האָט מיט אים געקאָכט אַ וועלט און זיין נאָמען איז געלעגן אויף די ליפּן פֿון קינד־און־קייט. ס'איז ממש געוואָרן אַ מאָדע אים אָנצודרייען אַן אויער. ווער האָט אים דען נישט געצופּט ביי דער באָרד? און ווער האָט דען נישט חשק געהאַט אים אַראָפּצורוקן דאָס היטל איבער די אויערן? האָבן אַביסל איינזען מיט אים, וואָלט געמיינט דאָס זעלבע ווי שטעלן זיך מחוץ למחנה. ס'האָט אויסגעזען, אַז מששת ימי בראשית איז ער אָנגעברייט געוואָרן צו שפּאָט און חוזק. זיין אַרומדרייען זיך אויף גאָטס וועלט האָט נאָר איין ציל און איין צוועק: ס'זאָל זיין פֿון וועמען אָפּצולאַכן. וואָס דאַרף מען מער? אונדזער האָפּערדיק און באַנייט ע ב ר י ת האָט תיכף־ומיד אַדאָפּטירט זיין נאָמען און פֿון אים אויסגעקאָוועט אַ קלאָרן טערמין: י ר ח מ י א ל י ו ת. אַביסל שווער נאָכצוזאָגן? אָבער זעט איר, ווי לייכט און נאַטירלעך עס גליטשט זיך אַראָפּ פֿון אַ צאַברישער צונג!

הכלל: זינט מען האָט אים אויפֿגערופֿן צום נאַרן־בענקל, האָט אים קיין „פּובליסיטי" חלילה נישט געפֿעלט. עפּעס אַ קלייניקייט? אָנשטאָט זיך צו

באַנוצן מיט לאַנגע און אויסגעפּראַצעוועטע אַרגומענטן — בכדי „אָוועקצי־לייגן" אַ קעגנער — איז שוין פאַראַן אַ כישוף־פאָרמולע, וואָס דערזאָגט אַלצ־דינג דורך קפיצת־הדרך. ווי נאָר מען ברענגט אַרויס דאָס קאָמיש־קלינגענ־דיקע וואָרט — ליגט יענער כהרף־עין אויף די לאָפּאַטקעס. אָבער גענוג מיט הקדמות. לאָמיר זיך קודם באַקענען מיט זיין „ביאָגראַפיע".

ווער האָט אים אַנטדעקט דער ערשטער? אַז איר וועט פרעגן דאָס הייפל ישראל־כנענים, וועלן זיי אייך נישט פאַרקויפן די בכורה פאַר כל הון דעלמא. ס'איז ז יי ע ר „פּאַטענט". דאָס האָבן ז יי אים אויסגעטראָגן, געמאַכט אַ לייטישן ברית און אים געגעבן זיין כשרן נאָמען. זיי און נישט קיין אַנ־דערע האָבן אים אַרויסגערופן פון די מליצה־נעפּלען, אים אַרומגעצופּט פון אַלע זייטן, אים אָנגעהאַנגען די לונג־און־לעבער אויף דער נאָז, אַרויסגע־שיקט אויף דער צייטונגס־גאַס פון ישראל און אָנגעזאָגט: גיי און זיי משמח גאָט און לייט! לשם היסטאָרישן אמת מוז מען אַפילו מודה זיין: זייער מאַ־נאָפּאָל איז טיילווייז באַרעכטיקט — אָבער נישט מער ווי ט יי ל וו יי ז.

ומעשה שהיה כך היה: נאָכן אויפקום פון מדינת־ישראל (און אפשר אַ האָרעלע פריִער) האָט עפּעס אַ כנענישער שטיפער געוואָלט באַווייזן הומאָ־ריסטישע בריהשאַפט. ס'איז גראָד געווען אַ צייט, ווען אַפילו טייל גרוי־האָרי־קע און ערנסטע ייִדן האָבן געהאַלטן אַז — הגיע הזמן... געקומען, הייסט עס, די צייט צו געזעגענען זיך מיט הויך־גאַרנדיקע ווערטער. איצט — פּ אַ ר־וו י ר ק ל ע כ ט מען. במילא איז איבעריק געוואָרן יעדער בטלן און בעל־החלומות, וואָס שלעפּט זיך נאָך דעם ציוניסטישן רעאַליזם מיט זיינע משו־נהדיקע פאַרשטעלונגען. אַפילו אַ שפּחה אויפן ים קען שוין זען, וויאַזוי די ייִדישע געשיכטע איז שטיין געבליבן על פרשת דרכים: איין זייט ציט צו דער גראָז־פאַרוואָקסענער אויסגעלאָשנקייט און די צווייטע — צום האָרטן, אָבער געזונט־ממשותדיקן לעבן.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער וויכוח וועגן די „צוויי עפּאָכעס": פּ אַ ר דער מדינה און נ אָ ך איר אויפקום. וועלכן וועג אַ בר־דעת דאַרף אויס־קלייבן, איז אייגנטלעך איבעריק צו זאָגן. בלויז אַ פאַרגליוורטע מומיע קען זיך קלאַמערן אינעם ע ב ר און נישט שפּירן, וו אָ ס עס איז געשען. די ערנסטע חסידים פון אַזאַ צעטיילונג האָבן זיך באַמיט צו דערקלערן זייער שיטה אין הייסע רעדעס, לאַנגע וויכוחים און שווער־באַלאָדענע מאמרים. אונדזער יונגער כנעני האָט זיך אָבער געוואָלט לייכטער מאַכן און במילא האָט ער געפּרוווט מסביר זיין דעם ענין אויפן עפעקטיוו־אַמעריקאַנער שטייגער: שאַפן אַ טיפּ, אין נוסח פון די וואָל־באַקאַנטע „קאָמיקס". אַזאַ פאַרשוין האָט בעיקר געדאַרפט רעפּרעזענטירן דעם פאַרקנייטשטן ערב־מדינה־ציוניסט, וואָס

צערייסט זיך דעם יאַשטשיק פֿאַר אַן אויסגעבלאָזן איי. דער דאָזיקער שמוי־גער מוז, פֿאַרשטייט זיך, אָפּעררן מיט די סאַמע־נאַרישסטע, פּוסטע, צעבלאָ־זענע און וועלט־פֿרעמדע דיבורים. ערשט ווען ע ר שטייט שוין אָ פּאַרטי־קער פֿאַרן אויג, אין זיין גאַנצער לעכערלעכקייט, קען מען אים אַנטקעגנשטעלן דעם פּאָזיטיוון טיפּ: אַ נאָדל־פֿרישן ישׂראלי, וואָס איז קודם־כּל דער אמתער חברה־מאַן און פֿאַרשטייט זיך אויפֿן וווּנק. ער איז האַרט, געריבן, אַנטי־סענ־טימענטאַל, פּראַקטיש, וועלטלעך, ממזריש־געראָטן, אָן אַ גלות־פּלעק אויפֿן רוקן און ציניש־אַרומגעשליפֿן. א י ם, זעט איר, קען מען שוין אַוועקשטעלן אויף אַלע וועלט־טריבונעס און מ'וועט חלילה נישט בלייבן פֿאַרשעמט. קיין פֿייגעלעך אין דער לופֿט וועט מען אים נישט פֿאַרקויפֿן.

בקיצור הדבר: י ע נ ע ר, דער פּרי־ערדיקער, איז אַ שלימזל פֿון שלימזל־לאַנד. עס איז בלויז געגנוג צו הערן זיין טיפּיש־גלותדיקן קאַפּאָטע־נאָמען: ירח־מי־אל! דערפֿאַר אָבער איז ד ע ר — אונדזער ניי־אויסגעקנאָ־טענער איש ההווה והעתיד — כיטרע און ביטערלעך, סקעפּטיש און באַ־רעכנט, אַלץ־ווייסעריש און אינטעליגענט. שוין בלויז זיין טוי־פֿרישער נאָ־מען רופֿט ביי אייך אַרויס תנ"כישן דרך־ארץ און (אַז איר ווילט דווקא) אויך די כנעניש־בעלדיקע אַטמאָספֿערע: קינן... נמרוד... אויל־מרודך... אשד נחלים!

דער פּועל־יוצא האָט לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיך. אומר ועושה האָט די כנענישע גרופּע יונגעלייט, מיט פֿאַרבענקט־אויפֿגעהויבענע אויגן צו אַ געוויסן סאָרט פֿאַריזער קעלערן, זיך באַזעצט אויף די שפּאַלטן פֿון אַ ציי־טונג און דאָרט געעפֿנט אַ סופּער־קלוג ווינקעלע מיט אַ מסחר־שילד: "עוזי און זיינע שותּפֿים". טאַקע דאָרט איז צום ערשטן מאָל אויסגעוויגט געוואָרן דער קאָמישער פּרא־אָדם מיטן נאָמען "ירחמיאל".

וואָס איז שייך מאריך צו זיין? ס'האָט אָנגעריסן. כּמעט אַ־עמען איז באַפֿאַלן אַן אימה: אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן! אַז אַך־און־וויי איז צו דעם, וואָס מען קלעפּט־צו אַזאַ נאָמען. היות ווי די בעסטע פֿאַרטיידיקונג איז דער אָנגריף, האָט יעדער איינער דערקענט ירחמיאלן — אין י ע נ ע ם. דער שפּאַס איז אויך אַריבער אין די הויכע פֿענצטער און ער האָט גענומען ביטער־ערנסט אָנזאָגן די עפּאָכע נומער צוויי: ע ו ז י, דער נאָמען וואָס שמעקט מיט ביקס, סאַרטער און פּיקאַסאָ, האָט איצט דאָס וואָרט. ע ר מוז און וועט מאַכן אַ רעוואָלוציע, ווייל אַזויפֿיל פּעסטונגען בעטן זיך מ'זאָל זיי שטורעמען.

כּידוע, האָבן וועלט־באַנייער פֿולע הענט מיט אַרבעט. צעשטערן דאָס ביסל אַלטע פּוילעניש איז נישט קיין בייגל פֿאַר אַ גראָשן. אָבער ראשית־חכמה דאַרף מען זיך נעמען צו דער עבֿודה און שאַפֿן אַ געזונטן באָדן פֿאַר דער

בייער וועלט. יונגע הענט און מוחות קענען דאָ אַ סך העלפן. איז טאַקע אמת: די פאָרשטייער פון דער שיטה „עוזי קאָנטראַ ירחמיאל" (ווי איך וואָלט זי באַצייכנט) האָבן געלייגט זייער לעבן אויף דער וואָגשאָל. נישט איינער פון זיי איז, בעת דעם באַפרייונגס־קאַמף, געשטאַנען „מיטן געווער אין דער האַנט". יעדער פון אונדז, וואָס איז (מכמה סיבות) דעמאָלט געווען ווייט פון פראָנט, מוז דאָס געדענקען — מיט ציטער און דרך־ארץ. אָבער ווי נאָר דאָס גרויסע איז געשען — זענען זיי מיד געוואָרן... די ערשטע.

בלויז מיד? דאָס וואָלטן מיר דווקא פאַרשטאַנען. איז אָבער צוגעקומען אַן עודף. הינטער דער עוזי־פירמע האָבן זיך נישט געשטעלט קיין שוויס־אָפּגעגאָסענע אַרבעטער, נאָר „קינסטלערישע" איבער־מענטשן. דאָ האָבן זיך בעיקר אַרויסגערוקט נאַכט־וואַנדלער איבער קאַפּעץ, וואָס האָבן פּאַראַדירט מיט צעפּלאָשעטע האָר און מיט אַ מינע פון איבער־נאַכט־געוואָרענע חכמים. דעם באַגריף פון „פאָלקס־באַנייונג" האָבן זיי נישט געוואָלט נעמען האַרט, מיט דער גאַנצער וואָג, דורותדיק־פאַרעקשנט. די „נייקייט" האָט פאַר זיי געמיינט: אַן באַגאַזש, אימיטאַציע, פאַרוואַרפן אַלדאָס־אייגענע, טוליען זיך צו יעדער פרעמד ווינטל — אַפילו ווען עס האָט נאָר די איינציקע מעלה: נישט יידיש. זיי האָבן אַריינגעבערנגט אַ נדן, וואָס האָט לגמרי צו זיי נישט געהערט: די „גרויסע וועלט", וואָס האָט גאָר געטריבן דעם ייִד פון זיך צום אייגענעם לאַנד. זיי האָבן זיך גענומען צירן מיט „עכט בלוט", „מענער־רישקייט", געזונטע חושים, יונגער הפקרות און שוואַנגער־קונסט. צוליב לאַנגווייל האָבן זיי אָנגעהאָנגען אויף זייער טויער דאָס טראַגישע וואָרט אַנטוישונג — אָבער אָן עכט־איבערגעלעבטן טראַגיזם. פון זייערע רייד האָט זיך געטראָגן אַ קינסטלערישע גערייצטקייט, געוויקלט אין פּאַפּירענעם צאָרן. זייער געשפּענסט איז געוואָרן דער ייִד־מיטאָס — דורך וועלכע געשטאַלטן ער זאָל נישט אַרויסשיינען.

זייער ערשטע און פריש־עכטע גבורה האָבן זיי שוין אויסגעלאָדן אויף די שלאַכטפעלדער. איצט האָבן זיך די גיבורים „מיט בלוט" מער נישט פאַר־מאָסטן מיט קיין שטאַרקע, נאָר פאַרקערט: אויך זיי זענען „שטאַרק" געוואָרן און דערפאַר האָבן זיי זיך נאָר פאַרמאָסטן מיטן שוואַכסטן; אָדער מיט דעם, וואָס זעט אויס אין זייערע אויגן ווי אַ שוואַכער. זיי האָבן אָפּגע־לאַכט פון יעדן עלטערן, ווייל ביי יענעם רינט נישט מער קיין יונגער זאַפט אין די אָדערן. שוין בלויז דערפאַר האָט איר געקענט וויסן, אַז אַזעל־כער וויל מער קיין יידיש גראָז נישט פאַרזייען.

יענער פיל־קעפיקער עוזי — יאָ אָנגעשלאָסן אין אַ כנענים־גרופּע אָדער נישט — האָט אויפגעהערט זוכן שווער־דערגרייכטע נצחונות איבער

געשיכטלעכע מכשולים. אים איז געווען באַקוועמער אויסצוזוכן אַ וועלט אין שקיעה, אַ קרייז פון יאָרן־אויסגענאָגטע און „פאַרמשפּטע״ — ווייל קעגן זיי וועט די גבורה פון שפּאָט קיין סך נישט קאָסטן. ס׳איז גענוג צו באַווייזן אַ יונגע מוסקול — און יענע ווערן במילא קליין און אויסגעלאַכט.

דער כנענישער „קינן״ איז געווען איבערצייגט, אַז די וועלט פון „ירחמי־אלן״ הענגט שוין אויף אַ האָר. וואָס זיין כוח וועט נישט באַווייזן — וועט צוענדיקן יענעמס צייט. דערצו נאָך האָט היטלער פון איין זייט און סטאַלין פון דער צווייטער געמאַכט אַ גרויליקן סך־הכל פון מיליאָנען ירחמיאלס. טאָ וואָס זשע טויג אים, דעם בלאָנדן אָץ־קוטץ־פּאָעט, אַזאַ אומ־גליק פּאַר אַ שותף? אַ פאָלק, וואָס מ׳האָט במשך פון דורות אַזוי גע־קוילעט — טאָר נישט בלייבן זיינס. ער וויל בעסער גיין אין שותפות מיט דער אַנדערער מחנה, וואָס קען הייבן אַ קולאַק און ווייזן אַ מעסער. אלא־וואָס, עוזי איז געבוירן אין אַ יידיש וויגל? דאָס איז אַ קלייניקייט. מ׳קען בייטן דעם נאָמען, די פּסיכיק, דעם שטייגער, די מאַניערן, אַפילו דאָס קול — און אַן עק. אָפּגעשניטן דעם נאָפּל און אויס מחותנים.

כלפי חוץ איז דער דאָזיקער חשבון געמאַכט געוואָרן מיט „אידעאָלאָגיע״. אָבער שטילערהייט איז ער אַרויסגעוואַקסן פון גורל־פּחדנות: אויב די ירחמי־אלים האַלטן ביים סוף — דאַרף מען מאַכן ויברח. אויב ירחמיאלס וועלט איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט (און דערצו נאָך, צו דער גרויסער חרפה, נישט אויפן שלאַכטפעלד) — מוז זי זיין צו־נאַר ביי אַלעמען. איז דאָס בעסטע — מיטצומאַכן דעם חוזק. דאַן ווייסט מען זיכער, אַז דו געהערסט נישט צו די אויסגעלאַכטע. וואָס דען, אָנהייבן מיט די לאָבוזעס וואָס קענען דערלאַנגען צוריק?

באַדויער? אַדורכגענומען ווערן מיטן צער פון אַ דור, וועמען אַ גאַנצע וועלט האָט געהייסן שטאַרבן? זייט נישט קיין טיפּש, במחילה. דאָ טענהט איר שוין ווידער ווי אַ ירחמיאל. וואָס געהערן זיך אָן די אַלע זאַכן מיט אַ האַרט־געזאָטענעם נמרוד? ער וועט זיך נישט אַריינלייגן אין אַ פּוילע־ניש פון טויזנטער יאָרן, צוליב מיסטיש־סענטימענטאַלער אידענטיפיקאַציע מיט עפּעס אַ פיקציע — וואָס צעדרייטע קעפּ האָבן איר אַ נאָמען געגעבן „יידיש פאָלק״. עוזי און זיינע שותפים האָבן אַן אַנדער חשבון: קראַנקע ציין דאַרף מען אַרויסרייסן מיטן וואָרצל און די געזונטע... דאַרפן צערייבן אַפילו מילשטיינער.

ירחמיאלס וועלט איז צעשעדיקט, צעשמעטערט, אויפגעלייזט. ער איז אַ מצבה נאָך אָפּגעמעקטע שטעטלעך, הגם ער פּלאָנטערט זיך נאָך צווישן די פיס. דאַרף מען אים פּשוט זאָגן: גיי אין דיין רו אַריין און שטער נישט די

לעבעדיקע. ווער עס וויל מיט אים טיילן דעם גורל פון אונטערגאַנג — זאָל זיך שטעלן לייגן לאַטעס אויף צעריסענע תקופות. פאַר עוזין איז עס נישט קיין עסק. ער קען זיך באַשטעלן אין דער געשיכטלעכער קראָם אַ שפּאָגל־נייע תקופה און דאָס אַלטע געפּילס־מלבוש וועט ער וואַרפן אין מיסט. ווער איז עס, כ׳בעט אייך, מחוייב צו טראָגן אַ הויקער בגוואַלד? נאַציאָנאַלער גורל דאַרף זיין אַן ענין פון אייגענעם אויסוואַל. דער צוואַנג פון יאָרהונדערטער — וואָס דו קענסט אַפילו נישט און זיי זענען דיר פרעמד — מוז אויפרעגן. מען האָט ד י ך דען געפרעגט, צי דו ווילסט דאָס האָבן בירושה? און וואָס, אַשטייגער, קומט אורין אָדער בורין פאַרן ווערן זיין אַן אַראַבער אָדער אַ טערק? און ווער מען גייט עס אָן, אויב ער האָט גאָר חשק צו געצנדינסט? צו עשתורתן? ע ר גייט חלילה קיינעם נישט אַרויפצווינגען ז יי ן ווילן. אָבער וויבאַלד מען וויל אויסנוצן דעם פאַקט פון זיין צופעליקן געבוירן־ווערן אויף דער ערד פון ישראל — בכדי אים אַרויפצווינגען די קרובהשאַפט מיט אַלע אליקום־געצלס און שרגא־פייווישעס פון דער גאָרער וועלט — וועט ער זיך נישט לאָזן; וועט ער קיילן און ביילן. ווער האָט זיי דאַרט געהייסן דער־גיין צו אַזאַ מדרגה? זיי וועלן סייווי אונטערגיין — און קיין לאָך אין הימל וועט דערפון נישט ווערן. זיי שיקן דערוויילֿ געלט פאַר זיין הילף? עוזי וואָלט עס זיי בפירוש מוחל געוועזן. אָבער זיי טוען עס גיכער פאַר דער אייגענער טובה־וועגן; זיי באַרויקן דערמיט האַרץ און געוויסן, האָבן דערפון הנאה — איז מילא... קען עוזי זיין נישט אַזאַ אכזר — או ן נ ע מ ט. סייווי האָלט ער נישט פון אָפּזאָגן זיך פון עפּעס — אויסער פון יידישן האַרב. אָבער ווי־באַלד יענע ווילן זיך דורך דער מטבע איינקויפן אין יחוס, ווערן גוט־ברודער מיט אים — איז אַביסעלע געלאָסענער, יהודי! זע ווו דו קריכסט...

די גרויסע איבערקערעניש וועט סייווי קומען, אויב ירחמיאל וויל אָדער נישט. דערפאַר מוז עוזי צולייגן אַ פינגער. שיין וועט ער אויסזען, אויב אַ וועלט וועט זיך איבערקערן און ער וועט שטיין פון דערווייטנס; האָבן גע־וואַרט אויפן גרייטן. ער וויל האָבן אַ חלק, וויסן אַז אויך זיינע הענט האָבן מיטגעהאָלפן דעם גענייאַלן צייט־כירורג, ביים אַדורכפירן די נוצלעכע אָפּע־ראַציע: ס׳וועט קומען אַ צייט, ווען אויך ער וועט האָבן קינדער און אייניק־לעך. וויל ער זיך פאַר זיי נישט שעמען. דערפאַר מוז ער לאָזן איינקריצן או־מעטום: אויך ער האָט געשטורכעט דעם אַלטן און נודנעם „ציוני״ אין די זייטן; אויך ער האָט אים דערלאַנגט אַ גראָטענעם זעץ אין די וואַקלדיקע ציין. גרויס וואָלט געוועזן די חרפה, ווען ער זאָל אַפילו קיין הלצה נישט האָבן אַריינגעלייגט אין שותפות.

אָט אַזוי איז געקומען דערצו, אַז עוזי זאָל זיך באַשאַפן אַ געשטאַלט אין

ווערמען צו צילן: דער פראַזן־דרעשער, חלומות־שפּינער און ווילדער ענטו־זיאַסט — וואָס רוישט מיט פּסוקים און פּליעסקעט כּסדר מיט די הענט דעם־רויף „וואָס מיר האָבן ברוך־השם דערלעבט נאָך צוויי טויזנט יאָר". אין אים האָט עוזי אַריינגעבראַקט אַלץ וואָס ער האָט נאָר פאַרמאָגט: דאָס מיאוסן זיך מיטן אייגענעם ברעקעלע ייִד, די קאַריקאַטור, וואָס יעדער „גוי" האָט אַמאָל געצייכנט, דעם אויער־שניידנדיקן נוסח פון השכּלה־עכאָס, די שיכּרות פון באַפרייען זיך פונעם ייִדישן עול, צער און — דעם האַלב־סאַדיסטישן תּענוג פון דערלאַנגען קלעפּ אַ שוואַכן אונטערן גאַרטל. יאָ, דאָס אַלץ האָט ער אַרויפּ־געצויגן ווי אַ פאָן איבער זיין קאַמפּס־געצעלט, בכדי צו קענען אויסשרייען זיין הוראַ: מאַרש אויף ירחמיאלן!

און ווער, מיינט איר, איז ביי אים געווען ירחמיאל? נישט בלויז דער אַלטער ייִד פון באָרד און פּיאות; נישט בלויז דער הכנעהדיקער „פּאַנאַטי־קער" פון אַמאָליקן גלות און היינטיקן מאה שערים. דער קאָמישער חוזק־פּלאַסטער איז אויך צוגעקלעפּט געוואָרן דעם אַלטמאָדישן מפּא"יניק, דעם שוויס־טריפנדיקן חלוץ און קיבוצניק און בכלל צו יעדן איינעם, וואָס האָט נאָך נישט פאַרגעסן דעם אידעאַליסטישן פּאַראַל, דאָס ביסל באַוואָרעניש קעגן אייגענעם אינסטינקט; וואָס שרייט ביי יעדער עוולה געוואַלד: אוי, ד אָ ס פּאַסט נישט פאַר קיין — — — ייִד.

און מערקווערדיק: די עלטערן פונעם היינטיקן כּנעני האָבן פאַרשריגן דעם אייביקן ירחמיאל, הלמאַי ער טאַנצט „מה יפית" אַפילו אונטער אַ בייטש; פאַרוואָס ער בייגט זיך — הגם בלויז אויסערלעך — פאַרן גוי הגדול... דער־פאַר אָבער קומען די כּנענישע קינדער און זיי רייסן פון אים שטיקער, הלמאַי ער איז נאָך אַלץ נ י ש ט ־ לגמרי פאַרגויִשט געוואָרן; פאַרוואָס ער זינגט נישט קיין מה־יפית צו דער „גרויסער וועלט" מיטן גאַנצן האַרץ; מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים און שס"ה גידים.

דער דאָזיקער חוזק האָט זיך אָנגעהויבן ביים קליינעם קרייז שפּאַס־פייגל און „געענדיקטע" קינסטלער — אויף דער שול־באַנק פון מאָדערניזם, נוסח 22סטער יאָרהונדערט. אָבער דער שפּאַסיקער ט ע ר אָ ר האָט ביסלעכ־ווייז אַריבערגעשפּרייזט אַ סך גרענעצן. ער האָט אָנגעוואָרפן אַ פּאַניק אויך אויף די, וואָס דער ירחמיאל־חוזק איז אויך זיי בפירוש אויסן־געווען. אַפילו צווישן זיי, די בעצם־אויסגעלאַכטע, האָבן אַ טייל גענומען פּאַזירן פאַרן עוזי־פּאָטאָגראַף מיטן שענסטן שמייכל פון בראַווער „באַנייונג"; אַראָפּגעריסן פון זיך דאָס לעצטע קנעפּל, וואָס דערמאָנט אינעם... לייבלעכן קרוב, ירחמיאל, אַז נישט געדאַכט זאָל ער נאָר ווערן!

מרדכי שטריגלער

ב.

איצט איז די צייט צו דערציילן: מיר האַלטן שוין אַ סך ווייטער פונעם ערשטן לצים־שפּיל. עס איז שוין דערגאַנגען צו אַ טיף־גראָבנדיקער, אַנטי־נאַציאָנאַלער און אַנטי־ייִדישער פילאָסאָפיע. זי האָט געבוירן אַלערליי „באַוועגונגען" און איינגעפּלאַנצט אַזאַ שטימונג אויך ביי די, וואָס האָבן מיט זיי דירעקט גאָרנישט צו טון. דערביי האָבן מיר שוין פריִער פאַרוואָרפן אַ רמז וועגן „עלטערן", וואָס שוין זיי האָבן געהאַט טענות צו „ירחמיאלן". דאָס מיינט: פאַראַן פריִערדיקע וואָרצלען. דער דאָזיקער שפּאַס איז נישט אַראָפּגעפאַלן אומגעריכט פון הימל — און מיר מוזן בכן אַוועקוואַנדערן צום סאַמע־שורש.

נחזור לעניין: ווי מיר זעען, האָבן די „כנענים" אַ היפּשן חלק אינעם „באַשאַפן" דאָס ירחמיאל־געשטאַלט. לויט דעם חשבון קומט אויס, אַז ער איז נאָך אַ צוציק; קוים געוואָרן בר־מצווה. אָבער וויפל האַרץ־ווייטיק דאָס זאָל נישט פאַרשאַפן זיינע מייסטער — מוז איך אויסזאָגן אַ שרעקלעכן סוד: כי זה האיש, אַט־דער מאַן מיטן נאָמען ירחמיאל, איז שוין אַ ייִד אַ זקן. זיכער איז גרויס די עבירה פון צעשטערן „אָריגינעלע" לעגענדעס, אָבער דער אמת איז פאָרט בילעכער. דערפאַר מוזן מיר מכריז־ומודיע זיין, אַז ירחמיאל האָט שוין באַוויזן צו פאַרענדיקן אַ קיילעכיקן יאָרהונדערט... טאַקע בצלמו ודמותו, מיט זיין שלימזלדיק־צעפּיבערטן גורל און אַפילו מיטן זעלבן נאָמען. ער איז פאַקטיש אַזוי אַלט, ווי אַלט עס איז די מאָדערן־העברעיִשע ליטעראַטור.

ווי וואָלט געזאָגט דער אָריגינעלער ירחמיאל, אָדער זיין יונגער ברידערל מנחם־מענדל? אלכה ונשובה אל אישי הראשון... לאָמיר גיין און זיך אומקערן צו זיין ערשטן פאָטער און געשטאַלטער. ער איז דווקא אַ מאַן פון גרויס יחוס: ייִדישן, ליטעראַרישן און — ציוניסטישן. דאָס איז נישט קיין אַנדערער, ווי דער שעפער פונעם מאָדערן־העברעיִשן (און אומדירעקט: אויך ייִדישן) ראָמאַן: דער משכיל על דבר אמת מוה"ר אברהם בן יקותיאל מאַפּו, איש קאָוונע.

לייענט אים נאָך עמעץ? אפשר. בכל אופן ווייסן וועגן אים די קינדער פון ישראל־שולן. וואָס שייך קולטור־היסטאָרישער חשיבות, איז נאָך אַלץ „לא כהתה עינו ולא נס ליחה". אין זכות פון זיין ציוניסטיש־פּאַטעטישן ראָמאַן „אהבת ציון" האָט אַ גרויסער ישראל־מנהיג, אַפילו לעצטנס, אים אַוועקגעשטעלט נישט ווייט פון תנ"ך *. אָבער נאָך אַלעמען — ווער האָט כוח אַדורכ־

* אויך דער גרעסטער פאָרשער און קריטיקער פון דער קלאַסיש־העברעיִשער ליטעראַ־

צוקריכן אַ תהום און באַקענען די גאַנצע אַרמיי העלדן, וואָס דער אַלטער מייסטער האָט ליב געהאַט אַרויסצושטעלן?

נאָר בכדי צו דערזען ירחמיאלן אין זיין קינדער־וויג זענען מיר אַוועק צו זיינס אַ פיל־בענדיקן ראָמאַן. מיר האָבן נאָכאַמאָל דערזען, אַז שוין דאָס סאַמע־ערשטע בוך פון אונדזער מאָדערנער פּראָזע האָט אָן א י ם נישט געקענט אויסקומען. אָבער דאָ בעט זיך אַ שטיקל ליטעראַטור־געשיכטע: כידוע, האָבן אונדזערע ביידע ליטעראַטורן, ביז מאַפּון, געפעלט דער ברייט־לייוונטיקער ראָמאַן. ווייס איך וויל, דעם פעסטגעשטעלטן פאַקט: דער ערשטער ראָמאַן איז געווען מאַפּוס „אהבת ציון". אָבער וויבאַלד מיר נייגן אָפּ פון דער כראָנאָלאָגישער אָפיציעלקייט און זוכן אין דער העברעיִשער ליטעראַטור די אונדז־באַקאַנטע וועלט און סביבה — מוז דער חשבון אויסזען אַנדערש:

מאַפּוס ערשטער ראָמאַן „אהבת ציון" (פּונקט ווי זיין שפּעטערדיקער „אשמת שומרון") האָט טאַקע אַריינגעפירט אין אונדזערע ליטעראַטורן די מאָס פון ניי־צייטיקן ראָמאַן. איר האָט אין זיי די ברייט־אַרומגעשריבענע העלדן, די פאַרפּלאָנטערטע אינטריגעס און דעם העפּי־ענדישן שלוס. צוזאַמען מיט „אהבת ציון" האָט זיך ביי אונדז באַוויזן דער ערשטער מייסטער, וואָס האָט אויסגעטוישט דאָס ליד און דעם שטראָפּערישן מאמר אויף דערציילערישער פּראָזע — הגם אויך ער איז נישט אויסן געווען דאָס בלויזע מעשה־שפּיל. ווי אַ ווירדיקער בן־דור פון דער יונג־ראָמאַנטישער השכלה, האָט ער געזוכט דעם תכליתדיקן מאי קא משמע לן: וואָס זיין קונסט לאָזט אונדז הערן. ער האָט געוואָלט שילדערן פאַר זיין ייִדישן דור די אידיליע פון אונדזערע מלכותדיקע פאַרצייטנס; די ליבשאַפט צו דער נאַטור, וואָס מ'באַגרינט און מען באַבלומט מיט היימישע הענט; די ברכה פון ערדאַרבעט און די צייִענדיקע זיסקייט פון זיצן אין הייליקן לאַנד אונטערן אייגענעם בוים. אָבער סיי „אהבת ציון" און סיי די ווייניקער־אידילישע „אשמת שומרון" האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אויף תנכישע פּליינען. וויפל זייערע טענדענצן זאָלן צו אונדז נישט ווינקען מיט צייט־רמזים — קענען ביידע ראָמאַנען נישט אָנזאָגן די פ ו ל ע געבורט פון אַ נאָרמאַלער פּראָזע־ליטעראַטור. ס'איז נאָך אַלץ אַ מין קינסטלעריש האַלטן זיך ביי דער מאַיעסטעטישער תנ"ך־פּאָלע און ביי אַ סביבה, וואָס לאָזט זיך נישט „קאָנטראָלירן" ביי די ערשטע און אומזיכערע טריט. וויאַזוי קענען מיר וויסן, אויב דער מייסטער האָט טאַקע באַהערשט דאָס פאַרצייטישע לעבן?

טור, ד"ר יוסף קלויזנער, שרייבט אין זיין באַגייסטערטער מאַפּו־אָפּהאַנדלונג („יוצרים ובונים", ערשטער באַנד, תל־אביב תרפ"ה): איז דאָך א ה ב ת צ י ו ן אין דער אמתן נישט קיין אימיטאַציע פון תנ"ך, נאָר אַ שאַפן דעם תנ"ך פון דאָסניי... („הלא א ה ב ת צ י ו ן באמיתו של דבר אינה חיקוי לתנ"ך, אלא יצירת התנ"ך מחדש!").

אויב מיר זוכן אין דער ליטעראַטור דעם שפּיגל פון אַ באַקאַנטער און באַענטער וועלט — מוז מען געבן די בכורה דעם דריטן ראָמאַן פון מאַפּון — זיין „עיט צבוע". ערשט דאָרט באַגעגענען מיר צום ערשטן מאָל דאָס היימי־שע שטעטל און די רעאַלע געשטאַלטן פונעם קינסטלערס דור. אויך דאָ האָט דאָמינירט די ביבלישע אימיטאַציע, וואָס איז ראשית־כל געקומען צום אויס־דרוק אינעם לשון — און דאָס האָט געמיינט אַ סך. פון די פריערדיקע צוויי ראָמאַנען האָט מען נישט געקענט וויסן: האָט ער זיך געמוזט באַנוצן מיטן פסוקים־סטיל בלית־ברירה (ווייל סיי העברעיִש און סיי איר דיכטער האָבן קיין אַנדער לשון נישט פאַרמאָגט), אָדער דאָס האָט ער בכיוון געטון צוליב קינסטלערישער טריישאַפט? בדרך־כלל האָט מען מאַפּון באַוווּנדערט, ווייל ער האָט זיינע תנכישע העלדן איינגערעמט אין זייער נאַטירלעכער שפּראַך־אַטמאָספערע. ערשט זיין דריטער ראָמאַן האָט אונדז געגעבן דעם קלאָרסטן ענטפער: ס'איז טאַקע געווען ל י ת ב ר י ר ה — ווייל אויך דעם יידישן ווילנע אָדער קאָוונע האָט ער נישט געקענט געבן זייער א מ ת לשון און סטיל, נאָר זיי געשילדערט דורך פסוקים־פראַגמענטן *.

ווען מיר זוכן דעם רעאַליסטישן אָנהייב פון דער ניי־העברעיִשער ליטע־ראַטור', מוזן מיר באַטראַכטן זיין דאַזיקן ראָמאַן פאַרן ב ר א ש י ת. אָבער טאַקע דאָ קענען מיר זען, וויאַזוי זיין סביבה האָט זיך נישט געלאָזט אַריינ־פּאַסן אין נאַטירלעכע ראָמען. ד י אַקציע האָט מער נישט געקענט סובל זיין (אָדער אַפילו באַקומען חן, ווי די תנכישע ראָמאַנען) דעם מליצהדיקן גע־פלעכט: דער גבאי, דער שמש, רב, גביר, אינטריגאַנט און דינסט האָבן זיך נעבעך געפילט גאָר ענג אינעם ביבלישן צונג־שטייגל.

זענען מיר דאָ, חלילה, נישט אויסן קיין ליטעראַטור־קריטיק. מיר ווייסן וווּיל, ווי גרויס ס'איז געווען די באַגאַבונג פון אַזאַ ע ר ש ט ן — ביים מייסטערן דיאַלאָג און געשעעניש אינעם לשון, וואָס איז נאָך געווען צוגע־קייטלט צו די אור־ביבלישע פאַרמעטן. למען האמת, האָט מאַפּו זיך דאָ שוין אַרויסגעהאָלפן מיט משנה, מדרש און גמרא — ווו ער איז געווען נישט ווייני־קער בן־בית ווי אין תנ"ך. צוליב דעם האָט ער שוין געהאַט צו זיין רשות אַ ריי־כערע שפּראַך־גאַמע. אָבער די אָנשטרענגונג, ביים בוכשטעבלעכן צונויפקלעפּן אַ פינף־בענדיקן ראָמאַן פון פאַרטיקע אויסדרוקן, האָט געמוזט פאַרצערן אַ

* פּראָפעסאָר קלויזנער, אין זיין דערמאָנטער אַרבעט (געשריבן צו מאַפּוס 50סטער יאָר־צייט, מיט אַרום 45 יאָר צוריק) הייבט דווקא שטאַרק אַרויס דעם מחברס שפּראַך־חידושים. ער האַלט זיי פאַר אומפאַרגלייכלעך. אין די ראַמען פון יענער צייט און דעם דעמאָלטיקן לשון־מצב, איז עס זיכער אמת. אָבער מ י ר בלייבן פאַרט ביים טעם פון אָפּענער באַהעפטונג צווישן פסוקים און מאמרים.

גרויסן טייל פון זיין קינסטלערישער ענערגיע. ער האָט זיך געמוזט לאָזן פירן פונעם שפּראַך־שטאָף מער ווי ער האָט אָנגעפירט. דער תנ״ך האָט אַ שפע פון עקסטרעם־קאַטעגאָרישע טערמינען און ער האָט זיך דערמיט געמוזט רעכענען. דאָס באַשפּרענקלען אַזוי שטאַרק די שילדערונג מיט אַלטע גרייטקייטן, האָט אים במילא אַרויפגעצוווּנגען די געדיכטקייט פון די צדדים: ווען אַ פּסוק זאָגט אַרויס צ ד י ק — מיינט עס אַ הויך פון מלאכישער צאַרטקייט; און ווען עס שטייט געשריבן ר ש ע — איז ער שוואַרצער פון אַ קוימען. מוזן אויך די העלדן, פון אַ ראָמאַן אין תנכישן סטיל, אַרונטערפאַלן דער דאָזיקער קאַטע־גאָרישקייט.

מאַפּו האָט אויך געמוזט צאָלן ציַנז זיין אייגענער צייט — און זי האָט געפאָדערט שטייפע עקסטרעמען: די מענטשן פון דער שלעכטער זייט מוזן זיין ערגער פאַרן טייוול, בעת די גוטע העלדן באַשטייען פון בלויז ווייסע פליגל. דאָך קען מען זיך פאָרשטעלן, אַז ביי לייכטערע לשון־באַדינגונגען וואָלט אונדזער מחבר געבליבן מער כ ו ח צו געשטאַלטן באַרעכנטער זיי־נע העלדן. וואָלטן זיי במילא אויך געהאַט אַ פּסיכאָלאָגיש־פיינערן הינטער־גרונט פאַר זייערע האַנדלונגען.

אָבער גענוג מיט ליטעראַרישע אַנאַליזן. פאַקטן לאָזן זיך ווייניק ענדערן פון פּירושים און פאַרוואָסן. בעיקר: אין אַלע בענדער זעען מיר כמעט נישט קיין העלדן פון בלוט און פלייש. ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זיין — איז זיין י ר ח מ י א ל (ווידער: כמעט) דער איינציקער אויסנאַם. ער לעבט דאָרט מיט אַ באַזונדער לעבן, וואָס מיר דערשפּירן און דערקענען. דער קלאַסישער שלומיאל (ביי מאַפּון האָט ער טאַקע אַ שותּף מיטן זעלבן נאָמען) איז אויך דאָ קיין צענטראַלער העלד נישט געוואָרן. אונדזער מחבר האָט אים בכיוון אָפּגעשטויסן אין אַ זייט. אָבער זיין שאָטן האָט פאָרט געהאַט מער מזל און ער איז אַרויסגעקומען מיט אַביסל פלייש אויף זיינע דאַרע ביינער.

ג.

קיין גענויע דאַטע איז מיר נישט באַקאַנט. אָבער פון כמה סימנים לאָזט זיך דרינגען, אַז דאָס ירחמיאל־געשטאַלט אין אונדזער ערשטן, רעאַליסטישן ראָמאַן איז געוואָרן אויסגערייפט אַרום 1860 (דער ערשטער חלק „עיט צבוע״ איז דערשינען אינעם יאָר 1857, ווו ירחמיאל „באַקומט״ בלויז געציילטע שורות. די הקדמה צום דריטן חלק דאַטירט שוין דער מחבר: כ״ז תמוז תרכ״ג. דאָס מיינט: 1863. היות ווי אונדזער העלד איז שוין בולט אַרויסגעפּירט אין צווייטן טייל, שטימט עס מיט אונדזער השערה).

אגב: מיט דער באַצייכענונג „רעאַליסטיש״ זענען מיר נאָר אויסן די

נאָענטקייט פון דער סביבה — להיפוך צו דער ווייטער וועלט פון מאַפּוס אַנדערע צוויי ראָמאַנען.* ער איז אָבער טיף־משכיליש און טענדענציעז. זיינע העלדן זענען אידייִש־גרימירט און ווייט פון אמתע געשטאַלטן: ווער עס האָט נאָר אַביסל בילדונג, קען שרייבן שירים און מליצהדיקע בריוו (זיי זענען פאַראַן אין מאַפּוס ראָמאַן אויף הונדערטער זייטן און קענען צונויפּ־שטעלן אַ פיינעם בריוון־שטעלער) — איז ליכטיק ווי די זון. אָבער ווער עס איז געבליבן שטעקן אין בית־המדרש — איז לאָ עלינו אַ גייסטיקער בעל־מום (אין בעסטן פאַל), אָדער גאָר אַ רוצח און שווינדלער. מאַפּו מאַכט בלויז אַן אויסנאַם פאַר געציילטע אַסימילאַטאָרן מיט בילדונג (עמיל, למשל), וואָס אַנטלויפן לגמרי פון יידנטום.

דאָס מיינט אייגנטלעך, אַז סיי אונדזער ליטעראַרישער ראָמאַן און סיי ירחמיאל קענען שוין פּראַווען זייער 100־יעריקן יובילעאום. דאָס אַליין איז גענוג, בכדי זיך אומצוקערן צו מאַפּוס „עיט צבוע“. אונדז גייט אָבער אין עפּעס אַנדערש: דערגראָבן זיך צום שורש פון אַ ביטול־טענדענץ, וואָס גע־וועלטיקט שוין אַ גאַנצן יאָרהונדערט אין אַ גרויסן טייל פון אונדזערע ליטע־ראַטורן — בעיקר אין דער העברעיִשער. מאַפּוס ראָמאַן איז געוואָרן אידיש־היסטאָריש שוין בלויז דערמיט, ווייל ער איז געוואָרן וועג־ווייזעריש. אין די ווייניקע ראָמאַנען, וואָס זענען ביי אונדז דערשינען ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה, זעט מען בולט זיין טיפע השפעה. מ׳וואָלט אַפילו געקענט אָנווייזן אויף פּשוטער אימיטאַציע ביי אַ ריי קלאַסיקער (פּרץ סמאָלענסקין, יעקב דינעזאָן און אַנדערע). איצט וועלן מיר זיך אומקערן צום אינהאַלט:

נישט ווייט פונעם יידשן דאָרף בן־שמן, אין רוסלאַנד, לעבט דער אַלטער ירוחם, צוזאַמען מיט זיין טאָכטער שרה און זיינע צוויי אייניקלעך — רוחמה און רפאל. אַ דריט אייניקל איז אין די „מרחקים“, ווו ער שטודירט אַגראָנאָמיע און קיינער פון דער משפחה געדענקט שוין נישט זיין אויסזען. מיט יאָרן צוריק איז ירוחם געווען אַן איידעלער גביר. דאַן האָט ער גענומען דעם שיי־נעם און קלוגן יוסף פאַר אַן איידעם. אָבער זיין פרומער משרת ג ע ל, ווען ער האָט אַרויסגעהויבן פון שטויב, ליבט זיך אין שרהן. היות ווי זי האָט גאָר חתונה מיט יוספן, נעמט ער נקמה: ער באַווייזט חרוב צו מאַכן דאָס גאַנצע הויז און צונעמען דאָס גאַנצע פאַרמעגן ביי זיין בעל־טובה.

---

* ד״ר קלויזנער פּראָקלאַמירט מאַפּון נישט בלויז פאַרן פאָטער פון ראָמאַנטיק אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, נאָר אויך פאַרן שעפער פון העברעיִשן רעאַליזם. דאָך לייקנט ער נישט, אַז אין דאָזיקן ראָמאַן זענען נישטאָ קיין ט י פּ ן, וואָס זאָלן ווערט זיין דעם דאָזיקן נאָמען. אין דער דאָזיקער אַרבעט נייגן מיר אָפּ סיי פון קלויזנערס התלהבותדיקן אויסטייטש פון מאַפּון און סיי פון די פירושים, וואָס אַנדערע האָבן געשריבן.

בשותפות מיט נאָך אַ גאָטפאָרכטיקער פּיאַווקע, ע ו ב ד י ה, פאַרטרייבט ער ירוחמען פון זיין הויז און פון דער שטאָט ע ת י ק ה בכלל. מחמת נויט עפנט ירוחם אַ שטיקל אכסניה אויפן וועג — אָבער אויך דאָ לאָזן אים די פרומע שונאים נישט רוען: אויב אַ גאַסט וועט זיך דאָרט אָפּשטעלן, וועלן אים די פרומאַקעס לייגן אין חרם...

וויאַזוי קוקט אַ גאַנצע שטאָט מיט ייִדן אויף אַזאַ אָפענער גזילה? ווּ זענען די רבנים און פרנסים? פאַרוואָס לאָזט מען די צוויי גזלנים ווייטער פירן מיט דער שטאָט? אונדזער מחבר פרעגט אַפילו נישט, ווייל דער תירוץ איז אויף דער האַנט: סיי דער רשע ג ע ל און סיי דער גייציק־שווינדלערי־שער ע ו ב ד י ה האָבן פיינט השכלה. דערפאַר וועט מען זיי אַלץ מוחל זיין. ירוחם איז טאַקע פרום, אָבער ער האָט הנאה פון תנ״ך און מליצה מחמת דעם זענען דערלויבט אַלע פאַרברעכנס קעגן אים.

דערפון האָט איר שוין אַן עכט־רעאַליסטיש בילד: וויבאַלד איינער האָט פיינט די ליכטיקע בילדונג, בפרט די קענטעניש פון ד ק ד ו ק, איז אים אַלץ דערלויבט. ער קען זיין אַ רויבער און מסור — טראָגט אים אַ גאַנצע קהילה אויף די הענט. פאַרקערט ווידער: איינער מעג זיין גוט און פרום — וויבאַלד אָבער ער האָט הנאה פון „שפת קדשינו״, איז זיין בלוט הפקר. אַן אויסנאַם צום גוטן זענען די פּאָר שטאָט־משכילים — אָבער ווער הערט זיי? ס׳איז זיי גופא נישטאָ וואָס מקנא צו זיין. טאָ וואָס קענען זיי שוין העלפן ירוחמען?

צי האָט מען באמת נישט גערודפט קיין משכילים אין ייִדישע שטעט און שטעטלעך? דאָס קען קיינער נישט לייקענען. זיכער האָט מען אויך היפש געחנפעט די רייכע תקיפים, ווי עס דערציילן, אגב, געננג אונדזערע ביידע ליטעראַטורן. אָבער די מוראדיקע אָרגיעס אין „עיט צבוע״ וואַרפן אַן אַ פּחד מיט זייער אומנאַטירלעכקייט. דער מחבר האָט צו עפּעס געצילט — און דערביי נישט געקאַרגט קיין גרויל. ער דערלאַנגט יסורים און בלבולים מיט דער פולער האַנט: ירוחמס ווייב שטאַרבט פון צרות; דאָס זעלבע זיין גוטער איידעם יוסף; שרה בלייבט גאַנצע צוועלף יאָר אַן אלמנה... דער פרומער רשע געל האָט שוין געהאַט צוויי ווייבער — און דאַך גלוסט ער נאָך צו איר. אַלע ווייסן עס — און דערפאַר וועט זיך קיינער אויף איר נישט דערבאַרעמען. נאָך אַ נס, וואָס יוסף האָט איבערגעלאָזט אַ חבר — אַ משכיל און במילא אַ מלאך פון פליישיקן געשטאַלט — וואָס איז רייך און אָנגעזען ביי די שררות. טאַקע ער האָט גענומען צו זיך יוספס דריטע קינד, נעמנען און אים געלאָזט שטודירן אויף זיין חשבון.

אָבער די פּאָר ליכטיקע מענטשן פאַרמיידן נישט דעם צרות־מבול, כל־

זמן, אונדזער מחבר וויל אים ברענגען: דער פרומער געל שיקט מענטשן צו הרגענען נעמנען און ער לאָזט הערן ירוחמס הויז, אַז זייער אייב־ציקע האָפענונג איז פאַרלוירן־געגאַנגען אין טייך; די נויט און די שנאה רינגלען אַרום די איידעלע שטוב — ביז זי נעמט שטיקן דעם מאַכטלאָזן לייענער, צוזאַמען מיט דער גוטער משפחה. קענט איר דאָך פרעגן: אויב דער משכיל שאול איז אַזוי גוט און רייך, אַזוי אַנגעזען און ליב — פאַרוואָס האָט ער זיך נישט געוויזן די גאַנצע צייט? הלמאי האָט ער געלאָזט מאַטערן ירו־חמס הויז אַזויפיל יאָרן? האָט איר אַן עוולה... אונדזער מחבר איז נישט מחויב אייך צו ענטפערן אויף נאַרישע שאלות, ווייל ער קען אים ערשט ברענגען צוהילף שפּעטער. אַנדערש וואָלט די ייִדישע רשעים־עדה נישט גע־האָט קיין מעגלעכקייטן צו ווערן סדום.

נאָך עפּעס: די שענסטע און ליכטיקסטע געשטאַלטן (ביי דער זייט פון די משכילים, נאַטירלעך) זענען... די רייכע שררות פון די גויים און די צאַרישע טשינאָווניקעס. קענט איר דאָך ווידער פרעגן: מילא, אונדזערע ייִדעלעך קע־נען מיר שוין, נישטאָ צו וועמען צו רעדן וועגן יושר. אָבער ווו זענען די הויך־געבילדעטע האַרן? הלמאי האָבן זיי דערלאָזט צו דער לאַנגער אינקווי־זיציע? איז דער תירוץ: זיי האָבן נעבעך נישט געוווסט. והראיה: ווען זיי האָבן געהערט, מיט יאָרן שפּעטער, וואָס עס קומט פאָר אין דעם ייִדישן קהל — איילן זיי ווי פיילן אויסן בויגן און גלייכן אויס אַלע קרומקייטן. אָט־דאָ האָט איר ייִדישן „רעאַליזם" פונעם צאַרישן רוסלאַנד מיט 100 יאָר צוריק.

עיקר לא שכחתי: די האַנדלונג פונעם מאַפּו־ראָמאַן קומט פאָר בימי ניקאָליי דעם ערשטן — דער אכזר פון דער קאַנטאָניסטן־עפּאָכע.* דער רו־סישער צאַר מיט זיינע לאַפּיטוטן האָבן דאַן געכאַפּט צענדליקער־טויזנטער ייִדישע קינדערלעך, זיי געלאָזט פאַרפרירן אין ווינטער־טייכן, אָפּגעריסן פון די מאַמעס, אָפּגעשמדט, אַריינגעפּאַקט אין די ברוטאַלסטע קאַזאַרמעס אויף צענדליקער יאָרן... ווילט איר געפינען כאָטש אַ שפּור וועגן דעם אין אונדזער ערשטן, קינסטלעריש־רעאַליסטישן ראָמאַן? חס ושלום!

אמת: וועגן זיין פאַרשווייגן די צאַרישע אכזריות, בעת ער שילדערט יענע עפּאָכע, קען מען האָבן אַ תירוץ. סוף־כל־סוף איז געווען אַ האַרבע צענזור (הגם אַנדערע צייט־עדות האָבן פּאַרט אויסגעשריגן זייער ווייטיק) און דער שטילער בעל־החלומות פון קאָוונע איז נישט מחויב געווען צו

---

* ווען אַלע חלקים „עיט צבוע" זענען שוין דערשינען, האָט אין רוסלאַנד גע־הערשט דער ליבעראַלערער אַלעקסאַנדער דער צווייטער. אָבער פון די דאַטירטע „בריוו" אי־נעם ראָמאַן זעט מען קלאָר, אַז די אַקציע קומט פאָר אין די פריִע פופציקער יאָרן, ווען ני־קאָליי דער ערשטער האָט נאָך געלעבט.

ווערן אַ רעוואָלוציאָנערער העלד. אָבער פאַרוואָס איז ער נישט געבליבן ביים ש וו יי ג ן ? הלמאי האָט ער געמוזט אַזוי אַרויסהייבן די צאַרישע משרתים? נאָך מער: אין דער הקדמה צו זיין נישט־פאַרענדיקטער שבתי־צבי־נאָוועלע („חוזי חזיונות״) זינגט ער אַ גרויס לויב־געזאַנג צום צאַרישן הויף...* און אַז מיר האַלטן שוין דערביי: זיין שילדערן אַזויפיל ממש־טייוולאָנישע ייִדן (הגם אין העבּרעיִש), איז נישט געבליבן אומבאַקאַנט דער צאַרישער מאַכט. אין דער דערמאָנטער הקדמה איז דער מחבר פשוט גליקלעך, וואָס ניקאָליי־עם ערשטנס מיניסטער, נאָראָוו** קען לשון־קודש און לייענט זיינע ראָמאַנען. ווען יענער האָט געזאָגט אַ שטיקל שבח פאַר מאַפּון און זיינע ראָמאַנען — קען דער מייסטער נישט קומען צו זיך פון גרויס נחת („וזאת תהילתי בקהל רב, כי פיו דיבר אלי בהדר גאונו״). ער פאַרזיכערט דאָרט אַז י ע נ ע מינוט — ווען דער צאַרישער שררה האָט צו אים גערעדט וועגן זיינע ביכער — וועט ער נישט פאַרגעסן ביז צום לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

דער מחבר האָט, הייסט עס, געוווסט: זיינע ווערק דערגייען נישט בלויז צו ייִדן. אויך צאַרישע מיניסטאָרן באַקענען זיך מיט זייער אינהאַלט. אלא זיי וועלן דערפון מאַכן זייער אויספיר? וויבאַלד ייִדן זענען אַזוינע ווי צדוק, עובדיה, געל, חמול, עכבר, צפנת, ר׳ גיאל, נחשון און ווי נאָך זיי הייסן דאָרט — פאַרוואָס זאָל מען זיי טאַקע נישט שלעפּן אין קאַזאַרמעס, אַפילו צום שמד און מאַכן פון זיי אַ לייט? ווען מען אַרט עס? דער סך־הכל וועט זיין, אַז מ׳וועט זיי אויסלערנען אַביסל רוסיש — און משיח וועט מער נישט דאַרפן קומען.

כ׳בין דאָ בפירוש נישט אויסן פוגע־בכבוד צו זיין דעם ערשטן מייסטער פון דער ניי־העברעיִשער פּראָזע. כ׳ווייס זייער גוט, וואָס מען מיינט „צייט־אומשטענדן״ און צייט־טענדענצן. בעיקר ווילט זיך נאָר אַראָפּנעמען אַ געוויסן פאָרוואָרף פון אומשולדיקע פלייצעס: אַז בלויז דער פרומער, באָרדיקער ייִד האָט געטאַנצט מה־יפית און געזונגען „הנותן תשועה״. נאָך עפּעס: דאָ ווילט זיך אויך אָנווייזן, וויפל נאַיִוויטעט און קורצער בליק עס האָט באַ־

* דער קוריאָז איז נאָר גרעסער: דאָס לויב־ליד קומט ווי אַ פאָרוואָרט צו אַ ווערק, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט ג ע פ פ ס ל ט. דער גאַנצער כתב־יד איז פאַרלוירן־געגאַנגען ביי דער צענזור אין די הענט. בלויז א יי ן קאַפּיטל האָט דער מחבר באַוויזן צו ראַטעווען. האָט אים עמעצער געצוווּנגען צו באַדאַנקען דעם צאַרישן רעזשים פאַרן פאַרניכטן זיינס אַ לעבנס־ווערק?

** אַז נאָראָוו איז געווען מיניסטער ביי ניקאָלײַ דעם ערשטן, נעמען מיר פון בן־ציון כצס אַריינפיר צו מאַפּוס בריוו (צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט אין „העבר״, אלול תשי״ז, תל־אביב). לויט דער צייט, ווען מאַפּו האָט געשריבן זיין באַגייסטערטן שיר און הקדמה, זעט אונדז אָבער אויס, אַז נאָראָוו איז שוין געווען מיניסטער ביים מער־מענטשלעכן צאַר, אַלעקסאַנדער דער צווייטער. ס׳קען געמאָלט זיין, אַז ער האָט געדינט ב יי ד ע צאַרן.

הערשט דווקא די, וואָס האָבן אונדז געוואָלט באַפרייען פון „ירחמיאליזם", נאָך מיט מאה יאָרן צוריק.

הכלל: צום אינהאַלט. ביז די ליכטיקע און רייכע אדונים כאַפּן זיך אויף פון שלאָף, איז ביטער און פינצטער. אַלע ייִדן בוקן זיך צו די רשעים: זיי שאַלטן און וואַלטן מיטן ייִדישן לעבן — און אַלע זענען צופרידן. די פּאָר מליצים אין שטאָט, וואָס שווייגן פּאַר פּחד, רעכענען זיך נישט. נאָך אַ נס, וואָס צווישן גויִים פון צאַרישן רוסלאַנד איז קיין איין שלעכטער מענטש נישטאָ (בכל אופן דערציילט אונדז נישט וועגן דעם מאַפּו) און דאָס ראַטעוועט שפּעטער אַלעמען.

אָבער — ביז דער גרויסער ישועה ברענט אַ גיהנום. דער רשע געל געניסט פון ליבשאַפט און לויב. עס שטיצט אים אויך דער פאַנאַטיש־צבוע־קישער, נאַריש־כיטרער שטאָט־רבי (אָדער עפּעס ענלעכס) ר׳ גדיאל בכבודו ובעצמו — הגם יענער קען מיט איין וואָרט אָפּשטעלן דעם גאַנצן זומפּ *.

---

* טייל ליטעראַטור־קריטיקער האַלטן, אַז מיט זיין העלד געל איז מאַפּו אויסן־געווען צו שילדערן דעם ווילנער גביר און שטאָט־תקיף ייִדל אָפּאַטאָוו. הגם יענער איז באמת ווייט געווען פון צדקות — איז ער פאָרט אַרויסגעקומען באַ מאַפּון ווי אַ גוזמאדיקע קאַריקאַטור. אָבער זיין קריוודע וועלן מיר זיך נישט אָננעמען. אַ סך ערנסטער איז שוין דער ענין ר׳ גדיאל: מאפּו האָט דאָ אייגנטלעך געוואָלט שילדערן זיין קאָוונער לאַנדסמאַן, ר׳ ישראל סאַלאַנטער. ווער עס ווייסט עפּעס וועגן דער דאָזיקער פּערזענלעכקייט קען זען, ווי־אַזוי עס פּאַסט זיך צו אים די כאַראַקטעריסטיק פון אַ טיפּש, פאַלשער בריאה, חונף פון רשעותדיקע גבירים וכדומה. נאָך אַ באַווייז, ווי ריכטיק אונדזער מליץ האָט אַראָפּגעמען די מאָס פון מענטשן.

אמת: מאַפּו גופא, אין זיין בריוו צום געלערנטן שניאור זאַקס, דערציילט וועגן פאָרוואורפן וואָס זענען אים שוין דאַן געמאַכט געוואָרן. דהיינו? אַז אַזעלכע מינים העלדן ווי זייִנע — זענען גאָרנישט בנמצא אין רעאַלן לעבן. ער אַליין פאַרענטפערט זיך, אַז דערמיט האָט ער נאָר געוואָלט שאַפן אַ משל (קלויזנער דרינגט דערפון, אַז מאַפּו האָט נישט געוואָלט שאַפן קיין געשטאַלטן נאָר סימבאָלן): „איך האָב אויסגע־גאָסן די שאַנד אויפן געשטאַלט ר׳ צדוק, וואָס אפשר איז לא היה ולא נברא אַ שלאַנג ווי זיין ווערט".

דאָס קען אָבער נאָר זיין אַ באַוואָרעניש קעגן יענע קריטיקער, וואָס האָבן זייִ „גע־שטאַלט" פאַרגליכן מיט דערווירקלעכקייט. בכל אופן האָבן מיר דאָ בלויז אַן הכחשה וואָס שייך דעם פאַרברעכערישן הויפּט־העלד, ר׳ צדוק. ווען עס קומט צום רמז פון ר׳ גדיאל — אַז ער שטעלט מיט זיך פאַקטיש פאָר ר׳ ישראל סאַלאַנטער — לייקנט עס נישט דער מחבר און ער זאָגט נישט, אַז אויך ער איז נאָר אַ משל. פאַרקערט גאָר: אין פּאָסט־סקריפּטום צו זיינס אַ בריוו (אין פריִער־דערמאָנטן נומער „העבר"), וואָס איז געשריבן אין יאָר 1857 — עטלעכע יאָר פאַר זיין בריוו צו זאַקסן — איז פאַראַן אַן אָפענער אָנדייט אויף ר׳ ישראלן; אַז טאַקע אים האָט ער געמיינט. דאָרט גיט ער אונדז אַפילו אַ רמז, אַז אויך ר׳

יאָ, אַפילו די פּאָר פרומע ייִדן וואָס דער מחבר האָט צו זיי סימפּאַטיע (די גבאיטע אסנת, דער פאַרבער אליעזר) מוזן רעדן ווילדע דיבורים — ווייל זיי זענען פאָרט אָן וויסן און האָבן נישט געהאַט קיין בילדונג.

מאַכן מיר אַ שריט ווייטער: די ירוחם־משפּחה ליידט יסורים, נויט, אומגליק. זי איז אַרומגערינגלט פון בלבולים און האַס. זי בלייבט אָבער שטאָלץ און זויבער. זי האָט נאָך אירע האָפענונגען נישט אויפגעגעבן — ווייל ירוחם האָט אָפּגעהיטן וויכטיקע פּאַפּירן. זיי קענען צו יעדער צייט באַווייזן די ליכטיקע געזעץ־היטער פון מלכות הצאַר, עליו השנאָבל, ווי גערעכט ע ר איז און ווי רויבעריש עס זענען זיינע פרומע שונאים. אָבער ער וואַרט יאָרן, ביז עס וועט זיך אומקערן זיין אויסגעשטודירט אייניקל, נ ע מ ן און זיך באַנוצן מיט די דאָקומענטן. וויבאַלד די גוייִשע שׂרים זענען טאַקע אַזוי ליכטיק — טאָ וואָס איז די וואַרטעניש? פאַרוואָס זיך פּייניקן אַזוי לאַנג, אויב די באַווייזן זענען ביי ירוחמען אין האַנט? פרעגט מיך בעסער נישט, ווייל איך ווייס אַזויפיל ווי איר. איין כלל זאָלט איר האָבן: טאָמער זוכט איר לאָגיק ביי אונדזער השכלה־ראָמאַניסט — איז אומזיסט אייער מי. דערפאַר בעט איך אייך: הערט אויף פרעגן קשיות, נאָר הערט וואָס מ׳דערציילט אייך און גלייבט אויפן וואָרט. אָט למשל האָט די באַנדע רשעים געקענט צונעמען ירוחמס פאַרמעגן ביז אַ פאָדעם. זיי פאַרשטויסן אים אין זיין חרם־ווינקל און קיינעם אַרט נישט אויף כי הוא זה. זיי קענען אַ ל ץ באַווייזן, אָבער נישט איין קלייניקייט: צונעמען ביי אים די פּאַפּירן... דאָ מוזן זיי שוין גיין מיט גוטן, צוזאָגן אים געלט און שלום — אַבי ער זאָל אַרויסגעבן די באַווייזן, וואָס ער באַהאַלט נישט פאַר קיינעם. וויאַזוי איז דאָס מעגלעך? נו, ס׳וואָלט שיין אויסגעזען ווען אונדזער קינסטלער זאָל זיך צוהערן צו אייערע נאַרישע שאלות.

וויבאַלד איר מיינט, אַז קיין ערגערס ווי די פּאָר רויבער איז ביי ייִדן נישטאָ — ווייסט איר נישט, במחילה, ווער ייִדן זענען. די קרוין פון אַלע פרומאַקעס אין דער סביבה איז — ר׳ צדוק. דאָס איז טאַקע דער הויפּט־העלד, דער „געפאַרבטער פויגל״ אַליין. וויפל כ׳זאָל אייך נישט אָפּמשלען די גרויסע ליבשאַפט פון אַלע ייִדן צו אים — איז אַן עבירה די רייד. איר מוזט עס אַליין הערן פונעם מחבר — אויף הונדערטער זייטן. דוכט זיך: ווען ער פאָדערט פון יעדער שטאָט־ייִד די נשמה, וואָלט ער אים זי אָפּגעגעבן מיט אַ גליקלעכן שמייכל.

און ווער איז אַזוינס דער ייִדישער אָפּגאָט? אַ מין זיווג פון גוייִשן טייוול און ייִדישן אשמדאי. אָט איז, אויפן שפּיץ מעסער, אַ שטיקל בילד: אַ קינד

צדוק איז פאַרקערפּערט אין אַ לעבעדיקן פּראָטאָטיפּ — נישט קיין אַנדערער ווי דער באַרימטער גאון און צדיק ר׳ אליהו קראַטינגער — וואָס איז אַ „ר׳ צדוק בצלמו ובתבניתו״.

פון אַ מאַמען אין די מזרח־לענדער, וואָס איז נ א נ ס געוואָרן דורך פּאַ־גראַמשטשיקעס. דערפון איז אַרויסגעקומען דער תכשיט, וואָס האַלט גאַנץ ע ת י ק ה (ווילנע? קאָוונע?) פאַרשטעקט אינעם גאַרטל. מאַלט אייך, אַז ס'איז אים נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט. פריִער האָט ער געלערנט תורה און — וויאַזוי צו פעלשן אונטערשריפטן. דערנאָך האָט ער חתונה מיט אַ רייכער טאָכטער, פעלשט דעם שווערס אַ וועקסל, נעמט אים צו דאָס גאַנצע פאַרמעגן און אַנטלויפט. דאָס ווייב בלייבט אַן עגונה. אין ד ע ם גלגול הייסט ער ח פ נ י. דערנאָך באַגעגנט ער נאָך אַ רייכן ייִד, וואָס מאַכט אים חתונה מיט זיינס אַ שוועסטער און האַלט אים בכבוד. גלוסט ער אָבער צום שוואָ־גערס ווייב. דערפאַר וויל ער פאַרסמען ז יי ן ווייב און הרגעט גאָר די געליבטע. דערנאָך וויל ער קוילען דעם שוואָגער מיט אַ מעסער, פאַרוווּנדעט אים בלויז, באַרויבט אים און אַנטלויפט. דאָס מאָל הייסט ער שוין א ל י ק ו ם. איבערן וועג טוט ער ווידער אַלדאָס־בייז, ביז ער באַגעגנט דעם ירושלימער משרת ל ו י, וואָס האָט באַגלייט דעם אמתן ר' צדוק. יענער האָט געלאָזט אין ירושלים אַ פאַרליבטע כלה און געלאָזט זיך קיין עתיקה אָפּנעמען אַ גרויסע ירושה... מאַכט אונדזער חפני יד־אחת מיטן משרת, באַקומט ר' צדוקס דאָקומענטן, זיינע חידושי־תורה און ער לאָזט זיך מאָנען יענעמס פאַרמעגן.

קיין עתיקה פאָרט ער אַריין מיט גרויס פּאַראַד און ווערט טאַקע דער איידעם פונעם רשע ג ע ל. באַלד ווערט ער אויסגערימט אין דער גאַנצער סביבה ווי אַ גאון און צדיק הדור. למען האמת באַווייזט ער אָבער צו אָרגאַ־ניזירן אין שטאָט אַ גאַנצע באַנדע גענגסטער (דערמאָנט אייך: אין אַ מין ייִדישער ווילנע פון מיטן 19טן יאָרהונדערט!). זיי פעלשן חתימות און בריוו אויף רעכטס און לינקס, נאַרן אויס און רויבן צו כל־המינים געלטער — און ר' צדוק גיט זיי באַפעלן, וועמען אָפּצורוימען לגמרי פון וועג...

און מאָדנע: פון איין זייט האָבן וועגט אויערן ביי מאָפון אין שטאָט. ווי נאָר עמעצער קוקט אַריין אין תנ"ך, אָדער שרייבט אַ מליצה־בריוול, ווייסן עס באַלד קינדער אין די וויגן. נישטאָ קיין סודות פאַר קהל. ווי נאָר עפּעס — רעדן די שויבן און די טירן. ס'איז באַלד — חרם... אָבער דער פאַלשער ר' צדוק שטעלט צונויף אַ גאַנצע שייקע באַנדיטן און רוצחים — אָבער קיין פויגל ווייסט נישט דערפון. מען טראָגט צו אים נדן־געלטער, פּקדונות, ווערט־זאַכן — און אַלע זענען גליקלעך וואָס ער נעמט עס צום באַהאַלטן. ווען ער ווערט אַן אלמן (דורכן אונטערשטופּן אַביסל דאָס ווייב צום הימל), שיקט מען אים טעכטער און אייניקלעך פון אַלע זייטן. ער איז פאַרהייליקט, פאַר־געטערט און קען זיך אויסקלויבן וועלכע כסא־הרבנות ער וויל. ע ר קען פירן טריפהנע ליבעס, גנבענען, רצחענען — און קיינער כאַפּט זיך נישט. או־

מעטום האָט ער זיין האַנט און אויג, ער ווייסט שוין אַליין נישט וויפל פאַר־ברעכנס ער איז באַגאַנגען — און דאָך בלייבט ער דער צדיק־הדור. פון וואַ־נעט שעפּט ער די גאַנצע תורה — וואָס פאַרבלענדט אַלעמענס אויגן? נישט פון אייגענעם וויסן, נאָר פון אמתן ר׳ צדוקס כתבים... דאָס לומדישע ליטע פון יענער צייט, מיט אירע גאונים אין יעדער ווינקל, שטויסן זיך אַפילו נישט אָן. גאַנץ קהל דאַרף פּשוט זיין בלינד, טויב און אידיאָטיש — בכדי אים נישט צו דערקענען. אָבער זייט רויק: אונדזער מחבר וואַכט איבער אים. וועט ער נישט דערלאָזן, אַז ס׳זאָל חלילה געשען אַ „מכשול" — ביז צו די לעצטע זייטן פון ראָמאַן...

און דאָס זענען בלויז עטלעכע פאַרשוינען און שטריכן פונעם ים מיט מענטשן, וואָס אונדזער טרוימערישער מאַפּו האָט דאָרט אָנגעטריבן.

ד.

און ירחמיאל? ער איז דווקא נישט קיין רשע ווי אַנדערע פאַרקערט: ע ר וועט גיכער כאַפּן צען פעטש, איידער געבן עמעצן דאָס מינדסטע שטוי־סעלע. ירחמיאל וועט חלילה ביי קיינעם קיין נאָגל נישט רירן. טאָ ווער קען צו אים האָבן טענות? איר האָט געטראָפן: דער מחבר. מיט וואָס האָט ער געזינדיקט? דערמיט וואָס ער האָט געלערנט גאָר אַ סך תורה, אָבער די וועלט מיט אירע גלוסטיקייטן האָט אים נישט געצויגן. דערפאַר קען מען אים נישט גלייכן צו די צענדליקער יונגעלייט און בתולות, וואָס שרייבן זיך לאַנגע לי־בעס־בריוו אויף לשון־קודש, אַז ס׳גייט אַ רויך. ר׳ אברהם מאַפּו זאָגט אונדז אָפן, אַז ער האַלט גאָר־ווייניק פון ירחמיאלס נאַיווער ערלעכקייט — וויבאַלד ער איז אַזאַ כשרע בהמה, אַז „מען מעג אויף זיין הויט שרייבן תפילין און מזוזות". און איר מעגט אויך וויסן: אַ נאַרישער חסיד איז נישט בעסער פאַרן גרעסטן ר ש ע. אַזוי ווערט בפירוש געפּסקנט אין אונדזער ראָמאַן.

דערנאָך גייט אַוועק אַ מעשה מיט אַ שידוך: פאַר אַ שלימזל ווי ירחמיאל פּאַסט, אַז דער שווינדלערישער שדכן ב ח ש ו ן זאָל אים פאַרשלייערן מיט אַזאַ גיפטיקער שלאַנג ווי צ פ נ ת. גיט זי אים טאַקע טאַבעק צו שמעקן. זי פירט אָן מיטן פאַטערס אכסניה, ציט אַריין אין איר בעט איין מאַנצביל נאָכן צווייטן — און קהל ווייסט נישט פון קיין פּתרון און קיין חלום. ירחמיאל — אַוודאי נישט. ער זיצט אָפּגעשלאָסן און לערנט, בעת יע־דער גאַסט אין דער אכסניה זעט באַלד ווי צוגענגלעך־שיין זי איז. יאָ, זי פאַראַרבעט מעשים — און קהל האַלט זי ווייטער פאַר אַ צדיקת. אַפילו ר׳ גדיאל וועט בלויז איינשטיין ביי איר.

וואָס טויג צו ברייען אַ לאַנגע מעשה? ירחמיאל נעמט סוף־כל־סוף דעם

שטעקן אין האַנט און אַנטלויפט. אין וועלכן לאַנד שלאָגט ער דען נישט אָן? ווו אַ ווינקל — דאָרטן איז ער. וויאַזוי קען אַזאַ בטלן זיך אַדורכשלאָגן זיין וועג אַזויפיל יאָרן איבער אַלע מדינות? פאַרוואָס גייט ער נישט פאַרלוירן? שוין ווידער מיט קשיות! אַז דער מחבר וויל — איז ירחמיאל נאַרישער פאַר אַן איין־יאָריק קינד. וויל ער אָבער (ווי ביים סוף למשל) איז שוין ירחמיאל דער אמתער חכם־עתיק. אָבער שרעקט זיך נישט: איר וועט קיינעם ביי קיין סתירה נישט כאַפּן. דאָס געשעט ערשט דאַן, ווען ירחמיאל זיצט ביי איין טיש מיט משכילים... און זייער בלויזער מויל־הויך קען באַווייזן ניסים.

דערווייל אָבער וואַנדערט ער — און זיין ווייב צפנת ברענט אַ וועלט. אָט לאָזט זי שרייבן אַ ספר־תורה פאַר קהל און אָט טוישט זי דעם געליבטן; אָט לויפט זי געבן צדקה — און אָט איז זי שוין אַ חשובער טייל פון ר׳ צדוקס רויבער־באַנדע. וויאַזוי קען זי פראַוועון אַזויפיל זנות אין אַזאַ פּיצל מקום ווי די אכסניה, וואָס איז נאָך דערצו כסדר באַזעצט מיט פרומע יידן? וויאַזוי קען זי אָפּטון אַלדאָס בייז און דאָך זאָל מען איר גלייבן, ווען זי שיט פעך און שוועבל אויף ירוחמס טריפהנער שטוב? נו, מיר האָבן שוין אָפּגעמאַכט: אַן שאלות!

דער אַלטער מייסטער וועט אונדז אָבער מוזן מוחל זיין: פאַראַן ביי אים אַזעלכע גוזמאות, וואָס לאָזן אונדז מער נישט שווייגן. דהיינו? אָט למשל באַשליסט ר׳ צדוקס רוצחים־אָרגאַניזאַציע (אַ גענגסטער־מאַפיאַ אָדער גע־פּעאו? רופט עס ווי איר ווילט אַליין), אַז מ׳דאַרף איינמאָל פאַר אַלעמאָל פּטור ווערן פון דער גאַנצער ירוחם־משפחה. די דאָזיקע מלאכה נעמט אויף זיך מיט גרויס חשק די פרום־פאַרדאָרבענע צפנת. כ׳געדענק שוין נישט ביי וועלכן געליבטן זי האַלט. ער איז אַ קאָרטן־שפּילער, וועמען זי בעט הילף. וויאַזוי? דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען ער נעמט אַ טויט, קריסטלעכן קינד — און וואַרפט עס אונטער אינעם פאַרהאַסטן הויז. אויב די צוויי לייט פירן עס נישט אַדורך — איז עס בלויז מחמת גרויס דרך־ארץ פון אונדזער ראָמאַ־ניסט צו דער צאַרישער מאַכט... אינעם צאַרישן רוסלאַנד פון ניקאָלײַ דעם ערשטן (קנאַפּע 70 יאָר פאַרן ביילים־פּראָצעס!) כאַפּט זיך די גבאיטע מיט איר געליבטן, אַז... די רוסישע פּאָליציי וועט אַזאַ עלילת־דם נישט נעמען ערנסט. דער ירוחם־משפחה וועט גאָרנישט געשען, ווייל די דאָזיקע בלבולים האָבן זיך שוין געענדיקט; פאַרלוירן איז זייער זכר און ס׳וועט זיין אַ געלעכ־טער פאַרן גאַנצן פאָלק". ווען עס קומט צום ג ל ו י ב ן אין בלוט־בלבול, קען מען זיך הייסט עס אויף די צאַרישע באַאַמטע נישט פאַרלאָזן. ס׳איז אַ צרה, וואָס זיי זענען צופיל אויפגעקלערט און די יידישע פרומאַקעס מוזן זיך דערמיט רעכענען. דערפאַר מוז צפנת נעבעך צורעדן איר העלפער, אַז ער זאָל

מאַכן אַן אַנדער בלבול — וואָס קען נאָר אויפרודערן י ד ן. זיי וועלן שוין גלייבן. דער „רעאַליזם" איז דאָ אַ טאָפּלטער:

וויפל די יידישע אויסוואורפן (און אַזעלכע זענען אַלעמאָל געווען, אויך אין מאַפּוס צייטן) פון אַ פרום־יידישער קהילה זאָלן נישט זיין הפקר — און וואָס זיי זאָלן נישט מסוגל זיין צו טון — וואָלט זיי די מעשה פון מאַכן אַן עלילת־דם אין אַ פסח־נאַכט (זאָל אַפילו זיין אויף אַ משכיליש הויז) באַלד נישט געקומען אויפן רעיון. בפרט נאָך, ווען מיר האָבן פאַרט צו טון מיט אַ יידענע — און ביי איר גאַנצער אויסגעלאַסנקייט ציטערט זי פאַר גאָט. שנית: ווען מ'געפינט טאַקע אַ קריסטלעך קינד, וואָס יידן האָבן געהרגעט, אין אַ יידיש הויז — וואָלט עס נישט געבליבן נאָר ביים „שולדיקן" און געהאַסטן הויז. די צאַרישע פּאָליציי וואָלט זיך בפירוש צעפירט די הענט אויף רעכטס און אויף לינקס. די פינצטערע מאַסע וואָלט גענומען העק און קאָסעס — און די ערשטע וואָלטן געליטן יענע דאָרפס־קרעטשמעס, וואָס זענען אונטער דער האַנט. אָבער די באַלעבאַטטע פון אַזאַ אכסניה שרעקט זיך גאָרנישט. פאַר־קערט: זי באַדויערט בלויז, וואָס דאָס צאַרישע רוסלאַנד מיט הונדערט יאָר צוריק איז... נישט גענוג פינצטער. וויאַזוי קענען מיר אייך דאָס גלייבן מיט פאַרמאַכטע אויגן, ר' אברהם בן ר' יקותיאל? וויאַזוי האָט איר געקענט אַ זוי שטאַרק איבערזאַלצן?

אָבער לאָמיר נאָר, אין דער בהלה, נישט פאַרגעסן אין ירחמיאלן. זיכער זענען אין דער פרומער וועלט געווען תקיפים און מנובלים. מיר באַגעגענען זייערע שפּורן אין גענוג לומדישע ספרים. אָבער סוף־כל־סוף ווייסן מיר, אַז אַ מענטש האָט פאַרט אַ ברעקעלע געוויסן — בפרט ווען עס האַנדלט זיך אין י ד ן, וואָס גייען דאַווענען, גלייבן אין גאָט און אין אַ „יענער וועלט". טוט זיי טאַקע קיינמאָל נישט קיין צופּ ביים האַרץ, אויב אַפילו גאָר־זעלטן? אין אונדזער ראָמאַן וועט איר עס נישט באַמערקן. די דאָזיקע יידן טוען־אָפּ מעשים, וואָס שטייגן איבער סדום ועמורה — אָבער עס גיט ז יי קיינמאָל נישט קיין קראַץ ביי דער פּיאַטע. לאָזט זיי נאָר — און זיי וועלן אַלעמען אומברענגען אויפן פּייער צוליב אַ פּרוטה. יאָ, דער איינציקער, וואָס ראַנגלט זיך מיט עפּעס אַ מעכאַנישער חרטה, איז ר' צדוקס משרת — לוי. דאָס גע־שעט ערשט ווען ער האַלט ביים שטאַרבן. אָבער אויך ע ר וויל גאָרנישט אויסבעסערן. ער דערציילט עס בלויז שטילערהייט זיין געליבטער — אונ־דזער גוט־באַקאַנטער צפנת... געטראָפן דאָס אָרט, פאַר וו ע מ ע ן זיך מתוודה צו זיין!

די בלוטיקע חברה פון ר' צדוקן וואָלט ממש אומגעברענגט אַ האַלבע וועלט און עס זאָל קיינמאָל קיין עק נישט נעמען. ערשט די גערעכטיקייט

(וואָס איז געקומען צופליִען על כנפי רוח פון די משכילישע יונגעלייט און זייערע פריצישע שטיצער) האָט זיי געבונדן די הענט... און אַפילו ווען מ׳דער־קענט זיי מיטן גאַנצן קנאַק — הערט איר נישט פון קיינעם קיין פּיפּס פון הרטה; אַפילו נישט פון ר׳ גדיאלן. זענען טאַקע אַזוי טעמפּ געוועזן די פרום־יִדישע הערצער פון אַמאָליקן ליטע?

דער איינציקער אויסנאַם (מחוץ די פּאָר געשטאַלטן, וואָס זענען אַפילו נישט קיין שאַטנס) אין דער פרומער וועלט איז — י ר ח מ י א ל. ע ר קען קיין עוולות נישט פאַרטראָגן, הגם ער בלייבט סייווי דער אומגעלומפּער־טער פּרא־אָדם. אַז אים אַליין פעלן נישט קיין צרות — האָט איר שוין גע־הערט. אָבער דאָס איז בלאָטע. ווען ז י ך וועט ער גיין זאָרגן? בעיקר טוט אים ווי דאָס האַרץ פאַרן ווייב: וויאַזוי קומט זי אויס אָנעם מאַן, גאַנצע זיבן יאָר? זי בענקט אַוודאי... ניין, נישט חלילה צום גראָבן (ווי קומט ירחמיאל דערצו?) נאָר סתם־אַזוי: וועַר מאַכט פאַר איר קידוש און הבדלה? ווער ריכט פאַר איר אָפּ דעם סדר? פילט ער זיך שולדיק, זינדיק. און ער אַליין? אויך זיין נשמה איז נישט געהאַקט פון שטיין. ער איז טאַקע „אַ ירחמיאל", ווי זיין ווייב משלט אים אָפּ בקיצור־נמרץ, אָבער וואַלגערן זיך כסדר אין הקדשים איז אויך נישט פאַר אים געדאַכט.

אָבער דאָס איז אַ קלייניקייט. ז יי ן עוולה וועט ער אַלעמאָל מוחל זיין. אים אַרן אָבער די יסורים פון אַנדערע. אָט למשל וואַלגערן זיך נעבעך אַרום צוויי לעבעדיקע עגונות — די ווייבער פון אונדזער חפני־אַלקום־צדוק — און קיינער הערט נישט זייער שטומען געשריי אין די נעכט. טאָ וויאַזוי קען ירחמיאל זיצן מיט פאַרלייגטע הענט? דערצו איז דאָך סתם אַ געוואַלד: וויאַזוי לאָזט מען עס אַרומדרייען אַזאַ רשע איבער דער וועלט? מי־יודע וויפל מענטשן ער קען דערוויל אומגליקלעך מאַכן. די „וועלט" האָט טאַקע ירח־מיאלן אין דער לינקער פּאה: זאָל ער זיך וואַלגערן, זאָל ער געשלאָגן ווערן פון ווייב און פון יעדן וואָס האָט אַ האַנט מיט אַ פוס, זאָל ער גיין צו אַלדע גוטע יאָר! אָבער ירחמיאל איז כסדר שולדיק דער וועלט און זיין האַרץ הערט נישט אויף צו ציטערן פאַר איר גורל. זי טראָגט אַ שלאַנג אויפן האַלדז — און ער מוז זי אָפּוויקלען! קען ער נישט ראַסטן און נישט רוען; לויפט ער אַרום יאָרן, וואַנדערט איבער פאַרשידענע מדינות — און אין זיין זעקל טראָגט ער בלויז איין חלום: פּאַקן ח פ נ י ן.

ס׳איז וואָר: ווען ער וויל זיך איבערבעטן מיט צפנתן, איז ער איר מודיע אַז פאַרן כאַפּן דעם רשע וועט ער באַקומען „טויזנט שקלים". אָבער מילא, וואָס מ׳דערציילט אַלץ אַ בייז ווייב — בעת מ׳וויל שלום. זאָל זי מיינען, אַז איר ירחמיאל איז געוואָרן אַן אויסטויגער; אַז אָט־באַלד כאַפּט ער דאָס

עשירות ביי דער פּאָלע. ער איז גאָרנישט אַזאַ בטלנישער וועלט־פאַרזאָרגער ווי מען מיינט. למעשה אָבער קומט ער אַהיים אָן אַ לייטיש בגד אויפן לייב — און אויך דאָס צעררייסן כלבים אויפן וועג. פאַר זיך אַליין, איז די מעשה מיט די טויזנט שקלים נישט ווערט קיין שמעק טאַבעק. ער חלומט בלויז וועגן באַזייטיקן דעם רשע פון מענטשנס וועג. זיין איינציקע האָפענונג איז: אפשר וועט אים דאָס גאָט באַשערן אין זיין אייגענער שטאָט. היד אדושם תקצר?

לאַכט, לאַכט וויפל איר ווילט — אויב דאָס איז אייך צום האַרצן. בלויז אַ שוטה ווי ירחמיאל קען גלייבן, אַז די גאַנצע וועלט איז כולה טוב. בלויז איין „חפני" קומט אַלעמאָל און פאַרשטעלט די זון. דערפאַר וויל ער אים כאַפּן — און פטור אַן עסק. דער אייביקער ירחמיאל איז אַ קרבן פון צופיל ליב־האָבן אַנדערע; פון צופיל מיטפילן יעדן איינעמס קרעכץ און יסורים. ער שרייט אַזוי שטאַרק קעגן רשעות — ווייל ער פאַרגינט דער וועלט אַ בעסער מזל. ער לויפט אַנטקעגן אַלע פּעטש, ווייל דערפאַר וועט מען שוין קעגן אַנדערע נישט הייבן קיין האַנט. מאַכט ער טאַקע דעם גרעסטן טעות. פאַרוואָס זאָל ער נישט וויסן, אַז די וועלט האָט גענוג אַנדערע רשעות־פעלדער? אַז די ר׳ צדוקס וואַקסן סייווי אין יעדער ווינקל? אָבער א יי נ ע ם האָט פּאָרט דעמאַסקירט ע ר און נישט קיין אַנדערער! עטלעכע אומגליקלעכע האָט ער פּ אָ ר ט אויסגעלייזט און זיי געברענגט אַ ניי לעבן, דורך זיינע פאַרמאַטערטע יאָרן. טאָ וואָס איז אַזוי גרויס דער חוזק ביי אייך, ר׳ אברהם מאַפּו? נאָך עטלעכע טויזנט ירחמיאלס ווי ער, וואָלטן זיכער ליכטיקער געמאַכט די וועלט — אַפילו ווען זיי וואָלטן זי נ י ש ט אָפּגערייניקט פון אַלדאָס־בייז.

דער מייסטער האָט אַ תירוץ: צום זוכן די גרויסע רפואה — מוז מען האָבן שכל... און ירחמיאל איז אַ טיפּש. אָבער אונדזער מחבר אַליין איז דען, היסטאָריש־גענומען, נישט דער זעלבער ירחמיאל? אָט האָט ער געזען די רפואה צו יידישע מכות אינעם קענען אַ גוטן רוסיש אָדער דייטש. איז דען נישט צום „לאַכן"!? און וואָס איז מיט די היינטיקע אָפּשפּעטער פון ירחמיאלן? זיי געפעלט נישט ז יי ן רפואה צו אַלע צרות. אָבער זיי האָבן אַנדערע רפואות: פאַראייניקן זיך מיט די אַראַבער אין איין „ברייטקייט"; אָפּטרייסלען זיך פון יידישער עקשנות און טראַדיציע; ווערן אַזוי באַוואָפנט, אַז די „גאַנצע וועלט" זאָל פאַר אונדז ציטערן... איז שוין אַזוי זיכער, אַז דאָס אַלץ איז קלוגער און פראַקטישער פאַר „ירחמיאלס" חלום: צו פאַרזיכערן אונדזער אָרט אונטער דער זון דורך קרבנות־גרייטן אידעאַליזם?

נו, מיר זענען שוין ווידער אַראָפּ פון גלייכן וועג. בסך־הכל האָבן מיר

נאָר געוואָלט באַווייזן, אַז אונדזערס אַ העברעיִשער קלאַסיקער האָט דערפירט צו ירחמיאלס מערכה. אַז איר זענט קלוג (און אין דעם פאַל מוזט איר עס זיין, ווייל איר ווייסט שוין ווער עס זענען די שיינע ייִדן), מוזט איר זיך קאַטשען פאַר געלעכטער: ווען ירחמיאל זוכט יושר, לויפט ער קודם־כל צו די חשובי־העיר; ער בעט זיך אַפילו ביי ר׳ צדוקן אַליין, אַז ער זאָל אים העלפן כאַפּן — חפנין... נו, איז ער ווערט די רייד? אָבער וויבאַלד איר האָט אַ שטיקל האַרץ פאַר אַ צולאָג — פאַרגייט אייך דאָס געלעכטער: ירחמיאל האָט זיך אויסגעוואָלגערט אין אַ ל ע לעכער, געשלאָגן געוואָרן פון אַלע־מען, אויסגעלאַכט געוואָרן סיי פון קלוגע און סיי פון נאַראָנים — און דאָך האָט ער דעם גלויבן אינעם מ י ן מענטש נישט פאַרלוירן. ער מיינט נאָך אַלץ, אַז וויבאַלד עמעצער וועט הערן, וויאַזוי דער יושר איז איינגעשטעלט — וועט ער לויפן מיט אים צוזאַמען. נאָרט ער זיך טאַקע איינמאָל און צוויי מאָל... אָבער דאָס מאַכן פון אַלעמען וועלף — איז בעסער?

ירחמיאל וויל אָפּטמאָל נישט באַמערקן דאָס שלעכטע, אַפילו ווען עס שטשירעט אים אַנטקעגן די בייזע ציין. והראיה: מיט וויפל פאַרשטענדעניש ער באַטראַכט דעם שלעגער, פּתחיה, שוין נאָכדעם ווי יענער ציילט אים אַריין די אמתע פּעטש. ער גייט כּסדר אויף אַ זיכערער בריק. ס׳קען זיין שלום־ושלווה; מען קען אָפּמעקן אַזויפיל טרערן פון מענטשלעכע פּנימער. מען דאַרף בלויז דערלויפן ביז צום גרעסטן רשע און אים בינדן די הענט. קומט אים דערפאַר בזיונות? איז דאָס דער חטא, פאַר וועלכן אונדזער מחבר האָט אים לכתחילה געוואָלט עוקר מן השורש זיין? אַפילו ווען איר ווערט נישט נתפּעל פון אַזעלכע חלומות — מוזט איר פאָרט קומען צו דער מסקנה: אַז וויי איז צו ד ע ר וועלט, וואָס פאַרמאָגט שוין נישט מער קיין איין ירחמיאל. מי־יודע וואָ ס פון איר וואָלט געוואָרן, ווען ס׳זאָלן שוין אויפ־הערן אויך יענע געציילטע, וואָס שלאָגן זיך ווייטער מיט די מעכטיקע ווינט־מילן פון רשעות; וואָס לאָזן כּסדר איבער זייער אייגן לייב־און־לעבן, אַבי צו ראַטעווען אַנדערע פון עלנט. וואָס־וואָס — אָבער מאַכן פון אים דאָס לייי־טישע געלעכטער, געהערט זיכער נישט צו די גרויסע חכמות. ביי אומות העולם מעג מען לאַכן פון ירחמיאלס אַ פּריִערדיקן גלגול — דאָן קישאָט — אָדער אים באַגלייטן מיט אַ טרער. דאָס איז ז יי ע ר זאַך. אָבער ביי ייִדן, פּאַסט זיכער נישט דער דאָזיקער חוזק צום נאַציאָנאַלן פּנים.

ה.

אייגנטלעך וואָלטן מיר ערשט איצט געדאַרפט צעגלידערן דעם גאַנצן ראָמאַן — און געבן אַן אויספירלעכן אַנאַליז פון יעדן העלד באַזונדער.

ראשית־כל, האָט דאָך אברהם מאַפו געמאַכט געשיכטע: צענדליקער יאָרן האָבן אונדזערע ביידע ליטעראַטורן אים נאָכגעשפּאַנט אויפן זעלבן דרך. שנית, האָט ער באַקומען אַן אומגעוויינטלעכן יורש אין דער געשטאַלט פון היינטיקן ע ו ז י. שוין מאַפו האָט (בעלעטריסטיש) איינגעטיילט דאָס יידנטום אין צוויי תקופות. אויך ביי אים האָט די פּריִערדיקע געמוזט אָפּ־טרעטן איר אָרט פאַר דער שפּעטערדיקער. ער האָט נאָר אָוועקגעשטעלט אַנ־דערע ר אַ מ ע ן: דאָס ייִדנטום פ אַ ר דער השכלה און דאָס נייע פאָלק, וואָס האָט געפונען דאָס פולע גליק אין „אויפגעקלערטקייט". דער קלוגער תמים האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז אַפילו ווען אַ סך ייִדן וועלן שוין קענען דייטש (ד אָ ס לשון איז פאַר אים געווען אַ וואַזשנער סימן פון ליכט) און אַ גוטן רוסיש — וועלן זיי נאָך אַלץ נישט געהאָלפן ווערן. אָבער ווער קען און מוז דאָס זיין אַ נביא?

נישט מער: די צייט שטייט נישט און מיר מוזן פאַרטיק ווערן מיטן „ערשטן" ירחמיאל גאָר בקיצור. אויב ער גלויבט אין מענטשן בכלל — וועט ער נישט האָבן אמונה אינעם פאַרבענקטן ווייב? קומט ער אויף פּסח און ברענגט נאָך אַן אורח. צפנת, די פרומע שלאַנג, באַקומט דערוויל פון ר' צדוקן געפעלשטע פּאַפּירן און זי רוקט זיי אַריין צום מאַן אין זעקל. זאָל פּאָליציי אים דערנאָך אַרעסטירן. טויטן אַפילו פאַר שפּיאָנאַזש. זי אַליין מסרט אים טאַקע — אָבער די בהמה קען זיך עס נישט פאָרשטעלן. ווען עס קומט צום גלויבן מענטשן — הערט ער אַפילו נישט, וואָס די גמרא זאָגט: פאַראַן לייט, וואָס עסן און טרינקען איינער מיטן צווייטן, אָבער שטילער־הייט שטעכן זיי זיך „מיט דער שווערד פון די צונגען" (סוטה, י').

אָבער דער מחבר (דורכן גויִישן האַר פון שטאָט) האָט אַ גוט האַרץ. פּונקט ווי אין שעקספּירס „האַמלעט", לייזט זיך אויף דער גאַנצער פּלאָנטער דורך אַ בינע־שפּיל: נאָר אָן דעם ערלס שטעכענישן און ברעכענישן. ביי מאַפון שפּילט קהל „מכירת יוסף" און הינטער די קוליסן ווערט ירחמיאל אַ העלד פונעם העלדן־לאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז אָן דעם חסד פון די גערעכטע און ליטערע שׂרים וואָלט געווען ביטער ווי גאַל. ס'געשעט עפּעס, וואָס איז אַזוי נאַרמאַל און נאַטירלעך אינעם צאַרישן רוסלאַנד: מען באַנייט אַ בית־המדרש. גיסט זיך צונויף גוי מיט ייִד (אין דער קאָנטאָניסטן־תקופה!!!) אין איין קור־שעניש, מחמת גרויס שׂמחה. מען האַלט אַ סך לאַנגע רעדעס (אויף צעפּיקעניש די אַלע וואָס מיינען, אַז דאָס האָט מען ערשט איצט אויסגעקלערט) און ס'איז חי־געלעבט. איר מעגט עס הערן: אין אַ ייִדישער קהילה פון 19טן יאָרהונדערט — און דערצו נאָך ביי אַ ז אַ פרומער געלעגנהייט — טראָגט מען... מאַס־קעס צוליב שפּיל. אָט אַזוי „מאָדערן" ווערט מיטאַמאָל דאָס פינצטערע

עתיקה. שטעלט אייך פאַר, אַז אַפילו ר׳ גדיאלן און ר׳ צדוקן אַרט עס נישט. אָבער בעיקר: אַן ירחמיאלן וואָלט דאָס גאַנצע שפּיל קיין טעם נישט געהאַט. איר מעגט הערן זיין לשון! קיינער וויל אים טאַקע לכתחילה נישט גלויבן — און צעשטערן די אידיליע. לכתחילה איז ער איינזאַם אין זיין גערעכ־טיקייט, אָבער — דאַנקען גאָט! פאַראַן גויים אויף דער שמחה און ז יי דער־שפּירן דעם אמת. הכלל: ע ר ראַטעוועט די שטאָט. דערנאָך נעמט זיך דער מחבר צו דער אַרבעט. ער פאַרטיילט חלילה קיינעם נישט און היילט אַלעמענס ווונדן:

נ ע מ ן באַקומט זיין א ל י ש ב ע; ר ו ח מ ה — איר ז י מ ו ן; ש פ ר ה איר עזריאלן; עתליה איר עתניאלן; צביה איר עדן׳ען... און אַזוי ווייטער און ווייטער — אַן אַ סוף. ירושה־געלטער פאַר די גוטע משכילים נעמען שטראָמען פון אַלע זייטן. דאָס גליק נעמט זיך גיסן אויף טיש און אויף בענק. איר זעט בפירוש, ווי דער מייסטער האָט יעדן פון זיינע צענדליקער העלדן אויפן אויג: אויף די רשעים קומט אַ ראַסקאָשנע בראָך — ביז צום לעצטן. ווער עס ווערט דערטרונקען אויף אַ שיף און ווער עס פוילט אין קייטן; וועמען מען כאַפּט אויפן וועג קיין לאָנדאָן און וועמען מען טוט דאָס זייניקע אין דער אייגענעם היים, — אַבי ס׳איז נישט הפקר קיין וועלט... אָפּגערוימט די רשעים פון וועג מיט איין שאָס, נעמען פאַראַדירן גליקלעכע פּאָרלעך ווי אין אַ הימלישער תיבה: שאול פירט זיין שרהן, רחל — איר הימן... און נאָכאַמאָל: אַזוי ווייטער און ווייטער. ווען ירוחם מיט נחמיהן זאָלן נישט זיין אַזעלכע זקנים — וואָס פאַר זיי פּאַסט שוין נישט צו פירן קיין ליבעס — וואָלט אונדזער מייסטער אויך פאַר זיי אויסגעזוכט די אמתע יפהפיות. אָבער אַזוי ווי ס׳איז נישט אַזוי איי־איי — גיט ער זיי כאַטש די געלעגנהייט צו ווערן ספרים־קריטיקער. דאָס גיסט אַריין די משכילים אַ חיות אין אַלע ביינער. ווער איז דען צום סוף נישט גליקלעך? וועמען פעלט נאָך עפּעס?

צי האָט דער מחבר עמעצן פאַרזען? חלילה... און אפשר פאַרט? אַהאַ, איר טראַכט נאָך אַלץ פון ירחמיאלן! טאָ זייט וויסן: ווען מען פראַוועט אַזוי־פיל חתונות, פאַרבעט מען אויך אים מיט זיין חבר שלומיאל. אויך דאָס איז נישט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט. אויך ער עסט לעקעך אויף די שמחות, וואָס אַ נ ד ע ר ע פראַוועןן. אָבער וואָס וועט זיין ווייטער? ווו וועט ער זיך שפּעטער אַהינטון? ס׳איז איצט אַ שעת־רצון ביים גנעדיקן ראָמאַניסט. פּונקט ווי ער האָט פריִער אַנגעצונדן דאָס גאַנצע גיהנום פאַר זיינע טרייע, אַזוי האָט ער איצט געעפנט אַלע שלוזן פון די אפרסמון־טייכן. ווער עס וויל נאָר, קען אויסשטרעקן אַ האַנט און נעמען גליק, ליבע, עושר און כבוד. בלויז איי־

נעם האָט ער פאַרגעסן צו פאַרזאָרגן. אויב ירחמיאל — קומט אים אַזאַ גורל. אַלע גיסן זיך צונויף אין איין שטיק נחת — בלויז דערפאַר וואָס ירחמיאל האָט זיך געוואַלגערט, געשריגן ווען קיינעם איז גאָרנישט אָנגעגאַנגען. אָבער דערנאָך — דאַרף מען אים נישט מער. בלייבט ער אויפן וואַסער? גיט מען אים כאָטש אַ שטיקל ווינקל? אפשר... אָבער דער מייסטער האַלט עס אַפילו נישט פאַר נייטיק צו דערציילן. קיינער פרעגט זיך נישט מער אויף ירחמיאלן — ווייל איצט דאַרף מען זיך אַליין קושן און האָלוביען. צוליב גרויס פאַרשמייעטקייט, האָט אים מאַפּו פאַרגעסן צוצוּוואַרפן כאָטש אַ שטיקל ביין. פּראָטעסטירן? אויסגלייכן די עוולה?? צו־שפּעט! ת ם כ ל ה מ ח ז ה... און שריי געוואַלט. ווען עס קומט צו דער מגיפה, איז ער „אַ ציג ווי אַלע ציגן" און כאַפּט דעם מחברס קלעפּ ווי אַלע גוטע לייט. אָבער ווען עס קומט צו דער מילך — איז אויס ירחמיאל!

...מיין פעדער האָט זיך אַ ווייל פאַרהאַלטן. כ'האָב פשוט חשק־באַקומען אַליין צוצוטראַכטן פאַר ירחמיאלן אַ שטיקל נחת. באַלד אָבער האָב איך זיך געכאַפּט: שאַ! טאַקע דאָ האָט אונדזער מייסטער ענדלעך פאַרדינט די רעאַליסטישע קרוין.

ו.

אונדזער נסיעה צום קינדער־וויגל פון דער העברעיִשער ליטעראַטור איז נישט אויסן־געווען בלויזע געשיכטע. אָבער וויבאַלד מיר האָבן זיך שוין באַפרייט פונעם מאַפּו־קאָרסעט — לאָמיר אַביסל כאַפּן דעם אָטעם. דערנאָך קענען מיר מכריז ומודיע זיין: ירחמיאל השלימזל הגדול — חי וקיים. ער האָט באין־אופן נישט פאַרענדיקט זיין בידנע לעבן ביי מאַפּון אין די ראָמאַנבלעטער. זינט זיין אמתער פאָטער האָט אים איבערגעלאָזט הפקר אויפן מאַרק — ווייל זיינע העלדן האָבן שענער געדרשנט און דערפאַר האָט ער זיי אָפּגעגעבן דאָס גאַנצע דאָברע־מזל — איז ער שטיין געבליבן אַ רגע ווי אויסגעפּאַטשט. דערנאָך האָט ער זיך אַ טרייסל געטון, גענומען דעם שטעקן מיטן יעקל און זיך אַוועקגעלאָזט ווייטער.

אמת: אויך אַ ירחמיאל ווערט אַמאָל מיד. אָפּגעשלאָגן זיך אין אַ נייער שלאַכט, האָט דאָס קליינע פּינטעלע יצר־הרע אים אַ פּינקל געגעבן אין האַרץ: אפשר גענוג? זעסט וויאַזוי אַלע כאַפּן שיריים פון דיינס אַ נצחון? טאָ זיי נישט קיין שוטה — און כאַפּ אויך. וואָס דאַרפסטו כסדר זעצן מיטן קאָפּ אין אייזערנע ווענט? באַלד אָבער צעלאַכט ער זיך ביטער: א י ך ? דאָס איז שוין ביי אים אַ מחלה, וואָס בלייבט שטעקן אין בלוט...

אָבער לאָמיר גיין מיט אַ טאָלק: אייגנטלעך איז אים די ערשטע צייט

נישט געגאַנגען שלעכט אין ע ת י ק ה. זיין ארורה האָט דאָך מאַפּו אַריינ־געשליידערט אין ים. אלא ער אַליין? וואָס האָט ער און וואָס דאַרף ער! טאַקע אַ פאַרקנייטשטער, אָבער לכתחילה איז ער געווען אַ גוטער גאַסט אין אַ סך הייזער. אַ וועטשערע האָט ער געכאַפּט ביי שאולן, אַ נאַכט־לעגער ביי נעמנען און אַן אָנבייסן ביי עתניאלן. דער מחבר האָט טאַקע וועגן דעם נישט דער־ציילט — אָבער אונדזער פאַרשטעלונג איז אויך עפּעס ווערט. איר שפּילט אייך מיט יידישע הערצער? כל־זמן דער אַלטער ירוחם האָט נאָך געלעבט, האָט ירחמיאל אַפילו צוגעקנעלט מיט זיינע אייניקלעך...

פאַרגעסן צו דערציילן: במשך פון דער צייט האָט ירחמיאל גענאַשט אַביסל שפת־עבר און פון זיינע מליצה־בריוולעך האָט די אַריסטאָקראַטישע אלישבע געלעקט די פינגער. אָבער יאָרן לויפן און אַלע פאַרלעך, ביי וועלכע ירחמיאל האָט געטאַנצט אויף דער חתונה זענען געוואָרן זקנים. ס׳זאָל נאָר נישט אויסגערעדט זיין: ער האָט אָנגעהויבן גיין צו לוויות אַ סך מער ווי צו חתונות און ס׳איז געווען ו י ק ם ד ו ר ח ד ש, אשר לא ידע את ירח־מיאל. צו די קינדס־קינדער זענען שוין געקומען צאַרישע אדונים כאַפּן אַ כאַ־באַרל, אַ שנעפּסל, אַ קערטל. איז זיי נישט אָנגעשטאַנען, הלמאי ירחמיאל פלאָנטערט זיך ביים טיש. דערצו נאָך האָט ער גערעדט אויף אַ לשון, וואָס קליינוואַרג האָט מער נישט פאַרשטאַנען... און ווו נאָר מען האָט אים איינמאָל געוויזן, דורך איידל לשון, די טיר — איז ער מער נישט געקומען. קענט איר דאָך ירחמיאלן מיט זיין צונג! האָט ער ווידער גענומען רודערן אומעטום: עס טויג נישט! ראשית, וועט פונעם קליינוואַרג ווערן אַ ניי מין באַשעפעניש — נישט ייִד, נישט גוי. אין בעסטן פאַל וועט אַפילו קיין ירוחם מער נישט אַרויסוואַקסן. והשנית, איז דאָס קושן זיך פון די פיסקלעך מיט מלכות־הרשעה גאַרנישט קיין טובה. די גוטע פּריצים וועלן זען וויאַזוי ייִדן לעבן — און ס׳וועט זיי וויניק זיין דער קליינער מתנת־יד. מי־יודע, וואָס זיי קענען צוטראַכטן...

ווען ירחמיאל האָט געהערט, אַז רוחמהס בת־יחידה האָט חתונה געהאַט אין צערקווע — האָט ער זיך געריסן די האָר פון דער באָרד. אָבער ייִנגוואַרג האָט עס מער נישט געאַרט. אַז רחלס ייִנגסטע אייניקל האָט געוואָלט ווערן פראָפעסאָר און זיך אַביסל צוגעשמדט, האָט ירחמיאל געקלאָגט אין די גאַסן. האָט עמעצער געפּסקנט: משוגע מיינע שונאים... און אַלע האָבן באַלד מסכים געווען. אַ פרעמדער איז ער מיטאַמאָל געוואָרן אין זיין אייגענער שטאָט און אַפילו דאָס הקדש איז אים ענג געוואָרן.

ווען עס זענען געקומען די גרויסע פּאָגראָמען, האָט מען זיך ווידער דער־מאָנט אין אים. עמעצער האָט אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, אַז ירחמיאל איז גאַר־

נישט געווען אַזאַ שוטה ווי מ׳האָט געמיינט. דאַרף מען הערן, וואָס ער האָט אַצינד צו זאָגן. אָבער גיי זוך דעם ווינט! אין יענער צייט האָט ער שוין אָנ־געשלאָגן ווער ווייסט ווו... מען האָט געשמועסט, אַז דאָס גאַנצע עסק איז אים נמאס געוואָרן. דער אַלטער ירחמיאל האָט זיך גאָר אויסגעלערנט רוסיש, אַראָפּגענומען די באָרד און מ׳האָט אים געזען טראָגן אַ גרויסע, פלאַקער־דיקע פאָן. און ס׳איז טאַקע געווען וואָר: ווו אַ תפיסה, דאָרט האָט ער זיך אויסגעוואַלגערט און ווו אַ קאַמף, דאָרט האָט צושטייער געגעבן זיין דאַרע פויסט. אָבער עס האָט געלוינט: עס זענען אַוועק יאָרן און אַ סך האָבן שוין נאָכגעשריגן ז יי נ ע רייד. אָבער אַלעמאָל איז עס געקומען צו־שפּעט. איי־דער וואָס און ווען, האָט מען אים דערוויייל געבראָכן רוק און לענד.

און אַז אַלע האָבן שוין געטראָגן ירחמיאלס פאָן — האָט ערשט ווידער נישט געטויגט. טאַקע אויפן סאַמע־שפּיץ, אין דער ערשטער ריי פון אַ טרי־בונע, האָט ער ווידער עמעצן באַמערקט: חפנין... עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יענער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון תפיסה, באַקומען נײַ לשון — און ווי־באַלד מען גייט פאַרטיילן די וועלט געדעכטיק, איז ער פון די ערשטע וואָס באַקומען דאָס מעסער אין דער האַנט און ע ר גייט צעטיילן דעם קוילעטש. ווי נאָר ער האָט געוואָרפן דעם ערשטן בליק אויף ירחמיאלן, האָט די גאַנצע וועלט זיך גענומען דרייען אָבער ע פּ ע ס האָט שוין ירחמיאל געלערנט: ווען חפני איז אים געקומען זוכן, האָט זיך שוין ירחמיאל געוואַלגערט אויפן ים...

בקיצור: מ׳קען נישט זאָגן, אַז אין אַמעריקע האָט עמעצער געטשעפּעט ירחמיאלן. פאַרקערט. ער האָט דאָ געטראָפן גוטע ברידער פון אַמאָל און זיי האָבן אים בפירוש געוואָלט העלפן ווערן אַ לייט. אָבער אַ מענטש איז זיך אַליין דער ערגסטער שונא. אַנדערע האָבן אָפּגעהאָרעוועט אַ פּאָר יאָר, גע־שפּאָרט אַ טאָלער, געקויפט זיך אַ נייעם קאַפּעלוש — און פאַרטיק. מער האָבן זיי נישט געדאַרפט. טייל פון זיי האָבן אַפילו געקויפט הייזער, געבויט פאַ־בריקן און בלויז איינמאָל אין יובל געגאַנגען אויף אסיפות, ווו מ׳האָט גע־קענט הערן די אַלטע רייד. אָבער א י ם האָט געשטאָכן דער האָבער: די וועלט! האָט ער גענומען שרייבן זאַכן, וואָס קיינער האָט נישט געדאַרפט; דערציילן זאַכן, וואָס קיינער האָט נישט געהערט; רעדן אַ לשון וואָס קיינער וויל מער נישט פאַרשטיין. מאָלט אייך, אַז נישט איינער האָט עס אים געזאָגט — טאַקע פאַר זיין אייגענער טובה־וועגן. אָבער דער דיבוק האָט פון אים נישט געוואָלט אַרויס. איז מילא... שלאָגט ער זיך קאָפּ אין קישן! אפילו די אייגענע קינדער, וואָס ער האָט באַוויזן אויפצוכאָוועז, האָבן אים נישט גע־וואָלט קענען. ס׳איז דען אויסצוהאַלטן פון אים?

ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ירחמיאל איז גאָרנישט אַזוי משוגע

ווי מען האָט לכתחילה געמיינט — איז שוין ווידער געווען צו־שפּעט פֿאַר אים. ער איז נאָך געוואָרן אַ ציוניסט, ווען דאָס איז געווען מעשה־חוזק. אָבער ווען די נעכטיקע לאַכער האָבן געטראָגן ווייס־בלויע פּענער און געפּליעסקעט מיט די הענט, איז ער שוין ווידער אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער. ז יי נ ע רייד האָט מען שוין געדרשנט אין רייכע האָטעלן, ביי גרויסע און פעטע סעו־דות. אָבער א י ם האָט דווקא ד ע ר פ אַ ר עפּעס געפעלט און עס איז פּשוט געווען אַ סכנה דאָס צו דערציילן. איינמאָל האָט ער זיך אַדורכגעשלאָגן ביז צו אַ זאַל, וווּ עפּעס אַ מיניסטער איז געקומען צוגאַסט, אָבער פּלעצער זע־נען געווען ווייניק און קודם־כל האָבן געדאַרפט אַריינגיין די דאַמען מיט טייערע מאַנטלען און די וואָס האָבן לאַנגע יאָרן אָנגעזאַמלט פאַרמעגנס... וועמער דאַרף דען א י ם האָבן צום מנין? האָט ער ווידער אָנגעהויבן דעם אַלטן פּזמון: ביין, ס׳איז נישט ד אָ ס ! איז עס נאָר געווען אַ נייער באַוויז, אַז ס׳פעלט אים אַ קלעפּקע. וואָס הייסט? ער אַליין האָט דאָך נעכטן געשריגן, אַז...

עס האָט גאָר קיין שיעור נישט צו די אַלע גלגולים, וואָס אונדזער אַלטער ירחמיאל האָט שוין אַדורכגעמאַכט. אַלעמאָל איז ער געווען גערעכט מיט עט־לעכע יאָר פ ר י ע ר ; און אַלעמאָל איז ער נישט צופרידן, בעת אַלע מיי־נען, אַז זיי טוען אים אַ טובה מיטן צוגעבן אַז נ ע כ ט ן האָט ער אייגנט־לעך גערעדט צו דער זאַך — בעת ה יי נ ט... לאָ־עלינו!

פרעגט נישט וויאַזוי — אָבער דער זעלבער ירחמיאל האָט זיך אויך אָפּגעטליקעט אַ סך יאָר אין ארץ־ישראל. ווו אַ פּיבער — האָט עס מיט אים געוואָרפן; און ווו אַ נויט — האָט ער זי געשפּירט דער ערשטער. טאַקע ער האָט זיך פאַרעקשנט וועגן אַ מדינה נאָך דעמלט, ווען אַנדערע האָבן געוואָלט אַרויסרופן צו אים אַ דאָקטער פאַר אַזעלכע דיבורים. אָבער אַז זי איז געוואָרן און ער האָט געמאַכט די ערשטע ש ה ח יי נ ו — איז אים ווידער געוואָרן קאַלעמוטנע. נישט ד אָ ס אַליין האָט ער דערוואַרט. ווען וועט אויך ער שוין זיין צופרידן? קיינער ווייסט עס נישט. ער אַליין — אויך נישט. טאָ וועמער איז מחויב פון אים אויסצושטיין? אָבער דאָס מאָל ווייסט ער: ס׳איז די לעצטע סטאַציע. נישט ער האָט ווו צו לויפן און נישט ער וויל עס. אָבער טרויעריק איז אים פאַרט: זאָל מען אים כאָטש לאָזן אויסשרייען דעם צער!

און ס׳גייט נישט. איינער צופּט אים זיין באָרד, אַ צווייטער שפּעט נאָך זיין לשון, אַ דריטער ווייזט אים אָן אויפן ערשטן־בעסטן קבר... און שטאַרבן וויל ער פאָרט נישט! בכל אופן — נישט אַזוי שנעל.

**
*

ביין. כ׳וויל באין־אופן נישט זאָגן, אַז ס׳איז גוט צו פאָרן מיט ירחמיאלן אין איין קאַרעטע און לעבן אונטער איין דאַך. מיט אים — איז גוט צו טאַנצן אין יעדער האָניק־חודש; ס׳איז אָבער גאָר שווער אויסצוהערן זיינע קרעכצן אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר. מ׳וואָלט געקענט אויספולן גאַנצע בענדער, ווען מ׳וויל אויסדערציילן אַלע צרות, וואָס מ׳האָט שוין געהאַט אויסצושטיין פון אים. אַז ווו מען זייט אים נישט, דאָרט וואַקסט ער... און האָט טענות.

אין דער ליטעראַטור? ער! רעוואָלוציע? ברוך־הבא! ציוניזם? אַ שיינע מעשה... וואָס דען? אין יידישן אַמעריקע? זיין קול שרייט אַריבער אַלעמען... וויפל מ׳האָט אים נישט געטריבן מיטן פראַקטישן שטעקן — האָט עס גע־האָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. אין מדינת־ישראל? ערשט דאָרט האָט ער צע־פירט די הענט... ביי דעם האָבן מיר דאָך אָנגעהויבן!

און דאָך — האָט מיט אים איינזען. טאָמער וועט איר אים ערגעץ באַ־געגענען (און ווו קענט איר דען נישט טרעפן עד היום הזה?) — ווייזט אַרויס אַביסל מער סבלנות! הערט אים אויס... ווער ווייסט? אפשר וועט איר זיך כאַפּן מיט יאָרן שפּעטער, אַז הלוואי — הלוואי וואָלט מען געוווען געפאָלגט ירחמיאלן אין די טעג פון חוזק...

ניו־יאָרק, 1954—1960.

די מאַסע און דער פאַלשער משיח

קאַפּיטל איינס

א.

מ אַ ס ע איז אייגנטלעך אייביק. זי איז נאָך אויפגעקומען מיטן ערשטן מענטש, וואָס האָט זיך געטוליעט צום צווייטן, בכדי צו לינדערן זיין עלנט. ווי נאָר די ערשטע צוויי מענטשן האָבן געשלאָסן אַ שותפות אויפן לעבן, האָט זיך אויך באַוויזן דער שטריך, וואָס כאַראַקטעריזירט מאַסע: אַ צאָל זינד, וואָס אַ י ח י ד קען איינער־אַליין נישט באַגיין.

שוין אין ספר „בראשית" האָבן מיר דעם פּסיכאָלאָגישן הינטערגרונט פאַר אַזעלכע חטאים: וויבאַלד ער איז נישט מער אַליין, באַפרייט זיך דער מענטש פון פולער אחריות און קען, נאָכן זינדיקן, וואַרפן די שולד אויף נ אָ ך עמעצן (האשה אשר נתת עמדי — ה י א נתנה לי מן העץ ואכל... בראשית, ג׳, י״ב). די „קאָלעקטיווע" אחריות האָט, בכן, באַוויזן איר צווייטע זייט: פאַרלייכטערט געוויסן.

דאָס קומט אָבער שפּעטער. לכתחילה שליסט זיך דער יחיד נישט אָן אין דער מאַסע, בכדי צו באַוואָרענען זיין זינדיקע אַליבי. על פּי רוב רייסט ער זיך גאָר צום רבים, בכדי צו באַקומען זיין פולן תיקון. דאָס ווערן אַ חלק פון־נעם ציבור האָט אַפילו אַרויסגעהויבן נישט ווייניק יחידים און זיי געגעבן זין פאַר פ אָ ל ק. אָבער דאָ פאַרלויפן מיר זיך שוין דעם וועג, ווייל „פאָלק" איז אייגנטלעך דער היפוך פון „מאַסע". דער דורכשניטלעכער מענטש באַ־קענט גאָר פרי זיין באַגרענעצטקייט. היות ווי ער אַליין קען נישט ווערן ג ר ע ס ע ר מיט אייגענע כוחות, זוכט ער עס צו דערגרייכן דורך שותפים, צוזאַמען וועט דאָס שווערע מ ע ג ל ע ך ווערן. דאָס איז די שענערע זייט פון פעלקער, נאַציאָנאַלע חלומות און געזעלשאַפטלעכע סיסטעמען.

„דער מענטש איז פון זיין נאַטור געזעלשאַפטלעך". אַזוי ווערט אונדז אָנגעזאָגט אין די עלטערע ספרים. ס׳איז אַפילו אַ כלל אין דער הלכה „צו זיין אויסגעמישט מיט אַנדערע מענטשן". דאָס איז גראָד פון די לייכטע עצות־טובות — און אַפילו דער שטן אַליין קען דעם מענטש נישט פאַרטרייבן אין זיין ווינקל. וואָס זשע טוט ער? אַנשטאָט צו „באַקעמפן" דעם געזעלשאַפט־

לעכן חוש — אַנעקסירט ער אים. פונעם גוטן ר ב י ם מאַכט ער טיילמאָל צעפּלאָסענע מ אַ ס ע.

דער יחיד קומט אייגנטלעך צום רבים מיט איין באַגער: ער וויל נישט זיין קיין שוואַכער אויסנאַם. אָבער ווי נאָר אַ מאַסע גרופּירט זיך צונויף, ווערט זי אָפט ווידער הילפלאָז פּונקט ווי דער יחיד. במילא ווערט געבוירן דער דראַנג אַרויסצוהייבן א יי נ ע ם איבער זיך. דערביי איז נישטאָ קיין גרויסער חילוק צווישן אַ דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט און דער דיקטאַטור. סיידן די דעמאָקראַטיע ווערט געבויט אויף פּ אָ ל ק.

ב.

צווישן „פּאָלק” און „מאַסע” איז פאַראַן אַ גרויסער חילוק — אָבער מען זעט אים ערשט בולט, בעת מען באַטראַכט ב יי ד נ ס מנהיגים און ווי אַזוי זיי האָבן זיך דערשלאָגן צום שפּיץ. אַ באַרעכנט פּאָלק וויל בעיקר לערנען ב יי ם מנהיג (און זוכט לכתחילה נאָר אַזעלכן, וואָס איז ראוי דערצו), בעת די מאַסע וויל אין דער ערשטער מינוט לערנען א י ם וואָס צו טון. עס איז דערביי נישט וויכטיק, וואָס דווקא אַזעלכער נעמט גאָר שפּעטער רייטן איבער אַלעמענס קעפּ. די מאַסע וויל קודם־כל האָבן די אילוזיע, אַז ז י האָט אים אויפגעשטעלט און אַרויסגעהויבן פון שטויב. בכל־אופן הערן מיר עס אַזוי פונעם תנ״ך. די מאַסע וויל דווקא שטיין ביים וויגל, אין וועלכן געטער ווערן געבוירן; און נאָכמער וויל זי באַשטימען דעם ציל, וווהין דער „קאָפּ” זאָל זי פירן.

דערפאַר מעג דאָס פּאָלק פאַרהערלעכן משהן, אָבער די מאַסע קען אים נישט ליידן: ער פירט אין דער מדבר, בעת זי וויל גאָר אַ געזעס ביים פליישטאָפּ. זוכט זי אַ בייעם אַנפירער, וואָס זאָל גיין וווהין ז י האָט חשק (ויאמרו איש אל אחיו: נתנה ראש ונשובה מצרימה... במדבר יד, ד). עס איז בכן נאַטירלעך, אַז ביי יעדן אויפטויך פון דער מאַסע זאָל זיך אויך באַווייזן דער פאַלשער משיח.

דער אמתער נביא הערט נישט וואָס די מאַסע וו י ל, נאָר וואָס זי ד אַ ר ף וועלן. ער וועט זיך אָפּט שטעלן ק ע ג ן א ל ע מ ע ן — אַבי נישט צו פאַרפירן. דער פאַלשער משיח וועט אָבער אָנשטעלן זיינע אויערן און קודם־כל הערן „וואָס דאָס פּאָלק זאָגט”. ערשט שפּעטער וועט ער באַשליסן, אַז „אַזוי האָט גאָט געזאָגט...”

דערפאַר גייען ביידע גאָר־אָפט צוזאַמען, זינט וועלט איז וועלט.

ג.

די באַציִונג צווישן דער מאַסע און איר מענטשלעכן אָפּגאָט, איז שוין אַן אַלט און אויסגעדראָשן פּראָבלעם. פּשוט: ווייל כמעט יעדער עפּאָכע שטייט אונטערן צייכן פון אַ „צענטראַלער" פּערזענלעכקייט. מיר דוכט זיך אָבער, אַז דער ענין „פאַלשע משיחים" איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי אַקטועל ווי אין אונדזער דור.

אויפן מזבח פון דער „פּערזענלעכקייט", במשך פון די לעצטע 40־50 יאָר, זענען אומגעקומען אַ סך צענדליקער מיליאָנען קרבנות. זיי באַטרעפן אפשר נישט ווייניקער ווי די צאָל נפשות אויף דער גאַנצער וועלט מיט אַ יאָרטויזנט צוריק. דאָס מיינט: אַ גאַנצע וועלט איז אומגעקומען אויף די שייטערן פון אַזאַ „משיחישער" גלאָריע. ווען די „היינטיקע" דיקטאַטאָרן זאָלן געווען אַנווענדן זייער בלוטיקע תאווה אויף אַמאָליקע דורות, וואָלט קיין לעבעדיק נפש נישט פאַרבליבן.

אַן דער הסכמה פון די מאַסן האָבן זיי דאָס נישט געקענט אַדורכפירן און במילא מוז זיך שטעלן אויף ס'ניי די שאלה: ווי אַזוי האָט די מאַסע מיטגעהאָלפן צו אַזאַ גרויזאַמער אויסשלאַכטונג? אונדזער גאַנצע ציוויליזאַציע איז געבויט אויפן נאָרמאַלן — און געזונטן — ל ע ב נ ס ־ טריב פון מענטשן און פעלקער. אַלע אונדזערע שיינע אידייען שטאַמען פון דער הנחה, אַז די מאַסע וויל רו און פרידן. צום סוף זעען מיר אַזאַ צאָל קאָלעקטיווע זעלבסטמאָרד־קאָנווולסיעס, עקזאַלטירטע אומקום־אָרגיעס און מאָרד־שגעונות — אַלעמאָל אויפן שאַבלאָנעם באַפעל פון „איינעם". מוז די רעטעניש ווידער מאַטערן.

אמת: יעדער פאַלשער משיח ברענגט מיט זיך דאָס זיסע לעקעכל פון „פאָלקס־ווילן". דאָס פאַרכאַפּט דעם המון, ביז ער פאַרגעסט דעם הויכן פּרייז. אָבער ווי פ ל מאָל קען מען אַזוינס פאַרגעסן? מיר קענען נאָך פאַרשטיין די באַרוישטע מאַסן פון פאַרצייטישע יאָרהונדערטער. אָבער איצט האָט שוין די צייט באַוויזן אַזויפיל ביישפּילן און ז יי האָבן מיט זיך צונויפגעשטעלט איין סך־הכל: כמעט אַלע „משיחים" פון דעם מין האָבן פאַרענדיקט מיט נאָקעטן באַנקראָט. טאָ ווו איז דער נאַטירלעכער לעבנס־אינסטינקט פון דער מאַסע? הלמאַי לויפט זי נאָך די עקזאַלטירנדיקע געשטאַלטן ביז צום סאַמע תהום?

ד.

יעדער פון אונדז געהערט צו אַן אידייאישער באַוועגונג און במילא מוז ער זיין פאַרגלייבט אינעם געזונטן חוש פון די פאָלקס־מאַסן. אַנדערש וואָלטן

מיר גאָרנישט געפּריידיקט, נאָר זיך אָפּגעשלאָסן אין די אייגענע פיר ווענט. אָבער אָפּטמאָל קען מען ווערן פאַרצווייפלט: סוף־כל־סוף איז די ליטעראַטור קעגן פאַלשע „משיחים" גאָר אַלט. זי איז געשאַפן געוואָרן נישט בלויז פון זייערע קעגנער — נאָר אויך פון זייערע אַנטוישטע משרתים. אָבער דאָס אַלץ האָט נישט אָפּגעהאַלטן זייער ווייטערדיק דערשיינען. עטלעכע ביישפּילן פון אונדזער צייט:

נישט איין געוועזענער קאָמוניסט האָט שוין אויספירלעך געשילדערט, ווי אַזוי זיין ערשטע פאַרפירעניש האָט זיך אָנגעהויבן, ווי לאַנג ער האָט „טריי געדינט", ביז עס זענען געקומען די ערשטע ספיקות און די לעצטע אַנטוישונג. נאָך זייער עדות־זאָגן האָט זיך געקענט אויסווייזן, אַז קיינער וועט מער נישט מיטמאַכן דעם זעלבן וועג. אַ ל ץ איז דאָך שוין אַזוי קלאָר! אָבער ממש אין דער זעלבער מינוט, וואָס איין קרבן פאַרענדיקט זיין ווידוי — עפנט אַ צווייטער אַ פרישע קאָמוניסטן־בראַשור מיט אַזאַ התלהבות, אַזוי ווי זי וואָלט ערשט איצט אָנגעהויבן דעם „נייעם" וועג. עס שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז די גאַנצע דערפאַרונגס־ליטעראַטור איז געווען אומזיסט.

דאָס זעען מיר נישט בלויז ביי יחידים, נאָר אויך ביי גאַנצע פעלקער: אָט האָבן מיר געהערט וועגן מוראַדיקן פּרייז, וואָס איין פאָלק האָט באַצאָלט פאַרן דיקטאַטאָרישן עקספּערימענט. אָבער דאָס שטערט נישט אַ צווייט פאָלק אָנצוהייבן ע ר ש ט א י צ ט דאָס זעלבע קאַפּיטל מיט פאַרביסענעם אייפער. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? ווו איז דער „געזונטער חוש" פון די, וואָס דאַרפן מאָרגן אויסטראָגן אַלע יסורים, פּיינען און אַנטוישונגען?

נישט אַנדערש זעט עס אויס מיטן נאַציזם: נישט בלויז קרבנות האָבן דערציילט וועגן די גרוילן. אַפילו פאַרערדיקע מערדער האָבן זיך מתוודה געווען און געוואָרנט. אָבער בעת איין דייטש ענדיקט דאָס לעצטע זייטל פון אַזאַ ווידוי־בוך — קומט אַ צווייטער דייטש פון יונגן דור און הייבט ווידער אָן פון תוהו־ובוהו. ער כאַפּט זיך צו אַ פּרימיטיווער נאַצי־בראַשור, ווערט אָנגעגאָסן מיט פרישער רציחה און לויפט ווידער מאַכן זיין התחלה מיטן אָנשמירן אַ האַקן־קרייץ. אַזוי ווי ער וואָלט גאָרנישט געלערנט פון אַלע חרטות, נישט אָפּגעשראָקן זיך פאַר די מיליאָנען דייטשע הרוגים און גאָרנישט געזען פון אַלע געבליבענע חורבות.

און פאַרוואָס בלויז דייטשן? העכער אַ צענדליק יאָר נאָכן צעשמעטערן די נאַצי־מאַשין — האָבן זיך אַפילו אין אַמעריקאַנישן וואַשינגטאָן באַוויזן היטלער־יונגען מיטן זעלבן רציחה־ווילן אין די אויגן. אויך זיי הייבן אָן בלינד און צעיאַכמערט — אַזוי ווי קיינער וואָלט נאָך ביז איצט דעם קאָפּ נישט געבראָכן ביי אַזעלכע מעשים. באַשר־ובכן, עס האָט זיך ווידער באַוויזן אַ צע־

דרייטער מוח און זיך געשטעלט בראש. טאָ וואָס איז פּאָרט דער מער מיטן באַשעפעניש, וואָס רופט זיך מ אַ ס ע ?

ה.

אַוודאי ווייס איך, אַז די דאָזיקע שאלות מוזן שוין אויסזען באַנאַל און „פאַרעלטערט”. מען האָט זיי שוין ברוך־השם געפרעגט, פאַרענטפערט און נאָכאַמאָל אַוועקגעשטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן. וואָס־זשע איז מ יי ן הידוש? מוז איך שוין צוגעבן, אַז ד אָ באַגרענעץ איך זיך בלויז צום יידישן מאָמענט.

מיר ווילן אָפּט אונטערוואַרפן די דיקטאַטאָרישע מכה אונטער פרעמדע שוועלן. עס דאַרף הייסן, אַז ז יי — די גויים — ליידן נעבעך פון דער דאָזיקער מחלה. וואָס שייך יידן — האָט אונדז די געשיכטע אויסגעהיטן פון אַזאַ פּלאָג. מיר זענען א י מ ו ן. אלא אַזויפיל יידן האָבן פּאָרט מיטגעמאַכט דעם סאָוועטישן פיבער? זענען עס בעיקר געווען אַסימילאַטאָרן, וואָס זענען געגאַנגען קעגן דער יידישער פסיכיק. זיי האָבן דערביי גיכער געזוכט יידישע א ו י פ ל יי ז ו נ ג אײדער ל יי ז ו נ ג. אַפילו די, וואָס זענען געווען עכט־יידיש אין זייער קאָמוניזם, האָבן למעשה געוואָלט אַנטלויפן פון זיך.

מיר האָבן זיך ליב אַוועקצושטעלן אין דער פּאָזע פון יענעם אַנעקדאָטישן ייד, וואָס האָט בעת אַ לוויה באַדויערט „די חברה שטאַרבער”. זיין קרעכץ איז געווען אַזוי „אָביעקטיוו”, אַז מ׳האָט געקענט מיינען: ער אַליין האָט זיך קיינמאָל אין דער דאָזיקער חברה נישט איינגעשריבן — און במילא זענען אויף אים נישט חל אירע „רעגולאַמינס”. ע ר — שטאַרבט נישט. אין אונדזער אַפּאָלאָגעטיק צוויבערן מיר זיך אויס אַן אויסערלעכע וועלט, וואָס איז נוטה צו דיקטאַטור — אָבער מיר אַליין האָבן זיך דאָרט קיינמאָל נישט „רעגיסטרירט”. ס׳איז פשוט קעגן אונדזער נאַציאָנאַלער טבע.

אַ בליק אין דער יידישער געשיכטע מוז אונדז אָבער אַרויספירן פון אַזאַ טעות. ווי נאָר מיר האָבן פאַרטוישט פּאָלקישן באַוווסטזיין אויף מאַסן־סטיכיע, האָט די דאָזיקע מחלה אויך אונדז אויסגענאָגט די בלוטן. אַזאַ בליק איז אונדז נייטיק — נישט בלויז צוליב געשיכטלעכער פאָרשונג. דערפון קענען מיר לערנען, אַז אַן פאַרהיטערישן באַוווסטזיין שטייען אויך מיר פאַר אַזאַ שטענדיקער סכנה.

נאָך עפּעס: מיר קענען „פאַרשטיין” הלמאַי אַ פּאָלק מיט מלוכהשע פּאָרמען און גרויס־פּאָליטישע אַמביציעס זאָל פאַרכאַפּט ווערן פון דיקטאַטורחלומות. דערפאַר וווּנדערן מיר זיך נישט, פאַרוואָס אויך יידן האָבן פאַרמאָגט

אַזעלכע מלכים אין די תנכישע צייטן. נאָך אונדזער לאַנגער גלות־דערפאַרונג, צווישן אַזויפיל בייזע טראַנען, קלינגט פאַר אונדז אַזוי־נאַטירלעך די קורצע און שאַרפע תנ"ך־כאַראַקטעריזאַציע: ויעש הרע! דאָ ווילט זיך אָבער אָפּשטעלן אויף אַ באַזונדער פענאָמען: די יידישע דיקטאַטור־געשטאַלט אין אַ מלוכהלאָזער תקופה, ווען דאָס פאָלק האָט פון קיין עקספּאַנסיווע פיבערן נישט געדאַרפט ליידן.

ו.

דאָס אַלט־יידישע אויג באַמערקט אינעם אייביק־רשעותדיקן מאַכט־האָבער אַ ריי קאָמפּלעקסן. אָבער בראש פון אַלע ווערט אַוועקגעשטעלט דער חשק צו פאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט. פאַרן דער־גרייכן דעם שפּיץ, אַפילו אויף אַ קורצער צייט, איז אַזאַ מענטש גרייט צו באַצאָלן מיטן טייערסטן. די יידישע אגדה וואָגט צוצוגעבן: אַפילו ווען איינער ווייסט מיט דער גאַנצער זיכערקייט, אַז דער סוף מוז זיין ביטער — וועט עס אים נישט אָפּהאַלטן. ער איז גרייט צו פאַרבלייבן דער פאַלשער — אַבי צו שפּירן אויף אַ ווייל דעם טעם פון זיין אַ גאָט, אַ משיח. אַזעלכער וויל למען־האמת נישט פירן און טאַקע דערפירן, נאָר דאָס אַל־מעכטיקע הערשן. צום גוטן אָדער צום שלעכטן? אים איז עס נישט קיין נפקא־מינה. אַבי צו זיין דער ערשטער.

און דאָס טראַגישסטע: אַזאַ חשק פאַרסמט נישט בלויז פאַרברעכערישע נאַטורן. ער קען אויך אָנגיסן מיט גיפט די גרעסטע פון פאָלק. בכדי דאָס צו באַווייזן מיט אַן עקסטרעמען ביישפּיל, האָט די יידישע אגדה אויס־געקליבן דעם ערשטן מלוכה־שפּאַלטער פונעם פאָלק ישראל: ירבעם בן נבט.

דער תנכישער מקור באַמיט זיך לכתחילה אים צו שילדערן סימפּאַטיש און גערעכט — הגם ער האָט רעוואָלטירט קעגן דעם הייליקן הויז פון דוד מלך ישראל. אין ספר „מלכים אלף" שטעלט זיך גאָט אויף זיין זייט, ווייל דאָס יידישע מלוכה־הויז דעגענערירט: עס האַלט ערשט ביים דריטן מלך (שאול, דוד, שלמה) און די יידישע מאָנאַרכיע וואָלט נאָך געמעגט זיין יונג און פריש. ס'איז דער ערשטער דור מיטן פרעכטיקן הויז פאַר גאָט — וואָס האָט נאָר־וואָס אַזוי הערלעך באַצירט די תנכישע לאַנדשאַפט. אָבער ווייגעשריגן! נישט קיין אַנדערער ווי דער געטלעך־קלוגער שלמה איז אַראָפּ פונעם גלייכן וועג, אַריבער צו די אָפּגעטער פון צידון און עמון (דאָרט, יא, ד), געטון „דאָס שלעכטע אין גאָטס אויגן" און באַדריקט דאָס פאָלק. טאַקע גאָט אַליין זאָגט אָן שלמהן די שפּעטערדיקע שפּאַלטונג פון פאָלק

און ער פאַרזיכערט די גרעסטע טייל מלוכה צו שלמהס קנעכט. דער דאָזיקער ירבעם פירט, בכן, אַדורך אַ גערעכטע רעוואָלוציע — הגם אַ ווייטיקלעכע — און מ׳קען אים גאָרנישט פאָרוואַרפן. זיין „הויבן אַ האַנט" קעגן מלכות בית דוד באַקומט אויך די ברכה (דאָרט, כט) פון גאָטס נביא אחיה. זיין אַרויסרייסן די הערשאַפט איבער צען שבטים ווערט אונדז נאָך סימפּאַטישער, בעת מיר הערן ווי אַזוי שלמהס יורש שטעלט איין אַן אייזער־נע דיקטאַטור. נישט קיין ווילדע מאַסע נאָר אַ גערעכט פאָלק וויל לינטשן דעם קעניג און גייט איבער צום „קנעכט" ירבעם. זיין נאָמען האָט בכן גע־דאַרפט בלייבן איינגעקריצט מיט די שענסטע פאַרבן. אָבער געבליבן איז ער גאָר ווי אַ סינאָנים פון געמיינסטער רשעות. פאַרוואָס?

אַז איר ווילט, האָבן מיר שוין אַזוי־פרי דאָס בילד פון „פּאַראַטענע רע־וואָלוציעס", הגם זיי זענען פאַרגעקומען אין נאָמען פון ד׳ער ריינסטער גע־רעכטיקייט און מיט דער ברכה פון גאָט און נביא. אָבער נישט דאָס זענען מיר אויסן. בעיקר: דער גערעכטער ירבעם האָט מיט זיך דאָס פאָלק, זיין מאַכט איז געזיכערט פון אַלע זייטן — און ס׳איז קוים צו פאַרשטיין, הלמאַי ער איז מורד אינעם גאָט וואָס האָט זיך געשטעלט אויף זיין זייט. אַט אַזוי דאַנקט ער אַפּ דעם נביא, וואָס איז אים אַנטקעגן־געקומען אין זיין עלנט און ז׳ערמוטיקט? דער אָרעמער אלמנה־זון האָט דערגרייכט דעם טראָן איבער צען שבטים — דערפאַר וואָס שלמהס הויז איז זינדיק געוואָרן — און ער נעמט זיך גאָר צו דער זעלבער זינד?

די תנ"ך־פּסוקים גופא דערקלערן עס אונדז אָפן און קלאָר: דאָס איז דער גיפט פון מאַכט. וויבאַלד ער האָט זיך שוין דערשלאָגן צום שפּיץ — קען ער נישט פאַרטראָגן, וואָס אויך ירושלים געהערט נישט צו אים. דערפאַר נעמט ער קולטיווירן דעם זעלבן געצנדינסט, וואָס ער האָט אַזוי באַקעמפט אין זיין „אידעאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער" צייט.

אָבער דאָס אַליין וואָלט אונדז נאָך נישט געגעבן דאָס פולע, פּסיכאָלאָ־גישע בילד פונעם מאַכט־דורשטיקן. ערשט די שפּעטערדיקע אגדה שאַפט פאַר אונדז דעם קלאַסישן מוסטער פון איינעם, וואָס איז באַהערשט פונעם „ערשטן"־קאָמפּלעקס. ווער איז געווען דער פּ ר ? ע ר ד י ק ע ר ירבעם פון דער בונטאַרישער תקופה? דאָס שענסטע און ריינסטע געשטאַלט („פונקט ווי אַ ניי קלייד האָט נישט קיין פלעקן, אַזוי איז אין ירבעמס תורה נישט געווען קיין אומקלאָרקייט"... סנהדרין קב, א). אַ ריי אגדה־מאמרים שטעלן אַוועק ירבעמס מאָראַלישע און „אינטעלעקטועלע" פערזענלעכקייט אויפן סאַמע־שפּיץ. טאָ וואָס האָט אים אַראָפּגעשליידערט אַזוי נידעריק? זיין ווילן פאַר־נעמען דאָס ערשטע אָרט אין דער געשיכטע. אָט וויאַזוי דאָס אַלעגאָרישע גמרא־לשון דערציילט וועגן דעם:

האָט געזאָגט ר׳ אבא: נאָכדעם ווי גאָט האָט אַנגענומען ירבעמען ביי זיין מלבוש און אים געזאָגט „קער זיך אום און איך און דו און בן־ישי וועלן שפּאַצירן אין גן־עדן...״. האָט ער אים געזאָגט: „ווער (וועט זיין) אין דער שפּיץ?״ — בן־ישי (וועט זיין) בראש!״ — „אויב אַזוי — וויל איך נישט...״*

דער געראַנגל פאַרן ערשטן אָרט האָט בכן דעמאָראַליזירט אַפילו דאָס איידלסטע געשטאַלט פון יענער צייט — הגם ער האָט אין זיין תורה מחדש געווען אַזוינס „וואָס קיין אויער האָט קיינמאָל (נאָך נישט) געהערט״. ביים הערן, אַז דוד המלך וועט אין גן־עדן גיין פאָרויס, פאַר אים, האָט ער צעבראָכן אַלע צוימען.* צי האָט ער געמיינט, אַז דער נצחון וועט שפּעטער ווערן זיינער? וויבאַלד גאָט אַליין זאָגט אים, אַז נישט — קען ער דערויף מער נישט האָפן. אָבער זיין דער „צווייטער״ וויל ער פאָרט נישט.

אַזאַ אגדה וויל אונדז בעיקר וואָרענען, אַז פּערזענלעכע אַמביציעס דאָמיגירן מער ווי מ׳קען זיך פאָרשטעלן. אַפילו די ליכטיקסטע מנהיגים קענען פאַרוואַנדלט ווערן אין טיראַנען, אויב זיי קענען נישט פאַרטראָגן נאָך עמעצן ביי זייער זייט (ובפרט אויפן פאָדערשטן אָרט) אין געשיכטלעכן גן־עדן. בלייבט פאַר אונדז אַ יידישער באַראָמעטער: וויפל פּערזענלעכע חשבונות ווייזט איינער אַרויס ביים זאָרגן פאַר גערעכטיקייט? ווי נאָר זיי באַווייזן זיך — אַפילו ביים גרעסטן — מוז מען ציטערן פאַר שרעק.

ז.

אַ שטיקל אָפּנייג פון דער טעמע: עס איז שוין געוואָרן אַ מנהג צו פאַרזיכערן, אַז די יידישע מסורה איז קעגן מלכות. ביי יעדער געלעגנהייט ווערט ציטירט די תנ״כישע רעדע פון שמואל הנביא צום פאָלק (שמואל אלף, ח) וועגן דער נעגאַטיווער ראָלע פונעם מלך:

דאָס וועט זיין דער שטייגער פונעם מלך, וואָס וועט קיניגן איבער אייך: אייערע זין וועט ער נעמען און זיי איינשפּאַנען אין זיין רייטוואָגן און ביי זיינע פערד און זיי וועלן לויפן פאַר זיין רייטוואָגן... און אייערע טעכטער וועט ער נעמען פאַר בשמים־פּרעגלערינס און קעכינס און בעקערינס. און אייערע בעסטע פעלדער און וויינגערטנער און איילבירט־גאָרטנס וועט ער נעמען און געבן צו זיינע קנעכט... און איר וועט שרייען אין יענעם טאָג וועגן אייער מלך, וואָס איר האָט אויסגעוויילט און גאָט וועט אייך נישט ענטפערן...

* אַ לומדישער קנייטש האָט דערביי אונטערגעשטראָכן: גאָט האָט אים לכתחילה געזאָגט „איך און דו און בן־ישי״. דאָס מיינט, אַז ער וועט קומען פריער פאַר דודן. אָבער זיין אַמביציע איז געווען צו הערן עס נאָכאַמאָל — און אָפּענער — פון גאָטס מויל. דערפאַר האָט אים גאָט נישט געהאַלטן פאַר פּאַסיק צו זיין דער ערשטער און געזאָגט: „בן־ישי אין דער שפּיץ!״.

איז טאַקע אמת, אַז שמואל האָט געשילדערט דאָס קלאַסישע ביילד פֿו־נעם מלך־דיקטאַטאָר. אָבער דאָס מיינט נאָר דעם הערשער אָן גאָט אין האַרץ און מיט אומבאַגרענעצטער מאַכט־תאווה. ער האָט דאָס בעיקר געזאָגט צו אַ פֿאָלק, וואָס איז פֿאַר זיינע אויגן פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין מ אַ ס ע. בעיקר וויל עס אַ הערשער, וואָס זאָל אַדורכפֿירן צילן ווי ביי אַנדערע פֿעל־קער „און ער זאָל פֿירן אונדזערע מלחמות". אייגנטלעך צאָרנט נישט שמואל פֿאַר זייער וועלן אַ מלך, נאָר פֿאַרן נישט־וועלן דעם נביא. אויך גאָט איז דאָרט נישט קעגן קרוינען אַ מלך (ווייל ער אַליין האָט דאָך געשיקט זיינע נביאים, מיט שמואלן בראש צו זאַלבן מלכים — און דערנאָך האָט ער פֿאַרזיכערט דודן דאָס אייביקע מלכות). אים פֿאַרדריסט בלויז, וואָס די מאַסע זעט אינעם קרוינען אַ מלך אַן אַקט פֿון אַראָפּוואַרפֿן גאָט (כי לא אותך מאסו, כי אותי מאסו ממלוך עליהם).

אויב אָבער עס האַנדלט זיך אינעם אויסוויילן צווישן אַ גערעכטן מלך און הפקרדיקער אַנאַרכיע — קלאָגט זיך דער ספר־הספרים אויף געװיסע ערטער, הלמאַי עס „איז נישטאָ קיין מלך אין ישראל". בעיקר זעען מיר עס, ווען די זינדיקע ווייסן סייווי נישט פֿון קיין צוימען; ביים אָפּבילד פֿון מיכה (שופֿטים יז), בעתן נחלות־כאַאָס (דאָרט, יח), אָדער גאָר ביים מוראדיקן ברידער־קריג צווישן די אַנדערע שבטים און בנימין. ד אָ הערן מיר אָפֿענעם באַדויער, הלמאַי עס איז קיין מלך נישטאָ און במילא קען יעדער מאַן טון, וואָס אים געפֿעלט.

וואָס שייך דער יידישער אגדה — באַטראַכט זי דאָס לאַנגע וואַרטן מיטן קרוינען אַ מלך פֿאַר אַ נאַציאָנאַלער טראַגעדיע. בלויז איין ציטאַט:

> אין יענער שעה, ווען אונדזער פֿאָטער יעקב האָט גערופֿן עשיון „מיין האַר", האָט גאָט צו אים געזאָגט: דו האָסט זיך דערנידעריקט פֿאַר דיין ברודער און אים גערופֿן „האַר" אַכט מאָל. וועל איך פֿון אים אויפֿשטעלן אַכט מלכים פֿריִער (ווי ביי) דיינע קינדער. ווייל עס שטייט (בראשית לו): און דאָס זענען די מלכים, וואָס האָבן געקיניגט אין לאַנד אדום נאָך איידער עס האָט געקיניגט אַ מלך צו די בני ישראל (ילקוט שמעוני, בראשית לב).

עס איז בכן נישט מעגלעך, אַז דאָס פֿאַרשפּעטיקן די קרוין ביי יידן זאָל זיין גאָטס אַ שטראָף און דאָך זאָל מען באַטראַכטן די שמואל־פּסוקים ווי „אַנטי־מאָנאַרכיסטישע".

ח.

לערנען מיר, הייסט עס, אַ פּשוטן כלל: דער פֿאַלשער „משיח" מוז נישט זיין פֿאַרדאָרבן פֿון אָנהייב ביזן סוף. ער קען גאָר קומען מיט די בעסטע

כוונות און קעמפן פאַר אַ גערעכטער זאַך. אָבער איין אַמביציעזער שטריך קען אים פאַרוואַנדלען אין אַ רשע־ומרושע. ער האָט לכתחילה אַ סך היילקע פרינציפן און ער וואָלט זיי געבליבן טריי זיין גאַנץ לעבן. אָבער מיט איין תנאי: זיי זאָלן אים נישט שטערן צו דערגרייכן דאָס ה ע כ ס ט ע אָ ר ט. וויבאַלד אָבער גאָט (אָדער דער אמת) פאָדערן, אַז אַ צווייטער זאָל קומען פ ר י ע ר — וויל ער נישט. ווערט ער צוליב דעם אַוועקשטעלן גאָלדענע קעלבער און האַקן נביאישע קעפּ.

דאָס בלייבן אויפן ערשטן אָרט אין דער „אייביקייט", א־ז פאַרן פאַלשן משיח דער העכסטער טריומף. אויב ער קען נישט זיין דער „ערשטער" צ ד י ק — איז ער גרייט צו ווערן דער ערשטער ר ש ע. היות ווי דאָס אַנדערע איז לייכטער צו דערגרייכן — ווערט ער עס אָן אָפּהאַלט. די געשיכטלעכע טראַגעדיע פונעם מין מענטש באַשטייט טאָקע דעריין, וואָס דורך רשעות האָבן גאָר אַ סך טיראַנען דערגרייכט זייער דאָזיקן ציל. פּשוט: דערפאַר, וואָס אויך זייערע קעגנער האָבן זיי שפּעטער ג ע מ ו ז ט דערמאָנען — זאָל אַפילו זיין מיט שוידער און ציין־קריצעניש.

פון ד ע ם שטאַנדפּונקט האָבן דערגרייכט זייער ציל סיי פּרעה, סיי המן און סיי — עמלק. אַלע פרומע ליפּן וואַרפן דערביי אַ קללה אויף זייער קאָפּ? נו, דאָס האָבן זיי סייווי דערוואַרט. נישט ביי אַ ז ע ל כ ע מענטשן האָבן זיי געוואָלט אַרויסרופן יראת־הכבוד. דער עיקר האָבן זיי זיך געוואָלט איינקריצן ביי רשעים אין הארץ — און כל־זמן מען געדענקט זיי, וועלן נישט פעלן קיין אימיטאַטאָרן און פאַרערער פון זייער נאָמען.

די טיראַנען און גרויס־הענקער מכל המינים האָבן געלאָזט נאָך זיך אַזוי־פיל בלוטיקע טייכן, ביז ק יי נ ע ר קען זיי נישט פאַרגעסן. דאָס רופט אַרויס קנאה ביי אַ סך קראַנקע נשמות — און אויך זיי באַפאַלט דער חשק זיך איינצוגראָבן אין דער געשיכטע מיט ציין און נעגל.

קיינער קען אפשר נישט אָפּשאַצן אַזוי שטאַרק דעם תענוג פון בלייבן צום געדענקען ווי דער דיקטאַטאָר־טיפּ. והראיה: אַפילו מאָדערנע טיראַנען נעמען קודם־כל אויסמעקן זייערע קעגנער פונעם ספר־הזכרון. ס'איז פאַר זיי ווייניק די א יי ג ע נ ע מאַכט. זיי מוזן אויך אויסמעקן י ע נ ע ם פון געדעכעניש.

דער שכל זאָגט אונדז דערפאַר אונטער, אַז באַזיגטע דיקטאַטאָרן דאַרף מען שלאָגן מיט זייער אייגן געווער. קען זיין, אַז ביים „באַיקאַטירן" פאַלשע משיחים — און זיי נישט דערמאָנען אַפילו צום שלעכטן — וואָלטן מיר אָפּגעשלאָגן דעם חשק ביי זייערע נאָכמאַכער. זיי וואָלטן לכל־הפחות געוווּסט, אַז זיי ריזיקירן מיט אַבסאָלוטן פאַרגעסן ווערן. דערצו וואָלט, נאָך עטלעכע

יאָרהונדערטער פון אַזאַ באַיקאַט, נישט געווען ביי וועמען צו לערנען פּער־פעקטע אכזריות. אַזוי אָבער קען יעדער סאַדיסט זיך אונטערגעבן חשק מיט גרויסע מוסטערן: ער איז בלויז ממשיך... געשיכטע!

דאָס וועלן אַריבעריאָגן אַנדערע — געהערט צו דער מענטשלעכער נאַ־טור. דערויף איז געבויט נישט איין צווייג פון דער מאָדערנער קולטור. גאַר־בולט קומט עס צום אויסדרוק אין דער ספּאָרט־אינדוסטריע, ווו דער העכס־טער אידעאַל איז... די קרוין. מי־יודע וויפל מענטשלעכע העלדישקייט עס וואָלט פאַרלוירן־געגאַנגען, ווען פאַר די אויגן זאָל נישט שטיין דער ביישפּיל, מיט וועלכן מען מ ו ז זיך פאַרמעסטן. היות אָבער ווי נישט אַלע קענען דער־גרייכן דעם ערשטן פּלאַץ אויף אַ ז אַ געביט — טראַכט מען כסדר צו נייע. פאַראַן למשל מענטשן, וואָס קענען קיין טשעמפּיאָנען פון פ ל י ע ן נישט ווערן. האָבן זיי פּראָקלאַמירט אַ קאָנקורס אויף מייסטערשאַפט אין... זאָגן ליגנט. פעלן אויך דאָ קיין בעלנים נישט צו ווערן די גרעסטע ל י ג נ ע ר — אַבי גרויס, גרעסער פאַרן אַנדערן. יאָ, אויך אַזאַ פאַרמעסט איז אייגנטלעך אַן אומשולדיק שפּיל מיט פאַנטאַזיע. אָבער וויבאַלד אַזאַ חשק איז פאַראַן — איז אויך מעגלעך אַ פאַרמעסט אויפן ערשטן אָרט אין מערדעריי. איך אַליין האָב געקענט געוויסע דייטשן, וואָס וואָלטן לכתחילה נישט געוואָרן קיין רוצחים — אָבער בלייבן צוריקגעשטאַנען כלפּי אַנדערע האָבן ז יי נישט געוואָלט. ס'איז געוואָרן אַזאַ „ספּאָרט" אין דער נאַצי־וועלט — זענען זיי אַריינגעצויגן געוואָרן. וויבאַלד די געשיכטע רוקט אַרויס אויף די פאָדערשטע פּלעצער אַזויפיל בלוטיקע העלדן — ווערט עס אַ מין קאָנקורס און יעדער דיקטאַטאָר פּרוּווט פאַקטיש זיין מזל אינעם דעראָבערן אַ „בכבודיק" אָרט אין דער ריי.

צי וואָלט, בכן, נישט בעסער געווען אַז אונדזער שריפטלעכע קולטור זאָל פאַרגעסן אין זיי? זיכער וואָלט דער „היסטאָרישער אמת" אַ סך געליטן דערפון. אָבער די קומענדיקע בעלי־תאווה צו מאַכט וואָלטן געבליבן שטיין פאַר אַן איבערגעריסענער קייט. זיי וואָלטן נישט געהאַט אין וועמען זיך אָנצושפּאַרן.

ט.

ווי איר קענט זיך מסתמא פאָרשטעלן, האָבן מיר בלויז אַ שפּיל געטון מיטן פאַרפלויגענעם דמיון. צוריקדרייען דאָס געשיכטלעכע ראָד איז שוין מער נישט מעגלעך. כל־זמן מיר קענען נישט „צענזורירן" די פריִערדיקע טיילן פון דער געשיכטע, האָט נישט קיין זין איינצופירן אַזאַ מנהג אויף להבא. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס מיר וועלן קיינמאָל נישט קענען באַזיגן

דעם מענטשלעכן נייגער — און ער כאַפּט זיך אַלעמאָל צו די פאַרבאַטענע שפּאַלטן. אַזאַ „באַיקאַט" אויף רשעים וואָלט אין אונדזער צייט נישט געקענט אָנהאַלטן קיין גאַנצע שעה. די ליטעראַטור און פּרעסע וואָלטן באַלד פאַרלוירן זייער טעם. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז אַזאַ געדאַנק האָט נישט קיין אָנהענגער. ווי מיר ווייסן אָבער, האָט דווקא אַזאַ טעמפּע פּרעסע ווי די סאָוועטישע אים אָנגעהויבן צו פּראַקטיצירן (אמת: בלויז קעגן היימישע פאַרברעכנס. דעם קעגנערס זענען דווקא צעלייגט געוואָרן אויף ריזיקע טעלערס). אויך די קאָמוניסטישע ליטעראַטור האָט בלויז געדאַרפט אַרויסהייבן דאָס ליכט פונעם „סאָוועטישן מענטשן". אַז דערפון איז בלויז אַרויסגעקומען אַ פאַרזעעניש, איז אַלעמען באַקאַנט.

זיכער קען מען זאָגן: אין מביאין ראיה מן השוטים... פון אַ דערפאַרונג ביי רשעים קען מען נישט דרינגען, אַז אַזאַ צוגאַנג טויג בכלל נישט. אָט, למשל, איז דער סאָציאַליזם נישט פּסול געוואָרן דערפאַר, וואָס סיי דער נאַציזם און סיי דער באָלשעוויזם האָבן געטון וואָס זיי האָבן געטון אין זיין נאָמען. אָבער אַ טראָפּן פאַנטאַזיע קען אונדז באַלד אויסניכטערן: נאָך אַזאַ „אָפּעראַציע" איבער דער וועלט-געשיכטע, וואָלטן מיר געמוזט אויפּשוידערן. זי וואָלט געבליבן דאָס לאַנגווייליקסטע בוך. בעוונותינו הרבים, האָבן דווקא די רשעים-געשטאַלטן פון אַלע צייטן געהאַט מער „קאָליר", געררייצט אונדזער פאַנטאַזיע, אָנגעגאָסן די געשיכטע מיט פולסירנדיק בלוט און אַריינגעפּעדעמט אין דער וועלט-קולטור דעם „אינטערעסאַנטסטן" שטאָף. וואָס דאַרף מען מער? אַפילו די עטיש-קינסטלערישע ליטעראַטור האָט נישט קיין כח צו דערציילן וועגן הוילע צדיקים. ז יי ווערן טעמאַטיש גאָר שנעל „אויסגעשעפּט" — בעת די רשעים ליפערן כסדר נייע וואַריאַציעס און ניואַנסן. איז דען מעגלעך אַריינצולייגן דעם מענטשן אין אַזאַ זויבער סדום-בעטל?

זענען מיר באין-אופן נישט בכח אַדורכצופירן אונדזער „נקמה" דורך טרעפן די רשעים אויף זייער ווייטיקלעכסטן פּונקט — און כל-זמן דאָס איז נישט מעגלעך, זענען זיי אַלעמאָל זיכער מיטן טריומף פון געדענקשאַפט.

י

איצט איז שוין צייט צוצוגעבן דאָס עלעמענטאַרסטע: דער יידישער בליק האָט קיינמאָל נישט סובל געווען אַזאַ מין „צענזור". דער תנכישער צוגאַנג — וואָס איז דער יסוד פאַר דער יידיש-גייסטיקער אַנטוויקלונג — האָט תיכף-ומיד אויסגעשלאָסן אַזעלכע קינסטלעכע אַמפּוטאַציעס. פון אַלע

סיבות לאָמיר אָנגעגעבן די פּשוטסטע: אייביקעווירקלעכקייט לאָזן זיך נישט ענדערן דורכן פאַרמאַכן די אויגן.

ווי נאָר ער קומט צום ספר בראשית — לערנט דער ייִד, וויאַזוי צו שטיין פּנים אל פּנים מיטן לעבן. דערפאַר קען ער גאָר קיין ייִד נישט זיין, אויב ער באַמערקט נישט די דראַמע וואָס גייט אָן זינט דעם סאַמע־אָנהייב. דער ייִדי־שער טאַטע האָט טאַקע זיין פּיצל קינד געטראָגן אין „חדר" אַריין איינגעהילט אין טלית — בכדי די כשרע אייגעלעך זאָלן זיך נישט פאַרטשעפּען אין דער טריפהנער גאַס. אָבער אין חדר גופא, האָט דאָס קינד באַלד אָנגעהויבן לער־נען, אַז די וועלט באַשטייט פון ליכט און פינצטערניש, פון טאָג און נאַכט... מענטש און חיה זענען גלייכע פּונקטן אין דער וועלט־לאַנדשאַפט. צוליבן פאַרשווייגן אים, וועט דער טונקעלער חלק פונעם באַשאַף זיכער נישט אויפ־געבן זיין אָנטייל אין אַלע געשעענישן.

ייִדישע דערציִונג הייבט זיך אָן מיט רעאַלער דערקענטעניש: די וועלט איז אויסגעשפּרייט איבער אַ תהום; דער סדר־העולם איז אָנגעלענט אין תוהו־ובוהו; ביי דער זייט פון א ד ם דרייט זיך אַרום אַ שלאַנג.. און ווי נאָר איין געבוירן קינד איז דער פרידלעכער ה ב ל — מוז ער האָבן אַ ברודער מיטן נאָמען ק י ן. שוין ביים ערשטן טראָפּן לעבן האָט זיך אָנגעהויבן דער גע־ראַנגל צווישן גוטס און שלעכטס — און עס האָט נישט קיין זין צו פאַרליי־קענען אַן אמת, וואָס שטעכט דאָס אויג.

גוט־באַקאַנטע זאַכן? אַוודאי. אָבער דאָס מערקווירדיקסטע פון אַלץ איז דער געדאַנק — אין פאַרשידענע וואַריאַציעס — וואָס די ייִדישע מסורה רוקט אַרויס: דער דאָזיקער אייביקער געראַנגל קומט כסדר צום אויסדרוק דורכן קאַמף פאַרן ע ר ש ט ן אָרט. ביי ד ע ם הייבט זיך עס אָן... און נאָך מערקווירדיקער איז, וואָס דער דאָזיקער קנאה־געראַנגל שפּאַרט אַפילו אָן אין די ה י מ ל ע ן. די מלאכי השרת, למשל, ווילן נישט ליידן, וואָס גאָט גייט געבן זיין שטעמפּל אויף פלייש (בראשית רבא, ח'); דער ערשטער מענטש זינדיקט בלויז דערפאַר, ווייל ער וויל זיך אויסגלייכן מיט די מלא־כים (והייתם כאלהים יודעי טוב ורע... בראשית א', ו'); קין ווידער הרגעט דעם אייגענעם ברודער, ווייל הבלס „מנחה" איז מער אָנגענומען ביי גאָט ווי זיינע — און ער וויל נישט פאַרנעמען דאָס צווייטע אָרט. אויב דאָס איז אייך ווייניק — קומט די ייִדישע אגדה און מאַכט עס נאָך בולטער דורך איר שניי־דיקער סאַטירע:

איבער וואָס האָבן זיי (קין מיט הבלן) זיך געקריגט? זיי האָבן געזאָגט: קומט און לאָמיר צעטיילן די וועלט. איינער האָט גענומען די ערד און איינער האָט גענומען די באַוועגלעכע זאַכן. ד ע ר האָט געזאָגט: די ערד אויף

װעלכער דו שטײסט — איז מײנע און ד ע ר האָט געזאָגט: דאָס װאָס דו גײסט אָנגעטון — איז מײנס און דורך דעם „איז קין אױפגעשטאַנען צו זײַן ברודער הבל און אים געהרגעט״. (בראשית רבא, פרשה כב).

צװײ מענטשן סך־הכל אױף אַ גאַנצער װעלט — און ס'איז זײ ענג. שױן װיל אײנער די גאַנצע ערד און צום צװײטן שרײַט ער: פלי אַװעק! (דאָרט). פעלט אים דען דאָס פיצל ערד, אױף װעלכער יענער שטײט? נײן. אָבער דאָס ערשטע אָרט קען ער מער ניט פאַרנעמען. הרגעט ער. אױב ד י סאַטירע איז נישט צו־שאַרף — האָט די אַלטע אגדה נאָך מער פאַרטיפט די איראָניע:

און איבער װאָס האָבן זײ זיך געקריגט? דער האָט געזאָגט: אין מ ײ ן תחום װעט געבױט װערן דאָס בית־המקדש און דער האָט געזאָגט: אין מ ײ ן תחום װעט דאָס בית־המקדש געבױט װערן (דאָרט).

ב ײ ד ע, הײסט עס, רײַסן זיך נישט בלױז צוליב ערדישע ענינים. זײ בענקען גאָר צו קדושה. נישט מער: יעדער באַזונדער װיל זײַן דער ערש־טער, דורכן האָבן דאָס הײליקסטע אָרט בײ ז י ך . . . דערפאַר ענדיקט זיך די הױכע בענקשאַפט מיט רציחה.

איז דאָס דער אמתער טײטש פון די פסוקים? נישט װיכטיק. די ייִדישע חכמים האָבן זײער שטײגער פון מעדיטירן, בכדי אַרױסצוברענגען דעם עיקר פון מ ע נ ט ש ל ע כ ן אמת: אױך ק י ן שלאָגט זיך לכתחילה פאַר הײ־ליקײטן. דערמיט װיל ער זײַן העכער פון זײַן ברודער. טאָמער נישט — װעט ער בעסער װערן דער ערשטער רוצח.

דער דאָזיקער קאָמפּלעקס איז בײ די ייִדישע חכמים אַזױ געפערלעך — אַז גאָט אַלײן האָט אים געװאָלט פאַרלױפן דעם װעג: ער האָט ספּעציעל באַ־שאַפן דעם מענטש צום ל ע צ ט פון אַלע אַנדערע באַשעפענישן. די סיבה? טאָמער נעמט ער זיך גרױס־האַלטן, זאָל מען אים קענען זאָגן: אַפילו אַ פליג איז באַשאַפן געװאָרן פריִער (סנהדרין, לח, א). ער האָט אױך באַשאַפן דעם מענטש אײנער־אַלײן (און נישט אין צװײען), בכדי די מענטשלעכע משפחות זאָלן זיך נישט קענען גרױסהאַלטן אײנס קעגן דאָס אַנדערע (דאָרט).

דער רעאַל־ייִדישער בליק פון דער מסורה האָט אָבער געמוזט צוגעבן, מיט אַ שטילן פּעסימיזם, אַז די דאָזיקע רמזים זענען אַ קנאַפּע באַװאָרעניש. — דער דראַנג זיך אַרױסצוהײבן איבער אַנדערע האָט זיך באַלד באַװיזן — אַפילו בײ די פּלאַנעטן: װען גאָט האָט באַשאַפן בײדע גרױסע ליכט, האָט זיך די לבנה געקלאָגט, הלמאי „צװײ מלאכים באַנוצן זיך מיט אײן קרױן״. זי האָט געװאָלט װערן די גרעסערע און דערפאַר האָט זי גאָט פאַרקלענערט

(זע: חולין ס, ב). טאָ וואָס זאָל שוין זאָגן דער זינדיקער מענטש? די אגדה האָט בכן צוגעגעבן:

> מה־דאָך אָצינד, ווען ער (דער מענטש) איז באַשאַפן געוואָרן אַליין רייצן זיי זיך (די משפחות איינע מיט דער צווייטער) — על אחת כמה וכמה (וואָלטן זיי זיך גערייצט) ווען זיי ווערן באַשאַפן אין צווייען (און געזאָגט איינער צום צווייטן: מיין פאָטער איז געווען גרעסער פאַר דיינעם... רש״י, סנהדרין לח).

דער נסיון פאַרן מענטש איז געבליבן. במילא וואַכט אויך דער הויפּט־טריב, וואָס רופט אַרויס דעם פאַלשן משיח פון די באַהעלטענישן — און אויך די מאַסע זאַמלט זיך באַלד אַרום אים.

קאַפּיטל צוויי

א.

די קאָנפראָנטאַציע מיט דער רשעות איז דעם ייִד נייטיק צוליב נאָך אַ פּשוטער סיבה: ווייל די צעטיילונג צווישן גוטס און שלעכטס איז נישט קיין מעכאַנישע.ביידע זענען פּאַקטיש צונויפגעקנוילט. ביים וועלן פאַרזען דעם מקור פון שלעכטס, קען מען אויך זיך אַליין נישט דערקענען. שוין די תנכישע וויזיע באַטראַכט יעדער מענטשלעך האַרץ פאַר דער אַרענע פונעם געראַנגל צווישן טוב ורע. דער רמב״ם (הלכות תשובה, פרק ה, הלכה ב) האָט אַפילו מעסטגעשטעלט אַ הויפּט־פּרינציפּ:

> עס זאָל דיר נישט אַדורכגיין דורכן געדאַנק... וואָס עס זאָגן די טפּשים ביי די אומות־העולם — און די מערהייט ייִדישע גולמס — אַז גאָט איז גוזר אויפן מענטש... צו זיין אַ צדיק אָדער אַ רשע. די זאַך איז נישט אַזוי, נאָר יעדער מענטש איז ראוי צו זיין אַ צדיק ווי משה רבינו אָדער אַ רשע ווי ירבעם...

אמת: דאָס דאַרף בעיקר אויסדריקן דעם ייִדישן אַנטי־דעטערמיניזם. דאָס מיינט, אַז דער מענטש איז נישט אונטערגעוואָרפן קיין פאַרויס־באַ־שטימטן גורל און בלויז ער אַליין קען מייסטערן זיין גייסטיקע אַנטוויקלונג. אָבער אין טיפערן זין, איז עס אויך גאָר אַ האַרבע וואָרענונג: נישט „משה" און נישט „ירבעם" זענען באַזונדערע דערשיינונגען — נאָר ביידע לעבן פּאָטענציעל אין איין האַרץ.

די אַלע חקירות פון מפרשים — אויב דעם רמב״מס אַנטי־דעטערמיניזם איז אין הסכם מיט דער ייִדישער טראַדיציע אָדער נישט — געהערט נישט צו אונדזער איצטיקער טעמע. מיר האָבן אָבער געזען פריִער, אַז די ייִדישע

אגדה האָט אינעם ייִנגן ירבעם כּמעט ווי געזען אַ נייעם משה. דאָס זעלבע פאַרקערט: פאַראַן אַ געוואָגטע אגדה (אמת: נישט אין דער אָפיציעל־תּלמו־דישער), וואָס שילדערט משה רבינו ווי אַ פּאָטענציעלן פאַרברעכער. זי ווערט ציטירט פון אַזאַ גאונישן און דענקערישן מפרש ווי ר׳ ישראל ליפּשיץ (אין זיין פּירוש „תּפארת ישראל״, לעצטע משנה פון מסכת קידושין) און מען קען זיך סומך זיין, אַז ער האָט געפילט דעם גייסט פון ייִדישקייט אויך אין אַזאַ פאַרשטעלונג.*

דערפאַר קען אַ ייִד נישט באַטראַכטן קיינעם פון די גרויסע רשעים ווי עפּעס אַן אָפּגעטיילטע דערשיינונג, וואָס האָט נישט מיט אים קיין אינער־לעכע שייכות. פאַרקערט: דווקא ווייל יעדער איינער קען ווערן דערזעלבער רשע — מוז מען אים פאַרשן, דערזען פון אַלע זייטן און זיך אָפּשרעקן.

קען זיין, אַז מחמת דעם האָט אונדזער ספר־הספרים אַריינגעפירט אין דער ייִדישער אומפאַרגעסלעכקייט די סדום־לייט און די פּרעהס, די עמלקים און די המנס. זיכער האָבן מיר פאַר זיך אַ בילד צום האַסן — אָבער דער סטערילער האַס צו פיגורן, וואָס ליגן שוין אונטערן מיטאָלאָגישן שטויב, קען נישט זיין קיין היכער ציל. סיידן מען דערקענט דערביי דאָס נאָנטע אָפּבילד פון זיי און מען באַקומט אַ פּחד אויך פאַרן קלענערן המנ׳דל, וואָס זיצט פאַר־שטעקט אין די אייגענע בלוטן. בלויז דאָס גיט אַ זין אונדזער שאַרף גע־דענקען.

נחזור לענין: דאָס געדענקען די רשעים און זייערע מעשים איז געוואָרן אַ ייִדיש־באַפעלערישער לייט־מאָטיוו. זיכער פאַרמאָגן מיר אויך דעם „ושם רשעים ירקב״, וואָס הייסט אַריינוואַרפן אין פוילעניש דעם רשע׳ס נאָמען. דאָס איז אָבער נישט דאָס זעלבע ווי אויסקראַצן זייער נאָמען פונעם געדעכע־ניש. מען דאַרף געדענקען אין זיי, אָבער האָבן אין זין זייער פאַרפאַלענעם גורל. דאָס איז אָפילו נישט אין סתירה צום מכלומרשט־איינציקן אויסנאַם פון תּנ״ך (שמות יז, יד), וואָס דערקלערט אין גאָטס נאָמען: „ווייל אָפּמעקן וועל איך אָפּמעקן דעם זכר פון עמלק פון אונטער די הימלען״. מיר קענען עס בלויזט פאַרשטיין ווי אַ קאַמפּס־אָנזאָג די לעבעדיקע רשעים, אָבער נישט ווי אַ געשיכטלעך אויסמעקן זייער נאָמען און מעשים. והר־איה: אין דער זעלבער פּרשה באַפעלט גאָט משהן צו פאַרשרייבן (דאָס קאַ־

---

* אגב: איך האָב ליידער נישט ביי זיך דאָס ספרל „קונטרס האמת״, וואָס אַ ריי באַ־רימטע רבנים האָבן אַרויסגעגעבן קעגן דער דאָזיקער אגדה און אויך קעגן מחבר פון „תּפארת ישראל״, וואָס ציטירט זי. מהאי טעמא קען איך נישט באַהאַנדלען זייערע ראיות פון דער ייִדישער אגדה קעגן אַזאַ איינשטעל. בכל אופן איז זי אין הסכם מיט טייל ייִדישע מקורים.

פּיטל עמלק) געדענקלעך אין אַ ספר. איינע פון די תנכישע מצוות איז אויך דער „זכור את אשר עשה לך עמלק" און דער געבאָט „דו זאָלסט אָפּמעקן עמלקס זכר פון אונטער די הימלען" ווערט באַגלייט פונעם קאַטעגאָרישן לא תשכח.

וואָס טויגן לאַנגע חקירהס? שוין דערמיט אַליין, וואָס משה האָט פאַר־שריבן פאַר אַלע צייטן די מעשים פון עמלקן האָט ער אים געגעבן אַן אָרט אין דער געשיכטע. נישט אַנדערש זעען מיר אין די ווייטערדיקע תנ"ך־ספרים. דער נביא שמואל, למשל, האָט טאַקע געצערנט, פאַרוואָס דער מלך שאול האָט אַרויסגעוויזן רחמנות צו עמלקס שעפּסן און — זיין קעניג א ג ג (שמואל אלף, טו). אָבער די גאַנצע מלחמה איז פאָרט פאַרשריבן געוואָרן. ביי דער זייט פונעם תנכישן ת מ ח ה ־ געבאָט האָבן מיר גאָטס שבועה פון מלחמה־האַלטן מיט עמלקן מ ד ו ר ד ו ר.

דאָס מיינט פשוט: דער אַקטועלער עמלק מוז אָפּגעמעקט ווערן, אָבער זיינע מעשים מוזן געדענקט ווערן — ווייל מיט זיי איז עס אַ מלחמה אויף ד ו ר ו ת.

ב.

ביים נאָכפאָלגן דעם יידישן געדאַנקען־גאַנג — באַמערקט מען קודם־כל דעם אָפענעם קוק אויף אַלץ און אַלעמען: דער צדיק ווערט געוויזן אויך מיט זיינע שוואַכע זייטן און דער רשע ווערט פאַר אונדז נישט געשילדערט ווי אַ צעפּוילטע מאַשין פון פאַרברעכן. אדרבא: בכדי מיר זאָלן נישט מיינען, אַז דער רשע איז מלכתחילה באַשאַפן געוואָרן צו רשעות, ווערן טיילמאָל זיינע מעלות אַרויסגעהויבן אויף גאָר אַ באַזונדערן אופן. בלויז איין ביישפּיל: ב ל ע ם ה ר ש ע.

שוין דער תנ"ך וויל נישט אָוועקשטעלן דעם גרויסן שונא פון ישראל ווי איינעם פון די פינצטערסטע געשטאַלטן — וואָס ווייסט נישט דעם טעם פון אַ ה ע כ ע ר ע ר מינוט. אדרבא: ער איז אַ מאַן פון העכסטער אַנטפּלעקונג. וואָס קען נאָך זיין גרעסער ווי אַ נביא, וואָס שמועסט מיט גאָט אַליין? בלעם איז דער גרויסער זעער (מחזה שדי יחזה) און ווייסער (ויודע דעת עליון). ווען עס קומט צו דער יידישער אגדה, וועבט זי אויס אַרום זיין קאָפּ דעם שענסטן קראַנץ. קיינער איז אפשר נישט געווען אַזוי נאָנט צו גאָט („אינטע־לעקטועל", אויף אונדזער היינטיק לשון) ווי דער דאָזיקער רשע. דאָס איז אָבער נאָר נוגע זיינע גייסטיקע מ ע ג ל ע כ ק יי ט ן. דערויף איז נישט נייטיק צו ברענגען קיין אגדות, ווייל שוין דער תנ"ך גופא גיט אים אין מויל דאָס וווּנדערלעכסטע לשון. גענוג בלויז צו דערמאָנען די אגדה, וואָס שטעלט אַוועק

בלעמען ווי דעם גואל, וואָס גאָט האָט באַשטימט פאַר די אומות העולם (דברים רבא, כ׳ און אַנדערע).

אין וואָס איז אָבער באַשטאַנען זיין שוואַכקייט? דער פאָלקסטימלעכער קנייטש פון יידישער דרשנות האָט געשטעלט דעם דגש אויף אַ באַקאַנטער פסיכאָלאָגיע: בלעם האָט נאָר געוואָלט שטאַרבן ווי אַ צדיק (תמת נפשי מות ישרים ותהי אחריתי כמוהו). ער האָט אָבער נישט געהאַט דעם כח צו לעבן מיט גערעכטיקייט. ער האָט געהערט צו יענע העלדן, וואָס בענקען צו אַ שיינעם סוף — אָבער דערגיין צו אים אויף אַ לאַנגן, מיפולן וועג זענען זיי נישט מסוגל.

פון די פסוקים גופא זעען מיר אָבער נאָך עפּעס: אַ געשטאַלט פון אַ גאָט־ווייסער, וואָס קען זיך אָבער נישט באַפרייען פונעם מאַסן־צויבער. נישט ער לערנט די פאַרגלויבטע אין אים, וואָס זיי דאַרפן וועלן — נאָר שטעלט זיין גאַנץ וויסן אין רשות פון זייער ווילן. ווען מואב און מדין ווילן פאַר־שעלטן ישראל און רופן אים דערצו — גייט ער, כאָטש ער האָט אויסצושטיין אַן אינערלעכן געראַנגל. גאָט פון זיין נאַכטיקן חלום זאָגט אים טאַקע „גיי נישט" — אָבער זיין חשק זיך אַרויסצוהייבן ווערט געשטאַרקט פון די „שרים רבים ונכבדים"; פון די הויכגעשטעלטע לייט, וואָס ווילן זען זיין אַלמאַכט.

דער אינערלעכער קאַמף פון אַלע גרויסע שוואַכלינגען — אין אַלע צייטן — ווערט וווּנדערלעך אָפּגעשפּיגלט אין די פסוקים פון פרשת בלק: די ערשטע מינוט דערשרעקט ער זיך פאַר דער שעלט־אויפגאַבע, וואָס די שליחים ברענגען אים; ער וויל זיי אָפּשלעפּן ביז איבער נאַכט. אָבער טיף אין אים האָט זיך שוין איינגעגראָבן די אונטערטעניקייט פאַרן ווילן פון דער שעלט־מאַסע. די ערשטע ווערטער, וואָס ער ענטפערט גאָט אין זיין חלום, גיבן אים אויס: „בלק, דער זון פון צפור, דער קעניג פון מואב האָט צו מיר געשיקט". ער האָט, הייסט עס, אַזאַ זעלטענע געלעגנהייט זיך אַרויסצוהייבן. אַ קעניג קלאַפּט אין זיין טיר — און דאָס איז פאַר אים אַ שווערער נסיון: ווי קען מען אָפּזאָגן?

יאָ, דאָס ערשטע מאָל זיגט גאָט אין זיין האַרץ. ער זאָגט צו די האַרן, אַז גאָט הייסט אים נישט גיין. אָבער בלק ווייסט פון בלעמס שוואַכקייט. שיקט ער אים שליחים פון העכערן ראַנג און פאַרזיכערט אים, אַז ער וועט אים אָנטון אַ סך כבוד (כי כבד אכבדך מאד) — און דאָס מוז אים ברעכן. ער טענהט טאַקע, אַז אַפילו אַ פול הויז מיט גאָלד און זילבער וועט נישט קענען אָפּקויפן זיין גאָטספאַרכטיקייט — אָבער ביינאַכט „הערט" ער שוין ווי גאָט אַליין זאָגט אים: שטיי אויף און גיי מיט זיי...

איך וואָלט בפירוש נישט געוואָגט צו מאַכן אַזאַ „פּרוידיסטישע" אויס־טייטשונגען פון די פסוקים — אָבער דאָ קומט מיר צוהילף די יידישע אגדה.

ער (בלעם) האָט זיך געווענדט צו גאָט (פאַר גאָט) און געזאָגט: כאָטש דו גיסט מיר נישט אָפּ קיין כבוד און מאַכסט מיר נישט קיין נאָמען אויף דער וועלט... זוכן מיך קעניגן...

...בלעם האָט זיי (די ערשטע שליחים) נישט געזאָגט, אַז „ער (גאָט) האָט מיר נישט געגעבן קיין רשות צו גיין שעלטן" — נאָר „נישט געלאָזט גייז מיט א יי ד"... נאָר מיט גרעסערע...

...פון דאַנעט לערנסטו, אַז אויפן וועג וואָס אַ מענטש ווי ל גיין — פירט מען אים. ווייל צום ערשט איז אים געזאָגט געוואָרן „זאָלסט נישט גיין". אָבער ווייבאַלד ער האָט מעיז־פּנים געוועזן צו גיין — איז ער געגאַנגען. ווייל עס שטייט דאָך (ווייטער) „און ס׳האָט געגרימט גאָטס צאָרן פּאַרוואָס ער גייט" (במדבר רבא, כ).

נאָך אָפּענער זעען מיר בלעמס שוואַכקייט ביים סאָמע־סוף: גאָט האָט אים שוין באַזיגט און ער האָט נישט געשאָלטן נאָר געבענטשט. בלק האָט טאָקע געמיינט, אַז דאָס טוט ער בלויז, ווייל ער באַקומט נישט פון אים גענוג כבוד (האמנם לא אוכל כבדך?) — אָבער די פּסוקים זאָגן בפירוש עדות, אַז בלעם איז אַדורכגענומען געוואָרן פון גאָטס גייסט. דערפאַר האָט ער געוווּסט, אַז יעדער קאַמף קעגן ישראל איז אַ פאַרשפּילטער. אָבער ער וויל פאָרט נישט פאַרלירן דעם כבוד ביי בלקן און זיינע שרים. דערפאַר לאָזט ער אים איבער אַן עצה, וויאַזוי צו דעמאָראַליזירן זיינע יידישע שונאים. אַ מענטש וואָס קוקט אַ ז ו י וייט — האָט אויך געקענט זען, וויאַזוי די יידן וועלן שפּעטער אים אַליין פאַרניכטן מיט דער שווערד. אָבער באַווייזן זיין אָנמעכטיקייט פאַר די האַרן, האָט ער נישט געקענט. בלקס געשריי, אַז גאָט לאָזט אים נישט געניסן פון כבוד (אמרתי כבד אכבדך והנה מנעך השם מכבוד) האָט געטון דאָס זייניקע...

אַז איר ווילט — האָט איר דאָ די אייביקע טראַגעדיע פון יענע, וואָס האָבן געקענט ווערן משיחים, אָבער די שוואַכקייט צו וועלן שפּילן די העכסטע ראָלע האָט מיט זיי „געלערנט בלק".

ג.

די ליטעראַטור וועגן „משיחישע" פּערזענלעכקייטן איז גענוג רייך און בנוהג־שבעולם כאַפּט זיך אונדזער מחשבה גלייך צו זיי. דערפאַר איז כמעט די גאַנצע וועלט־געשיכטע אַ בוך וועגן פּערזענלעכקייטן. די מאַסן אָרום זיי ווערן נאָר דערזען ווי אַ קליינער אָרנאַמענט צו די געשעענישן.

יעדער פון זיי איז אַ הויפּט־פיגור. יעדער אויף זיין שטייגער האָט אָנגעוואָרפן זיין ווילן אויפן דור און „באַשטימט" וווהין ער זאָל דערגיין. טאָ וואָס פאַר אַ ראָלע קען שוין שפּילן דער קליינער מענטשן־שטויב, וואָס האָט

אים באַגלייט און אונטערגעטראָגן די העכסטע שטול? אויב אַן עפּאָכע רופט ביי אונדז אַרויס אינטערעס און רעטעניש, זוכן מיר די פולע תשובה אויף אונדזערע פּאַרש־מאַטערנישן ביים „איינציקן". דאָס פאָלק ביי זיין צופוסנס איז נאָר אַ שטומער מעדיום, וואָס צעשמעלצט זיך פּאַסיוו אינעם טומאה־פייער פון דער יחידישער אַלמאַכט.

אַזאַ צוגאַנג איז אפשר פאַרשטענדלעך. די צענטראַלע פיגור איז אַוועק־געשטעלט אַזוי הויך, אַז זי מוז זיך וואַרפן אין אויג, פאַרכאַפּן די געדאַנקען. דערפאַר זענען מיר נוטה צו זען דעם געשיכטלעכן לויף אין איין ריכטונג: פונעם יחידישן קנופּ־פּונקט צו דער באַרוישטער מאַסע. ווען מיר טראַכטן, למשל, פון אַ סטאַלין — פאַרשן מיר בלויז א יי ן טונקעלע השפעה אויפן רוסישן פאָלק. עס פעלט אונדז כמעט נישט איין צו זוכן די „סטאַליניסטישע" עלעמענטן צווישן מיליאָנען — וואָס בלויז אַ דאַנק זיי האָט געקענט אויס־געבויט ווערן די מעכטיקע מאָנסטער־פיגור; אַזוי איז עס אויך מיט ענלעכע צו אים. אינעם יידישן באַוווסטזיין קען מען בלויז אַנטרעפן איין אויסנאַם: מיר האָבן פון אייגענער דערפאַרונג פעסטגעשטעלט, אַז קיין ה י ט ל ע ר וואָלט נישט געקענט מעגלעך זיין אָן די מיליאָנען היטלערלעך, וואָס האָבן אים אויסגעטראָגן.

למען־האמת מוזן מיר אָבער אומעטום באַמערקן די צווייטע זייט מטבע: די לעכצן, גאַרענישן און אויפברויזן ביים גרויסן קאָלעקטיוו, ווייל ז יי מאַכן פונעם אויסדערוויילטן אַ געשטאַלט לויט זייער פאָרעם און ווילן. זיכער איז יעדער פאַרפירער אַ שטאַרקע פערזענלעכקייט — אָבער ער איז גאָר קיינמאָל נישט אויפגעקומען פון זיך אַליין. ער איז געשאַפן, אַרויסגעריפן, אויסגעטראָגן, אַנטוויקלט און באַהערשט געוואָרן פון יענעם מאַסן־רויש וואָס האָט פון אים פאַרלאַנגט נישט ווינציקער ווי — דאָס ווערן געטלעך. די ער־לעכע נאַטורן צווישן פאָלקס־פירער באַקעמפן אַזעלכע פסיכאָזן, לאָזן אויף זיך נישט אַנוואַרפן די גרענעצלאָזיקייט, בעת די קרענקלעך־אַמביציעזע הייבן זיך אָן צו באַטראַכטן מיט די אויגן פון דער מאַסע. עס דוכט זיך זיי, אַז טאָ־מער וועלן זיי נישט מאַכן קיין „געטלעכע" פּאָזע — וועט די מאַסע זיי לגמרי פאַרדרענגען אין אַ ווינקל. דאָ ליגט די סיבה סיי פון זייער אויפשטייג און סיי פון זייער פאַלן.

ווען מיר קערן זיך אום צו די אַלט־יידישע ספרים — האָבן מיר פאַר זיך ב יי ד ע זייטן. אונדזערע חכמים האָבן קיינמאָל נישט געפּרוווט פאַרליי־קענען די ראָלע פון יחידים — גוטע און שלעכטע — ביים באַשטימען דעם גורל פון פעלקער און דורות. אָבער זיי האָבן צוליב דעם נישט פאַרזען די מאַסן־פסיכאָלאָגיע, וואָס קנעט זיך אַריין אינעם כאַראַקטער פון די „איינ־

ציקע״ און געציילטע. דערויף װעלן מיר נאָך, בײַ אַ צװייטער געלעגנהייט, דאַרפֿן ברענגען אַ סך באַװײַזן. אָבער איצט װעלן מיר זיך באַגרענעצן צו איין בײַשפּיל.

ד.

מפרשים האָבן זיך אַלעמאָל געװוּנדערט: בעת די משנה (אָבות, פּרק ה, יט) װיל מאַכן אַ פֿאַרגלײַך צװישן גוטן כח און דעם שלעכטן — באַהאַנדלט זי נישט די אייגנשאַפֿטן פֿון די ה ו י פּ ט ־ פּ י ג ו ר ן, נאָר קװאַליפֿיצירט די מידות פֿון זייערע ת ל מ י ד י ם:

> יעדער איינער, װאָס האָט אין זיך די דאָזיקע דרײַ זאַכן — איז ער פֿון אברהם אבינוס תלמידים; און (אויב) דרײַ אַנדערע זאַכן — איז ער פֿון בלעם הרשעס תלמידים. די תלמידים פֿון אברהם אבינו: אַ גוט אויג, אַ באַשיידן געמיט און װייניק פֿאַדערונגען (באַגרענעצטע לײַדנשאַפֿטן — מפרשים. אין אָריגינאַל: ונפש שפלה). די תלמידים פֿון בלעם הרשע: אַ שלעכט אויג, אַ הויך געמיט און ברייטע תאוות (ונפש רחבה). װאָס איז דער חילוק צװישן די תלמידים פֿון אברהם אבינו און די תלמידים פֿון בלעם הרשע? די תלמידים פֿון אברהם אבינו עסן אויף דער װעלט און ירשענען עולם הבא... אָבער די תלמידים פֿון בלעם הרשע ירשענען גיהנום און נידערן אין באר שחת.

פֿאַרװאָס עפּעס פֿאַרשן די תלמידים? לאָגישער װאָלט געװען צו קװאַליפֿיצירן אברהמען און בלעמען, װײַל סוף־כל־סוף דעצידירן דאָך די ר ב י י ם. אַ רבניש־סאַרקאַסטישער אויסטײַטש האָט דערויף אַן ענטפֿער: טײלמאָל איז נישט מעגלעך צו דערקענען דעם חילוק צװישן איין רבין און דעם צװייטן. ביידע פֿירן זיך גרויס און פֿרעדיקן בלויז גוטס. מוז מען בכן אָפּװאַרטן נאָך אַ דור און זען װעלכע תלמידים זיי האָבן איבערגעלאָזט — בכדי אָפּצושאַצן װי געהעריק דעם רבין גופא.

מיר דוכט זיך אָבער, אַז דאָ האָבן אונדזערע אַלטע חכמים בלויז געװאָלט שאַפֿן די געהעריקע גלײַכװאָג. מיט איין משנה פֿריִער (דאָרט, יח) איז אַרויסגעהויבן געװאָרן די ראָלע פֿון דער צענטראַלער פּערזענלעכקייט, בײַם באַשטימען דאָס גייסטיקע פּרצוף און דעם גורל פֿון זייערע אָנהענגער: משה האָט זוכה געװען און אויך מזכה געװען אַנדערע... ירבעם בן נבט האָט געזינדיקט און געמאַכט זינדיקן אַנדערע; דעם זכות פֿון משהס רבים װערט צוגעשריבן צו אים; די זינד פֿון ירבעמס רבים — גייט אויף זײַן חשבון (משה זכה וזיכה את הרבים, זכות הרבים תלוי בו... ירבעם בן נבט חטא והחטיא את הרבים, חטא הרבים תלוי בו).

דאָס קען קלינגען װי אַן אַליבי פֿאַר די זינדיקע מאַסן: װאָס זענען זיי

שולדיק, אויב דער פירער האָט זיי שלעכט געלערנט? ער איז דאָך אַלץ און זיי זענען שטויב. איך קענט דאָך דעם ענטפער פון מערדערישע דיקטאַטור־משרתים אין אַלע צייטן: זיי האָבן בלויז אויסגעפאָלגט העכערע באַפעלן! זיי האָבן זיך „אויפגעלייזט" אין דער שטאַרקער פירער־נאַטור.

ווילן אונדזערע חכמים נישט מינימיזירן דעם דאָזיקן פאַקטאָר און באַשטעטיקן די אחריות פונעם שטאַרקן יחיד פאַר די מעשים פון זיינע מאַסן. אָבער די דאָזיקע אַליבי טאָר נישט זיין קיין פולע: פונקט ווי דער מנהיג באַווירקט זיינע תלמידים, אַזוי באַווירקן זיינע תלמידים דעם רבין. א ב ר ה ם איז געוואָרן דאָס וואָס ער איז געוואָרן, ווייל זיינע תלמידים האָבן געהאַט איידעלע שטרעבונגען; בלעם איז געוואָרן דער גרויסער רשע, ווייל בלויז זיין רשעות האָט אַפּעלירט צו זיי. דערפאַר באַקומען אברהמס תלמידים ז יי ע ר שכר — און בלעמס תלמידים ירשענען גיהנום. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פונעם פירער קען ביי איין צד נישט מינערן דעם לוין און ביים צווייטן צד קען עס נישט מילדערן די שטראָף...

דער באַראָמעטער, וואָס מעסט גוטס און שלעכטס, טאָר נישט בלויז רעגיסטרירן די פּערזענלעכע אייגנשאַפטן פוןביידע סאָרטן פירער. ער מוז זיך אויך אָפּשטעלן אויף דער כאַראַקטעריסטיק פון זייערע מ אַ ס ן. פשוט: דערפאַר וואָס זיי, די „אומבאַמערקטע", האָבן נישט ווייניק צו זאָגן אויף דער געשטאַלטונג פון זייערע לערער.

זאָל מיר דערלויבט זיין אַריינצופאַלן מיט אַן אַקטועלן צווישן־רוף: עס איז מיר עטלעכע מאָל באַשערט געווען זיך צו וווּנדערן אויף געוויסע פאַרטייען מיט ריין־אידעאָלאָגישע צילן. איך האָב געוווּסט, אַז אין זייערע רייען האָבן זיך אַריינגעשלייכט פאַרדאָרבענע נפשות און זיי ווערן אַפילו נישט געשטערט אין זייערע מעשים־תעתועים. אין אַ שמועס מיט אחריותדיקע מענטשן פון יענע באַוועגונגען האָב איך געשטעלט די שאלה: וויאַזוי דערלאָזן זיי עס? און דער ענטפער איז געווען אַביסל ציניש: מיר מוזן זיין אַ מאַסן־פּאַרטיי... און דערפאַר קענען מיר נישט זיין איבערקלייבעריש. אַז נישט — ווען מיר פאַרבלייבן אַ קליינע סעקטע. אַ מאַסן־פּאַרטיי לעבט נישט בלויז פון שיינער אידעאָלאָגיע. זי דאַרף אויך אַדורכפירן געוויסע צילן, וועלכע מען קען נישט אַנטרויען קיין פאַרחלומטע אידעאַליסטן. קומען דווקא אַזעלכע נפשות צונויף. אָבער דאָס איז נישט געפערלעך: וויבאַלד ריינע פערזענלעכקייטן שטייען בראש — וועלן אַזעלכע עלעמענטן קיינמאָל נישט אַרויס פון זייערע באַשטימטע גרענעצן... וואָס איז מיר געבליבן צו ענטפערן? בלויז מיטן לשון פון דער משנה וועגן די צוויי סאָרטן ת ל מ י ד י ם.

ה.

די פסיכישע יערונגען אינעם המון האָבן פּאַקטיש אַלעמאָל געהאַט אַ מעכטיקן חלק אין די אַנטוויקלונגען פון יעדער תקופה, הגם זי שטייט אונ־טערן צייכן פון א י נ ע ם. די אמתע מנהיגים האָבן זיך באַנוצט מיט די דאָזיקע נייגונגען, בכדי צו מאַכן פון דער מאַסע פ אָ ל ק; די פאַלשע ווידער האָבן זיך אַליין אַריינגעגאָסן אין דער מ אַ ס ע.

סיי דאָס פאָלק און סיי די מאַסע ב ע נ ק ע ן; ביידע ווילן דערגרייכן עפּעס מער ווי דאָס וואָס זיי האָבן. אָבער פאָלק רעכנט זיך מיט טיפע דער־פאַרונגען און גייט אויפן וועג פון לאַנגן א ו י ס ד ו י ע ר. אַ פאָלק טראָגט אחריות פאַר זיין פריער און שפּעטער: באַרעכנט זיך, ווען און וואָס צו ב ר ע כ ן. די מאַסע איז אָבער אומגעדולדיק, רייסט זיך ווי אַ שטראָם און זעט בלויז דעם א י צ ט. וויבאַלד דער גרויסער אידעאַל לאָזט זיך נישט כאַפּן כהרף־עין — מוז קומען דער היציקער רעוואָלט, דער ערזאַץ, די דעגראַ־דאַציע. מאַסע האָט נישט קיין צייט צו וואַרטן. דערפאַר מוז אויך איר משיח אַנגעשטעקט ווערן מיטן אומגעדולד פון הפקרות; ער מוז כסדר באַווייזן ט אַ ט, אַפילו ווען זי ברעכט בלויז און צעשטערט.

פאָלק האַלט אַלעמאָל די וואָגשאָל אין דער הענט, בעת מאַסע לעבט אין פיבער און זוכט באַפרידיקונג אינעם שויס פון שנעלקייט. אויב דער „גרויסער" גאָט קומט נישט — וועט זי כאַפּן אַ קליין גאָטעלע און עס אויסציִען דורך אילוזאָרישער סוגעסטיע. דאָס גיט צו מוט אַלערליי מאַכט־פּרעטענדענטן צו וו אַ ג ן.

אין די אור־פּרימיטיווע צייטן איז די פאַרבענקטע מאַסן־פאַנטאַזיע גע־ווען אַזוי אומגעצווימט — און דער לעכץ צו קליין־געטער אַזוי שטאַרק — ביז די עקזאַלטאַציע האָט זיך געקענט אָנהענגען אין שטיין אָדער האָלץ. אומ־צייליקע „אַנטוישונגען" האָבן אָבער איינגעהאַלטן דעם אימפּעט און די מאַסע האָט שוין געמוזט האָבן לעבעדיקע פיגורן פון בלוט און פלייש. אָבער דאָס איז דער איינציקער פּראָגרעס. ווי נאָר די מאַסע באַמערקט אין איינעם אַ שטריך פון גרעסערקייט — וועט דער הונגעריקער כישוף טון דאָס זייניקע... אָבער ווער איז די דאָזיקע מאַסע, מיט דער גרייטער קרוין אין די הענט? נישט בלויז ה מ ו ן, וואָס ווייסט נישט בין ימינו לשמאלו. ער ווערט בלויז מיטגעריסן דער ערשטער. די מחנה אומווייסער וואָלט קיין סך נישט געקענט באַווייזן, ווען עס זאָלן זיך אין איר נישט אָנשליסן קיין מענטשן מיט גייסט — אָבער מיטן זעלבן מאַסן־פּחד און אומצוטרוי צו די אייגענע כוחות.

דער עקסטאַז פון אַ מאַסע — עס מעג קלינגען פּאַראַדאָקסאַל — וואַקסט אַרויס פון אַ סקעפּטישער ניכטערקייט. דער אומצוטרוי צו זיך אַליין דער־

שרעקט און באַפעלט צו זוכן נאָך עמעצן, אין וועמען זיך אָנצושפּאַרן. די מאַסע איז אייגנטלעך אַ צונויפשמעלץ פון פאַרצווייפלטע, וואָס גלייבן אינעם נ ס פון צוזאַמען־זיין. יעדער פאַר זיך אַליין שעמט זיך צו שרייען און ווייסט אַפּילו מיט קלאָר־באַרעכנטן וויסן, אַז א י ן קול וועט זיך צו גאָרנישט דערשרייען. פאָרן זיך צונויף אַלע אָפּגעריסענע בענקשאַפטן — און מאַכן דערפון איין גרויסן געשריי, וואָס רופט דאָס וווּנדערלעכע פון די באַהעלטע־נישן. אויב דער וווּנדער אַליין באַווייזט זיך נישט — איז כאָטש גוט עס זאָל דערשיינען דער מאַן, וואָס האָט כח און מוט צו זאָגן: א י ך נעם אויף זיך די אחריות צו גיין און שטורעמען יענע פעסטונגען, פאַר וועלכע יעדער פון אייך באַזונדער האָט אַזוי מורא. שוין אַזאַ ג אַ נ ג אַליין מוז פאַרשיכורן, ווערן אַ טייל פונעם דערוואַרטן נס.

עס איז אויך אַ גוט־באַקאַנטער כלל: יעדעס מאָל ווען אַזויפיל יחידים גיסן זיך צונויף אין אַ שטראָם — מוז זיך אָפּזוכן נאָך איינער, וואָס וואָלט אין די אייגענע פיר ווענט נישט געוואַגט צו זאָגן „אני שלמה". ערשט די דערוואַרטונג פון אַ גאַנצער מחנה לייגט אים דאָס זיכערע וואָרט אויף די ליפּן. יעדער פאַלשער משיח איז בכן אַ פ אַ ר פ י ר ט ע ר נישט ווייניקער ווי ער איז פאַרפירער.

דער שידוך צווישן מאַסע און פאַלשן משיח וואָלט אָבער קיינמאָל נישט געקענט געבוירן קיין וועלט־איבערקערערישע מעשים — ווען עס זאָל זיך נישט באַווייזן די מיטל־שיכט, וואָס וואַרפט אַ פעסטערע בריק צווישן ביידע. דאָס זענען על פּי רוב די „פאַרשפּעטיקטע"; יענע, וואָס האָבן אין דער ערש־טער מינוט נישט באַוויזן אויסצושרייען „ א י ך בין עס". דערפאַר ווילן זיי זיך כאָטש איינפּעסטיקן אויף די צווייטע און דריטע ערטער.

די דאָזיקע מיטל־שיכט געהערט, לויט איר גייסטיקער וואָג, באין־אופן נישט צום המון. צו איר געהערן יחידים מיט אַן אייגענעם קוק, אנשי־שם און מענטשן מיט וויסן. טיילמאָל זענען זיי אַפּילו באַגאַבטער פאַרן „איינ־ציקן", וואָס האָט געהאַט די העזה זיך אַרויסצוהייבן. אָבער עפּעס שטערט זיי צו פאַרנעמען דעם העכסטן שפּיץ. פּונקט ווי זיי ווילן נישט בלייבן נאָמענ־לאָז, אַזוי האָבן זיי אויך מורא צו האַלטן דאָס איינציקע דיריגיר־שטעקעלע אין דער האַנט און געבן דעם טאָן. ווילן זיי זיך אַרויסהייבן דורכן גיין א י ן דער מאַסע און נישט דורך רייטן איבער אַלעמענס קעפּ. אָבער ז יי ע ר מיטגיין דעצידירט. די מאַסע באַמערקט זיי און ווערט באַגליקט: א ו י ך ז יי גלויבן? איז אַ סימן, אַז מיר בלאָנדזשען נישט.

מהאי טעמא פאַרדינען די מאַסן — ובפרט זייערע אונטערפירער צום פאַלשן משיח — מער אויפמערקזאַמקייט. קענען מיר זיך נישט פאַרנעמען, מיט

ירידישער פאַרשמייעטקייט, נאָר מיטן הויפּט־מחותן און נישט דערזען די פּלייצעס אויף וועלכע ער ווערט אַרויסגעטראָגן אויף דער געשיכטלעכער אַרענע.

ו.

דער חילוק צווישן תנ״ך און דער תלמודישער ליטעראַטור — ווי איך האָב זיך שוין באַמיט אָנצווייזן אין אַן אַנדער אָרט — באַשטייט דערין, וואָס דער תנ״ך איז בעיקר אַ ספר וועגן י ח י ד י ם און דער תלמוד איז גיכער דאָס ספר וועגן פ אָ ל ק. אָבער הגם אין תנ״ך ווערט שטאַרק אַרויסגעהויבן דער יחיד — צום גוטן אָדער שלעכטן — פעלן אונדז נישט אין די פסוקים קיין מאַסן־כאַראַקטעריזאַציעס.

קודם כל זעען מיר דאָרט, אַז ווילאַנג די מאַסע איז זאַט — גליוועדט זי גלייכגילטיק אין איר אייגענעם געצעלט. אַ פאָלק זוכט אַ העכערן ציל בעת די מאַסע זוכט דעם ט אָ פּ. ווערט זי ערשט אַרויסגעטריבן איבער דער אייגענער שוועל דורך אַ נויט. די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק איז גענוג בולט אין תורת־משה.

די מאַסע שרייט ביז צו די הימלען — ווען די ליידן אין מצרים זענען גרויס. אויך זי וויל ג א ו ל ה. אָבער אויסלייזונג איז ביי איר אידענטיפיצירט מיטן באַפרייט־ווערן פון יאָך, פון דער נויט, פון הונגער. אַז גאולה איז פאַרבונדן מיט אַן אַנדער יאָך, מיט אַנדערע קרבנות — פאַלט איר גאָרנישט איין. דער מאַסן־ייִד אין מצרים וויל זיך באַפרייען פון פרעהן און זיינע נוגשים. וואָס ווייטער? דערויף גיט ער זיך נישט קיין ענטפער. נו, מסתמא וועט דאַן קיינער נישט האָבן צו זאָגן איבער זיין שריט און טריט. יעדער וועט טון וואָס אים געפעלט. די גאולה אין דער מאַסן־פאָרשטעלונג איז פאַרבונדן מיט אַראָפּוואַרפן יאָכן — און נישט מיט נעמען אויף זיך פרישע עול׳ן און נייע אחריותן.

ווי נאָר די מאַסע דערזעט, אַז אויך פרייהייט איז פאַרבונדן מיט סכנה — לוינט זיך איר נישט דער אויסטויש. מ אַ ס ע ווייסט נישט פון אַזאַ זאַך ווי איינשטעלן דאָס לעבן קעגן דער שקלאַפן־בייטש. אָט האָט זי געיובלט מיט פרייד, ביים אַרויסגיין פונעם קנעכטן־הויז — אָבער עטלעכע שריט ווייטער קומט די סכנה — און זי פרעגט שוין משהן: „צי דען זענען נישטאָ קיין קברים אין מצרים, וואָס דו האָסט אונדז גענומען צום שטאַרבן אין דער מדבר?״ (שמות, יד, יא). פריִער האָבן אַלע געשריגן צו גאָט, ער זאָל זיי פון דאָרט אַרויסנעמען. אָבער ווען זיי זענען שוין אַרויס — און דאַרפן זיך אַדורכראַנגלען אַ וועג — ווערן שוין די חשבונות פונקט פאַרקערטע: „ווייל

עס איז אונדז בעסער צו דינען מצרים איידער צו שטאַרבן אין דער מדבר".

דער פרייהייטס־טריב ביי די מאַסן מוז אָנגעהאַלטן ווערן דורך כסדר־דיקע ניסים: אַז פרעה ווערט אַריינגעשליידערט אין ים — זינגען זיי שירה צוזאַמען מיט משהן. זינגט ביי זיי די פרייד פון פריי־זיין — אָדער דאָס גליק מיטן פאַרמעגן, וואָס זיי האָבן אויפגעזאַמלט? די פסוקים שווייגן דיסקרעט, אָבער פון אַלערליי רמזים באַקומען מיר סיי ווי דעם ענטפער. באַלד פעלט וואַסער — און די מאַסע שרייט שוין ווידער. דאָס וואַסער ווערט זיס? איז ווידער שטיל. אָבער ווען דאָס גיין אין מדבר ציט אַריין אינעם צווייטן חודש פון דער באַפרייונג ווערט די ג אַ נ צ ע עדה ווידער בייז (וילונו כ ל עדת בני ישראל על משה ועל אהרן במדבר): הלוואי וואָלטן מיר געווען געשטאָרבן... אין לאַנד מצרים, ווען מיר זענען געזעסן איבערן טאָפּ פלייש — — — קומט דער נס פונעם מן, ווערט ווידער שטיל — ביז עס פעלט „ברויט". ווידער הערן מיר דעם מאַסן־רעפריין צו משהן: „פאַרוואָס האָסטו אונדז אַרויסגע־נומען פון מצרים?" און משה קלאָגט זיך פאַר גאָט, אַז נאָך אַביסל — וואָלט אים די מאַסע פאַרשטיינט. עס איז אויך קיין וווּנדער נישט, וואָס עמלק דער־שמעקט עס פון דערווייטנס — און קומט מלחמה האַלטן.

אַלע פעלקער אַרום באַוווּנדערן דעם נס פון באַפרייונג — אָבער די באַ־פרייטע אַליין זענען אַלעמאָל גרייט זיך אומצוקערן קיין מצרים, אויב... דאָרט איז דאָס ברויט גרייט און דאָס וואַסער וואַרט אין ברונעם.

ערשט ווען משה דערפירט זיי צום פייערדיקן באַרג און לייגט אויף זיי אַרויף דעם גרויסן יאָך פון געזעצן; ווען פרייהייט הערט אויף צו זיין הפקרות, נאָר זי איז פאַרבונדן מיט צוימען און פליכטן — דערקלערט ער די מ אַ ס ע פאַר אַ פ אָ ל ק (הסכת ושמע ישראל: ה י ו ם ה ז ה נהיית לעם... דברים כז, ט). אַ פאָלק אָן געזעצן, אָן דעם באַוווּסטזיין „אַז נישט אויף ברויט אַליין לעבט אַ מענטש" (דברים פ, ג) קען נישט זיין קיין פריי פאָלק — אַפילו ווען עס האָט מאַכט.

ז.

נישט אומזיסט האָט משה אַזויפיל אָנגעזאָגט דעם פאָלק, אַז עס זאָל זיך נישט לאָזן מיטרייסן פון פאַלשע נביאים און בשורה־ברענגער. ער האָט שוין געזען, וויאַזוי די יידן קענען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ בלינדער סטאַדע — און יעדער, וואָס וועט אויסשרייען „אָט בין איך אייער פאַסטוך", קען באַקומען דעם שטעקן אין האַנט. די געשעענישן אין תנ"ך באַווייזן, אַז משה האָט זיך געהאַט פאַר וואָס צו שרעקן. עס איז באַין־אופן נישט גענוג צו ווערן איינמאָל אַ פאָלק — נאָר מען מוז עס כסדר ק ע נ ע ן ז יי ן. אויב

נישט — קומט די געלעגנהייט פֿאַר דער מאַסע; און פֿון איר ביז צום פֿאַלשן משיח ציט זיך אַ באַקוועמער קאָרידאָר.

עס איז אפשר איבעריק צו באַווייזן דורך אומצייליקע ציטאַטן, אַז די מאַסע הייבט נישט אַרויס דעם פֿאַלשן משיח פֿון גרויס נחת. אַז אַלץ גייט גוט — איז איר קיין חילוק נישט. זי ברויזט ערשט אויף, ווען דאָס וואַסער דערגייט צום האַלדז. און דאַן איז מער נישטאָ קיין צייט פֿאַר וואַגשאַלן. עס מוז שוין געשען אַ נס — אַפֿילו אַ צייטווייליקער, אַן אויגן־פֿאַרבלענדערישער. די מאַסע וויל אַזוי שטאַרק נישט אַנטוישט ווערן — אַז זי וועט דערזען דעם נס־צייכן אויף יעדער וואַנט. זאָל נאָר עמעצער האָבן די העזה צו זאָגן: א י ך ! סייווי וועט זי אים זוכן אַפֿילו דאָרט, ווו לויטן שׂכל קען ער גאָרנישט זיין. אדרבא: וואָס מער דער וועג צו אים איז פֿאַרלייגט מיט לאָגישע צוימען, אַלץ שטאַרקער רייצט ער די דערוואַרט־אַפּעטיטן. עס פֿאַרכישופֿט דער געדאַנק, אַז דער גייער העלפֿער האָט זיך אויסגעוויקלט פֿון נעפּל. דאָס דערמאָנט אַזוי שטאַרק אין די הימלען. די מאַסע האָט דערביי איר טרייסט פֿאַרן פֿאַרשפּע־טיקן: ער אַליין האָט זיך דאָך בכיוון אויסבאַהאַלטן.

עס וואָלט פֿאַרנומען צופֿיל אָרט, בכדי צו באַווייזן: נישט בלויז די קריסט־לעכע מיסטיק, נאָר אויך די ייִדיש־עפּאָקאַליפּטישע ליטעראַטור האָט זיך אַלעמאָל גערעכנט מיטן דאָזיקן איבעראַשונגס־מאָמענט. אין סך־הכּל האָבן מיר פֿאַר זיך איין אויספֿיר: אַזאַ ראַפּטומדיקער משיח־אויפֿטריט צערייבט אַלע ספֿיקות, לאָזט נישט קיין צייט פֿאַר די נביאישע קאָנטראָל־סימנים און צעשמעטערט אַלע סתירות. די מאַסע וויל נישט בלייבן פּאַסיוו לאורך־ימים. אויך זי וויל אָנטייל־נעמען אין דער גואל־מיסטעריע און האָבן דאָס געפֿיל, אַז ז י האָט אים דערקענט אין זיין פֿאַרהילעניש.

דאָס נידעריק־געבויגענע וויגעלע פֿונעם פּסעוודאָ־דערלייזער, אויטאָרי־טעט, משיח, גאָט־ערזאַץ און פֿירער — קען נישט אָפּשרעקן דעם המון. פֿאַר־קערט: דאָס קען זי אימפּאָנירן און באַגייסטערן. אויסער דער פּשוטער פֿרייד מיט „איינעם פֿון אונדז״, גיט עס אַ געלעגנהייט צו כאַפּן התפּעלות פֿון איי־גענעם חוש: מיר האָבן אים פֿאָרט דערקענט, כאָטש ע ר האָט זיך אַזוי מאַסקירט אַלע יאָרן! דער פֿריש־אַנטדעקטער האַלב־גאָט וואָלט אפֿשר נישט געהאַט בדעה צו ווערן דער איבער־מענטש — אָבער די דאַנקבאַרקייט פֿאַר אַזאַ גלויבן צווינגט אים צו „ווערן״ דאָס וואָס דאָס פֿאָלק מיינט, אַז ער איז. דערנאָך קומט איינס פֿון דיביידע: אָדער ער ווערט שיכּור פֿון אומבאַגרע־נעצטער מאַכט — אָדער ער ווערט דער העכערער שקלאַף; דער באַפֿעלער, וואָס שטייט גאָר אונטערן באַפֿעל פֿון דעם המונס רוישיקע חלומות.

דאָס מעכטיקע שפּיל צווישן דער מאַסע און איר אויסדערוויילטן, וואָלט

בכן אויסגעזען גאַר אינטערעסאַנט — און נישט מער... ווען דאָס זאָל אונדז נישט קאָסטן אַ ז ו י טייער.

ה.

מיר וועלן זיך נאָך איינמאָל אומקערן צו אַ פּרשה אין תורת משה (שמות לב), ווייל דאָרט האָבן מיר אַ קלאַסיש בילד פון אַזאַ מאַסן־אויפטריט. ס'איז אַ צייט, ווען דאָס פאָלק האָט זיך דערפילט עלנט און פאַרלוירן. כל זמן די יידן האָבן געהאַט משהן פאַרן אויג, האָבן זיי געקענט זיין צופרידן אָדער כעסן זיך ביי יעדער קלייניקייט; פאַרהערלעכן אים אָדער באַרעדן; גלייבן אים אָדער לעסטערן; פאָלגן הכנעהדיק זיינע רייד, אָדער וועלן אים באַוואַרפן מיט שטיינער. אָבער פון אַלע שטימונגען צוזאַמען האָט זיך געשאַפן אַ זיכערקייט: ער איז פאַראַן און קען זיי העלפן, אויב ער וויל. דערפאַר האָבן זיי, נאָך יעדן רעוואָלט־אויסברוך, געקענט שטיין פאַר אים ווי שולדיקע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ; פילן דעם תענוג פון ווערן געשטראָפט — און במילא ווייסן, אַז ס'איז פאַראַן אַ שומר און זאָרגער.

אמת: יעדער ק ו ר ח האָט זיי געקענט אַרויסרייסן פונעם גלויביקן דרעמל, זיי צעבונטעווען קעגן משהס שטראָפעריש־פירנדיקער האַנט. אָבער איין שעה שפּעטער האָט זיך די זעלבע מאַסע געזעצט וויינען משפּחהווייז, פון גרויס חרטה, הלמאי זיי האָבן זיך געלאָזט מיטרייסן. פאַרשטייט זיך, אַז קורח איז נישט געווען דער איינציקער. נישט בלויז דער ערב־רב איז אויפגערייצט געוואָרן, נאָר אויך „פירשטן" פון דער עדה — יענע מיטלשיכט, וואָס האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון סטאַדע־דיסציפּלין: וויפל איז דער שיעור, אַז משה זאָל קאָנטראָלירן יעדער שריט? מהאי טעמא, וואָלטן אַלע געדאַרפט זיין צופרידן, וואָס מ ש ה איז אַוועק פון דער עדה אויף פערציק טעג — און זיי האָבן דערווייל אַ געלעגנהייט צו באַווייזן, וויאַזוי זיי קענען אויסקומען אָ ן אים.

דער רעליגיעזער בליק אויף די אומצייליקע מדבר־רעוואָלטן איז גוט באַקאַנט: הפקרות! טאַקע דערפאַר איז דער גאַנצער דור פאַרמשפּט צו בלייבן באַגראָבן אין די זאַמדן. דער דאָזיקער בליק האָט זיך אויך אַריבערגעטראָגן אין אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור. ווער האָט דען נישט געוואָרפן קיין שטיין אויף די „מתים פון דער מדבר"? אַז איר ווילט אָבער, איז אין די דאָזיקע סטעפּ־רעוואָלוציעס אויך געווען אַ סימפּאַטישער שטריך: דאָס פאָלק האָט געוואָלט האָבן מער אחריות פאַר זיך אַליין; נישט אָפּהענגען יעדער רגע פונעם מנהיג. איז עס נישט קיין סימן פון רייפקייט?

ערשט די פערציק טעג אָ ן משהן ווייזן דאָס פאַרקערטע: טאַקע די־

זעלבע, וואָס האָבן פריִער געוואָלט באַגרענעצן זיין דעה — האָבן זיך גאָר גע־נומען בונטעווען צוליב דעם וואָס ער איז נישטאָ. איצט איז זיי שוין נישט גענוג דער אַלטער „באַהערשער" — נאָר זיי ווילן נאָך שטאַר־קער באַהערשט ווערן. אין צמצומדיקן תנ"ך־לשון:

> און דאָס פאָלק האָט געזען, אַז משה זוימט זיך אַראָפּצונידערן פונעם באַרג
> און דאָס פאָלק האָט זיך צונויפגעזאַמלט איבער אהרן און געזאָגט צו אים:
> שטיי אויף און מאַך אונדז געטער וואָס זאָלן גיין פאַר אונדז. ווייל
> דער משה, דער מענטש, וואָס האָט אונדז אַרויפגעברענגט פון מצרים
> — מיר ווייסן נישט, וואָס עס איז געשען צו אים...

באַמערקט: דער נביא משה איז נישטאָ. פעלט זיי בלויז דער מענטש־לעכער וועגווייזער. פאַרוואָס נישט באַשטימען אהרנען אויף זיין אָרט? אויך ער איז אַמאָל געגאַנגען צו פרעהן; אויך ער האָט געהאָלפן אויסלייזן. אויב אַפילו ער איז מיט אַ שטאַפּל קלענער — זענען זיי אַליין דאָך רייפער געוואָרן. צוזאַמען וועלן זיי קענען דערגיין צום ציל. אָבער די מאַסע טראַכט שוין מער נישט אין אַזעלכע „לייכטע" קאַטעגאָריעס. די העלדן פון בונטאַ־רישקייט זענען במשך פון די טעג — ווען זיי זענען געבליבן אַליין — באַפאַלן געוואָרן פון שרעק. דער הונגער נאָך מאַכט איבער זיך איז שאַרפער געוואָרן און זיי דאַרפן שוין אַ „גאָט" אויפן אָרט פון „משה, דעם מאַן".

דער פּחד פאַר אייגענער אחריות ווערט אַזוי גרויס, אַז זיי איז מער קיין חילוק נישט ווער דער דאָזיקער גאָט וועט זיין; עס אַרט זיי אַפילו נישט, אויב ער וועט געמאַכט ווערן אויף „באַשטעלונג". זיי שטעלן נישט אהרנען קיין באַדינגונגען, ווי אַזוי דער אויסגעבענקטער גאָט דאַרף אויסזען. זיי וועלן אים נישט דינען דערפאַר ווייל ער איז גרויס, נאָר צוליב דעם וואָס זיי דאַרפן אַזעלכן.

און אהרן? יעדער תנ"ך־מפרש זוכט אַן אַנדער תירוץ, פאַרוואָס ער האָט געפאָלגט דעם דרוק פון דער „גאָט־זוכערישער" מאַסע. לאָמיר ציטירן בלויז צוויי פון די עקסטרעמסטע מאָטיוון: דווקא דער פּאָעטישער און מיסטישער מדרש האָט דאָ אַוועקגעשטעלט אַ רעאַל בילד. ס'דאַרף הייסן, אַז חור, מרימס זון האָט געפּרוווט אָפּהאַלטן די מאַסע. ער איז אָבער געלינטשט געוואָרן (שמות רבא, מא). אהרן האָט זיך אונטערגעגעבן, ווען די מאַסע האָט אים דערקלערט קורץ און שאַרף: „פונקט ווי מיר האָבן געטון מיט אים — וועלן מיר טון מיט דיר". אַ הומאָריסטישער פאָלקס־טייטש (איך קען לײדער נישט ווייסן פון וועמען ער שטאַמט) האָט אַן אַנדער סברא: אהרן האָט זיי געוואָלט אָפּ־שרעקן. דערפאַר האָט ער ביי זיי געבעטן די גאָלדענע „נזמים". ער האָט דער־ביי געטראַכט: די מאַסע וויל טאַקע אַ גאָט — אָבער וויבאַלד זיי וועלן פאַר

זייער גאָט דאַרפֿן באַצאָלן מיט ג אָ ל ד וועלן זיי זיך צעלויפֿן. עס איז ביי איר אַ בענקשאַפֿט — ביז צו דער קעשענע.

מיר דוכט זיך אָבער, אַז דאָ האָבן מיר פֿאַר זיך איינע פֿון די טיפֿסטע איראָניעס — געמישט מיט טראַגישן לאַכן — אין די תנ״ך־פּסוקים: אהרן האָט זיי געוואָלט „אָפּקילן“ מיטן אַבסורד. אויב זיי ווילן דווקא אַ שנעל־באַשאַפֿענעם גאָט — קען ער זיי נאָר צושטעלן אַזעלכן ווי אַלע געצנדינער האָבן: אַ גאָלדענעם. וואָס קען ער זיי דען העלפֿן? ער האָט אָבער צו־ווייניק גערעכנט די צערוישטע מאַסע. דאָס וווּנדערלעכע מדבר־מעשׂהלע דערציילט אונדז אַזוי געמאָסטן־ערנסט און דאָך מיט אַזויפֿיל צערפּולן הומאָר: עס איז אַרויסגעקומען אַ ק אַ ל ב. אָבער די פֿאַרבענקטע מאַסע איז נישט אַנטוישט געוואָרן. זי האָט נישט געטראַכט קיין רגע, ווי אַזוי דאָס קאַלב קען פֿירן, באַפֿעלן, העלפֿן... דער עיקר איז — ס'זאָל זיין אַרום וואָס צו טאַנצן, אַרום וועמען צו שרייען: „דאָס איז דיין גאָט, ישׂראל, וואָס האָט דיך אַרויסגענומען פֿון לאַנד מצרים“.

האָט ווער פֿון דער מאַסע געזען דאָס קאַלב גיין צו פֿרעהן? נישט וויכטיק. טאָמער מען דאַרף — האָבן עס אַלע „געזען“. מי־יודע וויפֿל יאָרהונדערטער, איידער עס איז אויפֿגעקומען די מאָדערנע טערמינאָלאָגיע וועגן „אויטאָ־סוגעסטיע“ וכדומה — האָבן אונדזערע אַלטע חכמים געוווּסט פֿון פּסיכישע איינרעדענישן ביי יחיד און מאַסע. דאָס קענען מיר בולט זען אין די שטרענגע הלכות וועגן אויספֿאָרשן ע ד ו ת וכדומה. לאָמיר אָבער ציטירן איין ביישפּיל, בשייכות מיטן גאָלדענעם קאַלב. זעט אויס, אַז דעם מדרש האָט געמאַטערט די שאלה, וואָס ח ו ר זאָל האָבן געשטעלט: ווי אַזוי האָט די מאַסע געקענט פֿאַרגעסן אַזוי שנעל אין מ ש ה ן ? און דער ענטפֿער איז אַ פּשוטער: דער שטן האָט זיי געוויזן אין דער לופֿט, ווי אַזוי משה שוועבט אַ הילפֿלאָזער „צווישן הימל און ערד“. אויב אַזוי, קענען זיי מער אויף אים נישט האָפֿן. בלייבט בלויז די פֿראַגע: פֿאַרוואָס האָבן דאָס נישט געזען אויך די בני־לוי? און דער ענטפֿער פֿון אַ צאָל מפֿרשים קלינגט שוין גאָר מאָדערן: דאָס „בילד“ פֿון הענגענדיקן משה האָט נאָר געזען דער, וואָס האָט עס ג ע וו אָ ל ט זען. דער דאָזיקער ענטפֿער שטימט אייגנטלעך מיטן כלל פֿון דער אגדה (אין אַ ריי ערטער), אַז גאָט האָט באַלד אַזוי באַשאַפֿן די וועלט: ווער עס וו י ל, קען זי ז ע ן דורך טעותדיקע אויגן.

די מדבר־מאַסע האָט געוואָלט האָבן אַ „גאָט“ מיט דער גרעסטער שנעלקייט. עס האָט זיך זיי געוואָלט אַ געטלעכע פֿיירערונג אויף „מאָרגן“. פֿון זיך אַליין קען זי נישט שאַפֿן קיין שטימונג צו עסן, טרינקען און לאַכן — לויט דער שאַרף־תנכישער פֿאָרמולירונג. איצט אָבער קענען די שייטערס געצונדן

ווערן, די קערפּערס קענען אַנטבלויזט ווערן, אַלע געשלעכט־צוימען קענען צעריסן ווערן, די פיס קענען זיך פלעכטן טאַנציק־ווילד — און אַ גאַנצן טאָג זאָל מען יובלען מיט הייליקער התלהבות: מיר האָבן אַ גאָט...

ט.

איך מוז ווידער איבערהאַקן די מעדיטאַציע מיט אַן אַקטועלער נאָטע: אונדזער היינטיק־ייִדישער דור איז ווידער פאַרכאַפּט געוואָרן פון „רעליגיעזע״ שטימונגען. די סיבה איז אָבער מער נעגאַטיוו ווי פּאָזיטיוו. נאָך פשוטער: אַ סך פון אונדזערע וועלטלעכע ייִדן האָבן זיך אַנטוישט אין זייערע מאָדערנע אידעאַלן. זיי בלאָנקען אַרום צווישן קברים און ווייסן אייגנטלעך נישט וו אָ ס עס קען זיי געבן אינהאַלט און ייִדישן זין. זייער חשבון מיט די וועלטלעכע באַוועגונגען איז בייז און ביטער: נישט ז יי זענען בכוח אָנצוהאַלטן ייִדיש לעבן אויף להבא. איך וועל זיין דער לעצטער צו אידאָניזירן איבער אַזאַ חשבון־הנפש. אָבער זייער אויספיר רופט אַרויס אומעטיקע מחשבות:

היות ווי די ייִדישע וועלטלעכקייט האָט באַנקראָטירט; און היות ווידער ווי די פרומע ייִדן ליידן נישט פון דער מורא פאַר אונטערגאַנג — דאַרף מען זיך „מאַכן אַ גאָט, וואָס זאָל גיין פאַר אונדז״. דאָס מיינט: קיינער פון די זאָזיקע זוכער האָט זיך נישט איבערצייגט אינעם א מ ת פון פרומקייט; ער האָט זיך נאָר איבערצייגט אינעם ש ק ר פון דער וועלטלעכקייט. אַ סך פון דעם סאָרט בעלי־תשובה זענען לגמרי ווייט פון גאָט־דערקענטעניש, באַגרייפן נישט דורך אַלע חושים פאַרוואָס די ייִדישע טראַדיציע א י ז אַזוי הויך — אָבער דאָס מאַכט נישט. בעיקר פילן זיי זיך עלנט אינעם קאַלט־געוואָרענעם הויז. זוכן זיי אַ גאָט, ביי וועמען זיך אָנצוואַרעמען. דערפאַר רופן זיי צום סידור, צום טלית, צום רב און צום שמש. נישט גאָטס דערהויבנקייט, נאָר זייער ליידיקייט, באַפעלט צו גיין אין שול אַריין. אַפילו ווען זיי זאָלן לגמרי נישט גלייבן אין גאָט, זענען זיי אים גרייט אויסצוטראַכטן — אַבי עס זאָל ווערן „יום־טובדיקער״ אויף דער נשמה.

די ייִדישע פובליציסטיק און ליטעראַטור איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט אַ מבול פון פרומע טרומייטערס, וואָס רופן „צוריק״. אָבער דאָס איז נישט קיין גאַנג צו אַ באַוווסטזיניקן ציל, נאָר אַן אַנטלויפן פון אַ צעפאַלן הויז. אַנשטאָט אויפצונעמען ייִדישקייט ווי אַ טיפע וועלט — אַפילו ווען מ׳זעט זי מיט ראַציאָנאַלע אויגן — האָבן זיי איין הויפט־אַרגומענט: אונדז איז טרויעריק. זערפאַר? דערפאַר איז קיין צייט נישטאָ אויסצושמידן קיין אייגענעם בליק אויף אַנטוויקלטער און געלייטערטער ייִדישקייט, נאָר מען דאַרף זיך וואַרפן

אין די אָרעמס פון פרומער ייִדישקייט, אַזוי ווי איינער שפּרינגט פון אַ ברעג־נענדיקן הויז. סייווי איז מען נישט גרייט צו ענדערן דאָס פּראַקטישע לעבן אויף אַ האָר — מעג מען עמאָציאָנעל אַלצדינג אַקצעפּטירן.

כ׳זאָל נישט געשטראָפט ווערן פאַר די רייד: אַ סך ייִדן האָבן הנאה פון אַזאַ מין „רענעסאַנס" און „אומקער צו ייִדישקייט". אפשר זענען זיי גערעכט. אָבער יעדעס מאָל ווען איך באַמערק אַזעלכע פרומע רייד אין אונדזער שריפטלעכער וועלט — דוכט זיך מיר, אַז אָט־אָט שפּרינגט אַרויס דאָס קאַלב — נישט פון גאָלד, נאַטירלעך.

י.

אַז די מאַסע וויל — איז אַלץ רעכט. מיר האָבן מאריך געווען וועגן דעם, אַז די מאַסע זוכט דעם לייכטן וועג צום פּאָטער־געשטאַלט און באַשיצער. זאָל מען אָבער נישט מיינען, אַז ביי דער ערשטער עוולה פונעם אויסגעבליבענעם „גאָט" נעמט זי הויבן די מאַכטלאָזע פויסט. דעם אמתן נביא פאַרשרייט זי טאַקע ביי דער מינדסטער געלעגנהייט — ווייל אין תוך איז ער אַליין נישט לויט איר גוסט — אָבער דעם פאַלשן וועט זי גאָר אַ סך מוחל זיין. די מעשה מיטן „עגל הזהב" האָט אַ מיליאָן וואַריאַציעס און איין הינטערגרונט: די מאַסע אַליין איז געשטאַנען בעת זיין באַשאַפן ווערן. זי האָט אים געצווונגען אַרויסצוקומען — און דערפאַר מוז זי זיך אידענטיפיצירן מיט אים. דער תהלים — ווי דער תנ״ך בכלל — מעג איראָניזירן איבער יענע געטער „וואָס מענטשלעכע הענט האָבן געמאַכט". אָבער פאַר נישט ווייניק פון יענע מענטשן איז עס גאָר אַ פרייד און אַ שטאָלץ: אָט דעם גאָט האָבן מיינע הענט געשאַפן. איך האָב געשניצט זיין נאָז און אויסגעהאַמערט זיין אויג — בין איך אַליין אויך אַביסל געטלעך.

די מאַסע קען טיילמאָל נישט מוחל זיין דעם קלענסטן ביסן, וואָס מען האָט איר אַרויסגעריסן פון מויל. אָבער זי וועט פאַרזען גרויסע אומגליקן, וואָס איר ליבלינגס־גאָט רופט אַרויס צוליב דער הנאה אָדער ריזיקאַלישקייט פון זיין שפּיל. בפרט נאָך, ווען ער איז אירס אַ קינד — און נאָך מיט אַ צייט צוריק האָט יעדער פרוי געטראָגן אַ שטיק פונעם „קאַלב" ווי אַ רינג אויף איר נאָז און יעדער מאַן האָט געמוזט אַראָפּרייסן אַ גאָלד־קלאַמער פון זיין אָרעם, בכדי „ער" זאָל געשאַפן ווערן.

קען אַ מאַסע פאַרצווייפלט ווערן, צוליב ה ע כ ע ר ע עוולות, וואָס איר „קאַלב" טוט אָפּ? קען זי אויסברעכן אין צאָרן, ווען ער צעשמעטערט די עלעמענטאַרסטע באַגריפן פון צדק? קען זי פאַרלירן איר עקזאַלטאַציע, נאָך דערפאַר וואָס איר אויסדערוויילטער האָט אַזויפיל מאָל געטוישט זיין וואָרט;

געטון היינט דאָס פאַרקערטע דערפון, וואָס ער האָט געזאָגט נעכטן? קענען אַזעלכע זאַכן דערשיטערן נישט בלויז יחידים, נאָר דעם גאַנצן מעכאַניזם פון באַגייסטערונג? יאָ... אָבער נישט אַזוי שנעל. אַמאָל קומט די אויסניכטערונג אַזוי שפּעט — אַז אַלץ גייט סיווי פאַרפאַלן.

די דאָזיקע שאלות פרעגן מיר זיכער צום וויפלטן מאָל. זיי זענען באַזונדערס צייטיק בעת דיקטאַטורן שטייגן אויף און פאַרנעמען איין שטיק וועלט נאָך דער צווייטער. עס וואָלט זיכער גוט געווען, ווען מיר קענען אַרייג־דרינגען אין זייערע אינגעווייידן און באַטראַכטן יעדעס שרייפעלע באַזונדער. דערפון וואָלטן מיר גאָר אַ סך געלערנט. ווייסן מיר אָבער, אַז אַלע שופלאָדן זענען פאַרמאַכט — און דאָרט ליגט פאַרזיגלט דער באַשייד.

האָבן מיר נישט קיין עצה און מוזן זוכן דעם שליסל צו זיי — דורך געשיכטע. יאָ, אַפילו דורך אַזעלכע קוואַלן וואָס ליגן פאַר אונדז אין היסטאָרישן געפּל — אָבער זיי דערציילן פון קלוגער דערפאַרונג וואָס דורות האָבן אין זיי אַריינגעקנעטן. טאַקע זיי דערציילן אונדז, אַז קיין שום געצנדינסט — וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ און איומדיקע פייערן — האָט זיך נישט אָנגעהויבן צוליבן בלויזן חשק צו בלוט־אָרגיעס. דער שמועס צווישן פאָלק און פירער האָט זיך אַלעמאָל אָנגעהויבן פון גליק, דערהויבנקייט און גן־עדן. אַלעמאָל האָבן זיך די ווייטערדיקע עטאַפּן געגליטשט אויף לאָגישע אומוועגן, ביז זיי האָבן דערגרייכט דעם אומזיניקן ברעג. טאָר מען דאָס אַלץ נישט פאַרגלעטן מיט דער איינציקער טענה: אַז איין יחידישע משוגעת האָט זיך אַריינגעריסן אין דער ליכטיקער דעמאָנסטראַציע צו גערעכטיקייט און אַלץ צעשטערט.

זיכער קענען מיר נישט אַרומנעמען אַלזייטיק די דיקטאַטור־עפּיזאָדן פון אונדזער תקופה. מיר קענען עס אָבער היפּש באַווייזן דורך פאַרגלייך; דורכן אַריינדרינגען אין די אָפּגעשלאָסענע קאַפּיטלען פון פאַרצייטנס... און נאָכאַמאָל: מיר גייט בעיקר אינעם אַדורכשטרייפן אַזעלכע קאַפּיטלען פון דער יידישער געשיכטע.

קאַפּיטל דריי

א.

זינט דעם חורבן בית־שני האָבן יידן געהאַט אַ היפּשע צאָל פאַלשע משיחים, וואָס זענען אַ שטיק צייט געווען ביי אַלעמען אויף די ליפּן. אָבער קיי־

נער פון זיי * האָט נישט באַוויזן צו פאַרכאַפּן די פאַנטאַזיע פון ייִדן ווי ש ב ת י ־ צ ב י. יעדער פון זיי איז בשעת־מעשה געוואָרן דער גרויסער שטערן איבער די גלותדיק־ייִדישע הימלען. אָבער מיט זייער פאַרשווונדן — איז אויך נעלם געוואָרן זייער אָרעאָל. זיי האָבן נישט איבערגעלאָזט קיין באַוועגונג, וואָס זאָל לעבן לאַנגע דורות נאָך זייער טויט. דאָס האָט אַפילו נישט פּאַסירט מיט אַזאַ געשטאַלט ווי דוד הראובני — וואָס האָט מיט זיך געבראַכט פּאָליטישן שטורעם און קיל־דיפּלאָמאַטישע רייפקייט.

דער איינציקער, וואָס צינדט נאָך היינט די ייִדישע בלוטן, איז דער פאַרפירער פון איזמיר. עד־היום לעבן נאָך ערגעץ זיינע געהיימע אַנגעהענגער ביי אַ באַזונדער דאָנמע־שבט; און ביז צום היינטיקן טאָג אַמפּערן זיך, מיט הייסער ליידנשאַפט, היסטאָריקער, פאָרשער און עסייאיסטן וועגן אים. נאָך היינט האָט ער הייסע „חסידים" און זיינע טיפן שפורן האָבן זיך איינגעקריצט אומעטום. גאַנצע הונדערט יאָר נאָך זיין עלנטן טויט אין אַלבאַניע האָט מען זיך נאָך געלייגט אין חרם, געשלאָגן, געפּילפּולט און מתפלל געווען אין זיין נאָמען. עטלעכע דורות שפּעטער האָט מען נאָך געטריבן דיבוקים פון קראַנקע בתולות און געטובלט זיך אין קאַלטע טייכן מיטן „שם" פונעם טערקישן משיח אויף די ליפּן. דאָס באַווייזט, אַז ער האָט געשלאָגן אַ סך טיפערע וואָרצלען אינעם פאָלקס־געמיט ווי אַנדערע. אויך דער קאַמף ק ע ג ן דער שבתי־צבי־באַוועגונג איז געווען האַרבער און פאַרביסענער ווי, למשל, קעגן דוד אלראי אָדער אשר לעמלין. דערפאַר איז ער געוואָרן דער הויפּט־סימבאָל פון פאַלשער משיח'שאַפט.

מיט וואָס האָט ער זיך אויסגעצייכנט? אַוודאי איז ער געווען מער למדן אַז מקובל פון אַ דוד הראובני אָדער אלדד הדני. אָבער אַפילו אין זיין צייט האָבן נישט געפעלט קיין צענדליקער גאונים און גדולים, וואָס ער איז נישט געקומען צו זייער קנעכל אין תורה און אין חכמה. וואָס האָט אַזוינס געצויגן די מאַסע צו אים? פאַראַן דערויף גענוג היסטאָרישע תירוצים און לעגענדעס. האָבן מיר נישט בדעה איבערצוחזרן דאָס גוט־באַקאַנטע. זיכער ווערט די מאַסע אַמאָל מיטגעריסן פון הויכע רייד, דווקא ווייל זיי זענען א י ב ע ר איר השגה. דאָס האָט אויך געקענט פּאַסירן ביים הערן די רייד פון „איזמירער". די מאַסע קען זיך אָבער פון אַזאַ צויבער נישט באַגייסטערן צענדליקער יאָרן נאָכאַנאַנד. יענעמס העכערע קענטשאַפט אין קבלה און צירופים קען נאָר באַרוישן אַ קורצע צייט.

---

* מיטן אויסנאַם פון בר־כוכבאן. אָבער ער האָט געווירקט אין ייִדישן לאַנד גופא, ווען דער זכרון פון אייגענעם גלאַנץ איז נאָך געווען פריש. דערפאַר איז זיין השפעה נישט קיין פּראָדוקט פון ז יי ן פּערזענלעכקייט אַליין.

די הויפּט־סיבה דאַרף מען אפשר זען דערין, וואָס שבתי־צבי האָט געוואַגט צו גיין אַ סך ווייטער ווי אַנדערע. יעדער פאַלשער משיח האָט אָפּערירט מיט מיסטיק (און דער באַגריף איז שווער־באַגרייפלעך פאַר אונדזער מח, ווייל יענע דורות האָבן דערמיט אויסגעפּולט אַ שטיק פון זייער רעאַל לעבן און במילא האָט אַפילו די עפּאַקאַליפּטיק דאַן געהאַט אַן אַנדער טעם) — אָבער כמעט קיינער פון זיי האָט נישט אָפּגעשניטן די לעצטע נאָפּלשנור צו דער וואָר. ערגעצווו האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ ברעקל פאַרזיכטיקייט, אַפילו פחד — און דאָס האָט אָנגעוויזן אויף זייער באַגרענעצטקייט. זיי האָבן אויף פאַרשידענע אופנים אויסגעמיטן דעם דראַסטישן קאָנפליקט מיט מאַכט און מיט די הימלען. דאָס האָט נישט געקענט אימפּאָנירן די מאַסן און זיי אַדורכנעמען מיט עקזאַלטאַציע ביז צו דער עקסטער האָר. זיי אַלע האָבן זיך געלאָזט זאָלבן ווי גאָטס געטרייע שליחים, אָבער פאַרט געבליבן שטיין ביי אַ געוויסן אָפּשטעל. דער חלום פון דער מאַסע צו האָבן אַמאָל אַ גאָט פאַר די אויגן — אַפילו ווען זיי זאָלן זען ווי אַזוי ער ווערט „געמאַכט" — איז קיינמאָל נישט באַפרידיקט געוואָרן. די קריסטלעכע וועלט האָט לכל־הפחות באַקומען איר געשטאַלט פון גאָטס זון — און קלאַמערט זיך ביי איר עד־היום. ביי יידן איז אָבער נישט מעגלעך געווען קיין יעזוס־אימיטאַציע — ביז שבתי־צבי האָט עס געוואָלט ענדערן.

דאָס אַבסאָלוטע אין זיין פּאָזע האָט נישט געלאָזט קומען צום וואָרט יענע אומצופרידנקייט ביי דער מאַסע מיט אַ סתם־נביא פון מענטשלעכן מין. אייפן לשון פון דער הייניטיקער ווירקלעכקייט וואָלטן מיר געזאָגט: בעת אַנדערע האָבן געלאָזט טליען אַרום זיך אַ ניצוץ דעמאָקראַטיע, האָט שבתי־צבי געלאָזט אויפוויקלען איבער זיין קאָפּ די עקסטרעם־דיקטאַטאָרישע פאָן. דאָס האָט נישט אָפּגעשראָקן, נאָר להיפוך: געגעבן זיינע טרייע מער אויסדויער.

ב.

אַוודאי האָבן די יידן פון סמירנע אַרויסגעוויזן אַ סך דרך־ארץ צום יונגן שבתי. דווקא דאָס, וואָס זיין פאָטער איז אַ געוויינטלעכער הענדלער האָט געקענט דערפרייען דאָס האַרץ: לא בשמים היא... די תורה איז נישט אין הימל. זי קען אַריינטרעפן אין יעדנס חדר. דער דאָזיקער דרך־ארץ האָט געקענט אַריבערגיין אין באַוווּנדערונג, ווען דער איבער־צוואַנציק יעריקער מקובל האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן זיינע אויסטערלישע געוועג: חתונה האָבן עטלעכע מאָל און דאָך נישט באַרירן זיינע באַשערטע ביז נאָכן גט — הגם עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז שוין זיין ערשטע פרוי האָט ער שטאַרק באַגערט.

דאָס גבורהדיקע דערשטיקן אין זיך יונגע געפילן — צוליב העכערער ליבשאַפט צו דער מטרוניתא — מוז אַרויסרופן יראת־הכבוד. די ייִדן פון זיין טערקישער שטאָט (מיטן אויסנאַם פון געוויסע רבנים) זענען, דוכט זיך, גע־ווען פשוטע און לעבנס־לוסטיקע חי־וקיימס. האָבן זיי געקענט באַוווּנדערן איינעם, וואָס איז בכוח צו צוימען אין זיך דעם חשק אַפילו צו דערלויבטן לייב. אַוודאי איז עס נישט אין הסכם מיט די געוויינטלעכע דין־באַגריפן — אָבער זינט די גמרא־צייטן (ובפרט זינט מען האָט גענומען לערנען קבלה) האָט אַזאַ אַסקעטישע „פּריווילעגיע" געהערט צו דער נאַטירלעכער פּאַנאָראַ־מע פון ייִדישן לעבן. עמעצער האָט זיך געקענט דערלויבן אַזעלכע אַנדערש־קייטן און זיי זאָלן קיין שטורעם נישט אָנזאָגן.

זיכער האָט די געשלעכטלעכע צניעות — פון זיין ערשטן פּעריאָד — געהאַט אַ באַשטימטע ווירקונג אויף זיין אַרום. אפשר האָט ער טאַקע אין זיין אַסקעזע אויסגעוועבט פאַר זיך דעם משיח־מאַנטל. אָבער זיינע שפּעטערדיקע ב ר ו כ ן אין דער ייִדישער צניעות־רייף האָבן אים געבראַנגט מער משיח־ציטרויען ווי די פריִערדיקע נזירות. דאָס איז נישט דערפאַר, ווייל זיינע אָנ־הענגער זענען לכתחילה געווען אַזוי פאַרדאַרבן (הגם מען טאָר נישט פאַר־זען די מאַכט פון עראָטיק אין דער שבתי־צבי־באַוועגונג) — נאָר צוליב אַ פּשוטן טעם: מיט זייער גאַנצער אָריגינעלקייט — זענען אַזעלכע אָפּגעהיטע־נע ייִדן נישט געווען קיין זעלטענע דערשיינונג. געשלעכטלעכע ריינקייט האָט נאָך אַלץ געמיינט: גיין אויפן אַלטן וועג. וואָסזשע איז דער חידוש? ערשט ביי זיין איבערגאַנג צו אָרגיע האָט אַ שמעק געטון מיט מ ל כ ו ת, מיט וווּנדערלעכער געוואַגטקייט פון אַ קעניג, „וואָס ברעכט צוימען און קיינער שטערט אים נישט". ערשט דאַן האָט עס אַ שמעק געטון מיט משיחישער העזה; מיט אַ טרייסלען די הימלען. פאַרוואָס האָבן אַנדערע נואפים נישט געקענט „אימפּאָנירן" די מאַסע? פּשוט: ווייל ז יי האָבן נישט אָנגעהויבן מיט אבילות און נזירות; נישט באַוויזן ווי שטרענג זיי קענען זיין צום איי־גענעם גוף און חשק — ווען זיי דאַרפן זיך לייטערן.

אַז דער סוף איז געווען אַ פאַרקערטער — האָט אויך דער אָנהייב באַקו־מען זיין משיחישן קאָליר. סיידווי אָבער האָבן מיר פאַר זיך דאָס קלאַסישע בילד: זיין התחלה איז געווען אַ ריינע, אַ הייליקע. וויבאַלד ער האָט זיך אַנטמענטשט — און אויסגעמיטן דאָס בלוט־געשריי אַפילו ביי דעם וואָס מ׳מעג; וואָס די תורה און דאָס אָרנטלעכע לעבן גיבן אים בהיתר — האָט ער זיכער נישט קיין אייגענע חשבונות. וו אָ ס ער זאָל דערנאָך נישט אָפּטון, וועט עס שוין זיין אָנהייב איינהילן אין די בעסטע כוונות.

ג.

האָט ער, אין זיין ערשטן פעריאָד, זיך אַליין אַריינגעטריבן אין דער משיח־ראָלע? איז ער, באַווירקט פון אַנדערע, עס געוואָרן אַזויווי בגוואַלד? שוין נאָך דער רייכער ליטעראַטור וועגן אים — און שוין נאָך אַלע נייסטע אַנטדעקונגען — איז דאָס ערשטע קאַפּיטל נישט גענוג קלאָר. בכל אופן זעט אויס, אַז ב יי ד ע עלעמענטן האָבן זיך אויסגעווירקט. ער אַליין האָט געמעגט טראַכטן דערפון — און דאָך האָט ער, אין זיין יונגער שעמעוודיקייט, נישט געוואַגט. ערשט די התפעלות פון אַרומיקע חברים האָט אים געגעבן דעם גרויסן שטויס: פאַרוואָס נישט?

אָבער אַפילו נאָכן באַשטימען פאַר זיך אַליין, אַז ע ר א י ז ע ס, פעלט אים נאָך יענע חוצפה פון באַקעמפן און לייגן אין חרם זיינע קעגנער. ער האָט נאָך דרך־ארץ פאַר די, וואָס זענען מער בקי אין „די חדרים פון דער תורה"; און דאָס דראַפּען זיך צום העכסטן שפּיץ גייט ביי אים צו מיט הכנעה און שעמעוודיקער שטילקייט. אויב ער וויל אויף זיך אָנווייזן דעם „סימן" — מוז ער פריִער אַריינקוקן אין די עלטערע ספרים; ברענגען פון דאָרט ראיות, טייטשן ז יי ע ר ע אותיות און רמזים. לכתחילה שטעלט ער זיך בלויז אַריין אין דער ראָם, וואָס א נ ד ע ר ע האָבן געשאָפן פאַר משיחן: שטימט עס מיט זיינע אייגנשאַפטן — איז גוט. ווען נישט — וועט ער אַראָפּ־בייגן דעם קאָפּ פאַר דער תורה־הקדושה. איז עס בלויז די שרעק פון יוגנט? זיכער. אָבער דאָ ווירקט זיך אויס נאָך עפּעס: דערווייל האָט ער נאָך נישט אַרום זיך קיין מאַסן.

געשעעט מיט אים דאָס וואָס וואָס עס דאַרף אייגנטלעך געשען: די איז־מירער רבנים לייגן אים אין חרם. עס פּאַסירט אָבער נאָך עפּעס: טייל גלייבן אים. ער, דער זון פונעם רייכן בעל־גוף מרדכי צבי, קומט און זאָגט פאַר אַ גרופּע יונגע מקובלים... אַז דאָס וואַרטן זיי אויף אים — און זיי גלייבן. טויזנטער מאמרים זענען געזאָגט געוואָרן פון תנאים ואמוראים, גאונים און צדיקים וועגן דער הייליקער, איבערמענטשלעכער דערשיינונג מיטן נאָמען מ ש י ח; אַ גענאַלע נעץ פון רמזים און חלומות האָט זיך געוועבט הונ־דערטער יאָרן אַרום דעם פאַרהוילענעם בן־דוד; דער רמ"ק, אר"י און זייערע מקובלים־חבריות האָבן מצרף געווען שם צו שם, דורך די האַרבסטע סיגופים און עליות־נשמה געפּרוווט אויפכאַפּן דעם מינדסטן רמז וועגן אים — און דאָ באַווייזט זיך דער אויסגעצערטלטער זון פון אַ מגושמדיקן אייער־הענד־לער, וואָס האָט געמאַכט אַ פאַרמעגן אין טערקיש־ווענעציאַנישן קריג און זאָגט — — —

אַ שיין וויגעלע פאַרן אייביקן חלום! ער קומט און זאָגט: אָט דאָס בין

א י ד. ווען מיר האָבן זיך עס געסודעט אַלע הימלען; צוליב מיר האָבן זיך געפּייניקט די קדושים און אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט; צוליב מיין נאָמען זענען ר׳ שמעון בן־יוחאי מיט ר׳ אליעזרן געזעסן דרייצן יאָר אין אַ הייל און אויפגעריסן די טיר פון רמזים; צוליב מ יי ן פאַרשפּעטיקן צו קימען אין הויז פונעם עופות־סוחר האָבן צענדליקער דורות געקלאָגט אין די פּאַר־טאָגן, געפאַסט אין הייסע זומער־טעג, געלייגט אַש אויף די קעפּ און געגאָסן מיט טרערן אויף ציונס פאַרלאָזטקייט; צוליב מיר איז די שכינה אַליין אַוועק אין גלות... צוליב מיר — — —

ער זאָגט דאָס צו שאַרפע מוחות פון זיין אייגענער געבורטס־שטאָט — וואָס קענען אים פון קינדוויז — און זיי לאַכן נישט, באַשפייען אים נישט מיט חוזק. זיי גלייבן. איז דען דאָס אַליין נישט קיין נס? קיין צייכן? אפשר האָבן זיי אין אים געזען אַ זאַ סימן, פון וועלכן ער אַליין ווייסט נישט? דער חרם פון די רבנים איז נישט אַזוי איבערראַשנדיק ווי דער גלויבן פון די חברים. הייסט עס, אַז ער דאַרף, ער קען און מוז גיין ווייטער.

דערווייל זענען עס נאָר געציילטע? דער עלטערער עולם איז נאָך דער־ווייל אָפּגעשראָקן פון די רבנימס כעס? נו, דאָס איז דערפאַר וואָס די ייִדן פון זיין היימשטאָט זענען נישט אַדורכגענומען פונעם גלות־צער. זיי וואָלטן געקומען, ווען די צרות שטייגן אַריבער דעם קאָפּ. זיי לעבן גוט און רויק — האָבן זיי צייט. אָבער זיינע חברים אַרט, פאַרוואָס די שכינה וואַלגערט זיך אין דער פרעמד. ז יי מוזן. דער אייביקער „אין נביא בעירו״ איז פאַר זיי נישט קיין כלל. פאַרקערט: זיי ווילן גאָר א י ם איבערצייגן אין זיין משיחישקייט. בלויז זיי? אויך די ייִדן פון פוילן, אוקראַינע און ליטע — וואָס האָבן נאָר־וואָס אַדורכגעמאַכט די גרויסע בראָך — וואַרטן אויף אַ צייכן. זיי וועלן אים מוזן דערקענען. כמיעלניצקיס שווערד צעפּאַלמעסט דאָס פּנים פון ייִדישן פאָלק. טאָמער וועט נישט קומען קיין ענטפער פון הימל אויף די שחי־טות — ווי אַזוי קען מען בלייבן ייִדן? צי האָט עס בכלל אַ זין?

ד.

עס איז זיכער נישט קיין צופאַל, וואָס גראָד אינעם יאָר ת״ח — דאָס בלוטיקע יאָר 1648, ווען באָגדאַן כמיעלניצקי נעמט זייען טויט און שמד אויף ייִדישע קעפּ — מאַכט שבתי, מיטן פאַמיליע־נאָמען צ ב י, דעם ערשטן ב ר ו ך אין דער ייִדישער מסורה. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער מוז ער אַפילו אַנטלויפן (אָדער אַרויסגעטריבן ווערן) פון זיין שטאָט (וואָס וועט אים שפּעטער אויפנעמען מיט מ ע ר היציקער ליבשאַפט ווי יעדער אַנדע־רע קהילה אין דער וועלט). די לופט אַליין שוואַנגערט מיט רעוואָלט. די צע־

שלאָגענע רעשטלעך פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום האָבן נישט קיין תיקון. ע פּ ע ס מוז געשען. אָדער עס מוז קומען אַ שרעקלעכע כ פּ י ר ה, אָדער עס מוז זיך באַווייזן דאָס גרויסע געשטאַלט — נאָך וועלכער עס קען מער גאָרנישט געשען, אויסער נסים. די גאַנצע וועלט — אַפילו יענע טייל, וואָס האָט זיי נישט געקוילעט און אַפילו אויפגעשווידערט פון די היידאַמאַקישע רציחות — האָט ווידער דערזען, אַז ייִדן זענען נאָך אַלץ הפקר; אַז מיטן כוח פון זייערע אייגענע הענט קענען זיי דעם גזר נישט אָפּווענדן. אַפילו די בעכערע פון די פעלקער קענען זיך דערמאָנען אין די אַלט־פרומע קללות אויפן דאָזיקן פאָלק און אַריינפאַלן אין פאַטאַליסטישער באַרעכטיקונג: אונדזערע דענט האָבן טאַקע נישט פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט; מיר קענען אַפילו נישט פאַרטראָגן אַזעלכע מעשים... אָבער דאָס איז פאָרט אומנאַטירלעך. אָן אַ העכערן גזר וואָלטן אַפילו צוריקגעשטאַנענע קאָזאַקן נישט געקענט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ז ע ל כ ע חיות־רעות.

אויב עפּעס זאָל נישט געשען; אויב יענער צעוווּנדיקטער מאַן פון דער אגדה זאָל זיך נישט באַווייזן אין זיין גאַנצער גלאָריע — איז שווער פאַר אַ ייִד צו ווייזן דאָס פּנים פאַר זיינע שכנים. ער אַליין מוז אויך צעפּרעסן ווערן פון ספיקות: ווי קען ער ווייטער אָנגיין מיט דער תמימותדיקער אמונה? בלויז אַ משיח קען דאָ עפּעס ענדערן; נאָר מיטן דערוואַרטן א י ם קענען אַלע גרויל־ידיעות האָבן זייער זין, אַפילו טרייסט. אָ ן אים ווערט זינלאָז דער צעטראָטענער, פאַרבלוטיקטער קיום. מ י ט אים באַקומען אַלע מאמרים וועגן חבלי־משיח נייעם באַדייט. די טייכן בלוט הערן אויף צו שרעקן און זיי דערציילן גאָר עפּעס אַזוינס, וואָס רופט אַרויס דערשטיקטע פרייד: איר זעט? אויב א ײ נ ס איז געקומען, וועט באַלד אויך מוזן נאָכקומען דאָס צ ו ײ ט ע. די אָנגעזאָגטע טיר האָט זיך געעפנט. הריגות ווערן בשורות און קברים ווערן גאולה־בריקן. ווער מיר טויט און וואָס מיר גזר? באַלד וועלן אַלע ווידער אויפשטיין, אָנטון זיך אין פורפור און אַנטקעגנגיין דעם לעצטן וואָרט.

וואָס וועט חלילה זיין, אויב ע ר וועט אויך א י צ ט נישט קומען? אַז אויך נאָך דעם אַלעם וועט גאָרנישט געשען? ס׳איז שווער צו זאָגן, ווי אַזוי ייִדן וואָלטן ווייטער דערהאַלטן זייער קיום, זייער עקשנות — ווען די גאַנצע שבתי־צבי־טראַגעדיע זאָל זיך נ י ש ט געווען אָפּשפּילן. אפשר זענען גערעכט יענע ענטוזיאַסטישע היסטאָריקער, וואָס האָבן אַזויפיל באַוווּנדערונג פאַרן ייִדישן בטחון. והראיה: אַפילו די קעגנער פונעם טערקישן משיח האָבן זייער ייִדישע עקשנות נישט פאַרלוירן אין יענע צייטן — פונקט ווי זיי האָבן זי נישט אויפגעגעבן אין טאָרקוועמאַדאָס תקופה. עס קען אָבער זיין, אַז דער נ ײ ע ר קאַמף מיטן אינערלעכן שונא האָט זיי פאַרכאַפּט; די

פרישע פאַרצווייפלונג האָט צוגעדעקט די פריערדיקע — און די יאוש־מחלה איז באַקעמפט געוואָרן ד ו ק א פונעם פרישן, געפערלעכן קעגן־גיפט.

אָבער נאָכן אָוועקשטעלן אַלע היפּאָטעטישע חקירות אין אַ זייט, איז איין זאַך כמעט ווי זיכער: אַפילו ווען טייל רבנים האָבן אים געלייגט אין חרם, האָט אָבער די גרויסע מאַסע אים ג ע וו אָ ל ט גלייבן. זיין אויסדערוויילט־קייט איז שוין געוואָרן אַ פאַקט דורכן בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן פריער. ע ר איז געווען דער איינציקער באַווייז פאַר דער גרויסער מחנה דערשראָקענע, אַז דאָס בלוט אין מזרח־אייראָפּע איז נישט געווען אומזיסט. זיי האָבן אים נישט געטאָרט פאַרלירן, ווייל דאַן וואָלטן אויך י ע נ ע קדושים פאַרלוירן־געגאַנגען. שבתי־צבי איז געווען געטלעך־שיין? ער האָט מיט זיין בלויזן אויסזען באַצויבערט די מאַסן? זיכער. נישטאָ קיין יסוד דאָס צו פאַרלייקענען. אָבער אָנהענגען זיין גאַנצע השפּעה אין פיזישן אויסזען (במחילה פון יענע היסטאָריקער וואָס כאַפּן זיך אָן דעריין) וואָלט געווען אַ טעות. אַפילו ווען ער זאָל געווען זיין דאַר, קליין און שוואַרץ ווי דוד הראובני — וואָלט אים די יידישע צייט געוווען אָנגעטון דעם צויבער.

שטאַרקע כאַראַקטערן (און יידן זענען מיט זיי געבענטשט געוואָרן אין אַ היפּשער מאָס) וואָלטן סייווי איבערגעטראָגן אַלע מאַראַלישע נסיונות. אָבער מי־יודע וויפל הונדערטער־טויזנטער פון די פּשוטע מאַסן עס וואָלטן נ י ש ט געווען אויסגעהאַלטן — ווען ד י גרויסע משיח־אילוזיע זאָל זיי נישט גע־ווען אַריינבלאָזן קיין האָפענונג אין די סאַמע־שרעקלעכסטע יאָרן.

ה.

בכדי מען זאָל מיך נישט כאַפּן ביי קיין סתירה — וויל איך אָפן מודה זיין, אַז די משיחישע באַוועגונגען ביי יידן באַטראַכט איך נישט בלויז ווי נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס. יעדער פון זיי האָט געהאַט זיין הויכן ניצוץ; האָט אָנגעגאָסן מיט פריש בלוט מידע קאַפּיטלען פון דער יידישער געשיכטע און זי אַרויסגעריסן פון לעטאַרגישן מצב. דאָס געהערט אָבער נישט צו מיין איצטיקער טעמע. איך קען אָבער נישט מסכים זיין צו דער פולער גלאָריפי־קאַציע פון אַזעלכע געשטאַלטן (ווי מען קען עס באַמערקן ביי טייל געלערנ־טע אין מדינת־ישראל); מאַכן פון זיי טראַגיש־ציוניסטישע פיגורן, וואָס בלויז אַ נ ד ע ר ע זענען שולדיק אין זייער פאַלן. זיי גופא האָבן פאַרלוירן די מאָס, אַנטלאָפן פונעם גוטן פינטעלע און זיך געלאָזט פאַרשיכורן. טאַקע אויך דערפאַר איז אונדז נייטיק געווען דער פריערדיקער ביישפּיל פון ירבעם און אַנדערע.

נישט אַנדערש איז עס מיט שבתי־צבי. אונדזער ניכטערער בליק וועט

זיכער נישט פאַרזען דאָס העלע פּינטעלע, וואָס האָט אים אַרויסגערופן, גע־טריבן צו מעשים; צום באַציִען די ייִדישע ווונד מיט אַ הייטל טרייסט. מיר וועלן אַפילו אויסזוכן פון אַלע ווינקלען יענע ליכטיקע ברעקלעך וואָס זיי האָבן געבוירן אַפילו אָן זייער ווילן (אגב: די חסידישע מסורה זאָגט אונדז ברמז, אַז אַזוי האָבן אויך געטראַכט ר׳ ישראל בעל־שם־טוב און — לויט הלל צייט־לין — ר׳ נחמן בראַסלאַווער). מיר וועלן אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז זיי האָבן מועל געווען אין זייער שליחות; נישט געשאַפן די געהעריקע גלייכ־וואָג צווישן ז י ך און דער הויכער מיסיע.

יאָ, מען טאָר נישט פאַרגעסן נאָך אַ נעגאַטיוון פאַקטאָר: די „נביאים״, פאַרויסלויפער, נאָכלויפער און אָנזאָגער פון איבערגעטריבענע בשורות... טאַ־קע יענע, וואָס אָ ן ז יי וואָלט דער פאַלשער משיחיזם נישט געהאַט קיין פליגל. בקיצור: יענע „תלמידים״, וואָס די פריִער־דערמאָנטע משנה האָט זיי אַזוי שטאַרק געהאַלטן אויפן אויג. סוף־כל־סוף האָבן זיי „איינגענומען וועלטן״ און געמאַכט פון דער צענטראַלער פיגור, וואָס זיי האָט זיך געגלוסט. צי האָבן דען די שאול התרסיס נישט פאַרוואַנדלט דעם באַרפיס־הכנהדיקן י ש ו ה נ ו צ ר י אינעם אַלמאַכטיקן י ע ז ו ס? און וואָס וואָלט דען געוואָרן פון שבתי בן מרדכי צבי אָ ן די נתן העזתיס, משה פּינייראָס און אברהם יכינוס?

ווער זענען זיי אַליין? די נישט־דערגאַנגענע פון יעדן דור. זיי קענען כּאַרמאָגן טויזנט מעלות, וואָס זייער האַר און משיח האָט אַפילו נישט געזען אין חלום. אָבער אָן אינערלעכער כוח לאָזט זיי בלויז דערגיין ב י ז צום לעצטן שטאַפּל. אויפן כסא־הכבוד אַליין מוזן זיי אַוועקזעצן אַ צווייטן. זייער כוח ליגט אינעם נביאות־זאָגן וועגן יענעם, דרשענען אין יענעמס נאָמען, פלאַטערן אַרום אַנדערעס שטולן. אַ ל יי ן האָבן זיי נישט דעם מוט. ערשט ווען זיי פּראָקלאַמירן אַ צווייטן פאַרן העכסטן — פאַלן זיי אַריין אין עקסטאַז, באַקומען זיי ברענענדיק לשון, הערן זיי קולות און זעען דאָס אוממעגלעכע. אַלעמאָל זענען זיי אי גרעסער און אי שוואַכער פאַרן גאָט, וואָס זיי האָבן אויסגעקליבן. זיי קענען זיך נאָר באַוועגן ביי יענעמס צופוסנס, זיין שטאַרק און עקשנותדיק ביים האַלטן אַ צ ווי ט נ ס פאַלע און זאָגן א יי ג ע־נ ע ריד; ווען זיי קענען ריידן ווי אַ דיבוק — פון „זיין״ מויל אַרויס.

עס איז פאַר זיי געגוג צו האָבן די פאָן. דאַן פאַרלירן זיי אַלע פּחדים, ווערן פלייסיק ביז משוגעת, האָבן כוחות צו שטופּן יענעם אַלץ העכער און העכער — און דערביי אויך אַליין אויפשטייגן אַהין. טיילמאָל פאַרשטופּן זיי דעם אויסדערוויילטן אַ ז ו י הויך, אַז ער אַליין קען זיך מער נישט דער־זען. אָבער ז יי זעען. עס אַרט זיי אויך גאָר ווייניק, וואָס יענער ווערט

אַמאָל צופיל פאַרריסן. ווען מען גייט עס אָן, וואָס אַ פאַן טראַכט אויפן שפּיץ פון דער מאַסט? זיי טוען בלויז, וואָס זיי איז באַשערט, וואָס זיי מוזן — און זיי איז באַשערט אויפצולעבן אין שאָטן, צו באַוועגן זיך לויט ז יי ן באַוועג.

זיכער האָט יענער שבתי המכונה צבי געהאַט זיינע מעלות און מדרגות. עפּעס קענען מיר זיך נישט פאָרשטעלן, אַז ער איז באַלד לכתחילה געווען דער צעדרייטער, פאַרנעפּלטער מוח — ווי עס דערציילט אונדז די אַנטי־שבתי־צבי ליטעראַטור פון אַלע סאָרטן. מיר זעען אָבער יאָ, פון אַלערליי צייט־באַשרייבונגען, אַז ער אַליין וואָלט געווען געבליבן אַ מין ווינקל־משיח. ערשט ווען עס זענען געקומען די פייערדיקע אַרויפשטופּער און אונטערשטופּער — און אים דעראָבערט מיט זייער פייערדיקן גלי — האָט ער זיך געלאָזט; אפשר געזען אין זייער אייפער דעם צייכן פון גאָט. דערנאָך — איז שוין שווער אַרונטערצוקריכן מיטן אייגענעם ווילן, אַפילו ווען עס דוכט זיך, אַז... ס'איז געווען אַ טעות. שוין אין תנ"ך ווערט אונדז דערציילט פון שאולס באַשיידנקייט, פון זיין „באַהאַלטן זיך צווישן די כלים". אָבער וויבאַלד ער איז אַרויפגעשטופּט געוואָרן אויף דער מלוכה־שטול — האָט ער געשליידערט שפּיזן, פול געוואָרן מיט רציחה־לוסט, געוואָלט אומברענגען דעם טרייען זון, אַבי צו בלייבן מלך.

אַראָפּגיין — האָבן בלויז געקענט געציילטע. שבתי צבי האָט עס אפשר נישט געקענט — אַפילו ווען ער זאָל געווען ווועלן. צופיל „נביאים" האָבן אים שוין אַרומגערינגלט און... אַ צו־גרויסע מאַסע.

ו.

אַפילו ווען די צייט איז רייף, די מאַסע לעכצט און די העזה איז שוין דאָ — פעלט נאָך עפּעס: דער יידישער משיח איז באַשווערט געוואָרן מיט אַ באַרג סימנים, תורהס, באַצייכענונגען — און אין יענער צייט איז עס נישט געווען קיין לייכטע מויער אַריבערצושפּרינגען. פליסיקע הענט און מוחות האָבן געדאַרפט אַרבעטן איבער אים, בכדי אים צוצופּאַסן צו די מאמרים — און שלייפן די מאמרים, ביז זיי זאָלן „בפירוש" מיינען אים. דערצו זענען בייטיק יענע אייביקע „אינטעלעקטואַלן", וואָס שווימען אַרום אינעם ים פון עורות און טעאָריעס ווי אַ פיש אין וואַסער. אָן אַזעלכע בעלי־מלאכה איז דער פסיידאָ־משיח אַ פאַרלוירענער.

זיי קומען אָבער מיט דער זיכערקייט פון אַקראָבאַטן. ווו מען דאַרף אַביסל צושניצן אַ פּסוק — האָבן זיי גרייט דאָס מעסער; און ווו מען דאַרף אַביסל צושלייערן אים אַליין — האָבן זיי גרייט די שמינקע. אָבער ווען זיי נעמען זיך צו דער אַרבעט — הערט ער אויף צו זיין ע ר.

יתכן. עס קען געמאָלט זיין, אַז שבתי גופא האָט לכתחילה געמיינט ער־לעך און געציטערט פאַר דער מינדסטער פעלשונג. זיין האַרץ האָט זיך אפשר אָנגעזאָפּט מיט גענוג גלויבן, ביז ער איז געוואָרן אַ „הוגה את השם באותיו־תיו", אָדער גאָר ביז ער האָט געוואָלט גיין צום סולטאַנס פּאַלאַץ. אָבער פון זיין אָנהייב אין 1648, ביז צו זיין ברייטערן אויפטריט מיט 15 יאָר שפּע־טער — האָט ער געמוזט פאַרלירן אַ סך פון זיין תמימות. די נביאים זיינע האָבן זי ביסלעכווייז אָפּגעשונדן ווי אַ קראַנקע הויט — און ער האָט זיך געלאָזט. אפשר האָט ער געמוזט. אפשר האָט ער שוין געוואָלט און אפשר האָט ער מער קיין כוח נישט געהאַט אָפּצוטרעטן די שטול. אַזוי אָדער אַזוי — האָט ער מיטגעמאַכט די צינישסטע פעלשונגען. נישט ע ר האָט געמאַכט די ערשטע קאָנטאַקטן מיט דער מאַסע, נאָר זיינע „תלמידים" מיט די שריי־פעלעך אין מויל. זיי האָבן דערציילט זאַכן, וואָס ער האָט שפּעטער נישט געקענט אָפּלייקענען, הגם לכתחילה האָט ער פון זיי אפשר נישט געוווּסט.

צום ערשט האָבן געפעלשט די „נביאים" פון צווייטער מדרגה, וואָס האָבן נישט געהאַט בדעה צו צינדן פייער, בכדי אַליין צו בלייבן שטויבעלעך אינעם גליאַיקן המון. אויב אברהם היכיני, למשל, „געפינט" אַן אַלטן פּאַרמעט, לויט וועלכן שבתי איז משיח, דאַרף ער קודם שבתין אַליין איבערצייגן אַז ס'איז אַזוי; און אויב גאָט אַליין „זאָגט" אים צו קרוינען יענעם — האָט ע ר דערוויל געהערט גאָטס וואָרט און נישט קיין אַנדערער. דערנאָך קען שוין שבתי־צבי נישט זיין קיין משיח, אויב ער זאָל נישט גלייבן אין יכיניס אַנט־פּלעקערישן כוח. וועט עס שוין מוזן גלייבן אויך די פאַרכישופטע מחנה. ערשט ווען ער שטייט שוין הינטער אים און איבער אים — ווערן זיינע אַנט־פּלעקונגען אַלץ־דרייסטער און חוצפּהדיקער:

„זיי ווייסן — זאָגט אים אַן כביכול אַליין — אַז אַ זון איז געבוירן גע־וואָרן צו מרדכי צבי, וואָס וועט הייסן שבתי. ער וועט מכניע זיין דעם תנין הגדול... און ער איז דער אמתער משיח... און זיין מלכות וועט דויערן לנצח נצחים... און אַן אים איז קיין גואל נישטאָ פאַר ישראל... און ער וועט ז י צ ן א ו י ף מ י י ן ש ט ו ל..."

נאָכדעם קענען אַזעלכע נביאים נישט בלייבן איינזאַם. זיי קומען פון אַלע זייטן צוזאַמען מיטן גלויביקן המון... און וואָס גרעסער עס ווערט די מאַסע — אַלץ מער נביאים דאַרפן זיין. א יי נ ע ם קען שוין אַזאַ מחנה נישט דערקענען — און זי וויל דווקא קוקן אויפן נביאס ליפּן; פילן אַז זי אַליין נעמט אַנטייל אינעם וווּנדער. קען שוין שבתי צבי מער נישט האָבן גענוג די נתנס און אברהמס. אויך אַ בתולה פון סאַלאָניקי פאַרוואַרפט חלשותדיק מיטן קאָפּ און דערציילט סודות, וואָס זענען איר נתגלה געוואָרן. אָרעמעלייט און הונגעריקע

גויים שטייען נישט אָפּ. אויך זיי מוז גאָט וועקן פון שלאָף און הייסן גייןָ אין שרייען: משיח איז געקומען און זיין נאָמען איז שבתי. דערנאָך איז שוין שווער צו זאָגן „ניין". וויבאַלד אַזוי — וועט ער שוין מוזן פאָלגן אַלץ, וואָס די נביאים הייסן; אַפילו אויסשרייען, אַז ער אַליין איז גאָט.

ז.

פאַרשטייט זיך, אַז פונקט ווי ביי יעדער „סיסטעם" — גייט נישט אַלץ אַזוי גלאַטיק, מיט דער נייטיקער שנעלקייט. ביז עס קומט דער גרויסער טריומף — פעלן נישט קיין קעגנער און סקעפּטיקער. עס גייען אַוועק יאָרן, ווען משיח וואַנדערט אַליין און די באַוועגונג איז האַלב־געהיים, איינגעהילט אין קאָנספּיראַציע. אָט טרייבט מען אים פון סאַלאָניקי, פון אַטען — אָבער אין מצרים האָט ער מער מזל: אַ רייכער און מעכטיקער מאַן פאַרגלייבט זיך אין אים. יענער ווידער העלפט אַ סך רבנים און לומדים. ווען ער קומט קיין ירושלים — זוכט שוין די עדה ז יי ן פּראָטעקציע ביי יענעם. דערפאַר איז לייכטער צו דערציילן וועגן אים נסים.

און דער עיקר: דאָרט טרעפט ער זיין ווי כ ט י ק ס ט ן „נביא". שבתי איז שוין אַלט 38 יאָר און יענער איז בלויז 18. אָבער דער יונגער ענ־טוזיאַסט באַקומט באַלד די גאַנצע שליטה איבערן עלטערן רבין. וועגן נתן־בנימינען פון עזה איז אפשר פאַראַן אַ גרעסערע ליטעראַטור ווי איבער שבתי־צבי אַליין. וואָס ער האָט אַלץ באַוויזן אָפּצוטון אין זיינע 36 יאָר! אָבער שוין נאָך אַלע מקורות — איז פאַר אונדז אַ רעטעניש: אויב ער איז געווען אַ סך באַגאַבטער פאַר שבתין, פאַרוואָס האָט ער ז י ך אַליין נישט געקרוינט? זאָל עס זיין דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געהאַט שבתיס שיינקייט? האָט אויך ער געליטן פונעם פּחד פאַר דעם העכסטן אָרט, הגם ביים אַרויסהייבן שבתין האָט ער אַרויסגעוויזן די גרעסטע מאָס העזה? האָט ער ביי זיינע אַכצן יאָר מורא געהאַט פאַר דער משיח־ראָלע און זיך בעסער געוואָלט אָנ־הענגען אין אַ הויכן בוים? האָט ער טאַקע באמת געגלויבט אין יענעם — און דערפאַר באַגאַנגען די מיאוסטע פעלשונגען? בכל אופן: אין זיין יינגן אימפּעט האָט ער יענעם אויסגעשריגן פאַר משיח — און שפּעטער האָט ער שוין נישט געקענט חרטה האָבן. ער האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן צו זאַלבן שבתין פאַר מלך ישראל פאַר אַ גרויסער עדה אין די אויגן — און ביידע האָבן דערזען: מען גלייבט! אַוודאי זענען נישט אַלע צווישן די מאמינים — אָבער די ע ר ש ט ע זענען שוין פאַראַן. פון זיי וועט זיך די בשורה טראָגן איבער שטעט און לענדער, פון עזה קיין ירושלים און פון דאָרט קיין מצרים, גרעקן־לאַנד, טערקיי, איטאַליע, האָלאַנד...

ווען שבתי איז אַלט 40 יאָר, איז נתן קוים אַלט די העלפט. אָבער מען מוז בלייבן פאַרגאַפּט פונעם מעכטיקן פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט, וואָס דער 20־יעריקער נתן שטעלט איין. ער איז אפשר דער ערשטער „פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער״ פון אַ ז אַ פאַרנעם. אַפילו די מאָדערנע אַגיטאַציע האָט נאָך ביי אים וואָס צו לערנען. נישט בלויז די מאַסן רייסט ער מיט, נאָר אויך רבנים. איבער אַלע מקומות צעשפּרייטן זיך „שליחים״ און זיי צוהילף קומען נתנס פייערדיקע בריוו, פון וועלכע עס שפּירט זיך נאָך ביז היינט דער פלאַם. בדרך־כלל אַרבעט די „טעכניק״ אויף אַ באַשטימטן שטייגער. איין שליח דערציילט וואָס ער האָט געהערט פון הייליקע מיילער: ע פּ ע ס קומט... ע מ ע צ ע ר דאַרף זיך באַלד באַווייזן. דערנאָך קומט אַ צווייטער, אָדער אַ צענטער און שעפּטשעט שטילערהייט: אין ירושלים זאָל זיך האָבן באַוויזן אַ פאַרבאָרגענער צדיק. זיין קול איז זיס, זיין צורה לייכט ווי די זון, זיין גוף שמעקט ווי קטורת און זיין געשטאַלט איז ווי אַ צעדער פון לבנון.

דער נביא פון עזה איזביים אָנהייב געהיטן און מאַכט זיך באַגלייבט. ער קען אַריינקוקן יעדן אין דער נשמה און זאָגן פון וועלכן שורש זי שטאַמט. ער ווייסט אַלע סודות — און מ׳וואָלט אים זיכער געגלייבט, ווען ער זאָגט אויף זיך אַליין: איך בין עס. ווייזט ער אָבער אָן אויף אַ צווייטן, הגם יענער שווייגט און איז בלויז מתפּלל אויף די הייליקע קברים. און וואָס וויל דען לכתחילה דער נביא פון עזה? בלויז אַלט־יידישע מעשים, וואָס קיינער קען חלילה נישט זען אין זיי קיין בייז: זאָל מען תשובה טון, זאָל מען פאַסטן, זאָל מען זאָגן תפילות... דאָס בלויזע אָנצינדן אַ דערוואַרטונג איז גוט צום ענין. שפּעטער וועט זיך קיינעם נישט ווילן אַוועקלאָזן די סיגופים און יללות מיטן ווינט. זאָל זיך דערווייל די האָפענונג צעטראָגן ווי אַ פלאַם איבער טרוקענע וועלדער. דערנאָך וועט שוין לייכטער זיין צו פאַרשפּרייטן די ידיעה: אייער תפילה איז דערהערט געוואָרן. ד אַ ן וועט מען שוין גלייבן — אַפילו ווען משיח זאָל ברעכן צוימען.

און נאָך עפּעס: עס מוז אויסגעבויט ווערן די בריק צווישן דעם גרויסן חורבן־פוילן און דעם משיח פון ירושלים. ס׳איז שוין 1666, אָבער די וווּנדן פון חמיל־הרשע זענען נאָך פריש. אַ משיח פון די ווייטקייטן קען נישט אָנצינדן אַזוי שטאַרק — סיידן ער וועט האָבן אַ געהיימע שייכות צו די בלוטיקע בית־עלמינס. דערביי לאָזט זיך עס לייכט באַשאַפן. ווייניק יתומות זענען פאַרבליבן נאָכן גרויסן שביט? און משיח איז אַ פּרוש. שוין זעכצן יאָר, אַז ער האָט קיין פרוי נישט אָנגעזען. אויך זיינע פריִערדיקע צוויי ווייבער האָט ער בלויז באַרירט ביים אָנטון דעם קידושין־רינג. נישט מער. שוין דאָס אַליין, וואָס ע ר גייט נעמען אַ פרוי, וועט אָנצינדן דעם דמיון. בפרט נאָך

ווען זי איז פון מרחקים, אַן אָפּגעפּונענע אויף אַ פּוילישן בית־עולם. די גע־
שלאָגענע פון ת״ח ות״ט מוזן באַקומען אַ געהויבענע טרייסט. אויב משיח
אַליין קען פון זיי נישט אָפּשטאַמען — קען אָבער זיין כ ל ה האָבן אַרומ־
געלאָפן אַ נאַקעטע, מיט אַ פאַרבלוטיקט העמד, איבער די קברים.

קברים שרעקן, וואַרפן־אַן אימה און טרויער, שמעקן מיט ס ו ף — אָבער
זיי זענען אויך דער נאָענטסטער וועג צו פאַרהוילענע הימלען. הינטער זייערע
מצבות ליגט דער גרויסער סוד. אַ מיידל, וואָס איז אַנטרונען פון דער שווערד,
קען זיך ביינאַכט איינהערן אין זייער פּרעפּל און חלומען וועגן אַ משיחדיקן
חתן — ווען די נאַכטיק־הפקרותדיקע פּחדים דעקן זי צו. טאָ פאַרוואָס קען
דער פאַרוואָגלטער פּרוש פון סמירנע נישט אויסשרייען פּלוצים: הנני... איך
בין זי גרייט מקדש צו זיין!?? יעדער ברעקל באַזונדער איז נאַטירלעך. אָבער
צוזאַמען קען עס ווערן אַ וווּנדער; דער שווידערלעך־פריידיקער אויפשריי אין
יעדנס האַרץ.

ח.

ווי אין יעדער צייט, ווען אַלצדינג איז סייווי גרייט, קומען אַלערליי
צופאַלן און מאַכן פון דער גרייטקייט אַ פ ל א. פון די טויזנטער געראַטע־
וועטע מיידלעך, וואָס רייכערע קהילות האָבן אויסגעקויפט, איז דאָ איינע
מיט אַ משיח־חלום. זי איז טאַקע קליינערהייט געפונען געוואָרן אויף אַ פּוי־
לישן בית־הקברות, אַ נאַקעטע, אין אַ פינצטערער נאַכט. האָט זי שפּעטער
צוגעטראַכט אירע חלומות, אָדער זיי באַלד דעמאָלט געזען? נישט וויכטיק.
אויף די קברים, ווו אייגענע טאַטע־מאַמע ליגן, טראַכט אַ קינד גאָר אַנדערש
ווי אין ווייכן בעט. זי מוז דאָרט האָבן שטאַק־פינצטערע טרוימען — און דער
לעבנס־אינסטינקט אַליין מוז זיך אַריינמישן, בכדי זיי אַביסל אויפצולייכטן.
זיי מוזן זיך דרייען אַרום טויטע; און בכדי זיי זאָלן זיין היימלעכער — איז
ז׳ער ערשטער מת איר טאַטע.

די שטאַטישע באַגרעבער, וואָס קומען פרימאַרגנס מלווה זיין אַ מת
און טרעפן אַ שיין מיידל אויף אַ קבר, מוזן צעטומלט ווערן. נאָך די שחיטה־
יאָרן (און קבלהשע נאָכטייטשן וועגן זייער באַטייט) קענען זיי אפשר נישט
טראַכטן וועגן ניכטערנעם צופאַל. אויב זי דערציילט זיי, וויאַזוי דער טויטער
פּאָטער האָט זי אַרויסגעשלעפּט ביי די האָר פון אַ קלויסטער און זי דאָ אײַ־
בערגעלאָזט — מוזן זיי דאָס פאַרשפּרייטן ווייטער. דאָס זען באַשיימפּערלעך
אַ „קאָנטאַקט״ מיט יענער וועלט איז אַ היפּשע טרייסט. ווי ל ט זיך איר
גלייבן. האָט זי דערמיט געוואָלט באַקומען מער הילף? אפשר. האָט זיך איר

טאַקע אַזוי אויסגעוויזן אין דער פּאַניק פון מצבות און טויטלעכער פינצטער־ניש? אויך דאָס איז מעגלעך.

עס איז אָבער כמעט ווי זיכער, אַז דעם צווייטן טייל פון טאַטנס אָנזאָג האָט זי זיך ערשט „דערמאָנט" אין אַמסטערדאַם. דאָרט איז שוין די לופט אָנגעזאַפּט מיט קבלה־קלאַנגען. אפשר זענען שוין דאָרט אומגעגאַנגען די ידיעות וועגן אַ יינגן און שמעקעוודיקן בחור, וואָס גרייט זיך אויסצולייזן דאָס פאָלק ישראל. האָט זי שוין צוגעוועבט דעם אַנדערן חלק: אַז זי איז באַשטימט צו ווערן משיחס כלה. איר ע ר ש ט אויפטויכן האָט זיכער גורם געווען, אַז אויגן זאָלן איר נאָכשפּירן ביז האָלאַנד און שפּעטער ביז ליוואָרנאָ; אַזעלכע זאַכן בלייבן נישט רוען אינעם פּוילישן קבר־העק. זיי טראָגן זיך, פליִען איבער מיסטיש־אָנגעזאַפּטע כוואַליעס און זיי קענען אויך דערפליִען ביז צו די טויערן פון נתן העזתי.

די קלוגע און אויסגערעכנטע ייִדן פון ליוואָרנאָ מעגן לאַכן וויפל זיי ווילן: די צעלאָזטע דינסט־מויד ביי דור ישורון אין הויז איז ווייט פון צניעות. וועט ז י גאָר ווערן די כלה פונעם אויסדערוויילטן? זיי ווייסן אָבער נישט, אַז מאַגישע איבער־רופן זענען זיך מזווג אין דער לופט און תקופות, געשוואָלן פון אומרו, קענען אויסוואַרעמען די אומגלויבלעכסטע פּאָרענישן. וועלן אויך נישט העלפן די רכילותן ביז צו שבתיס אויער: זי איז אַ זונה. גיכער וועט ער (אָדער נתן) שוין אויסזוכן יענע פּסוקים און רמזים, וואָס וועלן באַפעלן: ד ו ק א ! אָט־דאָס איז דער באַווייז. מען דאַרף חופה־שטעלן צווישן פאַר־ברענטן פוילן און דעם גואל. דווקא ווייל ער איז אַזוי הייליק — מוז ער אַרויסהייסן דאָס סאַמע־ג ע פ אַ ל נ ס ט ע פון דער חרובער סוכת־ישראל. דאָס איז נישט בלויז דערפאַר, וואָס אויך הושע הנביא האָט גענומען די זונה גומר בת דבליים — נאָר ווייל אין זיין ליכט צעשמעלצן אַלע טומאות. איין בליק זיינער אויף איר וועט צעשרייען אַלע הימלען: טהור! טהור! טהורה היא...

אינעם מויל פונעם אַסקעטישן שבתי, וואָס האָט נישט אָנגערירט אַפילו רייך־כשרע טעכטער, וועט ד אָ ס אַ ל ײ ן קלינגען ווי אַ נס. אויב ער האָט אַזוי לאַנג געוואַרט און דווקא איצט באַשלאָסן צו נעמען אַזאַ זיווג — איי אַ סימן, אַז דאָס גאַנצע און זינדיקע פאָלק ישראל גייט איצט געלייטערט ווערן אונטער דער חופה מיטן מלך. די דאָזיקע אויסטערלישקייט ווערט באַלד איבערגעקאָכט אין נס, אין לעגענדע, אין טרייסט, אין פרייד.

ט.

דערנאָך ווערט שוין אַלץ אָנגעשטאָפּט מיט המונישע מעשי־נסים. אַבי די מאַסע איז גרייט אויפצונעמען טייטשן — ווערט אַלץ פאַרהוילן און פאַר־

שטענדלעך: משיח האָט געדאַרפט ברענגען אַ תיקון צו הושעס זונה, וואָס האָט זיך פון אים דאַן אָפגעקערט. איצט האָט ער צו איר געשיקט אָן אומרו — און איר האַרץ האָט אים דערהערט. ס'איז אויך פאַרשטענדלעך געוואָרן, הלמאי ער האָט זיך צוויי מאָל געגט: ער האָט געוואָרט אויפן גרויסן זיווג.

וואָס שייך נתנען, האָט ער געהאַט אַ נייע מעגלעכקייט פאַר כל־המינים פירושים. כל־זמן דער מלך המשיח איז געווען אַ פ ר ו ש — איז ער נישט געווען ג אַ נ ץ. יעדער מקובל, וואָס פייניקט זיך — איז נאָך א י ן מ י ט ן ו ע ג: ער איז נאָך צו שלימות נישט דערגאַנגען. אויב דער זיווג איז געקומען צו שבתין, איז אַ סימן אַז אַלץ האָט זיך פ אַ ר ג אַ נ צ ט.

דער גענױאַלער, צוואַנציק־יעריקער פאַנטאַסט האָט אַנטדעקט ביי דער מאַסע אַ מעכטיקן אוצר: ז י ג ל יי ב ט. ער ווייסט אָבער, אַז זי מוז דערפירט ווערן צו אַבסאָלוטער אויפלייזונג. דערפאַר טאָר נישט בלייבן קיין איין ווינקל, וווּ משיח זאָל נ י ש ט זיין דער האַר און באַפעלער. כל־זמן ער איז נישט ג ע ט ל ע ך — און ווילאַנג אַ קעגנער קען אויסדריקן אַ באַשטימטן ספק — איז פאַראַן די סכנה פון מרידה, פון אָפפאַל. דאָס ערשטע מוז ער איינפלאַנצן אין עולם דעם געדאַנק, אַז שבתי ווייסט אַלץ, קען אַלץ — און אַפילו די פריִערדיקע ספרים קענען אים מיט גאָרנישט צוימען. פאַרוואָס האָט ער זיך פריִער מיט זיי י אַ געדעכנט; געזוכט אין זיי די רמזים וועגן זיך? ווייל דאַן איז ער נאָכנישט גאַנץ געווען, בעת איצט האָט די חופה אַלץ אויסגעגליכן.

נתן ווייסט, אַז מיטן געבן דעם פאָלק איין מעגלעכקייט צו קלערן פאַר זיך אַליין — וואַקלט זיך דער משיח־טראָן. בכדי צו געבן דער מאַסע אַ ל ץ — טאָר מען איר אַליין גאָרנישט איבערלאָזן. בכדי זי זאָל אַנטקעגנטראָגן די גאַנצע נשמה — מוז מען זי נאָך פריִער צ ו נ ע מ ע ן בשתיקה. ניין, זי וועט דערפון נ י ש ט אויפברויזן. גיכער וועט זי באַוווּנדערן די גרויסע אחריות, וואָס דער געזאַלבטער האָט אויף זיך גענומען: טראָגן אַלעמען אין האַרץ, מיט דער גאַנצער שווערקייט! אָט דאָס מיינט ליבשאַפט! נישט אומזיסט האָט נתן געשריבן נאָך שבתיס חתונה מיט שרהן:

> אַנדערש איז אין אונדזער צייט, פון הרב שבתאי... ווייל אַפילו עס וועלן זיך געפינען קעגנער צו אים, וועט עס די גאולה נישט אויפהאַלטן און זיי וועלן נאָר שלעכטס טון זיך אַליין... איז ווי צו זייערע נשמות! די צייט איז פול געוואָרן און די שכינה איז אויפגעשטאַנען פון גלות... ווונדערט אייך נישט, וואָס מיר — אין אונדזער דור — האָבן זוכה געווען צו דער גאולה... ווייל אונדזער משיח שבתי־צבי האָט פאַר אונדז געליטן און אַכצן יאָר געיאָגט געוואָרן פון אָרט צו אָרט — — — און צוליב דעם איז אין זיין האַנט צ ו ט ו ן מ י ט ד י ייִ ד ן ו י ע ס ו ע ט נ אָ ר ו ו י ל ג ע פ ע ל ן

> אין זיינע אויגן. ער האָט די מעגלעכקייט מזכה צו זיין אַפילו אַ רשע גמור און אַפילו אַ געצנדינער; און ער קען אויך מחייב זיין און באַשטראָפן אַפילו אַ צדיק גמור... און יעדער ייִד איז מחויב צו גלייבן, אַז שבתי־צבי איז דער אמתער אויסלייזער — ער און נישט קיין צווייטער — און ס'איז נישטאָ קיין שום חיות און תיקון פאַר ישראל, אויב נישט צו גלייבן אין זיין משיח אָן שום צייכן אָדער באַווייז דערויף... מען טאָר נישט נאָכקלערן נאָך אים... אין דעם זכות וועלן זיי זוכה זיין צו זען די ישועה, אויף וועלכער זיי האָבן געוואַרט טויזנט מיט זעקס הונדערט יאָר... און דערפאַר זאָל מען זיך נישט מרחם זיין אויף די נישט־גלייביקע און כופרים... (אַלע אונטערשטרייכונגען — מיינע)

צום שבח פון נתן העזתי מעג מען זאָגן: ער האָט זיך נישט אויסבאַהאַלטן אונטער „דעמאָקראַטישע" קאָנסטיטוציעס, נאָר אָפן, אַרויסגעבערענגט זיין טאָטאַליטאַרן מאַניפעסט. אויב ער האָט געוואָלט „ליקווידירן" צדיקים — האָט ער עס בפירוש געזאָגט, אָן שום דריידלעך: זיין משיח האָט אַ רעכט אַרויסצוהייבן רשעים און אָפּרוימען צדיקים. ער האָט אַריינגעשריבן אין זיין „פּראָגראַם" אַלץ וואָס מאָדערנע דיקטאַטורן טוען — הגם זיי זאָגן־צו דאָס פאַרקערטע.

דער דאָזיקער מאַניפעסט איז געשיקט געוואָרן צום באַנקיר פון קאַיראָ, רפאל בן יוסף. אָבער אַלע מאמינים האָבן זיך באַלד דערוווּסט און באַפרייט געוואָרן פון צוימען. די געררודפטע פון נעכטן האָבן איצט אָנגעהויבן דעם מוראדיקסטן טעראָר קעגן די שענסטע ייִדן, אָן דעם מינדסטן צוריקהאַלט. דערביי איז אויך געקומען צום „נאָרמאַלסטן": זינט דאַן האָט זיך די מחנה גענומען פאַרגרעסערן. פון גרויס שרעק? לאַוו־דווקא. די מאַסע האָט זיך געהאַט איר חשבון: אויב דער נביא שרעקט זיך נישט פאַר די גרעסטע צדיקים; אויב ער גייט קעגן אַלע דינים, איז אַ סימן אַז ער האָט די פולע זיכערקייט אין זיך... איז ער טאַקע משיח.

נאָר ווידער די אייביקע מעשה: הגם נתן און זיינע אונטערטעניקע האָבן געהאַט דעם „אמת" אויף דער האַנט; זיכער געווען, אַז אָט־באַלד פאַלט זיי די גאַנצע וועלט אין שויס — האָבן זיי פאָרט געוואָלט אונטעראײַלן דעם נצחון מיט געוואַלט, רציחה, קללות און חרמות. ער האָט נישט געהאַלטן פונעם וואַרטן, ביז אַלעמען וועט אַליין ליכטיק ווערן אין די אויגן; נישט געוואָלט זיך פאַרלאָזן אויף זיינע ראיות און תורהס — ווייל די בייטש פון אכזריות טייטשט פאָרט אויס די „בפירושע' פסוקים אַ סך קלערער.

מאַכט נישט קיין טעות: דאָס איז געשען מיט קנאַפּע 300 יאָר צוריק.

קאַפּיטל פיר

א.

מיר האַלטן איצט ביי דער מאַסע און איר אויסדויער. דאָך מוזן מיר זיך פרעגן צום וויפלטן מאָל: און די נביאים מיטן משיח? וואָס האָבן ז יי געטראַכט? אויב ז יי זאָגן צו אַזויפיל — וועלן זיי דאָך אַמאָל מוזן אַנטוישן. דאַן וועט די מאַסע אויפשטורעמען און זייער גורל איז פאַרחתמעט. טאָ וויאַזוי האָבן זיי זיך דערלויבט צו גיין אַזוי ווייט?

די אַלע שאלות קענען אויסקוקן נאַיוו: האָט דען שבתי לכתחילה נישט געגלייבט אין זיין משיחישן כח? אויב אַזוי האָבן עס געקענט גלייבן אויך נתן און זיינע חברים. ביי אַ פאַנאַטישן גלויבן איז נישט שייך קיין חשבונות. אַלץ איז מעגלעך. מיר האָבן אָבער אַלע באַוויזן, אַז די „נביאים" זענען באַגאַנגען די געמיינסטע פעלשונגען און אונטערגערוקט דער מאַסע אַלערליי פאַרמעטן „פון הימל" — וואָס זייערע אייגענע הענט האָבן געשריבן. אויב זיי האָבן ב א מ ת געגלייבט אין זייער משיח, האָבן זיי דאָך געמוזט גלייבן אויך אין גאָט. דערפאַר האָבן זיי אויך געמוזט גלייבן, אַז די גאולה וו ע ט קומען — און גאולה קען דאָך נישט מעגלעך זיין אָן אייגענער געלייטערטקייט; אָן דעם חותם פון אמת אויף די אייגענע מעשים. טאָ וויאַזוי האָבן זיי געוואַגט צו פעלשן? דאַן ריזיקירן זיי דאָך מיטן צאָרן פון די הימלען; מיט אייגענער מפלה און דער נקמה פון המונים?

אָבער דאָ האָבן מיר פאַקטיש נאָכאַמאָל אַ באַשטעטיקונג פאַרן אַלטן אמת: די פאַנאַטיש-גלייביקע קענען פאַרהיילקן דעם שקר מער ווי דעם אמת. אַנדערש וואָלטן די פרומע מערדער און אינקוויזיטאָרן פון אַלע צייטן פאַרבליבן שטילע לעמעלעך. דער גלייביקער אמת איז אַזוי גרויס, אַז אַלע קליינע און גרעסערע שקרים ווערן די שטיינער אויף זיין אויסגעפלאַסטערטן וועג. די נביאים פון יעדער סאָרט דיקטאַטור האָבן איין ציל און זיי טוען אָן גאָט אַליין זייערע פענטעס. דאָס קען מען נישט טון מיט עכטן, קלאָרן גלויבן — אָבער זייער אמונה וואַקסט פון אַן אַנדער ערד און ציט זיך צו אַנדערע הימלען.

ווען מיר קערן זיך אום צום ענגן קרייז אַרום שבתי-צבי האָבן מיר דאָרט אַן עלעמענט פון אַליין-פאַרפירטע, וואָס מ ו ז ן ווערן פאַרפירער. עס דוכט זיך זיי, אַז וויבאַלד דאָס גאַנצע פאָלק וועט גיין מיט זיי — וועט גאָט אַליין מוזן „שלום-מאַכן" מיטן מצב. די מאַסע וועט אַדורכברעכן אויף דעם הימלישן טויער. דערפאַר מעג מען, דאַרף מען גענאַרן די מאַסע וויאַזוי און מיט וואָס עס לאָזט זיך — אָבי די געשלאָסענע אייניקייט זאָל ווערן אַ פאַקט;

ביז גאָט אַליין זאָל קיין ברירה נישט האָבן. די נשמה פון דער גאַנצער באַוועגונג — נתן בנימין — קען צופיל די פּסיכיק פון דער מאַסע; ער ווייסט פאַרויס, אַז זי וועט זיך לאָזן נאַרן אויף לאַנגע צייטן. דערווייל קען ער, דורכן אַרויסשטעלן שבתין, הערשן אַ סך יאָרן ביד־רמה. אלא שפּעטער־ גאָר שפּעטער? דאַן וועט דער הייליקער ליגנט פון וו אָ ר ט באַשאַפן דעם מעכטיקן אמת פון פ אַ ק ט.

נתן איז געווען ממש געניאַל אין צוטראַכטן „אידעאָלאָגישע" תירוצים פאַר דער מאַסע. דאָס האָט ער באַוויזן במשך פון יאָרן. ווי אַ גאוניש־ער אַרכיטעקט האָט ער געבויט אַ געשלאָסענעם פּאַלאַץ — אָבער דאָך זיך באַוואָרנט מיט אַ סך געהיימע הינטער־טירן: טאָמער קומט אַ סכנה, זאָל מען קענען אַנטלויפן; זיך אַרויסדרייען דורך אַ זייטיקן וועג... און דאָך בלייבן מיר שטיין פאַר אַ צאָל רעטענישן:

ראשית־כל איז ער געווען גאָר כיטרע און ווייט פון יענער גרענעצלאָזער משוגעת, וואָס קאַלטע פאָרשער ווילן אים צושרייבן. זיין בליציק־חריפותדיקע דעמאַגאָגיע און מאַסן־קענטעניש זענען עדות דערויף. נתנס פאַנטאַזיע איז נישט געווען אַזוי ווילד און צעשויבערט — בעת מען האָט אין זין די אַמאָליקע נאָרמאַל־פאָרשטעלונגען — ווייל זיינע בריוו, לידער, אַלאַרמען און מאַניפעסטן האָבן אַ מין אינערלעכן סיסטעם. דערפאַר האָט ער זיך געמוזט פאַרטראַכטן: גוט, זיינע ראיות און אָנזאָגן קענען באַצויבערן אַ יִ ד י ש ן המון. אָבער וואָס וועלן זאָגן די גויִם? עפּעס מוז דאָך געטון ווערן; עס קען דאָך נישט בלייבן ביי די בלויזע רייד — און ט אַ ט ן פון גאולה־שטייגער וועלן מוזן אָנטרעפן אויפן ווידערשטאַנד פון דער אַרומיקער וועלט. ער קען הערשן איבער די אייגענע מאַסן עטלעכע חדשים, אפשר יאָרן — אָבער דערנאָך? לוינט זיך צוליב אַזאַ קורצער ממשלה אונטערצוגיין?

מיר האָבן שוין פריִער געזען, אַז די אויסטראָגער פון אַ דיקטאַטור שרעקן זיך נישט פאַר דער מעגלעכקייט פון אַ ביטערן סוף. זאָל געשען וואָס עס מוז, אַבי זייער שטערן זאָל דערווייל שיינען. אָבער ביי נתנען טרעפן מיר רמזים פון אַ טונקעלער באַוואָרעניש אויף שפּעטער. טאַקע אין זיין פריִער־ציטירטן בריוו שרייבט ער:

...און איצט אַנטפּלעק איך אייך, ווי אַזוי עס וועט נתגלה ווערן דאָס מלכות פון אונדזער האַר... אַזוי ווי עס איז מיר געזאָגט געוואָרן ברוח־הקודש: אין נאָך אַ יאָר מיט עטלעכע חדשים וועט ש"צ נעמען דאָס מלכות פונעם טערקס הענט אָ ן אַ מ ל ח מ ה, נאָר מיט שירים־ותשבחות צו ג אָ ט... און נאָך פיר אָדער פינף יאָר (אויך דער רוח־הקודש האָט נישט געקענט זיין פּינקטלעך!) וועט ש"צ גיין אויף יענער זייט (פונעם) טייך סמבטיון. און אין דער צייט, וואָס ער וועט זיין פון יענער זייט סמבטיון וועט ייִדן ווערן זייער שלעכט...

און עס וועלן בלייבן פון זיי איינער אין אַ שטאָט און צוויי פון אַ משפּחה... און אין יענער צייט, אויפן זיבעטן יאָר, וועט שבתי־צבי קומען פון יענער זייט סמבטיון מיט זיין ווייב, וואָס איז משה רבינוס טאָכטער... מיט פופצן יאָר צוריק איז ער (משה רבינו, הייסט עס) אויפגעשטאַנען צום לעבן און זיך באַזעצט אויף יענער זייט סמבטיון. אים איז געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער מיטן נאָמען רבקה, וואָס איר געבורט איז געווען ספּעציעל צוליב שבתי־צבי. זי איז איצט אַלט 13 יאָר... און די אשכנזישע אשה וואָס ער האָט, וועט זיין רבקהס שפחה...

דער עפּאָקאַליפּטישער נעפּל, וואָס הילט אַרום אַזעלכע ווערטער, האָט אָבער געגוג פּראַקטישע און „פּאָליטישע" טענער. ער באַוואָרנט קודם, אַז שבתי צבי וויל אַ „פרידלעכע" רעוואָלוציע. דאָס מלכות ביים סולטאַן וויל ער בלויז צונעמען... דורך לידער. במילא וועט דער הערשער בלויז מעגן שמייכלען*) שנית, וויל ער געבן שבתין אַ ריי עניינים אַדורכצופירן — און זיי דאַרפן דויערן יאָרן. טאָר די מאַסע נישט שרייען: אויב משיח איז שוין דאָ, פאַרוואָס שלעפּט זיך די גאולה אַזוי לאַנג? שלישית: שוין נאָכן פאַרבינדן שבתיס דערשיינען מיטן פּוילישן חורבן (דורכן שטעלן אַ חופּה מיט שרהן), באַשטייען די גרעסטע טייל אָנהענגער פון ספרדים. קענען זייערע אַריסטאָקראַטן שטילערהייט קרומען מיט דער נאָז: פאַרוואָס עפּעס האָט אַזאַ מיידל פון צעלאָזטן שטייגער — און נאָך אַן אשכנזישע דערצו — פאַרנומען דאָס אָרט פון זייערע טעכטער? מוז נתן באַוואָרענען, אַז זי וועט שפּעטער דעגראַדירט ווערן ביז צום ראַנג פון אַ „שפחה".

און דער עיקר: טאָמער וועט די אויפרודערונג פירן צו שווערע רעזולטאַטן, קומען רמזים אויף ליידן. נתן באַוואָרנט אויך, אַז שבתי־צבי זאָל זיך קענען ראַטעווען, זיך אויסבאַהאַלטן — און ער צוזאַמען מיטן משיח. דאָס פאָלק וועט זיך נישט אַנטוישן... ווייל שבתי־צבי האָט געמוזט אַוועק אויף יענער זייט סמבטיון, בכדי צו ווערן משה רבינוס איידעם און העלפן די יידן פון יענער זייט. אין איין אָרט איז נתן אַפילו מרמז, אַז דאָס קען דויערן נישט זיבן נאָר פערציק יאָר. אַזאַ לאַנגער גאולה־פּראָצעס קען אים געבן געגוג צייט. ער וואָרנט אַפילו די אומגעדולדיקע:

> דאָס אַלץ, וואָס איך שרייב, איז אמתע נבואה און איר דאַרפט עס גלייבן באמונה שלימה.

---

* אגב: עס איז צום באַוואונדערן די יידן פון יענעם דור. אַזויפיל בריוו מיט רמזים קעגן סולטאַן זענען צעשיקט געוואָרן און... לאַנגע יאָרן האָט קיינער נישט געמסרט. אַפילו נישט די פייערדיקסטע קעגנער. ערשט ערב שבתיס שמד איז עמעצער מודיע וועמען מען דאַרף װעגן דעם.

נאָך מער באַוואָרנט ער זיך אין אַ צווייטן בריוו, וואָס ווערט שוין צע־שיקט צו אַלע ייִדישע קהילות:

> ברידער ייִדן! זייט וויסן, אַז משיח איז געבוירן געוואָרן אין סמירנע... וואָס אינגיכן וועט זיך אַנטפּלעקן זיין מלכות. און ער וועט נעמען דעם כתר־מלכות פון מלך ישמעאלס קאָפּ און דער מלך וועט אים נאָכגיין ווי אַן עבד כנעני... און נאָכדעם וועט אונדזער משיח נעלם ווערן פון אַלע ייִדנס אויגן. זיי וועלן נישט וויסן וווּ ער איז געגאַנגען, אויב ער לעבט אָדער ער איז געשטאָרבן...

אַזעלכע דינע אַנצוהערענישן זענען פאַרשווונדן אינעם ים פון פלאַמיקע דייִד — אָבער מיר קענען זיי נישט פאַרזען.

ב.

די „אָנהענגער" פון שבתי־צבי צווישן היינטיקע עסייִסטן האַלטן נאָך אַלץ אין איין אַנטדעקן גרויסע רבנים, גאונים און מקובלים צווישן זיינע חסי־דים. די „קעגנער" ווידער באַמיִען זיך אַרויסצורייסן „פון זייערע הענט" וואָס מער פּערזענלעכקייטן: עס שטימט נישט מיטן היסטאָרישן אמת... ס'איז נישט אַזוי זיכער... די פרומע ספרים־וועלט קען זיך נעבעך בכלל נישט קיין עצה געבן מיט אַ צאָל פון די גרעסטע מאורי־ישראל אין יענער צייט. שווייגן זיי. אָדער באַמיִען זיך אַרומצוגיין דעם דאָזיקן פאַקט. נישט אַלע האָבן דאָך געקענט האָבן דעם פאַנאַטישן, איבערמאָסיקן ברען פון אַ ר' יעקב עמדין!

אָבער אַפילו ווען מיר זאָלן וועלן אויסמיידן די אַלע אַמפּערנישן — און זיך נישט קוויקן מיט דער זעלבסט־פּיין פון אַלערליי אַנטדעקונגען (אויך דער גאון איז געווען אַ שבתי־צביניק! אויך יענער פוסק האָט אין אים געגלייבט!) מוז מיר צוגעבן דאָס טראַגישסטע: אַ גרויסע צאָל פון דער תורה־אַריסטאָקראַטיע איז געווען צווישן די גלייביקע. טאָר מען נישט וואַרפן דאָס גאַנצע פעקל אויף דער נידערגעשלאָגענער מאַסע, אַזוי ווי בלויז זי — אין איר „אומוויסן" — איז דאָס שטאָף פאַרן דיקטאַטאָרישן געוועב. ס'קען זיין, אַז ווען נישט יענע גדולים און צדיקים — וואָס האָבן געוויזן אַ ביישפּיל — וואָלט די מאַסע אַזוי שטאַרק נישט מיטגעריסן געוואָרן.

עס נעמט פשוט שווינדלען פאַר די אויגן, ביים באַקענען די רשימה פון שאַרף־קעפּיקע גאונים, באַרימטע ייִדן, ליכטיקע צדיקים און ריינע נשמות — וואָס האָבן מיטגעמאַכט די דאָזיקע צעטרייסלונג פון אַלע יסודות. אמת: אַ סך פון זיי האָבן נאָר מיטגעמאַכט די ערשטע קאַפּיטלען פון דער שבתי־צבי־אמונה. על פי רוב זענען זיי געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן זיך אָפּגעטרייסלט, צוריקגעצויגן אין אייגענעם ווינקל. אַנדערע פון זיי זענען

שפּעטער געוואָרן די האַרבסטע באַקעמפער פונעם פאַלשן משיח. אָבער נ י ש ט אַלע.

און בעיקר: די מאַסע וואָס איז פון זיי פאַרפירט געוואָרן האָט נישט געקענט באַווייזן אַזאַ ריקצוג. ווען ד י רבנים האָבן באַוויזן על פּי התורה, אַז שבתי א י ז משיח, האָט די מאַסע נישט געדאַרפט פאַרשטיין וואָס זיי זאָגן. ס׳איז געווען גענוג דער גלייביקער ב יי ש פּ י ל. אָבער די באַווייזן איִיף פאַרקערט האָט שוין די מאַסע נישט געקענט תופס־זיין און דערביי אויך נישט געוואָלט. ביי איר איז אויסגעקומען, אַז די רבנים פּראַווען עפּעס אַ געהיימע מאמרים־אַקראַבאַטיק צוליב אייגענע חשבונות. והראיה: פאַרוואָס איז לכתחילה „געשטאַנען אין דער תורה״ אַ נ ד ע ר ש ? און נאָך עפּעס: די גרויסע לערער האָבן געהאַט ו ו ו ה י ן צו אַנטלויפן. זיי האָבן בלויז פאַרלוירן אַ האָפענונג, אַ משיח. אָבער ס׳איז זיי געבליבן די אייגענע גרויסקייט, די אַנגעזאַמלטע תורה, די אינטעלעקטועלע טרייסט. ווי נאָר זיי האָבן חרטה געהאַט — האָט דער דרך־ארץ צו זייער לומדות און צדקות זיי געעפנט אַלע טירן. אַפילו די חרם־לייגער פונעם קעגנערישן צד האָבן נישט געקענט פירן מיט זיי קיין שווערן חשבון, ווייל זיי האָבן געדאַרפט דעם גרויסן נאָמען און דעם באַווייז: נאָך אַ גאון איז צוגעקומען צו די באַקעמפער! וואָס האָט אָבער געהאַט די פּשוטע מאַסע? זי האָט לכתחילה אַלץ אַוועקגעגעבן, געוואָרן דער שטויב אונטער משיחס טריט און ס׳איז איר גאָרנישט געבליבן אין וואָס זיך צו קלאַמערן; וווהין צו אַנטלויפן. ז י האָט שוין געמוזט בלייבן, אויב זי האָט נישט געהאַט קיין חשק אונטערצוגיין. דערפאַר האָט זי זיך געטרייסט מיט יענע גרויסע מוחות וואָס זענען פאַרבליבן, נישט דערשיטערט געוואָרן פון די שווידערלעכסטע מעשים, ווייל זיי האָבן נאָר געזען דערין נ ס י ו נ ו ת.

מיטן בליק אויף די גאונישע מיטגייער ווערט מילדער אונדזער פּסק־דין אויף די המונישע מיטלויפער. וואָס זענען זיי דען געווען? דערשראָקענע קינדעו׳, וואָס די דערוואַקסענע טאַטעס האָבן אַריינגעפירט אין אַ פאַרכישופט חדר׳. אויך זיי זענען דאָרט געבליבן? זיי אַליין זענען שפּעטער אַוועק און אַ־בערגעלאָזט די קינדער אויף שבתי׳דיקן באַראָט? נישט וויכטיק. דער עיקר: די מאַסע באַקומט איר אַליבי, לכל־הפּחות טיילווייז, ביים דערזען דאָס גאַנצע בילד. דאָס לערנט אונדז, אַז נישט געניאַליטעט און נישט מענטשלעכע ערלעכקייט קענען שיצן פאַר עקזאַלטאַציע־מגיפות.

דערביי ווערט ביי אונדז נאָכמער פאַרשטאַרקט די באַוווּנדערונג פאַר יענער באַוווסטזיניקער מחנה רבנים, לומדים און מאַסן־יידן, וואָס האָבן אויס־געהאַלטן אַלע שטורעמס. זיי זענען געווען אין אַ פיינלעכער מינדערהייט, אויסגעשטעלט געווען צו קלעפּ און בזיונות — און דאָך זיך נישט איינגע־

בראָכן. זייער קאַמף קעגן אָנפאַל פון אַזויפיל בלינדן גלויבן איז אַן אייביקער וועגווייזער: אַ נצחון־פאַן איבער דער טראַגיש־ייִדישער געשיכטע.

ג.

עס איז פשוט צום שטוינען, וויאַזוי צייטן אימיטירן זיך און באַשטעטיקן דעם „אין כל חדש תחת השמש": אַנדערע אומשטענדן, אַנדערע ערטער, אַנדערע מענטשן — און דאָך: כאַפּט אַ בליק אין די צייט־דאָקומענטן פון דער שבתי־צבי־עפּאָכע און איר וועט טיילמאָל מיינען, אַז זיי דערציילן אונדז היינטיקע כראָניק. לאָמיר זען:

די מ אַ ס ע האָט אויך מיטגעריסן דאָס פ אָ ל ק. אָבער שבתיס „נביא־אישער" שאָטן האָט פאַרשטאַנען, אַז א יי נ מ אָ ל י ק ע באַהערשונג איז ווייניק. די שטאַרקסטע באַגייסטערונג קען נישט לעבן מיטן כח פונעם ערשטן פייער. דער מזבח פון התלהבות דאַרף האָבן יעדן טאָג פרישע פּאָרציעס בוימל. זיכער איז גוט, ווען מ׳קען כסדר אָפּערירן מיט נסים; באַווייזן נייע דעראָבערונגען און נצחונות. אָבער אַפילו ווען מ׳זאָל דאָס קענען — אָדער פאַבריצירן פרישע מופתים פאַר יעדן טאָג — פאַרלירן זיי די פייערלעכקייט. שוין די אַלטע חכמים האָבן געוווּסט, אַז די גאַנצע וועלט איז איין גרויסער נס — אָבער קען נישט באַגייסטערן אַלעמען, ווייל דאָס איז „אַ סטאַבילער נס". מוז מען האָבן אַנדערע מיטלען, מיט וועלכע אָנצוהאַלטן די טעמפּעראַטור.

האָט נתן אויך דאָס גענומען אין דער האַנט. ער האָט אָנגעהויבן שאַפן ל י ד ע ר. אַ סך פון זיינע שירים האָבן אַ גוט־באַקאַנטן (פאַר אונדזער דור) רעפריין: שבתי איז גרויס, הייליק, אַלמעכטיק, אומבאַגרענעצט, ליכטיק, געזאַלבט; ער איז דער הימל, די זון, די שטערן, דאָס האַרץ פון אַלעמען. נאָך היינט קענען מיר זיך באַקענען מיט אומצייליקע לידער און קמיעות פון אַזאַ סאָרט און זען, וויאַזוי די גאַנצע קאָמוניסטישע ליטעראַטור (ווי אַ ביישפּיל) איז איין גרויסער פּלאַגיאַט. אַלע הייבן זיך אָן און לאָזן זיך אויס מיט שבתי־צביס נאָמען. די וואַריאַציעס זענען בלויז פאַרשידן.

די אָנצינדערישע פאַרגעטערונגס־מגיפה, אין פאָרעם פון „פּאָעזיע", מערקט זיך תיכף אין די ערשטע יאָרן פון שבתיס התגלות; ווי נאָר ער האָט זיך מזווג געווען מיטן פּראָפּאַגאַנדיסטישן גרויס־מייסטער. ווער שמועסט שוין פון די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען זיינע מיסיאָנערן האָבן אָנגעשלאָגן אַפילו אין די פּאַרוואָרפנסטע קהילות! דאָן האָט שוין יעדער ווינקל־נביא געשאַפן אייגענע אָדעס צו זיין גרויסן נאָמען. אַזעלכע לידער האָט מען געזונגען מיט דביקות, ביי פאַרמאַכטע לאָדנס און מיט גלויבן, אַז קיין אַנדערע טאָרן בכלל נישט געזונגען ווערן.

אַזעלכע לויב־געזאַנגען האָבן אַריינגעצויגן אין אַ שטימונג, וואָס דאַרף שוין מער נישט קיין אַלטעגלעכע נסים, בכדי צו גלייבן פאַנאַטיש. אָנשטאָט וו אָ ר ע ווונדער האָט נתן געגעבן מיסטישע ווערטער; עקסטאַז־סצענעס, וואָס פאַרטויבן מיט זייער רויש דעם לעצטן פונק פון ספק. די משיחישע אמונה האָט באַלד פאַרמאָגט אויסערלעכע פאָרמען, וואָס מוזן באַצויבערן המונים. דערויף איז געווען אַ מייסטער שבתיס פּראַקטיש־קלוגער סעקרעטאַר אין ירושלים, שמואל פרימא. ער האָט מיט קאַלטער אויסרעכענונג געגנוג באַקרעפטיקט נתנס היציקע רייד. אַ סבראָ, אַז טאַקע ער האָט געפּועלט ביים נאָך־אַלץ־וואַקלדיקן שבתי, אַז ער זאָל זיך הילן אין אויסערלעכער פּראַכט; אין גרויסקייטס־מאַסקאַראַד. אַ דאַנק אים האָט זיך שבתי געלאָזט איינהילן אין קעניגלעך־פאַרביקע קליידער און בלויז אין זיי דערשינען פאַרן עולם. ע ר זאָל עס האָבן אַרויסגעצויגן שבתין פון הינטער דעם לעצטן פאָרהאַנג און אים געשטויסן אַ ל יי ן אויסצושרייען בקול רם: איך בין אייער מלך און משיח.

נתן האָט בייגעשטייערט דאָס פלאַמיקע וואָרט — און שמואל פרימא — די קאַלטע טאַט; י ע נ ע ר האָט צוגעשטעלט טעאָריע און פּאָעזיע, בעת ד ע ר האָט דערגענצט מיט ענערגישער אַקציע. נתן האָט געשטורעמט דאָס האַרץ; שמואל — די רעאַלע פעסטונגען: מיט פרימאן ביי דער זייט, האָט שוין שבתי אַליין געפירט דעם המון צו קעגנערישע בתי־מדרשים — און אויפגעבראָכן מיט אייזנס די טירן פון אַ שיל אין אַ שבתדיקן טאָג. דאָס האָט נישט אָפּגעשטויסן, נאָר פאַרקערט. והראיה: נאָך אַזעלכע „הרגע׳מענטן״ איז שבתיס שטאָלצער קעגנער, ר׳ חיים פּינייא, געקומען פאַר אים בייגן דעם קאָפּ און זיך קלאַפּן על חטא (יאָ, אויך די באַקאַנטע „ווידויים״ זענען קיין נייעס נישט). אויך ער, דער רייכער און עקשנותדיקער למדן האָט געמוזט אויסזינגען דאָס לויב־ליד, וואָס פ אַ ר אים האָט עס געזונגען אַזאַ גאון ווי דער מהר״ם גאלאנטי — — —

דערנאָך איז שוין אַלץ אַוועק ווי אַ מזמור. שבתי האָט גענומען בעל־הבתע־ווען איבער דער תורה, אָנשטאָט ז י זאָל דאַרפן געבן הסכמות אויף זיינע שריט און טריט. ער האָט געהייסן אַרויסזאָגן דעם ש ם אויפן פאַרבאָטענעם שטייגער; אויפרופן צום ספר וועמען ע ר וויל און דונערן איבער אַלעמענס קעפּ: אַזוי זאָגט אייער מלך המשיח! און אַלע האָבן שוין געוווּסט, אַז מ׳מוז איינשטימיק אָפּענטפערן: אייביק לעבן זאָל אונדזער קרוין פון קאָפּ, אונדזער קעניג און האַר, אונדזער גואל און משיח!

דאָס אַנדערע איז שוין לאַנגווייליקע כראָניק: שבתי זעצט אַראָפּ זיין אַמאָליקן רבין (ר׳ אהרן לאפאפא) פון דער גדולה; ער שטעלט אָן ז יי ן פ ו י ס ט ווי אַ שופר — און בלאָזט מיט איר תקיעות; ער ווייסט שוין

איך דעם גרעסטן סוד: מיט זיינע קעגנער טאָר מען נישט פירן קיין לאַנגע קבלה־וויכוחים, אין וועלכע יעדער צד קען זאָגן דאָס זייניקע. ער קלאַפּט בלויז מיטן שטעקן אין טיש — און דער „שטן" פאַרלירט דאָס לשון. דאָס ווירקט. אַפילו דער נייער רב, וואָס שבתי האָט באַשטימט פאַר זיין היים־שטאָט (ר' חיים בנבנשת) מוז פאַרגעסן אין זיין פריִערדיקן פלאַן — צו לייגן שבתין אין חרם. דער גאון האָט גאָר געמוזט אַרויפגיין אויפן באַלעמער און דערקלערן פאַרן עולם: אין כאלהינו... נאָר שבתי איז דער גואל. דער רייכער ר' חיים פּינייא האָט זיך אויסבאַהאַלטן? נישט געוואָלט אָנערקענען עפנט־לעך שבתיס געטלעכקייט? נישט געפערלעך. זיינע היסטערישע טעכטער אַליין זענען אים באַפאַלן, געטריבן אים צום פּרעכטיק־שיינעם משיח.

עס זענען נאָך געבליבן עקשנים, וואָס מען קען אַפילו נישט צווינגען צו חרטה? נו, צו אַזעלכע דאַרף מען זיך מער נישט באַציִען ווי צו מענטשן — וואָס מען מוז האָבן זייער אָנערקענונג, אַפילו ווען זי ווערט אַרויסגע־פּרעסט. דאָס גופא גיט זיי דאָך אַ באַשטימטע חשיבות. דערפאַר האָט שבתיס לאַגער באַשלאָסן זיי צו אַנטמענטשן. נישטאָ מער קיין קעגנער — מעגן עס זיין די וווּנדערלעכסטע גאונים — נאָר נידעריקע חיות, פּיפּער־נאַטערס, שלאַנגען, עקדישן... אָט אַזוי טאַקע ווערן זיי באַצייכנט אין די שריפטן פון דער נייער אמונה. און דער המון? ער האָט געיובלט דערפון. אָנ־געזאַמלטע קנאה, פאַרזשאַווערטע פאַרדרוסן, מינדערווערטיקייטס־געפילן — אַלץ האָט אויפגעוואַכט, געהייסן הנאה־האָבן פונעם שפּיל: אַלטע דרך־ארצן וואַלגערן זיך צעטראָטן אונטערן המונס פיס, די וויכוחים דאַרפן מער נישט אָנשטרענגען דעם מוח און במילא קענען אַלע אָנטייל־נעמען. וויבאַלד מען דאַרף נישט מער זוכן קיין גלערנטע קעגן־אַרגומענטן — קען זיך אַ נאַקעטער עם־הארץ שטעלן קעגן אַ גאון־עולם און אַרויסדונערן: כופר! שלאַנג! טיגער!!! אוי, דאָס קען דאָך יעדער איינער...

איצט מוזן די „אינטעלעקטואַלן" פון שבתיס גוואַרדיע זיך נישט אָנ־שטרענגען איבער דער מאָס. די פרימאָס, פּינייראָס, יכיניס, בלאַכס, נתנס, קורדוזוס און ענלעכע וועלן בלויז גיין צו די גרויסע לומדים; זיי וועלן דאַרפן אַרויסטרעטן ווען... מ'וועט וועלן אַריינציִען אַזעלכע פּוסקים ווי דער „טורי זהב". פאַרן פאָלק פעלן נישט קיין זידלערישע כלים. מיילער ווערן אויפגע־ריסן צו יעדער מינוט. די אויבערשטע שיכט איז געווען נייטיק, ווען יעדער נביאות האָט געדאַרפט האָבן אַ באַרג מיט ראיות פון שווערע ספרים, פון אָנטפּלעקטע סודות. איצט וועלן זיי בלויז ניצלעך זיין, ביים פאַרוואַרפן די בשורה אין ווייטע לענדער — ווו גאונים און צדיקים האָבן נאָך די דעה. אין דער גרויס־טערקישער אימפּעריע גופא קענען שוין פירן די שלאַכט קיילער־

יינגען, דינסטמוידן, הינקעדיקע בעטלער, חדר־יינגלעך און אמתע טערקן. זיי דאַרפן בלויז אויסשרייען מיט אַ פאַרחלומטן קול: איינציקער! אויסלייזער!!! אָדער: וואָרעם! חוצפהדיקער כלבֿ! די גאַנצע „תורה" על רגל אחת.

דאָס ווירקט. אַלע שטייען אויף, זינגען דעם שבתי־צבֿי־הימן: „השם בעזך ישמח מלך" — און יעדער הויך פון זיין מויל ווערט צעטייטשט אויף אַלע יאַרמערק... וואָס דאַרף מען נסים? באַווייזן? פאַראַדן קענען אויפטון דאָס זעלבע. אין סאַלאָניקי, למשל, האָבן 700 פאַרלעך חתונה מיטאַמאָל פאַר זיין כבֿוד־וועגן; אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל נעמט אַן אַלטער מקובל טאַנצן אויף אַלע פיר, בכדי צו דערהייבן „זיין" נאָמען; אַ שניידער פון דער עלבאַ־אינדזל נעמט אין מיטן דער אַרבעט וויינען און לאַכן, איידער ער שרייט אויס: משיח איז אין טערקיי... הענער נעמען אויסקרייען משיחס נאָמען און קעלבער צייכענען, אין זאַמד פאַרן שחיטה־הויז, אַזעלכע מאָדנע הערנער, ווי פון אַ הירש — און מען דאַרף נישט זיין קיין חכם צו פאַרשטיין וואָס זיי מיינען: זאָל לעבן אונדזער משיח, המכונה צ ב י.

ד.

לאָמיר איבערהיפּערן דעם עכאָ אין פאַרשידענע לענדער, הגם ער קען אונדז דערציילן גאָר אַ סך. דער מאָסן־אויפברויז אין האַמבורג, ווילנע, אַמ־סטערדאַם און סאָפיע האָט אין זיך אַזויפיל סודות, שרעק און וווּנדער — אַז קיין הונדערטער בענדער וועלן דאָס נישט אַרומנעמען. שבתיס מאַנטל האָט איינגעהילט אומצייליקע קהילות, וואָס האָבן מער ווי אַ בלאָסן קלאַנג וועגן אים נישט פאַרנומען... און דאָס מערקווירדיקסטע: גילוי־שבתי האָט שוין געדויערט י אָ ר ן און די גאולה גופא האָט מען נישט דערזען. אדרבא: עפּעס האָט דער גואל אָנגענומען אַ געשטאַלט פון אַ פּורץ־גדר, רחמנא־ליצלן. האָט עס געווירקט? יאָ, אויף געציילטע. אויפן המון? חלילה! עס איז נאָר געגוג געווען צו פאַרטאָפּלען די צאָל מזמורים, פאַרגרעסערן די זעלבסט־פּיין, די פאַראַדן. יעדער טאָג וואָס איז — דורכן מינדסטן — פאַרבונדן מיט אים, מוז ווערן אַ יום־טובֿ. מען האָט געפייערט דעם טאָג ווען זיין מוטער איז פאַר־גאַנגען אין טראָגן, ווען ער איז געבוירן געוואָרן, ווען ער איז אַנטלאָפן, ווען ר'האָט זיך אומגעקערט... און הייליק איז אויך געוואָרן דער טאָג (מיט אַ תענית אין דער ערשטער העלפט און מיט סעודות אין דער צווייטער) ווען ער האָט זיך צום ערשטן מאָל דערנענטערט צו שרהן... כמעט אַלע (שוין אָפּגע־רעדט פון די לידער און תורות) האָבן אָנגעוווּנקען אויף עראָטישער פאַרהער־לעכונג און די מאַסע האָט געפילט אַן עלעקטריש־קאָנווולסיוון ציטער.

די ימים־טובֿים האָבן זיך געמערט און די פייערלעכקייט האָט פאַרדרענגט

די ביטערע שאלות: ו ו ע ן   ש ו י ן ? ווען וועט זיך אָפּשטעלן דער גרויסער האַס, דאָס לייגן אין חרם, די געשלעגן, די שריפות? ווען וועלן שוין קומען די טעג פון מילדקייט און רחמים? ווען וועט מען טאַקע אויף אַן אמת אויס־געלייזט ווערן? זאָלן נאָר פויקן אַלע פּייקלער, זאָלן נאָר די זינגער און זאָגער ניִשט אויפהערן זייער שירה און רמזים־זאָגעניש...

און פאַרוואָס בלויז פּאַראַדנע פייערונגס־טעג? אַ היפּש ביסל יום־טוב האָבן אויך אַריינגעבערענגט די פאַרביקע דעלעגאַציעס פון נאָנט און ווייט. ייִדן פון די פאַרוואָרפנסטע מקומות האָבן געשפּאָרט פון מויל, אַבי צו געבן אויף הוצאות עטלעכע שליחים: זאָלן זיי פאָרן און זען, אויב אין איזמיר לייכט שוין דער מאָרגנשטערן, אויב ד אָ ר ט איז שוין די גאולה געקומען און דער מלך אויף דער שטול קען טאַקע ווערן אַלעמענס האַר. אַז די שליחים זענען געקומען — האָט דער „הויף" געגלאַנצט, געצויבערט, געזוכט צו פאַר־ברענגען יעדן ספק אין אַזאַ שליחס האַרץ.

און יום־טוב האָט אויך געווייעט פון די ווייטסטע גרוסן: אָט־באַלד נעמען זיך פּאַקן די ייִדן פון פויפסטלעך־פּראַנצויזישן אַוויניאָן און פונעם גערמאַנישן האַמבורג, פון בריטישן לאָנדאָן און האָלענדישן אַמסטערדאַם. אַפילו גויִים מיט אַ הויכגעשטעלטן נאָמען פרעגן זיך נאָך, וווּנדערן זיך, פאַרטראַכטן זיך. אָפיציעלע אַמבאַסאַדאָרן קומען באַקוקן, פאַרצייכענען, שיקן אַוועק באַריכטן — — — ע פּ ע ס וועט שוין דערפון אַרויסקומען. אַזאַ מעכטיקע כוואַליע, וואָס האָט זיך צעגאָסן איבער דריי קאָנטינענטן, קען ניִשט צעשלאָגן ווערן פון רעאַליסטישן זאַמד ביים ברעג. דאָס פאָלק דאַרף נאָר גלייבן — און עס גלייבט. ייִדן הערן אויף צו פאָרשן דעם ק ץ , צו זוכן אים אין פּסוקים — נאָר זיי שפּעקולירן בעסער אויפן ז י כ ע ר ן : ווען וועט ש ב ת י באַשליסן צו ענדערן די וועלט? אַז ער ק ע ן זי ענדערן, איז שוין ביי זיי קיין ספק ניִשטאָ. בלויז וועגן דער דאַטע געוועט מען זיך אין געלט, אין חפצים — הגם קיינער ווייסט ניִשט אויף וואָס דאָס געלט וועט טויגן, בעת ער וועט אַראָפּוואַרפן פון זיך די לעצטע פאַרהילונג.

דער סעקרעטאַר פּרימאָ האָט אָבער צייט. ער שיילט אָפּ פונעם האַר איין לבוש נאָכן צווייטן — און דער לעצטער בליץ איז נאָך אַלץ ניִשטאָ. לכתחילה האָט יעדער שריט געדאַרפט זיין אין הסכם מיט עפּעס אַ רמז פון זוהר, רמ"ק, אר"י. ביז שמואל פּרימא האָט באַשלאָסן: מען דאַרף עס ניִשט מער. וואָס דאַרף דער הייליקסטער בעטן הסכמות? ער אַליין קען זיך באַשאַפן אַ תורה; ער איז גרעסער פאַר אַלע ביז־איצטיקע, איז כולל אין זיך אַלע ספירות, אַלע שמות. וויאַזוי קענען פּסוקים אים פאַרצוימען דעם וועג? טאַקע ממש ווי יענע נביאים פונעם פריִערדיקן גאָט־זון, וואָס האָט ביי די ערשטע

שריט נישט געוואָלט ענדערן קיין אות פון משה״ס תורה... ערשט ווען אַלץ איז אויפגענומען געוואָרן, האָט פרימא געוואָגט אונטערצושרייבן אַ בריוו — אין נאָמען פונעם האַר — מיט דער לעצטער חוצפה:

— איך, א יי ע ר ג אָ ט, שבתי צבי...

אוודאי האָבן עס נישט אַלע געקענט אַראָפּשלינגען. אָט, למשל, האָט זיך אויסגעניכטערט אַזאַ גאון ווי דער מהר״ם גאלאנטי. איצט האָט ע ר שוין געוואָלט לייגן דעם נייעם „גאָט" אין חרם. ס'איז אָבער געווען צו־שפּעט. די מאַסע איז נאָך מער באַגייסטערט געוואָרן. ענדלעך האָבן זיי אַ לעבעדיקן גאָט מיט זיך. אַפילו פרומע מיטלויפער, וואָס האָבן אַזאַ „געטלעכע" טערמי־נאָלאָגיע נישט געקענט סובל זיין, האָבן דערוויייל צוגעבאָמקעט. פאַראַן אַפילו אַן אידעאַליסטישער תירוץ דערויף: אַזויפיל פלאַמיקע דרשנים האָבן גערופן דאָס פאָלק צו תשובה — אָבער ווייניק באַוויזן. דער המון איז נישט אַרויס פון די כלים, נישט געהאַלטן ביים ענדערן דאָס גאַנצע לעבן. איז געקומען ע ר און זיי אַרויסגעריסן פון גליוועך. טאָ זאָל ער דערווייל... אַז דאָס פאָלק וועט שוין ז יי ן פון יענער זייט נאַרמאַליטעט, וועט לייכטער זיין צו שמועסן מיט קהל וועגן די שלעכטע זייטן פון דער באַוועגונג. אין היינטיקע ווערטער: זאָל דערווייל אָנשטעקן מיט „רעוואָלוציע" ווער עס וויל. זאָל שבתי טון די אַרבעט פון אויפטרייסלען די מאַסן. ער איז נאָר אַ צופאַל, פאַריבערגייענדיק — אָבער די ענדערונג וועט בלייבן.

שבתיס נביאים זענען אָבער געווען קלוגער. דאָס דאָזיקע שווייגן און אויסרעכענען איז זיי צונוץ־געקומען. די תאווה פון דער מאַסע צו זען אַן אַבסאָלוטן גואל האָט באַוויזן צו פאַרשווענקען אַלע פאַרזיכטיקע, סובלימאַ־טיווע חלומות... און אַז די מאַסע איז שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פייער־לאַווע, איז געקומען די אימה און פאַרשטאָפּט די מיילער — אַפילו ביי יענע וואָס וואָלטן שוין גרייט געווען צו שרייען. אַזעלכע מוטיקע קעגנער ווי די פּאָעטישע ברידער פראַנסיס, אָדער ר' יעקב שאַשפּאָרטאַש, זענען באַוואָרפן געוואָרן מיט שטיינער, פאַרטריבן געוואָרן פון הויז און לאַנד — און ערשט דאָרט געציטערט פאַר אַ געהיימער פאַנאַטיקער־האַנט. די באַוועגונג האָט זיך זיך שוין געמוזט אויסקאָכן און אויסברענען פון זיך אַליין.

ה.

נאָך אין 1648, האָט דער יינגער שבתי שטיל אַרויסגעפּרעפּלט איינעם פון זיינע הויפּט־צילן: ער וועט פאַרפירן אַ שלאַכט מיטן „גרויסן קראָקאָדיל", זיך פאַרמעסטן מיטן סולטאַן. גאַנצע אַכצן יאָר ווערט דאָס געשריבן, ברמז אָדער אָפן, אין דער שבתי־צבי־פּראָפּאַגאַנדע (הגם נתן, ווי מיר האָבן געזען,

האָט עס אין די לעצטע יאָרן געוואָלט קאָמפּלירן: אָ ן מ ל ח מ ה). געהייסן האָט עס, אַז איידער ער באַזיגט דעם מלך פון די ישמעאלים — קען די גאולה נישט מעגלעך זיין.

מיר מעגן אַפילו שמייכלען פון געוויסע, היינטיקע פאַרשער, וואָס שטעלן פאַר דעם קרייז אַרום שבתין ווי אַ שאָטן־קאַבינעט מיט מאָדערן־פּאָליטישע צילן און געהיימע קאָנטאַקטן — וואָס האָבן זיך געצויגן צו אַ ריי אייראָפּעיִשע רעגירונגען. אַזוי ווייט „אַקטואַליזירן" יענע גרופּע, זענען מיר באַין־אופן נישט בכוח. הינטער אַלע פּעלשונגען, ראַפינירטע כיטרעקייטן און טשאַד, זענען פאַרט געשטאַנען קבלה־באַרוישטע קעפּ — און זיי וואָלט גאַרנישט איינגעפאַלן צו ברענגען די גאַנצע גאולה דורך „גויִשע הענט". עס קען בלויז געמאָלט זיין, אַז אַ ריי שונאים פון גרויס־טערקיי וואָלטן גרייט געווען צו־צולייגן אַ האַנט צום שפּיל — ווען די שבתי־צבי־באַוועגונג זאָל געווען ווערן פּאָליטיש־רייפער און קרעפטיקער. אפשר וואָלט די איבערגעריסענע שתדלנות פון דוד הראובני איצט באַקומען אַ תיקון. אָבער דאָס אַלץ זענען נישט מער ווי שפּעקולאַציעס. עס איז נאָר באַקאַנט, אַז שבתיס קרייז האָט אויף אַ נאַיִוון אופן געמאַכט אַ חלוקה צווישן זיך; פאַרוואַנדלט די טערקישע אימ־פּעריע אין 26 פּראָווינצן (סאַטעליטן), אויף וועלכע יעדער פון זיי וועט הערשן מיטן האַרס כח.

ווילאַנג קען מען אָבער צעגליִען די פאָלקס־פאַנטאַזיע מיט אַזעלכע פּליס־טערייען? ווי אַלעמאָל ביי דיקטאַטורן, האָט אויך דאָס מאָל שבתי זיך גע־פילט ווי געפאַנגען פון זיינע אייגענע פּראַזן. די מאַסע איז געלעגן אונטער־טעניק צו זיינע פיס און דאָך האָט זי אַנגעוואָרפן איר ווילן דעם גאָט אין פאַרביקע בגדים. האָט ער אַליין פאַרלוירן די קאָנטראָל איבער זיך? האָט ער געמוזט? האָט ער געשטעלט אויף דער לעצטער קאָרט, פון אַנוואָרפן פּסי־כישע אימה אויפן הערשער? האָט ער שטילערהייט אויך באַשלאָסן דאָס שפּעטערדיקע, אויפן לעצטן פאַל, בלית ברירה? איז אמת, אַז פרימא האָט אים געשטויסן צום לעצטן אַקט, בכדי עס זאָל מוזן קומען צו אַ ברוך מיט דער אַלטער ייִדישקייט? מיר ווייסן נישט. די שופרות זיינע האָבן בלויז צעבלאָזן, אַז די צייט איז געקומען. האָט די שפּאַנונג געמוזט פאַרכאַפּן:

— טאַקע ווי אַ גאָט. ער מאַרשירט צו דער הויפּט־שטאָט. מיטן בלויזן שם־המפורש אין מויל גייט ער דעראָבערן די העכסטע שטול...

קען אַ משיח האָבן אַ גלייכע שפּראַך מיטן גלגול פונעם נחש הקדמוני? קען ער שליסן אָ פּ מ אַ כ ן, אַפילו צייטווייליקע, מיטן סאַמע־שורש פון טומאה? קען ער זיך אַרומכאַפּן מיט דעם, וואָס ער האָט באַוואָרפן מיט פייער די קנאָפּע צוואַנציק יאָר פון זיין „גרייטן זיך"? זיכער נישט. משיח קען דעם

אַדריאַנאָפּאָלער „תנין הגדול" בלויז אַ שליידער טון אינעם כף הקלע אַריין.

אויב אַזוי — שטורעמט דער המון, צ:ען זיך גלויביקע מחנות פון אַלע לענדער און פאַרלייגן אַלע וועגן און שטעגן: זיי ווילן זיין דערביי, ווען דער פאַרמעסט וועט פאָרקומען. אָבער משיח איז ביז צום סולטאַן אַפילו נישט דערגאַנגען. ביים פאָרט, וווהין זיין „קעניגלעכע" שיף איז אָנגעקומען האָט שוין געוואַרט אויף אים אַ וויזיר — מיט קייטן. אוי, דער האַר האָט נישט געשטורעמט! קיין פייער־זייל איז פון זיין מויל נישט אַרויס און זיין האַנט האָט נישט געבראָכן דעם אָרעם פונעם רשע, אין דער געשטאַלט פון גרויס־וויזיר אַכמעד. פאַרקערט: ער איז גאָר אַריינגעפאַלן אין גרויס שפּלות. נאָך אַ נס, וואָס ער קען זיך ווידער אומקערן (מיט נתנס כח) צו די אַלטע קבלה־ספרים, וועלכע ער האָט פריִער געוואָרפן אין שטויב. זיי האָבן אויך אַזעל־כעס פאַראויסגעזען, געהאַט דערפאַר אַ נאָמען. אַדאַנק זיי קען מען ווידער רעדן וועגן אַ ירידה, וואָס איז גאָר אַ שטייגן; וועגן טאָפּלטן פנים, וואָס מוז באַוויזן ווערן — ביים גיין צום שטן אין דער הייל...

דערפאַר קען דער אויסגעגלייכטער מלך המשיח ווידער שטיין געבויגן; רעדן מיט הכנעה און תחנונים צום טערקישן וויזיר: ער מיינט דען עפּעס שלעכטס קעגן הוד מלכותו? ער בלייבט אָבער פאָרט אַן אַרעסטירטער. נישט מער: זיינע נביאים גיבן זיך אַן עצה. זייערע בריוו איבער דער וועלט דער־ציילן וועגן נייע נסים ונפלאות, וואָס ער האָט באַוויזן. פאַרוואָס האָט ער נישט געמאַכט קיין תוהו־ובוהו פונעם רשעס פּאַלאַצן? הלמאי איז ער אַליין תפוס גענומען? דאָס קענען בלויז פרעגן קליינע מוחות, וואָס זעען נישט ווייטער פון זייער נאָז. למען האמת, איז גאָר משיח אַריינגעריטן אין פּאַלאַץ אויף אַ ברומענדיקן לייב. דער רשע אַליין איז באַלד נכנע געוואָרן, גרייט געוואָרן צו זיין דער שפּלסטער עבד ביי משיחן. אָבער אַרויסקומען פּלוצים מיט אַזאַ ליכט צו די פּשוטע מענטשן — איז נישט מעגלעך. די גאַנצע וועלט קען זיך איבערקערן פונעם האַסטיקן, בלענדיקן ליכט. מוז ער שטיל און בהדרגה אַרויסשיקן איין שטראַל נאָך דער צווייטער, ביז...

ציטירן און אויסטייטשן אַלע תירוצים איז נישט מעגלעך. בעיקר: די אמונה האָט זיך נישט געוואַקלט. אַפילו דער שכל איז דאָ געקומען צוהילף. אויב, חלילה, ער איז טאַקע געפאַנגען — איז דער פּלא ווידער גרויס: אַלע ווייסן, צוליב וואָס שבתי האָט זיך געלאָזט אַהין. דער סולטאַן און זיינע שרים האָבן געהערט, אַז דאָ קומט זיין געפּערלעכעסטער שונא — טאָ פאַרוואָס האָט ער אים באַלד נישט אומגעבראַכט, ווי עס קומט אַזאַ מורד במלכות? צוליב וואָס לאָזן זיינע לייט, אַז די גלויביקע המונים זאָלן זיך ווייטער זאַמ־לען, דערגרייכן ביז צום פּאַלאַץ און אַפילו אַריינקומען פאַר באַקשיש אינע־

וויניק? פאַרוואָס הערט מען נישט פון קיין גרויסן משפט, דורך וועלכן מלכות זאָל נקמה נעמען?*) איז דער תירוץ: סודות... נסים צייטיקן זיך אין דערשטיל. ישועות וואַרעמען זיך דאָרט אין די חדרים — הגם זיי ווערן נאָך געהיטן פון לייב־וועכטער מיט אויסגעשטרעקטע שווערדן. דאַרף מען וואַרטן, דאַרף מען גלייבן, דאַרף מען האָפן, דאַרף מען ראוי זיין צום טאָג פון גרויסן זכות.

ו.

דאָס פשוטע פאַרשפּאַרן שבתין אין אַ פעסטונג, האָט די מאַסע נישט דערשיטערט. דאָס האָט זי גענומען אויפן חשבון פון א י ר ע זינד. דערפון האָט זיך געשאַפן אַ גראָטעסק, פאַרכישופט ראָד; וויבאַלד די מאַסע האָט זיך נישט אַנטוישט, האָט זיך דער הערשער געקענט דערלויבן צו זיין מילד. סיבות? אַלערליי. קודם־כל — דער פשוטער חשבון: מחנות גלויביקע האָבן געשטראָמט צום תפיסה־טויער. זעק מיט גאָלד האָבן איבערגעוואַנדערט צו די וועכטער — אַבי זיי זאָלן אַריינלאָזן אויף אַ רגע, כאָטש לאָזן כאַפּן אַ בליק. קיין געפערלעכן אויפשטאַנד קען דער צעדרייטער משיח מער נישט מאַכן. דערפאַר אָבער ווערט ער אַ קוואַל פון הכנסה. הלוואי זאָל נאָר אַזאַ וואָפנשטילשטאַנד צווישן אים און דער מאַכט אָנהאַלטן יאָרן. די גאָלדענע צינזן וועט מען האָבן צו פאַרדאַנקען דעם מאַן, וואָס האָט מיטן מויל געוואָלט פאַרוואַנדלען דאָס לאַנד אין אַ חורבה... זענען נישט געווען ביים שכל יענע טפשים, וואָס האָבן אים באַלד געוואָלט קעפן. אדרבא: זאָל ער געניסן פון גוטער באַציִונג, האָבן אַ גוט פנים צו באַווייזן דעם טייערן מענטשנשטראָם. אַלע היסטאָרישע תירוצים זענען נוגע דער פראַגע, הלמאי ער איז באַלד נישט געטויט געוואָרן. מיר רעדן אָבער פון דער גוטער באַציִונג צו אים.

ווער קען וויסן אַלע כוונות פון אַ גרויס־הערשער אין יענע טעג? אפשר האָט זיך דאָ אויך אַריינגעמישט נאָך אַ געדאַנק: זאָל זיך די דאָזיקע מאַסע יידן אָנגלויבן ביז מידקייט. דאַן וועט געגעבן ווערן דער לעצטער קלאַפּ. זיי וועלן דעמאָלט מער קיין כח נישט האָבן צו ווייטערדיקער עקשנות און זיך איינברעכן. דער איסלאַם וועט נישט זיין אַזוי אכזריותדיק־טעמפּ ווי זיין קריסטלעכער ריוואַל: ער ברענט הונדערטער יאָרן יידישע לייבער און צו זייערע נשמות האָט דאָס פייער פאָרט נישט דערגרייכט. אדרבא, די שנאהדיקע עקשנות איז נאָך פאַרביסענער געוואָרן. די ראַטגעבער פונעם סולטאַן

* וועגן דער האַנדלונג כלפי שבתי־צבי זענען פאַראַן אַלערליי סברות, פון פּאָליטישן כאַראַקטער, ביי היסטאָריקער. זיי האָבן אָבער נישט קיין שייכות צו אונדזער טעמע.

האָבן אפשר געזוכט דעם פּסיכאָלאָגישן ש אָ ק, וואָס זאָל טרעפן שטאַר־קער און טיפער. אַז זיי ק ע נ ע ן האָבן מער דערפאָלג ווי די אינקוויזיטאָרן פונעם שפּאַנישן האַלב־אינדזל האָט געוויזן אַ גראָטעסק בילד: די פּוילישע ייִדן האָבן אַריבערגעשיקט, ווי אַ שליח, אַ שאַרפן קאָפּ מיט אַ פייערדיקער צונג. א י ם האָבן די טערקישע וועכטער אַריינגעלאָזט אָ ן שוחד־געלט, ווייל מער ווי זיין בגד אויפן לייב האָט ער דוכט זיך נישט פאַרמאָגט. האָט ער געשטעלט אַזויפיל שאלות שבתין, ביז יענער איז בייז געוואָרן. דערנאָך האָט דער המון געוואָלט שטייניקן דעם מאַן מיט דער בייסיקער צונג און... דער גרויסער מקובל נחמיה כהן האָט זיך געמוזט ראַטעווען מיטן אַריבער־לויפן מחמדס שוועל. זיין שמד איז אַדורכגעפירט געוואָרן מיט גרויס פּאָמפּע.

דער סולטאַן אַליין האָט אים אויפגענומען — און דאָס האָט זיכער באַ־קומען פליגל. וויבאַלד אַזאַ קנאותדיקער ייִד האָט זיך געמוזט איינברעכן — וואָס וועט שוין פאַסירן מיט טויזנטער אַנדערע, קלענערע פאַר אים אין תורה און אין חכמה? זאָלן זיי בלויז קומען וואָס מער און — האָבן אַ ביטערע אַנ־טוישונג! (אגב, איז כ ה ן שפּעטער אַנטלאָפן קיין פּוילן און ווידער גע־וואָרן אַ כשרער ייִד).

אָבער דער המון ווייזט אַרויס מער געדולד ווי נחמיה. די מאַסן קומען, הענגען זיך אָן אין די תפיסה־שטאַכעטן, שלאָפן אויף די גאַסן אָדער צאָלן פאַרמעגנס פאַר אַן אכסניה, שרייען מיט באַנומענע קולות וועגן זייערע נאַכט־חלומות. עפּעס איז זיי פאָרט דער גאַנצער ענין אויף דער האַנט: פאַרוואָס לאָזט מען זיי? הלמאי שטערט זיי קיינער נישט צו לויבן משיחן אויפן קול, אים ברענגען מתנות? הותרה הרצועה? נאָך אַזויפיל רייד וועגן נ ח ש, בייגן זיך גאָר די וועכטער אין דרייען, לאָזן משיחן זיצן און פירן זיין אַרומ־געריגגלט מלכות?

אַ האַלב יאָר גייט אָן דאָס שפּיל אין געפענגעניש — ביז עמעצער האָט ערגעצוווּ באַשלאָסן: גענוג. פאַרוואָס גראָד איצט? לאָמיר בעסער שווייגן און ווייטער נאָכפאָלגן יענע מאַסע, וואָס איז אי געזונקען אַזוי־טיף און אי אַרויס־געקומען מיט אַ קרומען, ווילד־צעפייערטן נצחון איבער אַלע ממזרישע הויף־חשבונות.

ז.

וויי־געשריגן! ווי שוואַך און צעקראָכן ער איז געוואָרן! אָן די צעפייערטע נביאים ביי דער זייט, איז ש ב ת י אַ ל י י ן אַ קליינער, דערשראָקענער מענטש. ער ווערט גענומען פאַר אַלעמענס אויגן צום סולטאַן — און מאַכט נישט דעם מינדסטן זשעסט פון גבורה, בכדי דער מאַסעס האַרץ אין דרויסן

זאָל זיך אַ הייב טון... ווי „יענער״ אויפן גאַלגאַטע־וועג גייט ער הכנעהדיק — אָבער פון אים הערט מען אַפילו נישט די געבויגענע און דאָך פּראָטעסטי־קע תפילה פון „אלי, למה עזבתני״. ער האָט אַפילו נישט קיין כוח צו פאַלן, צו שטאַרבן בכדי צו בלייבן לעבן אין די הערצער.

די גאַנצע איין און פערציק יאָר פון זיין לעבן; אַלע תעניתים און בענק־שאַפטן פון דער יוגנט; אַלע זיכערקייטן און טריומפן פון דער רייפקייט; אַלע פייערדיקע בליקן פון דרויסן, וואָס בעטן, חלשן, לעכצן, האָפן, דראָען און קושן: באַוויזו!!! לעש כאָטש א ו נ ד ז נישט אויס... דאָס אַלץ ווערט אין איין רגע צעמורשט, צעשטויבט, צעפליט זיך. גאָרנישט בלייבט מער. זיין האָרץ איז אַ פוסטער תהום. דער מוח איז אַ חורבה. דאָס אויג זעט נישט מער און זעט פאָרט: דעם סולטאַנס דאָקטאָר, אַליין אַ צעקראָכן משומדל, שטייט קעגן איבער אים און לאַכט, און שעלט, און איז אים מפתה... אויך י ע נ ע ר האָט זיך געפילט נידעריק, קליין, גאָרנישט: אפשר? טאָמער איז ד ע ר דאָ־זיקער מאַן אַ הייליקער שליח און קומט אויפהייבן דאָס אייגענע פאָלק פון שטויב? ווי, וואָס עס וועט דעמלט ווערן פון אַזעלכע משומדים! א י ב ט האָט ער אים פאַר זיך, דעם וואָרעם, דאָס קליינע נפשל אינעם בגד פון אַ גאַנ־צער וועלט. לאַכט ער... און האָט מורא: טאָמער האָלט ער אויס דעם ל ע צ ט ן נסיון? דאַן וואָלט ע ר זיך ווידער נישט געפונען קיין אָרט. יענעמס גבורה וואָלט אים פאַרסמט, באַשפיגן דאָס לעבן ביז צום גרוב. מוז ער ווערן ערנסט, מיט אַלע כוחות יענעם אַנוואַרפן זיין אייגענע הויט: דורך שבתיס שמד וועט אויך ער דערהויבן ווערן, אַריינפאַלן אין אַ הייליק־שמוציקן קנויל... און דער סולטאַן אויף זיין שטול זיצט שטום און זעעוודיק, קוקט אויף אַלץ און אַלע־מען — וועט ער זיכער נישט פאַרגעסן די גרויסע מי פון זיין געלערנטן קנעכט.

די שטול! אַזויפיל רמזים זענען וועגן איר געזאָגט געוואָרן; אַזויפיל מלאכים און שרפים האָבן זיך געגרייט קעגן איר... און כביכול אַליין האָט געציילט די תקופות, געחשבונט די צייטן, די יאָרן, די מינוטן — ביז ער וועט זי קענען צעטרייסלען. איז זי אַצינד אַזוי נאָענט — מיט דער האַנט צו דער־לאַנגען. איין האַסטיקער באַוועג — און שבתי קען זי אָנרירן, אָנטאַפּן, שפּירן איר האָלץ, ביין אָדער גאָלד מיט אַזאַ נאַקעטער ממשות. איז דען אַזוי שווער זי צו טרייסלען? אַראָפּצוּוואַרפן דעם פעטן מאַן? אַלע ווייטקייטן צווישן די פסוקים און דרשות — פון איין זייט — און דעם נחשס כסא פון דער צווייי־טער — זענען צעקוועטשט געוואָרן. נישטאָ. די משומדישע אויגן פונעם דאָק־טאָר זענען אונטערטעניק, הכנעהדיק, חנפענען דעם מאַן אויפן טראָן... אָבער אַ קליין־קליין פּינטעלע אין אים צאַפּלט זיך נאָך אַלץ, רייסט זיך אַדורך

מיטן לעצטן, פֿאַרטייעטן ייִד־שימער: אפשר וועט ער פֿאָרט... אפשר קען ער?

ניין! ס׳איז נישט קיין משיח און ער קען נישט. זע נאָר דאָס נעבעכדיקע פֿיגורל, צו וועלכן אַלע האָבן געטראָגן זייערע האָפֿענונגען. דוכט זיך, אַז קיינער זעט דאָ נישט מער דאָס שיינע געשטאַלט. בלויז אַ בלייכע האַנט פֿאַר־שטעלט אַלצדינג; אַ האַנט, וואָס גיט אַפֿילו נישט קיין ווייטיקלעכן ציטער — נאָר כאַפּט דעם ט אַ ר ב ו ש פֿון ביליקער רעטונג: דעם צייכן פֿון איי־בערגאַנג צום איסלאַם, פֿון דינען דעם גראָבן מאַן אויף דער שטול, פֿון פֿאַראַט — — —

האָט ער טאַקע קיינמאָל גאָרנישט געוואָלט? ווער ווייסט. אָבער א י צ ט וויל ער זיכער גאָרנישט. ער וויל בלויז — ל ע ב ן. פּונקט ווי דאָס זאַטע דאָקטאָרל און ווי דער שומר ביי דער טיר. קיין משיח וועט ער מער נישט זיין. ער וויל נישט... ער וויל נישט מער דאָס געיעג, דאָס לויפֿן פֿון הימל צו הימל מיט אַ זאַק פֿון הונדערטער־טויזנטער פֿאַרפֿרומטע אויגן אויף די פּליי־צעס; ער וויל מער נישט געפּייניקט ווערן פֿון שאלות, וואָס יעדער שלאָפֿלאָ־זער מקובל קען קומען און פֿרעגן; ער וויל נישט זאַמלען קיין זיפֿצן און קרעכצן פֿון אַ שלאָפֿן פּרוש אין אוקראַ:נע און אַ מקשה־לילד אין ווענעדיק. אַ גוי וויל ער זיין! אַ טערק, אַ משומד, אַ ליידיקער זאַק אין וועלכן מ׳קען נאָך שטאָפּן לעבן מיט דער פֿולער האַנט. אויך ע ר וויל קענען לאַכן אַזוי שפּאָטיש־פֿריי, אַזוי הפקרדיק ווי יענער אַנטקעגן־איבער. זאָל מען אים נאָר אָפּגעבן צוריק זיין שרהן מיט אירע אויסגעלאַסענע האָר. דערנאָך מעג נתן, שמואל אָדער אברהם גיין זוכן משה־רבינוס טאָכטער אויף יענער זייט סבטיון... ע ר קען נישט מער. דעם טאַרבוש! פֿאַרוואָס דערלאַנגט מען אים נישט די מצנפֿת!? איצט וועט ער זיך באַפֿרייען פֿון די אַלע, וואָס האָבן פֿון אים געמאַכט איין באַרג מיט נוטריקונס און גימטריאות; גענומען זיין גאַנץ לעבן, אַלע געפֿילן זיינע און צעדריוולט אין אותיות, אין פֿרעמדע בענקשאַפֿטן, אין לופֿטיקע געוועבן. איצט זעט ער, אַז גאָרנישט איז פֿאַראַן — אויסער דעם סולטאַן און זיינע לייב־היטער. וועט אויך ער זיך אָנכאַפּן אין דער שטול און זיך נישט לאָזן אַרויסרייסן פֿון דאַנעט... און די אמתע נקמה וועט ער אויך האָבן אין די רבנים: אַ פֿינטעלע האָבן זיי נישט געלאָזן רירן! אַ טינט־טראָפּן אין אַ ספֿר — אַ מעכטיקע וואַנט אַרום דעם מענטש. האָבן זיי אַצינד!

ביז זיבעצן טאָג אין חודש אלול פֿונעם יאָר תכ״ו איז ער געווען מלך איבער אַ פֿאַרלוירן פֿאָלק, וואָס האָט אים באַגלייט מיט פֿיבערדיקע טריט און משוגע־אויפֿגעריסענע אויגן. אָבער פֿון איצט אָן און ווייטער וויל ער געהערן צום פֿאָלק, וואָס דאַרף מער נישט זוכן קיין מלך, נישט בענקען נאָך אים: נעכטן האָט עס געהאַט אַן ערשטן מוכאַמעד, היינט האָט עס אַ פּ ע ר ט ן

און שפּעטער וועט עס האָבן אַן אַכציקסטן... אַלץ גייט דאָ צו אַזוי שטיל... מען דאַרף נישט רייסן קיין קברים, נישט טובלען די קנעכל אין בלוט־טייכן פון אַ יאָר ת"ח, נישט שלעפּן דאָס ברעקעלע דערלייזונג ביי אַ רמז פונעם זוהר — — — העי, דאָקטאָר! זאָג אים, דעם אַלמעכטיקן מלך! זאָל ער זען ווי איך שליידער דעם ייִדישן הוט צו דער ערד... זאָל ער עפּעס טון, אַז מיין נאָמען זאָל פון מיר אַראָפּפאַלן, פאַרגעסן ווערן. כ'וויל נישט מער זיין ש ב ת י! ער הערט? אַ דאַנק. איך קני פאַר אים, קוש זיינע פּוסטריט פאַר דער גרויסער מתנה. כ'בין מוכאַמעד עפּענדי? יאָ, דאָס בין איך מיט יעדן אבר מיינעם... העלף מיר דאַנקען, דאָקטאָר גודאָן! מ יי נ ע כוחות אַליין זענען צו־ווייניק...

ח.

און די מאַסע... פאַנפאַרן מעגן שאַלן, אויסרופער מעגן דערציילן אומעטום מיט גרויס נצחון אַז — נישטאָ מער. אין סולטאַנס הויף איז בלויז געבליבן אַ משרת מיט הויכער שכירות. נישטאָ מער אויך די הייליקע זונה מיטן צעבלוטיקטן זכר פון פוילן. זי איז אויסגעטויששט געוואָרן אויף אַ הויף־דאַמע. דעם סולטאַנס מופטי האָט שוין באַוויזן אָפּצושמדן אַ היפּשע טייל פון שבתיס גוואַרדיע און ס'האָט געקענט אויסזען, אַז אַלץ איז פאַרענדיקט. דער פאַרלוירענער משיח אַליין האָט זיך נעבעך געבעטן אין אַ בריוו צו זיין ברודער: „לאָזט מיך צורו, ווייל השם יתברך האָט מיך געמאַכט פאַר אַ טערק..."

אומעטום ווו אַ ייִד האָט זיך באַוויזן, איז ער באַגעגנט געוואָרן מיט שפּאָט און צאָרן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שבתי אַליין איז געוואָרן אַ מסור און... געהאַלפן באַשטראָפן ייִדן: אַזעלכע מורדים אין סולטאַנס מאַכט! אָבער די מאַסע ב ל יי ב ט. נישט אַלע, נאַטירלעך. ס'וואָלט דאָך שוין געווען עק וועלט. אַ סך שעמען זיך: משיח גייט געפּאַרט מיטן מופטי? רבנים רייסן זיך די גרויע בערד פון צער. טייל שטיצער (ווי דער איזמירער רב למשל) איז צערודערט: משיח העלפט דעם סולטאַן שמדן ייִדן? חרוב מאַכן דאָס אייגענע פאָלק? אָבער די „נביאים" ווערן נישט נתפּעל: דאָס ערגסטע אומגליק איז צו פאַרלירן די נערוון. נעמט נתן שרייבן פרישע בריוו, פאָרט אַרום אַליין און קיין תירוצים פעלן אים נישט. פאַרקערט: ד אָ ס באַווייזט ערשט, ווי גרויס דער האַר און משיח איז אויסגעוואַקסן.

און ראשי הקהל לייענען ווייטער פאַר נתנס בריוו מיט ציטערדיקע שטימען; דערנאָך שיקט מען זיי, פאַרזיגלט מיט טריוואַקס צו אַנדערע קהילות; און ביי כל־נדרי זאָגן נאָך טייל ווייטער תפילות צום מלך המשיח שבתי־צבי... אין האַמבורג האָט איין זקן געוואָגט צו פּראָטעסטירן — האָט אים אַ

פּרנס אויסגעפּאַטשט אין דער הייליקסטער נאַכט. נישט די פּרימאַס און נתנס האָבן זיך דערשראָקן און נישט די גלויביקע מאַסע האָט זיך געלאָזט אַראָפּ־פירן פון וועג. עס איז געגנוג נתן זאָל שרייבן: „כאָטש איר האָט געהערט פּרעמדע זאַכן וועגן אונדזער האַר ירום הודו, זאָל אייער האַרץ נישט ווייך ווערן... שטאַרקט זיך זייער אין אייער אמונה, ווייל אַלע זיינע מעשים זענען וווּנדערלעכע נסיונות און דער מענטשלעכער שכל קען נישט דערגרייכן ביז צום סוף פון זייער תכלית... בקרוב וועלן די זאַכן קלאָר ווערן".

ס'איז אפשר די טראַגישסטע קאָמעדיע אין דער יידישער געשיכטע: שבתי וויל פּטור ווערן פון זיין אויסגעטראַכטער ראָלע — און קען נישט. זיינע „נביאים" האַלטן אים נאָך געפּאַנגען, אַפילו ווען ער איז שוין ווייט פון זיי; די מאַסן איגנאָרירן זיין עכט געשטאַלט און לעבן נאָך אַלץ מיט יענעם שבתי, וואָס ז יי ווילן האָבן. אין אַ ריי שילן זאָגט מען נאָך אַלץ „הנותן תשועה" ביים דאַווענען פאַר זיין כבוד־וועגן; די מחנה האָט ווייטער געשלונגען די ווערטער פון נתנען אין טערקיי; פון פּיגייראַן אין איטאַליע; פון פּערעראַן אין האָלאַנד... און דאָס שווידערלעכסטע: אַ ריי ליכטיקע מוחות, וואָס זייער נאָמען ווילט זיך נישט דערמאָנען, מאַכן ווייטער מיט דאָס גאַנצע שפּיל. עס דערגייט אַזוי ווייט, אַז שבתי אַליין קען מער נישט איינרוען איבערן הייליקן קאָראַן. ער גיט זיך ווידער איבער צו זיינע נביאים אין די הענט אַריין.

ט.

אויב שבתי איז פריער געווען אַ ל ץ און העכער פון אַלעמען — ווי אַזוי קען ער אַנטווישן? גיכער מוז מען אים נאָכטאָן. דער צער האָט אָפּגעריסן ט יי ל ן, אָבער די מאַסע האָט זיך שוין אַזוי־ווי אויפגעלייזט אין אים: ע ר קען, ע ר מעג, ע ר האָט אַזוי געדאַרפט. די מדינות שווינדלען און גריבלען ווייטער מיט זיינע שליחים. שיפן איבער די ימים טראָגן ווייטער זיינע בריוו, וואָס גליען אָן, צינדן ווידער הערצער. אמת: אַ סך פריערדיקע תורות דאַרפן איבערגעאַרבעט ווערן, זיך צופּאַסן צום געשעענעם. דאָס איז גורם צו אַביסל בושה ביי די טייטשער. באַלד זענען זיי אָבער, אַז די שרעק האָט גרויסע אויגן. פאַרקערט: וואָס מער חוצפּה דאַרף מען אַרויסווייזן! אַריינקוקן אַלעמען אין די פּנימער מיט נצחון. דאָס צעטומלט די אַנדערע, טרייבט זיי ווידער אַריין אין יאָכיקן שפּאַן.

וויינט, איר יידישע וואַנדערער איבער די שטעגן פון דער אייגענער געשיכטע! זעט דעם גלויבן וואָס די מאַסע קען אַרויסווייזן; באַגרייפט ווי מעכטיק אַזאַ כוח קען זיין — און אויף וואָס ער גייט פאַרלוירן. די אמונה פון די מאַסן! די מחנה גלויביקע איז געוואַקסן אַפילו דאַן, ווען דער „מלך המשיח"

האָט געפּלאָנט, צוזאַמען מיטן סולטאַן, צו דערשטיקן דאָס ביסל ייִדישע פרייהייט. בעת די קעגנער האָבן אָפּגעריסן הונדערטער אַנטוישטע — זענען אַנדערע הונדערטער געזעסן מיט אַ טריפנדיק ליכטל אין דער נאַכט און צום ערשטן מאָל געגעבן אַ גלויביקן ציטער, ביים איינזאַפּן אין זיך נתנס בריוו. זיי האָבן דערגרייכט נישט אין איין רבניש חדר, ווו מען האָט זיי שפּעטער אויסבאַהאַלטן למשמרת אין ערדענע טעפּ. נישט די רייד פון חכמים און נישט די אזהרות פון גדולים האָבן געהאַט דעם כוח, וואָס געציילטע שורות פונעם פרישן הויף־עפענדי. המונים האָבן אים ווידער נאָכגעשפּרייזט; איבער אַזיע, אַפריקע און איראָפּע האָט זיין שאָטן ווידער געטראָגן שטורעם און צער, טרייסט און פאַרשמאַכטן גלויבן און ס׳איז שווער צו זאָגן, וואָס עס וואָלט געשען ווען... עס געשעט נישט קיין נאַטירלעכער נס:

דער 50־יעריקער עפענדי ווערט פאַרשיקט אין ווייטן אַלבאַניע (מען האָט אים פאָרט געכאַפּט צווישן ייִדן!) מיט זיין דריטן ווייב און קינדער. דאָרט קומט די כאָלערע־מחלה און לעשט אים אויס. אויסער אַ פּאָר טערקישע ווערטער — ווייסט קיינער נישט ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען.

י.

לאָמיר ענדלעך צוגעבן: שבתי־צבי איז דער עקסטרעמסטער ביישפּיל פאַר אונדז — נישט צוליב זיין משיחישער פּאָזע, נאָר ווייל ע ר באַווייזט אונדז מער ווי אַנדערע, די אַקטיווע ראָלע פון דער מאַסע. מ י ט איר — און אירע נביאישע באַגייסטערער — איז ער גרויס, זיכער אין זיך. אָבער ווי נאָר ער דאַרף בלייבן אַליין און אויסראַנגלען זיין גרויסקייט, באַווייזט זיך אַ פּחדנותדיק געשטאַלט. שבתי־צבי איז דער אמתער מ ע ד י ו ם פון דער מאַסעס באַגערן; אַ מין אָביעקט, וואָס ווערט אויפגעלעבט פון די המונימס טראַנס און פאַלט אַריין אין זינלאָזער לעטאַרגיע, בעת די מאַסע רייסט אים נישט, פּנים אל פּנים, פון שלאָף... און דאָך — ווי מעכטיק עס איז זיין חותם אויף די ווייטערדיקע, ייִדישע יאָרהונדערטער!

דאָס באַווייזט אונדז, אַז די מאַסע וויל זיך אַזוי שנעל נישט שיידן ד וו ק א פון אַזעלכע געשטאַלטן וואָס ז י האָט געהאָלפן אויסבויען. יענע גאַנצע פיגורן, וואָס זענען געקומען מיט אייגענעם כוח און געהאַט אייגענע נצחונות און מפּלות, האָט די מאַסע נאָר באַגלייט ביז צום לעצטן טויער. אָבער ווי נאָר „ער" איז פאַרשוווּנדן — האָט זי זיך געלאָזט טרייסטן מיט אַנדערע. אין שבתי־צבי האָט די מאַסע אַ היפּש ביסל דערקענט זיך אַליין. בעת זיין פאַרלוירנקייט און הילפלאָזן נאָכגעבן — האָט זי געשפּירט דעם נסיון פון זיין שוואַכקייט אין די אייגענע גלידער. אפשר דערפאַר האָט זי

אַזוי שנעל געגלייבט אַלע רעהאַביליטאַציע־תירוצים; אַלע סכאָלאַסטיש־מיסטישע דריידלעך און באַוואָרענישן.

אינסטינקטיוו האָט זי אין א י ם מער אַריינגעלייגט ווי אין אַנדערע. ער איז געוואָרן דער שוואַכער גיבור און במילא — אויך דאָס צערטל־קינד. יאָ, אויך דער אייגענער שפּיגל. אַן עכאָ פון אַזאַ געפיל הערן מיר אַפילו אין פרי־ערדיקע משיח־לעגענדעס. עפּעס האָט געמוזט דערבליקט ווערן אין דער נשמה פון פאָלק, בכדי צו ענדערן די געשטאַלט פונעם משיח — ביי דער רעכטער זייט פון גאָט — אויפן בעטלערישן שאָטן, מיט אייביקע ווונדן, ביי די טויערן פון רוים. אָבער לאָמיר נישט פאַרקריכן צו־ווייט...

די זינדיקע ידיעות, וואָס האָבן געדאַרפט צעשמעטערן זיין געשטאַלט, האָבן נישט געקענט ווירקן ווי געהעריק — ווייל די מאַסע האָט זיך שוין צופיל אַריינגעטון אין אים. דערפאַר האָט זי נישט געוואָלט אויפגעבן אַזוי לייכט דעם גלויבן... אין זיך. אָט איז זי געשטאַנען אַזוי נאָענט, ממש באַטייליקט זיך אינעם קאָנטאַקט מיט אַנדערע וועלטן — און דערפאַר האָט זי נישט געוואָלט גלייבן, אַז זי איז גאָרנישט בכוח געווען אויפצוועקן אַ הימל פון שלאָף. וויבאַלד זי האָט אים איינמאָל אָפּגעגעבן איר נפש, וועט זי זיך מוזן צאַפּלען ביים בלויזן דערמאָנען זיין נאָמען. אַזאַ אילוזיע לאָזט זיך נישט אַוועקנעמען דורך עטלעכע נאַרישע פאַקטן.

אפשר דערפאַר האָבן טייל לומדישע קעגנער געהייסן פאַרברענען אַ ספר, הגם עס איז געשריבן געוואָרן ק ע ג ן שבתי־צבי. די מעטאַפיזישע פאַרלייבונג פון דער מאַסע מיט איר דאָזיקן משיח האָט נאָך דאַן נישט געקענט אויסגעהיילט ווערן מיטן פאַפּיר. דאָס האָט נאָר געקענט צעברענען די ווונד. אַזעלכע דיקטאַטור־פּסיכאָזן, וואָס האָבן אַריינגעצויגן די מאַסע דורך אירע אינטימסטע האָפענונגען, לאָזן זיך גאָרנישט באַזייטיקן מיט בליץ־שנעלער ליטעראַטור. א ו י ס ע ר ל ע כ ע רעזשימען קענען אַראָפּגעשליידערט ווערן איינס און צוויי; רעזשימען וואָס זענען פאַרקראָכן אין די נשמות, געזויגן די בלוטן פון פאָלק און דערמיט אויפגעשטיגן צו די הויכן — דאַרפן האָבן לאַנגע צענדליקער יאָרן היילונג. דער רושם מוז זיך אָפּמעקן פון דער צייט, פון געשיכטלעכער סבלנות. מיטן בלויזן אָנווייזן זיינע פעלערן קען מען דער פאַרגלויבטער מאַסע — וואָס האָט אים אַלץ אָפּגעגעבן — ווייניק העלפן. פשוט: ווייל ער איז געוואָרן איר גורל. ער איז געוואָרן איר גאָט. פון וועלכן מ׳קען נישט אַנטלויפן — אַפילו ווען ער טוט ווײ.

אַלע רעליגיעזע שפּירונגען ווערן אויטאָמאַטיש אַריבערגעטראָגן צו דעם דאָזיקן, וואָס האָט געוואַגט צו ווערן גאָט. ווער עס קומט באַרירן דאָס דאָזיקע אָרט אינעם גלויביקן — קראַצט די ווייטיקלעכע ווונד. וויבאַלד די מאַ־

סע האָט זיך שוין אַריינגעגאָסן אין יענעם — וועט מען איר אמונה נישט צעשטערן דורך אָנווייזן זיין מיאוס געשטאַלט. אויך אין דער מיאוסקייט און אין דער שאַנד דערקענט די מאַסע זיך גופא. אויב זי קען זיך מער מיט „אים" נישט צעטיילן — זוכט זי איר רעהאַביליטאַציע אינעם פאַרענטפערן אַלע מעשים־תעתועים, וואָס ע ר טוט אָפּ.

מהאי טעמא קען מען פאַרשטיין, הלמאי נאָך שבתי־צביס עלנטן טויט איז געווען אַן אָרט אין יידישן לעבן פאַר צענדליקער אימיטאַטאָרן, וואָס זענען געקומען אין זיין נאָמען. דער איינגעקריצטער גלויבן האָט געוואַרט אויף זיי — סיי ווען דאָס איז געווען אַ מקובל ווי חיים מלאך אָדער אַן עם־הארץ ווי לייבל פון פּרוסטיץ; ע ר האָט געקענט „דערשיינען" אַזוי אצילותדיק־ווילד און פאַרבענקט־משוגע ווי נחמיה חיון, אָדער מגולגל ווערן אינעם עקלדיק־רויען און ברוטאַל־תאווהדיקן יעקב פראַנק. דאָס פאָלק וואָס איז געוואָרן מאַסע האָט אים דערוואַרט אויף אַלע אומדערוואַרטע וועגן. דערפאַר האָט ק יי נ ע ר, מיט גאָרנישט, געקענט איבעראַשן. די דאָזיקע משיחים, אָדער גאָט־קינדער, ווילן די אייביקייט. דערפאַר שטאַרבן זיי נישט אַזוי שנעל. אויך די מאַסע וועקט זיי פון קבר. דערפאַר איז מעגלעך — במשך פון קנאַפּע צוואָנציק יאָרהונדערטער — זיי כסדר אומצוקערן צו דער מאַסע, זיי צו דערקענען אַפילו אין ברויט און ווייַן.

אויך שבתין האָט מען נישט געלאָזט רוען. דאָס אייגענע ווייב האָט פאַר אים אויסגעקליבן אַ לעבעדיקע אכסניה אינעם גוף פון איר יינגער ברודערל, יעקב־צבי. ע ר האָט שוין אַפילו שבתיס שוואַכקייט נישט פאַרמאָגט — און דאָך האָט די ווייטע פאַרבינדונג ווידער מיטגעריסן המונים... צוזאַמען מיט נייע רבנים, נביאים און „דיכטער". אַז אויך ער האָט זיך געשמדט — איז געקומען אַ צווייטער, אַ צענטער. זיי האָבן באין־אופן נישט געקענט קומען פאַרפירן, ווען די פאַרפירונגס־קרבנות זאָלן נישט געווען שטיין גרייט דערצו — אין זיין שוואַכן, צויבערדיקן נאָמען.

...טרויעריק? זיכער. אָבער מיר האָבן זיך נישט אונטערגענומען צו דערציילן אַ פריילעך מעשהלע. וואָס איז די עצה? האַלטן וואַך ביי די שוועלן. געדענקען דעם אייביקן „לפתח חטאת רובץ" — אַז ביי דער ט י ר איז נאָך די זינד אין ל י ג נ ד י ק ן מצב — און באַלד נישט דערלאָזן אַריינפאַלן דאָס פאָלק אין אַזאַ שווערער מחלה. אַז נישט — דאַרף מען האָבן דורות, איידער די ווונד פאַרהיילט זיך.

קאַפּיטל פינף

א.

וואָס איז דען שבתי־צבי געווען? דער צייכן פון דעם, וואָס עס האָט געמוזט קומען. ער איז אייגנטלעך געווען דער בליץ פונעם געוויטער וואָס האָט זיך שוין לאַנג געזאַמלט אין דער לופט. דערפאַר איז ער אויך געוואָרן דער לעצטער שטויס צו גאָר אַ סך אַנדערע שטורעמס אין יידישן לעבן, אַרום זיין נאָמען. דערנאָך איז שוין יעדער נייער „אויסלייזער" (נישט בלויז ביי יידן) געוואָרן אַ קאָפּיע, אַ מין עכאָ פון א י ם. אויך די מאַסע אַרום זיי איז נאָר געווען אַ גלגול פון יענע המונים, וואָס האָבן געפּלאַמט אַ קנאַפּן יאָרהונדערט אויף ז יי ן שטייגער.

איז טאַקע נישט מעגלעך אַנדערש? מוז די מאַסע אַלעמאָל אַריינגעצויגן ווערן אין אַזאַ פינצטערניש? חלילה! דאַן וואָלטן אַלע ליכטיקע חלומות וועגן פאָלק געמעגט פאַרשווינדן. עס בלייבט אָבער אמת דער קראַנץ מאמרים וועגן יידן, וואָס האָט אַנגעוויזן אויף די עקסטרעמען אין אונדזער מאַסע: ישראל — זאָגט איין מאמר, אַז זיי דערהייבן זיך — דערהייבן זיי זיך ביז צום הימל; און אויב זיי פאַלן — פאַלן זיי ביז צו דער ערד. דערפאַר ווערן יידן צוגעגליכן אי צו די שטערן און אי צום זאַמד. אַ צווייטער מאמר זאָגט דאָס זעלבע אין אַנדערע ווערטער: „ישראל — אַז זיי ווערן געמאָנט פאַרן עגל, גיבן זיי; און אַז זיי ווערן געמאָנט פאַרן משכן — גיבן זיי". די מעשה איז נאָר, אַז אין ביידע פאַלן „גיבן" זיי אַוועק נישט בלויז געלט. זיי קענען אויך אָפּגעבן די נשמה. און נאָך עפּעס: אפילו ביים געבן פאַרן „עגל" ווערן זיי באַפאַלן פון אַ קרומער גאָט־בענקשאַפט.

עס איז אייגנטלעך בלויז אַ חילוק וו ע ר עס פאַרכאַפּט די פאָלקס־שטימונג און ווי אַ זוי. צוויי באַוועגונגען נ אָ ך שבתי־צבי האָבן למעשה געצילט צו דער זעלבער מאַסע — און ב יי ד ע האָבן געשטאַמט פון דער זעלבער בענקשאַפט. ח ס י ד ו ת האָט געוואָלט געבן דעם פאָלק די מ ע ט א פ י ז י ש ע גאולה און צ י ו נ י ז ם — די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע. ביידע באַוועגונגען האָבן געוועקט אין דער מאַסע יענע אויפברויזנדיקע קאָמפּלעקסן, וואָס קענען קראַנק מאַכן אַ דור — פּונקט ווי זיי קענען אים היילן. סיי חסידות און סיי ציוניזם האָבן אָנגעטאָפּט די שוואַכסטע ערטער אין דער מאַסן־נשמה און טיילמאָל האָבן אַ פ י ל ו ז יי שיעור דערפירט צו דעגענעראַציע. אָבער די מענטשן אין זייער שפּיץ האָבן זוכה געווען צום געהעריקן חוש, צום פילן די געזונטע מאָס — און דערפאַר האָבן זיי געפירט דאָס פאָלק „צו די שטערן". שבתי־צבי (אין אַלע זיינע ווייטערדיקע

גלגולים) האָט נ י ש ט זוכה געווען. דערפאַר האָט ער גענומען דעם מאַסן־דראַנג — ווי ליכט און פינצטערניש זענען משמשים בערבוביא (פונקציאָנירן כאַאָטיש) — און אים אַראָפּגעבויגן צום זאַמד.

און דער פּריִערדיקער כלל חזרט זיך כסדר איבער: נישט בלויז די מאַסע, אויך די גלגולים פון שבתי־צבי האָבן אַפּעלירט צו די הערצער פון גאוינים. לייבעלע פּרוסטיצער האָט מיטגעריסן נישט בלויז סתם־ייִדן, נאָר דערגרייכט ביזן פּרעגער רב. נישט אַנדערש איז עס געווען מיטן ווונדערלעך־אַוואַנטוריסטישן נחמיה חיון. זיי אַלע זענען געווען ברעקלעך וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער גרויסער קויל — סיי ווען זיי האָבן נאָך געטראָגן אין זיך דעם שטורעם (ווי נחמיה און חיים מלאך), אָדער ווען זיי האָבן זיך שוין גע־קוילערט שטיל, מיט פאַרלוירענעם אימפּעט — ווי דער וואַגלער יהודה החסיד פון שידלאָווצע. זיי אַלע האָבן זיך נאָר באַוועגט לויטן צינונגס־פּונקט, וואָס האָט געהאַט זיין קבר אין ווייטן אַלבאַניע.

און ווער עס לאַכט פונעם אַלטן אַבערגלויבן — אַז מ ת י ם קריכן אַרויס פון די קברים, שעדיקן קינדער אָדער זענען מתפּלל בחצות הלילה אין איינגעפינצטערטע שילן — דער שפּירט נישט דעם ריח פון געשיכטע. מ ת י ם — וואַ נ ד ע ר ן, וועקן זיך פון אייביקן שלאָף, טוען אָפּ מעשים אשר לא יעשו איבער אַלע תקופות. ז יי שטעלן אויף דיקטאַטורן, פאַרפירן מלחמות און... ווערן טיילמאָל די ווונדערלעכסטע טרייסט פאַר דורות. דאָס האָט געקענט זען דער גאון „חכם צבי", וואָס האָט אַזויפיל געליטן פון שבתי־צבים שאָטן. דער טויטער איז טאַקע געלעגן אין קבר, אָבער ער האָט נאָך באַוועגט מיט די אַמסטערדאַמער חשובי־העיר; אַפילו מיטן קאַלטבלוטיקן רב פון דער ספרדישער עדה. 50 יאָר נאָך זיין איבערגיין צום איסלאַם און 40 יאָר נאָך זיין טויט, האָט ע ר נאָך באַוויזן צו פאַרטרייבן ר' צבי אשכנזי. די טרייבער־שליחים זענען געווען רבנים, דיינים און פּרנסים. אַ נס איז אים בייגעשטאַנען, וואָס דער המון האָט אים נישט געטויט. די אַלע ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען האָט מען פאַקטיש געקענט איינוויקלען אינעם ערשטן קאַפּיטל.

מיר מוזן אָבער מאַכן אַן אויסנאַם פאַר איין וואַריאַציע פונעם איזמירער שטורעם. ווידער באַגעגענען מיר זיך מיט די זעלבע סימנים, מיט דער זעלבער מאַסע, מיט די זעלבע האַנדלונגען און פאַרוואַנדלונגען. אָבער... דאָס מאָל איז שוין שבתי־צבי געקומען קיין פּ ו י ל ן. אויב אין 1666 איז דאָס אשכנזישע ייִדנטום געווען אַ זייטיקער שטריך אינעם משיח־שפּיל — און די הויפּט־ראָלע האָבן געשפּילט די ספרדים — איז דער נייער גלגול געוואָרן מזרח־אייראָפּעיִש. יעדער פון אונדז, וואָס איז דורך מיליאָנען פּעדעם פאַרבונדן מיט זיין פּויליש־ייִדישער נעסט, מוז זיך דערפאַר אָפּשטעלן אַ רגע:

און ווי אַזוי האָט עס אויסגעזען ב יי א ו נ ד ז? מיר היפּערן איבער אַלערליי מחלוקתן און מאַסן־רוישן — אָבער בלייבן פּאַרט שטיין ביי דער תקופה, ווען אין יידישן פּוילן האָט זיך באַוויזן דער געשטופּלטער טייוול מיט טערקישע פּסוקים אין מויל: יעקב פראַנק.

ב.

מיר האָבן שוין געזאָגט: אַזעלכע באַוועגונגען לאָזן איבער אַ לאַנגן צווי־בער, וואָס קיין שום לאָגישע אַרגומענטן קענען נישט באַזייטיקן כהרף־עין. די קייטן, וואָס ציִען זיך פון טערקיי ביז צו יעדער שטאָט און שטעטל באַ־זונדער, זענען מעכטיק און פון וויטאַלן דויער. אַזאַ הוראַגאַן ווי שבתי־צבי מוז זיך אויסלעשן בהדרגה, דורכן מיד ווערן פונעם לאַנגן גאַנג. ער קען זיך נישט אָפּשטעלן מיטאַמאָל, בעת ער טראָגט נאָך אין זיך דעם מוראדיקן דו־נער און פייערדיקן בליץ — נאָר ער מוז צעברעקלט ווערן איבער אַלע שבעה ימים.

די בולטע א י מ י ט אַ צ י ע פון זיינע יורשים, וואָס האָבן זיך ווי־דער אַ וואָרף געטון אויף דער יידישער וועלט, האָט זיי צוגענומען דעם לע־בעדיקן אָטעם. דאָס פאָלק האָט געוואָלט גלייבן — אָבער די נאָכמאַכונג האָט געשטערט; נישט געמאַכט פון זיי קיין וו ע ל ט ־ פיגורן. אָבער דאָך, זיי זענען שוין פאַקטיש (אָן זייער וויסן און כוונה) געקומען ליקווידירן „זיינע" רעשטלעך אין די הערצער. א ן זיי, וואָלט שבתי־צבי געבליבן טלִיען מיט איינמאַליקן ווונדער אין כמה וכמה דורות. זיי האָבן זיך אָבער נישט געלאָשן ווי די לעצטע קוילן אויף אַ געשטאָרבענעם שייטער. אויך די ג ס י ס ה איז געווען רוישיק און געפּערלעך. אַפילו די עכאָס פון זיין נאָמען האָבן נאָך געטראָגן חורבן איבער יידישע ישובים און אָפּגעריסן לעבעדיקע אברים פון פאָלק.

דאָס איז נישט געווען קיין טראַגעדיע פאַר זיך אַליין, נאָר אַ באַווייז ווי ש ט אַ ר ק דער באַגראָבענער מת האָט נאָך געלעבט. היסטאָריש גענומען — איז עס אַפילו געווען אַ נויטווענדיקייט: שבתי־צבי האָט דורך זיינע גלגו־לים געמוזט דערגיין צום נאַקעטן באַנקראָט, אָפּגעשיילט ווערן פון די לעצטע ראָמאַנטיק־טשאַדן. כל־זמן ז יי זענען נישט געקומען — האָט זיך נאָך אַלץ אויסגעמישט: די טומאה האָט זיך נאָך אַריינגעריסן אין דער קדושה און טייל פרומע ליפּן האָבן נאָך אַלץ מורא געהאַט צו פאַרפעלן זיין נאָמען אין די תפילות. עס האָט ג ע מ ו ז ט קומען נאָך אַ נעוראָטישע איינשפּריצונג, וואָס זאָל לגמרי אויסרויכערן דאָס יידישע הויז.

מהאי טעמאַ איז אפשר גוט, וואָס די באַוועגונג איז נישט איינגעשטילט

געוואָרן אין די צייטן פון „חכם צבי" און זיין זון. דווקא דערפאַר וואָס זי האָט נאָך געלעבט מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער איז מעגלעך געוואָרן, אַז זי זאָל זיך אָפּשליסן מיט דער היסטאָריש־נוצלעכער חרפה. וויפל מען זאָל נישט שרייבן און דעמאַסקירן די ש"צ־באַוועגונג פון אירע וויגל־יאָרן — קען מען נישט פאַרלייקענען איר ראָמאַנטיש־זיסן שלייער, איר ליכטיקן אָרעאָל פון פאָלקס־נויטן. ווען מ׳זאָל געווען אומברענגען די באַוועגונג, בעת מיכל קור־דוזאָ האָט פאַרשפּרייט זיינע כתבים — וואָלט דאָס בענקען צו איר אַלעמאָל געהאַט אַ האַפט. די פּאָעטיש־וויזיאָנערישע — הגם אויך פאַרדאָרבענע — לידער און תפילות האָבן געקענט איבערלאָזן אין אונדזער נפש אַן אייביק־צע־רוישטן אומרו; אַ סענטימענט צום יידישן טראַגיזם, וואָס רייסט זיך צו אומ־דערגרייכטע הימלען.

אַ ריי ספרים פון גרויסע מקובלים — און גייסטיקע שבתי־צביניקעס — האָבן באַין־אופן נישט געלאָזט מקבר זיין דעם דאָזיקן חלום אויף שטענדיק. אַפילו די חרמס און מחלוקתן וואָלטן דאָס נישט געקענט באַוויזן. אין דער יידישער נשמה וואָלט פאַרבליבן אַ טיפער שפּאַלט און דער ראָמאַנטישער דיבוק וואָלט דאָרט געבליבן שטעקן. כל־זמן דער שיין פון קדושה און פאַר־באָרגענעם רמז האָט געוועקט דינע איידלקייטן — האָט מען זיי נישט געקענט מבטל זיין דורך די טומאה־צייכנס איבער זיי. אין מיטן אַזאַ תוהו־ובוהו איז פאָרט געלעגן דער ווונדערלעכער קערן פון גאולה ־ א מ ת — און די מאַסע האָט אים אַרויסגעפילט, ביי איר גאַנצער פאַרפירטקייט. מיט דער אייזערנער נויט פון פאַרלאָזטע האָבן זיך די המונים איינגעקלאַמערט אינעם מאַן פון בשורה — סיי ווען ער איז אַרויסגעקומען פון דער טבילה און סיי ווען ער האָט זיך צו זיי געשלייכט מיטן טערקישן טורבאַן אויפן קאָפּ. די מאַסע האָט געפילט, אַז עפּעס פון איר א יי ג נ ס ליגט ביי אים פאַרבאָרגן — און זי האָט דערויף נישט געוואָלט מוותר זיין, אַפילו ווען מ׳האָט זי געשראָקן מיט חרם־שופרות און שוואַרצע ליכט. אויך גרויסע נשמות האָבן זיך פאַרמאָסטן אַרויסצוגראָבן דאָס קערנדל גינגאָלד פונעם פאַרמיסטיקטן באַרג — הגם עס איז נישט געווען פאַר זייערע כוחות. טייל פון זיי האָבן אַפילו געוואַגט צו שלעפּן דעם גאַנצן באַרג מיט זיך, אַבי זיי זאָלן דעם ליכטיקן ניצוץ נישט פאַרלירן פונעם אויג.

דאָס פאָלק האָט געפילט, אַז עס דאַרף און מוז אויסגעלייזט ווערן; אַז אים קומט אַ חוב ביי אַלע הימלען און גאָט מ ו ז אַמאָל קומען אויס־גלייכן דעם חשבון. דערפאַר האָט עס אויפגעצאַפּלט ביי יעדן נייעם משיח, אַזוי ווי דאָס שולדיק־געטלעכע קול וואָלט ענדלעך מודיע געווען: אָט האָט איר איינעם, וואָס וועט אייך פירן צו דער קאָסע ווו אייער גאולה ליגט פאַר־

זיגלט. עפּנט זי, אָדער האַקט זי אויף מיט אַן אייזערנער שטאַנג — און נעמט אייער פּקדון. דערפאַר ווייל דאָס פאָלק האָט זיך נישט געוואָלט מייאש זיין אין גאָט, נישט געוואָלט גלייבן אַז דער גורל איז אַ הפקר־שפּיל — האָט עס אָנגעשטעלט די אויגן אויף יעדן בשורה־ברענגער: א פ ש ר ע ר ? און שבתי האָט באַוויזן צו פאַרטוישן דעם „אפשר" אויף „זיכער".

מאַכן אַ סוף צו דער דאָזיקער בלאָנדזשעניש; באַווייזן דעם פאָלק, אַז אויך ד אָ האָט עס נישט וואָס צו זוכן — האָט נאָר געקענט אַזאַ נאָקע־טער גלגול ווי יעקב פראַנק. ער האָט אַראָפּגעריסן אַלע שלייערן און פאַרלוירן דאָס לעצטע פּיצל חלום אויפן וועג. דאָס איז אפשר ז יי ן היסטאָריש פאַרדינסט. סייווי האָט עמעצער געמוזט קומען, בכדי צו היילן די ייִדישע דור־רות פונעם שבתי־צבי־קאָמפּלעקס. איז בעסער וואָס דאָס האָט געטון יעקב פראַנק — און נישט קיין צווייטער.

ג.

יעדער קולטור־היסטאָריקער * מוז צוגעבן, אַז די שבתי־צבי־באַוועגונג איז בעיקר געוואָרן אויסגעלאָסן אין די קהילות, ווו דער ספרדישער עלעמענט האָט דאָמינירט. עס איז אַ פאַקט, אַז די שבתי־צבי אָנהענגער פון מזרח־איי־ראָפּע — בעיקר אין פוילן — האָבן זיך ווייטער געהאַלטן אין די טראַדיציאָ־נעל־ייִדישע ראַמען. מחוץ געציילטע אויסנאַמען, האָבן זיי זיך געשטאַרקט מיט לאַנגע תעניתים, „אַלטמאָדישער" תשובה, תפילהדיקער התעוררות און קבלהדיקער בענקשאַפט. די אָרגיעס, וואָס מען שרייבט צו פּוילישע ייִדן פון ש"צישן חדר — שטאַמען אָפט פון ליטעראַרישער פאַנטאַזיע. דאָס איז אַ שבח פאַרן איינגעוואָרצלט־פעסטן ייִד פון פוילן. אָבער — היסטאָריש־גענו־מען — האָט ד ע ר שטריך געקענט ווערן געפערלעך. עס איז שווער געווען מבדיל צו זיין צווישן סתם אַ פ ר ו ש, אַן שבתי־צבי׳אישע חלומות און די הייליקע נזירים, וואָס האָבן נאָך לאַנגע סיגופים אין די וועלדער אויסגעשריגן פאַר די ביימער זיין געאָכפּערטן נאָמען. ווען נישט יעקב פראַנק, האָט דאָס ייִדנטום פון מזרח־אייראָפּע געקענט אַריינפאַלן אין צעמישעניש. לכן טאָר מען אפשר נישט בלויז באַוויינען די פראַנק ־ ט ר אַ ג ע ד י ע, נאָר זי אויך באַטראַכטן ווי אַ שטיקל נ ס: דאָס האָט ז י געהאָלפן אויסשיילן די קראַנקע עלעמענטן. עס איז אפשר נישט ווייניקער אינטערעסאַנט פעסט־צושטעלן: הגם דאָס מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדנטום — און טיילווייז אויך דאָס

* פּראָפעסאָר ג ר ע ט ץ, וואָס האָט אַנדערש (צוליב זיין מאָדנער באַציִונג צום פּוילישן ייִדנטום בכלל), האָט אַרויסגערופן אַ גענוג־גרויסע און ג ע ר ע כ ט ע פּאָלעמיק.

צענטראַל־אייראָפּעיִשע — האָט געליטן מער ווי אַנדערע פֿאָלקס־טיילן, האָט עס נישט פֿאַרלוירן לגמרי די נערוון. די גאַנצע צייט איז נישט אויפֿגעשטאַנען קיין איין ייִד פֿון דאָרט גופא, וואָס זאָל זיך אַליין דערקלערן ווי דער פֿולער משיח, אָדער פֿאַר זיין יורש־עצר. מוסר־זאָגער אין זיין נאָמען? יאָ! וואַרטער אויף זיין קומען? זיכער. אָבער נישט מער. עס איז אפשר כדאַי אַמאָל צו דערקלערן די סיבות, הלמאַי דאָס מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדנטום האָט בכלל — במשך פֿון גאַנצע טויזנט יאָר — נישט אַרויסגעגעבן קיין איין אייגענעם פּרעטענדענט אויף דער משיחישער קרוין. אַפילו אין יענע צייטן, ווען די פּוילישע לופֿט האָט געברענט מיט שבתיס צויבער און אַזויפֿיל האָבן געוואַרט אויף אים, האָט דער „יורש" גופא געמוזט אימפּאָרטירט ווערן פֿונעם אָריענט.

בעת אין די אָריענטאַלישע קהילות האָבן די מענטשן פֿון דער „כת" שוין געבראָכן אַלע צוימען, זיך געמישט מיט די ווייבער און באַשלאָפֿן אייגענע מאַמעס און שוועסטער — אַ לעבן, וואָס האָט געמוזט אַרויסרופֿן עקל ביי נישט־פֿאַרדאָרבענע ייִדן — האָט דער פּויליש־ייִדישער משיחיסט זיך אָפּגעזאָגט אַפילו פֿון אַזעלכע תענוגים, וואָס זענען אים מותר לויטן דין, זיכער זענען שוין דאַן געווען געווען גענוג אַסימילאַציע־בענקער, וואָס האָבן נאָר געזוכט אַ געלעגנהייט בכדי צו אַנטלויפֿן פֿון דער מחנה. אינעם אָריענט האָבן זיי באַקומען די דאָזיקע געלעגנהייט דורכן אָפֿיציעלן שמד פֿון „משיחן" און אַ סך פֿון זיינע נושאי־כלים. זיי האָבן געקענט מאַכן דעם „ויברח" מיט מכלומרשט־הייליקע כוונות. אין מזרח־אייראָפּע איז דאָס אָבער לכתחילה נישט מעגלעך געווען. אדרבא: דאָס אָנשליסן זיך אין דער סעקטע איז גאָר געווען פֿאַרבונדן מיט מער אַסקעטיש־ייִדישע האַרבקייטן. די „כת" וואָלט זיך במילא געווען געקענט ווייטער צונויפֿקומען, פּראַווען מעשים און מייחד זיין תיקונים. קיין שטורעם פֿון איבערברוך וואָלט זיי אַליין אפשר נישט אַרויסגערופֿן. אויב אַ יחיד (אָדער אַ גאַנצע גרופּע) האָט געוואָלט אַוועק פֿון פֿאָלק — האָט ער נאָר געקענט אַוועקפֿאַלן ווי אַ דאַרע צווייג. ערשט ווען דער געשטופּלטער משומד פֿונעם ווייטן מזרח האָט זיך באַוויזן אין פּוילן, האָט ער צונויפֿגעפֿאָרט בידע עקסטרעמען אין איין מעכטיקער, דעגענערירטער באַוועגונג. ער האָט ביסלעכווייז אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך אַלע מיסטישע הילעס און געבליבן בלויז תאווהדיקער גוף. דערפֿאַר האָט נאָר ער געקענט אָפּשליסן די דאָזיקע תקופֿה. טאַקע פֿראַנק האָט בולט באַוויזן, ווי אַזוי אַ גוטע אידיי קען דערגיין צום סאַמע־עקסטרעם פֿון שלעכטס און דערמיט זאָל ער זי דערפֿירן צו איר נאַטירלעך־אומנאַטירלעכער קבורה.

ד.

נאָך דעם פּריִער־געזאָגטן איז דער פּלא נאָך גרעסער: אַפילו דאָרט (אין פּוילן, פּאָדאָליע און גאַליציע — מיטן אויסנאָם פון דער קיל־מוחיקער ליטע) איז די מאָסע סוף־כל־סוף מיטגעריסן געוואָרן — ביז צו דער לעצטער סטאַציע.

יעקב לייבאָוויטש פראַנק איז פאַר אונדז געהילט אין אַ סך נעפּלען. קען זיין, אַז קליינערהייט האָט ער זיך געלערנט פּונקט ווי אַלע ייִדישע קינדער; און ס'איז אויך מעגלעך, אַז שוין אין זיין קינדהייט האָט ער זיך געשניטן אויף אַ גנב — ווי עס דערציילט די אַנטי־פראַנקיסטישע ליטעראַטור. צוויי זאַכן זענען אָבער זיכער: קיין סך תורה האָט ער זיך נישט אויסגעלערנט, ווייל ער איז שוין יונגערהייט געוואָרן אַ משרת ביי אַ סוחר. שנית: זיין משיחישע אַמביציע האָט ער ערשט באַקומען, ביים לעבן אין נאָענטן מזרח. פּונקט הונדערט יאָר נאָכן כמיעלניצקי־אויפשטאַנד און דער פריסטער התגלות פון שבתין ווערט דער יונגער פראַנק זיין יורש.

ער דאַרף שוין מער נישט מיטמאַכן די ערשטע עטאַפּן פון פּיין, יסורימדיקער בענקשאַפט און הימלישע דערוואַרטונגען. שבתיס שמד גיט אים אַ מעגלעכקייט אָנצוהייבן פון סוף. אין זיינע צוואַנציקער יאָרן האָט ער שוין גאָלד, שיינע פרויען און אַ נייע אמונה. דאָס „אָנטון די מצנפת" (ווי די באַוועגונג האָט רמזימדיק באַצייכנט דאָס איבערגיין צום איסלאַם) האָט אים דאָרט נישט געקענט ברענגען קיין שאָדן. אָבער זיין אָפענער קאַמף קעגן שבתיס קרובים — ווייל זיי האָבן געקענט קאָנקורירן מיט אים — האָט אַרויסגערופן גרויס צאָרן קעגן אים אין די מזרח־מדינות.

דווקא דערפאַר זעען מיר נאָך בולטער דעם מאַסן־פּסיכאָז: יעקב פראַנק האָט גאָרנישט געקענט מחדש זיין, אַפילו אויפן געביט פון דער פאַרקריפּלטער תורה; ער האָט אויך נישט געהאַט שבתיס צויבער און נישט געוועקט קיין „פּאָעטישע" געפילן; זיינע מעשים אין בולגאַריע און סאַלאָניקי באַווייזן, אַז ער איז אויך ווייט געווען פון מינדסטן ט אַ ק ט און דיפּלאָמאַטישער חכמה. סך־הכל האָט ער באַלד אַרויסגעוויזן זיין ר ו י ע נאַטור — און דאָך האָבן אַזויפיל געגלייבט אין אים!

אין וואָס איז באַשטאַנען זיין כוח? קודם־כל דעריין, וואָס ער האָט באַלד לכתחילה געוווּסט מיט דער גאַנצער קלאָרקייט וו אָ ס ער וויל דערגרייכן. ער האָט צונויפגענומען אַלע פליִענדיקע ברעקלעך פון זיין פאַרגייער — וואָס האָבן זייער רעאַלן תיקון נישט געפונען — און פון זיי אויסגעשמידט איין קאָנקרעטן ציל. אַליין אַ מענטש פונעם אונטערשטן שטאַפּל מ אַ ס ע —

האָט ער תיכף־ומיד אַרויסגענומען פון שבתיס ירושה דאָס סאַמע־ווולגאַרסטע, די סאַמע־געמיינסטע ניצוצות פון מאַכט־גיריקייט.

אין די קנאַפּע אַכציק יאָר, זינט שבתיס טויט ביז זיין אַריינפאַלן אינעם געשיכטלעכן קעסל, זענען געווען אַלערליי משיח־אימיטאַטאָרן. אָבער זיי האָבן אַרומגעשלענדערט ווי די בעטלער, געוואָלט זיין זייערע אייגענע „נביאים״ און רעקלאַמירער — און דאָס האָט זיי נישט געקענט דערפירן צו־ווייט. פראַנק האָט אָבער, פון דער ערשטער מינוט אָן, גענומען פראַווען מלכות. וווהין ער זאָל נישט קומען — און באַשלאָסן האָט אַלעמאָל ער אַליין און נישט זיינע סעקרעטאַרן אָדער הויף־זינגער — האָט ער מיט־גענומען אַ מחנה פאַרגלייבטע. די מאַכט און דעם אָנזען האָט ער מיטגעפירט ווי די סאַמע־ביטיקסטע דעקאָראַציע. דערפאַר האָט ער גיכער געקענט אַרויס־ציִען די פאַרשידנסטע סעקטאַנטן פון זייערע באַהעלטענישן, איידער זיינע קאָנקורענטן. ער האָט אַפּילו באַלד מיטגעברענגט אינעם קריסטלעכן פוילן אַן אייגענע ווערסיע פון דריי־אייניקייט. טאָמער וועט מען זי דאַרפן פאַר די גויים. היות אָבער ווי ער דאַרף אויך מיטרייסן דאָס ביסל צעטומלטע מקובלים — איז די דאָזיקע דריי־אייניקייט אַרומגעוועבט געוואָרן מיט אַ יידיש־קבלהשער נעץ.

אָבער נאָך אַלעמען איז פראַנק נישט געקומען קיין גאַליציע, בכדי צו פאַסטן, זיך טובלען אין קעלט, עוסק זיין אין שמות, לאָזן זיינע געדאַנקען און צילן אַרויסשלייכן זיך דורך דינע שפּעלטעלעך. ער איז נישט געוואָרן קיין משיח, בכדי צו פּייניקן דאָס לייב. ער האָט באַלד באַשטימט אַ מיידל פאַר זיין לייב־ווערכטערין און געטון וואָס ער האָט נאָר געוואָלט. אלא די מאַסן? זאָלן די מקובלים פאַר זיי צוטראַכטן אַלערליי הייליקע רמזים און דערמיט דערהייבן זיינע טועלנישן. דאָ פאַרלאָזט ער זיך שוין אויף זיי...

יעקב פראַנק האָט זיך נישט געוואַקלט ווי זיין פאָרגייער; נישט געוואַרט קיין יאָרן, ביז אַ הימליש ווידערקול וועט קודם־כל ביי אים אַליין פעסטיקן דעם גלויבן אין זיך; ער האָט נישט געפירט קיין וויכוחים מיט תלמי־דים און שליחים, פונקט ווי ער האָט זיי נישט געפירט מיט זיך אַליין. ער האָט אויך נישט געהאַט בדעה זיך צו טראָגן פון אָרט צו אָרט — ווי אַנדערע שבתי־צביניקעס — און זאַמלען די צעשטויבטע ברעקלעך נשמה. סייווי איז די מאַסע באַלד געקומען זיך לייגן ביי זיין טיר. 29 יאָר איז פראַנק אַלט גע־ווען, ביים אַריינפאָרן קיין פוילן — און ביי זיינע 30 האָט מען שוין געכאַפּט די פראַנקיסטן פון לאַנסקאָרון טאַנצן מיט ספר־תורהס אַרום אַ נאַקעטער פרוי. במשך פון איין יאָר האָט ער אַדורכגעפירט זיינע מאַסן דורך אַלע פאַזן און השתלשלותן: פון דער שטילער, האַרצרייסנדיקער בענקשאַפט — ביז

צום הפקר פון כולו חייב... ער האָט נישט געוואָלט פאַרלירן קיין צייט, נישט קריכן געלאַסן — נאָר לויפן, שפּרינגען איבער אַלע טרעפּ וואָס פירן צום טומאה־תהום. געפערלעך? זיכער. אָבער פראַנק האָט נישט געוואָלט לאָזן קיין סך צייט פאַר די קעגנער.

און ער האָט געוווסט, וואָס ער טוט: די זעלבע מאַסע, וואָס האָט מיט געציילטע דורות צוריק פאַרגעטערט שבתין פאַר זיין צ ע ג ע ר ן אַזוי לאַנג (אַ סימן, אַז ער לייטערט דערוויילּ אַלע פּסולתן) האָט איצט געקניט פאַר פראַנקן צוליב זיין בליק־שנעלער רשעות. אַ סימן, אַז אַלע הימלישע טירן זענען פאַר אים אָפן און ער האָט נישט מורא אומצוואַרפן די לעצטע פּלויטן.

ה.

אויף וויפל מען קען בכלל אַרויסציען קלאָרע פאַקטן וועגן ערשטן, פראַנ־קיסטישן יאָר אין פוילן — איז כמעט־זיכער, אַז פראַנק האָט זיך תיכף אַרומ־גערינגלט מיט אַ מחנה יונגע פרויען. אַז זיי זענען בכוח געווען צו פאַרלאָקן אַ סך מאַסן־מענטשן, איז אויך מער ווי פאַרשטענדלעך. דער צניעות־גאַרטל איבער דער יידישער וועלט האָט נישט ווייניק געשטיקט, געררייצט כל המינים באַגערן. דאַרף מען זיך קיין סך נישט חקירהן, בכדי צו מאַכן דעם אויספיר: די עראָטישע אויפלייזונג איז געווען פראַנקס שאַרפסטע געווער. אָבער פונקט ווי שבתי, האָט אויך ער באַלד דעראָבערט אַ צאָל רבנים און לומדים. דווקא ז יי האָבן זיך פון אים נישט אָפּגעטרייסלט, אַפילו דאַן ווען אַ סך פּשוטע מענטשן האָבן שוין חרטה געהאַט.

עס טרייסט אונדז ווייניק, וואָס די דאָזיקע טומאה האָט זיך באַגרענעצט צו אַ באַשטימטן פונקט: דער פראַנקיזם האָט זיך בעיקר איינגעגראָבן אין גאַליציע און פּאָדאָליע, בעת אין טיף־פוילן אָדער ליטע האָט ער קוים אַרויס־גערופן אויפמערקזאַמקייט. וואָס די סיבות זאָלן נישט זיין — זעען מיר, אַז פראַנקס חוצפּהדיקע ברוטאַליטעט האָט פּאַרט אָנגעטראָפן אויף יידישן באָדן.

אלא אין בראָד לייגט מען די פראַנקיסטן אין חרם? מען דערקלערט זייע־רע ווייבער פאַר זונות און די קינדער פאַר ממזרים? דאָס קען בלויז אָפּשרעקן איינעם, וואָס וויל בלייבן א י ן דער מחנה; וויל נישט פאַרלירן דעם חן ביי פרומע יידן. ע ר האָט נישט גורס געווען קיין פאַרטיידיקן זיך, קיין אָנהאַלטן אַ שטיקל בריק. פראַנק האָט געהאַלטן פון שנעלן און אומגעריכטן אָנגריף: זאָל דער קעגנער זיך דאַרפן פאַרטיידיקן און נישט ער. און דער שונא איז באַלד געוואָרן דאָס ג אַ נ צ ע יידנטום. אויב מען האָט זיך אין טערקיי געקענט חנפענען צום איסלאַם, קען מען זיך דאָ חנפענען צום קרייץ. ער האָט געוואָלט זיין ש ט אַ ר ק — און דאָס קען מען נאָר דערגרייכן דורכן גיין

מיטן מעכטיקן. אויב אָ ן דער קירכע מוז ער זיך באַהאַלטן אין אַ בעסאַ־ראַביש ווינקל און געלייגט ווערן אין חרם — לוינט אים נישט די קרוין מיט דערנער. צווישן מאַרטירערישער פאַרגעטערונג און געפּאַנצערטער מאַכט — קלויבט ער אויס די אומריינע מאַכט. אויב ס'איז דווקא נייטיק — וועט ער אַפילו שטיצן דעם ב ל ו ט ־ ב ל ב ו ל אויף יידן. דאָס וועט אַרויסרופן אַ שוידער ביי טייל גלויביקע? זיי וועלן זיך דערשרעקן פאַר אַ משיח, וואָס קען אַזוי אָפן שקרן? זיכער. אָבער אַזעלכע צעקראַכענע נפשות דאַרף ער סײַווי נישט האָבן מיט זיך. זאָלן זיי גיין! ער וויל בלייבן מיט די, וואָס וועלן קניִען פאַר י ע ד ע ר שקר — אַפילו דעם בלוטיקסטן.

זאָלן מיר זיך וווּנדערן אויף יענע ווייבער און מענער, וואָס האָבן זיך צוריקגעצויגן? דער אמתער חידוש איז גאָר, וואָס אַזעלכע רבנים און לומדים ווי לייב פון נאַדוואָרנע, נחמן פון בוסק אָדער אלישע שור פון ראָהאַטין האָבן מיטגעמאַכט אַלע גלגולים. נאָך מער: אויב פראַנק אַליין, מחמת זיין עם־הארצות, האָט זיך נישט געקענט פאַרמעסטן מיט די קעגנערישע לומדים (און צו וויכוחים האָט עס פאָרט געמוזט קומען, קעגן זיין ווילן); אויב ער איז אַפילו נישט מסוגל געווען אויפצופלאָנטערן די רעליגיעזע רעטענישן פון זיין דער־שיינונג פאַר די גלחים און ביסקופּן — זענען ז יי אים געקומען צוהילף. פונקט ווי ביי שבתין זענען די „טעאָריעס" איבערגעגאַנגען אין נתנס הענט, אַזוי איז ביי פראַנקן באַלד דערשינען דער אייביקער טיפּ פון „צווייטן ראַנג" און גענומען פאַרזאָרגן די באַוועגונג מיט אייגענע ספרים. די דאָזיקע א ל י ש ע ש ו ר ס האָבן זיכער געוווּסט, אַז פראַנק קען קיין משיח נ י ש ט זיין; זיי האָבן אויך געוווּסט אויף זיכער, אַז יידן צאַפּן נ י ש ט קיין בלוט פון קריסטלעכע קינדער; זיי האָבן זיך, אַפילו פרומערהייט, געקענט אויסלעבן אין גרויס כבוד. וואָס האָט זיי געשטויסן צו אַזויפיל האָס? פאַרוואָס זענען זיי א י ם נאָכגעגאַנגען? האָבן מיר שוין ווידער אַן אַלטן באַווייז: אינ־טעלעקט אַליין איז אַ קנאַפּע באַוואָרעניש קעגן אַזאַ מגיפה. דאָס פראַנקיסטי־שע קאַפּיטל וואָרנט אונדז קעגן דעם נאָך שאַרפער ווי די טראַגעדיע שבתי־צבי.

ו.

אייגנטלעך זענען אַלע חקירות אפשר איבעריק: ש וו ע ר איז בלויז דער ערשטער טריט. וויבאַלד מען איז שוין אַריבער אין דער פאַרפירטער מחנה — ווילט זיך נישט בלייבן דער אָפּגענאַרטער. אויב קיין וועג צוריק איז מער נישטאָ — מוז מען לויפן ווייטער, אַפילו ווען מ'דאַרף גיין ביז אי־בער די קנעכל אין בלוט און אין פּאַראַט. דער ערשטער טעות ציט אַריין אין אַ מלחמה — און מ'קען בלויז פאַלן אָדער זיגן. פראַנקס מחנה האָט נישט

געהאַט קיין חשק צו פאַלן — און דערפאַר האָט זי שוין געמוזט באַזיגן דעם קעגנער מיט אַ ל ע מיטלען.

די פרי־ערדיקע שליחים פון דער „שעפּסישער" * באַוועגונג האָבן נאָך אַלץ געוואָלט אויפרייסן די יידישע וועלט פון א י נ ע ו וי נ י ק. זיי האָבן זיך געמאַטערט אַריינצוקריכן א י ן דער רבנישער וועלט, שטעלן זיך מיט די קעגנער אויף א יי ן באָדן, אָפּערירן מיט פסוקים און זיך מפלפל זיין וועגן מאמרים וואָס ביידע צדדים אָנערקענען. דאָס האָבן זיי נישט אויפגע־הערט צענדליקער יאָרן נאָך שבתיס איינזאַמען טויט. פאַרקערט: דווקא דער־מאָלט האָבן זיי זיך געמוזט אומקערן צו אַזאַ פסוקים־מיסיאָנערישקייט, ווייל ז יי ן פּערזענלעכע אויטאָריטעט האָט אויפגעהערט צויבערן. האָבן זיי זיך מכלומרשט ווייטער געקלאַמערט אין יעדן יידישן קנייטש, געצויגן פון דאָרט אַביסל אָנלען פאַר זיך.

פראַנק האָט נישט געקענט דערוואַרטן קיין סך פון אַזעלכע אַמפערנישן. ז יי האָבן ביז־איצט דאָס פ אַ ל ק נישט אַריבערגעצויגן — הגם שבתיס שאָטנס האָבן דאָס געקענט אַ סך מער פון אים. ער האָט געוואָלט ש ל אָ ג ן און דורך אינערלעכע פאַרמעסטן האָט ער בלויז געקענט ג ע ש ל אָ ג ן ו ע ר ן. מוז ער אָנגרייפן פון דרויסן. די בעסטע שותפים קענען זיין די מאַכטהאָבער פון בישאָף דעמבאָווסקיס שניט — וואָס אויך ז יי ע ר משיח איז „אויפגעשטאַנען" תחית־המתים — און די יידן ווילן עס נישט גלייבן. דאָ וועט זיך צעפייערן אַ שלאַכט, ספרים וועלן ברענען, צרות וועלן זיך שיטן פון אַלע זייטן... און אַ סך יידן וועלן שוין מוזן פרעגן: האָט זיך געלוינט דער גאַנצער חרם? וועלן מיר צוליב דעם נישט אומקומען ביז צום לעצטן? ביי דער זייט פון די פוילישע גלחים וועט אויסוואַקסן נאָך אַ מעכטיקער שותף: די יידישע פאַרצווייפלונג. האָבן דען געפעלט צרות אין אַ ל ע צייטן? האָבן זיך דען יידן איינגעבראָכן בעת פרי־ערדיקע גזירות? ניין. אָבער ד אָ ן איז נאָר געווען איין ברירה: יסורים אָדער שמד. האָבן זיי בעסער אויסגעקליבן די יסורים. איצט ברענגט ער פאַר זיי דעם ד ר י ט ן אויסוועג, די מיטלסטע סטאַציע צווישן ביידע: באַהאַלטן זיך אונטער די פליגל פון די וו אָ ס וו ע ר ן נ י ש ט ג ע ר ו ד פ ט און דאָך זענען זיי ווייטער י י ד ן , משיחישע יידן...

אָנשטאָט לאַנגע פלפולים, וואָס קיינער פון די הויכגעשטעלטע ביסקופן וועט סייווי נישט פאַרשטיין, וועט ער בעסערן העמערן אויף זייער קאָפּ צוויי־דייטיקע שאלות: וואָס איז מיט דער דריי־איינִיקייט? גלייבן זיי, אַז משיח

* אַ שפּאָטיש־פאָלקלאָריסטישע באַצייכענונג פאַר דער ש ב ת י ש ע ר סעקטע; בעיקר די אָנהענגער נאָך שבתיס טויט.

איז נאָכנישט געקומען? קען זיך גאָט מתלבש זיין אין אַ בן־אָדם? דאָס זענען שעבסיש־פראַנקיסטישע שאלות, אָבער אין די קאַטוילישע אויערן קלינגען זיי היימיש־קריסטלעך — און די רבנים וועלן מוזן היטן זייער צונג. ווי אַ צולאָג וועט ער דערלאַנגען מסירות אויפן תלמוד — און דאָס וועט זיכער ווילגע־פעלן די האַרן מיטן גרויסן קרייץ. דאָס וועט אונטערטרייבן דעם סוף אַ סך שנעלער ווי טויזנט ראיות פון קבלה־ספרים. פראַנק מיט זיין חבריה האָבן נישט קיין כח צו זיין גערודפטע אויף לאַנגע יאָרן. זיי ווילן באַלד ווערן מ אַ כ ט און דערפאַר מוזן זיי רודפן. דעם זיגער מאַכט מען נישט קיין פאַר־ווורפן. האָבן זיי מער קיין מורא נישט פאַר ווייטערדיקע חרמס. זאָלן עס יענע וו אַ ג ן נאָכן גרויסן נצחון!

ז.

צו געוואַלטיקע נצחונות מוז מען זיך גאָר־הויך אויפהייבן, אָדער גאָר טיף אַראָפּלאָזן. אויפן נאַרמאַלן וועג קען מען זיי נישט באַגעגענען. די הויך איז אָבער שווערער צו דערגרייכן ווי דעם תהום. די פראַנקיסטן האָבן גע־וואָלט ביידע: אי דעם גרויסן נצחון און אי די לייכטע שנעלקייט. דערפאַר האָבן זיי געמוזט אַראָפּזינקען. דער צייכן פון זיגערישער פאַרפאַלנקייט באַ־ווייזט זיך, בעת מען הערט אויף צו דאַרפן אַ תירוץ פאַר דעם אייגענעם ספק; ווען מען האָט שוין בכלל קיין ספיקות נישט. אינעם וויכוח צווישן די רבנים און פראַנקיסטן, האָבן די לעצטע בלויז געוואָלט ז י ג ן ב יי ד י ה אַ ר ן אי ן ד י א ו י ג ן. זענען זיי פאַרוואָגלט געוואָרן אין קליינע רשעות־זעמדלעך ביי דער זייט פון גרויסע רשעים.

צווישן זיך אַליין האָבן זיי אויפגעהערט זוכן דעם אמת, אים מער נישט געדאַרפט. זייער גאַנצער כח איז אָנגעשטעלט געוואָרן אויף פאַרבלענדעניש: אויב זיי האָבן זאַמד אויף צו שיטן דעם פוילישן קלער אין די אויגן — איז די־והותר. אַ ז אַ נצחון האָבן זיי טאַקע אָפּגעהאַלטן — אָבער די היסטאָרישע מפלה איז געקומען ממש אין דער זעלבער מינוט. פ ר י ע ר האָבן זיי נאָך געקענט באַצויבערן אַ מאַסע ייִדן; שאַפן ביי זיי אַ ספק: אפשר האָבן „זיי" פּאַרט אַ שייכות צו די הימלען? אָבער מיטן מבול בלבולים האָבן זיי אָפּגע־שניטן דעם וועג צו יעדן ערלעך־ייִדישן האַרץ. כל־זמן זייערע פאַרגייער האָבן זיך געגריבלט אין ספרים, געוואָלט זיי אַריבערציִען אויפן אייגענעם צד — האָט זיך אַ פּשוטער ייִד געקענט טראַכטן: ווער ווייסט? אפשר טייטשן ז יי ריכטיק? איך בין ווינציקער למדן פון ד ע ם גאון און יע נ ע ם רב... אָבער וויבאַלד די פראַנקיסטן פועלן ביי די גויִים מען זאָל ברענען די ייִדישע ספרים — איז אַ סימן, אַז זיי קענען די הייליקע בלעטער מיט קיין וויכוחים נישט

באַזיגן. זיי האָבן מ ו ר א. אויב אַזוי — איז דער ענין דערקלערט. עטלעכע טויזנט מופקרים וועלן טאַקע מיטגיין ביזן סוף. אָבער דאָס גאַנצע פאָלק וועט זיך אומקערן אין דער פרי׳ערדיקער נעסט. ווו נאָר מען נעמט ברענען ספרים — בייגט מען זיך פאַקטיש פאַר זייער מאַכט...

אונדזערע מקוננים וויינען טאַקע אויף די שווער־באַלאָדענע וואַגנס מיט ספרים, וואָס זענען דעמאָלט פאַרברענט געוואָרן. אָבער למען־האמת האָט גאָר דאָס ייִדנטום אָפּגעהאַלטן איינעם פון די ג ר ע ס ט ע — הגם טראַגישסטע — נצחונות. יענע שריפה — האָט צונישט געמאַכט אַ גרעסערן חורבן. ווי נאָר די פלאַמען האָבן אויפגעהעלט — איז מער נישט מעגלעך געווען צו באַקערן דאָס פּוילישע ייִדנטום, אָדער זיינס אַ גרויסן טייל, צום פראַנקיזם. אויך דער פאַרעטער האָט געמוזט מסלק זיין דעם פרייז: ער האָט געזען ווי טויזנטער בענדער פון פאַרהאַסטן תלמוד ווערן געשלעפּט פון פערדישע ווײַדלען צו די שריפה־גריבער? ער האָט געשטראַלט פון נקמה איבער די רבנים? אויב אַזוי — זאָל ער פון זיי אַוועק אָן שום באַוואָרעניש! אוודאי האָט זיך פראַנק נישט דערשראָקן. די נשמה האָט פאַר אים אַליין געהאַט אַ קנאַפּע ווערט. די אַנדערע? אפשר האָבן זיי אַ ציטער געטון אויף אַ מינוט; און אפשר האָבן אויך זיי שוין געבענקט צום קרייץ. אָבער דער וועג צום גרויסן זיג איז פאַרשטעלט: זייערע „נביאים" וועלן זיך שוין מער נישט קענען דרייען אויף אַלע תורה־ירידים; נישט אויפטויכן אין יעדער עיר ואם בישראל און באַווייזן זייער גערעכטיקייט באותות ומופתים; נישט דרש׳ענען ביים אָרון־קודש, וואָס דער זוהר האָט וועגן זיי געזאָגט און אַז דער אר״י הקדוש האָט זיי מכוון געווען...

דער רויך פון די פאַרברענטע ש״סן אין אויפגעגאַנגען צו די הימלען. אָבער מיט אים צוזאַמען איז אַוועק דער לעצטער רייץ. די פונקען פון דער שריפה האָבן זיך דערטראָגן קיין האַנאָווער און אַלטאָנאַ, כאָטין און סאָפיע, אַמסטערדאַם און ווילנע. זיי האָבן אומעטום אָנגעזאָגט די בשורה: ער איז ש ק ר בתכלית השקרות! זוכט נישט מער אין די ספרים, געפינט נישט מער קיין פלינקע תירוצים, דרשנט נישט מער! נישט קיין פאַרדרייטע מקובלים זענען זיי, נאָר משומדים להכעיס; נישט קיין פאַרנאַרטע — נאָר פשוטע מוסרים און בלבולים־מאַכער. באַנוצט אייערע שאַרפע מוחות און צונגען אויף עפּעס בעסערס. מיט ז יי איז דער וויכוח פאַרענדיקט. מיר האָבן אַזויפיל שונאים — וועלן צוקומען נאָך עטלעכע טויזנט. זיי טאַנצן? דאָס פּוילישע פעבל יובלט? פּוילן האָט באַקומען אייגעשפּריצט אַביסל פריש בלוט אין די אָדערן? זאָל זיין. אָבי ביי ייִדן גופא איז שטיין געבליבן אַ פעסטע וואַנט. ווער וועט זיך איצט אַוועקשטעלן טענהן — מיט זוכערישן הונגער אין האַרץ

— מיט מומרים? וועלכן אמתן ייִד קען לאָקן דער קלויסטער, הגם ער איז אונטערגעשמירט מיט מיסטישן ניאוף אונטער פאַרמאַכטע לאָדנס? נישטאָ מער קיין שאַרף־קעפּיקע אלישע און שלמה שור, קיין לומדישער לייב באבאד, נחמן הלוי אָדער יהודה־לייב קרויז — ביי וועלכע מען קען נאַשן אַ שטיקל רמז... חזיר־פרעסער און פאַרטיק.

אַוודאי האָט מען אימה פאַר זיי אין יענע שטעט, ווו זייער שוץ איז די מאַכט. אָבער אין אַנדערע מקומות מיידט מען זייערע חברים ווי די פּעסט. די נייע משומדים האָבן רויטער געמאַכט פּוילנס אַריסטאָקראַטיש בלוט, אַריינגעברענגט פרישע זוימען, וואָס וועלן זיך שפּעטער צעטראָגן, אַרויס־זינגען פון די פּוילישע טיפענישן. נישט דורך פּאָגראָמען אין די גאַסן איז אַזאַ בלוט פאַרגאָסן געוואָרן, נאָר עס האָט שטיל אַריינגעפלאָסן אין דעגענערירטע אָדערן. אָבער אין סך־הכל האָט געזיגט דער ייִד. אַ טייערער פּרייז? זיכער. אָבער ווען האָט ייִדנטום געהאַט לייכטע נצחונות? בפרט נאָך, ווען די איי־גענע מאַסע איז פריִער מיטגעלאָפן, באַשאַפן מיט אייגענע הענט דעם גולם... ווּעמען נאָך קען מען דאָ באַשולדיקן? מען טאָר אַפילו נישט האָבן קיין טענות צו די הימלען מ י ט ד ו ר ו ת ש פּ ע ט ע ר — ווען דער חשבון ווערט נאָך אַלץ געצאָלט: ביי אַ סך פּוילישע פּריצים האָבן זיך באַוויזן שקצים מיט בליציק־שוואַרצע אויגן — קינדער פון ראָהאַטינער און לעמבערגער ייִדישע יפה־פיות — און זיי האָבן אויפגעגלאַנצט ביי יעדן געהויבענעם שטעקן אי־בערן קאָפּ פון אַ פּוילישן ייִד...

ח.

ווי שנעל די ירידה איז געקומען! די פראַנקיסטישע באַוועגונג האָט אין זיך אַלע שוידער־עלעמענטן פון שפּעטערדיקע דיקטאַטורן. די ענלעכקייט וואַרפט זיך פשוט אין די אויגן: ראשית, דאָס אָרגאַניזירן בלבולדיקע שוי־פּראָצעסן (הגם מען מוז מודה זיין, אַז י ע נ ע זענען געווען „אָרנטלעכער". פשוט: ווייל אויך דער רבנישער צד האָט געמעגט זאָגן דאָס זייניקע און זיך נישט געמוזט „מודה" זיין). כאַפּט אַ קוק אין די געשיכטלעכע בלעטער און איר וועט זען, ווי ווייניק דערפינדעריש מאָסקווע און בערלין זענען פּאַקטיש געווען. די באַשולדיקונגס־רעדע פונעם ביסקופּ מיקולסקי קעגן די ייִדן (אַ רעדע וואָס די פראַנקיסטן האָבן אים צוגעשטעלט) איז אונדז אַזוי באַקאַנט, אַזוי אַקטועל! צווייטנס: דער כאַאָס, וואָס ווישט אָפּ די גרענעץ צווישן זיגער און באַזיגטע: ה יי נ ט האָבן די פּאָליאַקן געמאַכט פאַר קרבנות די ייִדן און מאָרגן נעמען זיי שוין חושד זיין אַפילו הייסע פראַנקיסטן... דריטנס: ווּיבאַלד פּ אַ ר אַ ט ווערט אַ נוסח — ווייסט ער זיך נישט ווו אָפּצושטעלן.

פראַנק פאַראַט איינמאָל די ייִדן און גייט איבער צו די פּאָליאַקן; אָבער מאָרגן לאָזט ער איבער די פּאָליאַקן, בכדי אויך זיי אָפּצוטון „אויף טערקיש" און ווידער ווערן אַ מוזולמענער... און איבערמאָרגן וועט ער אַרויסשטעלן זיין נשמה אויפן רוסישן מאַרק און גרייט זיין צום פּראַוואָסלאַוונעם פּראָטעקטאָראַט... אַזאַ האַנדל מיט גלויבן — און אַזאַ אַטמאָספערע פון קעגנזייטיקן חשד — איז נאָר געמאָלט ביי מענטשן, וואָס זייער אינערלעכער גלויבן האָט צוזאַמענגעקראַכט. קיינער קען שוין פון זיי קיין הנאה נישט האָבן.

די חסידישע לעגענדע מעג עס טאַקע באַדויערן; זי מעג טאַקע אַריינלייגן אַ טיפן זיפץ אינעם מויל פונעם בעש"ט אַליין: ביים מאַסן־שמד פון די פראַנקיסטן האָט ער געוויינט... כל זמן, האָט ער געטענהט, אַן אבר איז באַהאַפטן צום גוף, איז נאָך דאָ אַ האָפענונג. אָבער וויבאַלד ער איז שוין אָפּגעהאַקט — איז מען אַ קאַליקע... אָבער דאָ איז דאָס געוויין געווען פאַרשפּעטיקט: דאָס אבר איז שוין געווען אַזוי קראַנק, אַז עס האָט בלויז געקענט פאַרסמען דעם גאַנצן גוף.

דאָס ייִדישע געוויין האָט נאָך געהאַט אַ זין מיט ניינציק יאָר צוריק. איצט האָט דער שמד פון דער פראַנק־חבורתא געדאַרפט אַרויסרופן בלויז פרייד: אויב זי איז שוין סייווי צעפוילט — זאָל זי בעסער אָפּגעריסן ווערן. אַוודאי האָבן פוילישע כראָניקער (און זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיטן פראַנקיזם נאָך מער ווי ייִדישע היסטאָריקער) טריומפירט ביים באַשרייבן דעם פראַכטפולן שמד פון דער פראַנק־משפחה; זיך באַגייסטערט מיטן פירשטלעכן גאַנג פון גראַבן יוזעף, באַוווּנדערט די צעפינקלטע אויגן פון זיין טאָכטער עוואַ און די שיינקייטן פון זיין הויפּט־ווייב אננא. אָבער ייִדן זענען זיי מוחל די מציאה מיט קנין און מיט מנין. אין ייִדישן הויז — אַפילו זיי זאָלן געווען פאַרבלייבן — האָבן זיי מער ווי מיסט נישט געקענט איבערלאָזן.

ט.

עס איז אפשר כאַראַקטעריסטיש, וויאַזוי ייִדן האָבן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל געוואָלט אויסמעקן פון זכרון. אין יולי 1959 איז געוואָרן פולע 200 יאָר זינט דעם גרויסן וויכוח צווישן די פראַנקיסטישע „רבנים" און דעם ייִדישן פאָלק. אָבער קיינער האָט די דאָזיקע דאַטע אַפילו נישט נאָטירט. נאָך עפּעס: אַפילו דער פויפּסט, קלעמענט דער דרייצנטער, האָט מודיע געווען, אַז ער גלייבט נישט אינעם בלוט־בלבול. אָבער די דאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק געשפּילט אַ ראָלע אינעם ייִדישן לעבן, האָבן דווקא געוואָלט באַווייזן דעם פּוילישן פאָלק, אַז ייִדן באַנוצן זיך יאָ

מיט קריסטלעך בלוט. זיי האָבן אַפילו מיטגעהאָלפן אין שחיטות איבער די ייִדן אין פוילישע שטעט. די ייִדישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיטן סטאַלין־בלבול אויף ייִדישע דאָקטוירים אין 1953, וואָלטן בפירוש געמעגט פראַוועןן אַ 200־יעריקן יובל. אָבער אויך זיי האָבן, ווייזט אויס, געוואָלט פאַרגעסן.

די דע־היסטאָריזאַציע פון אַזאַ נאָענט קאַפּיטל ייִדישע געשיכטע איז אַזוי בולט, אַז עד־היום ווייסן מיר נישט אַזוי קלאָר וו ע ר עס האָט זיך דאָרט אַלץ באַטייליקט און וואָס עס איז דאָרט פּאַקטיש פאַרגעקומען. מיר ווייסן בלויז, אַז די פערציק רבנים אויפן דאָזיקן „פּראָצעס" אין לעמבערג — און די אומצייליקע ייִדן מיט זיי — האָבן געהאַט אויסצושטיין אַ סך חרפּות און יסורים. זיכער האָט די ייִדישע לעגענדע שפּעטער פאַרגלעט אַלע ווונדן און „צוגעטראַכט" וואָס מער נצחונות פאַרן ייִדישן צד. פּונקט אַזוי האָבן אונדזערע היסטאָריקער דווקא געוואָלט באַווייזן דאָס פאַרקערטע: אַז די רבנים זענען געווען דער שוואַכערער צד אין יענעם געצוווּנגענעם וויכוח. למעשה איז אָבער אַ קנאַפּע נפקא־מינה: דאָס וואָס די פראַנקיסטן האָבן זיך צום צווייטן מאָל אַזוי אָפן דעמאַסקירט — איז סייווי געווען דער גרעסטער נצחון פאַרן ייִדנטום.

נאָוועמבער פון 1759 האָט יעקב פראַנק אַליין אָפּגעשלאָסן די משומדים־רשימה, אונטערן פּראָטעקטאָראַט פונעם פּוילישן מלך. אָבעד מיט איין יאָר שפּעטער איז ער שוין געזעסן אַרעסטירט אין דער טשענסטאָכאָווער פעסטונג. פון איין זייט האָט דער פּוילישער קלער געהאַט הנאה פונעם זיג, אָבער פון דער צווייטער זייט האָט ער זיך גענומען פילן באַדראָט. די פּוילישע שלאַכטע איז טאַקע באַרייכערט געוואָרן מיט הונדערטער וואָלאָווסקיס, דעמבאָווסקיס, זאַלעסקיס וכדומה (פּראָפ' מתתיהו מיזיש האָט געהאַט אָנגעוויזן, אַז די חשובסטע פּוילישע משפּחות, אין די טויזנטער, זענען „פּאַרסמט" געוואָרן מיט ייִדיש־פראַנקיסטיש בלוט) — אָבער דער איבעריקער טייל פונעם פּוילישן ייִדנטום האָט זיך נאָך מער פאַרפּאַנצערט. אַפילו די „נאַטירלעכע" פּאָלאָניזאַציע האָט גענומען שרעקן... און בעיקר: צוליבן גרויסן רעש האָט מען אַפילו רעכט נישט באַמערקט אַז דער נאַציאָנאַלער חורבן פאַר דער גאַנצער פּוילישער מלוכה טראָגט זיך מיט דער שנעלקייט פון אַ געוויטער.

ז.

אַלע עלעמענטן, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער פראַנק־טראַגעדיע, זענען פאַר אונדז, נ אָ ך אַ ל ע מ ע ן, מער פאַרשטענדלעך. מיר באַגרייפן, פאַרוואָס יעקב פראַנק אַליין האָט אָפּגעטון אַלע זיינע מעשים. מיר ווונדערן

זיך אַפילו נישט אויף די פּאָר טויזנט נפשות וואָס זענען איבערגעגאַנגען צום קאַטאָליציזם — און דערפאַר געגאַסן פון אַ סך פּריווילעגיעס; אַפילו פון אַדל־טיטולן. מען דאַרף זיך אַוודאי נישט ווונדערן אויף די בישאָפן און גלחים וואָס האָבן זיך אַריינגעוואָרפן מיטן גאַנצן ברען אינעם קאַמף. זיי האָבן געוואָלט טריומפירן איבערן פאַרהאַסטן ייִדנטום און געהאַט זייער געלעגנהייט. עס איז אונדז — שוין נאָך אַלע שקלא־וטריאס — מער נישט קשה, פאַרוואָס די תורה־אַריסטאָקראַטיע פון פראַנקס חדר האָט מיטגעמאַכט דאָס שפּיל: די מעגלעכקייט אַריינצודרינגען אין אַלע פּוילישע ווינקלען — ביז צום קעניגלעכן הויף — האָט פאַרמאָגט געגנוג רייץ...

קאַריעריסטישע נסיונות זענען אַלעמאָל געווען — און רבנישע משומדים האָבן אויפגעטויכט אַפילו אין פריִערדיקע דורות, הגם זייער שמד איז נישט געווען פאַרבונדן מיט קיין גאַנצער באַוועגונג. בלויז איין שיכט בלייבט ווייטער אומפאַרשטענדלעך: יענע טייל מאַסע, וואָס האָט אַפילו דאָן נישט געוואָגט צו מאַכן דעם לעצטן שריט — און דאָך איז זי ווייטער טריי געבליבן איר געשמדטן „משיח". זי האָט פון קיין שום פריווילעגיעס נישט גענאָסן, ווייטער געבליבן אָרעם און עלנט — און דאָך...

מיר וועלן בייז דערשטוינט — און דאָך גערירט ביז טרערן — ביים לייענען, וויאַזוי עס האָבן צו אים ווייטער געצויגן מחנות ייִדן פון אונגאַרן און טערקיי, פון בוקאָווינע און זיבנבירגן, טשערנאָוויץ און דער וואַלעכיי... וואָס האָבן זיי געזוכט אויף די פּוילישע וועגן? זיי האָבן די לאַנד־שפּראַך נישט געקענט, קיין שום אינטימע קאָנטאַקטן מיט דער פּוילישער ערד נישט געהאַט; דער פּאַליאַק האָט זיי אַפילו קיין שמייכל נישט געשענקט, ווי די משומדים פון דער היימישער שטאָט — און זיי אַליין האָבן קיין ברעקל פּאַטריאַטיזם (ווי דאָס האָבן אפשר געהאַט די פּוילישע פראַנקיסטן) נישט געקענט פאַרמאָגן. טאָ וואָס האָט זיי געטריבן ביז אַהער? מיר האָבן נישט קיין עצה און מוזן צוגעבן: דער נישט־אויסגעלאָשענער גלויבן... בלויז מיט אַזאַ נאַיִווער אמונה האָבן זיי זיך געקענט אַוועקשטעלן אויף אַלע וועגן, איבער די גאַסן, ביי די טויערן פון קירכעס און בעטלען נדבות; בלויז אַ שטאַרקע, אומדערשיטערטע אמונה האָט זיי געקענט באַוועגן צו נעמען די געזאַמלטע פּרוטות און אַוועקשיקן זייער „קרוין" — אַז ער זאָל ווייטער קענען לעבן ווי אַ קעניג...

ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז דער דאָזיקער גלויבן האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן ביים צענדליקער טויזנטער — און במשך פון אַ סך יאָרן — ווערט פאַר אונדז די רעטעניש מיטן נאָמען „מאַסע" נאָך גרעסער... עס איז נאָך כדאי צוצוגעבן: אַזעלכע גלויביקע האָבן זיך נישט געהאַט וואָס צו שרעקן

אין פוילן. אָבער אין אַנדערע לענדער זענען זיי געווען אויסגעשטעלט צו די גרעסטע סכנות. וויבאַלד פראַנק האָט צעבראָכן אַלע גרענעצן און געוואָרן אַן אָפּענער צ ו ר ר — האָבן ייִדן אין אַנדערע לענדער געמוזט באַנוצן אַלע מיטלען (אַפילו מסירות צו דער מאַכט) בכדי צו באַקעמפן זיינע חסידים... און דאָך האָבן זיי זיך נ י ש ט איינגעבראָכן. ווייסן מיר טאַקע נישט וועמען צו געבן אַ גרעסערן חלק שולד: דעם צינישן משיח, אָדער דער גלויביקער מאַסע, וואָס האָט זיך פון אים בפירוש נ י ש ט געוואָלט באַפרייען.

קאַפּיטל זעקס

א.

יעקב פראַנק האָט אייגנטלעך געענדיקט פונקט ווי זיין ערשטער גלגול. אָבער ז יי ן סוף איז געווען באַקוועמער און מיאוסער. שבתי צבי האָט פּאַרט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ שטראַל פון טיפן טראַגיזם: הגם מיר סאָלידאַריזירן זיך נישט מיט די, וואָס ווילן אים עד־היום נישט אויסשטרייכן פונעם ייִדישן ספר־החיים, זעען מיר פּאַרט אין אים אַ מענטשלעכן טראָפּן וואַרעמקייט. ער איז טראַגיש דערמיט, וואָס זיין אייגן־באַשטימטע שליחות איז געווען גרע־סער פאַר זיינע כוחות. ער האָט זי נישט סתם־אַזוי אָוועקגעוואָרפן — נאָר דערדריקט געוואָרן, צוליב זיין קליינקייט, אונטער איר שווערער משא. אָבער פראַנק האָט געשענדעט יעדע שליחות; אַפילו זיין מכלומרשטן רבינס חלום.

ווען מיר קומען צום קאַפּיטל שבתי־צבי — ווילט זיך אונדז וויינען. טיף אין האַרץ קענען מיר זיך אַליין נישט שענקען, הלמאי ער איז אַדורכ־געפאַלן. מיט אַלע אירע חסרונות, איז אַ רחמנות אויף יענער מאַסע: פאַרוואָס איז זי אָפּגענאַרט געוואָרן? פאַרוואָס האָט זייער משיח זיך אַליין פאַרנאַרט אין דער נעץ? ווען עס קומט אָבער צו די פראַנקיסטן — פירער אָדער פאַר־פירטע — בלייבט פאַר זיי גאַרנישט, אויסער ה אַ ס.

לאָמיר פאַרצייכענען עטלעכע דאַטעס. אין 1759 פאַראַט פראַנק זיינע פריִערדיקע ד ר יי אמונות: ביי זיינע 39 יאָר האָט ער שוין אויסגעטוישט ייִדנטום אויף איסלאַם, דעם איסלאַם אויף דאָנמע־פראַנקיזם און איצט — „זיך אַליין" אויף קאַטאָליציזם. אין 1760 זיצט ער שוין אין טשענסטאָכאָוו — און אים איז באַשערט דער זעלבער גורל ווי שבתין: אויך ער איז פאַר־שפאַרט אין אַ לוקסוס־תפיסה, אויך ער פראָקלאַמירט זי ווי אַ הייליקע פעס־טונג, אויך ער פראַוועט דאָרט תאווה־אָרגיעס און אויך ער האַלט אָן געהיימע קאָנטאַקטן מיט אַלע גלויביקע איבער פאַרשידענע מדינות. ביי ש ב ת י ן

איז נאָך אַזאַ דערשיינונג געווען פּריש, פאַרשפּרייט אַרום זיך אַן עקזאָטישן ריח. אָבער איצט? פולע הונדערט יאָר נאָך יענעמס „מגדל עוז”? אויסער דער אַנטוישונג פון אַ גאַנצן יאָרהונדערט, האָבן זיך דאָ געקענט אויסווירקן נאָך אַ ריי סיבות: ראשית — זיין מאַכטלאָזיקייט. דרייצן יאָר זיצט ער פאַרזיגלט אינעם קלויסטער — און מ׳זעט אַפילו נישט קיין שפּור פון עפּעס אַ נס. נישטאָ אַפילו יענע ענטויזיאַסטן, ווי אין שבתיס צייטן, וואָס צעשיקן פייערדיקע בריוו מיט כלערליי וווּנדערייען וואָס האָבן מכלומרשט געטראָפן. גאָרנישט קען פאַרטשאַדען די מוחות — און דאָך האַלט ער אויס לענגער ווי שבתי אַליין. שנית: זיין טוישן אמונות מיט אַזאַ לייכטקייט (ער איז נאָכ־אַמאָל אַריבער צום איסלאַם, הגם ער האָט אים ווידער איבערגעלאָזט). אויך דערמיט שטייגט ער איבער שבתין כפל־כפליים — און ז יי ן מאַסע דער־שרעקט זיך נישט. שלישית: ער טוט אָפּ אַזעלכע מעשים־תעתועים, וואָס רופן אַרויס עקל אַפילו ביי זיינע טויף־פּאַטערס. אַזעלכער קען שוין באין־אופן נישט אויסלייזן קיין פאָלק. רביעית: פון טשענסטאָכאָווער קלויסטער קומט אַרויס אַן עלטערער אינטריגאַנט, וואָס האָט במשך פון אַזויפיל יאָרן קיין שום זאַך נישט באַוויזן. טייל פון זיינע פריערדיקע אָנהענגער זענען שוין געוואָרן הויכ־געשטעלטע פּאָליאַקן, גויים גמורים — און האָבן מיט אים קיין שייכות נישט. עס באַווייזט זיך ווידער אַן אָנגעפּרעסענער מאַן, וואָס האָט גאָרנישט וואָס צו זאָגן זיינע גלייביקע און קען זיי מיט גאָרנישט טרייסטן. נאָך איינמאָל האָט ער געפּרוּווט זיין מזל: אין רוסלאַנד האָט געהערשט די זונה יעקאַטערינאַ מיט אַ שטאַרקער האַנט, בעת אין פּוילן איז דער מלך פּאָניאַטאָווסקי געווען שוואַך ווי אַ פליג. האָט פראַנק געפּרוּווט זיך ראַטעווען פון דער צעפאַלנדי־קער פּוילישער שיף דורכן וועלן איבערגיין צו דער רוסישער אמונה — צוזאַ־מען מיט נאָך „צוואַנציק טויזנט” אָנהענגער. ער האָט אָבער גאָרנישט דער־גרייכט. וואָס נאָך קען מען פון אים דערוואַרטן?

און דאָך — ווערט ער באַפרייט פון די רוסן, שטעלט ווידער אויף אַ מלכות אין אָפּענבאַך און קנאַפּע 20 יאָר ווערט ער נישט פאַרלאָזט פון זיין מחנה. עס איז שווער צו וויסן ווי פ ל זיי האָבן דאַן געציילט — אָבער פאַרט זענען זיי געווען טויזנטער. וואָס האָט זיי צוגעהאַלטן? פאַראַן אַ לייכטער תירוץ: די אויסגעלאַסנקייטן אין זיין הויף. אָבער די, וואָס האָבן געזוכט סעקסועלע הפקרות, האָבן עס געקענט טרעפן אויך אויף אַנדערע ערטער. וואָס האָט זיי געלוינט צו שיקן אים — אַפילו פון מרחקים — לעגענדאַרע סכומים?

עס איז בכן מעגלעך, אַז זיין זיצן אין דער פעסטונג האָט גאָר פאַר־שטאַרקט דעם משיחישן אָרעאָל. זינט דעם ערשטן „משיח אויפן קרייץ” ווייסן מיר, אַז דער ק ר יי ץ האָט צוגעצויגן מער גלויביקע ווי דער מ ש י ח. דאָס

ל י י ד ן האָט געצויגן ביים האַרץ מער ווי דאָס צוגעזאָגטע מלכות. אויב דאָס פאָלק קען פונעם משיח נישט דערלייזט ווערן, ווייל עס לכל־הפחות אים האָבן פאַר אַ שותף צו די יסורים; ר ח מ נ ו ת האָבן אויף אים און... אויף זיך. שבתי אין אַדריאַנאָפּאָל און פראַנק אין טשענסטאָכאָוו — ביידע זענען אפשר וואַריאַציעס פון דער אַלטער גאָלגאָטע.

און איבער אַלץ — קומט די אידענטיפיקאַציע מיטן האַר אויף לעבן און טויט. דער געעלטערטער נואף האָט צוגענומען די נשמה ביי טויזנטער. זיי קענען שוין פון אים נישט אַוועק, ווייל ער איז געבליבן שטעקן אין יעדן פון זיי. ער מעג זיי געבן באַפעלן, וואָס זיי זענען נישט מקיים; זיי מעגן שוין זיין רייך און אַפילו מער נישט חלומען פון ג א ו ל ה — וועלן זיי אָבער דאַרפן אַ הכשר פאַר דער אייגענער דעגענעראַציע. אויב ער קריכט אויף אַלע פיר אין דער אויסטערלישער טומאה אַריין, זענען זיי נאָך אַלץ פאַרבונדן מיט הייליקייטן — הגם אויך זיי זענען שוין פאַרזונקען אין אומריינקייט. אַנטלויפן — קענען בלויז געציילטע... און אומעטום וועלן זיי שוין מוזן מיט־נעמען די בראַנדיקע ווונד.

ב.

דווקא ווייל אַזאַ אמונה איז שווער אויסצוּוואָרצלען, איז דער נס פאַרן ייִדנטום נאָך גרעסער. קודם־כל קומט ער צום אויסדרוק דערין, וואָס פראַנק האָט באמת נישט געהאַט קיין שום ברעקל טריישאַפט, קיין טראָפּן גלויבן אָדער לאָיאַליטעט. ער איז געקומען צ ו ייִ ד ן , אויסגעוואַקסן אויף זייערע פּלייצעס — און זיי געשפּיגן גלייך אין דער נשמה. אַפילו ווען די פּאָליאַקן האָבן שוין געהאַט אַנדערע צרות אויף זייער קאָפּ — און געוואָלט פאַרגעסן אינעם האַס צו ייִדן — האָט ער מיט זיינע אָנהענגער ווייטער געהעצט, גע־רייצט, געטרעוועט מיט זיג איבער צעפּערטלט־ייִדישע גופים.

דערנאָך האָט אים דאָס פּוילישע פאָלק אַרויסגעהויבן, אָפּגעגעבן כבוד, געאָדלט זיינע שעפּסעלעך, אים געלאָזט לעבן — אַפילו אין זיין איזאָלירט־קייט — ווי אַ פירשט. אָבער אויך די פּאָליאַקן האָט ער געהאַסט. יאָ, ס׳קען זיין... אַז אין ביידע פאַלן טרייבן מיר איבער. ער איז בלויז געווען גלייכ־גילטיק אי צו ייִדן און אי צו פּאָליאַקן — הגם ער האָט געקניט צו פּוילישע מאַכטהאָבער און געקושט זייער צלם. פראַנק האָט נאָר ליב געהאַט זיך אַליין און דרך־ארץ האָט ער נאָר געהאַט פאַר שטאַרקערע פון זיך. ווען דאָס פּוי־לישע לאַנד איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקער — האָט ער גערופן זיינע אָנהענגער איבערצוגיין צו די רוסן. נעכטן האָט ער געשיקט חניפהדיקע בקשות צום זאַמאָשטשער גראַף און היינט קושט ער די האַנט פונעם רוסישן

גענעראַל באַביקאָוו. מאָרגן? נו, עס וועט זיך ווי ער וועט אָנשלאָגן. אַז ער וועט זיין אין וויך, וועט ער קניִען פאַרן בילד פון דער עסטרייכישער קייזערין — די ראַפינירטע מרשעת מאַריאַ טערעזאַ. פראַנק האָט בלויז פיינט איין זאַך: קבצנישע און צעבראָכענע שותפים... סיידן אַזעלכע קבצנים, וואָס טראָגן הכנעהדיק זיין שטול.

אים איז געלונגען. ביז אין דער טיפער עלטער האָט ער זיך געבאָדן אין גאָלד, אין תענוגים. נישט בלויז טויזנטער ייִדן, נאָר אויך קריסטלעכע מכובדים זענען צו אים געקומען. איצט האָט ער שוין גענאָסן פון עסטרייכישע פריווילעגיעס און טיטולן. ווו ער איז געקומען — האָבן פאַר אים געקניט פאַרכישופטע מחנות, געקושט די זוימען פון זיינע רויטע בגדים און געזאָגט תפילות צו זיין נאָמען. ער האָט שוין געוווּסט, אַז קיינער וועט אים פון זייערע הערצער נישט אַרויסטרייבן. וואָס דאַרף מען מער? אַפילו אין יענעם פוילן, וואָס ער האָט אַזוי ציניש פאַראַטן, וואַקסט ווידער זיין מחנה און עס ציט זיך פון דאָרט אַ גאָלדענער שטראָם אין זיין זנות־צעוווערעמטן הויף.

ווו ער זאָל שוין נישט מגולגל ווערן — וועט זיך די מאַסע נאָכקוילערן. אויב ער וועט שטאַרבן אין טיפער עלטער — וועט די מאַסע זיך בוקן און באַשיטן מיט גאָלד זיין טאָכטער און לייב־געליבטע, חוהן... בר־כוכבא, דוד אלרואי, אבו עיסי, דוד הראובני, אשר לעמלין שבתי צבי — זיי אַלע און ענלעכע צו זיי האָבן פאַרענדיקט מיט אַ שווערן, עלנטן טויט. בלויז ער, דער ל ע צ ט ע ר, דער מיאוסטער, דער ווילדסטער, דער געמיינסטער, האָט אויסגעלעבט אַלע יאָרן אין רייכקייט און אין פאַרגעטערונג. ער איז געוועזן דער איינציקער פון אַזאַ טראַגישער ריי, וואָס האָט אַריינגעצויגן אין די זיבעציקער און ביז צום לעצטן טאָג געטונקען זיינע תאוותדיקע ליפּן אינעם געניסערישן לעבנס־בעכער.

דאַרף מען נישט קריעה רייסן? איז עס נישט קיין חוזק איבער אַלע הייליקייטן? ווו איז דער „גרויסער נס“ פאַרן ייִדנטום, וואָס מיר האָבן אָנגעזאָגט? אָט־דאָ קומען מיר צו איינעם פון די צאָלרייכע פּאַראַדאָקסן, וואָס בלויז אין דער ייִדישער געשיכטע זעען זיי אויס אַזוי נאָרמאַל און נאַטירלעך: ס׳איז אונדז געשען אַ גרויסער נ ס , וואָס פראַנק האָט קיין שום פירערישע אַמביציעס מער נישט געהאַט; וואָס זיין איבערגעפּרעסנקייט האָט אים צוגעשמידט צום אָרט און ער האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן חשק זיך אַריינצולאָזן אין פרישע געראַנגלען.

ג.

עטלעכע היסטאָרישע פאַקטן: אין די „פראַנקיסטישע" יאָרן ווערט דאָס מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדנטום סייווי צעריסן פון אַלערליי מחלוקתן און טראַגעדיעס. אויב אינעם מערב ווערט דער קאַמף צווישן מיסטיק און „אָפּענער" ייִדישקייט בלויז באַגרענעצט צו מילדע רדיפות אויפן צאַרטן ר׳ משה חיים לוצאַטו — ברעכט אָבער אויס אין צענטראַל־און מזרח־אייראָפּע אַ מוראדיקער שטורעם. ווען יעקב פראַנק זאָל זיך נישט געוועזן שמדן און בלייבן ביי אַמביציעס פון גייסטיקער פירערשאַפט — האָט ער געקענט האָבן געניג פאַרבינדעטע.

אין זעלבן יאָר, ווען פראַנק איז באַפרייט געוואָרן פון זיין לוקסוס־תפיסה, האָט דער מתנגדישער ר׳ דוד מאַקאָווער צעשיקט איבער די ייִדישע ישובים זיין ספרל מיטן ח ר ם פון ווילנער גאון אויף די חסידים. ר׳ אביגדור פינסקער האָט שוין געשריבן מסירה־פּראָשעניעס קעגן זיי צום צאַרישן מלכות. אין דער זעלבער צייט איז אויך נפטר געוואָרן דער זייל פון די בעש"טניקעס, ר׳ בער מעזעריטשער. די ערשטע שפּראָצן פון עקסטרעמער אַסימילאַציע האָבן זיך באַוויזן אין דייטשלאַנד — און געהעמערט די שווערע טויערן פון ייִדישן פּוילן. דער מוראדיקער פלאָנטער האָט גענומען צעשפּאַלטן דעם איינהייטלעכן נוסח, וואָס האָט געהיטן די ייִדישע עדהס פון גייסטיקן אומקום און צעשטערונג. פאַר אַזאַ טיפּ ווי יעקב פראַנק האָט זיך, בכן, געמאַכט די בעסטע געלעגנהייט „אַריינצומישן" און ווערן אַ מעכטיקער צד.

אויך די אויסערלעכע אומשטענדן האָבן זיך געשטעלט אויף זיין זייט: רוסלאַנד, פּרייסן און עסטרייך האָבן צעריסן דאָס פּוילישע לאַנד. די ייִדן, וואָס האָבן פריִער געהערט צו איין מדינה, זענען איצט אַרונטערגעפאַלן פאַרשידענע הערשער און געזעצן. די דאָזיקע צעריסנקייט פון דרויסן האָט זיך היפּש געקענט אויסווירקן אויך אינערלעך. בעת אַזויפיל טויזנטער ייִדן האָבן נאָך געקניט צום אויסגעלאַסענעם משיח, האָט שוין די רבנישע וועלט געהאַט אַ נ ד ע ר ע קאַמפן צו פירן מיט דער גאַנצער פאַרביסנקייט: אין זעלווע האָבן זיך פאַרזאַמלט צענדליקער רבנים, בכדי צו לייגן אין חרם אַנדערע ייִדן — בלויז דערפאַר, ווייל זיי קוקן אַריין אין חסידישע ספרים. די נייע „כת" האָט נישט געהאַט קיין מעכטיקע באַשיצער און דערפאַר געווען אויסגעשטעלט אויף אַלערליי סכנות. ייִדן זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין חרמים, קעגן־חרם, שריפות, בזיונות... איצט האָט מען נישט באַדאַרפט קיין ביסקופן, אַז ז י י זאָלן ברענען ייִדישע ספרים — ווייל ייִדן אַליין האָבן זיי געברענט מיט פאַרהאַוועטער התלהבות. עס איז דערפאַר נישט קיין וווּנדער, וואָס טייל איז נמאס געוואָרן דאָס גאַנצע שפּיל און זיי האָבן געזוכט אַנטרינונג אין דער

שויס פון בערלינער משכילים. אין אַזאַ רויש האָט פראַנק געקענט מיטרייסן אומצייליקע נפשות, ווערן די גרויסע פ ש ר ה אין דער אַטמאָספערע פון קללות און רייסענישן.

איז אָבער געשען דער גרויסער נס: פראַנק האָט זיין גרויסן שאַנס נ י ש ט אויסגענוצט. סיי אויף דער חסידישער און סיי אויף דער מתנגדישער זייט האָבן זיך געראַנגלט לעבעדיקע ווענס, פוס מיט גלעלאָדענעם אימפעט און התלהבות פאַרן אייגענעם אמת. אָבער אין פראַנקס מחנה האָבן זיך שוין אַרומגעדרייט אויסגעלאָשענע האַלעוועשקעס. דער „הויף" זיינער האָט זיך נאָך געפירט קעניגלעך, פול מיט אויסערלעכן גלאַנץ, נאָר דאָס האַרץ האָט מער נישט געברענט. די פרומע וועלט האָט געפלאַקערט מיט אַ העליש פייער — און פראַנק האָט פון דאָרט בלויז געוואָלט אַרויסשאַרן אַביסל גילדענע מטבעות. דערנאָך האָט ער ווייטער געפּראַוועט זיינע סעודות, מיט צוגע־ווירצטן וויין און פרויען־לייב.

מהאי טעמא איז אונדז שווער צו וויסן — מיט אַזויפיל דורות שפּעטער — וויאַזוי דאָס אייראָפּעיִשע ייִדנטום וואָלט אויסגעזען, ווען די מחלוקתן צווישן ייִדן זאָלן געווען אויסברעכן בעת פראַנק איז דאָס ערשטע מאָל געקור־מען קיין פוילן. דער שכל זאָגט אונדז אָבער, אַז בעת ער איז נאָך געווען פול מיט טריפהנער שוים און שטורעם — האָט דער קאַמף צווישן חסידים און מתנגדים אים געקענט געבן די פולע אויבערהאַנט. די ייִדישע געשיכטע האָט אָבער געפירט חשבון און דאָס יאָר 1759 האָט זיך „אויסגעמיטן" מיטן יאָר 1773. דאַרפן מיר איר דאַנקען פאַרן אויסמיידן אַזאַ מעגלעכע קאַטאַסטראָפע. ווער ווייסט וואָס פאַראַ פנים מיר וואָלטן געהאַט, ווען די פאַרפירטע מאַסע זאָל געווען באַגעגענען ביידע אויפברויזן מיטאַמאָל... יאָ: נישט דער אַנטויש־טער המון האָט געשטערט דעם פראַנקיזם פון אָפּהאַלטן זיין נצחון, נאָר פראַנקס אייגענע מידקייט; בלויז זיין אייגענער חשק צו פאַרזינקען אין רויִקע תאוות — הגם זיין מחנה איז נאָך אַלץ גרייט געווען צו פאָלגן זיין מינדסטן באַפעל.

ד.

פראַנקס זאַטע מידקייט האָט געמאַכט געשיכטע — הגם מען זעט זי נישט אָן. ער אַליין האָט נישט געוואָלט אַנהייבן קיין ניי לעבן אין קאַמף און דערפאַר זיך באַזייטיקט פון דער צעכוואַליעטער אַרענע. עס איז פשוט טראַגי־קאָמיש: די צייט האָט אַלעמאָל געברענגט צו זיין טיר אַ נייעם שאַנס — און ער האָט פאַרט נישט געוואָלט דערהערן אירע קלעפּ. אַזוי, למשל, האָט דאָס יאָר 1789 אַ טרייסל־געטון מיט דער וועלט און צוגעזאָגט

אויך ייִדן גאָלדענע גליקן. דאָס וואָס פראַנקרייך איז געוואָרן פאַר דער וועלט, האָט „אָפּנבאַך" — פראַנקס רייכער שלאָס — געקענט ווערן פאַר די צערו־דערטע ייִדן. דאָס רעליגיעזע לעבן איז געווען צעפליקט; דאָס אָרגאַניזירטע קהילה־לעבן האָט געהאַלטן ביים צעפאַלן; נייע ווינטן האָבן גענומען בלאָזן פון ייִדיש־אַסימילירטע סאַלאָנען; די וועלט־פּאָליטיק האָט געמוזט זוכן נייע ווינקלען און אויך גענומען וואָרפן ווייכע אויגן צו דעם ייִדישן רעזערוווּאַר.

פאַר פראַנקן איז געשטאַנען אַ רייכער אויסוואַל, אָבער זיין פירערישע נאָז איז שוין געווען פאַרשטאָפּט. נישט ער איז אַריבער צו די נייע רעוואָ־לוציאָנערן, נישט ער האָט זיך ענג פאַרבינדן מיט די ערשטע השכלה־פייגל, נישט ער האָט געזוכט אַן אחיזה אין דער גערודפטער מחנה חסידים... דער ב אַ ר אָ ן יעקב פראַנק האָט געהאַט אַרום זיך אַריסטאָקראַטיש־ייִדישע קינדער, נייע זוכער פון אַן ענערגישן אַפּאָסטאָל און ער — האָט בלויז גע־שנאָרעט געלט, געפּראַוועט בלייך־אויסגעוועפּטע אָרגיעס, געפּרעפּלט אויס־געלאָשענע פסוקים פאַר זיין ריזיקער לייב־גוואַרדיע.

זיין עטלעכע־און דרייסיק־יעריקע טאָכטער און געליבטע — עוואַ — האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן איר יונגן רייץ; די עראָטישע קרומקייטן אין זיין הויף האָבן נאָך אַלץ עפּעס צוגעזאָגט, עפּעס געגעבן, צערוישט אויף אַ ווייל טויזנטער צעקריפּלטע נפשות. דאָס איז אָבער ווייט געווען פון י ע ד ע ר סאָרט פאַרעקשנטער אמונה אין אַן אידיי. ס'איז פון אַלע רוישן בלויז געבליבן אַ צוגעקלעפּטע ק ר ע נ ק , פון וועלכער מ'קען נישט פּטור ווערן. די גלויי־ביקע האָבן טאַקע אָן אים מער נישט געקענט לעבן, אָבער זיי האָבן מער נישט געקענט גיין צוזאַמען מיט אים אין פייערדיקע שלאַכטן; נישט באַנייען זיך און שטורעמען די האַלב־צעעפּנטע פעסטונגען.

זיין מחנה איז פאַראייניקט און דאָך צעפאַלן. טייל פון זיין גוואַרדיע דרימלט שוין אין קאַטוילישן שאָטן און פּראַוועט מחותנשאַפט מיט דער פּוי־לישער שלאַכטע; אַנדערע ווידער זענען שוין עסטרייכישע אַדל־לייט און האָסן די פּאַטריאָטישע פּאָליאַקן, וואָס חלומען נאָך אַלץ פון אויפלעבונג; אַ דריטע גרופּע פאַלט אויפן פּנים צו דער זייט פון מעקאַ. סייווי אָבער גייט זיי אַלע ווייניק אָן, וויאַזוי די בערדיקע ייִדן רייסן זיך אַרום און — פאַרוואָס...

זיי קערן זיך שוין גאָרנישט אָן מיט יענע, וואָס פירן אַ מלחמה דורך שופרות און שוואַרצע ליכט. ס'איז נישט מער זייער וועלט. זיי נעמען אַפילו נישט ערנסט דאָס ביסל „תורה", וואָס זייער מידער און אויסגעדינטער „גאָט" פּרוּווט נאָך זאָגן פון צייט צו צייט. די אַלטע, אויסגעדינטע גענעראַלן — די נחמנס, שלמהס, לייבס און וואָלפס ווילן מער נישט פירן קיין שלאַכטן און באַנייען די שווערע וויכוחים, די מחלוקתן אינעם ייִדישן לעבן האָבן מיט

זיי קיין שייכות נישט. טאָ זאָל אויך ע ר דאַנקען גאָט, וואָס די פעסער ווייַן אין קעלער שעפּן זיך נישט אויס און וואָס די געלט־מתנות שטראָמען נאָך אַלץ פון אַלע זייטן. וואָס נאָך האָט ער געוואָלט? וואָס נאָך דאַרף ער וועלן?

אלא די מאַסע? זי גלייבט נאָך אַלץ. אָבער ס'איז שוין אַן אמונה אָן אַ גאָט, אַ משיח־מחלה אָן נשמה. זי וואָלט זיכער נאָכאַמאָל אויפגעצאַפּלט פון אַ נייער וויזיע — אָבער זייער גאָט האָט פאַרלוירן די הימלען. די זיסע, אויסגעצויגענע גסיסה האָט זיי נישט פאַרטריבן. אָבער מיט וואָס צו רוישן האָבן זיי נישט... און דאָך: געוואַלד און געשריגן, וויפל געדולד זי ווייזט אַרויס! שוין נאָך פראַנקס טויט, קלאַמערט זי זיך ווייטער אין זיין זונהשער טאַכטער, באַגילטן איר די טריט... נישט מער: די צעעפנטע טירן צו דער וועלט לאָקן ביסלעכווייז אַרויס אַלע „נביאים" און בלויז ז יי ווילן מער נישט אָנ־האַלטן דאָס פאַרצויבערטע שפּיל... נישטאָ וואָס צו באַרימען זיך מיט דער מאַסע, במשך פון אַנדערהאַלבן צעוואונדיקטע יאָרהונדערטער אין דער יידי־שער געשיכטע.

ה.

פאַרשטייט זיך, אַז היסטאָרישע תקופות זענען בלויז טיילווייז ענלעך צו זיך. געענדערטע צייטן ברענגען אויך מיט זיך אַנדערע אומשטענדן. דער פאַלשער משיחיזם קען בלויז האָבן די זעלבע סימפּטאָמען, אָבער יעדער תקופה האָט איר אייגענע און אַנדערשדיקע כאַראַקטעריסטיק. וויבאַלד אַ מאָדערנער „משיחיזם" כפּלט זיך אויף טויזנט מאָל מער כח — מוז ער אויך האָבן אַנ־דערע מיטלען פון מאַכט און דעספּאָטיע. די רייען פון גלייביקע האָבן זיך אָבער ווייניק־וואָס געענדערט. מיר קענען בלויז שטוינען, וואָס אַלע הויפּט־סימנים האָבן זיך פאָרט אַנטפּלעקט אַפילו ביי די גערודפטע, אונטערטעניקע און גאָטספאָרכטיקע יידן פון 17טן און 18טן יאָרהונדערט. דאָס זאָגט אונדז אָן מיט האַרבער וואָרענונג, אַז אַזוינס קען זיך איבערחזרן אַפילו ביים „דעמאָ־קראַטישסטן פאָלק אין דער וועלט".

לאָמיר זיך בלויז דערמאָנען די צענדליקער־טויזנטער משפחות, וואָס דער טאָטאַליסטישער ווינט האָט פון אונדז אַוועקגעריסן אויף אייביק; לאָמיר בלויז געדענקען אין די הונדערטער־טויזנטער, וואָס האָבן ג ע ק ע נ ט פאַר־פאַלן ווערן פאַרן יידישן פאָלק, ווען מ'זאָל זיי געוועןאַנטדעקן און וויסן זייער שייכות צו דער שבתישער אָדער פראַנקיסטישער מגיפה. צום גליק האָבן נישט־ווייניק מורא געהאַט צו דערשיינען ווי אָפענע „שעבסן". דערפאַר האָט זיי דער טרייבנדיקער חרם נישט דערווייטערט. מי־יודע וויפל פון זייערע קינדער און אייניקלעך זענען צוליב דעם געבליבן אין דער יידישער מחנה.

אַנשטאָט פּעטער צו מאַכן דאָס בלוט פון דייטשן, פּוילישן, טערקישן, אָדער רומענישן פאָלק. יאָ, אַפילו אונדזער ספרים־אוצר האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַ סך פּרעמדקייט, וואָס יענע באַהאַלטענע האָבן דאָרט אַריינגעטראָגן אין דער טונקלקייט פון אונדזער היסטאָרישער נאַכט... און מ׳מוז מודה זיין: צוזאַמען מיט דער פאַרביסענער קאַמפּס־לוסטיקייט, האָבן אונדזערע זיידעס אויך אַרויסגעוויזן אַ שטילן, אינטויִטיוון ט אַ ק ט — בעיקר כלפּי דער פאַרפירטער, נאָמענלאָזער מאַסע וואָס האָט זיך געוואַקלט צווישן די שוועלן. דער חורבן האָט געקענט זיין אַ סך גרעסער, ווען מיר זאָלן באמת געוועז אויסזוכן אַ ל ע זינדיקע און זיי אַרויסרייסן פון יע ד ע ר פאַרבאָרגעניש...

און דאָס איז געשען ביי פרומע, צניעותדיקע דורות. אויך זיי האָט געמוזט ביישטיין איין נס נאָכן צווייטן, בכדי אָפּצוהאַלטן דעם אויפלייז ביי די פיינלעכע גרענעצן. נישט איינמאָל האָט די מאַסע געבויט אירע אייגענע תפיסות מיט דער ווילדסטער עקזאַלטאַציע; און נישט איינמאָל האָט זי געקושט די האַנט, וואָס האָט געשליפן די שווערד פאַר איר האַלדז. דער תענוג פון אָפּגעבן זיך דעם אַבסאָלוטן כח האָט זיך נישט געלאָזט סובלימירן אין ריינע גאָט־געפעסן, נאָר צעשמעטערט דאָס שענסטע און איידלסטע. דער דיקטאַטאָרישער מאַסן־שגעון האָט אויך אונדזער שוועל נישט אויסגעמיטן.

אויפן דנאָ פון צייטן, ווען די לעצטע משיחי־השקר האָבן פאַרשוועכט אונדזער פאָלק, ליגן אָן אַ שיעור דערקלערונגען. מען דאַרף בלויז מישן די אַלטע בלעטער מיטן הייסן אָטעם פון לעבן. דאַן ווערן ווייטע תקופות גאָר נאָענט — ממש מיט דער האַנט צו דערגרייכן.

פאַריז — 1951; ניו־יאָרק — 1960.

צווישן „נעכטן" און „מאָרגן"

א.

אונדזער ייִדישער דור איז שטאַרק פאַרנומען מיטן האַרבן וויכוח צווישן מדינת ישראל און די תפוצות. ד ע ר וויכוח האָט זיכער אמתע וואָרצלען און דערפאַר וועט ער זיך נאָך ציִען אַ סך יאָרן. אָבער גלייך ביים אָנהייב איז ער געשטעלט געוואָרן אויף זייטיקע רעלסן. מען אָפּעריִרט אָפּט מיט שאַבלאָנען, וואָס פאַרשטעלן בלויז די ווירקלעכקייט.

ווען מען הערט אויס ב יי ד ע צדדים שפּירט מען די נישט־רעאַלע מאָס: אַלע גלות־ישובים ווערן פאָרגעשטעלט ווי איין ייִדישע ג אַ נ צ ק יי ט — און אַנטקעגן זיי שטעלט מען אַוועק מדינת ישראל, ווי אַן איינהייטלעך־געשלאָסענעם „קאָנקורענט". דאָס וואָלט געדאַרפט מיינען: אַלע ייִדישע תפוצות פאַרמאָגן שוין אַן אייגן־בשותפותדיקע ייִדישקייטס־אידעאָלאָגיע. ווען נישט די בונטאַרישע מדינת ישראל, וואָלט שוין ביי די תפוצה־ייִדן געווען אגיל־ואשמח אויף אַלע גייסטיקע שטחים. בלויז דער נייער וועג פון מדינת־ישראל צעשטערט די גלות־אידיליע. דערפאַר שטייען מיר פאַר דער מוראדיקער סכנה פון „צוויי באַזונדערע פעלקער". דאָס זעלבע איז מיט די טענות פונעם צווייטן צד. לויט דער מוסר־ליטעראַטור, וואָס איז אויפגעקומען אין מדינת ישראל, קומט אויס: אירע בירגער זענען שוין לאַנג פאַרטיק מיט זיך. ווען נישט די פאַרהאַרטעוועט־בלינדע גלות־אידעאָלאָגיע — וואָלט דאָס ייִדישע פאָלק תיכף־ומיד געוואָרן איין א ו מ ה.

אָבער סיי די תפוצה־ווירקלעכקייט און סיי די שאַרפע צעריסנקייט אין דער מדינה באַווייזן, אַז ד י הנהגה אינעם וויכוח איז פאַלש און פאַרפירעריש. דערפאַר זענען מיר עדות צו אַ גרויסער צאָל קוריאָזן. נישט בלויז פון פרינציפּיעלע מדינה־קעגנער, נאָר אויך פון ציוניסטישע מנהיגים, הערן מיר אָפּט די פּאַטעטישע טענה: די מדינה שטעלט אַוועק אַ מ ח י צ ה צווישן א י ר יוגנט און דעם ייִדישן פאָלק. לגמרי אָפּלייקענען אַזאַ טענה איז נישט מעגלעך. די ישראל־יוגנט א י ז אָפּטמאָל פרעמד צום אַלט־ייִדישן שטייגער און באַנעם. אָבער די תפוצה־פאַרשטייער מאַכן אַ טעות, אויב זיי שטעלן דאָס פאַר ווי אַ ספּעציפישע ישראל־דערשיינונג. ווען עס זאָל זיך ווענדן אין ז יי — הייסט עס — וואָלט צו אַזאַ טראַגעדיע נישט געקומען. ז יי ע ר

יונגן דור האָבן זיי דערצויגן אויף אַלע יידישע ווערטן און זיי זענען חלילה גאָרנישט שולדיק־געבליבן דעם יידישן פאָלק און זיין עבר. פון דער צווייטער זייט ווידער, האָבן די מוסר־זאָגער פון מדינת ישראל אַ סך טענות צו די יידישע תפוצות: הלמאי ווילן זיי נישט האָבן קיין פול־יידיש לעבן, נאָר ווערן מיטגעריסן פון דער וואָלגאַרסטער אַסימילאַציע? דערפון איז צו דרינגען, אַז אין ישראל גופא זענען שוין אַלע — פון אַ זקן ביז אַ קינד — פול מיט יידישן אינהאַלט. אַלע גייסטיקע שאלות זענען שוין פאַרענטפערט — און בלויז די אַסימילאַציע פון די תפוצות שטעלט מיט זיך פאָר די נאַציאָנאַלע וווּנד.

דער דאָזיקער קעגנזייטיקער שאַבלאָן ווערט אָפט איבערגעחזרט ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט — הגם די קערנדלעך צביעות שטעכן דאָס אויג. מיר ווייסן זייער גוט, אַז דער רוב פון דער יידישער יוגנט אין די תפוצות איז גאָר־ווייט פון תוכיק־יידישן באַוווּסטזיין — מער אַפילו פונעם כנענישסטן צאַברע. ז יי פאַרמאָגן דאָך אַפילו נישט יענעמס יידישן ל אַ נ ד ־ באַ־ וווּסטזיין. עס איז פאַראַן אַ מחיצה צווישן אַ גרויסן טייל פון דער יידישער תפוצה־יוגנט און זייער פאָלק — אָבער זי איז געשאַפן געוואָרן דורך ה יי־ מ י ש ע פאַקטאָרן. האָט נישט קיין זין אָוועקצולייגן דאָס דאָזיקע פעקל ביי דער שוועל פון מדינת ישראל. טיילמאָל איז די פרעמד־געוואָרענע יוגנט נישט מער ווי טרייע תלמידים פון די מחיצה־אַלאַרמירער גופא. אָבער אויך די האַר־ בע שטראָפער פון מדינת ישראל פאַרגעסן אָפט דעם כלל פון „מום שבך אל תאמר לחברך”. אַ סך אַסימילאַציע־עלעמענטן, וואָס זיי באַמערקן מיט כעס אין די תפוצות, זענען גוטמוטיק לעגאַליזירט געוואָרן אין דער מדינה גופא.

מיר פאַרטרישן גאָר אָפט וווּנטשן און לאָזונגען אויף כלומרשטע פאַקטן. קיין סיבות פעלן נישט. דער אַנטי־ציוניסט למשל בייטיקט זיך אין אַ שאַרפן סלאָגאַן, וואָס זאָל אים לייכטער מאַכן דאָס געוויסן. וויבאַלד ער וויל נישט העלפן דער מדינה — גיט טיילמאָל דאָס האַרץ אַ פּראָטעסטיקן ברום. מוז ער זיך אַליין טרייסטן: איך בין דאָך אַ „פּולער” ייד — און דאָרט שאַפט זיך גאָר אַ צווייטע אומה. אָבער אין וואָס באַשטייט ז יי ן „פּולקייט”? וואָס אַזוינס קען ז יי ן קינד מער פאַרן צאַברע? די דאָזיקע שאלות זענען נישט וויכטיק. ער זוכט דאָך בלויז אַ תירוץ — האָט ער אים. ווען עס קומט צו אַ ייי ציוניסטישע גלות־מנהיגים — ראַטעווען זיי זיך דורך אַזעלכע טענות פון אַ צאַל שולד־קאָמפּלעקסן. אין געוויסע פאַלן זענען זיי נאָר אויסן אַביסל ניכטערע קאָנצעסיעס פאַר זייערע אָרגאַניזאַציעס. הייסן הייסט אַז, ז יי פאַרטרעטן מער יידישן אינהאַלט. אָבער בעוונותינו הרבים איז שווער אָנצו־ ווייזן אין דער פּראַקטיק, מיט וואָס אַפילו ציוניסטישע קערפּערשאַפטן אין די תפוצות זענען מער „יידיש” ווי די „מחיצהדיקע” מדינת ישראל.

נישט אַנדערש איז עס מיט אַ צאָל ישראל־מענטשן, וואָס רוקן אַרויס ז ײ ע ר באַזונדערע „פולקייט״. אויך ביי זיי דאָמינירן אָפטמאָל זייטיקע כוונות, וועלכע האָבן אַ קנאַפּע שייכות מיט דער ווירקלעכקייט. ראשית־כל דאָמינירט דאָ די מענטשלעכע שוואַכקייט: ווילן זיך אַרויסהייבן איבער אַנ־דערע. ביים ישראל־מענטש איז דער דאָזיקער דראַנג נאָך שאַרפער — ווייל ער לעבט אין אַ פּיאָנעריש לאַנד, וואָס פאָדערט קרבנות. קען מען זיי נישט ביִענגען כסדר, מיט התמדה — און נישט באַקומען דערפאַר קיין פּסיכאָלאָגישע פאַרגיטיקונג. צוליב דעם קען אַ ישראל־מענטש נישט מסכים־זיין, אַז דער ייִד פון דרויסן איז אַ גלייכער צד וואָס שייך דער ייִדישער (נישט דער פּאָליטיש־נאַציאָנאַלער) „פולקייט״. אויסער דעם איז דאָך ישראל טאַקע געקומען ענדערן דאָס ייִדישע פּנים און נישט פאַרבלייבן ביים גלותדיקן גע־שטאַלט. מוז מען אָנווייזן, אַז ד ע ר ציל איז שוין דערגרייכט און אַז די דאָזיקע רעוואָלוציע איז ש ו י ן פאַרגעקומען. דאָ ווירקט אויך דער אומ־געוויינטלעכער ווילן ביים ישראל־ייִד זיך אויסצופּיינען. מען וויל באַווייזן אַן אַנדער פּנים דעם גוי, וואָס האָט דעם „אַמאָליקן״ ייִד נישט איבעריק ליב; און עס ווילט זיך אויך אויסבעסערן די מערכה ביי יענעם ייִד, וואָס האָט אַ שטיקל פּחד פאַר זיין אַלטן שפּיגל. געהערט שוין צום גוטן טאָן דאָס באַ־ווייזן: יענער ייִד, וועלכן איר קענט, איז ביי אונדז מער נישטאָ. ווו יענער האָט געהאַט אַ חסרון, האָבן מיר אים שוין אויסגעהיילט.

אָבער די פאַקטן טוען דאָס זייעריקע. אַפילו טייל פון די געבוירענע אי־נעם פרייען ארץ־ישראל ווערן סייווי פאַרכאַפּט פון ענלעכע קאָמפּלעקסן, ווי זייערע תפוצה־חברים פונעם זעלבן עלטער. זענען אין ביידע מחנות במילא פאַראַן אַ היפּשע צאָל חסרונות, וואָס מען וואַרפט זיי גאָר פאַר דעם צווייטן צד.

ב.

מיינט דאָס צו זאָגן, אַז דער גאַנצער וויכוח „צווישן מדינת ישראל און די תפוצות״ איז אַ קינסטלעכער? זענען אַלע אַנדערע חילוקים — אויסער דעם פּראַקטישן ע ל י ה ־ מאָטיוו — נישט מער ווי אַן אויגן־פאַרבלענדע־ניש? עס פעלן טאַקע נישט קיין ייִדן, וועלכע זענען גרייט מבטל צו זיין דעם גאַנצן וויכוח. לויט זיי, האָט מען אים בכיוון צוגעשפּיצט אַזוי שאַרף, בכדי צו מילדערן די „לאַנגווייליקייט״ נאָכן ציוניסטישן נצחון. די אויסגעניכטער־טע גלות־ציוניסטן מוזן עפּעס האָבן — בכדי אַרום דעם צו קלאַמערן זייער אינערלעכע שפּאַנונג. דערפאַר אָפּערירן זיי מיט אומנייטיקע רייד און בלאָזן דערמיט אַריין אַ קינסטלעכן רוח־החיים אין זייערע אומצייליקע „גענעראַל־דעבאַטעס״. איינער פון אַזעלכע סקעפּטיקער האָט מיר אַפילו געזאָגט, אַז

דאָס דערמאָנט אים אין יענעם ישיבה־חריף: ער איז אַרומגעלאָפן איבערן בית־המדרש מיט אַ געשריי, אַז ער האָט אַ גוואַלדיקן תירוץ. די צרה איז אָבער, וואָס ער פאַרמאָגט נישט די געהעריקע קשיה. האָט ער זיך געבעטן רחמים, אַז עמעצער זאָל אים זי פרעגן — בכדי זיין תירוץ זאָל באַקומען אַ תיקון...

אפשר איז דאָס ריכטיק בנוגע אַ צאָל אַבסטראַקטע ענינים, וואָס מען וועקט אָפּט פון שלאָף. אָבער ווען עס קומט צום תוך — איז באמת פאַראַן אַ גרויסער חילוק צווישן דעם איינשטעל פון מדינת ישראל און די יידישע תפוצות. אָבער ד ע ר חילוק מוז ערשט אויסגעשיילט ווערן פונעם מבול אַרגומענטן אַן רעאַלער האַפט. בכדי מען זאָל אים באמת דערזען, מוז מען זיך באַפרייען פון יענע „שקרים מיט אַן אַלגעמיינעם הסכם", וואָס האָבן זיך איינגעבירגערט אויף שריט און טריט.

דער דאָזיקער חילוק האָט אַ קנאַפּע שייכות צו דער אַמאָליקער מחלוקת צווישן דער ציוניסטישער און גלותיסטישער אידעאָלאָגיע. היינט וואָרצלט ער אין דער עמאַנציפּאַנעלער באַציִונג צום נעכטן און מאָרגן פונעם יידישן פאָלק. זינט מדינת ישראל איז געשאַפן געוואָרן, האָבן אַ ריי שאלות באַקומען הויט און פלייש: מוז אונדזער „מאָרגן" לגמרי אויפעסן דעם „נעכטן"? דאַרף אונדזער „נעכטן" לייגן זיין חותם אויף אונדזער גאַנצן „מאָרגן"? אָדער אפשר קענען ביידע לעבן בשלום, אויב מען וועט נאָר וויסן ווען איינער דאַרף אָפּטרעטן זיין אָרט פאַרן צווייטן? ווו זענען די גרענעצן צווישן ביידע ג ע־ וו ו נ ט ש ן — און ווו זענען זיי נאַציאָנאַל ש ע ד ל ע ך?

דער גוטער לייענער קען מיך דאָ פרעגן: מיינט עס נישט דעם חילוק צווישן „היסטאָרישן" יידנטום און דעם „נייצייטיקן", פון וועלכן עס איז שוין געקומען צו רייד? * איז טאַקע אמת, אַז ד ע ר חילוק האָט אַ שייכות צו יענעם — אָבער נישט מער ווי אַ שייכות. פּשוט דערפאַר, ווייל דאָרט האָבן מיר בעיקר געשמועסט וועגן אַ וואָנט, וואָס טיילט אָפּ פּסיכיש איין דור פונעם צווייטן — בעת דאָ האַנדלט זיך אין אַ געראַנגל צווישן „נעכטן" און „מאָרגן", וואָס ווירקט זיך בעיקר אויס אינעם אַלטעגלעכן לעבנסשטייגער.

ווען איך זוך אַ קורצע דעפיניציע פאַרן מהות פונעם היינטיקן תפוצה־ייִד, קום איך צום אויספיר: דאָס איז אַ ייִד, וואָס שפּייזט זיך נאַציאָנאַל אָדער רעליגיעז פון זיין ז כ ר ו ן. נעמט אַוועק ביי דער תפוצה־יידישקייט אירע זכרונות — פון וועלכן שטייגער זיי זאָלן נישט זיין — בלייבט זי העגגען

---

* זע: „דאָס היסטאָרישע יידנטום ערב אַ נייעם נוסח", אין ערשטן חלק „שמועסן מיט דער צייט".

אין אַ חלל. דאָס געהערט אַפילו צו דער טראַדיציע פון די גוטע צייטן, ווען ייִדיש לעבן האָט זיך ממשותדיק אויסגעדריקט אין אַ פעסט־געפורעמטן לעבנסשטייגער. אויך דאַן האָט זיך דער גלות־ייִד גיכער באַוועגט אינעם קרייז פון זיינע פאַרצייטנס איידער אין זיין אַקטואַליטעט. ווער שמועסט נאָך אין דער נייער עפּאָכע, ווען דאָס תפוצה־ייִדנטום איז באַין־אופן נישט מחדש יעדן טאָג קיין אינערלעכע מעשי־בראשית, מוז עס זיך אַוודאי קלאַמערן אין כל־המינים געדענקשאַפטן. ז יי שאַפן דאָס בילד פון עמאָציאָנעלער אָדער פּראַקטישער ייִדישקייט. אויב איר ווילט, איז עס די פאַרלייבונג פונעם אַלטן תנ״ך־רעפריין: ל מ ע ן ת ז כ ו ר... וואָס ווינציקער דער אייגענער ה יי נ ט שטעלט־צו ייִדיש־דראַמאַטישע רעגונגען, אַלץ מער שפּילט אַ ראָלע די באַהעפטונג מיט פאָלקישע זכרונות.

דערפאַר אָבער האָט די יונגע מדינה־פירערשאַפט באַקומען פולע הענט מיט צאַפלדיק־ייִדישן היינט. דאָס האָט זי געפירט צום גלויבן, אַז די ייִדישע היינט־איבערלעבונגען וועלן שוין גענוג זיין פאַר עטלעכע דורות און אַז די איבערגעלאָדנקייט מיט נעכטיקע זכרונות קען נאָר שטערן.

אויך דער תפוצה־ייִד — און זיין הויפּט־פאָרשטייער איז איצט דער אַ מ ע ר י ק אַ נ ע ר ייִד — האָט אַ חוש פאַר זיין ייִדישן מאָרגן. אָבער נישט־זעענדיק פאַר זיך קיין קאָנקרעטע אויפגאַבן פון נ אַ צ י אָ נ אַ ל־ג ר ו י ס ן פאַרנעם — מוז ער זיין מאָרגן באַטראַכטן ווי אַ רענעסאַנסישן אָפּהילך פון אַ סך גרויס־ייִדישע נעכטנס. דער ישראל־ייִד זעט אָבער פאַר זיך אַזויפיל נייקייטן און מעשים פאַר זיין מאָרגן — ביז ער מוז אים אָפּגעבן דעם גאַנצן כוח און מוח. דערפאַר פאַרלאָזט ער אַ סך חלקים פונעם ייִדישן נעכטן — הגם דער תפוצה־ייִד מוז איבער זיי ציטערן. אויף ד ע ם שטח מוז אַמאָל קומען צו אַ האַרבן געראַנגל. דאָס מוז זיך אויך אויסווירקן אויף אַ צאָל טעגלעכע מעשים. דער תפוצה־ייִד קען בלויז דערזען זיין ווייטערדיקן קיום אינעם ייִדישן ג ע ד ע נ ק ע ן, בעת דער מדינה־ייִד ווערט כסדר געטריבן צום פ אַ ר ג ע ס ן — אַפילו צוליב רעאַל־פּאָליטישע מלוכה־אומשטענדן.

סיי דער סימבאָלישער גלות־ייִד פון אַמאָל און סיי דער רעאַלער תפוצה־ייִד פון היינט מעג אַרומטראָגן זיין גוף און נשמה איבער אַלע טיילן פון דער וועלט. אָבער ווו נאָר ער זיצט — פאַרוואָרפט ער דעם נאַציאָנאַלן אַנקער צו זיין זכרון. ער קען נאָר בלייבן אַ ייִד אַזוי לאַנג ווי זיין בענקשאַפט צום אַ ר י ב ע ר פ ל אַ נ צ ן זיך האָט אַן אחיזה. דאָס מיינט נישט בלויז דעם רעליגיעזן ייִד — ביי וועמען צייט און אָרט שפּילן אַ קנאַפע ראָלע — נאָר אויך דעם וועלטלעכן.

אָבער דער ישראל־ייִד האָט געלעבט — און לעבט נאָך טיילווייז עד־היום — מיטן באַוווסטזיין, אָדער אילוזיע, אַז ער איז בכוח ממשיך צו זיין ייִדיש לעבן בלויז מיטן נ יי ע ם, וואָס ער שאַפט היינט און וועט נאָך שאַפן מאָרגן.

דער תפוצה־ייִד פילט זיך עלנט און גייסטיק־פאַרלוירן אַן דעם באַגאַזש, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פונעם צעשטויבטן נעכטן. דערפאַר הערט ער נישט אויף צו חלומען וועגן אָנהאַלטן — אָדער לכל־הפחות אַריבערפלאַנצן אין אַ נייער ווערסיע — די מזרח־אייראָפּעיִשע ירושה. טיילמאָל איז דאָס נישט מער ווי הוילע אילוזיע — אָבער דאָך שפּייזט זי אים מיט אויסדויער. דער־ביי האָט אויך דער „וועלטלעכער" ייִד נישט קיין אַנדער עצה — ווייל דער גרעסטער חלק פון זיין ליטעראַטור און קולטור איז אַ ד אָ ר ט י ק ע, אַ „נעכטיקע". אויך דורך א י ר פּריזמע מוז ער כסדר צ ו ר י ק ב ל י ק ן אין בענקשאַפט. דאַקעגן האָט מדינת־ישראל — דורך איר העברעיִשן מעדיום — געשאַפן אַ גאַנצע קולטור פון אַ פּ ר יי ס ן זיך; פון אַזויפיל פרישע אָרט־מאָטיוון, וואָס געהערן זיך ווייניק אָן מיטן נעכטן־שטייגער.

אויך דער ייִנג־אַמעריקאַנער דור, וואָס „פרץ" און „שלום עליכם" (אין קולטור־סימבאָלישן זין) געהערן שוין צו זיינע גייסטיקע ליכט־טורעמס, האָט גאָר־ווייניק ייִדישן ה יי נ ט. אויב ער וויל בלייבן ייִדיש־באַפעסטיקט — מוז ער זיך פאַרבונדן מיט אַ געוויסן טייל פונעם ייִדישן נעכטן: דעם רעלי־גיעז־קולטישן. וויבאַלד אין ישראל וועט הערשן די איבערצייגונג, אַז די מדינה קען זיך באַגיין אָן דער פאַרבונדנקייט צום נעכטן (סיידן ווען רעלי־גיעזע פאַרטייען צווינגען עס אַרויף מיטן כח פון פאָליטישע מיטלען) איז די צעטיילונג צווישןביידע ייִדן־מחנות נישט אויסצומיידן.

ג.

פאַראַן נאָך אַ חילוק, וואָס וועט זיך להבא גאָר־שטאַרק אויסווירקן: דער ייִד אין דער תפוצה קען געהערן צו אַ ייִדישער קהילה אָדער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע. דאָס איז אָבער אַ לויזע אָנגעהעריקייט. וואָס שייך זיין אינ־טים לעבן און איבערלעבונג — קען ער זיין אייגענע ייִדישקייט ווייטער פירן ב י ח י ד ו ת, ווי אַזוי ער וויל נאָר. דערפאַר אָבער וועט דער ישראל־ייִד אַלץ מער און מער מוזן שפירן דעם ק אָ ל ע ק ט י ו ון חותם פונעם מדינה־שטייגער — אַפילו אין זיין אינטימסטן און ריין־פּערזענלעכן לעבן. די יחי־דישקייט פונעם תפוצה־ייִד איז אויף געוויסע שטחים מער נישט מעגלעך אין מדינת ישראל.

דער ענין „ייִדיש פֿאָלק״ ווערט אינעם תפוצה־לעבן אַלץ מער און מער אַבסטראַקט. ייִדישע דיסציפּלין קען אָפּט קומען צום אויסדרוק אין אָרגאַניזאַציאָנעל־דעמאָנסטראַטיווע האַנדלונגען — אָבער קיין געשלאָסן־כּללדיקע איבערלעבונג פֿון אַ ל ע ייִדן מיטאַמאָל איז מער נישט בנמצא. יעדער איינער פֿון די תפוצה־ייִדן קען זיך לגמרי סעפּאַרירן אין זיין גרופּע און זיך דאָרט אויסלעבן, אָן דעם מינדסטן באַריר מיט אַ צווייטער. אָבער אין מדינת ישראל מ ו ז אַפילו דער עקסטרעמסטער סעפּאַראַטיסט איינגעגלידערט ווערן אין טייל קאָלעקטיווע פֿאָרמען און אַרונטערפֿאַלן א י ן קאַטעגאָריע פֿון ייִדישע געזעצן. אויב אַפילו איינער איז דורך זיין געפֿיל פֿאַרבונדן מיט גערווייסע נעכטנס — וועט ער זיך מוזן פֿון זיי שיידן, ווען דאָס געזעץ פֿון בירגערלעכן חוב באַפֿעלט אים.

איין ביישפּיל: דער ייִד פֿון קלאַסישן גלות, אָ ן מדינה־אחריותן, האָט געקענט האָבן אַזאַ אָדער אַנדער באַציִונג צום אינקוויזיטאָרישן שפּאַניע. ווער עס האָט געוואָלט, איז דאָרט פֿאַרבליבן ווי אַ מאַראַן אָדער איבערצייגטער משומד — און מער נישט געטראַכט פֿון נקמה. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט אַ צווייטן ייִד אַרויפֿצולייגן אַ מין חרם אויפֿן לאַנד פֿון טאָרקוועמאַדאָ און איזאַבעלאַ (עס איז דערביי נישט וויכטיק, אויב דער חרם אויף שפּאַניע איז טאַקע געווען אַ היסטאָרישער און כּלל־ישׂראלדיקער פֿ אַ ק ט אָדער ניין. דער עיקר איז, וואָס אין פֿאָלקס־באַוווסטזיין האָט ער בפּירוש עקזיסטירט און זיך איינגעקריצט אינעם ייִדישן זכרון במשך פֿון הונדערטער יאָרן, מיט אָדער אָן דער אָפֿיציעלער פּראָקלאַמאַציע).

וואָס וואָלט אָבער געווען, ווען עס עקזיסטירט שוין דאַן אַ ייִדישע מדינה? * וויאַזוי וואָלט אויסגעזען דער מצב, ווען די שפּאַנישע מאָנאַרכיע איז בשעת־מעשה גאָר־שטאַרק און די ייִדישע מדינה איז אַזוי קליין און נויטבאַדערפֿטיק, ביז זי קען זיך נישט פֿאַרגינען קיין ברוגז־שפּיל מיט מעכטיקע אכזרים? ס׳איז קלאָר: אירע תושבים וואָלטן זיך דאַן נ י ש ט געקענט סאָלידאַריזירן מיטן פּייערלעכן באַיקאָט פֿון די גולי־ספרד. אַ רמז דערצו: ווי נאָר דוד הראובני האָט בלויז אָנגעהויבן אויסטאַפּן אַ וועג פֿאַרן ייִדישן מלכות, איז ער שוין געזעסן ביי די טישן פֿון פּאָרטוגעזישע אינקוויזיטאָרן (און

---

* פֿאַראַן מדינה־ענטוזיאַסטן, וואָס זאָגן: דעמאָלט וואָלט קיין אינקוויזיציע בכלל נישט מעגלעך געווען. דערפֿאַר איז די פֿראַגע נישט אויפֿן אָרט. זיי גלייבן, אַז ווען ס׳זאָל געווען עקזיסטירן אַ מדינה — וואָלט אויך דער נאַציזם נישט געווען אויסגעראָטן קיין זעקס מיליאָן ייִדן. אָבער דערמיט שטעלן זיי אַוועק אונדזערע שונאים אויף אַ געוויסער הויך — הגם זיי האָבן עס נישט פֿאַרדינט. די געשעענישן אין סאָוועט־רוסלאַנד, נאָך דער שאַפֿונג פֿון מדינת ישׂראל, ווייזן דאָס פֿאַרקערטע. און דאָס איז נאָר איין ביישפּיל פֿון אַ סך.

וואָלט אויך געטון דאָס זעלבע, ווען מ׳לאָזט אים אַריין קיין שפּאַניע). אָבער קיין שום ספר וואַרפט אים דאָס נישט פאָר.

דאָס זעלבע וואָלט זיך געמוזט איבערחזרן אין אַ שפּעטערדיקער עפּאָכע, גאָר־נאָנט צו אונדזער דור. סיי אינעם יידישן געדאַנק און סיי אין אונדזערע ליטעראַטורן זענען טיף איינגעקריצט די פּאָגראָמען פון אוקראַינע. אַ גלות־ייד מיט אַ לעבעדיק־וואַכן זכרון וועט עד־היום נישט אויסשטרעקן זיין האַנט צו איינעם, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין יענע שחיטות. וואָס וואָלט אָבער געשען, ווען יענע פּאָגראָם־מאַכער באַוויזן צו פאַרכאַפּן די מאַכט אין גאַנץ רוסלאַנד (טעאָרעטיש האָט עס געקענט מעגלעך זיין, אַפילו מיט דער הילף פון די ליבעראַלסטע דעמאָקראַטיעס) — און דערביי עקזיסטירט שוין אַ יידי־שע מדינה? צי וואָלט אויך ז י געמעגט זיך פאַרגינען אַזאַ שאַרפן זכרון ווי דער גלות־ייד? לויט אַלע חשבונות וואָלטן די 300 טויזנט (אָדער האַלבער מיליאָן) יידישע פּאָגראָם־קרבנות פון יענער צייט געמוזט פאַרגעסן ווערן, בכל אופן פאָרמעל, אויב דער פּאָליטישער „מאָרגן״ וואָלט געפאָדערט נאָר־מאַלע באַציונגען צווישןביידע מדינות.

און נאָך אַ ביישפּיל — ממש פון אונדזער דור: דער ייד פון די תפוצות, אויב ער איז נישט קיין בייזוויליקער קאָמוניסט, קען נישט פאַרגעסן סיי דעם פּערמאַנענטן פּאָגראָם אויף יידיש לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און סיי די האַסטיקע „ליקווידאַציע״ צווישן 1948 און 1952. צוליב אַזעלכע זכרונות וועט אַזאַ הייסער ייד אויסמיידן יעדער נאָנטן באַריר מיטן בלוטיקן רעזשים. אָבער די יידישע מ ד י נ ה טאָר זיך מיט אַזעלכע סענטימענטן נישט רעכע־נען. זי מוז ווייטער זוכן אַ וועג צום וואָס־ענגערן קאָנטאַקט מיט אַזאַ פּאָלי־טישן ריז און אדרבא: עס איז פאַר איר געווען אַ היפּשע טראַגעדיע, בעת די מעכטיקע פון מאָסקווע האָבן מיט איר אָפּגעבראָכן — אויף אַ שטיקל צייט — די דיפּלאָמאַטישע באַציונגען.

פון די אַלע ביישפּילן קומט בולט אַרויס דער עלעמענטאַרער חילוק צווישן דעם יידישן פאָלק, וואָס דענקט פאַר זיך, ב י ח י ד ו ת — און צווישן דעם זעלבן פאָלק, נאָר ב צ י ב ו ר . . . אין מלוכהשע ראַמען.

נאָך שאַרפער האָבן מיר געזען דעם דאָזיקן חילוק אינעם סאַמע־טראַ־גישסטן פאַל: ד יי ט ש ל אַ נ ד. תיכף נאָכן חורבן איז פאַר יעדער געפילס־ייד ביחידות געווען קלאָר: מיר וועלן דאַרפן אָנהאַלטן אַ חרם אויפן דאָזיקן פאָלק, לכל־הפּחות אַזוי לאַנג ווי דער מערדער־דור וועט לעבן און זיין אַריינ־געוועבט אין דער דייטשער ווירקלעכקייט. אמת: אויך דאָ זענען געווען אויס־נאַמען און אַ צאָל יידן־יחידים האָבן — פאַר זיך פּ ע ר ז ע נ ל ע ך — באַ־שלאָסן אַנדערש. אָבער אַפילו יענע — וואָס האָבן פון דער ערשטער מינוט

אָן געפּירט ברייטע מסחרים מיט די „נייע" דייטשן — וואָלטן נישט געוואַגט פֿאַרצולייגן קיין **נאַציאָנאַלן** זשעסט פֿון איבערבעטן זיך. נישט געוועזן אַזאַ יחיד אָדער גרופּע, וואָס זאָל ביי דעם פֿאַל קענען סימבאָליזירן דעם ווילן פֿונעם **גאַנצן** פֿאָלק.

דאָס איז נאָר מעגלעך געוועזן אין אַ צעשאָטן אינדיווידועל ייִדנטום, וואָס האָט נישט אויף זיך קיין מדינהשע התחייבותן. אין מדינת ישראל איז אָבער מער נישטאָ קיין אָרט פֿאַר אויסווירקנדיקע זכרונות — וויבאַלד דער פּאָליטישער וועג מוז זיי באַזייטיקן. איינער מעג דאָרט בלייבן מיט זיין **פּערזענלעכער** צער־קעגנערשאַפֿט — וועט ער זי אָבער **נאַציאָנאַל** מער נישט קענען אָנהאַלטן. וויבאַלד די מדינה האָט באַשלאָסן אָנצונעמען שילומים (און צוליב דעם אויך האָבן קאָנטאַקט מיט דייטשן, וואָס זייער נאַצי־עבר איז אויסער יעדן ספֿק) **מוזן** מיט זיי לעבן אויך די שאַרפֿסטע קעגנער. נישטאָ מער קיין אַנטרינונג. סיידן זיי וועלן באַיקאָטירן כמעט־אַלץ וואָס זייער אייגענע מדינה פּראָדוצירט. בכדי נישט צו געניסן פֿון די שילומים, דאַרפֿן אַזעלכע קעגנער אויפֿהערן שרייבן בריוו, נישט טעלעפֿאָנירן, נישט עסן אָן אַ שיעור זאַכן, נישט פֿאָרן מיט דער באַן אָדער אויטאָמאָביל, נישט באַנוצן קיין עלעקטריע — און אפֿשר בכלל נישט קענען אַרויסגיין פֿון שטוב.

דער באַגריף „פֿאָלק" איז אין מדינת ישראל געוואָרן אַזוי שאַרף קאָנקרעט און אַזוי האַסטיק־בולט, ביז אַ יחיד קען זיך דאָרט מער נישט אויסטיילן און לעבן **אַבסאָלוט** לויט זיינע איבערצייגונגען. דערפֿאַר מוז אַפֿילו אַ ליידנשאַפֿטלעכער „געדענקער" ביחידות ווערן אַ נישט־פֿרייוויליקער „פֿאַרגעסער" בציבור. דאָס איז נאָר אַ ברעקל פֿון דער גרויסער רעוואָלוציע, וואָס מדינת ישראל האָט אַדורכגעפֿירט אינעם ייִדישן לעבן. די דערמאָנטע ביישפּילן זענען נאָר די אויבערפֿלעכלעכע אילוסטראַציע פֿון נאָך אַ טיפֿערן פּראָצעס: דער ייִדישער נעכטן מוז נישט איינמאָל געלייגט ווערן אויפֿן מזבח פֿונעם ייִדישן היינט און מאָרגן. טיילמאָל ברענגט מען דעם נעכטן פֿאַר אַ קרבן אַפֿילו דאָרט ווו ער איז לגמרי נישט נייטיק.

ד.

כל־זמן דאָס ייִדישע פֿאָלק איז געווען צעשפּרייט „אויף זיבן ימים און זיבעציק לענדער" — האָט דער זכרון געקענט פֿאַרבלייבן דאָס אויבערשטע פֿון שטייסל. נאָך מער: בלויז דאָס בשותּפֿותדיקע געדענקען האָט געקענט צוזאַמענהאַלטן אַלע פֿאָלקס־טיילן אין איין היסטאָרישער גאַנצקייט. אָבער ביי אַ מדינה־פֿאָלק בכלל מוז דאָס טאַקטישע פֿאַרגעסן (אין די טיפֿענישן קען מען

אַלעמאָל באַהאַלטן דעם זכרון און אים אויפוועקן, ווען די פּאָליטישע סיטואַציע דערלויבט עס, אָדער פאָדערט עס גאָר) אָפטמאָל גובר זיין דאָס געדענקען. לאָמיר זיך למשל פאָרשטעלן, אַז צווישן מדינת ישראל און דייטשלאַנד זענען שוין פאַראַן דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען. דערביי קומט צוגאָסט אַ דייטשער פּאָליטיקער, וואָס זיינע הענט זענען נישט ריין פון ייִדישן בלוט. ווע̇ט מען אים דען נישט מוזן אויפנעמען פריינטלעך? און וואָס וואָלט געשען, ווען דער געוועזער־האַנדל פון ישראל אַנטוויקלט זיך אומגעהויער — און די דייטשע אַרמיי ווערט אַ וויכטיקער אָפּנעמער? עס איז קלאָר, אַז דאַן וואָלט מען זיך געמוזט זעצן צום פאַרהאַנדלונגס־טיש אויך מיט אַזעלכע גענעראַלן, וואָס האָבן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אַדורכגעפירט מוראדיקע שחיטות*). קען אַפילו זיין, אַז אין זייער אַנבליק וואָלט מען אויך נישט געטאָרט דערמאָנען דעם היטלער־חורבן. ס'איז קעגן עלעמענטאַרן טאַקט... די גאַנצע „קאַטאַסטראָפע־ליטעראַטור" וואָלט געמוזט פאַרשטויסן ווערן אינעם הינטערגרונט.

וואָס מער אַ ישראל־פּערזענלעכקייט טראָגט אחריות פאַר דער מדינהס זיכערקייט און איר צוקונפט (דער בולטסטער ביישפּיל איז דוד בן־גוריון) אַלץ ווייטער מוז זי גיין אויף דער ליניע פון געזעגענען זיך מיט אַלערליי ייִדישע „נעכטנס". דער אָפּשיין פונעם גרויסן מאָרגן פאַרטונקלט אַלע זכרונות־רייצן. אָבער דאָס וועט זיך — לכל־הפּחות במשך פון עטלעכע דורות — נישט לייגן אויפן געמיט פון אַ תפוצה־ייִד מיט קיום־באַדערפעניש. ס'וואָלט געווען אַן אמתע טראַגעדיע, ווען אויך ד אָ ס זאָל זיך ענדערן. דער ישראל־ייִד אָן אַ נעכטן פאַרמאָגט כאָטש אַ נאַציאָנאַל־פּאַרוואָרצלטן היינט, מיט וועלכן ער איז מזווג זיין ייִדישן חוש. אָבער דער תפוצה־ייִד אָן אַ נעכטן — בלייבט כמעט ביי גאָרנישט אינעם רעאַלן לעבן. די רפואה וואָס מען שרייבט אים פאָר — צו לעבן פונעם בלויזן בליק, וואָס ער פאַרוואָרפט צו ישראל — האָט גאָר אַ קנאַפּן באַדייט, כל־זמן ער אַ ל יי ן געפינט זיך נישט דאָרט.

די קאָנצענטרירטע ישראל־פּערזענלעכקייט — וואָס לעבט ממש איבער־אויף דער וואָר אַלע וויזיעס פון דער מאָרגן־ייִדישקייט — קען זיך אַפילו שפּילן מיטן אַבסורדאַלן חלום פון אויסמעקן צוויי טויזנט יאָר ייִדישע פאַרגאַנגענהייט. געוועכט אָדער נישט — האָט ער זיך אין וואָס ייִדיש צו קלאַמערן, אויך אָן די „צוויי טויזנט יאָר". אָבער ווען אַזאַ טעאָריע זאָל אויך אַריבערגעטראָגן ווערן אין די ייִדישע תפוצות — וואָלט געקומען צום גרעסטן גייסט־חורבן, וואָס די ייִדישע געשיכטע האָט אַמאָל געזען.

*) עס איז אונדז למשל באַקאַנט, אַז ישראל וויל שטאַרק איינגעגלידערט ווערן אין דער „נאַטאָ", הגם אין איר שפּיץ שטייט דער נאַצישער גענעראַל ש פּ יי ד ל.

זיכער דאַרפֿן מיר נישט נעמען צופֿיל ערנסט אַזעלכע עקסטרעמע פֿראַזן — אויך אין מדינת ישראל. מיר האָבן אַ כּלל: אויב אַ פֿאָלק וויל טאַקע בלייבן פֿאָלק לאורך־ימים — קען עס סוף כּל סוף פֿונעם נאַציאָנאַלן נעכטן נישט אַנטלויפֿן. עס פֿאַרפֿעלט אָטעם. אויב מען טרייבט אַרויס דעם עבר דורך דער טיר — קומט ער שפּעטער צוריק אַריין דורכן היסטאָרישן פֿענצטער. קיין שום לעבעדיק פֿאָלק — אַפֿילו ווען עס האָט ביי זיך אַדורכגעפֿירט די ראַדי־קאַלסטע רעוואָלוציעס — האָט זיך פֿון זיין לאַנגן עבר נישט געקענט אָפּ־טרייסלען. סיידן עס האָט אויפֿגעגעבן אַלע האָפֿענונגען צו בלייבן דאָס זעלבע פֿאָלק. ביים ייִדנטום — אַפֿילו ווען די מערהייט זאָל ביום מן הימים לעבן אין דער אייגענער מדינה — וואָלט אַזאַ פּראָצעס פֿון „פֿאַרגעסן" צוגעגאַנ־גען נאָך שווערער און עס פֿאַרוואַנדלט אין אַן אויסטערלישן קריפּל. אָבער אויך אַזאַ אויסניכטערונג פֿאַרנעמט צייט — אָמאָל עטלעכע דורות. במילא קען די צווישן־צייט (פֿונעם אָפּטרייסלען זיך ביז צום ווידער־באַקומען דעם עבר־באַוווּסטזיין) חרוב מאַכן גאַנצע טיילן פֿונעם פֿאָלק, אָפּווישן אַ ריי נאַציאָנאַלע אייגנשאַפֿטן — און שפּעטער זאָל מען זיי, ביים בעסטן ווילן, מער נישט קענען רעסטאַווירן. אין דעם כּלל גייען אַריין אַ סך מער מאַראַ־לישע באַגריפֿן ווי קולטורעלע (קולטור בלייבט סוף כּל סוף מער איינגע־קריצט אין ליטעראַרישע ווערק און דערפֿאַר קען מען זי שפּעטער ווידער „אויסגראָבן", בעת מאָראַלישער לעבנס־שטייגער קען אויסגעמעקט ווערן ביז וואָרצל). טאַקע דערפֿאַר ליגט אַזאַ גרויסע אחריות אויף יענעם דור, ביי וועלכן עס האָט זיך געעפֿנט דער ערשטער שפּאַלט. דווקא ער מוז זיין מער געהיטן בעתן אַרויסברענגען רעוואָלוציאָנער־איבערבּרעכערישע פֿאַרמו־לעס. ער קען לייכט פֿאַרהיטן פֿון אַזעלכע צרות, בעת אַנדערע דורות וועט אָנקומען אַ סך שווערער דאָס מתקן צו זיין.

ה.

ס'איז שוין אַ זיכערער פֿאַקט: אין מדינת־ישראל איז דער ווילן פֿון אַ נאַ־טירלעכער (אָדער קינסטלעכער) מערהייט געזעץ פֿאַר אַלעמען*). דאָס איז אייגנטלעך אַן עלעמענטאַרער שטריך ביי יעדער דעמאָקראַטיש פֿאָלק. אָבער איינגעפֿונדעוועטע לענדער, מיט אמתער דעמאָקראַטיע, היטן זיך בדרך־

*) דער זאַץ „קינסטלעכע מערהייט" דאַרף נישט פֿאַרשטאַנען ווערן פֿאַלש: אויך אינעם עכט־דעמאָקראַטישן ישראל האָבן קליינע פּאַרטייען (די רעליגיעזע, למשל) געקענט אָנוואַרפֿן זייערע פּרינציפּן אויף אַ גרעסערער פּאַרטיי (אין געוויסע אומשטענדן) און זיי מאַכן פֿאַרן געזעץ פֿונעם גאַנצן לאַנד.

כלל פון צו־גרויסע איבערקערענישן אינעם פאָלקס קולטור־באַנעם. אַ זעלכע ענינים לאָזן זיי כמעט אַרויס פון דער מלוכהשער געזעץ־געבערישקייט — אָדער פון דער אָפיציעלער פּראָפּאַגאַנדע. אין ישראל אָבער זענען טיילמאָל קולטור און טראַדיציע צוזאַמענגעוואַקסן מיטן אָפיציעלן געזעץ.

ביים ייִדישן פאָלק אין די תפוצות וועט נאָך זיכער מוזן נעמען עטלעכע דורות, ביז ייִדישקייט וועט מסוגל זיין אויפצונעמען ניי־געזעצלעכע ראַמען, וואָס געהערן נישט צום איינגעשטעלטן בילד. עס וועט אַפילו נישט העלפן, אויב דאָס נ יי ע וועט אין די באַדינגונגען פון מדינת־ישראל ווערן אָ פ י־צ י ע ל ג ע ז ע ץ; אַ מין הלכה לדורות. נישט אַלעמאָל וועט זיך דער תפוצה־ייִד ק ע נ ע ן אונטערוואַרפן אַזעלכע דינים, אַפילו ווען ער זאָל זיי ווילן. אויב די מדינה־פּירעשאַפט וועט זיך ב ל ו י ז רעכענען מיט די לאָקאַלע מדינה־אינטערעסן — ביים באַשטימען איר לעבנס־שטייגער און די נייע ייִדישקייט־פּרינציפּן — וועט זי האָבן אויסצושטיין גאָר אַ סך שוועריקייטן. זי וועט זיך דאַן מוזן שטעלן די האַרבע פראַגע: אַפּרייסן זיך טיילוויִיז פונעם ייִדנטום, אָדער זיין אַזוי ווייט געהיטן מיט איבערקערערישע פאַרמולירונגען, ביז אויך דער תפוצה־ייִד זאָל זיך קענען מיט זיי אידענטיפיצירן? דאָס שטעלט זי זיך טיילמאָל אין אַן אָפענער סתירה: געזעצלעך איז זי בלויז די מדינה פון א י ר ע בירגער, בעת פּראַגראַמאַטיש וויל זי זיין דאָס גייסטיקע צענטער־לאַנד פונעם גאַנצן פאָלק.

זענען פאַראַן אָפּטימיסטן, וואָס טרייסטן זיך: דאָס איז נאָר אַ פּראָבלעם פאַר א יי ן ד ו ר, וואָס האָט זיך איינגעלעבט מיט זיינע אומרעאַלע זכרונות. זאָל נאָר קומען צום וואָרט דער נייער דור אין די תפוצות — וועט מען זיך מיט אים גאָר־לייכט קענען פאַרשטענדיקן. סוף־כל־סוף וועט ע ר זיך דאָך נישט קלאַמערן אין אַ צאָל אָפּגעלעבטע סענטימענטן — און במילא וועט אים די „מאָרגנדיקייט" פון דער מדינה זיין אַ סך נענטער.

אָבער דאָס וואָלט א פ ש ר געווען ריכטיק, ווען עס זאָל זיך בלויז האַנדלען אין אַלטע שטייגער־זכרונות. אָבער דער ייִנגער תפוצה־ייִד — וואָס וועט נישט עולה זיין קיין ישראל — וועט דאָך מוזן זוכן אַן אָנהאַלט אין די יִ ד י ש ע זכרונות פון ז יי ן לאַנד. אויב ער וועט האָבן בדעה צו בלייבן אַ ייִד — און דאָך זיך פילן ווי אַ פולער בירגער פון זיין מדינה — וועט ער מוזן נאָכזוכן וואָס מער יסודות פון היסטאָרישן כאַראַקטער פאַר זיין „טאָפּל־געשטאַלט". ווו ער זאָל נישט לעבן — וועט ער מוזן אַריינפלעכטן אין זיין באַוווּסטזיין דעם היסטאָריש־ייִ ד י ש ן חלק פון ד אָ ר ט. אַן אַ פולער — און פּאָזיטיווער — געשיכטע פון ייִדן אויף י ע נ ע ר ערד, וועט ער זיך מוזן פילן מינדערווערטיק... און פון אַזאַ געפיל ביז פולער אַסימילאַציע איז אַ

קורצער וועג. אויב מדינת־ישראל זאָל אָבער ביסלעכווייז מבטל זיין אַ ל ע קאַפּיטלען פון ייִדישן נעכטן אין י ע ד ע ר צעשפּרייטונג — וועט דער נייער דור מוזן רעוואָלטירן. דאָס איז אויך פאַרשטענדלעך: דער פריִערדיקער ייִדיש־דור פון די תפוצות האָט פאַרט געלעבט מיט אַן אַ שיעור ייִדישע סענטימענטן — און זיי האָבן אים דערלויבט מוותר צו זיין אויף אַ סך אינטימע געפילן לטובת מדינת־ישראל. דאָס האַרץ האָט אים דערביי געמעגט ווייטון. אָבער דער נייער און עכט־פּאַטריאָטישער דור וועט אַזעלכע קרבנות נישט וועלן ברענגען. ער וועט, למשל, דאַנקבאַר זיין יעדן איינעם, וואָס וועט אים אָנווייזן אַז ער האָט זיך נישט וואָס צו שעמען מיט די העכער 300 יאָר ייִדיש לעבן אין די פאַרייניקטע שטאַטן. אדרבא: ער האָט מיט וואָס צו שטאָלצירן. וועט ער פון אַ ייִדישער מדינה פאַרלאַנגען, אַז אויך זי זאָל דאָס אָנערקענען און נישט מבטל מאַכן. דערפאַר איז צום גלויבן, אַז דער דאָזיקער חילוק וועט גיִשט פאַרשווונדן — נאָר ווערן נאָך שאַרפער.

ביז איצט האָט מדינת ישראל געלעבט מיטן ייִנגן אייפער פון אַ מאָרגנדיקער. אַלץ וואָס שמעקט מיט נעכטן — פון פּאָזיטיוו שאַפונגען ביז צום פּאַסיוון איבערלעבן מאַסן־שחיטות — האָט במילא אויך געהערט צום גלות. אָבער יענער נייער דור פון די תפוצות וועט צופּאַסן זיין ייִדישקייט צום עכטן לאַנד־פּאַטריאָטיזם. דערפאַר וועט ער פאָדערן אַן אַנדער צוגאַנג צו ז יי נ ע זכרונות אַפילו פונעם ריין־ייִדישן אָפּשניט. איך בין אַפילו זיכער: דער דאָזיקער דור, וואָס וועט זיך קלאַמערן אין אינהאַלטלעכער ייִדישקייט און נישט וועלן גיין פאַרלוירן אינעם פּוסטלעכן סינאַגאָגע־אַנשטעל, וועט זיך מער נויטיקן אין דער גלאָריפיקאַציע פונעם ג אַ נ צ ן ייִדישן עבר — איידער דער איצטיקער. אונדזער וועלטלעכער ייִד פון היינט האָט נאָך לכל הפּחות ז יי נ ע „טראַדיציעס”, וואָס סובלימירן ביי אים די עלטערע ראָמאַנטיק — בעת דער נייער דור בעניסט שוין ווייניק פון דער ייִדישער קולטור און אירע ליטעראַטורן. זיי קענען אים שוין נישט געבן געגנוג לופט פאַר זיין ייִדישן אָטעם. דערפאַר וועט ער זיך מ ו ז ן אומקערן אַ סך ווייטער פון זיינע „אַפּיקורסישע” טאַטעס און זיידעס — הגם אין אַ נייעם נוסח.

די דאָזיקע מאָטיוון פירן צו גאָר אַ סך שפּעקולאַציעס, אָבער נישט זיי זענען מיר דאָ אויסן. בעיקר: דאָס איגנאָרירן דעם נעכטן וועט זיכער נישט לייכטער ווערן, בעת ס'וועט אויפקומען דער נייער דור, נאָר פאַרקערט: ווערן מער קאָמפּליצירט. עס וועט דאַן אויך נישט העלפן יענע התלהבות פון די ערשטע מדינה־יאָרן, ווען די פרישע ליבשאַפט פון אַ געשלאָגן ייִדנטום האָט גיִטמוטיק אויפגענומען אַלערליי שטעכענישן.

מרדכי שטריגלער

ו.

די טענדענץ פון פאַרגעסן — אָדער בכל־אופן פ אַ ר ז ע ן — דעם נעכטן, איז שוין געקומען צום אויסדרוק אין מדינת־ישראל אויף אַ ריי שטחים. אין דער ערשטער ריי האָבן מיר עס געזען ביים באַטראַכטן דעם תשובה־קאָמפּלעקס פון אונדזער דור. לאָמיר עס אָפּטייטשן: דער ייִד מיטן פולן נעכטן־באַוווסטזיין האָט נישט אַזוי לייכט געקענט מוחל זיין אַפילו אייגענע ייִדן — אויב זיי האָבן אין די פינצטערע יאָרן געהאָלפן די נאַציס. ער איז אַפילו ווייניק גערירט געוואָרן דערפון, וואָס טייל פון זיי האָבן עס געטון, מחמת „גוטע" כוונות. דער יחידישער אינסטינקט פון ייִדישער געדענקשאַפט האָט זיי נישט פאַרגינען קיין לייכטע מחילה. אָבער אין דער ייִדישער מדינה האָט זיך באַלד געלאָזט מערקן די פאַרגעבערישע טענדענץ. אַ צאָל ייִדן מיט אַ טונקעלן עבר האָבן דאָרט געקענט לייכטער אונטערטויכן. עס האָט געהייסן, אַז זייערע חטאים האָבן נאָר געקענט מעגלעך זיין אינעם גלות פון נעכטן — בעת איצט זענען זיי אַריין אינעם לייטערונגס־פּראָצעס פון מאָרגן. אינעם דאָזיקן „מאָרגן" וועלן זייערע זינד זיך מער נישט קענען איבערחזרן. סוף־כל־סוף זענען זיי אַליין דאָך געווען די טראַגישע קרבנות פון אַן אַלגעמיינער דעגענעראַציע.

די זעלבע באַציִונג — אויפן יסוד פון אַן אָפיציעלן (און דווקא ייִדישלעך־האַרציקן) געזעץ — האָט זיך אויך געלאָזט באַמערקן אין דעם צוגאַנג צו פאַרברעכער פון אַנדערע לענדער, וואָס זענען זיך געקומען אויסבאַהאַלטן אין ישראל. דאָס וואָלט זיכער געקענט סימבאָליזירן אַ שיינעם זשעסט פון פאַר־שטענדעניש — ווען נישט די אידעאָלאָגישע באַגלייטונג פון טייל ישראלים: סיִיווי איז יעדער ייִד אין גלות אַ גייסטיקער אינוואַליד; אַ מין קרבן פון פרעמדע אומשטענדן. טאָ וואָס מאַכט שוין אויס, ווען איינעמס מ ו ם איז אַביסל גרעסער? אַבי ער איז שוין פאַראַן אין אונדזער היסטאָרישן שפּיטאָל, וווּ מען וועט אים אויסהיילן *).

צי האָט מען אויך אין די ייִדישע תפוצות נישט מוחל געווען אַזעלכע טיפּן? זיכער. אָבער ד אָ איז עס געווען מחמת מידקייט — און אַפילו גלייכ־גילטיקייט — אָן דער אָפיציעלער אידעאָלאָגיע פון באַרעכטיקן. דערפאַר אָבער האָט אַזאַ מחילה אין ישראל געטראָגן אַ ספּעציפישן, אַל־פאָלקישן און פּרינציפּיעלן כאַראַקטער.

---

*) למען האמת, איז מען די סאַמע־לעצטע יאָרן געוואָרן שטרענגער אויף דעם אָפּ־שניט. אַ ריי אויסליפערונגס־אָפּמאַכן מיט אַנדערע לענדער האָבן גורם געווען דאָס אַרויסגעבן אַ צאָל פון אַזעלכע פאַרברעכער. עס זענען אָבער, אויך אין אַ ז ע ל כ ע פאַלן, געווען פּראָטעסטן. טאַקע צוליב די אָנגעגעבענע מאָטיוון.

די דאָזיקע באַציִונג צום „נעכטן" האָט זיך אויך געלאָזט מערקן ביים צוגעאײלטן אויפֿנעמען די זינדיקע פּונעם קאָמוניסטישן לאַגער — הגם טייל פֿון זיי האָבן געהאַט אויפֿן געוויסן אַ סך אַקטיווע און בלוטיקע חטאים. ווען זיי זאָלן געווען באַגיין אַזעלכע מעשׂים אויף דער ישׂראל־ערד גופֿא, וואָלט זיי אפֿשר די מחילה אַזוי לײכט נישט אָנגעקומען. ס'איז גענוג צו דערמאָנען, ווילאַנג איין פּאַרטיי געדענקט דער צווייטערס מינדסטן חטא. נאָר וויבאַלד דאָס איז געשען אינעם נעכטן פֿון ד אָ ר ט — ווערן די זינדיקע באַלד אײנגעגלידערט מיט מער האַרציקייט, איידער אַזעלכע וואָס האָבן גאָר קיינמאָל נישט געדאַרפֿט תּשובֿה טאָן.

דאָס איז מער־ווייניקער געוואָרן אַ ש י ט ה — הגם נישט אַלעמאָל אַ באַוווּסטזיניק־אויסגערעכנטע. עס האָט זיך געגנומען שאַפֿן דער אײַנדרוק, אַז לכּבוד דעם מאָרגן מעג מען פּראָקלאַמירן דעם לית דין ולית דיין. קען מען דורך דעם אַמאָל נישט דערגיין צום פּראָצעס פֿון פֿולער דע־היסטאָריזאַציע? קען מען טאַקע לאָזן דעם גאַנצן נעכטן אויף יענער זייט שוועל, ביים באַטרעטן די ישׂראל־ערד?

מיר האָבן דאָ געבערענגט בלויז עפּיזאָדישע ביישפּילן, וואָס האָבן לכאורה קיין שייכות נישט צו גרויס־היסטאָרישע פּראָבלעמען. עס איז אָבער אַ כּלל, אַז גרויסע איבערקערענישן הייבן זיך אָן מיט קלייניקייטן — און מיר האָבן שוין צופֿיל דערפֿאַרונג פֿון ענלעכע פּראָצעסן אין אַנדערע מקומות: דאָרט ווו אַ ייִדישע באַוועגונג האָט זיך נישט גערעכנט מיטן ייִדישן נעכטן — האָבן אַפֿילו די שענסטע מאָרגן־אידעאַלן געמוזט דעגענערירן. דאָס דאַרף ווערן די האַרבסטע וואָרענונג.

צי איז אַזאַ טענדענץ אין ישׂראל בלויז בײַזווײַליקער להכעיס? ביליקע שכּרות מיטן היסטאָרישן נצחון? חס ושלום! גיכער קען מען זאָגן, אַז די יסודות פֿון אַ מדינה בכלל — נישט נאָר אַ ייִדישע — פֿאַרטראָגן טיילמאָל נישט קיין לאַנגע זכרונות. די פֿראַגע איז בלויז, אויב מיר קענען זיך שוין דערלויבן דעם לוקסוס פֿון ווערן אַ מדינה גלייך ווי אַלע — און במילא אַדאַפּטירן אַזעלכע נאָרמאַלע יסודות.

לאָמיר געדענקען: ווען מדינת ישׂראל זאָל זיך טאַקע אָפּגעבן מיט לאַנגע, ייִדישע זכרונות — וואָלט איר ע ל נ ט געמוזט זיין אין־לשער. זי וואָלט זיך דאַן געמוזט אָפּשליסן אויף זיבן שלעסער, ווייל מיט וועמען וואָלט זי דען נ י ש ט געהאַט קיין חשבונות? דאָס איז היינט נישט מעגלעך אַפֿילו פֿאַר גרויסע מלוכות — בפֿרט פֿאַר אַ קליין לאַנד, וואָס איז ערשט אין מצבֿ פֿון וו ע ר ן. סוף־כּל־סוף איז מדינת־ישׂראל אויך אַ פּ אָ ל י ט י ש ע דערשיינונג.

וויפל טרויעריקע חשבונות האָט למשל דער ישראל־תושב מיט ענגלאַנד? און „ענגלאַנד" ווערט דאָ דערמאָנט בכלל — סיי דאָס קאָנסערוואַטיווע און סיי דאָס לייבאָריסטישע. אָבער וויבאַלד „מאָרגן" וועט די מדינה דאַרפן אָנ־האַלטן פריינטשאַפט מיט ענגלאַנד — מוזן אַלע נעכטיקע זכרונות אַריבער־געטראָגן ווערן אינעם געשיכטלעכן קעלער. און וויפל צער־דיק־בלוטיקע זכרו־נות פאַרמאָגט דער ציוניזם וועגן סאָוועט־רוסלאַנד? אָבער ווען עס זאָל נאָר מעגלעך זיין אַ פּאָליטישער שלום צווישן דער קאָמוניסטישער גרויסמאַכט און מדינת־ישראל — וואָלטן אַלע בלוטיקע פאַקטן פון נעכטן געמוזט פאַר־שטויסן ווערן אינעם הינטערגרונט. אונדזערס אַ יחידישער תפוצה־ייִד קען טאַקע זאָגן צו זיך אַליין: א י ך וועל קיינמאָל נישט אויסשטרעקן קיין האַנט צו אַזעלכע אכזרים, וועלכע האָבן דערשטיקט הונדערטער־טויזנטער ייִדן אין די תפיסות. אָבער אַ מדינה קען זיך נישט דערלויבן די געוויסנס־לוקסוסן פון אַ ז אַ כאַראַקטער. דערפאַר מוז אַ ישראל־דיפּלאָמאַט טרינקען „לחיים" אַפילו מיט אַזאַ סאָוועטישן פאָרשטייער, וואָס טראָגט די דירעקטע שולד פאַר אָן אַ שיעור אויסגעלאָשן־ייִדישע לעבנס. נישט אַנדערש וואָלט עס אויסגעזען, ווען די אַראַבישע מלוכות זאָלן סוף־כל־סוף מסכים זיין צו אַ פולן שלום מיט מדינת ישראל. לאָמיר זיך בלויז פאָרשטעלן, אַז איין אַראַביש לאַנד איז שוין גרייט אונטערצושרייבן אַן אמתן שלום־אָפּמאַך — אָבער זי קלייבט אויס צו אַזאַ שליחות דעם ירושלימער מופטי, וואָס טראָגט די אחריות פאַר אַזויפיל מערדערייען. וואָלט דען ישראל געהאַט אַ ברירה? צי וואָלט זי דען נישט געמוזט דערביי „פאַרגעסן" אין אַלע זיינע מעשים, פון דער חברו־נער שחיטה ביז צו זיין העלפן היטלערן?

אינעם לעבן פון י ע ד ע ר מדינה — אַפילו דער גרעסטער און שטאַרק־סטער — זאַמלען זיך אָן ריזיקע אַרכיוון פון ווייטיקדיקע זכרונות. אָבער זיי מוזן צוגעדעקט ווערן מיט שטויב, בעת מען גייט פּלאַנירן די פּאָליטיק פון מאָרגן. ווער שמועסט נאָך ווען עס קומט צו ישראל — האָט זי חשבונות, היסטאָרישע און אַקטועלע, מיט אַ האַלבער וועלט. טאָ וויאַזוי וואָלט זי גע־קענט אָנגיין מיט דער טעגלעכער אַרבעט, אויב דער גאַנצער נעכטן זאָל איר שטיין צוקאָפּנס? און וויבאַלד זי מוז סייווי פאַרבייגן איין ייִדיש זכרון־בלעטל נאָכן צווייטן — ביי וואָס קען זי זיך אָפּשטעלן? גייט שוין דאָס פאַר־געסעניש טיילמאָל אַריבער די נויטיקע גרענעץ: וויאַזוי, למשל, קען מען גע־דענקען די מעשים פון א יי ן מסור — אין דייטשן גיהנום אָדער אין דער סאָוועטישער תפיסה — וויבאַלד די פּאָליטישע רעאַליטעט פאָדערט צו „טויש־ן הענט" מיט גאַנץ דייטשלאַנד אָדער מיט דער מאַכט אין מאָסקווע?

דער תפוצה־ייִד קען זיך נאָך אַליין דערלויבן צו האָבן אַ נאָענטן קאָנטאַקט

מיטן פּערזענלעכן געוויסן. אָבער אין מדינת־ישׂראל מוזן אַ סך יחידישע שפּירונגען זיך אויפלייזן לטובת דעם נאַציאָנאַלן אינטערעס. דאָס איז אייגנטלעך אַ נאַטירלעכער מצב — אָבער ער קען אויך באַשאַפן גאָר אַ שטאַרקן היתר־קאָמפּלעקס פון אומבאַגרענעצטער שכחה. אַן ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט, קען דער דאָזיקער מצב נאָך האַרבער ווערן — ווייל די מדינה וועט נאָך לאַנגע יאָרן נישט קענען אויסגעבויט ווערן ווי געהעריק, סיידן דער יחיד וועט זיך לגמרי איינגלידערן אינעם קאָלעקטיוון פּאַרמעסט. אין ישׂראל וועט כסדר געשמועלט ווערן ציבור קעגן ציבור און פאָלק קעגן פאָלק, בעת אין די תפוצות וועט ייִדישקייט נאָך אַלץ מוזן לעבן דורך אַן אַפּעלירן צו יחידים און זייערע זוכענישן.

דער יחידישער ייִד אין דער תפוצה קלאַמערט זיך — צוליב גייסטיקער עלנט אָדער מחמת פאָלקישער אחריות — אין אַלטע טראַדיציעס, בערג מיט פסוקים, וואָס במחשבה איז זיי לייכט אויסצוהיטן. ער איז נישט מחויב פון יעדער מחשבה צו מאַכן תיכף־ומידיקן געזעץ און דערביי באַשיצט זי אים פאָרט קעגן צעפאַלונג. אָבער אין מדינת ישׂראל מוז מען די פּראָקלאַמירטע אָדער דעקלאַמירטע פסוקים תיכף אַריינבראָקן אין — אָדער גאָר אויסטוישן אויף — טעריטאָרישערווירקלעכקייט. דערפאַר איז אַזאַ קאָנפראָנטאַציע אַ סך שווערער. אויסער דעם איז אין ישׂראל גיכער פאַראַן דער גורל בציבור — און דאָס שוואַכט אָפּ די מורא פאַר צעפאַלונג, הגם אויך דאָרט זעט דאָס אויג אַלערליי סכנות פון אַקטועלן כאַראַקטער. דאָס בציבור־געפיל, וואָס באַהערשט די מדינה, הייסט אויך זען יעדן זינדיקן אין די ראַמען פון אַ גאַנצער קאַטעגאָריע. יעדער אינדיווידועלער חוטא ווערט באַלד איינגעשלאָסן אין אַ גאַנצער קלאַס — און דאָס ייִדן־הונגעריקע ישׂראל קען נישט אַרויסוואַרפן קיין גאַנצע גרופּן פון כל־ישׂראל מיט אַזאַ לייכט הארץ. דערפאַר מוז די באַגריפן־וועלט צווישן מדינת־ישׂראל און די תפוצות ביסלעכווייז ווערן מער צעטיילט און ווידעראַנאַנדיק.

צי וועט דער ציבור־געפיל, וואָס מוז גובר זיין אין מדינת ישׂראל, נישט פירן צו דער פולער אויפלייזונג פון ייִדישער אינדיווידואַליטעט? וועלן מיר צוליב דעם נישט פאַרלירן יענע וואַרעמע אינטימקייט, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט אַפילו איין ייִד פון אַן אינדזל ווייטער צו שפּינען דורך זיך אַליין די אחריות פאַרן ייִדישן גורל? אין דעם קלאַסישן גלות האָט זיך דער ייִד אויסגעלערנט צו פאַרטרעטן און אויסלעבן ייִדישע פאָלקישקייט, אַפילו בלויז דורך זיינע אייגענע מעשים. ער האָט געקענט זיין אַ „פאָלק" אַפילו אָפּגעזונדערט. דאָס לעבן מדינהש נעמט אָבער צו אַזעלכע אייגנשאַפטן — ווייל עס שטעלט זיך איין דער באַוווּסטזיין, אַז פאָלק זיין מיינט: אויסלעבן

זיך צוזאַמען; און בלויז דורך דער מאַסעדיקייט קען מען באַוואָרענען דעם נאַציאָנאַלן המשך און קיום. דאָס איז באמת אַ פּסיכישע רעוואָלוציע — און וויבאַלד מען זאָל דאָס „דענקען בציבור" נישט אַריינפּאַסן אין ייִדישלעכע גרענעצן, קען אַזאַ איינשטעל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מאָנסטער. די דאָזיקע סכנה איז אָבער נישט אומבאַדינגט פאַר אַ מדינהש לעבן. והראיה: יעדער קולטור־פאָלק האָט אייגנטלעך אַ מדינהשן באַוווסטזיין — און דאָך איז פאַראַן גענוג אָרט פאַר די יחידישע שפּירונגען. דאָס איינאָטעמען אין זיך וואָס מער געשיכטלעכע לופט העלפט אויסגלייכן נישט ווייניק פון אַזעל־כע סתירות. די פראַגע איז בלויז, אויב מיר ווילן זיך קענען באַוואָרענען מיטן היסטאָרישן פאַנצער קעגן דער אָנלויף פון אַזויפיל אַקטועלע ציבור־נויטן. דאָס איז פאַקטיש איינס פון די הויפּט־פּראָבלעמען אין אונדזער מדינה־דור.

ח.

איצט איז שוין צייט צוצוגעבן: דאָס פאַרגעסן לטובת הכלל האָט אויך געברענגט נישט ווייניק ברכה. ווען די מדינה זאָל זיך געוואָלט קלאַמערן אין אַלע ייִדישע זכרונות, וואָלט זי אפשר נישט געקענט נאָרמאַל אָטעמען. לויטן געשיכטלעך־טראַדיציאָנעלן איינשטעל, וואָלט זי נישט געטאָרט לאָזן אויף דער שוועל אַלט־צעברוגזטע שבטים פון ייִדישן שטאַם. לשם ביישפּיל: לויטן ייִדישן דין וואָלט מען לגמרי נישט געטאָרט מגייר זיין, אָדער לאָזן לעבן צווישן אונדז, די לעצטע רעשטלעך פון די קאַראַימער און ענלעכע צו זיי. אָבער אין דער מדינה זענען אויפגענומען געוואָרן אַ צאָל רעשטלעך פון אַלט־ייִדישע שבטים און דערמיט איז פאַרגרעסערט געוואָרן דער מאַרגן פון פאָלק מיט נאָך טויזנטער גוטע נפשות.

דאָס פאַרגעסן דעם היסטאָרישן חשבון בנוגע די קאַראַימער איז נאָר איין גוטער ביישפּיל. אפשר וואָלטן אויך אויפגענומען געוואָרן מיט דער זעלבער וואַרעמקייט יענע איבערבלייבענישן פון דער שבת־צבי־באַוועגונג — וואָס פירן נאָך זייער געהיים דאָנמאַ־לעבן אין אַלערליי אָריענטאַלישע ווינקלען — אויב זיי זאָלן באַשליסן זיך אומצוקערן. אַלע צרות, וואָס אַזעלכע באַוועגונגען האָבן גורם געווען ייִדן, וואָלטן איצט נישט גענומען געוואָרן אין באַטראַכט. דערמיט שליסט זיך נאָך בפירוש נישט אָפּ דעם חשבון מיט די ייִדישע נעכטנס. מדינת ישראל איז געשטעלט געוואָרן פאַר דער אחריות פון לייזן אַן אַ שיעור וווּנדיק־ייִדישע רעטענישן. אָבער די מויער אַרום די דאָ־זיקע לייזונגען איז אַ הויכע און דערפאַר האָט מדינת ישראל געמוזט ברעכן נישט איין פאַרפעסטיקט־נעכטיקן סענטימענט. קען זיין, אַז דאָס אויג אויף דעם צוקונפט — וואָס דאָמינירט אַזוי שטאַרק אין דער ישראלדיקער היס־

טאַריאַזאַפּיע — מוז זיך אַדורכרייסן ביז צו אַלע דורות, וואָס אונדזער נעכטן האָט שוין פאַרמשפּטט. אָבער דערפון נעמט זיך ענדערן דאָס גאַנצע וועלט־בילד פונעם ייִדנטום. ביז איצט האָבן מיר באַוויזן אַדורכצולעבן גאַנצע תקופות בלויז מיטן מיסטישן גלויבן און דעם קלאַמערן זיך אין אומבאַגרייפלעכע דערפאַרונגען. אָבער מהיום והלאה הייבט אָן די ניכטערע לאָגיק צו ווערן אונדזער טעגלעך ברויט.

מהאי טעמא האָט די מדינה געמוזט ווערן בעת איר בראשית אַ מין קאָמבינאַציע פון געדענקען און פאַרגעסן בנשימה אחת. וואָס מיינט עס? לאָמיר זיך דערמאָנען: דער געשיכטלעכער קאָרידאָר צו דער מדינה איז געווען דער ציוניזם — און ער האָט לכתחילה גאָר אַ סך געבויט אויפן זכרון פון פאָלק. די ציוניסטישע „אוטאָפּיע" האָט נאָר געקענט באַקומען די ראָם פון ווירקלעכקייט, אויב דאָס פאָלק האָט אויפגענומען אַ ריי תנ"ך־פּסוקים מיט לעבעדיקער פרישקייט; געזען די אַלטע נעכטנס מיט אַקטועל־פאַרבענקטע אויגן. אָבער ווי נאָר דער ציוניזם האָט דערגרייכט די ערשטע שליאַכן פון דער וואָר, האָט ער גענומען פון זיך אָפּוויקלען די סענטימענטאַלע קייט פון זכרונות. דאָס איז זיכער געווען אַ טיילווייזע נויטווענדיקייט — ווייל אַנדערש וואָלט ער געמוזט בלייבן אָן אָפּגעשלאָסענע סעקטע.

שוין ביי זיינע ערשטע טריט האָט דער ציוניזם זיך אָנגעטראָפן אויף אַ האַרב־ייִדישן פּאַראַדאָקס: הגם זיין סענטימענטאַלע זייט האָט געוואָרצלט אין די דינסטע שפּירונגען פון דער פאָלקס־נשמה — האָט ער אָבער רעאַל און אָרגאַניזאַציאָנעל געהאַט קעגן זיך ממש די מערהייט פונעם ייִדישן פאָלק. אַ סך פון יענע ייִדן, וואָס האָבן געקושט מיט די ליפּן די „ציוניסטישע" פּסוקים פון תנ"ך, האָבן אַוועקגעלייגט מיט די הענט אַלערליי מכשולים אויפן וועג פון זייער פאַרווירקלעכונג. האָבן זיי איבערגעלאָזט אינעם ציוניסטישן זכרון אָן אַ שיעור פאַרביטערטקייט. ווען מדינת ישראל זאָל טאַקע דאַרפן לעבן מיט אַלע ציוניסטישע נעכטנס — וואָלט זי פּשוט נישט געקענט וויסן מיט וועמען זי דאַרף זיך פריִער „אָפּרעכענען". דער ציוניזם איז באַקעמפט געוואָרן פון די עקסטרעם־פרומע קרייזן נישט ווייניקער ווי פון די אַסימילאַטאָריש־רעפאָרמיסטישע. ער האָט אויך געהאַט אויסצושטיין געברענטע צרות פון אַלערליי ייִדיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונגען — און יעדע פון זיי האָט געשטערט דעם ציוניסטישן ציל אויף אַ באַזונדער שטייגער. אויסער דעם, האָט דער גרעסטער טייל פון די ייִדישע מאַסן זיך סתם־גלייכגילטיק צוגעקוקט צום גאַנצן ענין.

ביים מאַכן דעם פולן סך־הכל, וויאַזוי די ייִדישע געשיכטע וואָלט אויסגעזען, ווען די אַלע כוחות שטערן נישט — נאָר העלפן גאָר דעם ציו־

ניזם — נעמט ממש רייסן דאָס האַרץ. אָבער דאָס אָנהאַלטן דעם זכרון אויף אַזויפיל פראָנטן וואָלט זיכער אַריינגעשטויסן דאָס מדינה־ווערק אינעם טעמפּסטן ווינקל. מדינת ישראל האָט, בכן, געמוזט — נישט בלויז מחמת זיגערישער גרויסמוטיקייט — מאַכן אַ שטריך איבער אַ סך קאַפּיטלען פונעם נאָנטן עבר און אַדאַפּטירן די פּערמאַנענטע שיטה פון מוחל זיין; פאַרגעסן און פאַרגעבן די חטאים פון כל־המינים נעכטנס. זי האָט זיך געמוזט ליבלעך אַרומכאַפּן מיט דער גרעסטער טייל אָרטאָדאָקסיע, וואָס האָט נאָך אַלע חורבנס גענומען ציִען אין איר געצעלט; זי האָט געמוזט צודריקן צו איר האַרץ יענע דייטשע ייִדן, וואָס האָבן אַמאָל נישט געוואָלט קענען דעם ציוניזם און אים אויסגעלאַכט; זי האָט געדאַרפט אויסמעקן פון געדאַנק אַלע טענות צו אַזויפיל ייִדיש־אַמעריקאַנישע קרייזן, וועלכע האָבן נאָך מיט איין דור פריִער שפּאָטיש איגנאָרירט די נאַציאָנאַלע באַוועגונג — און אַזוי קען מען אויסציִען די רשימה גאָר לאַנג.

אין דער אָפיציעל־ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע איז טאַקע אַ סך געזאָגט געוואָרן וועגן דעם נאַטירלעך־נאַציאָנאַלן שטאָלץ. אָבער אין דער פּראַקטיק מוז אַ נאָרמאַלע מדינה גאָר אַ סך פאַרבויגן פון יענעם שטאָלץ, וואָס אַ יחיד קען און דאַרף זיך אין אים קלאַמערן. אַ מדינה מוז טאָלערירן אַלערליי געסט — אויך פון אַזעלכע לענדער און רעזשימען, וואָס אַ באַוווסטזיניק־ייִדישער יחיד וויל מיט זיי קיין מגע־ומשא נישט האָבן. דער פאָרשטייער פון אַ מדינה מוז טיילמאָל — בלית ברירה — אַפילו דריקן די האַנט פון אַרכי־רוצחים און קיין עצה איז נישטאָ. אַ פאָרשטייער פון דער ייִדישער מדינה מוז דערביי פאַרגעסן אין אַ סך מער נעכטנס, איידער דער פאָרטרעטער פון יעדער אַנדער לאַנד אויף גאָטס ערד — ווייל מיט וועמען זענען דען ייִדן נישט געקומען אין אַ צוזאַמענשטויס? דער עבר איז בכן פאַר מדינת ישראל אַ גרעסערער שטער ווי מען קען זיך געוויינטלעך פאָרשטעלן.

די שיטה פון אַריבערגיין איבער געוויסע טיילן פון דער פאַרגאַנגענהייט איז בכן נישט ווייניק אַרויפגעצוווּנגען געוואָרן אויף איר פון דער צייט און אירע רעאַליטעטן. קען זיין, אַז טאַקע דאָס פּאָליטיש־נייטיקע פאַרגעסן האָט גורם געווען אָנצווענדן די זעלבע מאָס אויך צום גייסטיקן שטח פון ייִדישן זכרון; ובפרט ווען אונדזער דור איז אָפּט נישט בכח אָפּצוטיילן גייסטיק־עמאָציאָנעלע שטחים פון זייער קאָנקרעט־פּאָליטישער זייט, ווייל זיי זענען צווישן זיך געקנופּט און געבונדן. דער שאַרפסטער ביישפּיל בלייבט נאָך אַלץ דאָס דייטשע פּראָבלעם.

דערפאַר איז דאָס קרישטאַליזירן אַ גענויע ליניע בנוגע ייִדישע נעכטנס אַ גאָר־וויכטיקע אויפגאַבע פון אונדזער דור. מען דאַרף וויסן ווען דאָס אויס־

מיידן דעם נעכטן איז אַ בפירושער מוז — און ווען דאָס איז שוין אַ סכנה־דיקע דערשיינונג פון אינערלעכער אויפלייזונג. מען קען זייער גוט פאַרשטיין, אַז אַ אידיי וואָס האָט לאַנגע יאָרן געלעבט אין חלום־טראַנס זאָל זיך פאַר־ליבן איבער די אויערן אין יעדער ברעקל אַקטועלער וואָר. דאָס איז פשוט דערפאַר, וואָס יעדער טראָפּן רעאַליטעט האָט אַמאָל געשימערט און געכי־שופט מיט טויזנט פאַנטאַסטישע פאַרבן. אָבער ווען דער טעגלעכער אָטעם איז שוין סייווי נאָרמאַל — מעג מען זיך אָפּשטעלן און וויסן ווו אָוועקצו־שטעלן דעם עד כאן.

עס איז אָבער קלאָר, אַז צופיל מעכטיקע כוחות טרייבן מדינת ישראל צו יענער רעאַלער פאַרגעסנקייט — הגם תורה און חלום איז נאָך אַלץ דאָרט אַ נחלה פון אומצייליקע טויזנטער — און מי יודע, ווען דער דאָזיקער פּראָצעס קען געצוימט ווערן. מהאי טעמא געהער איך נישט צו די, וואָס מאַכן אַ גרויסע טראַגעדיע פון דער היינטיקער פאָלקס־צעטיילונג. אפשר איז גאָר היסטאָריש בעסער, וואָס ביי די ערשטע צענדליקער יאָרן פון מדינת ישראל איז פאַראַן אַ קערן פון עקשנותדיקער געדענקערישקייט אין די תפוצות. דערמיט ווערט געמיינט יענער טייל פאָלק, וואָס איז נאָך אַלץ נישט היפּנאָ־טיזירט געוואָרן פון דער פאַרגעסערישער בויטוועדיקייט — און דערפאַר קען ער שאַפן מיט זיין בלויזער עקזיסטענץ אַ מין וואָרענונג פאַר דער מדינה: אַז זי זאָל זיין מער געהיטן ביים אַריבערשפּרייזן איבער אַזויפיל נעכטנס, הגם די סיטואַציע הייסט עס טיילמאָל טון אין דער גרעסטער איילעניש. דווקא ווייל די מדינה מוז אַזויפיל פאַרגעבן און פאַרגעסן — איז אויס־געוואַקסן די ראָלע פונעם צווייטן טייל יידן מיט אַ פאַרפאַנצערטן זכרון. בלויז ביים פולן לעבן פון ביידע עקסטרעמען קען געבוירן ווערן דער ליכ־טיקער סינטעז און דערמיט זאָל פאַרזיכערט ווערן אַ נאָרמאַלע באַגעגעניש צווישן דעם נאַציאָנאַלן „נעכטן” און „מאָרגן”.

ט.

דער היוצא לנו מדברינו איז אַ קלאָרער: לאָמיר נישט מאַכן קיין טראַ־געדיע פון דערשיינונגען, וועלכע זענען גאָר פּאָזיטיוו בעת היסטאָרישע איבערברוכן. איך וויים זייער גוט, פונקט ווי יעדער הייסער חסיד פון מדינת ישראל, ווי נייטיק עס איז אונדזער פולע אידענטיפיקאַציע מיט דער מדינה; ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען די אמתע אחדות זאָל געשאַפן ווערן און יעדער ייד אָן אויסנאַם זאָל זיך שטעלן ביי דער זייט פון דער יינגער און שווער־קעמפנדיקער מדינת ישראל. עס איז ביי מיר קיין שום ספק נישט, אַז ווער עס זאָגט זיך אָפּ פון אויסשטרעקן זיין האַנט צוהילף דער מדינה מוז באַטראַכט

ווערן אַן שום באַוואָרענישן פֿאַר אַ ב ו ג ד. אָבער דאָס טאָר באַין־אופן נישט פירן צום מעכאַנישן אויפֿלייזן אַלדאָס געדאַנקלעכע לטובת דעם וואָס עס ווערט אַלץ געשריבן, געזאָגט און געטון אין מדינת ישראל. וואָס מער די מדינה מ ו ז מאַכן וויתורים אויפֿן חשבון פון נעכטן לטובת דעם מאָרגן — אַלץ מער איז נייטיק צו האָבן אַ צווייטן פ ל י ג ל, וואָס זאָל אויפֿהיטן דאָס ליכטיקע פון אונדזערע נעכטנס. דאָס איז בפירוש נייטיק אויך פֿאַר דער גייסטיקער גלייכגעוויכט פון מדינת ישראל גופא. אויב מען זאָל פּריצייטיק אָפּשטויסן דעם זכרון־נערוו פון דער תפוצה־ייִדישקייט — קען די רעאַלע פֿאַרגעסערישקייט פון דעם ייִנגערן דור אין מדינת־ישראל אַוועק צו די סאַמע־אומבאַגרענעצטע ווייטקייטן. בלויז די עקזיסטענץ פון אַ צ ו ו י י ט ע ר שיטה — דווקא ביים האַרציקסטן שותף וואָס מדינת ישראל פֿאַרמאָגט — קען צווינגען צו מער באַרעכנטקייט; צום זוכן די אידעאַלע פשרה.

איך האָב שוין פֿריִער דערמאָנט, אַז אויך אין מדינת ישראל זענען פֿאַראַן אַלערליי שפּליטערן און עס האַלט נאָך ווייט פון אַן איינהייטלעכער ישראל־אידעאָלאָגיע. דערביי מעג מען שוין אויך צוגעבן, אַז אַפילו וואָס שייך קענען דעם ייִדישן נעכטן — וואַלגערט זיך דאָרט מער תורה אונטערן טיש איידער ביי טייל תפוצה־נעכטיקע אויף די העכסטע טריבונעס. אָבער בעיקר גייט דאָ אין דער דאָמינירנדיק־אָ פּ י צ י ע ל ע ר פילאָזאָפיע.

צו די פּאַראַדאָקסן פון אונדזער צייט געהערט טאַקע אויך אַזאַ מין שטריך: הגם אינערלעך צעשפּליטערט — ווילן אָבער אַ ל ע ישראל־ריכטונגען, אַז דאָס תפוצה־ייִדנטום זאָל זיך גייסטיק אונטערוואַרפן דער פּולער העגעמאָניע פון מדינת־ישראל. אָבער צו ו ע מ ע ן אייגנטלעך? דערויף גיט קיינער ניט קיין געניטעם ענטפער, ווייל פֿאַר יעדער ריכטונג באַזונדער איז עס קלאָר: די העגעמאָניע מוז געהערן צ ו א ו נ ד ז. היות ווי דאָס לעבן אין ישראל וויקלט זיך אַרום אַ סך ברענענדיקע ענינים — איז נישט מעגלעך אויסצומיידן די גרויסע צערטיסנקייט אויף אַ סך יאָרן פֿאָרויס. עס איז אַפילו שווער צו וויסן וו ע ר עס קען אייגנטלעך ענדערן די דאָזיקע איבערמאָס פון איגנאָרירן דעם נעכטן און וווהין מען זאָל איבערשיקן די טענות — בכדי זיי זאָלן דערגרייכן דאָס גאַנצע פֿאָלק ישראל.

עס איז אָבער מער ווי זיכער, אַז אין די ייִדישע תפוצות ווען די צעשפּליטערטקייטן פון אידייִשן כאַראַקטער פֿאַרלירן מיט דער צייט זייער האַרבן כאַראַקטער, די נאָענטע אַסימילאַציע־סכנות און די מורא פֿאַר אויפֿלייזונג וועט סוף־כל־סוף מ ו ז ן צונויפֿשליסן דעם גרעסערן רוב פון געטרייע ייִדן אַרום א יי ן דערהאַלטונגס־ציל. במילא קען דאָס ווערן אַ מין דערהאַלטונגס־פֿאַקטאָר אויך פֿאַר די עָבר־פֿאַרשטענדיקע אין מדינת ישראל גופא.

דאָס מוז פירן צו דער הנחה, אַז געדאַנקען־פאַרשידנאַרטיקייט מיינט באַין אופן נישט דאָס זעלבע ווי אַ צעטיילונג אין „צוויי פעלקער". דערפאַר וועלן ביידע צדדים מוזן אויפהערן באַטראַכטן די באַזונדערע איינשטעלונגען — וואָס שייך קולטור־היסטאָרישן באַנעם — ווי אַן אומגעזונטע קאָנקורענץ. ביסלעכווייז וועט מען מוזן איינזען, אַז פון יעדער שמאָלער אחדות קען מען גיכער פאַרלירן איידער געפינען — בפרט ווען דער יידישער ג ו ר ל אַליין האָט באַשטימט, אַז איין טייל פאָלק זאָל זיך מוזן בעיקר אָפּגעבן מיטן מאָרגן און דער צווייטער זאָל מוזן ציִען וואָס מער נשמהדיקע חיונה פונעם נעכטן. דערפאַר וועט יעדער תפוצה־ייִד זיך טאַקע נישט קענען סעפּאַרירן פונעם ישראל־גאַנג — ווייל דאָס קען אים פאַרגליווערן אין אַ שטיינערנעם מאָנומענט. אָבער דאָס וועט אים אויך נישט טאָרן פירן צו קיין מעכאַנישער „סאָלידאַריטעט", ווייל עס קען דערפון ווערן געדאַנקען־פויל און רעזיגנירן פונעם אייגענעם כוח. אויך דער בעסערער ייִד פון מדינת ישראל וועט מוזן פאַרשטיין, אַז יענע פולשטענדיקע גייסט־צונויפגיסונג איז אַן ענין פאַר משיחס צייטן. אין טעג פון גרויסע איבערברוכן איז גאָר בעסער, ווען עס איז פאַראַן אַ צווייטע מחנה — און מיט איר טרייער קאָנטראָל לאָזט זי נישט אַוועקציִען דעם גאַנצן פאָלקס־געדאַנק אין איין עקסטרעמער ריכטונג.

אַזאַ מין פשרה איז אפשר אין טעאָריע אַ סך לייכטער אַדורכצופירן, בעת אין לעבן וועט זי נאָך האָבן אויסצושטיין גענוג קאַלטס און וואַרעמס. אָבער דאָס איז פּאָרט דער איינציקער אויסוועג צווישן צוויי ייִדישע וועלטן — וואָס איינע ווערט כסדר געשטויסן צו זוכן אינהאַלט אין די ייִדישע נעכטנס בעת די צווייטע מוז זיך דערווייל, מחמת נויט און מיליטאַנטישן אייפער, פאַרבאַריקאַדירן אונטער די פעסטונגען פון אַ מאָרגן וואָס מען דאַרף ערשט מייסטערן.

ניו־יאָרק 1956־58.

אַ פֿאָלק מיט אַ פֿראַגע־צייכן

א.

ווען עס איז געוואָרן צען יאָר זינט מדינת ישׂראל איז געשאַפֿן געוואָרן, האָבן מיר געהאַט דאָס רעכט צו גלייבן: ענדלעך ווייסן מיר שוין וו ע ר און וו אָ ס מיר זענען. אָבער גראָד אינעם יובל־יאָר איז געקומען די אומ־היימלעכע איבעררעשונג: אין מדינת ישׂראל איז אויסגעבראָכן אַ רעגירונגס־קריזיס צוליב דער פֿאָרמעל־יורידישער פֿראַגע „ווער איז אַ ייִד?". וואָס שייך דעם עצם־עפּיזאָד פֿון קריזיס — געהערט ער שוין לאַנג צו דער פֿאַרגאַנגענ־הייט. אָבער יענע אומגעוויינטלעכע פֿראַגע — וואָס האָט פּשוט צעטומלט די ייִדישע וועלט — איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אונדזער ייִדישן דור בכלל. זי האָט אונדז באַוויזן, אַז הגם מיר זענען שוין אַ פֿאָלק אַפֿילו לויט אַלע וועלט־סימנים — האָבן מיר נאָך נישט קיין איינהייטלעך־פּרינציפּיעלע מאָסן, לויט וועלכע מ'זאָל פֿעסטשטעלן אונדזער פֿאָלקישקייט.

יאָ, אָפֿיציעל האָט זיך די פֿראַגע בלויז געשטעלט אין מדינת ישׂראל. אָבער פֿאַקטיש האָט זי זיך אַריבערגעטראָגן אויך אין די תּפֿוצות. דער כּלל איז דאָ געווען אַ פּשוטער: רבי לא שנה — ר' חייא מניין? אויב דער ר ב י פֿון ייִדישן פֿאָלק — די מדינה — „ווייסט נישט", טאָ פֿון וואַנעט זאָל עס וויסן איר תּלמיד אין די תּפֿוצות? מען קען זאָגן, אַז קיין שום אינערלעך־ישׂראלדיקער פּראָבלעם האָט נישט אַרויסגערופֿן אַזויפֿיל נייגעריקע שפּאַנונג צווישן ייִדן אין דער וועלט ווי די דאָזיקע „אַבסטראַקטע" שאלה. עס האָט געקענט מאַכן דעם איינדרוק, אַז ביז איצט האָט קיינער וועגן דעם אַפֿילו נישט געטראַכט — און ערשט בזמן הזה האָט מען ראַפּטום באַמערקט אַז... מען ווייסט נישט.

וואָס דאַרף מען מער? אַפֿילו אין די היימיש־ציוניסטישע קרייזן פֿון אַמעריקע איז געוואָרן אַ שטיקל בהלה: מען האָט אָנגעהויבן איינלאַדן רעד־נער אויף דער טעמע און נישט ווייניק ייִדן האָבן זיך געבייזערט אויף שריי־בער פּלוני אָדער אַלמוני, הלמאַי זיי האָבן נאָך נישט געגומען קיין „שטע־לונג". אַלע ספֿרים און ביכער במשך פֿון אַזויפֿיל דורות זענען אַזוי ווי נעלם געוואָרן — און די פֿראַגע האָט געמאָנט אַ תּשובֿה מיט אַזויפֿיל אַקטועלער פֿרישקייט, גלייך ווי זי וואָלט ערשט אַרויס פֿון דער נאָדל.

אויך אין מדינת ישראל זענען געווען עפנטלעכע טענות צו באַשטימטע שרייבער פון פאַרנעם: היתכן? אַ פאָלק ראַנגלט זיך מיט אַזאַ שווערער קשיה — און זיי שווייגן? אָבער דאָרט איז עס לכל־הפחות געווען פאַרבונדן מיט אַ ריי יורידישע טאָג־פראַגן, וועלכע מען האָט תיכף־ומיד געדאַרפט לייזן. אָבער אין די תפוצות איז עס געוואָרן אַ מין פסיכאָז, דאָס לעצטע געשריי פון דער רייד־מאָדע. כאָטש נעם אַ גאַנץ פאָלק און לייג עס אַוועק אויף דער פסיכאָ־אַנאַליטישער קושעטקע, גריבל זיך אַזוי לאַנג אין זיינע הינטערבאַוווסטזיני־קע נעפּלען — ביז יעדער ייִד זאָל פון זיין טראַנס אַרויס קענען ווערן אויס משוגענער בטלן (ווי ביי פּרצן) און קענען ענטפערן אויף דער שאלה „ווער בין איך?״.

שוין דאָס אַליין קען געהערן צום טראַגישן הומאָר פון אונדזער צייט. אָבער ניט געפערלעך: סוף־כל־סוף מעג יעדעס פאָלק — נאָכן אָפּלויף פון עטלעכע תקופות — רעווידירן אַ צאָל איינשטעלן, באַטראַכטן די ניי־אויפ־געקומענע פּראָבלעמאַטיק און זען וואָס די צייט פאַרלאַנגט. די צרה איז אָבער, וואָס אַ סך ייִדן האָבן דערביי געוואָלט באַקומען אַ קורצע תשובה על רגל אחת. זייער ייִדישקייט און אידענטיפיקאַציע האָט געדאַרפט אויסגעדריקט ווערן אין אַ קורצן כישוף־שפּרוך, ווייל לערנען אויספירלעך וועגן זייער איי־גענעם נאַציאָנאַל־וועזן האָבן זיי ניט קיין צייט. אין דער פּראַקטיק וואָלט זיך ביי אַ קענטיקן רוב סייווי ווייניק געענדערט — אַפילו ווען זיי זאָלן שוין אַלצדינג וויסן פון אויסנווייניק. נאָכן רעגירונגס־קריזיס אין ישראל איז דער ענין „ווער איז אַ ייִד?״ געוואָרן אַ מאָדע־זאַך — און דאָס יאָגן זיך נאָך אַ מאַגישער ענטפער־פאָרמולע איז געוואָרן אַן ענין פון נייגער, ווי צו אַן איבער־מערעסאַנטער רעטעניש.

צי מעג מען אָבער בלייבן ביי בלויזער איראָניע, בעת עס האַנדלט זיך אין אַזאַ מין ייִ ד ־ פּ אַ נ י ק ? כ׳בין זיך מודה, אַז אַפילו דער וויכוח אין ישראל גופא איז מיר ניט געווען צום האַרץ און כ׳האָב אים אויפגענו־מען מיט לייכטן חוזק. ס׳איז דען ניט געווען פון וואָס צו שמייכלען? דערמאָנט אייך נאָר: אַ פאָלק לעבט אָפּ עטלעכע טויזנט יאָר — און ערשט צום סוף, ווען עס קערט זיך אום אין אייגענעם לאַנד אַריין (טאַקע אינעם זכות פונעם ז יי ן אַ פאָלק!) נעמט עס זיך ברעכן דעם קאָפּ: ווער איז אַ ייִד? און דאָס סאַמע־קוריאָזסטע כמעט קיינער — אויסער די שטרענגסטע רבנים — קען קיין גענויע דעפיניציע ניט געבן. רבונו של עולם, ווי אַזוי האָבן מיר טאַקע געלעבט די גאַנצע צייט? מיט וואָס האָבן מיר זיך ביז איצט „לעגיטימירט״?

מהאי טעמא האָב איך פאַרשטאַנען יענעם ישראל־ייִד, וואָס האָט דעם

גאַנצן ענין אָפּגעפּטרט מיט אַן אַלט־ייִדישן וויץ: אַ בכבודיקער ייִד, מיט אַ לאַנגער הדרת־באָרד, האָט בנעימות שפּאַצירט איבערן שטעטלדיקן מאַרק. עס האָט אויסגעזען, אַז אים מאַטערן נישט און קענען נישט מאַטערן קיין שום שאלות. אָבער מיטאַמאָל איז אים עפּעס אַ לץ פאַרלאָפן דעם וועג מיט אַ קלאָץ־קשיה: זאָגט מיר, ר׳ געצל, וואָס טוט איר ביינאַכט מיט אייער באָרד? האַלט איר זי ביים שלאָפן *אונטער* דער קאָלדרע, אָדער *איבער* איר? פערציק יאָר האָט ר׳ געצל אָפּגעלעבט מיט זיין באָרד בשלום ובשלווה. ביינאַכט האָט ער אָפּגעלייענט קריאת־שמע, זיך געזעגנט מיט די שיצנדיקע מלאכים און געשמאַק איינגעשלאָפן. אָבער זינט דער לץ האָט פאַר אים אַוועקגעשטעלט די שאלה איז ער פאָרט געבליבן צעטומלט: טאַקע אַזוי! וואָס טוט מען מיט אַ באָרד בעת מען שלאָפט? דער סוף איז געווען אַז יענע נאַכט — און אַ סך נעכט שפּעטער — האָט דער ייִד מער נישט צוגעמאַכט קיין אויג. דער געדאַנק איז ביי אים געווען פאַרנומען מיט איין מחשבה: געוואַלד, ווו טוט מען אַהין די באָרד?

דער נמשל איז גענוג קלאָר: ייִדן האָבן ברוך־השם אָפּגעלעבט צענדליקער דורות. נישט איין מאָל האָבן זיי זיך דערביי געמאַטערט מיט גענוג־שווערע פּראָבלעמען. אָבער פון איין דאגה זענען זיי געווען פּטור: *די אייגענע אידענטיפיקאַציע*. מען האָט אַלעמאָל געוווּסט ווער איז ווער. די צרה, הייסט עס, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן ווען די לצישע שאלה פון „ווער איז אַ ייִד?" איז געשטעלט געוואָרן. קען מען פונעם „באָרד־קאָמפּלעקס" מער נישט אַרויסקריכן. די עצה וואָלט בכן געדאַרפט זיין: פאַרגעסן אין דער גאַנצער שאלה און ווידער נעמען „שלאָפן" במנוחה.

אָבער אַזאַ מין ביטולדיקע „לייזונג" איז אין אונדזער דור היפּש אויבערפלעכלעך. קיינעם האָט זיך דאָ נישט פאַרגלוסט צו מאַכן שפּאַס, נאָר דאָס לעבן אַליין האָט אונדז אויפגערודערט. קען מען די טראַגישע זייט פונעם דאָזיקן פּראָבלעם נישט באַזייטיקן מיט קיין גלייכווערטל. אויב יענער ייִד פונעם אַנעקדאָט האָט מער נישט געקענט איינשלאָפן — איז אַ סימן, אַז דער באָרד־קאָמפּלעקס האָט שוין געלעבט אַ לאַנגע צייט אין זיינע טיפענישן. עס האָט נאָר געדאַרפט קומען דער לעצטער שטויס און אים אַרויסרופן. אַנדערש — וואָלטן קיין טויזנט לצים אים נישט געקענט שטערן זיין רו. נישט מער: יעדער שאלה האָט זיך איר צייט. זי מוז זיך פריִער אויסרייפן. אויך מיטן נמשל איז נישט אַנדערש: וויבאַלד אַזאַ פראַגע האָט געקענט אויפרודערן אַזוי שטאַרק די גאַנצע מדינת ישראל, איז *דאָס גופא* דער בעסטער סימן, אַז איצט איז זי רייף געוואָרן. דאָס באַווייזט איר רעאַלע מאַכט אויף אונדזער געמיט.

ב.

וואָס שייך מדינת ישראל, איז דער דאָזיקער ענין אַ סך האַרבער ווי מיר שטעלן זיך פאָר. פאַרוואָס האָט די שאלה פריִער נישט געמאָטערט? פשוט: דערפאַר, ווייל איר צייט איז נאָך נישט געהאַט געקומען. הלמאַי האָט יוחנן כהן גדול גאַנצע אַכציק יאָר נישט געהאַט קיין שאלות — און ערשט אויפן 81סטן יאָר פון זיין כהונה איז ער געוואָרן אַ צדוקי? פאַרוואָס האָט ע ר זיך נישט „באַרויקט" מיט זיין פריִערדיקער אמונה?

מיר זענען אַ סך יאָרהונדערטער געווען דאָס פאָלק פון ספר. דערפאַר האָבן די טראַדיציאָנעלע ספרים באַשטימט פאַר אונדז, וואָס עס מיינט אַזוינס ייִדישקייט און ווער עס איז אַ ייִד. אָבער אין די לעצטע דורות האָבן מיר געוואָלט בלייבן ייִדן, אָנהאַלטן אונדזער פאָלקישקייט — און דאָך זיך נישט אונטערוואַרפן דער באַפעלערישער מאַכט פונעם ספר. צוליב דעם האָבן מיר געמוזט איבערשטעלן אונדזערע נאַציאָנאַלע גרענעצן — אָבער עד־היום עס נישט באַוויזן. נישט מיר אַליין האָבן זיך געוואָלט אויסשטעלן דעם נייעם „פּאַספּאָרט" — נאָר עס געלאָזט פאַר דער צייט, סביבה און אומשטענדן. אָבער דאָס האָט אונדז בלויז געקענט אָנקומען לייכט, כל־זמן מיר האָבן נישט ג ע מ ו ז ט באַשטימען. האָט דער ענין ייִד־אידענטיפיקאַציע געקענט בלייבן הענגען אין דער לופט.

ערשט מיטן אויפקום פון מדינת ישראל האָט זיך געענדיקט די עפּאָכע פון אונדזער אַנאַרכישער „פּריוואַטקייט". די צייט האָט גענומען פאָדערן קלאָרע געזעצן און אַ נאַציאָנאַלע מאָס. דערפאַר זענען מיר שטיין געבליבן פאַר דער גרויסער דראַמע, פון וועלכער מיר האָבן ערשט קוים באַוויזן צו זען דעם ע ר ש ט ן אַקט. איז טאַקע אמת: במשך פון אַ קורצער צייט איז אין מדינת ישראל אויפגעקומען אַ גרויסע פּאָלעמיק־ליטעראַטור אַרום דעם ייִד־באַגריף, אָבער נאָך אַלעם איז שווער צו דערגיין צו אַ טאָלק. מדרך־הטבע האָט זיך יעדער איינער באַמיט צו אָפּערירן מיט צ י ט אַ ט ן — אָבער אויך דאָס איז אַ מעשה אָן אַ סוף. מיר האָבן אָנגעזאַמלט אַזאַ פאַרשידנאַרטיקן ספרים־אוצר, אַז מען קען פון דאָרט דרינגען וואָס מען וויל נאָר אַליין: א ז ו י — און אויך פאַרקערט. וואָס דאַרף מען מער? אַפילו נאָך דער גאַנצער יסוד־ליטעראַטור איז די רעליגיעזע וועלט גופא געווען און פאַרבליבן צעריסן און צעשפּליטערט. וואָס איין צד קען מתיר זיין מיט דער גאַנצער זי־כערקייט — קען דער צווייטער צד באַטראַכטן פאַר אַ גרויס, רעליגיעז פאַר־ברעכן. דאָס באַווייזט, אַז מיט ב ל ו י ז מקורות קען ק יי ן שום לאַ־גער צו קיין פולער ייִדישקייט־דעפיניציע נישט קומען. דאָך מוז מען מודה זיין, אַז וואָס שייך הויפּט־פּרינציפּן איז דער רעליגיעזער ייִד ווייט פון על־

מענטאַרער צעטומלטקייט. עס שטייט הינטער אים אַ פעסטונג פון דורות און אַ קאַנאַניזירטע אַנזאַמלונג. דערפאַר אָבער מוז דער וועלטלעכער ייִד — און די פירערשאַפט פון מדינת ישראל געהערט צו ד ע ר קאַטעגאָריע — כסדר אָפּערירן מיט עמאָציעס, הגם זיין באַזע איז אין תוך טרוקענע לאָגיק. אויסער דעם וואָס זיינע ייִד־עמאָציעס זענען אין סתירה צו זיין פראַקטישן באַנעם, לאָזן זיי זיך אָנווענדן אויף פאַרשידענע זייטן.

דערפאַר האָט געקענט מעגלעך זיין, אַז די מדינה־פירערשאַפט זאָל איינ־מאָל באַגיין גאָר אַ געפערלעכן טעות: זי האָט איבערגעגעבן די נאַציאָנאַלע ריכט־שנורן אין די הענט פון פּאָליטיקער און באַאַמטע. האָט זיך יעדער איי־נער גענומען צושניידן ייִדישע געשיכטע און ייִדישן באַנעם לויט זיין איי־גענער מאָס. ווער עס וויל נאָר — פילט זיך מעשה באַלעבאָס אין דער ייִדי־שער באַגריפן־וועלט און מאָלט דאָס נאַציאָנאַל־ייִדישע געשטאַלט ווי אים געפעלט. עס זעט שוין באַלד אויס ווי אַ גרויסע קראָם, וווּ יעדער קען קומען אויסקלייבן וואָס ער „וויל". מען פאַרגעסט דערביי, אַז פ אָ ל ק איז לגמרי עפּעס אַנדערש ווי פ אַ ר ט יי; אַז קיין שום פאָלק קען נישט ווערן אויס־געקנעטן אַזוי שנעל ווי אַ פּאָליטישע גרופּירונג. דאָ קען מען נישט באַשטי־מען איינס און צוויי ווען מען יאָ אַריינצונעמען און ווען נישט.

אַ פאָלק שטייט נישט אויף בליץ־שנעל דורך אַזאַ אָדער אַנדער באַ־שלוס. עס קען אויך נישט ענדערן דאָס גאַנצע פּרצוף צוליב דער אָדער יענער „גויטוועגדיקייט" פון אַקטועלן כאַראַקטער. דאָס פאָדערט פאַרזיכטיקע גע־שליפנקייט במשך פון לאַנגע יאָרהונדערטער. ביסלעכווייז זאַמלט זיך אָן זיין שיכט אידייען איבער דער צווייטער, ביז עס קריסטאַליזירט זיך אַ פעלדזן־פעסטער וועלט־באַנעם. אָן דער געדאַנקלעכער מי פון אַ סך דורות — וואָס איז נישט בלויז אַ פּועל־יוצא פון ענגן פאַנאַטיזם, נאָר פון לאַנג־אויסגע־פּרוווטער דערפאַרונג — וועט קיין שום פאָלק נישט דערגרייכן יענעם נאַ־ציאָנאַלן צעמענט, וואָס שטאַרקט עס קעגן אַלע פלאָגן פון דער צייט. וויפל מען זאָל זיך נישט חקרענען וועגן דעם מהות פון אַ פאָלק, איז אָבער קלאָר: דאָס איז נשט קיין פרייע מאַסן־פאַרזאַמלונג, וווּ יעדער קען אַריינטראָגן אַ „פּאָרשלאַג" צו אָפּשטימונג. וואָס לייכטער די טיר עפנט זיך, אַלץ שווערער ווערט אָנצוהאַלטן אַן אייגן פּנים. אויב ה יי נ ט קען איינער באַשטימען אַז אַ תנאי פאַרן ווערן תיכף־ומיד אַ ייִד — וועט מאָרגן קומען אַ צוויי־טער און זאָגן דאָס פאַרקערטע. דערפאַר איז יעדער לייכטקייט אויף דעם שטח אַ טריט צו כאַאָס און אויפלייזונג. אַ יִ ד קען מען נאָר ווערן מיטן איבערנעמען די דערפאַרונג פון דורות און פּרינציפּן, וואָס אַן אַ שיעור דורות האָבן אַ סך מאָל איבערגעטראַכט, איידער זיי זענען באַשטעטיקט געוואָרן.

דאָס איבערגעבן די שמירה איבער דער ייִדישער פאָלקס־טיר צו אַ פּאָליטישן באַאַמטן, נישט וויכטיק אַפילו פון וו ע ל כ ן ראַנג, איז נישט בלויז היס־טאָרישער אַבסורד. ס׳מיינט אויך נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע.

עס פעלן אָבער נישט קיין יונגעלייט אין ישראל — אָדער עלטערע מיט אַ חשק אַדורכצופירן פאַרייִנגערונגס־אָפּעראַציעס אויף ייִדישער געשיכטע — וואָס פאַבריצירן מיט אויסטערלישער שפּילעוודיקייט אייגענע „ראַמען״ פאַרן ייִדנטום. פּונקט ווי מיר וואָלטן נאָך אַלץ געווען רוי־מאַטעריאַל און עס לאָזט זיך פון אונדז מאַכן, וואָס איינעם קומט נאָר אויפן רעיון. דאָס געשעט נאָך הײַנט — הגם מיר האָבן שוין גענוג דערפאַרונג, ווי אַזוי צו־שאַרפע רעפאָר־מען האָבן געפירט צו פולער אויפלייזונג. למען האמת, איז בנוגע מדינת ישראל פאַראַן אַ קעגן־טענה: אַלע אַמאָליקע רעפאָרם־באַוועגונגען זענען געווען שעד־לעך, ווייל ייִדישקייט האָט ביי זייער זייט נישט געהאַט קיין אַנדער גאַראַנ־טיע פאַר איר עקזיסטענץ. אָבער מדינת ישראל קען זיך דערלויבן טיפערע איינברוכן אין דער טראַדיציע, ווייל זי האָט שוין י אַ אויפגעשטעלט אַזאַ קיום־גאַראַנטיע. דערצו שטייט זי אונטער אַזאַ דרוק פון ענדערונגען, וואָס קיין שום ייִדישע תקופה האָט נישט געהאַט. מחמת דעם קען זי פאַרדייען אַפילו אַזעלכע באַגריפן, וואָס האָבן אַמאָל געהערט צו דער עקסטרעמסטער אַסימילאַציע. דערויף זענען מיר געוואָרן אַ מדינה־פאָלק און דער בירגער קען פון זיין נאַציאָנאַלער אידענטיפיקאַציע סייווי נישט אַנטלויפן. אָבער אויך דאָס איז אַ שטיק אילוזיע, ווייל מיר ווערן דערמיט פאַרפּלאָנטערט אין גאָר אַ סך סתירות. צו אַזאַ אויספיר וואָלט מען אַ פּ ש ר געקענט קומען ערשט נאָכדעם ווי ד י „גאַראַנטיע״ וואָלט געאַרבעט מיט דערפאָלג לכל־הפחות אַ גאַנצן יאָרהונדערט. אָבער בזמן הזה איז דער „זיכערער״ געאייל ווייט פון ייִדיש־איבערגערעכנטער אחריות.

ג.

די ערשטע סתירה צווישן אונדזער פאָלקישקייט און דער קינסטלעכער פאַרייִנגערונג האָט זיך נאָך באַוויזן מיט צענדליקער יאָרן צוריק. דער ציו־ניזם איז געקומען ב אַ נ יי ע ן די אומה און זיך אָפּט פאַרבונדן מיט אַ חשק צו ברעכן דאָס אַלטע. אָבער דערביי האָט ער נישט אויספּלאַנירט וויפל אַ פאָלק קען זיך דערלויבן צו ברעכן און ווו עס דאַרף זיך אָפּשטעלן. פאַראַן גענוג סיבות, פאַרוואָס דאָס איז געווען אַ טייל פונעם ציוניסטישן פּראָגראַם -- אָבער פון בלויזע תירוצים קען מען קיין שבת נישט מאַכן. דערפאַר זענען מיר ביים אויפקום פון דער מדינה געבליבן שטיין פאַר אַ מאָדנעם פּאַראַדאָקס: כ ל פּ י ח ו ץ — פאַר אַנדערע פעלקער — האָבן מיר געמוזט פּרעזענטירן

אונדזער רעכט אויפן אייגענעם לאַנד דורך טראַדיציאָנעל־עמאָציאָנעלע ירו־שות; דורך תנ״ך־דעקלאַראַציעס און דער „אַלטקייט״ פון אונדזער קיום. אָבער כלפּי פּנים — פאַר די אייגענע רייען — האָבן מיר זיך כסדר דערמוטיקט דורך אונדזער „יונגשאַפט״ און מיטן אָפּטרייסלען פון זיך דעם „אַלטן שטויב״.

אינעם באַפעסטיקן אונדזער רעכט אויף דער ישראל־ערד האָבן מיר כסדר אַרויסגעהויבן די פּערמאַנענטקייט פון יידישער געשיכטע; אָנגעוויזן אויף דער גרויסער ריי פון צדיקים און חסידים, וועלכע האָבן זיך געצויגן צו דער קדושה פון לאַנד; אויף דער פאַרוואָרצלטער היסטאָרישקייט פון אונדזער פאָלק, וואָס האָט אַפילו אין די תפילות נישט מוותר געווען אויף קיין שפּאַן. אָבער צווישן זיך האָבן מיר גענומען טראַכטן ווי נעכטן־געבוירענע, וואָס מעגן און דאַרפן אָנהייבן דאָס לעבן פון דער אייגענער תקופה. אַזאַ סתירה מוז זיך נוקם זיין — בפרט ביים דערציִען דעם נייעם דור.

די דאָזיקע טענדענץ האָט ביי אונדז אָפּגעשוואַכט די געפילן פון דאַנק־באַרקייט צו יענע דורות וואָס האָבן סוף־כל־סוף דערהאַלטן דאָס פאָלק ביים לעבן. מיר זענען זיי דערפאַר גאָרנישט געבליבן שולדיק. פאַרמעל זענען מיר טאַקע געקומען אויפמאָנען אונדזער לעגאַלע ירושה פון אַלע פאַרצייטנס. אָבער מיר זענען באין־אופן נישט גרייט געווען צו באַצאָלן די געהעריקע פּרייז פאַרן באַנוצן זיך מיט זייער אָנגעזאַמלטער רעכט. מיר האָבן געמאָנט זייער ערד און לאַנד, אָבער נישט געטראַכט פון אויפהיטן כאָטש אַ טייל פון זייער שטייגער און פאָלקס־באַנעם. עס האָט אויסגעזען, אַז מיר זענען טאַקע גרייט איינצוקאַסירן דעם בענקשאַפטס־שכר פון אַזויפיל דורות — אָבער צו דער רעאַלער גאולה קען מען זיי נישט צולאָזן. עס דאַרפן נאָר אויסגעלייזט ווערן די ווערטן פון איין דור — דעם לעצטן. מיר האָבן טאַקע אָפּעריִרט — ביים פּראָפּאַגירן אונדזער רעכט — מיט אַלע צערן און קידוש־השמס פון אונדזע־רע טאַטעס און זיידעס; אָבער מיר האָבן דערביי נישט געהאַט קיין האַרץ צו רעהאַביליטירן אין אונדזער אויפלעב יענע אידייען, פאַר וועלכע דער „אַל־טער״ ייִד האָט אַמאָל אָפּגעגעבן זיין לעבן.

וואָס לענגער אַזאַ סתירה האָט זיך ביי אונדז איינגעבירגערט — אַלץ מער האָט זי אונדז פאַרוואַנדלט אין „רעאַלע״, טאָפּל־צונגיקע, מיסטיקער; אין ירושה־מאָנער וואָס ווילן נאָכן ירשענען דאָס פאַרמעגן דעם אייגענעם טאַטן נישט אָנערקענען. אמת: אויך די „היינטיקע״ ווערטן האָבן געהאַט אין זיך ייִדישע מסירת־נפש, נאַציאָנאַלן טראַגיזם און דערהויבנקייט. דערפאַר — זייער מאַגישער צויבער, וואָס איז בכוח געווען צו געבן אַ גאַנצן דור דעם פול־אידעאַליסטישן אינהאַלט. אָבער דער דאָזיקער כישוף האָט נישט געקענט

בלייבן אויךביים קומענדיקן דור — ביי וועלכן דאָס אָפּהיטן יידישקייט, אײן וועלכער פאָרם דאָס זאָל נישט זיין, איז פאַרבונדן מיט גרויסע קרבנות. צום ווייפלסטן מאָל איז באַשטעטיקט געוואָרן דער כלל — וואָס מיר האָבן באַקענט אין משך פון אַלע יידישע עפּאָכעס: אידייען וואָס זענען אויסגעטראָגן געוואָרן פון לאַנגע יאָרהונדערטער, קענען זיך אויך אויסווירקן אויף לאַנגע יאָרהונדערטער פאָרויס; אָבער אידייען וואָס איין דור האָט געשאַפן און נישט געלאָזט זיי באַהויכן פון לענגערע צייטן — קענען מער ווי איין דור נישט באַגייסטערן.

ווען מען האָט איינגעזען דעם טעות איז שוין געווען צו־שפּעט. אַ גאַנצער דור האָט זיך שוין אָנגעזאָפּט מיט גליַענדיקן ביטול צו אַלץ וואָס וואָרצלט אין די פאָלקישע טיפענישן. דער וועג צוריק האָט בכן געמוזט זיין אַ שווערער, פול מיט וואַקלענישן און האַרבע נסיונות. אויך יענע האַסטיקע לאָזונג — וואָס רופט אונדז איצט כסדר צום אומקער — האָט ביי אונדז געהאַט מער נעגאַטיווע טענער איידער פּאָזיטיווע. טיילמאָל איז זי אָנגעלאָדן געוואָרן מיט אומקריטישער היסטעריע, וואָס וויל שוין לגמרי נישט דערזען די צייטלעכע ענדערונגען. אין סך־הכל איז דער ביין געווען אַ סך קלאָרער ווי דער יאָ: מיר האָבן איינגעזען, אַז דאָס פאַרלאָזן זיך אויפן בייעם פירט נישט צום ציל און דערפאַר מוז מען זיך „אומקערן". אָבער די אויפגעוואַכטע ליבשאַפט צום עבר איז געווען אַ קינד פון אַבסטראַקטער בענקשאַפט, פון אַ לית־ברירה, פון אַן אויסערלעך מיטל צום ראַטעווען זיך. עס האָט געפעלט דער סיסטעמאַטישער איבערגאַנג; די פאָרשונג פונעם עכט־פּאָזיטיוון וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די צוריקגעבליבענע וועגן. דערפאַר איז אַפילו דאָס אימיטירן טראַדיציאָנאַליזם אַרויסגעקומען קינסטלעך, אָן נאַטירלעכן לעבן.

מיר האָבן פריער געזאָגט, אַז דאָס מאָגען ירושה אין נאָמען פון פריערדיקע דורות איז אונדז אויך מחייב צו זייער זכרון. מיינט עס, אַז אַזאַ דאַנקבאַרשאַפט פאָדערט אַ פולן אומקער צו אַלץ וואָס אַלטע יידישקייט שטעלט מיט זיך פאָר? מוז מען דערפון דרינגען, אַז אין מדינת ישראל דאַרף מען אַרויפצווינגען די פרייע בירגער פון ישראל יעדער קוצו של יוד פון אַלע ספרים און מנהגים? זיכער נישט. אַפילו ווען איינער זאָל עס וועלן — וועט עס מער נישט מעגלעך זיין. דאָס וועלן אַפילו די קעמפערישסטע נטורי־קרתא נישט באַווייזן. מיר האָבן בלויז געזוכט די אָנערקענונג פאַרן געדאַנק, אַז דאָס געהערן צו אַן אַלט פאָלק — וואָס קערט זיך אום אין זיין לאַנד אינעם זכות פון דער דאָזיקער עלטער — איז צו עפּעס מחייב. די דאָזיקע התחייבות פאָדערט קודם־כל, אַז ווערטן פון אַזויפיל דורות קען מען נישט אויסמעקן מיט

איין דעקרעט־קאַרטל. מדינת ישראל טאָר נישט ווערן דער געדאַנקלעכער טריומף בלויז פון דעם דור וואָס „האַלט די פּען אין דער האַנט״, נאָר עס מוזן זיך באַטייליקן אין איר שמחה פון אויפלעבונג אַ ל ע פריערדיקע דורות, וואָס האָבן אַזויפיל געליטן פאַר זייער ייִדישקייט. כ׳וואָלט געזאָגט: אינעם נצחון פון מדינת ישראל — פּונקט ווי אין דער עולם הבא פון דער משנה — מוז מען צוטיילן אַ חלק פאַר אַלע ייִדן פון אַלע צייטן. עס מוז דערגרייכן צו זייערע ווייטע קברים די גרויסע בשורה, אַז אויך ז יי ע ר אויסדויער איז נישט געווען אומזיסט; אַז אויך ד י הייליקייטן, פאַר וועל־כע ז יי האָבן געשטרעקט זייער האַלדז זענען איצט אויסגעלייזט געוואָרן צוזאַמען מיט די לעבעדיקע ייִדן. צי מעגן מיר זיך כאָטש פאָרשטעלן אויף אַ מינוט, אַז איינער פון די אַמאָליקע ייִדן — כאַפּט אָן וועלכן נאָמען איר ווילט — זאָל אויפשטיין פון קבר און דערזען אַ מדינה פון ייִדן, אין וועלכער מען זאָל קיין שפור פון זיינע לעבנס־ווערטן נישט אָנזען? וואָס קען ז יי שוין אַרויסקומען פון דער גאַנצער גאולה?

כ׳ווייס: דאָס איז אפשר אַ צו־סענטימענטאַלער מאָטיוו — און אונדזערע לאָגישע פּראַקטיקער קענען אים לייכט אָפּוואַרפן. אָבער מיר קענען זיך נישט העלפן און דווקא אויף אים בויען אונדזער ערשטן אויספיר פון קאָנקרעטן באַדייט: אויב ייִדן האָבן טויזנטער יאָרן באַצייכנט דעם אַריינטריט אינעם ייִדישן פאָלק דורך עטלעכע טראָפּנס בלוט פונעם רך־הנולד — אָדער דעם גר וואָס איז געקומען צו אונדז — און וויבאַלד דער דאָזיקער „מנהג״ האָט אונדזער פאָלק שוין געקאָסט אַזויפיל טייכן מיט בלוט, איז ער אַ טייל פון אונדזער געשטאַלט. טאָר זיך מער קיין שום מדינה־פירער נישט אַוועקשטעלן און זאָגן: א י ך וועל צעפּענען די טויערן פון ייִדנטום אויך פאַר אַזעל־כע, וואָס ווילן דעם דאָזיקן צייכן נ י ש ט אָנערקענען. סיידן ווען יענער איז טאַקע בפירוש אויסן צו באַשאַפן אַ ניי פאָלק; ווען דאָס אַלטע וויל ער בלויז ירשענען „מאַטעריעל״, אָבער גייסטיק עס אַרויסוואַרפן אויפן מיסט. ביים געדענקען דעם דאָזיקן עלעמענטאַרן כלל — וואָלטן אפשר נישט־ווייניק צרות אויסגעמיטן געוואָרן אין אונדזער יונגער מדינה.

ד.

איז דאָס לייכט אַדורכצופירן? זיכער נישט. סיי די ישראל־געזעלשאַפט און סיי דאָס וועלט־ייִדנטום שטייען איצט פאַר אַ ריי פּראָבלעמען, וואָס קיין אומה ולשון האָט פון זיי אפשר נישט געוווּסט. ווער עס לעבט אָבער מיט דער אילוזיע, אַז צעמענטירן אַ פאָלק איז פון די לייכטע זאַכן — טאָר זיך באַלד נישט שטעלן בראש פון אַזאַ היסטאָרישער אויפגאַבע.

זיכער קען קיינער נישט מבטל זיין דאָס פּראָבלעם פון אַזויפיל „געמיש־טע" פּאָרלעך אין מדינת ישראל. דער קריסטלעכער צד פון אַזעלכע משפּחות וויל על פּי רוב זיין גלייכבאַרעכטיקט אינעם יידישן לאַנד — אָבער נישט אַלעמאָל וויל ער אַדורכגיין דעם פּראָצעס פון רעליגיעזן ג י ו ר. דאָס זעלבע איז אויך נוגע די קינדער פון אַזעלכע בשותפותדיקע משפּחות. היות ווי מיר פאַרמאָגן אַ היפּש ביסל פון סענטימענטאַלן ליבעראַליזם — ווערן מיר נישט איינמאָל טיף־אויפגערודערט פון אַזעלכע דראַמעס. עפּעס פילן מיר זיך גאָר שלעכט ביים הערן, אַז דאָ גייט מען אויף עמעצן אַרויפצווינגען אַ רעליגיע קעגן זיין (אָדער איר) ווילן. לאָמיר בלויז דערמאָנען איין עפּיזאָד, וואָס האָט מיטגעהאָלפן אינעם אַרויסרופן דעם קריזיס: „ז י" איז אַ קריסטלעך־פּוילישע פרוי — און געבליבן אַזעלכע אויך נאָך דער חתונה מיט אַ יידישן מאַן. היות ווי „ע ר" האָט געהאַט אויסצושטיין צרות אין פּוילן — איז זי מיט אים מיטגעפאָרן קיין מדינת ישראל. עס איז פאַר איר אַפילו נאַטירלעך, אַז וויבאַלד זי איז געקומען אינעם יידישן לאַנד — מוז זי ווערן אַ יידישע פרוי. אָבער קיין רעליגיעזע צערעמאָניע וויל זי נישט מיטמאַכן. אויך איר קינד וועט זי נישט לאָזן „יידישן" ריטועל. אָבער וויבאַלד מען וויל זי מיטן קינד נישט אָנערקענען צוליב דעם ווי פולע יידן — טאָ ווו איז די פרייהייט פון געוויסן?

אַזעלכע אָדער ענלעכע טענות קען מען שוין איצט הערן פון הונדערטער — אָדער גאָר טויזנטער — אין מדינת ישראל. היות ווי מיר זענען וועלט־לעך־ליבעראַל, ווערן מיר פון אַזעלכע טראַגעדיעס געריִרט ביז טרערן. דער־פאַר איז אויך קיין וווּנדער נישט, וואָס גאָר אַ סך יידן האָבן אויפגעשטורעמט קעגן אַזאַ מיטלאַלטערלעכן „פאַנאַטיזם". טייל קומען נאָך מיט דער יורידי־שער קעגן־טענה: צי וועט למשל צפון־אַמעריקע אָדער פראַנקרייך אויך פאָ־דערן פון אַ ייִד, אַז איידער ער ווערט ביי זיי אַן „אַמעריקאַנער" אָדער „פראַנ־צויז" מוז ער טוישן זיין רעליגיע? ווּהין וואָלט אַזאַ געזעץ דערפירט? טאָ ווי אַזוי קענען מיר, יידן, זיין אַן אויסנאַם צווישן קולטורעלע פעלקער?

למען האמת מוזן אָבער אַזעלכע „קרבנות" געדענקען דעם פשוטן חילוק: קיינער איז נישט קעגן דעם, אַז זיי זאָלן ווערן פולע ב י ר ג ע ר אינעם יידישן לאַנד. אויב זיי ווילן נישט איבערנעמען די יידישע אמונה — הגם זיי האָבן זיך משפּחהדיק פאַרבונדן מיט יידן — איז עס זייער פולע רעכט. עס איז אַפילו דער חוב פון יעדער ייִד צו זאָרגן, אַז זיי זאָלן נישט ליידן פון קיין שום דיסקרימינאַציע — אַפילו ווען געמישטע חתונות זענען אונדז נישט צום האַרץ. קיינער האָט נאָך דערוויייל נישט פּראָטעסטירט, הלמאי דער נישט־יידישער צד פון אַזעלכע משפּחות איז געבערענגט געוואָרן אויף ייִדיש־פּילאַנ־

טראַפּישע הוצאות קיין ישראל. אָבער דערמיט ענדיקט זיך דער שטח פון אונדזער ליבעראַליזם. פשוט: דערפאַר, ווייל ווייטער פון דעם קען אונדזער קאָמפּעטענץ נישט דערגיין.

אויב אַזעלכע פּרינציפּיעלע עקשנים ווילן נישט ווערן בלויז בירגער פונעם ייִדנטום, נאָר אויך באַטראַכט ווערן ווי אַ גלייכער טייל איינעם ייִדנטום — האָבן זיי נישט קיין אַנדער עצה, ווי אַדורכצומאַכן די טראַדיציאָנעלע צערעמאָניע פון אַזאַ אַריינטריט. דאָס דאַרף ווערן זייער ביישטייער צו דער נאַציאָנאַלער איבערקערעניש אין זייער לעבן. אין יעדער פרייַ לאַנד פאָדערט מען נישט פון קיין בירגער צו בייטן זיין גלויבן — ווייל בירגערשאַפט איז נישט דאָס זעלבע ווי אמונה. נאָר וויבאַלד אַ ייִד וויל ווערן אַ קריסט — אָבער נאָר דורכן ענדערן דעם גאַנצן, קריסטלעכן שטייגער — וועט ער עס אויך דאָרט נישט דערגרייכן. קיינער קען אַזעלכע מענטשן אין ישראל נישט צווינגען צו ווערן ייִדן — אָבער אויך זיי טאָרן נישט פאָדערן קיין אויסנאַם־רעכט, וואָס אַזויפיל ייִדישע דורות וואָרפן אָפּ. זיי קענען נישט פאַרלאַנגען בידע זאַכן מיטאַמאָל: אי נישט אָנערקענען דעם אַלט־ייִדישן חותם און אי נישט האָבן קיין שום מניעות פאַר זייער ייִדישער אידענטיפיקאַציע. דאָס וואָלט געמיינט: אויפרייסן די מויערן, וואָס אַזויפיל תקופות האָבן זיי באַשיצט מיט זייער בלוט. קען מען נישט מוותר זיין, לטובת עטלעכע טויזנט נפשות, אויף דינים, וואָס זענען געווען די העכסטע הייליקייט ביי אומצייליקע מיליאָנען.

זיכער איז אונדז גוט באַקאַנט די אַלטע קשיה: ווער האָט עס באַשטימט, אַז ייִדישקייט מיינט רעליגיע און נישט נאַציאָנאַליטעט? האָבן דען אַזאַ אידיי נישט פאַרשפּרייט דווקא אַסימילאַטאָרן? אָבער דער געדאַנק פון פּראָקלאַמירן ייִדישקייט ווי אַ צווישן־רעליגיעזע אידיי — וואָס ווערט נאָר צונויפגעהאַלטן דורך וועלטלעכן נאַציאָנאַליזם — לאָזט זיך באַין־אופן נישט אַדורכפירן אין אַזאַ ספּעציפיש פאָלק ווי דאָס ייִדישע. דאָס האָט נאָר געקענט חל זיין אויף פעלקער, וואָס האָבן דורך הונדערטער יאָרן געקענט אַריבערגיין פון רעליגיעזן צוזאַמענשלוס צום טעריטאָריעלן. וואָס שייך ייִדנטום האָט עס נאָך אַפילו מדינת ישראל נישט געמאַכט פאַר קיין פול־טעריטאָריעלער נאַציע.

בכדי דער עמאָציאָנעלער מאָטיוו קעגן אַזעלכע ראַדיקאַלע קאָנצעסיעס זאָל נישט בלייבן אָפּגעזונדערט — מעג מען אויך דערמאָנען עטלעכע פּראַקטישע סיבות. ראשית־כל — קען דאָס אַרויסרופן אַ גרינגשעצונג צו היסטאָרישע פעסטונגען פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער בכלל. עס זענען אונדז באַקאַנט נישט ווייניק פאַלן פון דער טעגלעכער ישראל־כראָניק, וואָס מוזן אַרויסרופן

אַ געפיל פון חרפה. נישט איינמאָל האָט זיך אַ דייטש, אַן עסטרייכער אָדער אונגאַר פאַרשריבן ווי אַ ייִד — מיינענדיק, אַז אין ישראל וועט ער מאַכן בעסער. האָבן אַזעלכע אויסגענוצט ייִדישע געלטער און געוועזן אין לאַנד ווי לאַנג עס האָט זיי געלוינט. אָבער ווען עס איז זיי נמאס געוואָרן, זענען זיי צוריק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נישט־ייִדן, בכדי זייערע קאָנסולאַטן זאָלן זיי צוריקשיקן אַהיים. דאָס ווערן „ייִדן" און דערנאָך בליץ־שנעל פאַרוואַנדלט ווערן אין גישט־ייִדן האָט אויסגעזען ווי אַ ספּאָרט־שפּיל; אַ מין לייכטער שפּאַציר דורך אָפענע טירן, וואָס יעדער פאָלק מיט נאַציאָנאַלן שטאָלץ קען נישט פאַרטראָגן.

פאַר אַ יונג פאָלק — פון מדינהשן שטאַנדפּונקט — מיט אַזויפיל לויזע גרענעצן און לעכער, מוז בכן זיין אַ קאַטעגאָרישע צוים: ווער עס וויל אַהין אַריינטרעטן, מוז לכל־הפחות דעמאָנסטרירן זיין אַריינקום מיט אַ בלוט־טראָפּן. דאָס מיינט נישט, אַז אויך נאָכן שטרענגן מ ג יי ר זיין וועלן אויספעלן לייכטע פאַסאַזשירן. אָבער מיר מוזן לכל־הפחות אָננעמען די עלעמענטאַרסטע מיטלען. אַנדערש בלייבן מיר שטיין ווי אַן אָפענע חורבה אין אַ צעשטורעמט פעלד. יעדער וואָס פריידיקט נייע רעפאָרמען — אָדער אַ ייִדישקייט וואָס מען קען דערגרייכן מיט אַ דעקלאַראַציע־קאַרטל — וועט דערמיט בלויז לעגאַליזירן אַזאַ טראַגי־קאָמישן שפּאַציר־גאַנג אַהין און צוריק, וואָס אַפילו קריסטלעכע מיסיאָנערן און נשמה־פאַנגער פון לייכטער וואָג האָבן עס נישט גורס געווען.

ה.

דאָס אָפּטיילן פולע ישראל־בירגערשאַפט פון ייִדישער אָנגעהעריקייט קען ראַטעווען מדינת ישראל פון נישט־ווייניק שווערע סיטואַציעס. איך דערמאָן זיך אַ קוריאָז פון אַ געוויסן קאָנצענטראַציע־לאַגער: אין אונדזער ייִדישן באַראַק האָט מען אַריינגעזעצט אַ משומד. ווי דער שטייגער, האָבן אים די פאַרביטערטע ייִדן אויסגעמיטן. אָבער ער האָט זיך דווקא געוואָלט אָנוואַרפן מיט זיין געזעלשאַפט — ווייל אַן די פאַר ייִדן וואָלט ער געבליבן איינזאַם. ווען דאָס איז אים נישט געלונגען — האָט ער פון גרויס כעס אויסגעשריגן: איך בין אַ בעסערער ייִד פאַר אייך אַלעמען! דאָס האָט דאַן אויסגעזען ביי אונדז, ייִנגלעך ביים שוועל פון לעבן, ווי אַ ווילדער פּאַראַדאָקס. אָבער פאַקטיש האָט יענער משומד פון פוילן פאַרטרעטן אַ גאַנצע ש י כ ט פון אָפּטריניקע ייִדן.

געווען אַ געשטאַלט אין ציוניזם, וואָס איז עד־היום גאָר־שטאַרק פאַרהערלעכט. אָבער זיין בן־יחיד האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעשמדט. ווען ייִדן האָבן אים גענומען אויסמיידן, האָט אויך ער גענומען שרייבן צו אַלערליי

יוֹדים: וואָס האָט מען צו אים? ער איז אַ קריסט לויטן גלויבן, אָבער אַ ייִד לויט דער נאַציאָנאַליטעט. אין יענע צייטן איז נאָך נישט געווען קיין מדינת ישראל — און במילא איז נישט מעגלעך געווען צו שאַפן פון אַזאַ שטעלונג קיין ערנסט פּראָבלעם. וואָס וואָלט אָבער געווען, ווען אַזאַ פּאַרהייליקטער נאָמען קומט אין דער היינטיקער מדינה און וויל ביי איר אַדורכזעצן זיין דאָזיקן פּרינציפּ? צוליב נאַציאָנאַלן כבוד טאָר מען אפשר ד ע ם נאָמען נישט דערמאָנען. אָבער ווער עס שטויסט זיך אָן — קען זיך אויך פאָרשטעלן אין וועלכער פאַרלעגנהייט מדינת ישראל וואָלט געשטעלט געוואָרן. אויך אין ענגלאַנד איז געווען אַ ציוניסטישער מנהיג, וואָס איז קליינערהייט אָפּגעשמדט געוואָרן און אויף דער עלטער זיך נאָכאַמאָל געשמדט. ער האָט אָבער ערנסט געטראַכט פון עליה — און ווען נישט זיין טויט, וואָלט ער געשאַפן אַן ענלעך פּראָבלעם.

טייל יונגעלייט פון ישראל מיינען, אַז זיי אַנטדעקן אַמעריקע ביים פאָדערן, אַז אויך מענטשן פון אַנדערע אמונות זאָלן אָנערקענט ווערן ווי פולע ייִדן. אָבער אַזעלכע פרײדיקער האָבן נישט געפעלט אין אַלע צייטן. אַפילו אין אונדזער דור איז געווען אין אייראָפּע אַזאַ מין ייִדיש־קריסטלעכער „ראַביי" ווי פאָול לעווערטאָף — וואָס האָט אַ שטיקל צייט אויך געהאַט אַ סענסאַציאָנעלע השפּעה אויף אַ צאָל באַקאַנטע ייִדן. מיט דער זעלבער ייִדישער קריסטלעכקייט איז געקומען קיין ישראל אַ געוויסער „אויבער־רב" פון בולגאַריע — און אויך ער האָט מיטגעריסן אַ צאָל נפשות. מיר קענען אויך די אויסטערלישע געשיכטע פון אַ פרום־קאַטוילישן משומד — אַ באַקאַנטער סקולפּטאָר פון פראַנקרייך — וואָס האָט זיך ביז זיין לעצטן טאָג געהאַלטן פאַר אַ נאַציאָנאַלן ייִד.

עס איז מער קיין ספק נישט, אַז די באַציִונג צו משומדים בכלל האָט זיך אין מדינת ישראל שטאַרק געענדערט. אַ צאָל אָנגעזעענע מענטשן פון פאַרשידענע לענדער — וועלכע האָבן אַמאָל אויסגעביטן דאָס רענדל — זענען אַהין געקומען צוגאַסט און אויפגענומען געוואָרן מיט די שענסטע כיבודים. דאָס האָט זיך שוין איינגעבירגערט אינעם ישראל־שטייגער און עס וואָלט סייווי שפּעט געווען צו פאַרפירן אַ וויכוח. איז עס נאָר אַ פראַגע פון געשמאַק. דערצו האָבן זיך אַ סך פון יענע האַלבע און גאַנצע משומדים באמת איבערגענומען מיט דער לאַגע פון דער מדינה און איר געוואָלט העלפן. איז אפשר רעכט געווען זיי אַרויסצוווייזן די פולסטע טאָלעראַנץ. אָבער אַזעלכע מענטשן גופא טאָרן נישט פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל זיי אָנערקענען אויך פאַר פולע ייִדן לויט זייער נאַציאָנאַליטעט — הגם זיי געהערן גאָר צו אַ קירכע. דאָ פאָדערן זיי שוין דאָס אוממעגלעכע. שוין נאָך אַלע זייערע זכותים זענען

זיי נישט ווערט, אַז אונדזערע דורך־בלוט־געקויפטע גרענעצן זאָלן זיך אויפלייזן פאַר זייער באַקוועמלעכקייט. עטלעכע טויזנט יאָר פון יִדישן קידוש־השם פאָדערן צו זיך אַזויפיל דרך־ארץ, אַז אַפילו געשמדטע מ ל א כ י ם טאָרן אים נישט אָפּשוואַכן.

ווען מדינת ישראל זאָל טאַקע ברעכן דעם דאָזיקן איינשטעל און לגמרי ענדערן דעם באַגריף יִ ד — וואָלט עס אויך היפּש צעטרייסלט דעם יִדישן בנין, וואָס שאָקלט זיך סייווי פון פאַרשידענע ווינטן אין די תפוצות. דער סינאָנים „משומד“ האָט זיך איינגעקריצט ביים היסטאָרישן יִדנטום ווי אַ צייכן פון נאַציאָנאַלן פאַראַט און גאָר אָפּט — אויך ווי אַ מוסטער פון בלבולים־מאַכעריי. ווי נאָר מען האָט אַרויסגעזאָגט דאָס דאָזיקע וואָרט — זענען באַלד געשטאַנען פאַר די אויגן די היסטאָריש־וואָרע פּעפּערקאָרנס, לורקיס, שאָרס און זייערס גלייכן. עס האָט אויך דערמאָנט אין יענער ליטעראַרישער משומדת, דזשעסיקאַ, וואָס האָט געפינען איר רעאַלע פאַרקערפּערונג אין די הייזער פון אַזויפיל יִדיש־בערלינער היימען... ווו נאָר אַ משומד האָט אויפגעטויכט ערגעצוו — האָט ער באַלד סימבאָליזירט דעם פּחדן און צעברעכער, וואָס איז אַריבער צו דער שטאַרקערער אמונה בכדי צו זיין איינער פון די פיניקער און נישט פון די געפייניקטע. ערשט אין די לעצטע יאָרהונדערטער האָבן זיך באַוויזן געוויסע אויסנאַמען — משומדים וואָס האָבן פאַרטיידיקט זייער יִדישן שטאַם. אָבער אויך זיי האָבן נישט געקענט גובר זיין דעם בייגעשמאַק אינעם יידישן האַרץ. נישט מער: די משומדים פונעם טיפּ דניאל כוואָלסאָן האָבן אַליין געוווסט זייער אָרט און נישט געפאָדערט, אַז מען זאָל פאַר זיי ווייטער האַלטן אָפן די טיר פון יִדישקייט. דערמיט האָבן זיי גופא פאַרלייכטערט די צווישן־באַציִונגען.

ווען עס קומט צו די לעצטע צוויי צענדליק יאָר האָבן שוין דווקא נישט געפעלט קיין משומדים וועלכע האָבן אונדז געשטעלט אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. איינער פונעם דאָזיקן נייעם טיפּ שטייט מיר כסדר פאַר די אויגן: אַ פוילישער יִיד, וואָס איז געוואָרן קאַטוילישער גלח אין פראַנקרייך. אָבער זיינע באַציִונגען צו יִדן זענען ווייטער געבליבן די שענסטע. אין די היטלער־יאָרן האָט ער זיך פּשוט מוסר־נפש געווען צו ראַטעווען יִדישע קינדער — און ער האָט באין־אופן נישט געוואָלט בשכר־זה זייער נ ש מ ה, ווי אַנדערע רעטער פון דער קאַטוילישער קירכע. אויך נ אָ ך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער ממש געוואָרן אַ שטיק „טאַטע“ פאַר ניי־איינגעוואַנדערטע יִדן: ער האָט זיי פאַרזאָרגט מיט לעגאַלע רעכט, באַוואָרנט מיט די נייטיקסטע פאָר פראַנק — און אַפילו ברמז נישט פאַרלאַנגט פון זיי כאָטש אַ ברעקעלע קאָנצעסיע פאַר זיין גלחישן מאַנטל. אדרבא: ער אַליין האָט זיך

באַוויזן אויף נישט ווייניק יידישע פאַרזאַמלונגען, בפרט ציוניסטישע — און אָפן אַרויסגעוויזן זיין אידענטיפיקאַציע מיט יידישע פאָדערונגען. איך קען נישט פאַרגעסן יענעם אָוונט אויף אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אין יידיש, ווען ביי מיין זייט איז אויסגעוואָקסן אַ מאַן אין די בגדים פון אַ קאַטוילישן גלח. כ׳איז געווען אַזוי אויסטערליש צו הערן ווי ער פרעגט עפעס איבער — כמעט ווי דעמאָנסטראַטיוו — אויף הילכיקן י י ד י ש. דאָס האַרץ האָט זיך פשוט אָפגעשטעלט אַ ווייל פון איבערראַשונג.

וויסנדיק פון זיינע אמתע מעשים־טובים פאַר יידן — איז נישט מעגלעך צו טראָגן אויף אים אַ פאַרדרוס. איך בין זיך מודה, אַז פערזענלעך מוז ע ר מיר זיין אַ סך ליבער פאַר אַ צאָל לעגאַלע און אמתע יידן, אין ווענמעס מאַראַלישע דלת־אמות עס איז פיינלעך צו שטיין. אָבער ווען ער קומט און וויל פאַר זיינע זכותים אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אינעם יידיש־פרינציפיעלן סטאַטוס — וואָלט איך שאַרף פראָטעסטירט. איך גיי נאָך ווייטער: דער גייסטלעכער און אוהב ישראל עמא פאַליער — וואָס האָט זיך נ י ש ט מגייר געווען, הגם ער האָט עס טיילמאָל אַזוי שטאַרק געוואָלט — רופט אין מיר אַרויס אַ ציטער פון יראת־הכבוד. אָבער אַפילו ווען ע ר זאָל געווען פאַדערן אָנערקענונג ווי אַ פולער ייד, וואָלט איך געמוזט זיין ק ע ג ן. דאָס איז נישט קיין פראַגע פון האַלטן זיך העכער מיט „מיין" יחוס, נאָר אַ פראַגע פון נאַציאָנאַלן געשמאַק און ערך־געפיל. יידנטום איז אַן ענלעכער באַגריף ווי קריסטנטום אָדער בודיזם — און נישט ווי פראַנצויזישקייט אָדער אַמעריקאַנישקייט. בין איך גרייט צום גרעסטן דרך־ארץ פאַר יענעמס ערלעכער קריסטלעכקייט — אָבער כ׳וויל נישט, אַז יענער זאָל מיין טיפסטע סימפאַטיע אויסנוצן, בכדי אויפצורייסן מיינע פאָלקס־גרענעצן.

מען קען ברענגען נאָך צענדליקער ביישפילן — אינעם לעצטן יאָרהונדערט — פון אַזעלכע פראָבלעמאַטישע טיפן. אָבער כמעט אין אַלע פאַלן האָבן מיר געהאַט דאָס מזל, וואָס זיי גופא האָבן פאַרמאָגט געהעריקן ט אַ ק ט. אַזאַ געשטאַלט ווי דער פראַנצויזישער גלח וואָלט באַלד נישט אָוועקגעשטעלט די פראַגע. אָבער אין דער תקופה פון מדינת ישראל — אפשר ווייל אין דער מדינה גופא האָבן זיך געמערקט די אויפגעלייזטע גרענעצן — האָבן זיך שוין באַוויזן יענע פנימער, וואָס האָבן פון אַזאַ טאַקט נישט געוואָלט וויסן. גענוג צו דערמאָנען יענעם חלוצישן פאַרטיזאַן פון דער נאַצי־עפּאָכע — דניאל רופאייזן — וועלכער איז שפעטער מגולגל געוואָרן אין אַ פרום־קאַטוילישן גלח. אָבער דאָס האָט אים נישט געשטערט צו האַלטן זיך פאַר אַ פולן ציוניסט, קומען קיין ישראל פירן קאַטוילישע טעטיקייט אין אַ קלויסטער — און דאָך פאָדערן פון דער ישראל־רעגירונג, מען זאָל אים אָנערקענען ווי אַ פולן ייד.

שפּעטער האָבן מיר דאָס זעלבע געהערט פון נאָך עטלעכע גלחים־משומדים.

וואָס וואָלט געשען, ווען מ׳גיט זיי נאָך? טעאָרעטיש קען עס דערפירן צו אַ פולן חורבן פון איינגעוואָרצלטן ייִדנטום. ווען די קאַטוילישע קירכע, למשל, וויל ווערן אַגרעסיוו און מאַכן אַ פולע אָפענסיווע אויפן ייִדישן לאַנד — קען זי אויסזוכן ממש מיליאָנען קריסטן אין פאַרשידענע לענדער, וואָס שטאַמען אָפּ פון ייִדן. איז נאָר גענוג מען זאָל זיי הייסן עולה זיין קיין ישראל, זיך דערקלערן פאַר „ייִדן פון קריסטלעכן גלויבן״ און דערמיט מאַיאָרי־זירן דאָס ייִדישע לאַנד. זיכער ווייס איך זייער גוט, אַז אויך די קריסט־לעכע קירכע מוז דערוויַיל זיין קעגן אָנערקענען גוטע קריסטן ווי נאַ־ציאָנאַלע ייִדן. אויך פאַר איר קען אַזאַ באַגריפן־צעמישעניש ווערן גע־פערלעך. אָבער דאַגמעס אין קריסטנטום קענען זיך ענדערן — און אַמאָל קען זיך דעם קאַטאָליציזם לוינען אַזאַ מין אַריינדרינגען אינעם ייִדנטום דורך דער הינטער־טיר. וואָס קען דאַן פון אונדז ווערן? צי וואָלט אַזאַ פרינציפּן־ברוך ניט פאַרלייכטערט דעם וועג צו שמד פאַר גאָר אַ סך ייִדישע ייִנגע־לייט — וואָס ווייסן ווייניק און די גרויסע וועלט ציט זיי, אָבער זיי האָבן מורא פאַרן לעצטן שריט פון אַרויספאַלן מתוך כלל ישראל?

זיכער האָט די נייע צייט, די מאָדערנע באַגריפן־וועלט, די פאַרוועלטלע־כונג פון אַ ריזיקן טייל ייִדנטום — און טאַקע אויך די שאַפונג פון דער מדינה — אַוועקגעשטעלט די ייִדישע אידענטיפיקאַציע פאַר אומגעהויערע שווערי־קייטן. קיין שאַרפע פּראָבלעמען וועלן דערביי ניט פעלן. אָבער דווקא ווייל ־ער ענין איז געוואָרן אַזוי קאָמפּליצירט — טאָר מען אים ניט נעמען אַזוי לייכט; קען מען ניט עפענען טיר און טויער, אַריינלאָזן יעדן איינעם אָן געהעריקן ישוב־הדעת און איבערלאָזן די פולע „רעגולאַציע״ צו יעדן באַאַמטן. דאָס וואָלט געמיינט: חוזק מאַכן פון אַ טראַגישן פּראָבלעם, אַנשטאָט צו דערזען זיינע היסטאָריש־פאַרוויקלטע ניואַנסן.

מהאי טעמא, איז יענע אָפּטיילונג פון מדינת ישראל — אָדער יענע מנהיגים, וואָס ווילן פאַרמאַכן דאָס מויל פון דער ייִדישער געשיכטע, מיט אַ רעגיסטראַציע־קאַרטל אָדער אַ פּסוק תהלים — באַגאַנגען אַ האַרבן פעלער. קיין שום פאָלק לאָזט זיך ניט אַזוי לייכט איבערקנעטן, מאָדולירן ווי ביליק ליים — און אַלדאָס־איינגעוואָרצלטע זאָל אויסגעריסן ווערן צוליבן געשריי פון איין קריסטלעכער פרוי, אָדער אַפילו טויזנטער סכיזאָפרענישע נשמות. די גאַנצע ייִדישע היסטאָריע קען זיך ניט פאַרנויגן אין זייער זייט — באשר זיי איז שווער דאָס פאַרבייגן זיך צו דער פיין־אָנגעלאָדענער, ייִדי־שער טראַדיציע.

פון דעם שטאַנדפּונקט איז די בהלה אַרום „ווער איז אַ ייִד״ געווען

אַ לייכטזיניק־היסטערישע — אויסער יעדער פּראָפּאָרציע פון היסטאָריש־נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין.

ו.

מען מוז אָבער מודה זיין, אַז די פראַגע „ווער איז אַ ייִד?" איז אַ סך טיפער ווי מען קען זיך פאָרשטעלן. למען האמת האַנדלט זיך איצט נישט בלויז אין קריסטן אָדער משומדים, וואָס ווילן נאַציאָנאַל בלייבן אין די ראַ־מען פון ייִדישן פאָלק. פאַראַן אַ סך נייע דערשיינונגען, וועלכע מען קען באַיך־אופן נישט לייזן דורך סענטימענטאַלע עמאָציעס און אַפילו נישט דורך דער ייִדישער הלכה. זיי פירן אונדז אַפילו צו אַ ריי פּאַראַדאָקסן.

לאָמיר זיך בלויז דערמאָנען אין אַזאַ „מאָדערנער" דערשיינונג ווי כנענים, אָדער „סעמיטן", פון ישראלדיקער נאַציאָנאַליטעט. פּונקט ווי מדינת ישראל האָט געגומען ציִען צו זיך — אָדער צום ייִדישן פאָלק בכלל — אַ צאָל נישט־ייִדן, אַזוי האָט זי ביי אַ טייל עכטע ייִדן פון געבוירן אַרויסגערופן אַ קרענקלעכן ווילן גייסטיק צו אַנטלויפן פון ייִדישקייט. די סיבות פאַר אַזאַ טאָפּלטער דערשיינונג לאָזן מיר איצט אַרויס. בעיקר: דווקא די ייִדיש־טראַ־דיציאָנעלע הלכה — און אויך די אָרטאָדאָקסישע קרייזן — שטעלט אונדז דאָ אַוועק פאַר אַ צאָל אומגעווינטלעכע קוריאָזן.

לאָמיר עס זען קלאָר: אויסער די פריִער־דערמאָנטע קאַטעגאָריעס — וואָס ווילן געהערן צום ייִדנטום, הגם דורך אומרעליגיעזע טערמינען — זענען נאָך פאַראַן אַלערליי סעקטעס אין דער וועלט, וואָס ווערן צוגעצויגן פונעם ייִדישן פינטעלע. צו זיי געהערן די קריסטלעכע שומרי־שבת, פאַר־שידענע שבטים פון אַפריקאַנער דזשונגל ביז מעקסיקאָ — און אַפילו עט־לעכע פאַרקריפּלטע גרים־באַוועגונגען. טייל פון זיי האָבן שוין געמאַכט אַ גאָר־נאָענטן שריט צום ייִדנטום און אַנדערע וואַרטן נאָך אויפן לעצטן דערלויב־סיגנאַל פון דער ייִדישער וועלט־פירעשאַפט. אָבער נאָך אַלע זייערע דערקלע־רונגען, פון פילן זיך ווי אַ טייל פונעם ייִדישן רעליגיע־פאָלק, האָבן זיי אַ סך שוועריקייטן מצד דער ייִדישער אָרטאָדאָקסיע. אויך דאָס געזעץ וועגן ייִדן אין מדינת ישראל איז נאָך נישט גרייט זיי אויפצונעמען.

אָבער פון דער צווייטער זייט זענען פאַראַן אַ קאַטעגאָריע געבוירענע ייִדן אין מדינת ישראל גופא, וואָס דער באַגריף ייִדישקייט איז זיי נמאס־ומאוס געוואָרן — דווקא ווייל זיי זענען געבוירן ביי ייִדישע טאַטע און מאַמע אויף דער ייִדישער ערד. ווי גרויס איז זייער צאָל? געווען אַ צייט, ווען מ'האָט די כנענים־סכנה באַטראַכט מיט גרויסע שרעק־אויגן און געהאַלטן, אַז אָט־אָט ווערן זיי אַ מערהייט. דערנאָך איז געקומען אַ צייט, ווען מ'האָט די גאַנצע

באַוועגונג מבטל געווען, ווי אַ קרענקלעכע מאַניע פֿון עטלעכע גרויסהאַלטערישע ייִנגלעך. ביים היינטיקן טאָג ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַזביידע אָפּשאַצונגען זענען נישט געווען ריכטיק. וואָס שייך דער ענג־געשלאָסענער גרופּע „כנענים“ — מיט אַ פולער אָנערקענונג פֿון זייער עקסטרעמען פּראָגראַם — האָט זי טאַקע נישט מיטגעריסן דאָס גאַנצע לאַנד. אדרבא, אין איר ערשטן אלף־געשטאַלט (איר אָרגאַן האָט טאַקע געטראָגן דעם סימבאָלישן נאָמען „אלף“), האָט זי כמעט פאַרלוירן יעדער אחיזה. אָבער דאָס מיינט נישט, אַז אויך די שפּליטערן פֿון כנענישן וועלט־באַנעם זענען פאַרשוווּנדן פֿון די טויזנטער ייִנגע הערצער אין מדינת ישראל. פּסיכאָלאָגיש לעבט נאָך אַ טייל פֿונעם כנעניזם אַפילו אין מוחות פֿון ייִנגעלייט וואָס געהערן צו קעגנערישע ריכטונגען.

די דאָזיקע גרופּן האָבן אַן אויסערלעך־פּאָליטישן ציל: זיך צונויפגיסן מיט דער אַראַבישער ברייטקייט. וואָס שייך דעם אינערלעך־נאַציאָנאַלן ציל — ווילן זיי זיך לגמרי אָפּרייסן פֿונעם ייִדישן פֿאָלק און אַפילו זיך נישט לאָזן רעגיסטרירן אין די פּאַספּאָרטן ווי ייִדן. ווען עס קומט צו זייער אויסערלעך־פּאָליטישן ציל — האָבן זיי נאָך אַ סך קעגנער צווישן דעם ייִנגן ישראל־דור. זעלטן־ווער פֿון דער יוגנט איז גרייט אָפּצוגעבן דאָס לעבן נישט פֿאַר עפּעס אייגנס, נאָר פֿאַר אַ משונהדיק־צעשוווּמען פּינטעלע אין דער אַלגעמיין־סעמיטישער ראַם. אָבער ווען עס קומט צום אינערלעך־ייִדישן טייל פֿון זייער פּראָגראַם — זענען שוין דווקא פּאַראַן נישט ווייניק בעלנים צווישן ייִנגן דור, וואָס ווילן מיט אַ לייכט האַרץ שרייבן דעם גט פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק. דערווייל שטערט זיי נאָך אַ „טעכנישער“ פּונקט — וואָס אויך די פֿאָרמעלע „סעמיטן“ קענען אים אַזוי לייכט נישט פֿאַרגעסן: דאָס מוזן אָנקומען צום וועלט־ייִדנטום נאָך הילף. דאָס צווינגט זיי צו אַ געוויסער חברישקייט מיטן נידעריקן און נמאסן וועלט־קרוב. אויב זיי זאָלן זיך שוין אָפּזאָגן פֿון פֿאָלקישער פֿאַרבינדונג מיט אַנדערע טיילן פֿונעם ייִדנטום, קען מען ביי זיי נישט פֿאָדערן קיין שטיצע מיטן פֿולן מויל. וואָס וועט אָבער זיין, בעת מדינת ישראל וועט ווערן עקאָנאָמיש זעלבסטשטענדיק און מער נישט דאַרפֿן אַפּעלירן צום ייִדישן וועלט־האַרץ? דאַן וועט זיכער קומען צו אַן איבערברוך. לאָמיר זיך נישט נאַרן: אַפילו גאָר וויכטיקע פֿיגורן אינעם ייִנגן דור האָבן נאָר אַזאַ מוז־באַציִונג צום אַזוי־גערופֿענעם „גלות־ייִדנטום“.

אָבער נישט דאָס עצם־פּראָבלעם זענען מיר אַצינד אויסן — נאָר דעם פּאַראַדאָקס, אויך פֿון דעם הלכהשן שטאַנדפּונקט, וואָס וואַקסט דערביי אויס. לויט די רבנישע דינים למשל, איז גאָר אַ שווערע שאלה אויב מען מעג

מגייר זיין די אַביסינישע פֿאַלאַשן — הגם זיי היטן גאָר אַ סך פֿרומע דינים און דעקלאַרירן זיך פֿאַר גוטע ייִדן מיטן פֿולן מויל. ווען עס זאָל קומען אַ פֿרומער פֿאַלאַש און וועלן חתונה האָבן מיט אַ ייִדיש מיידל פֿון ישׂראל, וועט אים אַ דאָרטיקער רב זיכער נישט וועלן געבן קיין חופּה־וקידושין. דערפֿאַר אָבער וועט דער זעלבער רב נישט מאַכן קיין שום שוועריקייטן, ווען עס וועט צו אים קומען אַ כּנעני אָדער „סעמיט" (און אויך אַזעלכע מוזן עס טון, אויב זייער חתונה זאָל זיין ל ע ג אַ ל אין ישׂראל) און וועלן שטעלן אַ חופּה מיט אַ טאָכטער פֿון אַ „ייִדיש" הויז. דאָס מיינט אייגנטלעך, אַז לויט דער ריין־רעליגיעזער שטעלונג... וועט דער פֿרומער רב געבן די בכורה דעם נישט־פֿרומען צד איידער דער פֿרומען.

טעאָרעטיש קענען מיר דאָ דערגיין צו אויסטערלישע קאָמיזמען: לאָמיר זיך דערוויל פֿאָרשטעלן, אַז דאָס געזעץ פֿון ישׂראלס אינערן־מיניסטעריום איז פֿאַרבליבן אין דער פֿולער גילטיקייט. דאָס מיינט: יעדער וואָס דעקלאַ־רירט זיך ווי אַ ייִד — איז עס שוין דערמיט אַליין ג ע וו אָ ר ן. אָבער דאָס מיינט דאָך אויך: ווער עס האָט זיך נ י ש ט געוואָלט פֿאַרשרייבן ווי אַ ייִד — איז עס נ י ש ט. דערנאָך זענען געקומען עטלעכע הונדערט, אָדער עט־לעכע טויזנט, כּנענים און דעמאָנסטראַטיוו נישט געלאָזט אָנגעבן זייער ייִדישקייט אינעם אידענטיפֿיקאַציע־קאַרטל. וו אָ ס וואָלט זיך דערביי אַרויס־געוויזן? דאָס ריין־וועלטלעכע געזעץ וואָלט דאָ — טעאָרעטיש — געמוזט האַנדלען שטרענגער ווי דער רעליגיעזער צד: לויטן וועלטלעכן דין קענען זיי מער נישט באַטראַכט ווערן ווי ייִדן, בעת לויט די רבנים בלייבן זיי ווייטער פֿולע ייִדן, מיט מער „ייִדישע" פּריווילעגיעס ווי דער זעלבער דין גיט דעם שומר תּורה ומצוות פֿון די פֿאַלאַשן — אָדער אַפֿילו פֿרומע קאַראַימער, וואָס היטן לכל הדעות מער רעליגיעזע ייִדישקייט ווי דער כּנעני — און שרייען געוואַלט, אַז זיי ווילן בלייבן ייִדן.

דאָס איז נאָר איין ביישפּיל פֿונעם כאַאָס, וואָס די נייע אומשטענדן האָבן אונדז געבראַכט. דאָס טראַגי־קאָמישסטע פֿון דער גאַנצער סיטואַציע איז אפשר דער פֿאַקט וואָס ה י י נ ט מוז דער וועלטלעך־נאַציאָנאַלער צו־גאַנג אָפֿטמאָל מ ע ר מ ח מ י ר זיין ווי דער שטרענג־אָרטאָדאָקסישער. דערצו פֿאָדערט זיך כאָטש נאָך איין צייטלעכער ביישפּיל: לאָמיר זיך פֿאָר־שטעלן, אַז אַ יאַפּאַנער אָדער טיבעטאַנער איז זיך מל און אָנערקענט אַלע ייִדיש־רעליגיעזע דינים פֿאַר זיינע אייגענע. דאַן ווערט ער שוין אַ פּ וּ ל ע ר ייִד אַפֿילו לויט די פֿאָדערונגען פֿונעם עקסטרעמסטן רב. זיינע ייִדישע פּריווי־לעגיעס קענען מער נישט געשטערט ווערן, אַפֿילו ווען ער וויל ווייטער נישט וויסן פֿון אַלע ווערטן וואָס דאָס מאָדערנע ייִדנטום האָט געשאַפֿן; ער וויל

זוייטער בלייבן גלייכגילטיק צו דער נײַ־ייִדישער געשיכטע, ווייל נישט אַנער־קענען אַלע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען פונעם לעצטן יאָרהונדערט און זייערע ייִדי־שע אויפטועז — און אים אַרט לגמרי נישט דער גורל פון דער ייִדישער וואָרט־קולטור איןביידע נאַציאָנאַלע שפּראַכן. פון זיינעטוועגן מעגן זיי אַפילו אָפּ־געווישט ווערן פון דער ערד — און דאָך וועט דאָס רבנישע געזעץ אים זאָגן: אחינו אתה... דאָס מיינט, אַז דער רעליגיעזער דין איז אַזוי ווייט פאַרפאַנצערט אין פריִערדיקע יאָרהונדערטער, אַז ער צעעפנט טיר און טויער פאַר מענטשן פון אַלע זייטן — הגם דער וועלטלעכער ייִד קען זיי באַין־אופן נישט באַטראַכטן פאַר זיינע פיזישע און גייסטיקע ברידער. דאָס מיינט פּאַק־טיש אויך, אַז אויף איין שטח פון נאַציאָנאַלער אַנגעהעריקייט האָבן די כנע־נים און די ייִדישע אָרטאָדאָקסן איין בשותפותדיקן קוק, וואָס דער מאָדער־נער ייִד מוז אָפּוואַרפן. דער חילוק צווישן ביידע איז נאָר אינעם פּאַרנעם: פאַרן כנעני איז דאָס געהערן צו דער ישראל־נאַציע מעגלעך אַפילו דורכן אָפּ־וואַרפן גאַנצע דריטהאַלבן טויזנט יאָר ייִדישע געשיכטע — בעת ביים רעליגיעזן ייִ־ (להבדיל) איז עס מעגלעך דורכן אָפּזאָגן זיך פון איין אינטענסיוו־ייִדישן יאָרהונדערט... דעם לעצטן. סיוואָי זעען מיר אָבער, אַז אויף טייל וויכטיקע שטחים איז גאָר דאָס רעליגיעזע ייִדנטום מקיל, בעת דאָס וועלטלעכע ייִדנטום — אויב עס איז ערלעך מיטן אייגענעם געוויסן און פּראָגראַם — מוז גאָר מחמיר זיין.

אין אונדזער דור איז בכן נישט קיין פראַגע בלויז פון וועלטלעכע הנחות צום רעליגיעזן ייִדנטום, נאָר אויך פאַרקערט: דאָס רעליגיעזע ייִדנטום וועט מוזן אָנערקענען אַ צאָל עיקרים פון דער וועלטלעך־ייִדישער זייט, אויב עס דאַרף קומען צו אַ פולער פאַרשטענדיקונג. עס איז זיכער, אַז די פראַגע „ווער איז אַ ייִד?" וועט אַמאָל מוזן באַטראַכט ווערן בכבוד־ראש ביי אַ בשותפות־דיקן טיש, ווו עס זיצן אַלע צדדים. אָבער וויבאַלד עס בלייבט בלויז דער פרומער דין — און די ייִדישע מנהגים פון דער מאָדערנער צייט בלייבן ווייטער אין דרויסן — קען די דאָזיקע שאלה פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מאָנסטער, מיט אומצייליקע קעפּ און הענט.

איך האָב שוין געזאָגט: יענע באַנייער פונעם וועלטלעכן חדר האָבן אין מדינת ישראל אָנגעהויבן מיט אָפּוואַרפענישן איבער דער מאָס. צוליב דעם מסתמא האָט זיך די גייסטיקע „סעמיטישקייט" אַזוי איינגעבירגערט אויך אין יענע יוגנט־רייען, וואָס האָבן ריין־אָרגאַניזאַציאָנעל מיט אַזעלכע באַווע־גונגען קיין שום שייכות נישט. אויסער דער עמאָציאָנעל־היסטאָרישער זייט, איז די דאָזיקע באַציִונג אויך געוואָרן אַ שטער פאַרן עלעמענטאַרסטן און פּראַקטישסטן ציל פון מדינת ישראל: זי איז אויפגעקומען בכדי צו פּאַר־

איינביקן די פאַרשידענע שפּליטערן פונעם היינטיקן ייִדנטום. אָבער דער פּראָצעס פון קיבוץ־גלויות האָט אַרומגענומען אַ מערהייט אָריענטאַלישע ייִדן, וואָס דער ייִדישער דין איז געווען די הויפּט־באַזע פון זייער קולטור־גייסטיק לעבן. טאָמער וועט דער ייִדישער דין נישט דאָמינירן ביים אַריינגעמען נייע מיטגלידער אינעם ייִדישן פאָלק — וועלן זיי זיך מוזן נאָך מער אָפּזונדערן און פאַרפּאַנצערן מיט אייגענער סביבה. עס וועט מער נישט קענען זיין קיין רייד פון צונויפשמעלצן די עדות וואָס לעבן אין מדינת ישראל — נאָר אויך אַ גרויסער חלק פונעם ייִדנטום אין דער מערב־וועלט וועט זיך מוזן היטן פון משפחהדיקער אויסמישונג. דאָס קען במילא נאָך מער צערייסן דאָס פאָלק אויף שטיקער, במקום עס צוזאַמענגיסן נאַציאָנאַל אין איין אומה. די קאָמפּראָמיסן מצד דעם וועלטלעכן ייִד זענען דאָ באמת נייטיק.

אָבער אויך דער רעליגיעזער צד קען דאָ נישט בלייבן דער פּאַסיווער, אײַנזייטיקער נעמער און געניסער — בזכות דער ייִדישער אייניקייט. אויך ער וועט מוזן אָנערקענען היפּשע טיילן פון דער צוגעקומענער ייִדישקייט ביים מאָדערנעם ייִדנטום. אויב די פרומע ייִדן ווילן מיטהאַלטן דעם שפּאַן צו ייִדישער אייניקייט — מוזן אויך זיי האָבן מער איינזעען מיט יענע ווערטן, אָן וועלכע דער וועלטלעכער ייִד קען זיך נישט פאָרשטעלן קיין פולע ייִדישקייט. וועלכע? דאָס קען זיכער קיין יחיד נישט באַשטימען. אפשר דאַרף מען דאָס איבערלאָזן צו אַ מין כמו־סנהדרין, אין וועלכן דער וועלט־לעכער צד מוז זיך באַטייליקן אַזוי גוט ווי דער פרומער. אָן אַזאַ אויסוועג וועט דער ענין „ווער איז אַ ייִד?" סיווי מוזן אויפטויכן אַלעמאָל פון דאָסניי — ווייל מען זאָל אים נישט אָפּשיקן צו דער פאַרגעסנקייט, צוליב די אָדער יענע טעמים.

ז.

בלויז מיטן ערשטן בליק ווייזט זיך אויס, אַז די דאָזיקע פראַגע איז אין מדינת ישראל אַ סך האַרבער ווי אין די תפוצות. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס דאָרט איז די פראַגע מער דרינגלעך און מען מוז װעגן איר וואָס שנעלער באַשליסן. דערפאַר קענען די פאַרשידענע — און סתירותדיקע — איינשטעלן אַרויסקומען וואָס שאַרפער און אָרגאַניזירטער פאַר דער טאָג־ליכט. אַנדערש איז אָבער מיט די ייִדן פון די תפוצות. פאַר זיי שטייט נישט דאָס פּראָבלעם פון מוזן תיכף ומיד לייזן דאָס פּראָבלעם — און דערפאַר איז גיכער מעגלעך צו דרימלען אין דער שויס פון אַליין־אָפּנאַרעריי. מחמת דעם איז אפשר נישט מעגלעך קיין כנענים־באַוועגונג אין די ייִדישע תפוצות — אָבער דאָס מאַכט די לאַגע נאָך ערגער. דאָ ווערט דאָס פּראָבלעם נישט

פאַרקערפּערט אין קיין קאָנקרעטע דערשיינונגען, וואָס מען זעט באַשיימפּערלעך פאַרן אויג. קען טאַקע די מחלה נישט אַלאַרמירן, אַפילו ווען זי דערנענטערט זיך צו דער טויטלעכער סטאַדיע.

דאָ בעט זיך אייגנטלעך אַ שפּאַר ביסל רייד וועגן דער נייער אַסימילאַציע, וואָס הילט זיך אויך אין נאַציאָנאַלע מלבושים. אָבער ד אָ ס מוזן מיר איצט אויסלאָזן, נישט בלויז דערפאַר ווייל וועגן דעם ענין האָט מען שוין אַזויפיל גערדרשנט, בעיקר גייט אונדז נאָר אינעם אַרויסברענגען די סאַמע־עקסטרעמסטע — און קוריאָזסטע — דערשיינונג, ווי זי שפּיגלט זיך אָפּ אינעם אַמעריקאַנער ייִדנטום. אויך דאָ האָט די שאלה „ווער איז אַ ייִד?" אַרויסגערופן אַביסל אומרו. פּשוט: דערפאַר וואָס אַפילו די נישט־אַסימילירטע ווייסן נישט קלאָר אין וואָס זייער ייִדישקייט ד אַ ר ף באַשטיין. אפשר מעג מען פון דעם כלל בלויז אַרויסלאָזן דאָס אָרטאָדאָקסישע ייִדנטום — הגם אויך אין ד ע ר מחנה איז דער גייסטיקער ווירוואַר היפּשלעך גרויס.

פון אַ ריי שאלות, וואָס זענען צו מיר דערגאַנגען פון ייִדישלעך־געקנאַטענע צוהערער אין אַ צאָל אַמעריקאַנער שטעט, האָב איך דעם איינדרוק: די אָנפרעגער ווילן דורך אַ געהעריקער תשובה באַקומען אַ היתר פאַר דער אייגענער נאַכלעסיקייט. זיי ב אַ א ו מ ר ו י ק ט נאָך עפּעס — און דערפאַר ווילן זיי, אַז עמעצער זאָל פאַר זיי אויסגראָבן וואָס מער ייִדישע קוואַלן וועלכע זאָלן שטימען מיט זייער אָפּגעלאָזנקייט. דאָס לעבן „אויף גאָטס באַראָט" אָן דער אידעאָלאָגישער באַזע האָט אָנגעהויבן ווערן אומבאַקוועם — מוז מען ערגעץ באַשטעלן אַביסל פּסוקים מיט הכשרים, בכדי זיך לייכטער צו מאַכן דאָס געמיט... און לאָמיר צוגעבן: ביי יעדן איינעם האָט זיך פאַרוואַלגערט אין מח אַ באַשטימטער פּסוק, אָדער אָפּגעריסענער זאַץ, פון וועלכן עס איז צו דרינגען אַז... עס א י ז חלילה נישט געפערלעך צו לעבן ווי ע ר לעבט. נישט מער: ווען עס קומט צו אַ נ ד ע ר ע פּסוקים רינט שוין אַלץ אויס פון זכרון.

מען דערציילט: ווען ד"ר חיים ווייצמאַן האָט געמאָנט געלט פאַר ארץ־ישראל ביי אַן אַמעריקאַנער ייִד — האָט אים יענער געפרעגט: וויפל דאַרף איך געבן? דערויף זאָל אים ווייצמאַן האָבן געענטפערט: אַזויפיל, אַז עס זאָל אייך וויי טון... הגם איך האַלט, אַז ייִדישקייט איז פּרינציפּיעל נישט קיין וויטיקלעכער ענין — און אַז ייִדישע איבערלעבונג מוז גאָר למען־האמת פאַרשאַפן אינערלעכע פרייד — האָט אָבער יענער ענטפער אָנגעזאָגט איינעם פון די וויכטיקסטע פּרינציפּן פון ייִד־זיין: יעדן איינעמס ייִדישקייט קען נאָר געמאָסטן ווערן לויט דער מאָס וויטיקלעכע קרבנות, וואָס ער איז גרייט פאַר איר צו ברענגען. אמתע ייִדישקייט מוז זיך קענען אַריינברעכן

אינעם אינסטינקטיוון לעבנס־שטייגער. אָבער אינעם יידישן אַמעריקע קומען אַלעמאָל אַרויס פרישע חכמים ונבונים — און טייל פון זיי מיינען באמת ערלעך מיטן צוזאַמענשטעלן שפּאָגל־נייע רעצעפּטן פון אַ יידישקייט פאַר די אַמעריקאַנער יידן, וואָס זאָלן „גאָרנישט ווי טון“.

נאָך מער: אויב עמעצער איז שוין גרייט מקבל־פּנים צו זיין דעם „וויי־טיקלעכן“ מאָמענט — סובלימירט ער אים בלויז צום ג ע ל ט ל ע כ ן ביי־שטייער. דער אינערלעך־גייסטיקער אָנטייל אין דער יידישער דראַמאַטישקייט ווערט אַרויסגעלאָזט פון שפּיל. דוכט זיך, אַז דער שונד פון יידישן טעאַטער האָט שוין לאַנג אויפגעכאַפּט די דאָזיקע נטיה. נאָך מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט ער פאַרשטאַנען צו קרעכצן פאַר תענוג, ווי ווויל און אַ מחיה עס איז צו זיין אַ ייד. עד־היום הערשט אין אונדזער לעבן די טענדענץ פון זיסלעכן, וויכלעכן פּאַטאָס; פון באַווייזן ווי באַקוועם עס איז צו זיין אַ ייד. נישטאָ די מענלעך־אַנטשלאָסענע טענדענץ פון איבערקנעטן זיך לויט קלאָרע דע־פיניציעס און האַרבע פּרינציפּן — נאָר אַ מין לויזע זוכעניש צוצופּאַסן דאָס ייד־זיין צום פון־זיך־אַליין געשאַפענעם לעבנס־שטייגער. דערפאַר בלייבן אַלע רייד וועגן קאַטעגאָרישער יידישקייט — וואָס פאָדערט אינערלעכע אי־בערברוכן — צו דער סעריע אומניצלעכע דברים בטלים.

נישט ווייניק אָכצעגישן און זיפצעגישן — אַ מין פּאַראָדיע אויף דער יידישקייטס־סערענאַדע — דערמאָנען דאָס וווּנדערלעכע משל פונעם דובנער מגיד: אַ מלך איז אַמאָל פאַרבייגעפאָרן אַ קליין דאָרף און באַמערקט אַ ציל־ברעט, וווּ אַלע אָנגעצייכנטע קרייזן זענען געווען אַדורכגעשאָסן. כאַטש דעם און באַשטים דעם געניאַלן שיסער פאַר גענעראַל! האָט ער געשיקט נאָך יע־נעם און דערזען פאַר זיך אַ געוויינטלעכן פויער. אויף דער פראַגע ווו ער האָט געלערנט צו טרעפן אַזוי וווּנדערלעך אין ציל, האָט יענער געענטפערט מיט אַ שמייכל: ביים אייגענעם שכל, אדוני המלך! און ער האָט עס מסביר געווען: דיינע זעלנער, גרויסער מלך, באַנוצן נישט דעם שכל — און דערפאַר קומט זיי אָן אַזוי שווער צו טרעפן אין ציל. זיי צייכענען פריער אָן דאָס רעדעלע און דערנאָך שיסן זיי... איז טאַקע פאָלג מיך אַ גאַנג, ביז מען טרעפט! איך אָבער שיס פריער ווו עס לאָזט זיך — און ערשט דערנאָך מאַך איך דאָס רע־דעלע אַרום דעם שאָס. זעט איר טאַקע, ווי שיין דאָס ציל־ברעט זעט אויס!

דער נמשל דאַרף היינט נישט קיין לאַנגע פירושים. מיר האָבן זיך קודם כל געגומען רעכענען מיט אַלע אומשטענדן. לאָזן מיר „שיסן“ די צייט וווהין זי וויל, דערשרעקן זיך ראשית־כל פאַר יעדער נאַרישן אָדער קלוגן מנהג פון דער פרעמד — און ערשט שפּעטער צייכענען מיר אַרום יעדן וווּנדיקן שאָס דאָס דרשהדיק־יידישע רעדעלע: באשר ובכן, אָט דאָס טאַקע מיינט די יידיש־

קײט פונעם מאָדערנעם נוסח. אַדאַנק דעם דאָזיקן קלוגן תּירוץ פון באַנוצן שׂכל צו דער ייִדישער קאָנסטיטוציע — האָבן מיר מיט אַ לײכטער האַרץ געקענט אַדאַפּטירן די װײַט־גײענדיקסטע נאָכגיביקײטן. אָבער היות װי „עפּעס" צופּט פּאָרט אַמאָל בײַ דער נשמה — לאָזן מיר זיך אַרױס אין גע־יעג נאָך עפּעס אַ דעפיניציע על רגל אחת; נאָך עפּעס אַ פּסוק װאָס זאָל בולט מאַכן דאָס רעדעלע אַרום דעם צופּעליקן צײַט־שאָס. אױב אײנעם װײ־טיקט, װאָס זײַן קינד האָט חתונה געהאַט „געמישט", כאַפּט ער זיך באַלד צו רות־המואביה: אַט דערצײלט דאָך דער תּנ"ך אַלײן — — — און טאָמער טוט אײנער גאָרנישט קײן ייִדישע מעשׂים אין דער פּראַקטיק, נאָר ער בלײַבט אַ ייִד „מיטן האַרץ" — װערט ער שױן אַ חסיד אױך פון תּורה שבעל פּה; כאַפּט ער דעם זאַץ פון „רחמנא לבאָ בעי" און ער האָט שױן אַ ייִדיש רעדעלע אױך אַרום זײַן „האַרץ"... כ'זאָל נישט זינדיקן מיט די רײד: זײער אַ סך בענקער נאָך אַ ייִד־דעפיניציע װילן נאָר כאַפּן אַ בפירושן פּסוק פאַר זײער רוטין. טאָמער גיט מען זײ אַ דעפיניציע, װאָס פאָדערט עכטן איבערברוך — האָבן זײ שױן גאָרנישט געהערט.

צו דער קאַטעגאָריע „צוגעפּאַסטע" מאמרים פון ייִדישקײט געהערט אױך דער כּלל: „גײ אַרױס און הער, װאָס דאָס פאָלק שמועסט". זיכער אַ פײנער אָנזאָג. אָבער אין אונדזער דור האָבן מיר שױן אָנגעהױבן באַקומען צו־לאַנגע אױערן. מיר דערהערן דעם „װילן פון פאָלק" ת"ק מײל פון דער־װײַטנס. דאָס דאָזיקע קול איז נישט מער קײן הילך פון יאָרהונדערטער, נאָר אַ געשרײ פון מאָמענט; אַ צערױשטקײט פון היום כּאן ומחר בקבר. דאָס צופּאַסן די גאַנצע ייִדישקײט צו אַזאַ מין „רעכענען זיך מיט דער צײַט" דער־מאָנט אין יענער גרױליקער בת־מלכה פון דער ייִדישער אגדה: זי איז געװען פאַרליבט אין דער שײנקײט פון רבי ישמעאל. היות אָבער װי זי האָט געװוּסט, אַז קײן ל ע ב ע ד י ק ן װעט זי אים נישט באַקומען — האָט זי געהײסן אַראָפּציִען בײַ אים די הױט און זיך געצערטלט מיט איר. אױך אונדזער מאָדערנע ליבשאַפט צו דער אַבסטראַקטער „ייִדישקײט" האָט לעצטנס דער־גרײכט אַ גאַנץ הױכע טעמפּעראַטור. מיר זענען װידער פאַרכאַפּט געװאָרן פון איר שײנקײט — אָבער דאָס לעבן לאָזט אונדז נישט באַקומען זי, אַזױ װי זי שטײט און גײט. דערפאַר רײַסן מיר — מחמת גרױס אהבה — אַראָפּ פון איר די לעצטע הױט, בכדי זי זאָל פאַר אונדז זײַן „צוגענגלעכער". װעט ד אָ ס טאַקע װאַרעמען? זיכער נישט. עס בלײַבט נאָר איבער דאָס שרײַען: ייִדן, די דאָזיקע הױט איז נאָר שײן כּל־זמן זי איז לעבעדיק און קלעפּט צו אַ װאַרעמען גוף...

און װאָס מײנט אַזױנס „װאַרעמער גוף" אין פאָלקישן זין? אַ קערפּער

וואָס קען זיין וואַרעמקייט איבערטראָגן צו אַ צווייטן. לעבעדיקע ייִדישקייט מיינט בכן: ווען זי לאָזט זיך איבערגעבן און אַנגליִען אַ צווייטן דור. אָבער כל־זמן מיר ווען זיך וואַרעמען מיט דער בלויזער הויט פון עמאָציע; פון צאַצקען זיך מיטן שיינעם איבערצי פון אַן אַראָפּגעצויגן פּנים — וועט דאָס אפשר באַפרידיקן אונדזער אילוזיע. אָבער אַנוואַרעמען דעם דור נאָך אונדז — וועט זי נישט. די שענסטע און קלאָרסטע דעפיניציעס וועלן דאָ אפשר ווייניק העלפן — אויב זיי וועלן בלייבן ביים ראַנד פון דער באַקוועמלעכ־קייט און נישט אַריבער דעם איבערלעבערישן פונקט פון ווייטיק און אינער־לעכן אויפרודער. עס זעט אָבער אויס, אַז דער רוב פון אונדזער דור — אַפילו די, וואָס זענען גרייט אויסצוהערן אַ מיליאָן רעפעראַטן וועגן ייִדישקייט — האַלט נאָך ווייט דערפון.

אויב די הונדערטער־טויזנטער „פאַרבענקטע" פון גאַנץ צפון־אַמעריקע האָבן נישט באַוויזן עד־היום צו באַשאַפן איין מאָדערן־ייִדישן און וועלטלעכן סעמינאַר — וואָס דאָס איז געווען נאַטירלעך פאַרן פיצלסטן שטעטעלע אין דער אַלט־פרומער היים (הגם איך בין ווייט פון גלאָריפיצירן דאָס אַמאָליקע שטעטל און אַמאָליקע ישיבות מיט אַלע זייערע חסרונות) — איז אַ סימן, אַז די גאַנצע בענקשאַפט איז שטעקן־געבליבן אין דער וועסטל־קעשענע. צום האַרץ האָט זי נאָך נישט דערגרייכט.

איז אפשר דאָס גאַנצע דעפיניציע־זוכעניש אין אַזעלכע תפוצות — צום חילוק פון מדינת ישראל, וווּ אַזויפיל שטייען גרייט צו קרבנות — ממש אַן אומזין. כל־זמן מען איז נישט זיכער אין דער גרייטקייט עפּעס צו טון — וואָס טויגן אַלע תורהס, אַפילו די בעסטע? נישט אומזיסט האָבן „אַמאָליקע" ייִדן מקדים געווען נ ע ש ה פאַר נשמע... ווייל די בלויזע גרייטקייט צו ה ע ר ן תורה, מיינט נאָך גאָר ווייניק.

ח.

בלויז צוליבן אַלטן כלל פון „פּטור בלא כלום אי אפשר" — זאָלן דאָ אָנגעצייכנט ווערן עטלעכע עלעמענטאַרע שטריכן. זיי זענען גיכער אַן ה ק ד מ ה צו „אַקטועלער" ייִדישקייט, איידער דער פּראָגראַם גופא.

ראשית כל: אַ ן אָ פּ נ ו י ג פ ו נ ע ם ג ר אָ ב ן מ אַ ט ע ר י אַ ־ ל י ז ם. דער אַמעריקאַנער ייִד האָט איצט בדרך־כלל ליב צו פּאַראַדירן מיט פּאָרמעלער „אַנגעהעריקייט". אָבער וויבאַלד דווקא ער איז אַזוי שטאַרק פאַר־כאַפּט פון דער מאַטעריע — און טיילמאָל איז ביי אים דאָס געלט־מאַכן מער עיקר־העיקרים ווי ביי אַנדערע — שטייט ער נאָך אַלץ אויף יענער זייט פו־נעם ייִדישן טויער. ס'איז שווער, זאָגט איר? נאַיוו? אָבער ד אָ קען איך זיך

גאַרנישט העלפן. אפשר דאַרף מען ציטירן אַ מיליאָן פּסוקים, בכדי צו באַווייזן ווי אַזוי געלט־געיעג און עלעמענטאַרסטע ייִדישקייט זענען נישט קיין פּאָר. אָבער לאָמיר דאָסמאָל אַרויסלאָזן די פּסוקים. גענוג צו דערמאָנען: אַ ייִד וואָס לעבט מיטן עגל־הזהב טאָר מען אפשר קיין שפּיץ פון ייִדישער דעפיניציע נישט באַווייזן. די כּלי איז נישט פּאַסיק אויפצונעמען דעם ווייך.

ווען אַזאַ כּלל — וואָס איז שוין גאַרנישט פרעמד אַפילו „גויִישע" אַמעריקאַנער — זאָל ווערן אָנגענומען ווי אַ סימן־מובהק פון ייִדישקייט, וואָלט מען אפשר נישט דערשטיקט געוואָרן פון גרויס אָרעמקייט ביי די וויכטיקסטע אינטערנעמונגען פון כּלל־כאַראַקטער. דאַן וואָלטן שוין במילא אומצייליקע ייִדן מיט ריזיקע פאַרמעגנס געפילט, אַז זיי קענען „געבן" מער, אַפילו דאַן ווען זיי מיינען... אַז זיי קענען נישט. אויב „צייט" וואָלט נישט געמיינט בלויז „געלט" — וואָלט יעדער פון זיי במילא געהאַט מער צייט צו לערנען פאַר זיך, פאַרטיפן און פאַרווערטן דאָס ביסל וויסן. ווייל מיר האָבן אַן אַלטן כּלל: אם אין דעת — הבדלה מניין? אויב מען האָט נישט קיין צייט צו וויסן, טאָ וויאַזוי קען מען מאַכן אַ חילוק צווישן הוידעם און בוידעם?

מיר ווייסן זייער גוט, ווי ווייט דאָס „אַרויפאַרבעטן זיך" איז אַ טייל פון דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע. די דאָזיקע מאַטעריאַליסטישע ענערגיע, אין אַ לאַנד פון פּיאָנערישקייט אויף כּמעט אַלע שטחים, האָט געבראַכט אַן אַ שיעור ברכות פאַר דער גאַנצער מדינה. אָבער דער דאָזיקער שטריך איז דאָך אייגן געוואָרן „אויך" דעם נישט־ייִדישן אַמעריקאַנער. ואף־על־פּי־כן האָבן מיר געזען, אַז נישט ווייניק מולטי־מיליאָנערן האָבן טאַקע לכתחילה אויסגעבויט גאַנצע אימפּעריעס פון גאָלד. אָבער נאָכן דערגרייכן דעם שפּיץ — האָבן זיי מיט אַ לייכט האַרץ אַוועקגעגעבן גאַנצע חלקים לטובת בויען באַזעס פון אַמעריקאַנער קולטור. אויך די דאָזיקע פּ ר ײ ג י ב י ק ײ ט, די ספּאָרטלעכקייט פון ברייטער האַנט איז געוואָרן אַ טייל פונעם אַמעריקאַנער שטייגער. אין ייִדישן לעבן האָבן מיר אָבער געזען אַ פאַרקערטע דערשיינונג: ווען מען פאַרגלייכט די ייִדישע מ אַ ס ע צו דער נישט־ייִדישער, האָבן ייִדן באַוויזן מער צדקה־געפיל. אָבער ווען עס קומט צו די געלט־מעכטיקע יחידים אין ביידע מחנות — האָט נאָך קיין איין ייִדישער מיליאָנער נישט באַוויזן לטובת קולטורעל־ייִדישע ענינים אַ זאַ ביישפּיל ווי אַ צאָל קאַפּיטאַליסטן פון דער נישט־ייִדישער וועלט. דאָס מיינט: אינעם זעלבן פאַרנעם.

ווען אונדזערע ייִדישע געלט־אדירים זאָלן בלויז געווען גרייט זיין צו געבן מ ע ש ר לטובת פאַרפעסטיקן דעם ייִדישן גייסט — וואָלטן זיי חלילה נישט געזינדיקט קעגן דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע, נאָר פאַרקערט: זיך

קיום אויסגעגלייכט מיט אַ צאָל מאַגנאַטן אין אַמעריקע — אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אַ שלעכטן שם אינעם גרעסטן טייל פון זייער לעבן.

דאָס מאָביליזירן צום קאַמף מיט דער גראָב־הויטיקער פאַרשקלאַפטקייט צו דער מטבע (וואָס איז אגב אייגן אַ געוויסע צאָל עשירים אינעם ייִדיש־רעדנדיקן קרייז, וועלכע ווילן פאַר גראָשנס קויפן די גאַנצע אייביקייט, הגם זיי שלאָפן פשוט נישט קיין נעכט פון גרויס זאָרג פאַר דער ייִדישער קולטור און איר קיום) — איז אפשר די ערשטע אויפגאַבע בזמן הזה.

אגב, וואָלט דאָס אפשר אביסל מילדער געמאַכט דעם אייביקן געיעג נאָך „תכלית", וואָס איז געבליבן ביי אַמעריקאַנער ייִדן בירושה פון די שווערע און אומזיכערע שאַפּ־צייטן. ביים זיין באַהערשט פון דער מאַטעריאַליסטישער וווּלגאַריטעט, מוז אויך יעדער סאָרט לימוד פאַרבונדן ווערן מיט דער אייביקער פראַגע: וואָס האָב איך דערפון? אַזוי ווי דער „איד" וואָלט לגמרי קיין שייכות נישט געהאַט צו נשמה, נאָר בלויז צום טייסטער. ווי נאָר דאָס ייִדישע קינד קריכט אַרויס פונעם וויגל — פאַלט עס באַלד אַריין אין די אָרעמס פונעם נאַקעטן חשבון. דערפאַר זעט זיך כמעט נישט אָן דער אַלטער אופן פון לערנען לשמה, בלויז מחמת נאַציאָנאַלן דראַנג. יעדער סאָרט לערנען (שרעקט אייך נישט: אויך פרומע תורה) איז באַלד צונויפגעפלאָכטן מיט קאַריערע. ס'איז היינט אפשר נישט שיין צו „קאָמפּראָמיטירן" ייִדישקייט — וואָס מיר ווילן דאָך סוף כל סוף „פאַרקויפן" דעם אַמעריקאַנער ייִד און אים אָנמאַכן אַ חשק צו איר — אָבער מיר קענען זיך נישט העלפן: ייִדישקייט האָט אַ נויגונג צו תורה לשמה, צו לערנען לשם לערנען. העכסטנס האָט זיך אָן אַלטער מאמר געקענט באַוואָרענען, אַז תורה דאַרף גיין געפּאָרט מיט דרך־ארץ. אינעם פאָלקס־אָפּטייטש האָט עס געהייסן: תורה מיט סחורה. אָבער עס איז קיינעם נישט געקומען אויפן רעיון צו וועגן און מעסטן, אויב די תורה גופא איז אַ „סחורה" אָדער נישט — סיידן ווען עמך האָט איר געדאַרפט מאַכן אַ באַגייסטערטן קאָמפּלימענט: „תורה איז די בעסטע סחורה"... דאָס איז גיכער געווען אַ פּראָדוקט פון פאָלקסטימלעך־וווּלגאַרער און אילוסטראַטיווער ליבשאַפט, איידער מאַטעריאַליזירטע געפאַלנקייט.

ייִדישע קולטור — ווי ייִדישע לימודים בכלל — שטייען אין אַמעריקע בשפל־המצב, נאָר דערפאַר וואָס אַפילו זייערע הייסע חסידים פּרוּוון זיי פּרייער אויס מיט די ציין... אויב זיי לאָזן זיך עסן. עס האָט זיך אַזוי ווי איינגעשטעלט אַ כלל: וויפל ייִדן עס קענען לעבן דערפון — אַזויפיל דאַרפן קענען. די אַנדערע דאַרפן זיך נעמען עפּעס אַנדערש. אַלע ווילן טאַקע זיין און בלייבן ייִדן — אָבער קענען ייִדישקייט דאַרף נאָר דער

ראַביי, אָדער אַן אַנדער כלי־קודש, ווייל ד אָ ס איז נאָר ז יי ן פּרנסה. אָבער ייִדישקייט הייבט זיך אָן ביים לערנען אַליין און דאָס אייגענע קינד. ולא עם הארץ חסיד מיינט צו זאָגן: מען קען נישט זיין קיין ייִד אויב מען ווייסט נישט וואָס דער ייִדישער אלף־בית דערציילט...

פּשוטע זאַכן? פּרימיטיוו? אָבער זעט נאָר, אויב זיי זענען אַדורכגעפירט אין לעבן! דאָס געהערט אייגנטלעך צום ק אָ ר י ד אָ ר פון ייִדישקייט — אָבער אויך אין אים זענען מיר נאָך נישט אַריין.

יאָ, עלעמענטאַרע ייִדישקייט מיינט אויך לערנען, בכדי צו וויסן וועלכע מ ע ש י ם צו טון. אויך דערויף קען מען ברענגען אַ ים מיט ציטאַטן. דאָס זיין אַ ייִד איז פאַרבונדן מיט אַ פּערמאַנענטן לעבנס־שטייגער, וואָס איז אַ נ ד ע ר ש (לאָמיר פאַרגעסן אינעם „בעסער") פון דעם נישט־ייִדישן שכנס. טאָמער נישט — וואָס טויג בכלל, אַז אַ ייִדיש פאָלק זאָל זיך פּלאָנטערן אונטער אַלעמענס פיס? די דאָזיקע טעגלעך־ייִדישע דעמאָנסטראַציע פון אייגענער טאָט קען בפירוש נישט אויסגעשעפּט ווערן מיטן געבן געלט פאַר מדינת ישראל. גיכער האַנדלט זיך עס וועגן פּערזענלעכן אָ נ ט יי ל אין דער לעבעדיק־ייִדישער קיום־דראַמע.

דאָס זיין אַ ייִד איז אויך פאַרבונדן מיט נאָך אַ פּרינציפּ: מען טאָר נישט נאַרן זיך אַליין. (אַ חסידישער קנייטש ווייסט אפילו פּרעכטיק אָנצומערקן: עס שטייט נישט „לא תגנוב א צ ל ח ב ר ך" * נאָר סתם „לא תגנוב", ווייל טיילמאָל קען מען אויך זיך אַליין באַגנבענען). דער ייִד קען נישט לעבן מיטן בלויזן מלכות אין די הימלען. גרונטיקע ייִדישקייט וואָרפט־אָפּ די הוילע פּראַזעלאָגיע, וואָס איז צו גאָרנישט מחייב, ווי אַ פרומער ייִד דאָס חזירישע חלב. עס איז בכן אומזיניק צו באַהאַלטן זיך כסדר הינטערן פילאָזאָפישן פאַרטעך: מיר האָבן איינמאָל געגעבן דער וועלט — און אויך זיך אַליין — דעם איינציקן גאָט... נו, האָבן מיר שוין אָפּגעטון אונדזערס אויף דער געשיכטלעכער אַרענע. דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז, וואָס אַפילו אַ טייל פון אונדזערע אַ ט ע ? ס ט ן גיבן אָן אין נדן דעם דאָזיקן, ייִדישן ביישטייער צו דער וועלט־קולטור. עס זעט אויס ווי זיי וואָלטן געזאָגט: קיין גאָט איז טאָקע נישטאָ — אָבער מיר האָבן אים פאָרט געגעבן דער וועלט... און דערפאַר איז זי מחויב אונדז אייביק צו דאַנקען. דער ייִדישער כלל איז: ו ח י ב ה ם — לעב לויט דיין תורה, ו ו ע ל כ ע דו זאָלסט נישט האָבן. דאָס מיינט אויך: וויפל תורה דו זאָלסט נישט פאַרמאָגן — האַלט זי ל ע ב ע ד י ק; זאָל זי זיך אויסווירקן אינטענסיוו און נישט בלייבן גליווערן אין נעכטיקע טעג און אין הימלדיק־אומרעאַלע סענטימענטן.

* אין פאַרגלייך מיטן נישט טאָרן גלוסטן צום חברס פרוי.

ו ו ע ר עס איז אַ ייִד — קען אויך נישט פֿאַרכאַפּט ווערן פֿון (אָדער גאָר פֿאַרגעטערן) פיזישן כח. דאָס זעלבע איז מיטן רייץ פֿון ייִ נ ג ש אַ פ ט. באַוווּנדערן פיזישע שיינקייט אָדער ייִנגע קראַפט? זיכער! אויך דערויף קען מען אָנברענגען אַ באַרג מיט פסוקים. אָבער מאַכן דערפֿון דעם עיקר־העיקרים? דאָס וואָלט געמיינט דאָס זעלבע ווי געצנדינסט. אין דער אַמעריקאַנער סביבה ווערט אָפּט דער לעבעדיקער אינטערעס געוויקלט אַרום דעם ייִנגן כח, וואָס שפּראָצט מיט געזונטע מוסקולן. דערפֿאַר מוז ייִדישקייט אין אַמעריקע דערפרישן און באַנייען דעם ו ה ד ר ת פני זקן. דאָס מיינט אין מאָדערנעם לשון: זע די ש יי נ ק יי ט וואָס עס טראָגט זיך אויך פֿון דעם פיזיש־שוואַכן; דער אומהעלד פֿון ספּאָרט, מוסקול־גבורה און פילם־לייוונט. אונדזער יוגנט מוז ווידער אַדורכגענומען ווערן פֿון יענעם חכם אין תלמוד, וואָס האָט זיך אויפגעשטעלט אַפילו פֿאַר אַן אַלטן געצנדינער — מיט דער טענה: וויפֿל איבערלעבונגען ער האָט שוין מיטגעמאַכט! אַלע געזעצן פֿון כיבוד אב־ואם זענען נאָר אַ וואַריאַציע פֿון יענעם איידעלן אָנזאָג. פֿון אַזאַ באַגריף ביז צום אָפּשאַצן די שיינקייט פֿון אַלטע טראַדיציעס בכלל איז אייגנטלעך אַ קורצער מהלך.

זיין אַ ייִד מיינט אויך אין דער ערשטער ריי: האָבן דרך־ארץ פֿאַרן לעבן — אייגנס און פֿרעמדס. אַפילו משה רבינו האָט נישט געוואָלט שטאַרבן — הגם ער האָט זיכער געגלויבט אַז קיין ט ו י ט איז בכלל נישטאָ. אויב די ייִדישע אגדה האָט אַזוי שטאַרק אַרויסגעהויבן משהס ווילן — צו בלייבן ווייטער לעבן אויף דער ערד — איז עס זיכער נאָר געווען, בכדי עס זאָל זיך נישט שאַפֿן קיין הפקר־באַציִונג צום לעבן, אַפילו אונטער רעליגיעזע לאָזונגען. דאַרף מען דען צוגעבן, אַז ד ע ר פּרינציפּ האָט אַ באַזונדערע באַדייטונג אין אַ דור וואָס איז פֿול מיט מאָרד־רייצן — מיט אַן אידיי אָדער אָן איר?

אַ ייִד זיין מיינט אויך אין דער ערשטער ריי: איינפֿלאַנצן גוטע מידות ביי זיך און ביים אייגענעם קינד. איז דאָס דען נישט קיין יסוד אויך אין אַנדערע קולטורן? זיכער. אָבער אין דעם ייִדישן בליק זענען פֿאַראַן גאָר אַנדערע — און האַרב־עקסטרעמע ניואַנסן. ווען ייִדישקייט באַפֿעלט למשל, מען זאָל זיך גיכער וואַרפֿן אין אַ קאַלכאויוון איידער צו פֿאַרשעמען עמעצן פֿאַר מענטשן — איז עס אַ מין פּראָטעסטיקע דעמאָנסטראַציע קעגן די ציוויליזאַטאָרישע ה י ת ר י ם פֿון דער מאָדערנער צייט. לאָמיר זיך בלויז דערמאָנען, אַז בעת דער מינדסטער וו אַ ל ־אַקציע איז אַזויווי אָפיציעל דערלויבט אַראָפּצוּוואַרפֿן פֿון זיך אַלע מידות טובות. מען „מעג“ דאַן זיין ברוטאַל צום קעגנער, אויסגראָבן די געמיינסטע רכילות, צעברעכן אומזיסט און אומנישט דעם צווייטנס רעפּוטאַציע — און בכלל צאַפּן בלוט ביי יענעם, וואָס קאַנדידירט

אויף דער צווייטער זייט. ווער ווייסט? אפשר וואָלטן די ייִדישע פּרינציפּן פון דעם מין לגמרי געענדערט דאָס פּנים פון אונדזער געזעלשאַפט. עס וואָלט אונדז זיכער געווען לייכטער צו אָטעמען מיט די שווערע כּללים פון ייִדישקייט, איידער איצט — אָן זיי.

ייִד־זיין מיינט אויך: דערווייטערן זיך פון שקר ווי אַ פייל דערווייטערט זיך פונעם בויגן. נישטאָ דערביי קיין קאָמפּראָמיסן — סיידן מפּני דרכי שלום. אמת איז דער חותם פון גאָט — און אָן דעם דאַזיקן סטעמפּל קען קיין שום גאָט, אַ נאַציאָנאַלער אָדער אידעיִשער, נישט אויסשפּרייטן זיינע פליגל אויף דער ערד. די מערהייט שקרים אויף דער וועלט נעמען זיך דערפון, וואָס מען האָט מורא פאַרן צווייטן. וואָס שייך דעמאַגאָגן — איז ביי זיי קלאָר, אַז מיטן נאַקעטן אמת קענען זיי דעם מאַסן־מענטש נישט מיטרייסן. אָפּערירן זיי מיט דער וועגנטקע פון שקר, ווייל זיי האָבן מוראָ פאַר דער מאַסע. אַפילו דער מעכטיקסטער דיקטאַטאָר — וואָס האַלט גאַנצע פעלקער אין זיין אייזערנער קלעם — האָט מוראָ פאַר זיינע קרבנות. דערפאַר ציטערט ער פאַר אַ צווייטן געדאַנק און שטאָפּט זיינע אונטערגעוואָרפענע בלויז מיט איין געדאַנק, זיינעם. דאָס איז במילא פאַרבונדן מיט שטענדיקע שקרים. נישט אומזיסט גייט דער דראַנג צום אמת ביי ייִדן כּסדר געפּאָרט מיט אַ צווייטן אָנזאָג: נישט צו שרעקן זיך פאַר קיינעם. דווקאָ ווייל מיר לעבן איצט אין אַ קאָנווענציעלער וועלט, ווו דער גוט־מאַרינירטער שקר, די מאָנסטעריעזע רעקלאַמע איז געוואָרן אַ טייל פון דער נאַטירלעכער געשעפטס־פירונג — מוז דאָס ייִד־זיין אויפסגיי זיך אידענטיפיצידן מיט יעדער ווידערשטאַנד צום שקר און מיט מאָראַלישער אומדערשראָקנקייט. דאָס זיין אַ ייִד מיינט פאַקטיש: די קורצע תּפילה־פאָרמול פון „רעדן אמת" — אַפילו — „אין האַרץ" (ודובר אמת בלבבו).

ייִדישקייט מיינט אויך: האָבן בטחון צוזאַמען מיט — פּעסימיזם. ביי ייִדן מאַכן זיך קיין זאַך נישט פון זיך אַליין. אַפילו גאָטס ברכה רוט נאָר אויף די טאַוונגען פון מענטשלעכע הענט. דאָס שרייען „גוט און ווויל", אַפילו ווען ס'איז ביטער־גאַל, געהערט צום פרעמדן קאָנווענציאָליזם. דער ייִד טאָר זיך טאָקע קיינמאָל נישט מייאש זיין — אַפילו ווען די שאַרף פון דער שווערד ליגט שוין אויפן האַלדז — אָבער ער וועט זיין אַ שוטה, אויב ער וועט בכיוון צולאָזן די שווערד ביז צום האַלדז. קעגן דעם פאַלשן אָפּטימיזם האָבן נאָך אָנגעהויבן שרייען די נביאים — און זייער געשריי האָט זיך איבערגעחזרט אין יעדער דור מיט ייִדיש־געשיכטלעכער וואַריאַציע.

אונדזער דור האָט זיך אָבער באַקוועם געלייגט אַ ווייכן פּסוק צוקאָפּנס: נצח ישראל לא ישקר — און דאָס גיט אַ געלעגנהייט צו חלור־

מען פוילע אָבער זיסע חלומות. איז גערעכט געווען אונדזער ח יי ם ג ר י נ־ב ע ר ג ביים אויסשרייען: אוי, האָט ער שוין נישט איינמאָל געשקרט! אַ יידישע פערזענלעכקייט פונעם אַלטן רוסלאַנד האָט מיר אַמאָל דערציילט: אין אַ כאָר־שול פון אַ געוויסער גרויס־שטאָט (אינעם צאַרישן רוסלאַנד) איז פאָרגעקומען אַ נאַציאָנאַלע אַסיפה מיט אַ קינסטלערישן פּראָגראַם. דער חזן האָט דערביי געזונגען מיט גרויס פּאַטאָס דעם פּסוק „ נ צ ח י ש ר א ל ל א י ש ק ר ". אָבער היות ווי דער כאָר האָט אין לידער בלויז מיטגעזונגען דאָס לעצטע וואָרט — האָט זיך איבער די קעפּ צעטראָגן דער כאָראַלער באַ־גלייט־אויסרוף: י ש ק ר . . . ישקר... ישקר!!!

אָפטמאָל זעען מיר, וויאַזוי היפּשע מחנות פון יידן קלאַמערן זיך אינעם לייכטן אָפּטימיזם — וואָס מען שטאַרקט נאָך דערמיט, אַז דאָס איז טראַדי־ציאָנעל־יידיש. מען לייגט זיך פייגעלעך אין בוזעם צוליב פּשוטער טאָט־פוילקייט. אָבער אָפּיציעל הייסט עס: היות ווי מיר זענען גוטע ברודער מיטן „נצח ישראל" — האָבן מיר סיווי פאַר גאָרנישט קיין מורא. מיר קלאַפּן דעם „לא ישקר" גוטמוטיק אויף דער פּלייצע, אַזויווי ער וואָלט געווען אַ טרייער „מעמבער" פון אונדזערס אַ „ברענטש" — הגם דער גאַנצער כאָר פון די אַרומיקע אומשטענדן שרייט מיט אַלע כוחות: ישקר! ישקר!...

אַזאַ „בטחון" איז פּשוט דער אַנטי־קלימאַקס פונעם יידישן געדאַנקען־גאַנג. דער קיום פון יידישקייט מוז ליגן אויפן געוויסן ווי אַ באַרג. אַפילו דער נצח ישראל אַליין האָט אָנגעזאָגט דאָס געבאָט: „העלפן זאָלסטו העלפן מ י ט א י ם " — דעם בעל־הבית פון דער משא. טאָמער פוילט זיך דער בעל־הבית אַליין אונטערצושטעלן אַן אַקסל — ביסטו נישט מחויב אים צו העלפן. טאָמער זעט מען דאָס זעלבע בילד אין נאַציאָנאַלן פאַרמעסט — קען אויך די יידישע אייביקייט צומאַכן אַן אויג: זאָלן זיי פאַלן... עס וועלן דער־ביי נישט העלפן אַלע טעאָרעטישע פּרינציפּ־אויפקלערונגען פון „ווער איז אַ ייד" וכדומה.

פונקט ווי עס איז פאַראַן אין יידישקייט די גרויסע מצווה פון הייבן ביי יענעם דאָס געמיט — אַזוי איז אויך פאַראַן אַ מצווה פון קעמפן מיט אומ־רעאַלער אַליין־צופרידנקייט; מיט יעדער פוסטער דעמאָנסטראַציע, ווו מען שיסט מיט רויך און מען שרייט נאָך דערביי עקזאַלטירט: פ יי ע ר ! דער ציוניסטישער „יאוש" האָט דורך אַזאַ פעסימיזם דערפירט צו מדינת ישראל. און מי־יודע וויפל מען וואָלט געווען אויפגעטון אינעם זאַט־צופרידענעם און יידישן אַמעריקע, ווען יידן זאָלן געווען האָבן דעם יידישן צוגאַנג פאַרן אויג; געווען געדענקען דעם „וגילו ברעדה", אַז אַפילו פ ר יי ע ן זיך דאַרף מען מיט אַ ציטער. דאָס נישט־גלויבן אַלע רעדנערישע עפעקטן, נאָר קאָנטראָלירן

יעדן הורא־געשריי, געהערט אויך צו די אַלט־נייע פּרינציפּן, וואָס דאַרפן מחייב זיין דעם מאָדערנעם ייִד.

*****

דאָ אַלץ איז נאָך גאָר ווייט פונעם פולן ייִדישקייטס־פּראָגראַם בזמן הזה — צו וועלכן מיר צילן. אָבער אָן אַזעלכע ערשטע כללים, האָט אַפילו קיין זין נישט צו זוכן אַן ענטפער אויף דער קשיה „ווער איז אַ ייִד?". וויפל מען זאָל ביי אונדז נישט אָנדרשענען וועגן ייִדישקייט — אָן דעם וועג צו מעשים — וועלן מיר אַלץ בלייבן נישט מער ווי אַן אויסטערלישער קוריאָז: אַ פּאַלק מיט אַ פראַגע־צייכן.

ניו־יאָרק, 1958

ר׳ ישׂראל סאַלאַנטער שרייבט אַ בריוו

מיט אַן ערך דרייצן יאָר צוריק איז די דאָזיקע אַרבעט דערשינען, אין ניו־יאָרקער „אידישער קעמפער״, ווי אַ בעלעטריזירטע עסיי. סיי די בעלעטריסטישע פאָרעם און סיי דער עסייאיסטישער נוסח באַפרייען אייגנטלעך אַ מחבר פון היסטאָריש־דאָקומענטאַרער פּינקטלעכקייט. האָב איך זיך דערלויבט צו באַנוצן מיט אַ ריי געהערטע מעשׂהס אין דער קינדהייט, ברעקלעך פון דער מוסר־ליטעראַטור און אויך — מיט אייגענער פאָרשטעלונג און אויסטייטש.

איך האָב בשעת־מעשׂה נישט געקענט וויסן, אַז טייל מענטשן וועלן אין די געשילדערטע פּערזאָנען דערקענען זייערע נאָענטע און ליבע. ווען דאָס איז אָבער געשען, זענען געקומען פאָרווורפן: הלמאַי זיינען פאַראַן אַ צאָל קליינע פּרטים, וואָס שטימען נישט מיטן „היסטאָרישן אמת״? הגם די דאָזיקע טענות זענען ריין־שרייבעריש נ י ש ט באַרעכטיקט, האָב איך באַשלאָסן צו ענדערן געוויסע נעמען. פּשוט: בכדי קיינעם נישט וויי צו טון.

סיי די קאַנווע, סיי די געדאַנקלעכע זייט זענען אין הסכם מיט דער וואָרער אַטמאָספערע פון יענער צייט, די שילדערישע אויסטייטשונג איז אָבער אַ פ ר יי ע. וויפל די אָנגעגעבענע פּרטים זאָלן נישט דערמאָנען אין דער אָדער יענער פּערזאָן — מחוץ ר׳ ישׂראלן און זיינע באַקאַנטע תּלמידים — זענען זיי אָבער נישט אויסן קיין פולע אידענטיפיקאַציע.

א.

אין דעם אָפּגעזונדערטן, טונקעלן חדר האָבן זיך געלאָשן די לעצטע ברעקלעך טאָג. די טיר איז געווען צוגעשלאָסן. די פענצטער זענען געבליבן שווער־פאַרהאָנגען און בלויז עטלעכע דינע שטראַלן האָבן באַוויזן אַדורכצוזיפּן די גאַרדינען. איצט, ביים לעצטן שקיעה־צאַפּל, האָבן זיי זיך געקורטשעט, קלענער געוואָרן און בלייכער. זייער פריידיקער ציטער האָט פאַרלוירן דעם גאָלדענעם גלאַנץ, בעת זיי האָבן זיך געטוליעט צו די האָסטיקע טריט.

שוין דריי טעג זיצט דאָ ר׳ ישׂראל סאַלאַנטער אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט, בלעטערט די פּאָר מוסר־ספרים און שפּרייזט, פון גרויס צער, אַהין און צוריק. ער האָט געוואָלט זיין אָפּגעזונדערט — און קען נישט. דורך דער צוגעשפּאַרטער טיר רייסט זיך אַריין אַ שטאַרקער אָפּהילך פון טריט, אויפגעהייטערטע קולות און חדווהדיקע ניגונים. אַביסל ווייטער שטייט־איין דער חסידישער רבי פון זיסמיר, ר׳ חיים טשערסקי. נו, שטייען דאָרט אָפּן די

טירן טאָג און נאַכט. מענטשן קומען און גייען. טיילמאָל דערטראָגן זיך צו ר׳ ישראלן שטילע געוויינען און טיילמאָל ברעכט אויס אַ נצחונדיק געזאַנג. פונעם קאָרידאָרל כאַפּט ער אויף די פרייד פון געבן זיך שלום־עליכם, פון צופרידענע זיפצן; איינער האָט שוין באַוויזן צו באַרירן דעם רבינס האַנט, אַ צווייטער גייט שוין צוריק מיט אַ באַקומענער ברכה... ער דערהערט אַפילו דאָס געפילדער פון גבאים און משמשים, וואָס ווילן צוימען דעם גרויסן געדראַנג.

איצט, אין די פאַרנאַכטיקע שעהן, איז דאָרט נאָך רעשיקער. ער ווייסט: חסידים קומען פון אַלע זייטן, שטעלן זיך דאַווענען מיט היימישער דביקות, הערן אַ וואָרט תורה און נעמען אַ לעק „לחיים״. באַלד צעפלאַקערט זיך גאָר אַ הייס ריקודל און די אַפּהילכן פון טאַנצנדיקע פיס דערציילן אים עפּעס, פירן אַ וויכוח מיטן אָפּגעשלאָסענעם ריגל פון זיין טיר. פאַרבענקטע ניגונים רייסן זיך, ווילן דערהערט ווערן אומעטום און וווּנדערן זיך: פאַרוואָס איז דאָ צוגעשפּאַרט דער וועג?

ער איז גאָר־גאָר טרויעריק, דער ליטווישער גאון. דערפאַר לויפט ער אַרום איבערן צימער, איילט ערגעץ אין דמיון, אַזוי ווי ער וואָלט עמעצן געוואָלט דעריאָגן און אַריבערלויפן. די האַרטע וואַנט טרייבט אים אָבער צוריק און ער מוז זיך ווידער אַוועקזעצן ביים זויבער־געדעקטן טישל. שוין צום וויפלטן מאָל עפנט ער דאָס קליינע ספרל, וואָס ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג האָט אַרויסגעגעבן מיט אַ צייט צוריק אין דייטשלאַנד. ס׳איז ר׳ משה קורדיווירוס „תומר דבורה״, אָבער ער מישט גאָר די בלעטלעך פון אַ בריוו, וואָס איז געדרוקט צוזאַמען מיטן אַלטן ספר.

די שניידיקע ווערטער פונעם „אגרת המוסר״ לויכטן איצט אויף פאַר אים מיט איבעראַשנדיקער פרישקייט און ער ציט זיי אַריין אַלץ טיפער און טיפער אין די קעמערלעך פון געדאַנק. אינעם בין־השמשות, ווען די שטראַלן פון דער זון לעשן זיך ביי זיינע פיס, וויל ר׳ ישראל אַפילו נישט געדענקען, אַז די ווערטער זענען זיינע אייגענע. ס׳איז גוט, וואָס ער האָט אויף זיי נישט אָנגעגעבן זיין נאָמען. סיי ווי זענען זיי צו אים געקומען ווי אַ בשורה, ווי אַ דערמאָנונג און ער האָט זיי איבערגעשיקט צו אַנדערע. בלויז אַ שליח־להולכה איז ער געוואָרן. קיין מ ח ב ר האָט ער נישט געוואָלט ווערן. אויך איצט באַטראַכט ער יעדעס וואָרט מיט חידוש, וויקלט אָפּ דעם גאַנצן גאָרן מחשבות, וואָס זענען דערויף אָנגעוואַקסן. וואָס מער יאָרן עס זענען אָפּגעלאָפן, זינט ער האָט אָנגעשריבן דעם בריוו, אַלץ נייער שיינען פאַר אים די אייגענע שורות:

דער מענטש איז פריי אין זיין דמיון און געבונדן אין זיין פאַרשטאַנד. זיין דמיון פאַרפירט אים אויף די וועגן פון זיין האַרצס ווילן און ער שרעקט זיך נישט פאַר דעם זיכערן, וואָס וועט קומען — ווען גאָט וועט אים דערמאָנען

אַלע זיינע מעשים. מיט שווערע ריטער וועט ער געשטראָפט ווערן און קיין צווייטער וועט פאַר אים נישט באַצוואונגען ווערן. ער אַליין וועט אויסטראָגן די פרוכטן פון זיין זינד. ער איז איינער —! — — ווי איז צום דמיון, דער שרעקלעכער שונא! מיר האָבן (אָבער) דעם כוח אים צו דערווייטערן, ווען מיר זאָלן צולייגן אַ האַרכנדיק אויער צום שכל, קלוג צו ווערן איבערן וואָרט פון אמת... אָבער וואָס זאָלן מיר טון? די פאַנטאַזיע איז אַ פלייצנדיקער טייך און דער שכל קען (דאָרט) דערטרונקען ווערן, אויב מיר זאָלן אים נישט פירן אויף קיין שיף — דאָס איז די נשמהדיקע שפּירעוודיקייט און דער שטורעם פון גייסט...

וואָס האָט ער געוואָלט אין יענעם „בריוו”? אויסבויען די שיף, אין וועלכן דער שכל זאָל זיך קענען טראָגן איבער די כוואַליעס פון דער פאַנטאַזיע. ס'איז אַ שיף, ווו עס איז קיין סך אָרט נישטאָ. יעדער מענטש מוז זי אויסבויען בלויז פאַר זיך. נישטאָ קיין אָרט פאַר נאָך איינעם. גאָט איז איינער און אויך דער מענטש איז... איינער. פאַר זיינע זינד וועט מען קיין צווייטן נישט באַשטראָפן און פון יענעמס לויטערקייט וועט ער נישט געלייטערט ווערן. מענטשן זענען אינדזלען אינעם פאַנטאַסטישן ים. נישטאָ אַזאַ איינזאַם באַשעפעניש ווי דער בן־אדם. ער אַליין באַשאַפט זיינע שטורעמס און בלויז ער אַליין קען זיי איינשטילן. אמת: פאַראַן סיגנאַל־טורעמס פון אַלע זייטן. אָבער זיי ווייזן נאָר וואָס ער אַליין קען טון פאַר זיין רעטונג. וויבאַלד זיינע אייגענע הענט זענען אַראָפּגעלאָזט, וועלן די העכסטע טורעמס אים גאָרנישט העלפן. מעג ער זיך דרייען אַרום זיי, אַרויפקוקן, באַוווּנדערן — — —

צענדליקער יאָרן שוין, זינט ער האָט אָנגעהויבן בויען די געפּאַנצערטע שיף פאַרן מענטשלעכן שכל. אַ גאַנץ לעבן האָט ער זיך געטראָגן איבער דער וועלט, געזוכט דאָס זיכערסטע מיטל פאַר דער פאַנטאַסטישער כוואַליע. האָט ער עס געפונען?

ב.

די חסידישע ניגונים אינעם ווייטלעכן חדר האָבן אים עפּעס דערמאָנט. זיי, די ייִדן פון יענער צייט, האָבן זיך באַשאַפן אַן אייגענע אויסדערוויילטקייט. דעם צווייטן צד האָבן זיי אָפּגעפּטרט מיט אַ ווערטל: מתנגדים האָבן געשאַפן ספרים און די חסידים — מענטשן. דערווייל אָבער ווערן די חסידישע שטיבלעך פאַרוואָרפן מיט הונדערטער נייע ספרים און קונטרסים, בעת ער — דער יורש פון דורות מתנגדים — האָט ביז איצט קיין איין ספר נישט אָנגעשריבן. ער האָט זיך גאָר די גאַנצע צייט געיאָגט נאָכן מענטש, געוואָלט אַריינדרינגען אין אַלע זיינע פאַרבאָרגנסטע קעמערלעך און דערגיין אַ טאָלק: וואָר איז ער אייגנטלעך? וואָס

טרייבט אים? כל־זמן ער האָט נישט משיג געווען דאָס גרויסע ספר, וואָס גאָט האָט נאָך אָנגעשריבן אויפן זעקסטן טאָג פונעם וועלט־באַשאַף, טאַפּן אַלע שענסטע ווערטער אין דער פינצטער.

ספרים... זיי האָבן טיילמאָל אַ כוח צו באַרויִקן, פאַרטראָגן דעם מענטש אין ווייטע הימלען. פּונקט ווי יונה־הנביא אין ווינקל פון אַ שיף, אַזוי דרעמלט דער מענטש אין די ווינקלען פון ש״י עולמות. אָבער דער שטורעם רייצט די כוואַליעס. יעדער בשר־ודם איז אַ באַלאַגערטע פעסטונג. אָנשטאָט קוקן אין מרחקים, זאָל ער בעסער זען צי דער שונא האָט נישט אַריינגעשטעלט זיין פוס אין אייגענעם האַרץ. וואָס לויפן זיי אַזוי, די חסידים אין קאָרידאָר? זיי לויפן זיך דערוואָרעמען ביי אַ צווייטנס ליכט. ס׳איז זיי גוט, וואָס דער רבי איז גרויס. אַנטלויפן זיי פון זיך צו אים. אָבער די מענטשלעכע שלאַכט איז אַן אינערלעכע. ביידע אַרמייען שטעקן אין יעדער האַרץ באַזונדער — און וווהין דו זאָלסט נישט דערלויפן, טראָגסטו זיי ווייטער מיט זיך.

ער ווייסט, ר׳ ישראל, אַז ערגעצוווּ זיצן ייִדישע חוקרים און ווילן דער־גיין צום שפּיץ: וואָס טיילט אָפּ די חסידישע שיטה פון דער מתנגדישער? ער אָבער האַלט נאָך נישט ביי פּרטים. דערווייל זעט ער בלויז, ווי דאָרט ציט זיך אַ שטראָם פון יחידים — וואָס קענען מיט זיך אַליין נישט בלייבן. זיי גיסן זיך אַריין אין אַ ציבור, זענען זיך מתדבק אין איין גרויסער פיגור: דער צדיק וועט שוין אַלעמען צוזאַמען דערהייבן מיט זיך. מילא... ער קען אָבער נישט דערלאָזן, אַז דער יחיד זאָל פאַרגעסן אין זיין יחידישקייט. אין זיינע מוסר־שטיבלעך פון קאָוונע, אַלעקסאָט און ווילנע מוז יעדער באַזונדער זיך מתבודד זיין; בלייבן בלויז מיט זיך אַליין... דערזען וואָס־מער און וואָס־בולטער די אייגענע איינזאַמקייט. ס׳באַפאַלט דערפון אַ פּחד? זיכער. אָבער דער מענטש איז אַ שלאַכטפעלד, ווו מען מוז דערזען אַלצדינג קלאָר און אָפן. דאָס אַריינפאַלן אין אַ מאַסע פאַרשטעלט טיילמאָל דאָס אייגענע געוועב...

„די גרויסע מלחמה״ — האָט רבינו בחיי עס אָנגערופן. די מלחמה פונעם יצר־הרע און זיינע זעלנער. די דאָזיקע סאָלדאַטן פון שלעכטס האָבן באַזעצט אַלע פּאָזיציעס. זיי זענען אויסגעוואַקסן צוזאַמען מיטן מענטש און צעשיקן זייערע שפּיאָנען אין אַלע אברים. שוין די גמרא האָט געוווּסט, ווער עס שטייט זיי צום דינסט: דאָס האַרץ וואָס גלוסט, דאָס אויג וואָס זעט, דאָס אויער וואָס הערט. ר׳ ישראל האָט בלויז צוגעגעבן: די פאַנטאַזיע וואָס פאַרבלענדט... פון דעם אַלעם ווערט אויסגעוועבט די מלחמה־נעץ, וואָס שפּרייט זיך אויס פונעם וויגל ביז צום קבר. ווי באַהאַלטענע שטרויכלונגען, צוגעדעקט מיט גראָז, לויערן די סאָלדאַטן פון רשעות אין אַלע פאַרבאָרגענישן. אויב דער באַוווּסטזיין קען זיי אַנטדעקן — פאַרשאַנצן זיי זיך אינעם הינטערבאַ־

וווּסטזיין, אין די געהיימסטע קעמערלעך פונעם מענטשלעכן לאַבירינט. פון דאָרט גרייפן זיי אָן, שפּרייטן זיי אויס דעם אומבאַמערקטן גיפט. זאָל ער עס נישט דערזען ביז דער לעצטער מינוט, ביז דער לעצטער רגע!

ר׳ ישראל איז נישט געווען דער ערשטער, וואָס האָט באַמערקט די דאָזיקע שלאַכט אין די אונטערשטע קעמערלעך פון דער מענטשלעכער נשמה. ער האָט זי אָבער דעמאַסקירט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט; אַלאַרמירט וועגן דער סכנה אויפן העכסטן קול. פּונקט ווי זיין רבינס, רבי פון ווילנע, * האָט ער מורא געהאַט פאַרן ציבורדיקן רויש — אַפילו ווען ער קומט פאָר אין בית־המדרש. דער מענטש אין דער מאַסע קען מער הערן שלעכטע רייד, מער זען און מקנא זיין. דאַרף ער האָבן וואָס־מער געלעגנהייטן צו בלייבן אויג אויף אויג מיט זיך; קענען אַריינקוקן וואָס־מער אין די אייגענע אינגעווייד. דאָס זיין אַרומגערינגלט מיט אַנדערע שטעלט אויס דעם יחיד צו שכחה; צום טיילווייזן פאַרגעסן אין זיך. דערפאַר האָט ער געוואָלט אויפשניידן יעדער האַרץ באַזונדער; אַריינטרייבן דעם מענטש אין יענעם ווינקל פון איינזאַמקייט, ווו ער דאַרף זיך פאַר קיינעם נישט שעמען; ווו ער קען אַפילו די מיאוסטע ווונד צורוקן צום אויג און קוקן, קוקן און פאַרשטיין — — — דאָס האַרץ, האָט ער דעמאָלט געשריבן, איז פינצטער, דערפאַר זענען מיר אַלע ווי בלינדע. אויב מען וויל דאָרט עפּעס באַמערקן, מוז מען אָנשטעלן אַ טעלעסקאָפּ: „פּונקט ווי שטערן קענען זיין גרעסער ווי דער ערד־קויל און דאָך זעען זיי אויס ווי קליינע פּינטעלעך”, אַזוי איז עס אויך מיט מענטשלעכע שוואַכקייטן. זיי זענען אי קליין און אי אומגעהויער־גרויס. דער צעפלאָסענער דמיון *פאַרדעקט* זיי, בעת דער שכל *אַנטדעקט* זיי, דעקט זיי אויף.

וואָס האָט ער געוואָלט? קודם־כל אַ וואָס־אָפּטערע „באַגעגעניש” צווישן מענטש און זיינע אייגענע פאַרבאָרגנקייטן. זאָל ער נישט לויפן זוכן קיין אויסערלעכע גערוישן און טומלענישן, נאָר בעסער אָנשטעלן דעם שכלדיקן „טעלעסקאָפּ” אויף די אייגענע אינערלעכקייטן. ווער נאָך קען דאָרט אַזוי טיף אַריינבליקן ווי ער אַליין? האָט ער אַרומגעטראָגן די דאָזיקע עצה איבער שטעט און לענדער. געציילטע האָבן אים געהערט, אָבער אַ סך מער האָבן זיך דערשראָקן פאַר אַזאַ קאָנפראָנטאַציע.

דער מענטש איז פון דער נאַטור אַ נייגעריק באַשעפעניש. שוין דער ערשטער *אדם* איז געשטרויכלט געוואָרן מחמת צופיל נייגעריקייט: ער

* זיין רבי, ר׳ יוסף זונדל, איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ חיים וואַלאָזשינער — דער חיכּטיקסטער תלמיד פונעם ווילנער גאון.

וויל וויסן מער ווי ער ווייסט און מער וויפל זיינע כוחות קענען אויסטראָגן. ער קוקט נאָך די פייגל אונטערן הימל, די פיש אין די וואַסערן און רייסט זיך מיטן אומגעזעטיקטן אויג צום שליסל־לאָך פונעם אַנדערן. אָן דער מענטש־לעכער נייגעריקייט קען נישט געמאָלט זיין קיין לשון־הרע, קיין רכילות, קיין דברים בטלים... אָבער אין איין ווינקל האָט ער מורא צו וואַרפן אַ טיפערן בליק: אין זיך אַליין. טויזנטער יאָרן בעטן זיך ביי אים אַלע חכמים פון דער וועלט: ד ע א ת ע צ מ ד... באַקען קודם זיך אַליין! אָבער ער וויל בעסער באַקענען י ע נ ע ם, מיט אַלע זיינע כשרע און טריפהנע סודות. זיך אַליין האָט ער געגוג צו באַקענען דורכן אויבערפלעכלעכן שפיגל. האָט אים ר׳ ישראל געוואָלט שלעפן צו התבודדות, צום אינערלעכן בליק, צום שליסן די אמתע קאַנטשאַפט מיט זיך.

טיילמאָל איז ער זיכער געווען: ער האָט עס באַוויזן. אָבער איצט, אינעם אָפּגעזונדערטן חדרל פון אַ פעטערבורגער האָטעל, איז ער ווידער באַפאַלן געוואָרן פון ספיקות. אָן אַלטער, ברענענדיקער ווייטיק האָט אויפגעוואַכט, נישט געגעבן קיין רו. וויל ער אים צעטרעטן מיט יעדער האַסטיקן טראָט. אָבער ס׳איז נישט מעגלעך. אַ כמעט־פאַרגעסענער שאָטן איז ווידער לעבעדיק געוואָרן, אַריינגעפלויגן דורך די צוגעהעמערטע פענצטער און אים אַרויסגע־רופן אויף פאַרהער:

— נו, „דער שכל מוז געהיטן ווערן אין אַ שיף". אָבער ווי איז דער דין, רבי מיינער, אויב די שיף אַליין פאַרדרייט זיך?

דאָ, אין דער ריזיקער הויפּטשטאָט פון דער רוסישער מדינה, האָט ר׳ ישראל גופא מורא אַריינצוקוקן אין זיינס אַ באַהאַלטענער וווּנד. אָבער ער מוז. אַלע זיינע רפואות האָט ער קודם־כל אויסגעפּרוווט אויף זיך אַליין. די מוסר־באַוועגונג האָט זיך קודם געמוזט אָנהייבן באַוועגן פון אים. אַ גאַנץ לעבן האָט ער בלויז מוסר געזאָגט זיך אַליין. זאָל ער אַצינד אויסמיידן די פּיינלעכע וווּנד? אין זכרון האָט פאַר אים אַ פלאַטער געטון דאָס בילד פון זיין יוגנט:

אַ ווילנער בית־המדרש. ער איז קוים דרייסיק יאָר אַלט. דאַרף ער איצט באַווייזן אין אַ דרשה זיין גרויסע חריפות. ער ווייסט, אַז דאָ זענען פאַראַן קעגנער. דערפאַר וויל ער זיי איבעראַשן. איין קשיה קייטלט זיך אין דער צווייטער און איין תירוץ נאָכן צווייטן צערייסן די דינע פלאָנטערן. נאָר מיט־אָמאָל ווערט פיינלעך שטיל: אַ העזהדיקער בחור וואַרפט אַרויף צום באַלע־מער אַ בייסיקע שאלה, וואָס צעשמעטערט זיינע אַלע חריפותן. אַ סעקונדע בלייבט דעם עולם פאַרגליווערט. זיין פלינקער מוח וויל אים ראַטעווען פון קלעם. צענדליקער תירוצים ווערן געבוירן מיטאַמאָל. יעדער איינער פון זיי

קען צעטומלען דעם מחוצף, אים פאַרשטאָפּן דאָס מויל. אָבער איין צאַרט פּעדעמל פון געוויסן וואַנדערט אַרום אין מוח, וואָרנט אים: זיי זענען אַלע פּאַלש. דער בחור איז פאַרט גערעכט. אין אַ בליציקן הרף־עין פילט ער די גאַנצע שלאַכט, וועגן וועלכער ער האָט דערנאָך אַלאַרמירט דאָס גאַנצע לעבן: איין מחשבה האָט שנעל געטענהט, אַז קיינער וועט זיך נישט כאַפּן. זיין גאַנצער כבוד שטייט אין קאָן... מוז ער אים ראַטעווען! דאַרף ער ענטפערן וואָס שנעלער, פאַרבלענדן די מוחות און אַרויס דער זיגער. ס'איז אַ חטא? מילא... פאַראַן תשובה אויף דער וועלט. דאָס וועט ער באַווייזן שפּע־טער. דאָס וועט ער פאַרגלעטן שטילערהייט. אַז נישט — איז די מפּלה אַן אָפענע. דאָס פּעדעמל פון אינערלעכן אמת האָט אָבער געוואָרנט: נישטאָ קיין פּשרות! ביסט באַזיגט געוואָרן... וואָס טוט מען? נישטאָ קיין אַנדער עצה ווי אויסשרייען הויך, אויפן קול, אַז דער גאַנצער עולם זאָל הערן: ישראל! ביסט אומגערעכט... גיי אַראָפּ פון באַלעמער — — — *

טאַקע דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן זיין לאַנגער וועג איבערן אינערלעכן תהום. ווייַ־געשריגן, וואָס ער האָט דאָרט אַלץ אַנטדעקט! זאָל ער איצט נישט גובר זיין דעם נסיון? אָבער היינט איז אים אַ סך שווערער. דעם איי־גענעם כבוד האָט ער שוין לאַנג צעטרעטן ווי אַ נמאסן וואָרעם. אָבער דאָ גייט אין עפּעס מער, אין כלל ישראל. ווייסט ער נישט. וויל ער אייגנטלעך מער נישט קלערן — און דער מוח הייבט זיך פאָרט פון גרויס צער. טאַקע דערפאַר איז ער שוין אָפּגעשלאָסן דעם דר'יטן מעת־לעת: רבונו של עולם, שענק מיר אַ ברעקל פון דיין אומבאַגרענעצטן שכל!

ג.

דאָס צאַרישע פּעטערבורג. ער האָט דאָ קיינמאָל נישט געלעבט — און דאָך האָט ער מיט דער שטאָט לאַנגע חשבונות. פון ווי־ווייט האָט ער דאָ געליטן שאַרפע מפּלות און אויך אָפּגעהאַלטן נצחונות. וויפל דער צאַרי־שער הויף האָט נישט געשטערט די ייִדן אַריינצודרינגען אין דער הייליקער פעסטונג — זענען זיי דאָ. עס פעלן דאָ נישט קיין פאַרשמייעטע חסידים פּר־גנעם זיסמירער רבין. והראיה: אָט רוישן זייערע טריט אינעם קאָרידאָר... אָט זינגען זיי דאָרט, טאַנצן, פּראַווען זיך ביי זייער רבין. אַפילו ער, ר' ישראל האָט דאָ תלמידים. וואָס דאַרף מען מער? אַפילו דער רב פון אַן עדה ייִדן אין דער הויפּטשטאָט איז זיינס אַ טרייער תלמיד. אוי, ווען ר' איצעלע זאָל וויסן! אויך צו ר' ישראלס טיר וואָלט מען מסתמא געקומען פון אַלע זייטן. אַ

* לויט ר' יוסף יוזל הורוויץ, אין „מדרגת האדם".

סברא, אַז אַפילו ער אַליין — דער לומדישער באַראָן גינזבורג, וואָס האָט גרויס אַנזען צווישן שרים — וואָלט געקומען אים אָפּגעבן כבוד. אָבער קיינער ווייסט נאָך דערווייל נישט, אויב ער איז דאָ. דערפאַר קלאַפּט נישט קיינער אין זיין טיר.

קיינער איז אַ שטיקל גוזמא. איין ייִד האָט יאָ אייגנטלעך אָנגעקלאַפּט תיכף דעם ערשטן טאָג. ס'איז געווען ר' חיים טשערטקי. ער האָט איבערגעלאָזט אַלע זיינע חסידים און זיך צוגעשלייכט צו ר' ישראלס טיר. מחמת כבוד־התורה האָט אים ר' ישראל אַריינגעבעטן, אַפילו צוגערוקט אַ שטול, געוואָרט עניוותדיק אויף זיין וואָרט...

ווייל ער איז דער באַרימטער רבי? לאַוו־דווקא. כבוד־הבריות איז פאַר ר' ישראלן איינער פון די וויכטיקסטע עיקרים. אַפילו פאַר אַ פּראָסטן בעל־העגלה וואָלט ער אַזוי געשטאַנען. נאָר ר' חיים האָט נישט געהאַט קיין צייט. ער איז בלויז געקומען געבן שלום און שטיין געבליבן מיט אַ וווּנדער אויפן גאַנצן פנים. ר' ישראל האָט שפּעטער נישט געוואָלט וויסן, אויב דעם רבינס שאלה איז געקומען מחמת גרויס צופרידנקייט אָדער טיפן צער. ער האָט בלויז געהערט:

— ווזשע זענען זיי?

ביידע האָבן געהאַט תלמידים אין די זעלבע שטעט. טיילמאָל האָט דאָס זיסמירער שטיבל אַריבערגעבליקט צו דער מוסר־ישיבה פון ר' ישראלן און אין „צד" האָט שטילערהייט געפאָרשט דעם צווייטן: ווו קלאַפּט דער ייִדישער דפק שטאַרקער? דוכט זיך, אַז דער רבי פון חב"ד, ר' שמואל האָט דער ערשטער געזאָגט: היות ווי דער רבונו של עולם האָט זיך מרחם געווען אויף די מתנגדים, וואָס ווילן נישט מקבל זיין אויף זיך דעם יאָך פון אַ חסידישן רבין, האָט ער זיי צוגעשיקט ר' ישראל סאַלאַנטער. זאָלן זיי טאַקע מיינען, אַז זיי זענען ווייטער מתנגדים — אָבער אַ רבין האָבן זיי פאַרט... איז איצט ר' חיים געקומען זען, ווי אַזוי די ליטוואַקעס באַגייען זיך מיט זייער אדמו"ר.

ר' ישראל איז אים אַנטקעגנגעלאָפן, גרייט געווען אים צו באַדינען מיט אַלץ וואָס ער איז מחויב לויטן דין און לויט מוסר. אָבער ר' חיים האָט בלויז אַדורכגעבליקט די שאַרפע שקיעה, וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אויף די ווענט, דעם טיש, אויפן צעוואָרפענעם בעטל:

— ווו זענען זיי? אויב נישט ביי אייך, טאָ ווו קענען זיי זיין?

באַלד האָט זיך צוגעמאַכט די טיר. פון דאָרט האָבן זיך ווידער דערטראָגן די התלהבותדיקע ניגונים. אַ סברא, אַז דער רבי האָט אָפּגעדונגען עטלעכע חדרים מיטאַמאָל און אַלע זענען דאָרט פול מיט טאַנץ. איצט האָבן

זייערע ניגונים, וואָס שפּאַרן אָן ביי ר׳ ישראלס טיר, אָן אָפּן לשון. זיי זענען מער נישט ברוגז, פאַרוואָס ער לאָזט זיי נישט אַריין. אדרבא: זיי טריומפירן, פרעגן, שפּאָסן אַפילו: אָט זענען מיר! אַדורכגעבראָכן אַלע פּייטערבורגער מכשולים און... געקומען. אָבער זיי? ווו זענען א י ע ר ע חסידים? פאַר־וואָס הערט מען נישט ביי אייך אַפילו דעם פאַרפרוירן־אייזיקן מוסר־ניגון?

ר׳ ישראל וואָלט אַפילו אין אַנדערע צייטן קיינעם נישט דערציילט, אַז אויך „זיינע" ליטוואַקעס קענען אַרומרינגלען זייער מוסר־רבין און דביקהן זיך פון יעדן וואָרט. ווען ער קומט קיין ווילנע, קאָוונע, אָדער מעמל — איז שוין גאָרנישט קאָלט. ז יי קומען אין די טויזנטער און אים באַפאַלט פּשוט אַ פחד פונעם יראת־הכבוד, וואָס עס ווערט אים אַרויסגעוויזן. נישט איינמאָל וואָלט ער גרייט געווען אויסצוטון די שיך, זיך מבזה מאַכן מיט אַלע כוחות, אַבי צו פאַלן אין זייערע אויגן. האָט ער געלאָזט הענגען די ביטערע שאלה ווי אַ וואָלקן, הגם אייך גאָט ווייסט דעם אמת: ער איז אַביסל צעטומלט גע־וואָרן. זאָגן, אַז „זיי" וואָלטן אויך צו אים געלאָפן, ווען ער לאָזט זיי וויסן? וואָסזשע טוט מען מיטן „שומעין חרפתן ואינן משיבים"? אַ גאַנץ לעבן האָט ער געאַקערט דאָס אייגענע האַרץ און דאָרט געפלאַנצט ענוות. די מאָס פון יענעם פאַרצייטישן חסיד, אַז לויב און בזיון דאַרפן זיין גלייך ביים מענטש, האָט ער שוין כמעט דערגרייכט. וועט ער זיך איצט אַרויסשטעלן? זאָל בע־סער בלייבן דער איינדרוק, אַז ער איז „אַן אַלטער, קראַנקער אָרעמאַן". אָבער פאָרט: פאַרוואָס זאָל צוליב ז יי ן ענוות בלייבן הענגען אַ חשד אויף אַזויפיל יידן, זיינע תלמידים?

אָבער ער טאָר זיך נישט לאָזן אַראָפּפירן פון וועג. נישט צוליב דעם האָט ער זיך מתבודד געווען. בסך־הכל איז ער גאָרנישט אַליין. חסידישע רביים זע־נען קיינמאָל — אַזוי זאָגט מען — נישט אַליין. אין זייער חדר־מיוחד קומען מלאכים, תנאים, הויכע נשמות פון פאַרצייטנס. ר׳ ישראל האָט אַפילו נישט געפּרוּווט פאַרבעטן קיין הימלישע געסט. ס׳איז אַ קונץ צו וואַקסן מיט אַנ־דערעס כוח? איצט האָט ער בלויז אַרויסגערופן צו זיך לעבעדיקע פּנימער און אין זיין שטילער, אויסגעקליבענער עלנט וויל ער מיט זיי פאַרענדיקן אַ לאַנגן וויכוח. ער וויל נאָכאַמאָל אַדורכזען אַלע זייערע ראַנגלענישן, פאַרשטיין זייע־רע נסיונות, זוכן פאַר זיי אַ תיקון כל־זמן זיי לעבן נאָך. דער חסידישער רבי קען נאָכלויפן זיינע תלמידים אין קבר, זיי אַרויסשלעפּן אַפילו פונעם גיהנום. ר׳ ישראל ווייסט אָבער נישט, ווי אַזוי מען קען עס מאַכן. יענע זייט לעבן געהערט צום בורא־עולם. דערפאַר זוכט ער נאָר צו דערגרייכן דעם ל ע ב ע־ד י ק ן מענטש, וואָס קען נאָך עפּעס צורעכט־מאַכן, איידער ער נידערט אַראָפּ אין גרוב... „כל־זמן דאָס ליכטעלע ברענט" — ווי ער האָט עס גע־הערט פון אַ ווילנער שוסטער אין דער טיפקייט פון אַ פּעכיקער נאַכט.

פעטערבורג! ער האָט דאָ אַן אייגענעם קבר. נישט ווייט פונעם האָטעל רוען די ביינער פון זיין וואונדערלעכן זון, וואָס איז אַוועק פון טאַטן און געוואָרן פּראָפעסאָר פאַר גויִישע סטודענטן. וואָלט ער אייגנטלעך געדאַרפט גיין זיך אויסשפּרייטן אויפן קבר פון זיין ליכטיקסטער האָפענונג. אָבער דאָ איז שוין דער חשבון אָפּגעשלאָסן. ער וועט עס טון שפּעטער, ווי עס דאַרף טון יעדער טרויער־באַשלאָגענער טאַטע. אָבער וו אָ ס קען ער שוין ענד׳ערן דערמיט? דער בעל־המוסר, ר׳ ישראל סאַלאַנטער, מוז פריִער אויסגלייכן דעם חשבון, וואָס קען געסילוקט ווערן פ אַ ר ן בית־עולם. דערפאַר טאַקע האָט ר׳ חיימס שאלה נישט געוואָלט אָפּטרעטן, עפּעס געמאָנט.

ער איז געווען אַ גוטער צוהערער, ר׳ ישראל. ער האָט צעפּאַלמעסט אַלע געהערטע ווערטער, אַרויסגעצויגן פון זיי אַלע באַגראָבענע מיינען. אַ וואָרט פון אַ בעל־מלאכה האָט ער געקענט לערנען אַ גאַנצע נאַכט בעיון־רב; ווען אַ שמש האָט פאַרקויפט עליות אין בית־המדרש, האָט ער עפּעס „דערהערט" און זיך צעוויינט; אַ שוסטערס ווערטל וועגן אַ צעריסענעם שוך האָט ער לאַנגע יאָרן געחזרט אין די מוסר־שטיבלעך פון אַלעקסאָט. מענטשלעכע ווערטער קומען נישט פון פוסטן חלל. זיי ווערן אויסגעטראָגן פון אַ האַרץ, פון אַ מוח. אַמאָל ווייסן די זאָגער אַליין נישט וואָס זיי האָבן געזאָגט — אָבער ער הערט, פאַרשט, וויל דערגיין דעם אמתן פשט: אַ נשמה האָט דאָך זיי געבוירן!

— וו וּ זענען ז יי ? דאָס האָט אים געפרעגט אַ מנהיג־ישראל. אָבער די דאָזיקע פראַגע האָט זיך ר׳ ישראל נאָך פריִער געשטעלט. דערפאַר טאַקע האָט ער אַזוי האַסטיק אַרומגעשפּרייזט. ער האָט זיך נאָכאַמאָל דערמאָנט אָפּגעלאָפענע יאָרן, אָפּגעטוענע מעשים, פאַרשווונדענע פּנימער און מיטאַמאָל האָט זיך דער גאַנצער ווייטיק אָפּגעשטעלט אויף איינעם: אוי, ווו איז ער איצט? ער — זיין בעסטער תלמיד, דוד־מאיר...

ד.

ער האָט געהאַט אַ סך רביים אין זיין לעבן. וואָס שייך עניוות, האָט ער זי געקענט לערנען ביים אייגענעם טאַטן, ר׳ וואָלף ליפּקין. אויסער ביים גאָונישן פאָטער, האָט ער אויך געלערנט תורה ביי אויסגעקלויבענע רבנים — און טאַקע אַ סך אויסגעלערנט. די תורה איז צו אים געווען מילדז, חבריש־צוגעלאָזט און ביי צוועלף יאָר האָט זיין נאָמען זיך געטראָגן איבער דער מדינה. באַקומען אַ שם אין אַזאַ לומדיש־אָנגעפּראָפּט לאַנד, ווי דאָס מתנגדישע ליטע, איז נישט געווען פון די קלייניקייטן. באַקומען יונגערהייט דעם צייכן פון אַ גאון ד אָ ר ט און אין יענער צייט? דאָס האָט זיכער געקענט פירן

צום העכסטן כבוד־באַרג, צו אַ לייטישער רבנות און צופרידנקייט מיט זיך אַליין.

ווי אַזוי איז פון אים געוואָרן דער באַשיידנסטער מענטש פון זיין דור? פאַרוואָס האָט ער זיך געמאַטערט אַ גאַנץ לעבן פאַרן ע ר ל ע כ ן ביסן? פאַרוואָס האָט מען קוים באַוויזן אָפצוראַטעווען אַ פּאָר תורה־ווערטער פון זיין מויל — און זיי פאַרצייכענען ווי אַ ן זיין וויסן? אַ תשובה דערויף דאַרף מען זוכן ביי זיין וויכטיקסטן רבין. הגם ער האָט „געגאָסן וואַסער" אויף די הענט פון באַרימטע רבנים און געשעפּט פון זיי אַ סך תורה — האָט ער בעיקר אַרויס־געהויבן זיין לעצטן רבין. דאָס איז געווען אַ ייִד, וואָס האָט קיין רבנות נישט געפירט און אַפילו נישט געחלומט פון איבערלאָזן תלמידים. עס איז אפשר כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין די בריוו צו ר' ישראלן האָט זיך דער דאָזיקער ייִד אַלעמאָל אונטערגעשריבן: א ב י ך זונדל מסאַלאַנט... ווי אַ רבי האָט ער זיך נישט געוואָלט האַלטן; ווי אַ חבר האָט ער זיך, למען האמת, נישט געקענט באַטראַכטן — איז געבליבן די פשרה פון פ אָ ט ע ר ל ע כ ן געפיל.

נאָך ביים רבינס לעבן — ווען ר' ישראל אַליין איז שוין געווען אין די שפּעטע פערציקער אָדער ערשטע פופציקער — האָט ער אים פאַרגעשטעלט אין אַ קורצער באַמערקונג: „ביז איצט האָב איך נישט דערגרייכט זיינע קנעכל. ער איז געווען אַ סולם מוצב ארצה (אַ לייטער וואָס שפּאַרט זיך אָן אין ערדישקייט, לויטן מעטאַפאָרישן מיין); אַ פאַרנומענער מיט מסחר־גע־דאַנקען, צו זוכן זיין פרנסה ווי דער שטייגער פון באַלעבאַטים וואָס די מחיה קומט זיי אָן שווער — און זיין קאָפּ האָט געגרייכט די הימלען, מיט געגוג־גרויסער מאַטערניש (בטרדה גדולה מדי) פאַר זיין נשמה־לעבן..." („אור ישראל", סימן כט).

לכתחילה זענען ביידע, דער עלטערער ר' זונדל און דער יונגער ר' ישראל, געווען תלמידים ביים זעלבן רבין — דער סאַלאַנטער רב, ר' הערש ברוידא. ווי עס זעט אָבער אויס, האָט דאָן ר' ישראל רעכט נישט באַמערקט זיין שפּעטערדיקן הויפּט־רבין. ערשט ווען ר' ישראל אַליין איז שוין געוואָרן אַ רבי פון תלמידים, האָט ער אים מיטאַמאָל אַנטפּלעקט... און געבליבן יע־נעמס איינציקער תלמיד אויפן גאַנצן לעבן. וואָס האָט אים אַזוי פאַרכאַפּט? נו, עס איז שוין געשריבן געוואָרן: יענעמס אומגעוויינטלעכע פשטות. ר' ישראל אַליין באַוואונדערט קודם־כל ר' זונדלס „פּראַקטיש" לערנען. ער האָט בעיקר געלערנט דאָס, וואָס מ ע ן ד אַ ר ף ב אַ ל ד מ ק יי ם ז יי ן. ער האָט נישט געוואָלט אַרויסציִען פון דער תורה דעם תענוג פון „קענען" — נאָר געוואָלט וויסן ווי אַזוי צ ו ל ע ב ן. אָבער אומדירעקט זעען מיר

נאָך אַ שטריך, וואָס האָט דעם קעמפערישן ר׳ ישראל אַזוי צוגעצויגן: ער האָט געזען ווי אַזוי ר׳ זונדל מאַטערט זיך פאַר ב יי ד ע פּרנסות — דער מאַטעריעלער און גייסטיקער. דער גאון פון מוסר, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן באַטראַכט פאַר איין אומאויפהערלעכער שלאַכט, האָט אין זיין רבין דערזען דעם טרייסטן „זעלנער״ אין דער גרויסער מלחמה. גייסטיקע גאַנצקייט איז ביי ר׳ ישראלן נישט געווען קיין איינמאָליקע דעראָבערונג: מען דערגרייכט אַ געוויסע מדרגה און דערנאָך קען מען לעבן פון גרייטן. זיין כלל איז געווען: אויב דו שטייגסט נישט כסדר העכער, מוזטו בגוואַלד אַראָפּגיין נידעריקער (אם אין אתה עולה מעלה־מעלה, על כרחך אתה יורד מטה־מטה). די מענטשלעכע מלחמה, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך די אינערלעכע כוחות, איז נישט קיין גלייכע: די שלעכטע זייט איז כסדר וואַך, בעת די גוטע זייט כאַפּט אַמאָל אַ דרימל (אתה ישן והוא ער לך). מוז מען כסדר טרייסלען די גוטע כוחות, זיי האַלטן גרייט צום ש ט ע נ ד י ק ן פאַרמעסט. האָט ער אין ר׳ זונדלען דערזען דעם אייביק־וואַכן אַרויפשטייגער.

ווי אַ שאַרף־זעעוודיקער רעאַליסט, האָט ר׳ ישראל זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז דער מענטש קען טאָג און נאַכט שטעקן „אין די הימלען״. אויב דאָס גוטע אינעם מענטש איז נאָר פאַרבונדן מיט ת ו ר ה ־ ל ע ר נ ע ן — מוז עס אַמאָל אויפהערן. דערפאַר האָט ער די גוטע זייט פונעם מענטשלעכן אויך אַריבערגעטראָגן צו דער גאַס, צו דער פּראַקטיש־טעגלעכער התנהגות. ת ו ר ה מיינט אייגנטלעך אויך: עסן, שלאָפן, האַנדלען, שמועסן, אַרבעטן און אַפילו... פּטרן צייט. אויף יעדן פּיצל לעבן קען מען אַרויפלייגן דעם חותם פון גוטסקייט, בכדי עס זאָל חלילה צו קיין „וואָפנשטילשטאַנד״ מיטן אינערלעכן שונא נישט קומען. ווי אַזוי ד אָ ס קען געמאָלט זיין — האָט ער נישט באַוויזן צו לערנען ביי זיינע אַנדערע רביים. זיי האָבן אים נאָר געגעבן די תורה פון ספרים; אָבער די תורה פונעם אַלטעגלעכן לעבן האָט ער געלערנט ביים סוחר ר׳ זונדל. ווי עס דערציילט ר׳ ישראלס תלמיד, ר׳ איצל פּעטערבורגער, האָט ר׳ ישראל ממש „געציילט די טריט״ פון זיין רבין; אים נאָכגעגאַנגען באַהאַלטענערהייט, אַפילו ווען יענער איז געגאַנגען שפּאַצירן אין פעלד („שערי אור״, פּרק ז). דערפאַר זעען מיר, אַז ער האָט פון ר׳ זונדלען כמעט ווי גאָרנישט פאַרצייכנט — וואָס שייך תורה־חידושים — הגם ער האָט ביי אים אַזוי לאַנג געלערנט. דעם הויפּט־חידוש האָט ער דערזען אין יענעמס ש ט ע נ ד י ק ע ר גוטסקייט; אין זיין נישט־אָפּלאָזן אויף אַ רגע דעם גרויסן עול — און דאָס לאָזט זיך אַפילו נישט פאַרשרייבן.

ה.

ערשט איצט, אין זיין פעטערבורגער חדר־מיוחד — ווען ר׳ ישראל באַטראַכט זיין גרוי־געוואָרענע באָרד — קען ער באַגרייפן דעם גרויסן נס, וואָס האָט מיט אים פּאַסירט: ער איז אייגנטלעך געגאַנגען קעגן דער גאַנצער וועלט. מילא די משכּילים, וואָס האָבן מיט אים געפירט אַ קאַמף, האָט ער פאַרשטאַנען. זיי האָבן געשפּירט, אַז ער קומט שטורעמען זייערע פעסטונגען און זיך געמוזט אָפּוועךן. די צרה איז אָבער, וואָס אויך טייל רבנים האָבן געפירט אַ מלחמה קעגן אים. וואָס האָבן ז יי זיך אַזוי דערשראָקן? בסך־הכל האָט ער געוואָלט מ׳זאָל לערנען מוסר און ווערן פרומער. טאָ וואָס איז דער רעש? נו, קיין תּירוצים האָבן נישט געפעלט. קען זיין, אַז זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר דער גרויסער עצבֿות, וואָס זיינע רייד האָבן געקענט אָניאָגן: קענסט לערנען אַלע דיינע יאָרן — און דאָך זאָלסטו נישט זיין זיכער מיט זיך. די שטענדיקע אויפרודערונג, דאָס אייביקע יאָגן זיך און ציטערן — קען אַריינטרייבן אין יאוש. ווער האָט עס כּח אַרומצוגיין כּסדר מיט אויפגעריסענע אויגן? אָבער בעיקר האָט מסתּמא פאַרדראָסן זיין שוואַכע האָפענונג אויפן ב ל ו י ז ן תּורה־לערנען. צו אַלע מכּות איז ביז־איצט געווען איין רפואה: טרעפט דיך דער יצר־הרעדיקער מנובל — שלעפּ אים אין בית־המדרש... אומצייליקע מאמרים האָבן אָנגעזאָגט, אַז מיטן לערנען תּורה האָט מען דערגרייכט דאָס העכסטע. דערפאַר איז דער לומדישער קלאַס במילא אויפגעהויבן געוואָרן צום סאַמע שפּיץ. איז געקומען ר׳ ישראל און אַוועקגעשטעלט אַ האַרבע שאלה: וו ע ל כ ע תּורה? אויך ער האָט אייגנטלעך גאָרנישט מחדש געווען, נאָר אַרויסבאַקומען זיין שיטה פון גוט־באַקאַנטע מאמרים. אָבער זיי האָבן ביי אים באַקומען אַ נייעם טעם. ער האָט זיך געשראָקן אויך פאַרן בית־המדרש, אויב די פּוסטקייט זאָל דאָרט לאָזן אָרט פאַרן יצר־הרע. ער האָט גענומען ערנסט דעם אַלטן מאמר, אַז אויב מען איז נישט זוכה — קען אַפילו די תּורה אַליין פאַרוואַנדלט ווערן אין ס ם ־ ה מ ו ו ת. דערפון דרינגט מען במילא, אַז לומדות גופא קען אַמאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין ג י פ ט. דאָס האָט ג ע מ ו ז ט אָנוואַרפן אַ פחד.

די א ו י ב ע ר ש ט ע שיכט „תּורה" האָט ער געלערנט ביי אַנדערע רבנים; דעם א י נ ע ר ל ע כ ן זין פון תּורה האָט ער געלערנט ביי ר׳ זונדלען... און דער אינערלעכער זין, ממש די נ ש מ ה פון תּורה, האָט אַמאָל געוויזן פּונקט פאַרקערט ווי אַלע מיינען. ער האָט גענומען אַריינטראָגן עטישן ש כ ל אין אַלטע דינים; געוואָלט דערמיט פאַרטיפן דאָס מענטשלעכע אינעם הימלישן — און פאַרשריגן געוואָרן פון אַלע זייטן: די משכּילים האָבן געהאַלטן, אַז ער וויל נאָכמער פאַרפינצטערן דאָס יידישע געמיט; פרומע ווידער

האָבן מורא געהאַט פאַר קאַמופלירטן רעפאָרמיזם. אויב דאָס בלויזע לערנען תורה איז נישט קיין געהעריק שוץ־מיטל פאַר אַלע פלאָגן — ווהין קען מען דערגיין?

ווו האָט ער גענומען כח צו גיין קעגן אַלע שטראָמען? בלויז ביי יענעם באַהאַלטענעם צדיק. ער אַליין האָט שוין געהאַט אַדורכגעאַקערט אַלע וועגן פון ש״ס ופוסקים. מדרך הטבע וואָלט ער געמעגט טראַכטן, אַז ער איז שוין צוגעקומען צו דער לעצטער גרענעץ. ווייסט ער שוין אַלץ? אויב אַזוי, וואָס וועט ער לערנען אין די ווייטערדיקע יאָרן? און אפשר זענען פאַראַן פאַרבאָרגענע טיפקייטן, אין וועלכע ער איז נאָכנישט אַריינגעדרונגען? אין אַנדערע מקומות האָבן אַזעלכע עילויים געהאַט פאַר זיך אַ ווייטערדיקן עטאַפּ: ווי־באַלד זיי האָבן שוין „אָנגעפולט דעם בויך” מיט נ ג ל ה ; מיט די אָפענע קוואַלן פון פשט — האָבן זיי זיך אַריבערגעוואָרפן צו נ ס ת ר ; צו די פאַר־באָרגענע טויערן פון רמז און סוד... פון זיי זענען אויסגעוואַקסן יענע מקובלים, וואָס האָבן צעשפּאַרט אַלע טויערן פון וואָרט, צעטיילט יעדעס אות און גע־בויערט מיטן מח אַלע באַהאַלטענע וועלטן. ווי נאָר די טיר צו קבלה האָט זיך געעפנט — איז געקומען די פאַנטאַסטישע אין־סופיקייט. גוט אָדער שלעכט? אין דער לומדישער ליטע איז דאָס נישט מעגלעך געווען*). איז געשען אַ נס, וואָס ר׳ ישראל האָט מיטאַמאָל דערקענט, אַז אויך די תורה פון נ ג ל ה האָט קיין ברעג נישט. גיב נאָר אַ זוך די טיפערע מיינען פון אַ דין, אַ מאמר, אַ מנהג — און דו זעסט פאַר זיך אַן אומענדלעכקייט. אַלץ איז טאַקע אָפן און קלאָר — אָבער פון יעדער אות שפּרינגען אַרויס לאָגישע ח י ד ו ש י ם ; גייקייטן פון ייִדישן באַנעם, וואָס קיינער האָט זיי ביז איצט נישט באַמערקט אָדער נישט געוואָלט באַמערקן.

ר׳ זונדל האָט מיט אים נישט געדאַרפט זיצן איבערן אָפענעם ספר און פאַר אים אָפּטייטשן איין בלאַט נגלה נאָכן צווייטן. פאַר ר׳ ישראלן איז גע־נוג געווען צו קומען אין ר׳ זונדלס שטוב, נאָכקוקן וויאַזוי ער גייט אין גאַס, וויאַזוי ער זיצט אויף זיין שטול און וויאַזוי ער שלאָגט אויס פרנסה — בכדי צו לערנען פונעם ספר, וואָס פאַרמאַכט זיך נישט אַפילו אויף קיין רגע: דאָס לויפנדיקע ל ע ב ן . ס׳איז פאַר אים גענוג געווען אָנצושטויסן זיך אויף ר׳ זונדלען אין פעלד און הערן פון אים איין זאַץ. דאָס איז געוואָרן דער געזוכ־טער שליסל. יענער האָט געוווסט, אַז דאָ שטייט פאַר אים דער ייִנגער גאון, וואָס „רייסט אויס בערג און צעמאָלט זיי איינס אינעם צווייטן”; ער ווייסט וויפל תורה ר׳ ישראל פאַרמאָגט — און דאָך אַנטפלעקט ער נישט פאַר אים

* אין די עלטערע יאָרן האָט ער יאָ געלערנט קבלה — אָבער קיינעם נישט דערציילט וועגן דעם.

קיין נייע סודות, עפּנט נישט פאַר אים קיין פאַרבאָרגענע וועלטן אָדער סוד־געהילטע הימלען:

— ישראל, האָט ער אים געזאָגט, לערן מוסר וועסטו ווערן אַ פרומער ייִד...

ער, דער חריף ובקי, וואָס רירט זיך נישט אַרויס פונעם תורה־געצעלט, דאַרף ערשט ווערן אַ ירא־שמים. ער האַלט, הייסט עס, ערשט ביים אָנהייב. וויאַזוי? אַ סימן, אַז ער דאַרף נאָכאַמאָל צעעפענען אַלע ספרים; אויפסניי אַריינקוקן אין דעם וואָס ער ווייסט שוין אַזוי גוט און דערזען וואָס ער ווייסט נאָך אַלץ נישט. פון דעמאָלט אָן איז תורה ביי אים געוואָרן די גאַנצע וועלט: דער זיפץ פון אַ פאַרהאָרעוועטער דינסט, דער שמייכל פון אַ קראַנק קינד, דאָס שווערע האַרץ פון אַ געבויגענעם זקן... די תורה איז אַרויס פונעם אָרון־קודש און אירע פּרשהס האָבן זיך געלאָזט לייענען פון צעקנייטשטע פּנימער, פון אַ צעפּיבערטן ווינט, פון די שטיינערנע מויערן, פון דעם טומל אויף אַלע גאַסן... ניין, אָן ר' זונדלען וואָלט ער פון אַזאַ תורה קיינמאָל נישט געוווסט.

ו.

צייטן לויפן און פאַרגייען. יאָרן קומען צופליִען און שוועבן אַוועק ווי צעפלאָשעטע פייגל. עס בלייבט נאָך זיי אַ מידער גוף מיט אַ שווערן באַרג זכרונות. בלויז די ווייסע שריפט אויפן קאָפּ און באָרד בלייבט זייער שטומע צוואה. יעדער גרוי־געוואָרענע האָר איז אַ מצבה נאָך אַ געשעעניש אינעם גרעסטן בנין פון דער וועלט — דער מענטש.

טאָקע דערפאַר קען דער פייערדיקער זקן פון ליטע זיך נישט באַרויִקן. ווילאַנג איז דען, זינט ער איז נאָכגעקראָכן ר' זונדלען? אַן אַנדער מענטש איז ער דעמאָלט געוואָרן. וואָס וואָלט ער דען געווען אָ ן אים? נאָך אַ גאון צווישן אַזויפיל גאונים. אפשר וואָלטן אין בעלי־הבתישע שרענק געשטאַנען נאָך עטלעכע נייע ספרים. ער וואָלט זיך באַזעצט אין אַ שטאָט, געפירט רבנות, געפּסקנט דין־תורות, געזאָגט דרשות, מחדש געווען נאָך עטלעכע הונדערט פּלפּולים. אָבער אין יענע באַהאַלטן־אָפענע היכלות וואָלט ער קיינמאָל נישט אָנגעשפּאַרט. איצט אָבער קען ער אַלע מצוות און עבירות אויף גאָר אַן אַנדער שטייגער. דהיינו?

פריִער וואָלט ער מקיים געווען מצוות גלייך ווי אַלע — און קיינמאָל נישט משיג געווען, מיט וויפל עבירות זיי קענען זיין פאַרבונדן. דאָס זעלבע פאַרקערט. איצט אָבער — מוזן זיי אַלע אַדורכגיין איין הויפּט־קאַנאַל: מענטשלעכקייט. אָט, למשל, איז ער אַמאָל געשטאַנען און אויסגעהערט לאַנגע

שעהן, וואָס אַ בעל־עגלה האָט אים דערציילט. עפּעס אַ מעשה פון אַ קאַליקע פערד, פון אַ ראָד וואָס האָט זיך צעבראָכן, פון אַ ווייב וואָס האָט לאַ־עליכם דעם גרויסן הוסט... שיינע ייִדן זענען פאַרבייגעגאַנגען און געשוויגן מחמת גרויס דרך־ארץ. אָבער איינער האָט זיך פאָרט נישט געקענט איינהאַלטן: ביטול־תורה? ביי חסידים וואָלט מען פון יעדן וואָרט געמאַכט סודות און רמזים. דאָס פערד — מיינט אַ „חיה" ביים כסא־הכבוד; דאָס ראָד איז די כנסת ישראל; דאָס ווייב איז נישט אַנדערש ווי די מטרוניתא. אָבער דער מתנגדישער ר' ישראל האָט נאָר געוווסט איינס: יענער מוז זיך פאַר עמעצן אויסוויינען. איז דאָס אויסהערן אים נישט ווייניקער מצווה ווי לערנען. אויב נישט מער. געבן אַ קאָפּיקע מיינט צדקה. מכל־שכן דאָס אָפּגעבן אַ פּאָר טייערע שעה אַן אביון!

און אַז ס'קומט צו דינים: אין שולחן־ערוך שטייט טאַקע וויפל וואַסער עס מוז זיין אין דער קוואָרט, בעת מען וואַשט זיך צום עסן. אויב איינער גיסט מער ווי דער שיעור — איז עס אַוודאי אָנגעלייגט אין הימל. אָבער ווען ער איז געווען צוגאַסט ביי אַ קאַוונער עושר, האָט ער קוים באַנעצט די פינגער. באשו', ער האָט פריִער דערזען דורכן פענצטער, וויאַזוי די הויז־דינסט שלעפּט די קאַנען וואַסער באַרג־אַרויף... זי האָט קוים געאָטעמט פון דער שווערער משא. פשוטע פרומקייט מיינט: גיסן וואָס מער וואַסער, בכדי יוצא צו זיין דעם „שיעור" לכל־הדעות... אָבער אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער גיסט בלוט אויף די הענט. דער שולחן־ערוך האָט טאַקע געפּסקנט אַזוי — אָבער ר' זונדלס תורה האָט צוגעשאַרפט זיין געהער פאַרן פּראַצעדיקן קרעכץ פון דער אָרעמער דינסט. זיין פרום אויף יענעמס כח — איז די האַרבסטע עבירה.

און אַז ייִדן שטייען־אויף אין חודש אלול פאַרטאָג צום דאַווענען — איז שלעכט? אָבער ר' ישראל האָט דערהערט, אַז טייל פון זיי וועקן אויף די מידע דינסט פון שלאָף, בכדי זי זאָל צושטעלן דעם סאַמאָוואַר. האָט ער געהאַלטן אַ פייערדיקע דרשה: דער צעשטערטער שלאָף פון דער פאַרהאָרעוועטער דינסט איז מער ווערט ווי אַלע סליחות, וואָס די גאַנצע שטאָט וועט שפּעטער זאָגן... און אַז ער האָט געגעבן אַ קוק אויף דער לעצטער באַנק אין אַן אכסניה — און ס'איז געקומען די צייט פון דאַווענען בציבור — איז ער ווייטער געבליבן ליגן. וואָס איז? ביים אויפשטיין, וואָלט ער געמוזט אויפוועקן די אַנדערע אָרעמעלייט. צו זיינס אַ תלמיד, וואָס איז אַמאָל געקראַכן איבער פרעמדע געלעגערס, בכדי צו נעמען נעגל־וואַסער, האָט ר' ישראל געזאָגט פשוט און קלאָר:

— צוגזלען ביי מענטשן דעם שלאָף איז אַן עבירה מדאורייתא, בעת דאָס גיסן נעגל־וואַסער איז נאָר מדרבנן...

פון װאַנעט זאָלן זײ דער װיסן, אַז צוגזלען בײ יענעם אַ מינוט רו איז פּונקט װי צורויבן אַ פּרוטה פון טאַש? אָט זענען דאָ פרומע לײט, װאָס װאַרפן אַװעק אַן אײ צוליב אַ בלוט־טראָפּן. אָבער דעם ביסן, אין װעלכן עס איז אַרײנגעמישט אַ מענטשלעכער טראָפּן בלוט, שלינגען זײ אַראָפּ מיט אַ ברכה... אַלע מעכאַניש־אָנגענומענע דינים האָבן בײ אים באַקומען אַ נײעם ז י ן. דערפאַר זענען אַ סך גרענעצן איבערגערוקט געװאָרן: פרומע ייִדן, למשל, האָבן געציטערט פאַר אַ חשש חמץ. דערפאַר האָבן זײ געטריבן די אַרבעטער, צו דערלאַנגערן שנעלער די מצה צום פײער — און יענע האָבן זיך באַגאָסן פון שװײס. ר׳ ישראל האָט אָבער געװאָרנט: אַ חמצדיקע מ צ ו ה איז האַרבער װי אַ חמצדיקע מ צ ה. דאָס טײג איז טאַקע נישט זױער געװאָרן פון דער לופט — אָבער װיפל זױערקײט איז דאָרט אַרײן פון די שװערע קרעכצן? *

ער האָט חלילה קײן דין נישט געװאָלט רירן פון אָרט. ער װאָלט קײנעם פון די אָפּגעציטערטע חסידים, אָדער פרומע מתנגדים, נישט געזאָגט קײן װאָרט, הלמאַי ז ײ װילן אָפּהיטן דאָס מינדסטע פּינטעלע. אָבער אויף װעמענס חשבון? ער האָט בלויז געװאָלט ראַטעװען די דינים פון מעכאַנישקײט און זײ געבן דעם מענטשלעך־שכלדיקן מיין. דערפאַר זענען אַ סך פּסוקים בײ אים אַרויסגעקומען אַ נ ד ע ר ש, הגם די תורה איז בײ אַלעמען די זעלבע. אָט, למשל, איז אַ ייִד אַרײנגעשפּרונגען האַסטיק אין שול, בכדי אַרײנצוכאַפּן נאָך אַ קדושה. אַ מצװה? זיכער. אָבער פון גרויס אײלעניש האָט ער דערװײל עמעצן אָנגעטראָטן אויפן פוס. איז שוין גלײכער, אַז ער זאָל געװען בלײבן אין דרויסן. אַ צװײטער האָט געװאָלט פאַרכאַפּן די לעצטע מנחה, אײדער עס װערט שפּעט — און דערװײל אָפּגעריבן דעם גלאַנץ פון אַ צװײטנס שוך. האָט ער טאַקע באַװיזן צו דאַװענען מנחה אין צײט — אָבער עובר געװען אויף גזילה, װײל שוך־פּאַסטע קאָסט געלט.

קלײניקײטן? אָבער זײ האָבן געענדערט דעם גאַנצן זין פון פרומקײט. אַלע דינים זענען מיטאַמאָל געלײגט געװאָרן אויף עטישע װאָגשאָלן. יעדער טאַט האָט קודם־כל געהאַט דעם אינערלעכן באַראָמעטער: װערט דער מענטש פון איר אײדעלער, אָדער גרעבער? פּשוטע זאַכן. אָבער זײ האָבן גענומען אָפּהילכן מיט אויסערגעװײנטלעכן חידוש. די זעלבע תורה װי אין אַלע דורות — און דאָך האָט זי טײלמאָל אויסגעזען װי נײ; אָקאָרשט־אַנטדעקט.

28 יאָר איז ר׳ ישראל אַלט געװען, װען דער 52־יעריקער ר׳ זונדל האָט עולה געװען קײן ארץ־ישראל. דאָרט האָט ר׳ זונדל נאָך געלעבט װײטערדיקע

---

* עפּעס ענלעכס דערצײלט די חסידישע מסורה װעגן ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעװער. אָבער בײ ר׳ ישראלן איז עס — אַ היסטאָריש־פעסטגעשטעלטער פאַקט.

28 יאָר און זיך מער נישט אַרויסגערירט פון ירושלים. איבער דער צייט איז ר׳ ישראל אַליין געוואָרן אַ רבי פון טויזנטער תלמידים. זיי אַליין זענען שוין געוואָרן גדולים. אָבער ווען דער 56־יעריקער ר׳ ישראל האָט געהערט וועגן זיין רבינס פּטירה — האָט ער געריסן קריעה און זיך צעוויינט, ווי אַ קליינער און הילפלאָזער יתום. ע ר האָט אים געגעבן דעם נייעם קוק און דאָס איז נישט מעגלעך געווען צו פאַרגעסן.

ז.

אַזאַ אומגעוויינטלעכע צוגעבונדנקייט צו אַ רבין, וואָלט אייגנטלעך גע־דאַרפט מיינען: גיין אין יענעמס דרכים. די העכסטע מאָס טריישאַפט צו גאָט איז דאָס „מתדבק זיין זיך אין זיינע מידות״. פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט בכן געדאַרפט ווערן נ אָ ך א ר׳ ז ו נ ד ל. אָבער געשען איז פּונקט פאַרקערט: ר׳ ישראל איז אַוועק אויף גאָר אַנדערע וועגן. ר׳ זונדל איז גע־ווען כולו פּשטות — בעת ר׳ ישראל האָט זיך געגראָבן אין מענטשלעכן נפש ווי אין אַ טיפן ברונעם. ר׳ זונדל האָט זיך אויסבאַהאַלטן און אַפילו נישט געטראַכט פון אויפשטעלן תלמידים, בעת ר׳ ישראל האָט זיי געזוכט און דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעגעבן זיינע מוסר־קרייזלעך. ר׳ זונדל האָט נאָר געהאָ־רעוועט אויף זיך אַליין. דער איינציקער תלמיד זיינער האָט זיך כמעט ווי־„אַנגעוואָרפן״ אויף אים. דאָס זעלבע איז געווען מיט דער ירושלימער רבנות. ער האָט עס איבערגענומען אויף אַ קורצער צייט און זיך דערפֿין צוריקגע־צויגן, ווי נאָר זיין איידעם האָט עס געקענט איבערנעמען. אָבער ר׳ ישראל — שוין נאָך אַלע התבודדותן — האָט זיך געקלאַמערט אין קהל. ר׳ זונדל האָט כמעט אין אַלע זיינע יאָרן קיין דרשות נישט געהאַלטן, אַפילו פאַר גע־ציילטע. ר׳ ישראל אָבער האָט זיך געטראָגן איבער ליטע און רוסלאַנד, אָנ־געשפאַרט אין דייטשלאַנד און שוין איבער די זיבעציק — זיך פאַרטראָגן קיין פאַריז... אומעטום האָט ער געהאַלטן זיינע פייערדיקע דרשות.

דאָס וואָלט געווען אַ פּלא, ווען ר׳ ישראל זאָל געווען האַלטן פון מעכאַ־נישער נאָכמאַכונג. זיין לערנען פונעם רבין האָט אים אָבער געפירט צום אָפּשאַצן יעדנס כוחות באַזונדער. ער האָט געהאַלטן, אַז בלויז ר׳ זונדל דאַרף בלייבן ר׳ זונדל — ווייל דאָס איז זיין אמת געשטאַלט. ע ר אָבער דאַרף זיין ר׳ ישראל, ווייל אַזוי איז אים באַשערט. אימיטירן דעם רבין וואָלט געמיינט: פאַרקרומען דאָס גלייכע. יעדער מענטש האָט זיך זיינע באַזונדערע יאָכן. ר׳ ישראל האָט געמוזט שטורעמען, וויינען, בענקען און מחנך זיין וואָס מער.

ר׳ זונדל איז געווען אַ גרויסע וועלט — אָבער אַ שטילע, אַן אָפּגעשלאָסן־יחידישע, אַ געצוימט־רויקע. ער איז אויף שטענדיק פאַרבליבן דער ת ל מ י ד

פון דער תורה און דאָס איז פאַר אים געווען געצווונג. אויך זיין אייגענע וועלט איז פאַר אים געווען צו־גרויס. האָט ער נישט געקענט טראַכטן וועגן איבער־קערן די אינערלעכע וועלט פון אַנדערע; זיך נישט געוואָלט אַריינרייסן אינעם צווייטנס געמיט. אדרבא: ער האָט געוואָלט באַמערקט ווערן וואָס ווייניקער; און אויך ר׳ ישראל האָט אים געמוזט „לערנען״ פון אַ זייט — אַפילו פון באַהעלטעניש. שוין נאָך אַלע יאָרן האָט ר׳ ישראל געוווּסט, אַז דער רבי האָט פון אים אַ סך פאַרהוילן.

אייגנטלעך איז דאָס געפעלן ר׳ ישראלן. אויך ער האָט געחלומט צו ווערן אַ נחבא אל הכלים ווי דער רבי. ער האָט עס אָבער נישט געקענט. אמת: זיין גאַנצער מהות, דער טעמפּעראַמענט איז געווען אַנדערש — אָבער נישט דאָס האָט אים געשטערט. זיין גאַנץ לעבן האָט ער געווידמעט דעם קאַמף מיט די אינערלעכע כוחות — וואָלט ער אויך ז יי ן נאַטור געווען באַזיגט. ער האָט זיך אָבער איבערצייגט, אַז דעם רבינס ד ר ך קען נישט און טאָר נישט זיין קיין מוסטער פאַר אים. וועגן זיינע בענקשאַפטן צו בלייבן אַ נסתר דערציילט זיין תלמיד ר׳ יצחק בלאזער אין קורצע ווערטער: ער האָט זיך געוואָלט אויסבאַהאַלטן צ ווי ש ן מענטשן. ער האָט געוואָלט לעבן צווישן קהל, אָבער דער עולם זאָל נישט וויסן וואָס ער קען און ווייסט. אַפילו אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער אַ ז אַ לעבן געהאַלטן פאַרן גרעסטן גליק — פון וועלכן מען טאָר אָבער נ י ש ט געניסן. אויך דאָס איז שמאַלע־עגאָיזם הגם אַזוי ליכטיק באַשטראַלט. אין ר׳ איצלס לשון:

> פונקט ווי אינעם שטייגער פון עולם־הזה טאָר אַ מענטש, חלילה, נישט אָפּ־געבן זיין גאַנצע מי פאַרן אייגענעם מויל — ווייל די וועלט איז געבויט פון חסד און ער דאַרף טיילן זיין גוטס מיטן צווייטן... אַזוי איז אויך מיטן וועג פון עולם־הבא־לעבן: מען קען נישט זוכן און איינזאַמלען דאָס גאַנצע גליק פונעם גייסט בלויז פאַר זיך אַליין (נתיבות אור).

ר׳ ישראל גופא האָט דעם רבין חלילה נישט קריטיקירט. ער איז געווען אַ באַרעכטיקטער אויסנאַם, מכמה סיבות. אָבער קיין גאַנצע ש י ט ה טאָר עס נישט ווערן. ווען ער האָט געהערט וועגן אַ נסתר אין ווילנע, האָט ער טאַקע צוגעגעבן, אַז יענער מוז זיך פילן „זייער גליקלעך״ — אָבער ע ר קען עס נישט באַנעמען: ער גלייבט נישט, אַז אַ מענטש פון הויכער מדרגה „וועט זיך באַהאַלטן אין אַזאַ צייט... צו זיצן און שווייגן, נישט זאָרגן פאַר זיין דור...״ (דאָרט).

ר׳ יוסף זונדל? ער האָט באמת, אין זיינע אַכציק יאָר, נישט געקענט פאַרטיק ווערן מיט זיך אַליין. הגם ר׳ ישראל איז זיך „משער״, אַז ער איז געווען אַ „וועלט־ליכט״ — איז ער נישט באַשאַפן געוואָרן צו זיין ג ר ו י ס.

עפּעס איז ער כּאילו אַרויס פון די געוויינטלעכע מאָסן. ער האָט נישט גע־לערנט, נישט געזוכט די פרומקייט — נאָר פאַרוואַנדלט זיין גאַנצן גוף אין תורה. דער מענטש פון בלוט און פלייש האָט זיך פון אים ביסלעכווייז אָפּ־געשיילט — און ס׳איז פון אים געוואָרן אַ לעבעדיק ספר. איז נישט שייך צו קומען מיט פאָדערונגען צו אַ ספר, אַז עס זאָל גיין צווישן מענטשן, זיי וועקן, דערציִען. ווער עס וויל לערנען אַ ספר — גייט עס זוכן; בייגט ער זיך אָן צו די בלעטער און ציט פון דאָרט אַרויס וואָס ער איז נאָר מסוגל צו באַנעמען.

סיי וועגן רבין און סיי וועגן תלמיד זענען פאַראַן אַ סך וווּנדער־מעשׂהס. אָבער ר׳ ישׂראל קומט פון זיי אַרויס מענטשלעך־טיף, בעת ר׳ זונדל באַווייזט זיך אין איבערמענטשלעכער, ממש־מלאכישער פּשטות און תמימות. ר׳ ישׂראל האָט באַוויזן ווי הויך אַ מענטש קען שטייגן, בעת ר׳ זונדל האָט געמוזט בלייבן אָן איבערנאַטירלעכע דערשיינונג אַפילו פאַר זיינע נאָנטע. סיי זיין פלייש און סיי די ביינער זענען נאָר געווען כּלים פאַר דער תּורה. פון יעדער קער און ווענד האָט מען געקענט לייענען שורות פון דינים, זינט מתּן־תּורה ביז צום לעצטן פּוסק. נישט אומזיסט האָט ר׳ ישׂראל געזאָגט: ר׳ זונדלען דאַרף איך נישט הערן. איך קוק אויף אים — און לערן. כ׳זע אים עסן — בין איך משיג אַ דין; ווען ער טוט אויס אַ שוך — ווערט מיר פאַרענטפערט אַ האַרבע קשיה אין דער גמרא. אויף וואָס דאַרף אַזאַ מענטש זוכן תּלמידים? ווער עס קען, זאָל אויף אים קוקן; און ווער עס האָט נישט קיין אויגן — איז פאַר־פאַלן. אויך אַ ספר עפנט זיך נישט פון זיך אַליין...

דערפאַר האָט דער עלטערער ר׳ ישׂראל שפּעטער נישט געקענט פאַר־שטיין: ר׳ זונדל האָט אין דער צוואה זיך געהייסן שלעפּן מיט שטריק נאָכן טויט און ר׳ ישׂראל האָט דאָס ערשטע מאָל געהערט פון רבין אַ נישט־גלייכע זאַך. וויאַזוי האָט ער געקענט באַפעלן מחלל צו זיין אַ ספר? סיווי אָבער איז נישט מעגלעך געווען צו מעסטן ר׳ יוסף זונדלען מיט כּלים, וואָס ר׳ יש־ראל האָט געהאַלטן פאַר נייטיק אין מענטשלעכן לעבן. נישט ס׳איז מעגלעך געווען צו זיין מחולק מיט אים און נישט ס׳האָט געקענט געמאָלט זיין אַ שיטה פאַר אַנדערע לויטן לעבן, וואָס ר׳ זונדל האָט געפירט.

ח.

איז ער געווען נענטער צו חסידות ווי אַנדערע ליטווישע לומדים? איז ער געווען דער קלאַסישער פאַרשטייער פון דער געלייטערטער מתנגדות? ס׳איז שווער אַריינצופּאַסן ר׳ ישׂראל אין באַשטימטע ראַמען און אויך ער אַליין וואָלט זיך דערשראָקן פאַר פעסטגעשטעלטע כּללים. ער איז געווען דער אמתער דיאַלעקטיקער, איידער דאָס דאָזיקע וואָרט האָט אָפּגעהילכט אין

יידישע מקומות; ער איז געווען דער טיפער נשמה־אַנאַליטיקער, איידער דאָס איז געוואָרן שטרענגע וויסנשאַפט. דער מענטש, אַפילו אין זיין פאַרגליווערטער אומבאַוועגלעכקייט, איז פול מיט באַוועגונג און שפּאַנונג. דערפאַר קען מען אים נישט איינשפּאַנען אין אייביקע „כללים" ווי אין לייצעס. ה יי נ ט קען פאַר אים גוט זיין אַזאַ האַנדלונג — און מאָרגן קען זי פאַר אים ווערן שעד־לעך. דערפאַר האָט ער ק יי ן שיטה נישט געקענט אָננעמען אויף שטענדיק, פונקט ווי ער האָט זי נישט געקענט פאַרוואָרפן לעולם ועד.

פון זיין געהיטן מויל האָט מען כמעט נישט געקענט הערן פון וועמען ער׳ האַלט נישט. ער האָט פאַרשפּרייט זיין פ אַ ר און פאַרהוילן זיין ק ע ג ן. ס׳איז אָבער נישט שווער צו דרינגען, אַז די פאַרמעלע ח ס י ד ו ת איז אים נישט געווען צום האַרץ. דער מאַן פון דער יחידות־שיטה האָט אין דעם צי־בורדיקן צונויפשמעלץ נישט געקענט זען די אמתע רפואה. טיילמאָל האָט זיינס אַ ווערטל אַפילו אויפגעדעקט מער ווי אַ טפח. למשל:

די חסידישע ליטעראַטור איז פול מיט מופתים וועגן די גרויסע רביים. זייער כוח צו באַשטראָפן קעגנער איז דערביי נישט וויניק אונטערגעשטראָכן געוואָרן. איינער האָט באַליידיקט דעם רבין און דערפאַר נישט אויסגעלעבט די יאָרן? האָבן חסידים געזען דערין דעם רבינס יחוס אין די הימלען. ר׳ ישראלך, דעם גאון פון ברעכן אין זיך די מידות, האָבן אַזעלכע נסים בלויז געמוזט שאָקירן: וואָס איז דער חילוק, צי איינער הרגעט אַ מענטש מיט אַ האַמער אָדער... מיט אַ תפילה? אויב דער רבי איז טאַקע אַ צדיק — פאַרוואָס האָט ער נישט מוחל געווען? פאַרוואָס האָט ער זיך בכלל באַליידיקט?

איז זיין שיטה געווען צו־שטרענג? יאָ און ניין. פון זיך דאַרף מען פאָ־דערן אַלץ, אָבער פון צווייטן — גאָרנישט. אין זיך אַליין, למשל, האָט ער באַקעמפט די קלענסטע נטיה צו כבוד — אָבער דאָס האָט באַין־אופן נישט געמיינט, אַז דעם צווייטנס שטאָלץ מוז מען מבטל זיין. אדרבא: ער האָט זיך באַמיט אָפּצוגעבן יעדן איינעם דעם גרעסטן כבוד — הגם עס איז אַ מצווה צו זיין באַשיידן. גוטע מידות אויפן אייגענעם חשבון — זענען פיין. מצוות וואָס דאַרפן י ע נ ע ם לערנען עניוות, זענען שעדלעך. דער כלל איז גאָר פשוט: ד ו דאַרפסט אַנטלויפן פון כבוד, אָבער מאַך זיך צוליב דעם נישט קיין היתר מבזה צו זיין אַנדערע. אין דעם לשון פון ר׳ יצחק בלאזער:

> הגם פאַר זיך אַליין איז ער געווען אויסגעטון פון אַלע וועלט־גלוסטעניש... אָבער ווען עס האָט אָנגערירט אַ צווייטן, האָט ער געוווסט און געשפּירט אַלע מענטשלעכע גלוסטעניש, וועלעכצער און שטרעבונגען פון וועלט־זאַכן און איר פולקייט — — — אַנטלויפן פון כבוד איז אַ טייערע מידה, אָבער ווען דאָס רירט אָן אַ צווייטן, איז אַ חוב צו באַנוצן מיט דער גאַנצער קראַפט דאָס פאַר־קערטע... אַסקעטיזם איז אַ דערהויבענע מדרגה פאַר בני־עליה, אָבער נאָר ביים

מענטש פאַר זיך אַליין; ווען עס קומט צום נוצן און דער הנאה פון אַ צווייטן, איז אַ חוב צו באַנוצן זיך מיטן פאַרקערטן פון פרישות: מען דאַרף אַרויסגיין אויף די געמאַרקן און גאַסן און זוכן, בכדי פּ׳ל צו מאַכן די טובה פון יענעם...

ער אַליין האָט געציטערט פאַר פוסטע רייד. אָבער מיט איינעם וואָס האָט געהאַט אַ פאַרביטערט האַרץ האָט ער געשמועסט דברים־בטלים. ער האָט נאָך אַפילו צוגעגעבן: „מיט וואָס קען איך אים דערפרישן דאָס האַרץ? האָב איך געזאָלט מיט אים שמועסן פרומע רייד און מוסר־ענינים?“. ער אַליין האָט מוחל געווען באַליידיקונגען — אָבער נישט געלאָזט פוגע בכבוד זיין אַנדערע, ווייל מען טאָר נישט אויסרעכענען אויף יענעמס מחילה־חוב. בקיצור: כלפי זיך דאַרף מען זיין גאָר־שטרענג, לפנים משורת הדין; ווען עס קומט אָבער צו יענעם — דאַרף מען זיך פירן, ווי קיין דין און קיין שום צדקות וואָלטן נישט עקזיסטירט.

ווען עמעצער זאָל וועלן באַצייכענען ר׳ ישראלן ווי אַ שעפער פון אַן אינדיווידואַליסטישער שיטה (און מ׳האָט עס טאַקע געטון) — וואָלט ער נאָר געווען האַלב־גערעכט. זיך אַליין האָט ער איינגעשלאָסן אין אייזערנע צוואַנגען און דערפאַר האָט ער אויך געעצהט אַנדערע אַזוי צו טון. אָבער בלויז ג ע ע צ ה ט און נישט ג ע פ אָ ד ע ר ט. ביי זיין גאַנצער „יחידישקייט“ האָט ער קיינמאָל נישט געוואָלט באַרויבן קהל פון דעם חוב וואָס ע ר איז אים שולדיק.

דער שטרענגער תורה־ייִד האָט זיך נישט געקענט צונויפגיסן מיט קיין צד אינעם דעמאָלטיק־ייִדישן לעבן, פשוט דערפאַר ווייל ער האָט יעדער מצווה און יעדער מידה געזען פוןביידע זייטן. קאַנאַניזירטע געזעצן האָט ער געמוזט באַטראַכטן לויט סיטואַציעס; זיי געזען אין די ראַמען פון רעלאַטיווע אומשטענדן און עטישע קאַטעגאָריעס. מהאי־טעמא איז ער אַלעמאָל אַרומגערינגלט געוואָרן פון שווערע פּראָבלעמען — ווייל יעדער פרט פון פּאַרטיקער פרומקייט האָט ביי אים געמוזט ליגן אויף די נייסטע וואָגשאָלן. איז דען אַ וווּנדער, וואָס אַ סך פון זיין דור האָבן אים נישט פאַרשטאַנען? פאַרוואָס ע ר גופא איז טיילמאָל באַפאַלן געוואָרן פון ספיקות: האָט ער געהאַנדלט ריכטיק? איז ער באַגאַנגען אַ טעות? ס׳איז געווען אַ נייער גאַנג אויף אַלטע וועגן. דערפאַר האָבן די סתירות געלויערט אויף טריט און שריט. דאָס האָט געפאָדערט אַזויפיל חכמה און... געוואַגטקייט, אַז ער אַליין האָט זיך טיילמאָל געמוזט פרעגן: מעג ער אַזוי? דאָס איז געוואָרן זיין גרויסער זכות און זיין גרויסע טראַגעדיע.

ט.

דאָס ייִדישע לעבן אין דער ליטע האָט זיך געוואָקלט צווישן צוויי עקס־טרעמען: די משכּילים פון ר׳ ישראלס צייט האָבן געוואָלט ברעכן וואָס מער פונעם אַלטן ייִדישקייט־געפּעס. זיי האָבן גערעדט וועגן „פאַרלייכטערונגען״, אָבער זיי אַליין האָבן אייגנטלעך נישט געוווּסט ווּ זיי ווילן זיך אָפּשטעלן. האָבן זיי נישט געקענט ווערן די „העלדן״ פונעם קלאָר־קאָפּיקן ר׳ ישראל. ער האָט געפילט, אַז זיי וועלן סוף־כּל־סוף ברעכן צופיל צוימען. פון דער צווייטער זייט איז געשטאַנען די פרומע ייִדישקייט — און ר׳ ישראל וואָלט פון איר געמעגט זיין צופרידן. אָבער ער האָט פאַרט געשפּירט מיט אַלע חושים, אַז זי קען מער נישט אויסטראָגן די שווערע משא פון ייִדישן קיום אין די געענדערטע צייטן. פאַראַן פרומע ייִדן, רבנים, לומדים — און זיי היטן דעם שולחן־ערוך מיט אַלע תגן. נישט מער: עפּעס הויערט דער דין אויף זייער קאַרק ווי אַ שווערע משא. וואָס זאָלן זיי טון, אַז אַזוי שטייט געשריבן? זיי היטן ייִדישקייט פון אַלט־איינגעוואָרצלטער רגילות; ווייל אַזוי איז ייִדן אָנגעזאָגט געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק. זיי איז נאָך ליב דער דורות־דיקער עול — אָבער וואָס וועט זאָגן דער נייער דור?

האָט ער געוואָלט אַנטדעקן דאָס נייע אינעם אַלטן; באַלעבן יעדן אַלטן דין מיטן הויך פון נייקייט, געבן אים אַקטועלן זין, טיף־מענטשלעכע פאַרשטענדלעכקייט. ער האָט געזוכט דעם לעבעדיקן געדאַנק הינטער יעדן סייג, בכדי ער זאָל נישט דערשטיקט ווערן הינטער דער צייט־משא. דאָס האָט אים געמוזט פירן צום געדאַנק פון אינערלעכער איבערקערעניש; פון „רעווידירן״ אַ סך באַגריפן. פאַר טייל האָט עס געקענט אויסזען ווי אַ נטיה צו די „בער־לינער״ ראַבינער — אָבער דער אָדלער פון זאַגער האָט זיך דערפאַר נישט געשראָקן. יענע ווילן דאָך בלויז אָפּשוואַכן דאָס ייִדישקייט מיט זייערע שיינע רייד. אין אַ טונקל קעמערל פון זייער מוח ליגט שוין אַנגעגרייט דער סוף פונעם פסוק: ש מ ד . . . הגם זיי זענען עס נישט מודה, אַפילו פאַר זיך אַליין. ער אָבער וויל נאָר אָפּרייניקן דעם ייִדישן געדאַנק פון קרומע פסולתן. אָבער וויאַזוי? ר׳ ישראל האָט געוווּסט, אַז שטורעמען דאָס גאַנצע פאַלק מיטאַמאָל וועט אים ווייט נישט דערפירן. פריִער מוז ער איבעראַרבעטן יעדער מענטש באַזונדער — און ערשט ווען די יחידים וועלן זיך אויסלייטערן, קען ער טראַכטן פון אַ נייעם כּלל.

אַליין אַ ירא־שמים ביז די טיפסטע טיפענישן — האָט ער אַפילו נישט געטראַכט פון אויפטרייסלען הימלישע טראָגנען. מורא פאַר זינד און פאַר גאָטס שטראָף איז געווען איינער פון זיינע וויכטיקסטע לייט־מאָטיוון. דאָס האָט זיכער געמעגט באַרויִקן דעם עקסטרעם־פרומען צד. אָבער נאָכן אַוועקשטעלן

דעם הימל אין צענטער — האָט ער גענומען „איבערשטעלן" דאָס מעבל אי־נעם מענטשלעכן האַרץ. דער ייִדישער הימל איז בפירוש ביי אים געבליבן אויפן זעלבן אָרט, דערפאַר אָבער האָט ער גענומען טרייסלען מיט דער ייִדישער ערד. די באַציִונגען צווישן מענטש און גאָט — טאָרן זיך נישט ענדערן. אָבער די באַציִונגען צווישן מענטש און מענטשן — מוזן אַרויסגעריסן ווערן פון זייערע טעמפּע, רוטינע יסודות. יאָ, אויך די באַציִונג פונעם ייִד צו זיין טי־פערן „איך" מוז געענדערט ווערן.

אוודאי זענען געווען גענוג סיבות — אין דער סביבה ווו ער האָט גע־לעבט און געטראַכט — וואָס האָבן אים נישט געלאָזט פאַרגיין צו־ווייט. אָבער יענע שטאַרקע אָנהייבן, וואָס ער האָט געמאַכט, באַווייזן די טיפקייט פון זיינע חלומות. בלויז עטלעכע פאַקטן לשם ביישפּיל.

ו.

בעת די אָפטע כאָלערע־מגיפות, וואָס האָבן געבושעוועט אין ווילנע, זענען געפאַלן מענטשן ווי פליגן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען אַן עניִן פאַר ייִדישע און גויִישע רופאים. אַרום קראַנקע דאַרף מען טון פּראָסטע און אַמאָל „מיאוסע" אַרבעטן. האָבן זיך דערמיט פאַרנומען גוט־האַרציקע ווייבער און פּשוטע לייט. וואָס דאַרפן אָבער טון רבנים און לומדים? ביז ר' ישראלן איז געווען אַ פּאַרטיקע מיינונג: פאַראַן אַרבעטן וואָס אַ תלמיד־חכם טאָר נישט טון, ווייל ער דאַרף היטן דעם כבוד־התורה.

ר' ישראל האָט אָבער באַשלאָסן: נישט מען מעג לערנען אין אַזאַ צייט און נישט אַ ז ו י דאַרף מען היטן דער תורהס כבוד. סיי ער און סיי זיינע תלמידים זענען געלאָפן צו דאָקטוירים, באַדינט די חולאים און דערביי געטון די „נידעריקסטע" מלאכות. ער האָט אַפילו צוגעהיטן זיינע תלמידים, אַז זיי זאָלן אויך... מחלל־שבת זיין. אַלע האָבן טאַקע געוווסט, אַז פּיקוח־נפש איז דוחה שבת. אָבער אין ווילנע האָבן נישט געפעלט קיין גויִים, וואָס מען האָט געקענט דינגען אויפן שבתדיקן טאָג. ר' ישראל האָט אָבער דערפון נישט גע־וואָלט הערן (אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געוואָלט טרויען פרעמדע דאָס לעבן פון אַזויפיל קראַנקע ייִדן) און מיט דער גאַנצער תקיפות באַפוילן זיינע תלמידים אַ ל יי ן צו טון אַלע האַרבסטע מלאכות.

דאָס פרום־ייִדישע ווילנע האָט געמוזט אויפציטערן: לאָ די וואָס ער שטעלט אַוועק די איידלסטע קינדער ביי די גרעבסטע עבודות — איז ער גורם צו אומבייטיקן חילול־שבת. מען קען דאָס טון דורך נישט־ייִדן — אָבער ער הייסט דווקא פרומע בחורים האַקן האָלץ און מאַכן פייער! ר' ישראל האָט אָבער געהאַט זיין חשבון: נישטאָ קיין „נייטראַלע" מעשים. אָדער זיי זענען

עבירות אָדער זיי זענען מצוות. דאָס ראַטעווען מענטשן איז אַ קלאָרע מצווה — און אַן „אָפּגעהיטענער״ שבת צווישן בערג מיט טויטע מאַכט פון דער גאַנצער פרומקייט אַ פּאַרברעכן. העלפן קראַנקע איז אַן ענין פון אייי־דעלער יִדישקייט, טאָ וויאַזוי קען אַפילו די גרעבסטע מלאכה דערביי — זיין אַן אומכבוד? און אויב דאָס מחיה זיין מענטשן א י ז יִדישקייט — טאָ פאַרוואָס זאָל ער אַזעלכע שיינע מעשים אָפּטרעטן גויִים און זיי נאָך באַצאָלן?

אויב דער ערשטער דורכברוך אין דער מעכאַנישער פרומקייט איז געווען ווייניק, איז באַלד געקומען אַ וויטערדיקער שריט: ס׳האָט זיך דערנענטערט יום־כּיפּור און צוליב דער מגיפה האָבן דאָקטוירים פאַרבאָטן צו פאַסטן. קיי־נער פון די רבנים האָט אָבער נישט געוואָלט נעמען אויף זיך אַזאַ היתר: מילא, די מסוכן־קראַנקע מעגן זיכער עסן. אָבער די גאַנצע שטאָט? אַפילו די געזונטסטע? בלויז איין ר׳ ישראל ליפּקין האָט געוואַגט אַרויסצוגעבן אַ רוף צו גאַנץ ווילנע, אַז קיינער זאָל נישט פאַסטן. הגם ער אַליין האָט, פּ ר י נ צ י פּ י ע ל , נישט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות — און די ווילנער רבנים האָבן מורא געהאַט צו ברעכן אַזאַ האַרבן דין — האָט אָבער ר׳ ישראל באַשלאָסן צו באַווייזן קהל אַ פּערזענלעכן און פּסקנישן ביישפּיל: נאָך שח־רית אין שול, איז ער אַרויף (מיט נאָך צוויי דיינים, וואָס האָבן אים נישט געוואַגט אָפּצוזאָגן) אויפן באַלעמער מיט אַ פלאַש ווייַן און קוכן. ער אַליין האָט דער ערשטער קידוש געמאַכט, אויסגעטרונקען אַ גלעזל וויין און פאַר־ביסן מיט לעקעך... אַנטקעגן־איבער דעם אָרון־קודש. דאָס האָט אויפגע־רודערט גאַנץ ווילנע, אָבער ר׳ ישראל האָט זיינס דערגרייכט: די תורה הייסט לעבן — און נישט שטאַרבן. די האַרבסטע דינים האָבן באַקומען אַ נייעם דופק — אַ מענטשלעכן. אויב עס קען נאָר זיין דער מינדסטער ספק אין דער תורהס ר ח מ נ ו ת, איז עס מער חילול־השם ווי בעת מען וועט ציטערן איבער דעם האַרבסטן איסור פאַר איר כבוד־וועגן *.

דאָס זענען נאָר עטלעכע ביישפּילן פון ר׳ ישראלס צוגאַנג. היטן פאַר־גליווערטע דינים אַלעמאָל און ביי יעדן מצב? — ניין. אָבער מען טאָר זיי נישט ברעכן מיט הפקרות. דאָס עסן יום־כּפּור לכבוד יִדיש לעבן מוז צוגיין

---

* וועגן דער פּאַסירונג פון עסן יום־כּיפּור האָט דוד פרישמאַן אָנגעשריבן זיין פּאַטע־טִישע דערציילונג „שלשה שאכלו״. אָבער ער דערמאָנט נישט ר׳ ישראלס נאָמען. אויך יעקב מאַרק (אין זיין בוך „גדולים פון אונדזער צייט״, ניו־יאָרק, תרפ״ז) האָט מער ווי ספיקות, אויב ר׳ ישראל האָט טאַקע אַזוי געהאַנדלט. מען מעג זיך אָבער פאַרלאָזן אויפן גרויסן בעל־זכרון ר׳ ברוך עפּשטיין, וואָס שילדערט די גאַנצע געשעעניש ווי אַ זיכערן פאַקט („מקור ברוך״, חלק ב, פּרק יא). אגב: ער אַליין איז דאַן געווען אין ווילנע און פּערזענלעך געקענט ר׳ ישראלן.

מיט אַ ברכה און קידוש אין שול. ווי נאָר עס ווערט א ו י ס עבירה — מוז עס זיין היילִיקע מצווה, באַהויכט פון יִדיש־טראַדיציאָנעלן ציטער. אגב: לויטן דערמאָנטן ר׳ ברוך עפשטיין איז דאָס ערשט געשען יום־כיפור פון יאָר תר״ל (1870), ווען ר׳ ישראל איז שוין אַלט געווען אַרום 60 יאָר.

יא.

אַ שטיקל אָפּנויג אין אַ זייט: אין דער יִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור, פון די ערשטע צייטן, זענען געשאַפן געוואָרן געגנוג פּיילן אויף ר׳ ישראלן און זיין שיטה. עס האָט געהייסן, אַז ער איז געווען וועלט־פרעמד (אויב נישט צבועקיש, ווי אברהם מאַפּו האָט אונדז געלאָזט הערן) און זיינע תלמידים האָט ער בכיוון דערצויגן צו שמוץ און פיזישער אָפּגעלאָזנקייט. איז טאַקע אמת, אַז ר׳ ישראל האָט נישט געוואָלט צופּאַלן צו די וועלט־מנהגים מיטן גאַנצן אייפער. טייל פון זיינע שפּעטערדיקע נאָכפאָלגער האָבן טאַקע זיין „ביטול צו דער וועלט" אידענטיפיצירט מיט אָפּגעריסנקייט און אַפילו... שמוץ. וויאַזוי עס איז געקומען דערצו — איז אַ באַזונדערע פרשה. מיר וועלן אָבער נישט זיין גערעכט צו ר׳ ישראלן, אויב מיר זאָלן די דאָזיקע התנהגות צורעכענען אויף זיין חשבון. געגנוג צו דערמאָנען, אַז אַן אַנדער אָפּצווייג פון זיין שיטה (קעלמער מוסר) האָט פיזישע זויבערקייט באַטראַכט ווי אַ טייל פון דער גייסטיקער היגיענע.

אָבער מיר וועלן דאָ אויסמיידן סברות, פּשוט דערפאַר ווייל מיר האָבן פאַר זיך אַ גענויע שילדערונג פון אַ בן־דור — וואָס האָט שוין געזען ר׳ ישראלן אויף די עלטערע יאָרן. הגם ער האָט שוין דעמאָלט געליטן פון שאַרפער דעפּרעסיע, האָט דאָס זיך נישט אויסגעווירקט אויף זיין אויסערלעכער דער־שיינונג. דער פריִער־דערמאָנטער גאון ר׳ ברוך עפשטיין (ווען די נאַציס ימח־שמם האָבן אומגעבראַכט אין פינסק) דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַ־פיע, וויאַזוי ער האָט צום ערשטן מאָל געזען ר׳ ישראלן אין ד׳עם ווילנער גאונס קלויז:

> אָט איז צווישן אַנדערע אויך אַריינגעקומען אַן אַלטער מאַן מיט אַ דער־הויבן פּנים, פּרעכטיק אָנגעטון... די מלבושים זענען געווען ווייך, זויבער און ריין, אויסגעמאָסטן אויף זיין פיגור מיט סדר און דיסציפּלין, אַן דעם מינדסטן קנייטש און אָן אַ צויט. די קנעפּ זענען געווען צוגעשפּילעט לויט זייער ריי און געגלאַנצט פון לויטערקייט. אַלץ אויף אים, פון די שיך ביז צום הוט, האָבן גע־שריגן פון זויבערקייט, ריינקייט, לויטערקייט און פּוץ. ס׳איז געווען אַ תענוג פאַרן אויג זיי צו זען אויף דעם וואָס טראָגט זיי. דאָס פּנים פונעם מאַן איז גע־ווען לויטער, ריין און קלאָר... די האָר פון קאָפּ און באָרד זענען געווען אויס־געקעמט און אויסגעגלייכט לויט אַ סדר. עס האָט בכלל אויסגעזען, פון זיין

יעדן קער און ווענד, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ גרויסן מאַן... אַן איידעלן אַריס־טאָקראַט...

דער גאַסט האָט זיך באַקוועם געמאַכט אויף זיין געזעס. פריִער האָט ער נאָכגעקוקט, אויב די באַנק איז ריין פון שטויב. דאַן האָט ער אַרויסגענומען פון דער ברוסט־טאַש אַ ריין־אויסגעפוצטע יאַרמלקע פון סאַמעט, אַראָפּגענומען דעם הוט און אָנגעטון די יאַרמלקע... פון מינוט צו מינוט האָבן זיך גענומען זאַמלען אַרום אים בעלי־צורה, תלמידי־חכמים, רבנים און דערהויבענע מענטשן בכלל... אויך איך האָב זיך צוגעשטופּט גאָר נאָענט צו אים, בכדי גוט צו זען זיין שיינע גרויקייט. („מקור ברוך", חלק רביעי, פרק לט).

ד אָ ס בילד, וואָס עס גיט אונדז דער פינסקער למדן און שריפטשטע־לער, איז גאָר־ווייט פון יענעם מוסרניק־געשפּענסט וואָס אַנדערע שטעלן פאָר.

יב.

אין דער פרומער וועלט האָט ר' ישראל געוואָלט באַקעמפן די פאַרגלי־ווערטקייט. ער האָט אָבער באַלד דערזען די סכנה פון דער צווייטער זייט: ביי די וואָס ווילן זיך שוין „דערפרישן" איבער דער מאָס. דערפאַר האָט דאָס פרומע ווילנע נאָך גאָר־פרי דערזען ר' ישראלן פונעם צווייטן עקסטרעם.

שוין זיין רבי, ר' יוסף זונדל, האָט געקענט פרעמדע שפּראַכן און דאָס האָט אים גאָרנישט געשטערט צו זיין צדקות. אויך ר' ישראל האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ ריי פּלענער, וויאַזוי אַרויסצופירן דעם ייִדישן געדאַנקען־גאַנג אין דער ברייטער וועלט. ער האָט — שוין טיף אין דער עלטער — געוואַנדערט איבער דייטשלאַנד און פראַנקרייך, אַבי צו מאַכן די ייִדישע תורה צוגענגלעכער פאַר וועלטלעכע קרייזן. אָבער זיין חוש האָט אים אונטער־געזאָגט, אַז די משכילים זענען נישט אויסן דאָס זעלבע — נאָר זיי ווילן גיין אַ סך ווייטער... און אין דער פאַרקערטער ריכטונג.

ווען די צאַרישע רעגירונג האָט זיך צוגעהערט צו די משכילים און באַ־שלאָסן צו גרינדן מאָדערנע רבנים־סעמינאַרן — האָט ר' ישראל אייגנטלעך געדאַרפט זיין צופרידן: ענדלעך וועט די תורה קענען אַריינדרינגען אין די סטודענטישע קרייזן און אָפּשוואַכן די אַסימילאַציע. מסתמא האָבן אַזוי אָפּ־געשאַצט זיין מיינונג יענע גוט־מיינענדיקע משכילים, וואָס האָבן פאָרגע־שלאָגן זיין נאָמען ביים צאַרישן בילדונגס־מיניסטער — ווי פּראָפעסאָר פאַר תלמוד אינעם ווילנער סעמינאַר. דעמאָלט האָט מען נאָך נישט געקענט וויסן די באַהאַלטענע כוונות פון דער רעגירונג און איר בילדונגס־מיניסטער, גראַף אובאַראָוו: דערפירן צו שמד דורך אַ רבנישער מאַסקע. אַפילו פרומע קרייזן האָבן געהאָפט, אַז דערפון וועט קומען אַ ישועה. אָבער ר' ישראל האָט נישט געגלויבט אין די גוטע כוונות. אַרויסטרעטן אָפן קעגן דער רעגירונג האָט ער

מורא געהאַט און דערפאַר איז ער בעסער אַנטלאָפן פון ווילנע, בכדי נישט געשטעלט צו ווערן פאַרן גרויסן נסיון.

די איבערקערעניש אין ייִדישן לעבן, וואָס ער האָט געוואָלט דערגרייכן, דאַרף ער אַדורכפירן מיט אייגענע כוחות — און נישט ווי אַ צאַרישער באַ־אַמטער. די תורה, וואָס מ׳וועט לערנען אין אַ צאַרישער שולע, וועט נישט האָבן דעם כוח צו ראַנגלען זיך מיט די אַנדערע לימודים — און ס׳וועט פון דאָרט אַרויסקומען אַ צעטומלטער דור. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז וועלט־לעכע בילדונג איז אין סתירה צו תורה־באַוווסטזיין. הגם די השכלה אין דייטשלאַנד האָט געפרעסן לעבעדיקע שטיקער פונעם ייִדישן גוף, איז עס נישט די שולד פונעם וועלטלעכן וויסן — נאָר פון די מענטשן, וואָס האָבן באַלד לכתחילה געוואָלט באַנוצן „די וועלט" קעגן ייִדישקייט. והראיה: אינעם זעלבן דייטשלאַנד זענען געווען נישט ווייניק רבנים מיט אַקאַדעמישער בילדונג — און דאָך זענען זיי געבליבן פעסט־איינגעוואָרצלט אויפן אַלט־ייִדישן באָדן.

ער האָט געוווסט, אַז דעם דור וואָס די צאַרישע וויל־טוער ווילן אים איבער׳געבן, וועט ער נישט קענען איבערקנעטן. דערפאַר אָבער קען ער אַליין באַשאַפן דעם קערן פון אַ נייעם דור — אַזויווי ע ר וויל אים זען. בכדי זיינע תלמידים זאָלן אויסוואַקסן צו אַ כוח, מוז ער אַליין זיי אָפּקלייבן, זיי דער־ציִען פון קליינערהייט אָן און ערשט ווען ע ר וועט זיי האַלטן פאַר רייף — קען די בילדונג זיי נישט שאַטן.

אַנדערש ווי דער רוב פון די פרומע רבנים אין זיין ליטע, האָט ער שוין דערזען דאָס לעבן פון דער נייער זייט. ער האָט געוואָלט פורעמען די ג אַ נ צ ע ייִדישע וועלט — און זי האָט זיך שוין מער נישט באַגרענעצט צו די געסלעך פון ווילנע און קאָוונע. אומעטום האָבן זיך שוין באַוויזן די יאָר־פאַרוואָרפער אין נאָמען פון דער „הימלישער טאָכטער", די בילדונג. מוז מען זיך אַנטקעגנ־שטעלן מיט די זעלבע מיטלען, זיי באַווייזן די שיינקייט פון ייִדישן געדאַנק דורך מאָדערנעם שטייגער. אָבער וויאַזוי? ר׳ ישראל אַליין איז שוין געווען נאָנט צו די פופציק. זיכער וואָלט קיין שום בילדונג אים מער נישט „קאַליע געמאַכט". מיטן ניי־דערוואָרבענעם וויסן אין וועלט־ענינים וואָלט ער גע־קענט גיין און שטורעמען די פעסטונגען פונעם נייעם דור. האָט ער אָבער פאַרשפּעטיקט. דערפאַר מוז ער דערציִען אַ צאָל פרומע בחורים, זיי אויסאַר־בעטן ווי די טייערסטע כלים — ביז ער וועט זיכער זיין, אַז קיין שום וועלט־רייץ קען זיי נישט אַראָפּפירן פונעם וועג — און ערשט דאַן זיי שיקן שטו־דירן. אויך דאָס נייע רוסלאַנד דאַרף האָבן אַנדערע רבנים. מוז מען אויפ־שטעלן אייגענע שמשון רפאל הירשס, עזריאל הילדעסהיימערס, מאיר לעה־מאַנס און זייערס גלייכן. דאַרף ער לכל־הפחות געפינען דעם ע ר ש ט ן.

אָבער אין די ישיבות האָט מען נאָר געלערנט תורה, פּלפּול, מוסר. װער עס האָט זיך נאָר צוגערירט צו אַ פרעמדן אות איז אַרײַנגעפאַלן אין חשד — בפרט װען דאָס איז געװען אַ יונגער בחור. דער דאָזיקער חשד איז, למען האמת, געװען באַרעכטיקט: די אַלע װאָס האָבן געזוכט אַ װעג צום דײַטשן אָדער רוסישן אלף־בית, האָבן שוין פריִער געהאַט אַ פולן מח מיט חלומות, װעגן אַנטלויפן גאָר־װײַט. זײ האָבן נאָר געזוכט דעם פרעמדן שליסל אין די ביכער. איצט זענען אויפגעשטאַנען די אָפיציעלע רבנים־סעמינאַרן און גע־געבן אַ הכשר דער דאָזיקער זוכעניש. אַ סך פון די דאָרטיקע תלמידים װאָלטן, בלית ברירה, געמוזט פאַרבלײַבן אין די ייִדישע פיר אײלן. זײ װאָלטן נישט געװאָגט צו אַנטלויפן. אָבער װיבאַלד זײ גײען נאָר איבער פון אַ בטלנישער ישיבה אין אַ מאָדערנער — שרעקט עס זײ נישט מער.

מען טאָר נישט פאַרמאַכן די אויגן, װײַל די סכנה איז גרויס. אָבער װ אָ ס קען מען דערגרײכן מיטן בלויזן זען? — גאָרנישט. פונקט װי מען זעט די מוראדיקע סכנה פונעם כאַפּן קלײנע, ייִדישע קינדער צום צאַרישן מיליטער — און קהל קען זיך נישט העלפן. אדרבא: ייִדישע פרנסים גופא װערן דעמאָ־ראַליזירט און העלפן־צו דעם ניקאָלאַיעװסקע רעזשים אין זײַן אכזריותדיקער מלאכה.

לערנען מוסר מיט התפעלות, װי ער אַלײן האָט געעצהט? אָפּטײַטשן פּסוקים אויף זײַן באַזונדערן שטײגער? זיכער. אָבער דאָס קען נאָר װירקן אין דער ענגער װעלט פון פרומקײט. אַדורכהאַקן די גרויסע און פרעמדע װאַנט מיט אַזעלכע מיטלען — קען מען נישט. פאַר די תלמידים פון זשיטאָמיר, אָדער גאָר פון די אוניװערזיטעטן, דאַרף מען שוין האָבן אַנדערע רײד און אַנדערע װיכּוחים. װעלכע?

אין דער ערשטער מינוט האָט זיך ר׳ ישראל אַלײן דערשראָקן פאַר זײַן גײעם אײַנפאַל. ס׳איז אָבער דאָס אײנציקע װאָס קען העלפן. דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן איז שוין אַרונטערגעפאַלן זײַן אינערלעכער אחריות. מוז ער זאָרגן פאַר אַ ל ע חלקים פונעם צערודערטן ייִדנטום. אויב ער אַלײן קען מער נישט גײן צו דער פאַרבלאָנדזשעטער מחנה — װײַל זײַן לשון און װאָרט קען דאָרט נישט פועלן קײן סך — מוז ער כאָטש אויסהאָדעװען אַ פאַסיקן שליח. יענער מוז זײַן אַ הײמישער מענטש אין דער גלאַנציקער נעץ, װיסן אַלע תחבולות מיט װעלכע דאָס קאַריערע־װערעמל נאָרט אַרײַן — און דאָך זאָל עס אים נישט באַרירן. אדרבא: ער דאַרף קענען װײַזן אַנדערע, װי געפער־לעך דאָס איז.

אָבער װער קען ראוי זײַן צו אַזאַ געפערלעכער שליחות? אַ לאַנגע צײַט האָט ער נאָכגעפאָרשט, נאָכגעשפּירט זײַנע בעסטע תלמידים; געלײגט אויף

אַ געהיימער וואָגשאָל אַלע זייערע כוחות, פרומקייט און מעגלעכקייטן — ביז איין נאָמען האָט אויפגעלויכטן מיט דער גאַנצער זיכערקייט: ד ו ד מ א י ר!

יג.

איצט, אינעם פאַרנעפּלטן אָוונט, שפּרייזט ר׳ ישׂראל אין זיין פּעטער־בורגער האָטעל־צימערל און קען נישט פאַרשטיין: וויאַזוי האָט ער געוואָגט? אַלט־פאַרשטויבטע בילדער האָבן גענומען אַנלויפן אין זכרון מיט דער גאַנצער בולטקייט. ער דערמאָנט זיך ווידער יענע מינוט, ווען ער האָט מיט אייגענע הענט איבערגעגעבן דעם טייערסטן קרבן צום בייזן מולך: דעם בעסטן תלמיד! און דאָס איז נאָר געווען דער ערשטער... דערנאָך זענען אַוועק אַ סך אַנדערע, אים נאָכגעלאָפן — שוין אָן דער מינדסטער שליחות.

ער האָט דערהערט זיך אַליין, ווי ער ברומט מיט אַ מוסר־ניגון: פּ אַ ר ־ ל ו י ר ן! אויף אייביק פאַרלוירן! אָבער באַלד דערשרעקט ער זיך, דער גאָטספאַרכטיקער ווידערשפּעניקער, פאַר אַזעלכע מחשבות: אויף אייביק? ווער האָט אים געגעבן רשות אַדורכצובליקן אַלע צייטן און אַלע חשבונות? ווי ווייט קען ער דען זען בכלל? און י א ו ש איז דאָך אויך דער גרעסטער חטא... וויל ער זיך נאָכאַמאָל דערמאָנען דאָס אַמאָליקע געשטאַלט פונעם תמימותדיקן דוד־מאיר. ער רופט נאָכאַמאָל אַרויס פאַר דער שטול פון דמיון דאָס התמדהדיק־געבויגענע בחורל און וויל עס פאַרגלייכן מיטן היינטיקן. ער וויל נאָכאַמאָל זען, וויאַזוי יענער זיצט אַזוי פרום און לערנט. איז טאַקע מעגלעך געווען צו מאַכן אַזאַ שרעקלעכן טעות? האָט טאַקע יענער גאַרנישט פאַרמאָגט לכתחילה? און אויב יאָ — ווו איז דאָס אַלץ פאַרשוווּנדן? ווי איז דאָס מעגלעך, אַז דער פריערדיקער דוד־מאיר זאָל אַריינפאַלן אין כף־הקלע און עס זאָל אים גאַרנישט אַרן?

אַ האַרץ מיט יאוש איז דער שלאָס פאַר אַלע האָפענונגען. אָבער פונעם איצטיקן דוד־מאיר איז נישטאָ וואָס צו דערוואַרטן. מוז ער זיך אומקערן צום סאַמע־אָנהייב, ווען זיינע האָפענונגען זענען נאָך געווען אַזוי פריש, אַזוי זיכער. האָט ער זיך דערמאָנט: דוד־מאיר מוז אַוועק פון ישיבה. זיין רבי האָט אַזוי באַשלאָסן... און ער וויל אים נישט שיקן פאַרנעמען קיין רבנות, אָדער גרינדן אַ נייע ישיבה. קיין פּעטערבורג זאָל ער פאָרן! דאָרט דאַרף ער אָנהייבן לערנען רוסיש און אַנדערע לשונות... דעם גאַנצן קאָפּ זאָל ער אַריינלייגן אין די פרעמדע לימודים. דערנאָך דאַרף ער זיך רייסן צו דער גימנאַזיע, צום אוניווערזיטעט. לאַנגע יאָרן דאַרף ער אָפּגעבן דערויף, זיך פאַרעקשנען מיט יעדן ברעקעלע פון זיין טייערן מוח — ביז ער וועט ווערן אַ

מלומד אין אַלע זייערע חכמות. ע ר טאָר נישט ווערן נאָך אַ מלומד צווישן מלומדים. עס מוז פון אים אַרויסקומען אַ וועלט־גאון אין די פרעמדע וויסנ־שאַפטן; איבער לענדער מוז קלינגען זיין נאָמען! אָבער דאָס האַרץ מוז בלייבן פרום, דאָס געפיל ריין און דער מוח — תמימותדיק־לויטער. ס׳איז שווער? אַוודאי... אָבער דערויף איז עס דאָך דוד־מאיר. א י ם וויל ר׳ ישראל האָבן פאַר דער גרויסער שלאַכט. אַ גענעראַל מוז ער ביי אים ווערן, וואָס דאַרף אָנפירן מיט דער מלחמה קעגן שרייענדיקן השכלה־טומל. אַזוי קען יעדער יינגל אויף אַ ווילנער געסל טרייסלען מיט אַ ביכל אין דער האַנט און מיינען, אַז דאָס איז זיין שאַרפסטע שווערד קעגן אַלע הייליקייטן. אָבער ווען עס וועט זיך באַווייזן אַ גאון אין אַלע וועלט־חכמות און אויסשרייען: דרך־ארץ פאַר דער הייליקער תורה — — — —

ווען ר׳ ישראל האָט געזען, ווי אַזוי דוד־מאיר וואַקסט פון שעה צו שעה; ווי אַזוי זיין מוח באַנעמט דאָס טיפסטע אָן גרויסע שוועריקייטן — איז אים דאָס האַרץ געוואַקסן פאַר שמחה: דער געדאַנק — ליכטיק, די בקיאות — אין לשער, טיף — ביזן תהום, אַ מתמיד — אויף חידושים, די הסברה — קלאָר... און די פרומקייט — אַ געזונטע, אַ ריינע, אַ שכלדיקע. קוים אַריבער די צוואַנציק — און שוין אַ גאון־אדיר. דערצו איז ביי אים די י ר א ה אָן איינגעפונדעוועטע, אַ געזעצטע, אַ מויער וואָס אַלע חיילות פון דער וועלט קענען נישט רירן פון אָרט.

אָט דאָס איז ער! דער ערשטער שליח. דערפאַר האָט אים ר׳ ישראל אַוועקגערופן אין זיין בוידעם־שטיבל און אָנגעהויבן מיט ווייכע, זייטיקע דיבורים:

— דוד־מאיר... איך וויל אייך שיקן אין אַ ווייטן וועג...

די גרויסע אויגן פונעם חריפותדיקן מתמיד האָבן געגאַפט מיט הכמה:

— אַז דער רבי הייסט...

ר׳ ישראל האָט אים געפאָרשט מיטן בליק:

— אָבער איך וויל פון אייך ביטול־תורה... איר וועט לאַנגע יאָרן דאַרפן שטודירן די גוייִשע חכמות, דאָרט ווו מ׳זעט קוים אַ ייִד פאַר די אויגן...

דאָס פּנים ביים תמימותדיקן בעל־מוסר איז געוואָרן אַ שטיק אומבאַגרייפלעכער וווּנדער:

— ביטול־תורה? גוייִשע חכמות? אויף וואָס דאַרף מען עס?

ביים רבין האָט דאָס האַרץ זיך אָפּגעריסן. ער האָט זיך אָבער גע־שטאַרקט:

— דוד־מאיר... די תורה אַליין וויל האָבן אייער ביטול... איר וועט עס אַמאָל פאַרשטיין. דערווייל אָבער מוזט איר פאָרן אָן שאלות. איר מוזט לער־

נען דברי־חול און מצליח־זיין. איר וועט זיך מוזן דערשלאָגן צו דער אוני־ווערזיטעט, אויפכאַפּן אַלע זייערע מנהגים און חכמות... איר מוזט מצליח זיין! זייערע לבושים וועט איר מוזן טראָגן און זייערע מידות פון דרויסן וועלן מוזן ווערן אייערע מידות. נאָר איין זאַך וועט איר מוזן געדענקען: דאָס האַרץ בלייבט פאַר זיי געשלאָסן. איר וואונדערט זיך? אַ בעל־מוסר ווייסט אָבער פונעם „גדולה עבירה לשמה”... גרויס איז די עבירה, וואָס די תורה ווערט פון איר געשטאַרקט...

די אימה אין דוד־מאירס אויגן! אַזוי ווי ער וואָלט תיכף געדאַרפט אַריינשפּרינגען אין אַ לייבן־גרוב. ס׳איז נישט אַזוי די מורא צו טון אַן עבירה, ווי דער עקל, די מיאוסקייט פון איר אָנבליק. ווען אַ דבר־טמא זאָל זיין גרעסער פאַר אַלע תרי״ג מצוות, וואָלט זי אויך ביי אים אַרויסגערופן אַ שוידער. עפּעס האָט ער זיך גאַרנישט געוואָלט גלייבן ביז דער לעצטער מינוט. קען זיין, אַז דער רבי וויל אים בלויז אויספּרוּוון מיט אַ געהיימער כוונה. עס קען אויך זיין, אַז דאָס איז אַ מין נייע שליחות, וואָס ער איז צו איר נישט פּאַסיק. דערפאַר האָט ער קוים אַרויסגעשטאַמלט זיינע ספיקות ברעקלעכווייז:

— איך... נידער נישט אַראָפּ צום סוף פונעם רבינס דעה... אַז דער רבי שיקט... איז דאָך נישט שייך... אָבער איך בין נישט תופס...

ר׳ ישראלן האָבן גענומען שטעכן די טרערן. ס׳איז אים באַפאַלן אַ שניידיקע רחמנות צו דער גאונישער עולה־תמימה. אפשר איז עס פאָרט נישט רעכט? אָבער דאָס אַלץ איז נאָר אַ טייל פונעם גרויסן נסיון פאַר אים אַליין. נישטאָ קיין צוריק. איצט זעט ער ווי זיין תלמיד שרעקט זיך פאַר נייע טריט. ער האָט זיך שוין באַזעצט אין די סדרים פון ש״ס ווי אין אַ היימישער דירה. ס׳איז אים גוט מיט די אַלטע ספרים, מיט די חברים, מיטן וויינענדיקן ניגון... ער וויל זיך נישט אַרויסרייסן פונעם תענוג וואָס ער האָט פון אַ רמב״ם, ר׳ משה־חיים לוצאַטו, דעם ווילנער גאון — — — אָבער מוסר באַפעלט צו זיין האַרט, צו פירן אַ הייסע מלחמה מיט יעדער רגילות... און זע נאָר, ווי יענער איז עס צעטומלט געוואָרן!

ער האָט זיין ליבשאַפט נישט געקענט פאַרבאָרגן און דאָך זענען זיינע ווערטער אַרויסגעקומען געזונג שאַרף:

— דוד־מאיר... מיר דאַרפן האָבן אין פּעטערבורג אַ בחור מיט אַ שאַרפן מח. ער דאַרף במשך פון אַ קורצער צייט איינזאַפּן אין זיך אַלע פרעמדע חכמות. טאָ וואָס זאָלן מיר טון, אַז דער דאָזיקער מח געהערט צו אייך? די שליחות איז אָנגעברייט פאַרן עילוי דוד־מאיר. היות אָבער ווי דער דאָזיקער וועג איז שווער און גליטשיק, מוז ער באַגלייט ווערן פון אַ גרויסן יראת שמים, וואָס זאָל אים היטן פון מכשולים. דערפאַר וועט איר מיטנעמען

דעם פרומען דוד־מאיר און ער וועט אייך היטן אויף אַלע וועגן. דוד־מאיר, דער חריף, וועט שטודירן — און דער מוסרניק דוד־מאיר וועט ווייטער בלייבן דער ישיבה־בחור ביי זיין זייט. טאַקע ע ר וועט שפּעטער צוריקברענגען דעם מלומד דוד־מאיר, ווען די צייט וועט קומען. האָט איר פאַרשטאַנען?

ניין, נישט אַלץ האָט ער תופס געווען מיטאַמאָל. אָבער אין זיינע ציטערדיקע רייד האָט זיך שוין געלאָזט שפּירן אַ שטיקל ד ע ר וו א ר ט ו נ ג, אַ חשק צו עפּעס נייעס — ווי עס האָבן אַלע ישיבה־בחורים, ביים דערהערן וועגן דער וועלט פון יענער זייט גרענעץ. זיי שרעקן זיך פאַר איר, זענען זי מבטל בתכלית הביטול — און דווקא אין ביטול ליגט די פאַרבאָרגענע ציִעניש צו איר. אויך ער? ר׳ ישראל האָט עס דעמאָלט נישט געוואָלט דערשפּירן. ער האָט נאָר געוואַרט אויף דוד־מאירס שנעלער הסכמה און יענער האָט זיך מורא געהאַט צו בייגן, פול געווען מיט חשדים צו זיך אַליין. ער האָט זיך בלויז אונטערגעגעבן צו דער גזירה פונעם רבין, נאָך וועמען מען טאָר נישט נאָכקלערן.

ערשט דערנאָך האָט ער מיט אים געמוזט שמועסן לאַנגע נעכט, אים לערנען וויאַזוי צו פירן זיך אין אַזאַ משונהדיקער וועלט. אויסער זיי ביידע, האָט קיינער גאָרנישט געוווּסט. דערנאָך האָט דוד־מאיר איינגעפּאַקט זיין ביסל נאַרישקייטן, צוגעלייגט אַ פּאָר ספרים אויפן וועג און נעלם געוואָרן. בלויז ר׳ ישראל האָט זיך מיט אים געזעגנט, אַריינגענומען זיין האַנט צווישן די פינגער:

— איר גייט אַפריכטן גלות, באַגלייט פון תורה און יראת־שמים. זיי דאַרפן ווערן די נעץ, וואָס זאָל אַריינפאַנגען אַלע וועלט־חכמות פאַר אונדזערט־וועגן. די חכמות־העולם דאַרפן דערנאָך משמש זיין די תורה און איר וועט ערב זיין דערפאַר...

מער האָט ער נישט געזאָגט. דוד־מאירס שוואַרצע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן און ר׳ ישראל האָט נישט געקענט צוזען דעם כשרן צער... ממש ווי די נשמה וואָלט זיך אָפּגעשיידט פון גוף. אַזוי איז עס טאַקע געווען. אָפּגעריסן אַזאַ צוגעבונדענע נשמה און זי אַרויסגעשיקט אויף די פליגל פון ווינט.

שפּעטער האָבן זיך אַלע געוווּנדערט, וווהין דוד־מאיר האָט געקענט נעלם ווערן — נישט זאָגנדיק דאָס מינדסטע וואָרט. נאָכמער האָט געוווּנדערט, וואָס ר׳ ישראל פרעגט אַפילו נישט, אויב עמעצער האָט עפּעס געזען אָדער געהערט פון זיין בעסטן תלמיד.

יד.

די ערשטע צייט האָט ער געשריבן אָפטע בריוו, פול מיט צער און בענק־שאַפט. לולא תורתך שעשועי אז אבדתי בענייי... האָט ער זיך בלויז געטרייסט מיט אַ פּסוק פון תהלים. ער גייט טאַקע פאַרויס אין אַלע לימודים, אָבער די גאַנצע הצלחה באַקומט אים נישט. איין אות פון דער תורה איז טיפער פאַר אַלע זייערע חכמות — און ער האָט אַפילו נישט ווען אַריינצוקוקן אין אַ ספר.

ר׳ ישראל האָט אים פון דערוויטנס צוגעגעבן חשק, געשיקט אים אַדרעסן פון זיינע ידידים און זיי וועלן אים געבן דאָס נייטיקסטע. ער האָט אים אויך צוגעשריבן לאַנגע מוסר־שמועסן, וואָס האָבן אים געדאַרפט שטאַרקן אין זיין פאַרלוירנקייט. נאָר ביסלעכווייז האָט ר׳ ישראל גענומען שפּירן אַ באַהאַלטענע קילקייט, וואָס טראָגט זיך פון די ווייטע שורות. עפּעס האָט ער, דער טרויע־ריקער דוד־מאיו׳, אָנגעהויבן באַשרייבן מיט צופיל געניקייט זיין הצלחה. ער ווערט שוין נתפעל דערפון, וואָס איינער פון די פּראָפעסאָרן האָט געזאָגט וועגן אים און וויאַזוי אַ צווייטער האָט אים פאַרבעטן צו זיך. עס איז קאַנ־טיק, אַז ער נעמט זיך שוין איבער מיט אַזעלכע זאַכן.

מען טאָר קיינעם נישט חושד זיין אין שלעכטס. אויך דאָ האָט ר׳ ישראל געהאַט דעם פּשוטן ענטפער: דער רבי וויל זיין הצלחה, דערפאַר וויל ער אים דערפרייען דאָס האַרץ. דערצו נאָך דאַרף בלויז די לינקע האַנט אָפּשטויסן, בעת די רעכטע איז מקרב. נאָר די שאַרפע חושים פון ר׳ ישראלן האָבן פאַרט עפּעס געפילט, געוואָלט חושד זיין און זיך צוריק־געהאַלטן. ער האָט אים בלויז גענומען שרייבן מער מוסר־רעיונות, סתם־אַזוי און דאָך מיט פאַרבאַר־גענעם מיין. אַזאַ קאָפּ ווי דוד־מאירס וועט שוין דער גיין דעם רבינס כוונות.

האָט ער געוואַרט אויף אַ תשובה, אָבער זי איז מער נישט געקומען. האָט ער נישט גערוט, ר׳ ישראל, באַוואָרפן מיט בריוו זיינע מקורבים, אַליין גע־וואָלטן אַריבערגעפאָרן: געוואָלט און געשריגן! אַזאַ נשמה... אָבער עס האָט גע־דויערט געצויג־לאַנג, ביז זיינע נאָנטע האָבן געענטפערט — און ס׳איז סייווי נישט געווען קיין ספק צו הערן: דוד־מאיר פלעגט קומען צו זיי נאָך הילף. אָבער לעצטנס באַווייזט ער זיך ניט מער. פאַראַן געוויסע שמועות, אַז ער וויקלט פון זיך אַראָפּ דעם ייִדישן עול — אָבער זיי ווייסן, אַז צו ר׳ ישראלן טאָרן זיי נישט שרייבן גלאַט־אַזוי: „געהערט״ און „מען זאָגט״.

פון גרויס צער האָט ר׳ ישראל שטאַרקער אויסגעשפּרייט זיינע פליגל איבער די תלמידים, געלערנט מער מוסר, געפאָרן מעורר זיין וואָס מער ייִדן — אָבער ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט, ביז עס האָבן דערגרייכט קלאַנגען אומעטום: דוד־מאיר... אַ סברא, אַז ע ר איז אַוועק צו די גויִים, גענומען זיך לערנען חכמת הרפואה און מלכות האָט אים אַפילו אַריינגעצויגן אין דער־

אַרמיי. אויב דאָס אַליין איז ווייניק — באַווייזט ער זיך נישט מער צווישן ייִדן, איז אַרויס לתרבות־רעה און מי־יודע וואָס פון אים וועט ווערן.

וואָס ר׳ ישראל האָט געפילט דערביי? ער האָט עס קיינעם נישט דער־ציילט. בלויז אינעווייניק האָט געברענט אַ פייער. אַ מרה־שחורה, געמישט מיט ווייטיק, האָט געביסן, אים געטריבן פון אָרט צו אָרט, נישט געלאָזט איינשלאָפן אין די נעכט... א ו י ס מיטן גרויסן פּלאַן! ס׳איז נאָך גוט, וואָס די משכילים ווייסן דערווייל נישט פון דער גאַנצער מעשה. ווייניק רעש האָבן זיי אָנגעמאַכט, ווען זיין ייִנגער און גאונישער זון האָט זיך גענומען שטור־דירן? דאַרפן זיי נאָך וויסן, אַז ער אַליין האָט געשיקט דוד־מאירן צו דער עקידה. ס׳גייט אין זיין כבוד? ע ר וואָלט גרייט געווען אויסצושרייען פונעם באַלעמער זיין טעות. אָבער — דער חילול־השם! נישט איינער פון די פרומע בחורים וועט דערפון דרינגען, אַז די השכלה טראָגט מיט זיך אַ גרויס ליכט. והראיה: אַזאַ צדיק איז אויך פון איר פאַרכאַפּט געוואָרן, הגם ר׳ ישראל האָט אים געהאַלטן פאַר אַ פּאַרטיקער כלי. אָבער שווייגן איז אים אויך נישט מעג־לעך: פאַרלוירן בידיים אַזאַ גערעטענעם תלמיד... קריעה דאַרף מען רייסן! אַט האָבן אים געשריבן אנשים־נאמנים, אַז יענער גרייט זיך שוין צום ש מ ד — און דאָס שרייבן בסוד מענטשן, וואָס וועלן קיין פּוסטע קלאַנגען נישט אַרויסברענגען אויפן פּאַפּיר.

אַ גאַנצע וועלט איז מיטאַמאָל איינגעפאַלן. די זון איז אונטערגעגאַנגען אין מיטן העלן טאָג. דערנאָך איז ער קראַנק געוואָרן, ר׳ ישראל. ווי צו די אויערן, וואָס הערן אַזעלכע בשורות: ער האָט זיך טאַקע געשמדט, דוד־מאיר! מען שמועסט, אַז ער איז געוואָרן אַ געניטער דאָקטער און די שררות האָבן אים געמאַכט פאַר אַן אָפיציר. ד אָ ס האָט זיך נישט געלאָזט באַהאַלטן... מען האָט דערפון געשמועסט אומעטום, אַפילו אין די בתי־מדרשים.

מיינט עס, אַז מען קען טאַקע נישט באַזעצן בילדונג און יראת־שמים אין א יי ן האָרץ? האָט טאַקע דער מוסרניק דוד־מאיר נישט געפעלשט אין זיין שליחות, נאָר ער האָט עס געמוזט? זאָל עס טאַקע מיינען, אַז דאָס איז דאָס זעלבע ווי אָפּהאַקן יענעם דעם קאָפּ און אים באַפעלן ווייטער צו לעבן? אויב אַזוי האָט זיך נישט דוד־מאיר געשמדט נאָר ער, זיין אָפּגעהיטענער רבי. נישט יענער האָט געהאַנדלט מתוך ברירה, ווייל עס האָט אים געצויגן צו הפקרות, נאָר זיין שמד איז געווען אַן א ו נ ס . . . דאָס האָט אים ע ר — זיין טרייער רבי — אַרויפגעלייגט דעם צלם אויפן האַרץ. וויבאַלד אַזוי — מוז ער תשובה־טון, מוז ער זיך מתוודה זיין, מוז ער... קודם זוכן אַ תיקון פאַר זיך אַליין.

דאָקטוירים האָבן געזאָגט: בלויז אין דייטשלאַנד קען מען היילן זיין

שווערע מחלה. זיי האָבן נעבעך אַליין נישט געוווסט, ווי געדעכט זיי זענען. ער איז טאַקע געפאָרן אַהין בכדי צו היילן זיין גוף. אָבער נאָכמער האָט ער דאָרט געזוכט אַ באַלזאַם פאַרן טיפערן אומגליק. דערפאַר האָבן זיך ייִדן גע־מעגט וווּנדערן: וויאַזוי האָט ער איבערגעלאָזט — אויף גאַנצע יאָרן — דאָס פרומע ליטע און זיך גאָר באַזעצט אינעם טמאדיקן דייטשלאַנד? וואָס האָט ער דאָרט צו זוכן? און וויאַזוי קען ער דאָרט אויסקומען אָן זיינע מוסר־שטיבלעך?

אָבער זיי האָבן נישט געקענט וויסן, אַז דאָרט האָט ער געזוכט זיין אמתע רפואה. ער האָט געמוזט אָנקוקן מיט זיינע אייגענע אויגן יענע פרומע לומדים מיט דער העכסטער בילדונג; באַטראַכטן פון דער נאָנט די הילדעסהיימערס, הירשס און זייערע אָפּגעהיטענע תלמידים... וויאַזוי האָבן זיי עס באַוויזן? איז דאָך אַ סימן, אַז נישט ער האָט געמאַכט דעם טעות, ביים שיקן דוד־מאירן צו דער וועלט. ס׳איז מעגלעך, אַז מען זאָל זיך פון דאָרט אומקערן מיטן דאָקטער־טיטל און בלייבן פרום און אַפילו מוסרדיק. וויבאַלד אַזוי האָט ער זיך נישט גענאַרט בכלל, נאָר בלויז געהאַט אַ טעות אינעם שליח.

ער האָט געמוזט באַקענען יענע ייִדן, וואָס זענען געווען שטאַרקער פון זיין דוד־מאיר. ער מוז זיי נאָכקוקן יאָרן — פונקט ווי ער האָט אַמאָל נאָכ־געקוקט ר׳ יוסף־זונדלען — און דערביי לערנען דאָס וויכטיקסטע: וויאַזוי מען קען שלום מאַכן צווישן ביידע פייערן... דערנאָך וועט ער זיך אפשר קענען אומקערן קיין רוסלאַנד און אויסשרייען: איצט ווייס איך! ער האָט אַפילו געהאַט זיין באַזונדערע טרייסט: דווקא אין דייטשלאַנד האָבן זיך גע־נומען גרופירן אַרום אים אַלערליי אַקאַדעמיקער, בעיקר יוגנט — און גע־שלונגען זיינע רייד. דער קאַשמאַר פון אייגענער שולד אין יענעמס שמד האָט זיך אָנגעהויבן אויסצוווּעפּן, פאַרהיילן. זייערע פרומע פּנימער האָבן אים געגלעט די וווּנד. זיי ווערן נתפעל פון זיינע מוסר־שמועסן, דערהערן אין זיי טיפערע געדאַנקען ווי די וואָס זיי האָבן געלערנט ביי פילאָזאָפישע פּראָפעסאָרן. איז ער צופרידן פונעם כבוד, וואָס זיי גיבן אים אָפּ? חלילה. אָבער עס איז גוט צו זען, צו שפּירן בחוש, אַז מוסר קען זיך אַ ראַנגל־טון מיט דער קאַטעדרע; אַז אַ מאמר חז״ל איז פאַר זיי קלוגער ווי דאָס שווער־לשונדיקע בוך...

און וואָס האָט ער זיי דען געזאָגט? אלף־ביתן! דער יצר־הרע איז נישט קיין ווייטער און אומגעזעענער מלאך מיט מיסטישע פליגל, וואָס קיי־נער קען נישט שפּירן ווען ער קומט. בסך־הכל איז ער נאָר אַ טייל פונעם מענטשס כוחות, די טונקעלע טייל. דעם יצר־הרע האָבן טאַקע אַלע פיינט. אָבער מען וויל נישט וויסן, אַז דערביי מוז מען אויך פיינט האָבן אַ טייל

פון זיך אַליין. דעם העכערן געדאַנק האָבן אַלע ליב, מען פֿאַרהערלעכט דאָס הויך־מאָראַלישע געפיל. ס'איז אָבער אַ פולע ליבשאַפט. טיילמאָל וויל דאָס אייגענע האַרץ לעשן די שריפה — און דער מח דרעמלט.

פשוטע ווערטער. אָבער די סטודענטן פון קעניגסבערג ווערן אויפגעּ רודערט. עס ווערט ביי זיי באַלד אַ שיטה: די לערע פון גייסטיקן וואַכן. פאַרגעסט ער אין דער שטילער דעפרעסיע, נעמט אַפילו אַרויסגעבן אַ תורה־ זשורנאַל, פאָרט איבער דייטשלאַנד, הייבט־אָן אַ פרישע פאָלעמיק מיט רבני־ שע קעגנער און ער אַליין נעמט גלויבן: דאָ האָט ער באַקומען זיין רפואה.

טו.

ווען דערגרייכט מען די פולע מחילה אויף באַגאַנגענע זינד? פאַראַן אַלערליי סימנים דערויף. איינער פון זיי איז געדרונגען פון אַ מאמר: ווען דער חטא ווערט אויסגעמעקט פון זכרון און קומט נישט מער קאַפּויער. אָבער אים איז נאָכנישט באַשערט געווען צו פאַרגעסן. ס'האָט אויסגעזען ווי אַ השגחה־זאַך. דער משומד האָט נאָך אַלץ געדאַרפט הענגען ווי אַ פייער־ דיקע רוט, שמייסן זיין זכרון און זיך נישט לאָזן איינשטילן מיטן נחת, וואָס זיין געדאַנק פאַרשפּרייט זיך אַזוי שטאַרק.

ר' ישראל האָט זיינע ליטווישע תלמידים נישט איבערגעלאָזט. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אַריבערגעכאַפּט קיין רוסלאַנד און פון זיי באַגעגנט געוואָרן. איז ער שוין צוגעפאָרן קיין ווילנע, וווּ זיין משפחה האָט געלעבט. אַזויפיל צייט נישט געווען אין שטאָט — האָט מען אים אָפּגעשטעלט אומע־ טום, געגעבן שלום און געוואָלט עפּעס לערנען פון זיינס אַ וואָרט. ער קומט דאָך איצט פון דער גרויסער וועלט. אויך ער אַליין האָט זיך כסדר אַרומגע־ קוקט אויף דער גאַס, אויף די הייזער... טאָמער, חלילה, וועט ער עמעצן נישט באַגריסן — צוליב פאַרזען — און מבייש זיין. ער האָט אַפילו נישט געקענט האָבן די נייטיקע התבודדות. האָט ער זיך, בכן, באַמיט צו טראַכטן אַפילו צווישן אַ געזעמל מענטשן, אַפילו ביים אַריבערגיין די גאַס.

דערפאַר מסתמא האָט ער נישט באַמערקט די מיליטערישע קאַרעטע, וואָס איז אָנגעלאָפן אין גאַלאָפּ — און ביים צוקומען נענטער, איז איר ראָד־ געאייל פאַמעלעכער געוואָרן, געצוימטער... אויך דאָס האָט אים נישט אַרויס־ געשלאָגן פון די רעיונות. זיין הויך געשטאַלט און די שיינע מראה האָבן אָנ־ מעטום צוגעצויגן פרעמדע בליקן. אויך אין דייטשלאַנד האָבן זיך דאַמען פאַר־ האַלטן אַ ווייל, געקוקט מיט אינטערעסירטן נייגער. אַפילו דאָ, אין די שנאה־ דיקע געגנטן, פלעגט טרעפן: אַ שררה, אָדער זיינס אַ פלונית, האָט געהייסן

אָפּשטעלן די פערד און אים באַטראַכט, געפּאָרשט... נו, מילא! נאָך אַ באַ־
געגעניש. אָבער פּלוצים האָט אַ שטאַרק קול אַדורכגעשניטן די גאַס: ר ב י ! ! !

האָט עמעץ אים גערופן? אין גאַס האָט ער קיינעם דאָס־מאָל נישט גע־
זען, דערצו וועט קיין ווילנער ייִד נישט ברילן צו אים פון דערווייטנס. האָט
עמעץ געשריגן פון דער קאַרעטע? אַ דמיון... אָבער דאָס קול האָט אים פאָרט
אַדורכגענומען, אויפגעציטערט. איין וואָרט — און ס׳איז אים אַזוי קענט־
לעך, אַזוי נאָנט און... שטעכיק. האָט עמעצער געשריגן פון אַ באַהעלטעניש?
דאָס ערשטע מאָל איז ר׳ ישראלן קאַלט און הייס געוואָרן פון אַזאַ באַקאַנט
וואָרט: ר ב י . . . עפּעס אין זיין זכרון האָט זיך אַ וואָרף־געטון, געוואָלט
זיך דערמאָנען און באַלד איז אַלץ צעריבן געוואָרן. ער ג ע ד ע נ ק ט און
זיין אומווילן טרייבט, וויל פאַרדעקן דאָס געהערטע. עפּעס ווי אַ שד וואָלט
אַרויסגעשריגן פון די תהום־טיפענישן...

איין וואָרט — און זיין בליציק־שנעלע תפיסה האָט גיך אַרויסגעכאַפּט
פון דאָרט אַ פאַרוויינטן, פאַרבאַרגענעם טאָן. ווער קען עס זיין? ר׳ ישראל
האָט זיך האַסטיק אַ ריס געטון פון אָרט. אָבער די רעדער פון יענער קאַרעטע
האָבן זיך דערווייל צוגערוקט, צוגערוישט צו זיין אויער. אַ רגע בלויז האָט
עס אים צעטומלט, אַ רודער געטון אין מח מיט נייגעריקן פחד: אפשר טאָקע...
פון דאָרט? פון דער קאַרעטע?

ער האָט נישט באַוויזן צו דערטראַכטן דאָס געדאַנקלעכע ביזן סוף. באַלד
האָט זיך די קאַרעטע אויסגעגלייכט מיט זיינע טריט, זיך אָפּגעשטעלט. די
באַגילדעטע טיר האָט זיך צעעפנט און פון דאָרט האָט שוין ר׳ ישראל גע־
קענט הערן אַ קלאָר און באַקאַנט קול: ר ב י !

די פיס האָבן זיך געוואָלט אַ הייב־טון, לויפן, באַהאַלטן זיך. אָבער אַ
פאַרבאַרגן געפיל האָט אָפּגעשטעלט אַלע מחשבות און ווילנס. אַ שווייגעניש
האָט אים פאַרשטעלט דאָס מויל, געבונדן הענט און פיס, אָפּגעשטעלט אַלץ
אין אים — אַפילו דאָס רוישן פונעם שטעכיק־אויפגעקאָכטן בלוט. ער האָט
אַפילו נישט געהאַט קיין כח אָוועקצונעמען דעם בליק. דערפאַר האָט ער גאָר־
נישט געזען און פאָרט געזען אַלצדינג.

אין דער קאָטש איז געזעסן אַן אויסגעפּוצטע פּריצהטע מיט גאָלד־באַ־
צירטע האָר. איר נאַקעטער אָרעם האָט פון דאָרט געשיינט, געלאַכט און גע־
ציטערט. אַ שיינקייט! ר׳ ישראל האָט זיך געוואָלט וווּנדערן אויף זיך אַליין,
פאַרוואָס ער קוקט און ווייסט וואָס ער זעט. אָבער די מחשבות האָבן אים מער
נישט געפרעגט. זי האָט געשמייכלט פאַרוווּנדערט און ביי איר זייט האָט
זיך אַ הייב־געטון אַ דינער מאַן מיט גרוילעכע האָר. אויף זיין אַקסל האָבן
זיך געבערגלט גילדענע פּרענדזן און די קנעפּ פון זיין מונדיר האָבן אַ בלענד

געטון אין אויג. פון דער טונקעלער קאַרעטע האָט זיך געטראָגן אַ שמעקעוו־דיק־שכורער ריח און אַ ביס־געטון מיט רייץ די נאָז, אַלע חושים...

אויף אַ רגע האָבן זיךביידנס אויגן צונויפגעטראָפן. ר׳ ישראל האָט געוואָלט שרייען, שפייען, אויסגיסן אַ שנעלע תוכחה אויפן אויסגעפּוצטן שררה — און נישט געקענט. אדרבא: די לעצטע שיריים פון אַ פאַרשטויסענער, דערשטיקט־וואָרעמער ליבשאַפט — וואָס האָבן זיך געוואָלגערט אין אים אַזויפיל יאָרן אומבאַמערקט — האָבן זיך גענומען וועקן, זיך אַ טרייסל געטון און גענומען שפּאָרן מיט גבורה צו די בלייכע ליפּן: דוד־מאיר!

דאָס האָבן זיינע אַמאָליקע געפילן באַקומען די אויבערהאַנט אויף אַ רגע. ער אַליין האָט געמוזט שוואַך ווערן, זיך וואַקלען. בלויז זיינע הענט האָבן זיך פאַרגעסן און אָנגעכאַפּט די טיר פון דער רייכער קאַטש. די האַנט פון יענעם מאַן האָט זיך אויסגעשטרעקט, קוים־קוים אָנגערירט מיט ציטער זיינע פינגער און ר׳ ישראל האָט געהערט, דורך אומציילליקע נעפּלען, יענעמס שטילן טרויער:

— דער רבי איז גרוי געוואָרן... און אַזוי אַלט... און שוואַך...

דאָס באַקאַנטע אינעם קול, דער אויפגעדעקטער סוד, האָט אויפגעוועקט אין ר׳ ישראלן דעם פאַרטייעטן ווייטיק. ער האָט האַסטיק אָפּגעריסן זיינע הענט פון דער טיר און זיך ווידער אויסגעגלייכט. ער קען נאָר שוואַך ווערן אויף אַ רגע. דערנאָך צעבליצן זיך ווידער זיינע אויגן און די יונג־געבליבענע האָר פון דער באָרד שטעלן זיך פאַרויס, ווי מעכטיק־גבורהדיקע שפּיזן. וואָס האָט ער געזאָגט, אָט־דער... אָטאָ־דער?...

אויף ישראלס ליפּן נעמען טאַנצן קוילן, אָנגעגליטע שפּיזן. באַלד וועלן זיי פאַרפליִען גלייך צו יענעם אין האַרץ. זאָל נאָר די מחשבה געבן אַ באַפעל. אָבער די ערשטע רגע, פון אויסריידן מיט ווייכקייט דעם בוגדס נאָמען, האָט שוין געטון דאָס איריקע. ער האָט שוין אָנגערירט דאָס הענטל פון ז יי ן קאַרעטע, אויפגענומען דעם בליק פון יענעמס אויגן... די דערנענטערונג איז שוין אַריין אומעטום און פונעם רגעדיקן געראַנגל איז ר׳ ישראל געוואָרן רויִקער, געצוימטער. ס׳איז ווידער דער שטענדיקער ר׳ ישראל סאַלאַנטער, וואָס קען אָפּוועגן זיינע געפילן ביז אַ האָר; זיי האַלטן אין צוים, ווי צעפּלאָ־שעט זיי זאָלן נישט ווערן. אַ ביטערקייט בלויז האָט זיך געטראָגן פון איבע־וויניק צום האַלדז, צום מויל, צו די ליפּן. די גאַנצע האַרבקייט פון זיין גע־שטעל, פונעם בליק, האָט זיך אַ וואָרף־געטון צום מענטש אין די עפּאָלעטן, צו דער פאַרגאָפּטער ערלית ביי זיין זייט. די לאַנג־יאָריקע וווּנד האָט אויפ־געהערט צו שניידן. סיווי טאָר ער דאָ נישט בלייבן שטיין און טענהן. בלויז דאָס לעצטע ברעקל ר ח מ נ ו ת האָט זיך געריסן פון די ליפּן:

— דוד־מאיר... ווו איז דיין עולם־הזה?

ווי יעדעס מאָל, ווען די געשפּאַנטקייט האָט דערגרייכט איר העכסטן שפּיץ, מוז אַפילו דאָס שטאַרקסטע וואָרט זי אָפּשוואַכן. אויגן און שטייפע שטומקייט מוזן גרייכן טיפער ווי דאָס העכסטע געשריי. מיטן שווייגן — פאַרניקט אויף דער גאַנצער אַרום, פונעם הימל ביז צו דער ערד. מיטן רעדן — קומט דער קלאַפּ פון וואָרט, נישט מער. דער גאַנצער אַרום און זיין שטילקייט ווערט צעשלאָגן, אויפגעריסן, אָפּגעטיילט; ווערט אויס שותף... דערפאַר איז אויך דוד־מאיר אויפגעהייטערט געוואָרן. דאָס שווייגן איז גע־ווען אַ טויט־משפּט — בעת דאָס ערשטע וואָרט האָט אים צוריק אַריינגע־שליידערט אין לעבן אַריין, אַפילו ווען עס רייסט שטיקער. ר׳ ישראלס שאלה האָט אַפילו אויפגעוועקט אין אים דאָס פּינטעלע באַרימערישקייט. וואָס ר׳ ישראל האָט נאָך דערקענט אין זיינע בריוו. איצט האָט ער זיך דערמיט באַ־שיצט, באַהאַלטן זיך פאַרן רבינס אַנדערע שאלות:

— וואָס פרעגט דער רבי? איך האַלט שוין ביים ווערן גענעראַל... און דאָס איז מיין ווייב... אַ גרעפין... די שענסטע יפת־תואר צווישן אַלע שררהס טעכטער... אומעטום טראָגט מען מיך אויף די הענט... כבוד אָן אַ שיעור... איך...

ר׳ ישראל האָט אַ ציטער געטון פון יסורים, פונקט ווי אַלעמאָל בעת ער מוז אויסהערן — צוליב כבוד־הבריות — עמעצענס קראַנקע פּלאַפּלערייען. ערשט ווען יענער האָט אָפּגעהאַקט אַ מינוט, צו כאַפּן אָטעם, האָט ר׳ ישראל זיך אַריינגעריסן מיט אַ געלאַסנקייט, וואָס קען צעז געגעראַלן מיטאַמאָל קליין מאַכן ווי ווערעם:

— דאָס דערציילסטו מיר דאָך פון דיין עולם־הבא! דו האָסט גענומען און זי אָפּגעמינצט אויף אַ גאָלדענעם רינג פאַר דיין ווייב, אויף אַ פּאָר שטיקלעך שטאָף פאַר דיינע אַקסל־בענדער, אויף אַ קאַרעטע מיט פיר פערד... דאָס זע איך דאָך אַליין! אַפילו ווען דו זאָלסט לעבן טויזנט יאָר און קעניגן אויף טויזנט מדינות — וועסטו נישט קענען פאַרלעבן קיין האָר פון דיין עולם־הבא. די רעשט וועט סייווי פאַרלוירן־גיין — ווייל דאָס קענסטו נישט פאַר־נוצן. זע איך בלויז דיין עולם־הבא... טאָ וואָס טוסטו מיט דיין עולם־הזה?

דער אָפּיציר אין קאַרעטע איז מיטאַמאָל קלענער געוואָרן. זיין פּנים איז פאַרצויגן געוואָרן מיט אַש. בלויז זיין קאַרק איז רויט געוואָרן, אָנגעגאָסן מיט באַליידיקטן כעס. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר דאָס לשון האָט אים נישט געדינט. ר׳ ישראל איז שוין געווען קאַלט, ניכטער, באַרעכנט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף דרשענען אין אַ ווייטער קלויז. טאָ ווילאַנג איז דער שיעור צו פאַרלירן צייט? אָבער אַלע צעפּייניקטע יאָרן פון ספיקות האָבן

זיך מיטאַמאָל צונויפגענומען, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קליין פינטעלע און ער האָט זיך גאָר געמוזט צעלאַכן:

— אָט דאָס שטיקל גוף אין אויסגעפּוצטע פעדערן האָט אים צוגערויבט דעם שלאָף? אָט דאָס מענטשל, וואָס שטאָלצירט מיט אַ גוט וואָרט פון אַ פּעטערבורגער שיכור, האָט עס געזאָלט ווערן דער נייער מנהיג־הדור? אומ־גלויבלעך! קעגן אַ גאַנצער וועלט מיט אַפּיקורסות האָט ער אים געוואָלט אַוועקשטעלן און איצט — זע נאָר וועמען אָט־דער האָט געמאַכט פאַר זיין גאָט! אַ מרשעת, אויסגעשמירט אין בשמים...

אָן איבל האָט אים אַ ריס געטון, געשלעפּט ביי די פּאָלעס. ער האָט זיך געלאָזט לויפן ביז אין די יידישע גאַסן. דוכט זיך, אַז מ'האָט אים נאָכגעקוקט פון אַלע זייטן, אָבער ער האָט גאָרנישט געוואָלט זען. ערשט דורכן פענצטער פון אַ קלויז האָט ער געהערט אַ קינדיש קולעכל דערציילן אַ גרויס וווּנדער:

— אַ פּריצהטע פון דער קאַרעטע איז געפאַלן אין חלשות... און אַ יעד־נעראַל איז געשטאַנען און איר געריבן דעם שטערן.

טז.

צייטן זענען געלאָפן, אָנגעטראָגן ווינט און שטיינער. די אַכציקער יאָרן פונעם נייַנצנטן יאָרהונדערט האָבן זיך אַ לאָז געטון אויף יידישע שטעט מיט גייער אכזריות. פון פּעטערבורג האָט מען אַרויסגעשיקט איין גזירה נאָך דער צווייטער, געחתמעט זיי מיט רשעות, בלוט און שגעון. איבער די גאַסן האָבן אַ הוליע געטון זעלנער און פויער, כאָם און אַפּיציר... אפשר דערפאַר האָט מען, ווי כלאחר־יד, מודיע געווען צו ר' ישראלן: דוד־מאיר איז געוואָרן גענעראַל...

ר' ישראל האָט געמיינט, אַז דער חשבון צווישןביידע איז שוין גע־שלאָסן. דאָרט, אויף דער ווילנער גאַס, איז אַלץ פאַרלאָשן געוואָרן. ער איז זיכער נישט שולדיק, ווייל יענער וואָלט סייווי געווען אַוועק. ווען נישט ד י א ש ה וואָלט געווען אַ צווייטע; ווען נישט ד ע ר מונדיר, וואָלט געווען אַן אַנדערער. אָבער יידן ווילן נישט וויסן. פון אַלע זייטן זוכט מען נכבדים, רבנים מיט אַ שיין געשטאַלט. זאָלן זיי פאָרן, לויפן, קלאַפּן אין פאַרהעמערטע טירן, יאָמערן, בעטן — אולי ירחם... אפשר וועלן די הערצער פון שטיין זיך רירן. אַ סברא, אַז זיי ווילן קיין שריט־ופליט נישט לאָזן פון יידישן הויז... און — — — דוד־מאיר איז אַ גענעראַל, היילט די מחלות פון אַלערליי רשעים. וואָס מיינען זיי מיט אַזאַ בשורה?

אויך אים האָט עס געטריבן קיין פּעטערבורג. אויך ער דאַרף זיך ערגעץ משתדל זיין, פּונקט ווי דאָס וויל ר' חיים טשערסקי, דער זיסמירער רבי.

אמת: דאָ זיצן אַ צאָל פון ר׳ ישראלס תלמידים, זיי זוכן אויסצוגלייכן מיטן שכל וואָס די בייזע געזעצן פאַרקרומען, זיי שפּאַרן אָן ביי די קלענערע באַאַמטע און וואָס זיי קענען נישט דערוועקן אין זייער האַרץ — פּרוּוון זיי דורך געלט אין די הענט. אָבער ס׳איז מער נישט מעגלעך. עפּעס גרייט זיך, עפּעס דאַרף געשען, עפּעס וועט זיכער קומען — אויב מ׳זאָל באַצייטנס נישט פאַרהיטן. די קליינע כאַבאַר־נעמער צי׳ען מיט די אַקסלען. ס׳איז נישט פאַר זייערע כוחות. דערפאַר איז עס אויך נישט פאַר די כוחות פון די געוויינטלעכע שתדלנים. טאַקע ביים לאָזן הערן דעם רבין ווי עס האַלט, איז אויך געקומען די דערמאָנונג: דוד־מאיר... דאָס האָט געדאַרפט הייסן: ר׳ ישראל אַליין וואָלט געדאַרפט קומען אַהער און — — —

טאַקע אָט־די מחשבה טרייבט אים אַרום איבערן צימער, זויגט די בלוטן: כנראה, ווי עס זעט אויס, איז נישטאָ קיין אַנדער עצה. כלו כל הקיצין. איצט מוז מען בלויז אָנקומען צו גענעראַלן; און זיי ווידער דאַרפן גיין און אָנקלאַפּן ביים צאַר אַליין. ו ו ע ר זאָל עס פועלן ביי זיי? אַהאַ... ע ר האָט אַ צד אין דער משפחה: גענעראַל דאַמבו! זאָל ער נאָר פאַרבייגן פון זיין שטאָלץ, פאַרגעסן אַלטע חשבונות און גיין צו אים, ווי עס גייט יעדער רב צו אַ שררה.

שוין עטלעכע מאָל זענען געקומען בריוו צו אים, נישט געלאָזט איינרוען אינעם דייטשן מקום־מנוחה: וואָס זאָגט ער? וואָס מיינט ער? דאָס געציקלט־שיינע, רבנישע כתב האָט געוויינט, געבעטן רחמים, געגעבן אָנצוהערן אַז... מען מוז אָנקלאַפּן אין דער לעצטער טיר.

יאָ, י׳דן דרייען זיך אַרום מיט אַ שטריק אויפן האַלדז. ער זיצט אין דייטשלאַנד, ווו עס איז דערווייל שטיל. קען ער זיך עקשענען. אָבער וואָס זאָלן זיי נעבעך זאָגן? זיך לאָזן דערשטיקן? זוכט מען אַ וועג צו אַלערליי משומדים, וואָס האָבן נאָכנישט פאַרלוירן דעם לעצטן ניצוץ. רבנים שטייען ביי זייערע טירן און רעדן צו זיי מיט דרך־ארץ, שרייבן צו זיי לאַנגע מליצה־בריוו, פול מיט הויך־גאַרנדיקע שבחים; מען איז זיי אַפילו מבטיח גאַנצע שטיקער פון דער פאַרלוירענער עולם־הבא... און זיי דאַרפן קיין סך נישט טון. בלויז גיין און פאַרוואָרפן אַ גוט וואָרט ביי מלכות. ר׳ ישראל האָט אַפילו געהערט וועגן חסידישע רביים, אַז זיי האָבן זיך דערמאָנט וועלכער משומד עס שטאַמט אָפּ פון זייערס אַ חסיד. דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן שיקן שליחים און דערמאָנען זכות־אָבות. אַ סברא, אַז אויך ר׳ חיים ווייסט פון אַ פראָפעסאָר, וואָס האָט געביטן דאָס רענדל, אָבער זיין פאָטער איז געפאָרן צו ר׳ חיימס זיידן.

נישט שיין? אָבער וויפל מיאוסע מלאכות האָט ער, ר׳ ישראל, געהייסן טון זיינע תלמידים בעת דער מגיפה אין ווילנע? איצט דאַרף מען ראַטעווען

און דערפאַר מוז מען איינשפּאַנען אַלע ייִדישע אָדערלעך, וואָס וואַרפן זיך נאָך אינעם טומאהדיקן ים. מ ע ן ד אַ ר ף ? אויב אַזוי איז עס מער קיין עבירה נישט; און היות ווי קיין פּאַרעוועו מעשים זענען בכלל נישטאָ — איז עס אַ מצווה... און פּונקט ווי עס איז בפירוש אַ מצווה, אַז ר׳ חיים זאָל זוכן אַ וועג צו ז יי ן משומד, אַזוי איז אויך אַ מצווה אַז ר׳ ישראל זאָל גע־דענקען אין אַ גענעראַל מיטן נאָמען דוד־מאיר — — — אָבער וויאַזוי? אַלע יסורים פון אַמאָל האָבן ווידער אויפגעוואַכט; אים אונטערגעזאָגט, אַז „דאָס" איז עפּעס אַנדערש; אַז דוד־מאיר איז נישט קיין פּראָפעסאָר כוואָלסאָן, אָדער דער כשר־עסנדיקער משומד און לובלינער חסיד, וואָס איז געוואָרן צענזאָר איבער ספרים. נאָר צוריקגעשמועסט: אפשר באַנוצט ער זיך בלויז מיט אַן אייגענער נגיעה? אפשר טאָר מען, אין אַזאַ צייט, נישט מאַכן קיין חילוק צווישן משומדים? אפשר האָט אים געפּאַקט די טריפהנע גאווה און ער וויל זיך גאָר איינשמועסן, אַז דאָס איז פרומקייט; זאָרג פאַרן הימלס כבוד־וועגן?

ביים חסידישן שכן איז נאָך אַלץ לעבעדיק און לוסטיק. דאָרט איז מען אַזוי זיכער אין זיך. מסתמא וועט דער רבי טון דאָס וואָס מען דאַרף. בלויז ער, ר׳ ישראל, וועגט און מעסט, טאַפּט אַרום יעדער מחשבה־ברעקל און ווייסט נאָך אַלץ נישט: גיין? נישט גיין? און די נאַכט צעקריכט; און דער מאָרגן וועט באַלד אַריינפאַלן אין דער שויב... און עמעצער וועט שוין זיכער מודיע זיין צווישן ייִדן: ר׳ ישראל איז געקומען.

יז.

אַ סך זאַכן האָבן זיך געביטן ביי אים, זינט יענער צייט. אין דייטשלאַנד האָט ער גופא געגומען אַריינשמעקן אין דייטשע ביכער; געוואָלט דערגיין דעם צויבער פון יענע פילאָזאָפן און שרייבער, וואָס צוליב זיי האָט אַ גאַנ־צער דור אָפּגעגעבן די ייִדישע נשמה. ער האָט געוואָלט נאָכלויפן דער משו־גענער וועלט מיט זיינע גאוניסע, אָבער מידלעכע, טריט; אַריינקוקן איר אין פּנים און זען אין וואָס עס באַשטייט איר כישוף.

איבערגעלאָזט דאָס הויז אויף די הענט פון גאָט און זיין אשת־חיל, האָט זיך אויך דאָרט געגומען טרייסלען. קיינער פון זיינע קינדער וועט שוין אין זיינע טריט נישט גיין. זיין צירונג, ליפּמאַן, האָט זיך אָוועקגעגנבעט צו די משכילים. דערנאָך האָט מיט אים געקלונגען אַ וועלט. די שווערסטע חשבו־נות האָט ער אויפגעקלערט, געוואָרן אַ פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק — אָבער דעם טאַטנס חשבון האָט ער נאָך מער פאַרוויקלט. ווען ער איז געקומען קיין פּעטערבורג, איז שוין פונעם גאַנצן זון געבליבן אַ בערגעלע ערד. איצט וועט ער בלויז קענען גיין אויף קבר הבן... און זיך טרייסטן, אַז ליפּמאַן האָט פאַרט

געהיטן כשרות ביז דער לעצטער מינוט. אָבער וואָס איז מיט זיינס אַן איי־ניקל? יענער שטודירט שוין אין ווין, הייסט שוין נישט אַנדערש ווי ר אָ ־ב ע ר ט — און דער זיידע מוז שוין שרייבן תחנונים־בריוו צו זיינע ווינער אַנהענגער: למען־השם היטן ראָבערטן, אַז ער זאָל חלילה נישט פאַרקריכן צו־ווייט...

איז עס די שפּעטע שטראָף פאַר זיין פּרווו מיט דוד־מאירן? איז עס נסיון? סייווי איז דער מהלך אַ ווייטער. ער האָט געוואָלט אויספּלעכטן אַ מעכטיקן גאַרטל פאַר אַלע יידן אין דער וועלט; אַרומפאַנצערן ליטע, רוסלאַנד, דייטש־לאַנד, פּאַריז מיט אַ רייף פון שכל און יראה — און איצט ליגט זיין בלוט און פלייש אין אַ פּעטערבורגער קבר און ער מוז מרעיש עולמות זיין, אַז דאָס אייניקל זאָל ווינציקער מחלל־שבת זיין אין דער גוייִשער פרעמד... טאָ ווי־אַזוי קען ער, מעג ער טראָגן אַזאַ שווער הארץ אויף דוד־מאירן? אפשר איז דאָ קיינער נישט שולדיק. דער ווינט פון דער צייט איז צו־שטאַרק און דער־פאַר האָט ער זיך אפשר אומזיסט איינגערעדט, אַז דער כח פון ישראל בן ר׳ וואָלף ליפקין וועט אים גובר זיין?

זיין רבי, ר׳ זונדל האָט אַנדערש פאַרשטאַנען. ע ר האָט נישט געוואָלט נאָכיאָגן די וועלט. אַפילו די קלענסטע גאַס פונעם קליינעם סאַלאַנט האָט ער נישט געוואָלט איבערקערן. דערפאַר איז ער אַוועק קיין ארץ־ישראל, דאָרט מאריך־ימים געווען און אויך דאָס גאַנצע בני־בית איז געבליבן מיט אים... אויפן ירושלימער כסא־הרבנות זיצט איצט זיין איידעם — און ר׳ ישראלס חבר — ר׳ שמואל. אויך זיינע אַנדערע קינדער זענען נישט אַוועק קיין פּע־טערבורג. די שלשלת־היוחסין ציט זיך גלייך צו אים, על שלשים ועל רבעים. די גזע פון ר׳ זונדלען האָט זיך אַפילו נישט געגעבן דעם מינדסטן שאָקל.

און ער? דעם גאַנצן כלל־ישראל האָט ער געוואָלט ראַטעווען. רוט ער נישט עד־היום. דאָרט ווו ער קען נישט מציל זיין אַ ל ץ — ראַטעוועט ער אַ פּיצל, אַ ברעקל. אין מ ע מ ע ל, למשל האָט ער געוואָלט פועלן ביי יידישע קרעמער׳, אַז זיי זאָלן לכל־הפּחות פאַרמאַכן די געוועלבער אויף אַ פאַר שעה אינעם שבתדיקן טאָג. ער האָט אויפגעהערט פאָדערן ביי דייטשע און פראַנ־צויזישע יידן אַ גאַנצע יידישקייט. ער האָט אָנגעהויבן בעטלען ביי זיי די קלענסטע מטבעות, ווי גראָשנדיקע נדבות, בכדי צו אָטכאַיען די יידישע פאַר־שמאַכטקייט. מען קען נישט זאָגן: עס געשעען ניסים. אים געלונגט אַמאָל עפּעס צו דערגרייכן. ער שטעלט זיך אין זיין גאַנצער גרייס און שפּאַרט אונ־טער די יידישע סוכה. אָבער אויף ווילאַנג? ביי איין סטודענט פון קעניגס־בערג וועט ער פועלן פולע פרומקייט, ביי אַ דאָקטער פון פּאַריז וועט ער אויס־בעטן כשרות, ביי אַ יונגן סוחר פון קורלאַנד וועט ער באַקומען אַ גרויסע

נדבה פאַר אַ מוסר־שטיבל. זייער שיין... אָבער ק יי ן ר׳ חיים וואָלאָזשי־נערס וועלן שוין דאָרט נישט וואַקסן. קיין ר׳ זונדלס וועלן זיך דאָרט נישט אויסכאַוועון און... אַפילו קיין ר׳ ישראלס וועלן פון זיי נישט אַרויסקומען.

דאָס גרויסע פון זיינע יוגנט־חלומות האָט ער בלויז באַוויזן אייַנצור־פלאַנצן אין געציילטע: ר׳ איצל, ר׳ נפתלי, ר׳ שמחה־זיסל, ר׳ נטע־הירש... זיי האָבן אייגענע תלמידים און דורך זיי באַנייט ער „ווי אַן אָדלער" זיין יוגנט. אָבער דאָס איז ווייניק, מוראדיק ווייניק. ער אַליין מוז זיך אַרומדרייען אויפן גרויסן וועלט־יריד, זאַמלען האָרעלעך יידישקייט ביי דעם און יענעם, פאַר־היטן דאָס לעצטע קנייטל אַפילו אינעם האָרץ פון אַן אייגן קינד אָדער איי־ניקל. איז דאָס דער גרויסער נצחון פאַר זיינע העכער זיבעציק יאָר? און ווי־באַלד ער האָלט שוין ביים קנעלן מיט אַ קליינעם בוכהאַלטער פון אַ דיי־טשער באַנק די ערשטע פינטעלעך יידישקייט — וואָס בלאָזט ער זיך אַזוי קעגן דוד־מאירן? ווי קליין דאָס יידישע פאָלק איז געוואָרן! ווי באַגרענעצט די השגות... און דערצו מוז מען עס ראַטעווען פון דער שווערד. ישראל פון סאַלאַנט! זיי מודה, אַז דו האָסט זיך דריי מעת־לעת געווייקט אין גאות. קיין וועלטן האָסטו נישט אויסגעבויט, דיינע יאָרן האָסטו צעשטויבט, דיין פאָלק זוכט בלויז אַביסל פרייען אָטעם... טאָ בייג זיך! זיי כאָטש פאַר זיך אַליין דאָס וואָס דו דאַרפסט צו זיין.

די שעה אין דער נאַכט איז שוין געוואָרן אַ קליינע, אַ יינגע. אַ סימן: אויך ביים זיסמירער רבין איז שוין שטיל. בלויז ביי ר׳ ישראלן האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. והראיה: ער האָט אַרויסגעצויגן אַ בויגן פּאַפּיר, איינגע־טונקען די פעדער און גענומען שרייבן אַ בריוו — פון פעטערבורג צו פע־טערבורג.

יח.

„...און דעריבער זאָלסטו וויסן זיין, אַז איך שרייב מיין בריוו צום אַמאָ־ליקן תלמיד מיינעם, דוד־מאיר, וועמענס נשמה דו האָלסט געפאַנגען — ומידך אדרשנו... ווער בין איך דען אַצינד? אַן אַלטער, קראַנקער און צעבראָכענער אַרעמאַן. אַפילו מיינע חידושי־תורה האָב איך קיינמאָל נישט פאַרשריבן אויף די בלעטער פון אַ ספר. וועלן נאָר בלייבן נאָך מיר אַ פּאָר צעוואָרפענע בריוו. אַפילו דער „ועזבו לאחרים חילם" וועט ביי מיר נישט מקויים ווערן. אָרעם בין איך און אַלט זענען מיינע יאָרן — אָבער מיין נישט, אַז דערפאַר בייג איך זיך פאַר דיר.

איך האָב נישט געהאַלטן פון פאַרשרייבן מיינע רייד: דאָס וואָלט גע־מיינט, אַז איך באַוואָרן זיך פאַרן קבר און וויל, אַז מיינע ליפן זאָלן זיך באַ־

זועגן ווען מען זאָגט נאָך מײַנע ווערטער. מײַנע חידושים האָבן דעמלט גע־שפּראָצט אין ייִנגע לעבנס, אײַנגעקריצט געוואָרן אין שאַרפע מוחות און אין שטאַרקע הערצער. ווען אַ מחבר פאַרשרײַבט זײַנע רעיונות — מוז אין זײַן האַרץ נעסטן אַ מורא: טאָמער וועט ער פאַרגעסן ווערן און מ׳וועט אויך זײַנע רייד נישט געדענקען אין אַ שפּעטערדיקן טאָג. אָבער אַרום מיר זענען געווען תלמידים ווי געקאָלכטע גריבער, וואָס פאַרלירן נישט קיין טראָפּן. מענטשן האָבן געמיינט, אַז דאָס טו איך מחמת עניוות — אָבער איצט טראַכט איך: אפשר איז דאָס געווען מײַן גאווה? אפשר בין איך צופיל זיכער געווען אין זיך און דערפאַר באַקומען מײַן שטראָף? איך האָב געהאַלטן מײַנע געדאַנ־קען פאַר געניוג שטאַרק — און דערפאַר זײַ געשיקט מיט אַ שליח אינעם שונאס מחנה. איך בין זיכער געווען, אַז איך וועל דאָרט באַווײַזן גבורות און נעמען אין געפאַנגענשאַפט די גאַנצע וועלט. איז דאָס געווען מײַן חטא? ווער ווייסט. בכל אופן: יענער שליח האָט זיך נישט אומגעקערט. דער גלאַנץ פון געצעלט ביי יפתן האָט פאַרטומלט די שטילקייט פון שמין. ער איז דאָרט געבליבן אַ געבונדענער קנעכט, הגם ער האָט געמיינט אַז ער באַקומט די רוט פון הערשאַפט אין דער האַנט. ער האַלט טאַקע אַ רוט פון מאַכט — אָבער זי שמײַסט אָפטמאָל אים אַליין.

איצט קענסטו שוין וויסן, ווער מען איך מיין: דו ביזט דער שמייסער און דו ביזט דער געשמיסענער. דערפאַר וויל איך דיר זאָגן: אויב דו ביזט אַ גע־נעראַל — און דער שטאָלץ פון אַן אָפיציר איז שטאַרקער פאַר דער קנעכט־שאַפט צו דײַנע תאוות — לאָמיר זיך פאַרמעסטן. איך, דײַן אַלטער רבי, וויל, אַז דו זאָלסט מײַן בריוו איבערפירן צו די אויגן פון מײַן תלמיד דוד־מאיר. צו אים אַליין לאָזט מען מיך נישט צו. זײַן שומר ביזטו אַליין, דער באַצירטער מיט שפּיז און שווערד. איז שײַן אַזוי? וואָלסטו נישט אומגעקערט די מלחמה צו אײנעם, וואָס שטייט אַנטקעגן דיר מיט אַ שווערד אויפן שלאַכטפעלד? און איך קום זיך פאַרמעסטן מיט דיר אַן דער מאַכט פון שווערד און ממשלה, נאָר מיט דער אַלט־געוואָרענער קראַפט פון שכל און וואָרט.

קום און זע: די בליצן וואָס האָבן אַמאָל פאַרבלענדעט דײַנע אויגן זענען שוין געלאָשן און זייערע צויבערן האָבן פאַרלוירן דעם רייץ. די ייִנגע, לאַ־בנדיקע גרעפּין ביי דײַן זײַט איז שוין זיכער אַלט און געקנייטשט. איר באַ־רוישנדיק לייב איז שוין איצט אַ קויש מיט מיד פלייש און די גאָלדענע האָר־בערגלעך זענען שוין באַמאָלט פון דער זקנה־שריפט. די רעדער פון דײַן ערש־טער קאַרעטע זשאַווערן שוין אויפן מיסט און גאַרנישט איז שוין געבליבן פונעם גרויסן שקר, וואָס האָט דיר אַריינגעזונגען פריילעכע קולות אין די געהירן. וואָס האָסטו פון דײַן אָפּגעלעבטן עבר? אַביסל אויסגעטרונקענעם

ווײַן און אַ סך קאַפּ־ווייטיק. קיין איין טאָג פון צוריק יונג־ווערן קענסטו דערפאַר נישט קויפן. נישט איינמאָל וואַלגערסטו זיך אויף דיין ווייכן געלעגער אין די נעכט און דער אַלטער דוד־מאיר קומט מאַנען חשבון פאַר ז יי ג ע־יאָרן. אַוודאי איז ער שוואַך, קען נישט אויסהאַלטן די מלחמה מיט דיר — אָבער איך וויל אים שטאַרקן. אויב דו ביזט נישט קיין פּחדן, וואָס איז אָנגעגורטלט מיט דער שווערד, שטער מיר נישט. לאָמיר זען ווער עס איז דער העלד.

איך מאָן ביי דיר אַ חוב. מיינע תלמידים זענען געווען מיינע חידושי־תורה. דוד־מאיר האָט געזאָלט ווערן מיין בעסטער חיבור. האָסטו אויסגעריסן אַלע בלעטער און זיי פאַרטראָגן, אָפּגעווישט זייער שריפט מיט די אומריינסטע וואַסערן — און מיין האַנט האָט צו זיי נישט געקענט דערגרייכן. איך האָב געוואָלט, אַז דיין תורה זאָל ווערן אַ שוואָם — און איינזאַפּן ווי וואַסער די חכמה פון דער וועלט. אָבער דו האָסט געמיינט, אַז איך שיק דיך גאָר גרויס ווערן. וואָס מער דו ביזט געזונקען, אַלץ מער האָסטו געמיינט אַז דאָס ביזטו מקיים מיין רצון. בלויז איין זאַך האָסטו פאַרגעסן: ווען מ׳שיקט איינעם אַראָצובריינגען אַ חפץ פונעם שפּיץ באַרג — איז יעדער שריט באַרגאַרויף אַ טייל פונעם ציל. במה דברים אמורים? ווען מען נעמט דאָס חפץ און מ׳קומט דערמיט צוריק. אָבער ווען איינער ווערט מיד און בלייבט שטעקן אויפן שפּיץ — און וואַרפט נאָך אַראָפּ פון זיך דאָס לעצטע מלבוש — בלייבט ער אַפילו אויף די העכסטע הויכן אַ יורד... אין דיין גאַנג האָסטו מיך געפאָלגט; אין דיין אָפּשטעלן זיך האָסטו מיך באַגזלט.

דו האָסט זיך געלאָזט אָפּשפּריצן מיט זייער הייליק וואַסער און געמיינט, אַז דערמיט נאַרסטו אויס די בכורה. טיפּש! דו האָסט געמיינט, אַז זיי צאָלן מיט תענוגים פאַר גאָרנישט? הייַנט ביזטו איינער פון זיי און קענסט זייערע וועגן. דערפאַר ווייסטו אויך: זיי האָבן געכאַפּט אונדזערע קינדער און געפירט זיי, מיט באָרוועסע פיסלעך, איבער די געפרוירענע וועגן פון סיביר. אונדז האָבן זיי באַשולדיקט אין נוצן קינדיש בלוט — אָבער דאָס האָבן זיי גאָר געזויגן ביי אונדז; אָפּגעצאַפּט דאָס קינדישע בלוט פון יעדער שטאָט און שטעטל. אָבער דער געשריי פון אַזויפיל באַרויבטע מאַמעס האָט זיך געריסן צו די געהירן פון זייער געלערנטער מחנה. זיי האָבן זיך איבערגעפרעסן מיט רציחה און דאָס פרעסן רויע שטיקער פלייש איז זיי נמאס געוואָרן. די שיינע ביכער פון דיינע דענקער ציטערן דאָך פאַר מענטשן־פרעסעריי... זיי ווילן דאָך לערנען איידלקייט! האָבן זיי די ייִדישע שטיקער פלייש געוואָלט באַקומען איינגעוויקלט אין באַמאָלטן פּאַפּיר; אין הייליקע, גוטסטועריש באַהעלטעניש. ביזטו, מיין טרייער תלמיד פון קאָוונער ישיבה, געוואָרן דער

הכשר אויף זייערע מעשים. דו האָסט געאיידלט זייער רציחה און רויב.

אויב דו ביזט אַנטלאָפן פון די געפּייניקטע ייִדן — איז אַ סימן, אַז זיי פאַרדינען נישט קיין רחמנות. נאָך עפּעס: פריִער האָט עס געהייסן אַז מען שטיקט אונדז דעם האַלדז, ווייל מיר טאָרן נישט לעבן אויף זייער וועלט. איצט אָבער הייסט עס, אַז מיר ווערן געשלאָגן, בכדי מיר זאָל'ן ווערן דאָקטוירים און גענעראַלן — און מיר ווילן נישט.

אַן דיר און ענלעכע צו דיר — וואָלט זייער רציחה ווידער געבליבן נאַקעט פאַרן אויג. דאָס וואָלט זיי געמוזט נמאס ווערן. זיי וואָלטן זיך סוף־כל־סוף געמוזט שעמען. אָבער דיין שמד גיט זיי פרישן מוט: זיי זעען שוין נישט אויס אין די אייגענע אויגן ווי מערדער — נאָר ווי בעלי־טובה, מיט זייער (און אפשר אויך דיין) גאָט אויף די ליפּן. זיי האָבן פאַר דיר קיין טייערן פּרייז נישט באַצאָלט. אדרבא: צו־ביליק האָבן זיי געקויפן די רו אויף זייערע געלעגרס, בעת פאָגראָם־העק האָבן זיך געשאַרפט און מעסערס זענען צעשיקט געוואָרן אין אַלע רוסישע ווינקלען. דו, מיט דיין אַנטלויפן פון אונדז, האָסט זיי געגעבן די פולע ברכה. דיין קאַרעטע האָט זיך געקוילערט איבער אונדזערע צעטראָטענע לייבער — און די מוזיק לכבוד דיר איז געקומען פון מוטער־געשרייען, בעת די פּרוכטן פון זייער שויס זענען צוגענומען געוואָרן.

קען זיין, אַז דו שמייכלסט איצט פון מיינע רייד. פון דיין אויסגעפּוצטן טורעם קענסטו זען, וויאַזוי רבנים מיט געבויגענע רוקנס שטייען אין די קאַרידאָרן, וואַרטן אויף אַ וואָרט פון חסד מצד דיינע חברים. אַ ציטער פון פרייד גייט אַדורך אַלע דיינע גלידער: ווי גליקלעך דו ביזט! אויך דו האָסט איצט געקענט שטיין מיט זיי צוזאַמען און נישט וויסן, וואָס דיך דערוואַרט: אַן אויסגעבעטלט וואָרט? אַ שפּיי אין פּנים? אַ נאַגייקע אויפן רוקן? אין אַלע ערטער, ווו די מאַכט פון דיינע גרויס־מאַכער גרייכט, הייבן זיך שוין די קאַסעס; העק בענקען שוין נאָך פרישן בלוט און צעהיצטע הענט שטרעקן זיך שוין צו אונדזערע נאַקנס. דערפאַר מוזן קומען די רבנים און רביים — די אַריסטאָקראַטן ביי זיך אין הויז און ווערעם אין דיינע פאָדערהייזער — און זיך פאַרנייגן. זיי מוזן דאָך אויסשפּירן, ווו מען קען עפענען אַ טיר און ווו — אַ שפּאַלט פון אַ האַרץ. זיי קומען און בוקן זיך — ווייל צוזען דעם טויט פון קליינע קינדער איז נאָך ערגער. זיי האָבן דען אַ ברירה? אָבער דו — וועסט זיצן מיט דיין פליש־אַנפּעלצטן, שווער־באַלאָדענעם גוף און פרייכן פון הנאה. אויך דו האָסט דאָך אייגנטלעך געדאַרפט דאָרטן שטיין. נאָר דו האָסט באַצייטנס געוווסט ווען אויפצורייסן די שווערע טיר און פאַרכאַפּן אַ שטול צווישן זיי. אונדזער צער־פאַרלאָפענער בליק איז דיין פרייד, דיין ווייַן

און גליק, ביזט צופרידן, וואָס מיר האָבן דיך אויסגעלייזט; וואָס מיר טראָגן אַלעמאָל אויס די יסורים פאַר אייערע זינד — כאָטש דאָס וואָלט געדאַרפט מאַכן יעדן פון אונדז פאַר אייער גאָט. אָבער דו ציטערסט דערביי. טאָמער חלילה דערקענט דיך איינער און וויל דיך מיטשלעפּן? פאַרהאַקסטו די טיר, פאַרמאַכסטו די אויגן, פאַרשטאָפּסטו די אויערן...

דו זעסט אונדזער געבויגענע פּלייצע? דאָס האָבן זייערע גזירות זי אַראָפּגעדריקט. פון די פּאָגראָמען אין קיִעוו, אין ניזשין, איבערן גאַנצן לאַנד האָסטו געהערט? האָסטו געזען די ווילדע שרייבערייען פון דיינע געלערנטע חברים? האָסטו פאַרנומען זייער רוף אונדז צו קוילן? באַרויבן, צעמורשן? וואָס ה אָ ס ט ו דערביי געפילט, גאָון און שאַרפער מח? כ'האָב מורא, אַז גאָרנישט. און אפשר ביסטו פול מיט שמחה, וואָס דער לאַנגער חלף זוכט נישט מער ד יי ן האַלדז?

אַן אימה כאַפּט מיך אַרוםביים קלערן, אַז דיר — דעם אַמאָליקן ירא־שמים — איז אַזוי פריילעך דערפון. איך וואָלט דיר עפּעס געווונטשן, אָבער כ'ווייס נישט, אויב דו האָסט עס פאַרדינט. בעט איך חלילה נישט, אַז דיר זאָל אויך זיין אַביסל שלעכט; אַז אויך דו זאָלסט אַביסל שפּירן אונדזער טעם. פאַרוואָס קומט עס דיר? ווי מעג מען דיר צוטיילן אַפילו אַ ברעקל פון אונדזער גרויסער זכיה?".

יט.

די האַנט איז מיד געוואָרן אויף אַ רגע. ס'איז נישט געווען קיין מידקייט פון איינעם, וואָס די כוחות טראָגן נישט מער. ר' ישראל האָט זיך בלויז דערמאָנט, אַז ער שרייבט דאָ נישט דעם בריוו אין זיין אייגענעם נאָמען. ער איז געקומען אַהער צוליב ענינים פון כלל־ישראל און מי־יודע, אויב ער מעג דורכן מויל פון גאַנץ קהל אַרויסברענגען זיינע אייגענע חשבונות. ע ר וועט קיינמאָל נישט חנפענען קיין רשע, אַפילו ווען יענער איז אַרויף צום סאַמע־שפּיץ פון מאַכט. אַ מידער און באַדראָטער קהל מוז אָבער אָפּנויגן פון אַזאַ שטאָלץ; ער מוז זיך בויגן, בעטן, אויסזוכן ווייכע און גלעטנדיקע ווערטער פאַר אַלערליי רשעים — אויב מען קען דערמיט איינשטילן זייער צאָרן, אָדער באַוועגן זיי צו העלפן. ווען ער זאָל איצט כאַפּן אַ ישוב־הדעת מיט אַנדערע גדולים — וואָלטן זיי אים זיכער געהייסן שרייבן צו דוד־מאירן אין גאָר אַן אַנדער נוסח. טאָ ווער גיט אים אַ רעכט צו פּסקענען אינעם אייגענעם נאָמען? ער באַשאַפט איצט ווערטער ווי מעסערס — און דערנאָך קענען זיי זיך אומ־קערן צו אים אַליין? דערפאַר וואָלט זיך ר' ישראל נישט געשראָקן. אָבער דער משומד קען פאַרגעסן וועמענס תלמיד ער איז אַמאָל געווען; עס קען זיך

איבערחזרן די מעשה פון המנען; ער וועט זוכן נקמה נישט בלויז אין דעם איינציקן ייִד — וואָס קניט נישט און בוקט זיך נישט — נאָר אינעם גאַנצן פאָלק פון דעם אויסגעגלייכטן מרדכי...

אַ רגע בלויז האָט ר׳ ישׂראל זיך געוואַקלט: אפשר דאַרף מען זיך מיט עמעצן האַלטן אַן עצה? טאַקע אין דער רגע איז אים ווידער געקומען אויפן געדאַנק דער רבי פון זיסמיר, ר׳ חיים טשערסקי. ער איז דאָ געשטאַנען אויף דער שוועל, עפּעס געוואָלט זאָגן און אַוועק. מסתמא האָט ער אים געוואָלט דערציילן, אַז ס׳איז איצט אַן עת לעשׂות; אַ צייט פון טוּעניש, אַן באַווארע־נישן. ר׳ ישׂראל קען זיך אָבער נישט בייגן, זיך פאַרשטעלן מיט חניפה.

דאָס אַריינמישן זיך פון אַזאַ ספק האָט בלויז אַביסל איינגעצוימט דעם פלאַם. ער האָט ווידער גענומען די פעדער אין האַנט, אָבער די באַהאַלטענע מורא האָט זיך שוין באַזעצט אויף זיינע ציטערדיקע פינגער. זאָל ער טאַקע פאַרענדיקן מיט אַ גליַענדיקער קללה, אַ האַרבער וואָרענונג? די צייט איז קורץ. די נאַכט טרייסלט פון זיך אַראָפּ די בלויע מלבושים און באַלד וועט שוין זיין שפּעט... ווייל געהערט האָט ער, אַז דוד־מאיר גרייט זיך אין אַ ווייטן וועג. לויפן שוין די ווייטערדיקע שורות אויפן פּאַפּיר מיט איינגעהאַל־טענעם אימפּעט. ר׳ ישׂראל שרייבט און גאַנץ כלל־ישׂראל צוימט אים:

„...און זיי אויך וויסן, דוד־מאיר: כ׳וועל קיינמאָל זיך נישט קומען בוקן פאַר דיר, אַזוי ווי איך וואָלט געווען אַ יעקב און דו — אַ גרויס־געוואַ־רענער יוסף. כשאני לעצמי, בעט איך ביי דיר גאָרנישט; און אַוודאי קען איך דיר גאָרנישט באַפעלן. בלויז איין זאַך וויל איך דיר פאַרט אַנטפּלעקן: ווען עס קען מעגלעך זיין, אַז איך זאָל אויף איין שעה טראַכטן מיט ד יי ן קאָפּ — ווייסטו וואָס איך וואָלט געזאָגט צו זיך אַליין? הער און ווייס:

— דוד־מאיר! דו ביסט אַוועק פון איין חכמה צו אַ סך אַנדערע; האָסט אויסגעביטן איין וועלט פון ענגשאַפט אויף אַ ברייטערער; אויף אַ וועלט, וואָס קען דעם געביי פון אַ ל ע מענטשלעכע אברים און ווייסט אַלע קלוג־שאַפטן און לשונות. דאָס גיט דיר אַ תירוץ פאַר אַלע אַנטלויפעניש און פאַרן אַרונטערגיין אונטער די פליגל פון אַ בוימל־טריפנדיקן גלח. דו האָסט דאָך דערמיט געוואָלט ווערן העכער, גרעסער... אָבער איצט שפּאַלט גאָר דיין ביי־וועלט קעפּלעך פון קליינע קינדער, זויפט מענטשלעך בלוט און האַקט־איבער צאַפּלדיקע לעבנס. האָסטו זיך דען געשמדט, בכדי צו ווערן אַ וואָלד־חיה? צי איז דאָס דער ריכטיקער בייט? האָסט דאָך געוואָלט זיין אַן אויפגעקלער־טער צווישן די אויפגעקלערטע און נישט קיין רוצח צווישן רוצחים. טאָ וווהין האָסטו מיך פאַרשלעפּט? אין וואָס פאַר אַ פינצטערער הייל האָסטו מיך פאַרשפּאַרט?

און ווייסטו, וואָס־נאָך איך וואָלט צו זיך געזאָגט, ווען איך זאָל קענען טראַכטן אַ גאַנצע שעה מיט דיינע געהירן? הער אויס דעם סוף:

— דוד־מאיר, דו מוזט ראַטעווען זיך אַליין. דו מוזט לויפן צו דיינע חברים און זיי רייסן ביי די שוואַרצע פעדערס: העצט נישט מער! הערט אויף מיט אייער צעיושעטן שחיטה־לשון, ווייל מ י ך קוילעט איר דערמיט דעם ערשטן. איר מאַכט פון מיין גאַנץ לעבן אַ מוראדיקן טעות. איך ווער צוליב אייך אַ נאַריש הענדלערל מיט מיין נשמה... אַ וואַנץ!

און ווען איך זאָל איצט זיין גענעראַל דאָמב, וואָלט איך אַרומגעלאָפן איבער אַלע פעטערבורגער קאָרידאָרן און אָנגעכאַפּט אַלע פאַרצערטע יידן ביי די פאָלעס: קומט מיט מיר! לאָמיר גיין ראַטעווען אַלע מיינע געשמדטע יאָרן... צוליב ז י ך מוז איך גיין און ראַטעווען ביי ז יי דאָס לעצטע פינקעלע מענטש. איך מוז זיי וועקן, בעטן און אַפילו צווינגען, אַז זיי זאָלן א יי ך איבערשטייגן אין איידלקייט, אין גוטסקייט, אין ריינקייט, אין פאַר־געבונג; איך מוז זיכער זיין, אַז כ'האָב פאַרט געמאַכט אַ שטיקל טויש...

און אויב דאָס וואָלט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ליגנט — וואָלט איך קיין איין מינוט מער נישט געבליבן מיט זיי. איך וואָלט אַרונטערגעריסן מיינע עפּאָלעטן, זיך שטיל אַרויסגעשאַרט פון מיין פּאַלאַץ און זיך אויסגעמישט מיט אַלע געשלאָגענע. איך וואָלט זיך אויסגעבויגן פונקט ווי זיי און געבעטן מיט אַ שטילן קול: נעמט מיך, טייערע יידן! אפשר וועט די געבויגנקייט מיך אויסגלייכן אַביסל... און ווען איך קען דאָס נישט פועלן ביי זיך, וואָלט איך צו זיך אַליין אַזוי געזאָגט:

— דו ביסט אַ פּחדן און אַ וואָרעם, דוד־מאיר! האָסט קיינמאָל מער גאָרנישט געוואָלט, אויסער אַ שענערע שיסל פלייש און אַ גרעסערע פאָרציע הפקרות. דיר איז נישט געווען קיין חילוק, וו ו דו וועסט זי באַקומען און וו ע ל כ ע האָנט עס וועט זי דיר דערלאַנגען. אַ שקר האָסטו זיך איינגע־רעדט, אַז דו זוכסט אַ שענערע וועלט — מיט מער וויסן און מיט מער ליכט. זיי זיך מודה, דוד־מאיר! און זיי זיך אויך מודה, אַז עס זענען געווען גערעכט יענע פינצטערע, אומגעבילדעטע יידן פון מינסק, וואָס האָבן געשריגן איבער די גאַסן: מיר ווילן נישט קיין שקאָלעס! פאַרוואָס האָבן זיי י אַ געזאָלט וועלן? אָט האָסטו זיי אַלע אַדורכגעמאַכט, געוואָרן דער גרויסער געלערנטער און שווערדן־טרעגער — איז וואָס? ביסטו געוואָרן אויס קנעכט? ציטערסטו נישט פאַר דיין הויט? דו קוויקסט זיך, וואָס מ'לאָזט דיך אַרומדרייען אין די חדרים פון בלוט־דורשטיקע; דו שמייכלסט מיט חניפה בעת דו דריקסט זייער דלאָניע, הגם דו ווייסט וויפל גיפט עס טריפט פון זייערע פינגער און וויפל קינדיש בלוט זיי האָבן אָפּגעצאַפּט...

איך בעט עפּעס ביי דיר? חס־ושלום. איך דערצייל דיר נאָר, וואָס איך וואָלט געטראַכט אין דיין הויט, אויב איך וואָלט געוואָלט בלייבן אַ שטיקל מענטש...

די פּעדער האָט געמאַכט אירע לעצטע, מידע צייכנס:

„פון מיר, דיין אַמאָליקער רבי, וואָס ווייטיקט נאָך אַלץ אויף דיין פאַר־פירטקייט און שרייבט דעם דאָזיקן בריוו מיט אַ צעבראָכן האַרץ: ישראל, דער זון פון הרב וואָלף ליפקין, מחבר פון „הגהות בן אריה" אויף ש"ס און אַנדערע ספרים, געוועזן אב בית דין אין טעלז מיטן גליל".

אין די ווייטערדיקע חדרים, ביים רבין, האָט זיך ווידער גענומען רו־דערן. קאָנטיק, אַז מ׳גייט זיך דאָרט ווידער נעמען צו דער עבודה. האָט זיך אויך ר׳ ישראל אויפגעשטעלט און גענומען צונויפלייגן דעם אָנגעשריבע־נעם בריוו.

ב.

ווען ר׳ ישראל האָט אַוועקגעשיקט זיין שריפט און ווען גענעראַל דאָמב האָט אים באַקומען, איז קיינמאָל נישט באַוווּסט געוואָרן. קיינער האָט אים אויך נישט באַקומען פאַר די אויגן, בכדי ער זאָל אים קענען איבערלייע־נען. נאָר זיי, די תלמידים און תלמידימס תלמידים, האָבן אים כסדר אויפ־געמישט אין חלום פון פיין, אין קאָשמאַריק־שלאָפלאָזע נעכט. אַזוי אויך האָבן זיינע ווערטער דערגרייכט צום האַרץ פון אייער קנעכט. קיינמאָל אפשר נישט פאַרשריבן געוואָרן — און דאָך זענען זיי שוין אַ סך מאָל אַרויסגע־לייענט געוואָרן פון די אייגענע טיפעניש.

פּאַריז, 1947.

ווער זענען זיי געווען?

א.

צו אַ מענטש וואָס האָט מיטגעמאַכט די זעקס יאָר פון בלוט־יאָרן, קומען אָפט צו חלום אַ ריי געשטאַלטן, מיט וועלכע ער האָט זיך דעמאָלט באַגעגנט. יעדער פון זיי האָט אַדורכשפּאַצירט זיין געדאַנק; און אַפילו ווען זיי זענען שפּעטער אַוועק אין די אומבאַקאַנטע טונעלן פון טויט אָדער פאַרגעסנקייט — האָט זיך עפּעס פון זיי אָפּגעשטעלט אין זיינע געהירן.

געווען צווישן זיי פיינצטערע און ליכטיקע; אַזעלכע וואָס זענען געווען אָפן און קלאָר — ביז צו דער לעצטער מינוט פון פאַרזונקען אינעם גרויליקן סוד — און אַנדערע, וואָס האָבן זייער יעדן טריט געהילט אין אומפאַרשטענדלעכן נעפּל, ביז אַ קלאָרע מינוט האָט אַ בליץ געטון און זיי אויפגעדעקט...

וועגן די לעצטע איז שווער צו טראַכטן געלאַסן. טיילמאָל באַהאַלטן זיי זיך אויס אין דיר, פאַרשווונדן צווישן די מילן פון דיינע טעג — און דו מיינסט, אַז דאָס איז זייער לעצטער גסיסה־צאַפּל אין דיין געדעכעניש. נאָר זיי קומען צוריק אומדערוואַרט; אין אַ מינוט ווען דו ביסט צו זיי נישט גרייט.

נישט איינער פון זיי האָט געשאַפן פאַר אַנדערע אַ מינוטיקן נס און אַליין פון אים אַנטלאָפן. טייל פון זיי וואַנדערן אפשר נאָך איצט אַרום און טראָגן זיך אַליין ווי אַ שווערע לאַסט. אפשר דערפאַר איז זייער תביעה אַזוי שאַרף און רייסט אַדורך אַלע שכחה־ווענט. אפשר זוכן זיי אַליין דעם אייגענעם סוד און זיין באַשייד. אָבער אי ס׳איז שווער צו געפינען אַן ענטפער און אי ס׳איז נישט לייכט צו פאַרגעסן די גאַנצע שאלה.

ווילט זיך דערציילן פון עטלעכע אַזעלכע באַגעגענישן. אויב אַפילו דערפון וועט קיין תשובה נישט אַרויסקומען — זאָלן כאָטש זיין נ אָ ך שותפים צו אַ גרויסער און צעפּייניקטער פראַגע: ווער זענען זיי געווען?

ב.

די ערשטע טעג פון אָקטאָבער 1939. די דייטשן האָבן נאָר־וואָס אַריינמאַרשירט קיין וואַרשע. ס׳איז געווען די צייט פון רויכערדיקע חורבות און אַרעסטן. דער פּחד, ביי ייִדן מיט אַביסל שפּייז אין הויז, האָט פאַרשפּאַרט אין די ליידיקע, צעשאָטענע היימען. אָבער די הונגעריקע האָבן געמוזט אַרויס

אין גאַס, אין די גויִישע פאָרשטעט — און שפּיזיקע דייטשן־אויגן האָבן געוואָנדערט איבער פּנימער, געזוכט דעם דערשראָקן־בלייכן אָפּשיין פון אַ ייִד.

איבער דעם געוועזענעם פּוילישן פּאַרלאַמענט האָבן שוין געפלאַטערט די שאַנדיק־רויטע פענער און געהאַלטן אין איין פּאַטשן מיט כעס דאָס לינדע ווינטל, וואָס האָט זיך געריסן צו די ביימער. אַהין האָט מען געברענגט פּוילישע אַרעסטאַנטן און ייִדן — און זעלטן־ווער ס׳איז פון דאָרט אַרויס לעבעדיק.

אויך איך בין געווען איינער פון די געכאַפּטע. ס׳איז גראָד געווען מיטאָג־צייט. האָב איך געמיינט, אַז איצט וועט זיין רויק — און גלייך אַריינגעפאַלן. דער ברוין־מונדירטער, וואָס האָט אונדז געפירט, איז געווען אָנגעלאָדן מיט רציחה, פּונקט ווי זיין רעוואָלווער. ער האָט, דוכט זיך, געהאַט אַ סיבה: מער ווי זעקס ייִדן האָט ער נישט באַוויזן צו כאַפּן איבער אַזויפיל וואַרשעווער גאַסן... שוין נאָך דער טרייער הילף פון אַזויפיל שקצים און פּוילישע מיידלעך. פון די זעקס געכאַפּטע, זענען צוויי געווען עלטערע מענטשן. דערפאַר האָט ער זיי אַפילו נישט געקענט שלאָגן אויפן וועג. טאָמער יאָ — וואָלט ער געברענגט נאָך ווייניקער.

ביים טויער האָבן שוין געוואַרט אַ צאָל אָפיצירן. ס׳איז נאָך געווע: אין די סאַמע־ערשטע טעג און דערפאַר זענען זיי געווען אַזוי אומגעדולדיק: ייִדן!... און איידער מען האָט נאָך געקענט וואַרפן אַ בליק, האָבן הענט אונדז גענומען שלאָגן, שלעפּן, שליידערן. ערשט שפּעטער האָבן מיר באַוויזן צו זען די אויפשריפטן אויף די טירן: דאָרט זענען נאָר איינגעשטאַנען דייטשן מיט ט י ט ו ל ן, די אַריסטאָקראַטיע פון דער אַרמיי. מיר האָבן זיי געדאַרפט לוסטיק מאַכן: די ערשטע מילחמה־ייִדן אין זייערע הענט — און ס׳איז אַ שאָד צו דערשיסן אויפאַמאָל. האָט מען אונדז, זעקס צעבלוטיקטע ייִדן, געשטעלט ביי די געדיכטע קאַשטאַן־ביימער. ס׳וועט נאָך זיין צייט צו טון אונדזער רעכט.

פון דער טיפעניש אין גאָרטן האָבן זיך געהערט שאָסן, לעצטע געשרייען. דורך די ווייסע שפּאַלטן צווישן בוים און בוים האָט מען געקענט זען ווי שאָטנס פאַלן, קוילערן זיך אַ ווייל. מיט אונדז וועט מסתמא באַלד געשען דאָס זעלבע. אַ געדאַנקען־קנויל נעמט שפּינען די לעצטע מחשבה. ווידוי. פון אַ ווייטלעכן ערגעצווו רייסט אים איבער אַ ברייל: אַנידערלייגן!!! שוין ליגן מיר מיטן פּנים צו דער ערד. דאָס זעלבע קול באַפעלט ווייטער: אויסציִען הענט און פיס! ליגן מיר שוין מיט אויסגעשפּרייטע אברים, ווי צום קרייציקן. די אַראָפּגעפאַלענע קאַשטאַן־בלעטער זאָגן אונדז אָן מיט זייער שאָרך: עס גייען. עס דערנעענטערן זיך שטיוול־טריט... און באַלד שפּיר איך אַ האַרטן שפּאָרן, וואָס קוועטשט מיט כעס די פינגער־שפּיצן פון דער אויסגעצויגענער האַנט.

שמאָלע, פייערדיקע שלאַנגען צעטאַנצן זיך איבער דער הויט. געשרייען.

מיינע, אָדער פון מיינס אַ שכן? דוכט זיך, אַז דער גאַנצער וואַלד האָט גע־שריגן, גערופן נאָך הילף. אַזאַ קול האָט אויך אָנגעשלאָגן צו דיינע אייגענע ליפּן, געמיינט אַז דו קענסט גאָר העלפן. יענעם? זיך אַליין? וואָס איז די נפקה־מינה! סייווי האָגלען אַזויפיל הענט איבער דיין צעגליטן קאָפּ, דריקן אים אַריין אין פאַרוועלקטן גראָז.

קלעפּ פון אַלע זייטן טוען נישט בלויז וויי. זיי שלאָגן אויך אַרויס אַלע מחשבות. דו בלייבסט פּוסט, אויסגעהוילט... און איבער דער גאַנצער פּוסט־קייט לויפט נאָר אַרום די בליציקע שלאַנג — דער ווייטיק. אָבער מיך איז פּאַרט באַפאַלן אַ חשק אָנצוקוקן כאָטש איין שלעגער; זאָל זיין אויף אַ רגע, אויף אַ שפּליטער פון אַ סעקונדע.

די הענט, וואָס האָבן אַראָפּגעדריקט דעם קאָפּ, זענען מיטאַמאָל געוואָרן לויזער, אָפּצינענדיקער. איך זע דערווייל בלויז שטיוול־שפּיצן. דערנאָך פליט דאָס אויג אויף איין הרף־עין צו א מונדיר — און אויגן. אַזוי ווי ביי אַ מענטש. נעבן אים שטייען נאָך עטלעכע. פון דער רציחה, וואָס פאַרגיסט זייער פּנים, נעפּלען זיך אַרויס פליישיקע נעז, גראָבע ליפּן — אָבער זיי ווערן פאַרוואָרפן פון הענט, הענט און הענט. דאָס אויפכאַפּן זיי אַלע מיטאַמאָל קלאַפּט מיט אַ האַמער... זייער גאַנצער אָנבליק איז איין גרויסער זעץ איבער דיר אינגאַנצן. בלויז ביי אים האָב איך ס׳ערשטע דערזען די אויגן. זיי האָבן פאַרשטעלט זיינע הענט, די בייטש... דאָס האָט געשטאָכן דין און נאָגנדיק — ווי אַ שפּיל־קע, וואָס בויערט אַריין איר ווייטיק אין אַלע טיפענישן.

ס׳האָט פון מיר געטריפט בלוט, אָבער איך האָב שוין מער גאָרנישט געפילט. אָט־באַלד וועט קומען דער טויט — און ס׳וועט אַ ז ו י גוט זיין! נאָר דער טומל פון אַזויפיל קלעפּ האָט נישט געקענט פאַרגיסן יענעם איינ־ציקן און דינעם שווידער: דער ברייט־צעוואַקסענער ריז, מיט דער לעדער־בייטש אין האַנט, האָט ווייכע, טרויעריק־יידישע אויגן. דאָס פּנים האָט די זעלבע עינויים־הנאה וואָס אַלע. איך זע בלויז אַ שוואַרץ־ראָזלעכן פלעק, אַ היץ פון מאָרד... און דאָך פיל איך אַ בליץ פון חן, וואָס זויגט אַזוי זשעדנע מיין לעצטן יסורים־צאַפּל.

איין סעקונדע בלויז איז דער מח קלאָר געוואָרן. ביים איינגראָבן דעם קאָפּ אויפסניי אין אויסגעלאָשענעם גראָז, האָב איך שוין געשפּירט איבער זיך אַ יידישע האַנט, אַ יידישן בליק און יידישן צאָרן — וואָס עמעצער האָט איבערגעלאָגלט אין אַנדערע כלים. ס׳איז דערפון געוואָרן שווערער... און פרייער. אַזוי ווי אַ זייטיקער אין מיר האָט דאָס פאַרשטאַנען בגוואַלט און איך אַליין האָב זיך מאַכטלאָז געווערט קעגן דעם; עס נישט דערלאָזט צום קוואַל פון הסכמהדיקער זיכערקייט.

ג.

צוויי טעג זענען פאַרביי. איך האָב דאָס בלויז געוווּסט, אָבער נישט באַנומען. אין מח האָבן זיך איינגעקריצט קלעפּ, הענט — ביי־טאָגיקע און ביינאַכטיקע. אַפילו דער גוף, די שטומע אברים האָבן דערקענט דעם באַזונדערן קאָליר. הונדערטער זענען דאָ דערשאָסן געוואָרן און די ערד האָט זיי צוגעדעקט. בלויז אונדז, עטלעכע ייִדן־ייִנגלעך, האָט מען דערוויַיל געהאַלטן. מיר האָבן געפּוצט שטיוול, געריייניקט קלאָזעטן, געוואַשט דאָס שטיינערנע טראָטואַרל מיט די בלויזע הענט.

מיר האָבן נישט געטאָרט אויפהייבן די אויגן — און דאָך האָב איך אים געזען. עטלעכע מאָל. ביים פאַרבייגיין האָט ער אַלעמאָל אַ שמיץ געטון ביז בלוט, אַ בריק געטון אין בויך און וויַיטער געלאָפן. איצט האָב איך שוין באַוויזן צו זען עפּעס מער. נישט נאָר דער גלאַנץ פון זיַינע אויגן. די שווערע בויגנס איבער זיי, די נאָז, די ליפּן — פון אַלץ האָט געווייעט מיט עפּעס דייַנס. באַקאַנטס... דאָס געפיל האָט ווידער עפּעס גענומען דערציילן — אָבער איך האָב אַזעלכע ביי־מחשבות פאַרטריבן ווי קרעציקע שאָף. ס'איז מיר פּשוט נישט אָנגעשטאַנען צו האָבן מיט אים אַזאַ געהיימע „פאַרבינדונג".

יעדע מינוט האָט געקענט קומען דער לעצטער קלאַפּ. ווער עס האָט געוואָלט, האָט געמאַכט מיט אונדז משוגענע „איבונגען", געשלאָגן, געטרעטן, געשטאָכן. אויך ער, דער געוויינטלעכער זעלנער צווישן אַזויפיל אָפיצירן. איך האָב אים בלויז געוואָלט אויסמיידן מיט אַ זינלאָזן חוש, וואָס קורטשעט איין בעת זיין דערנענטערונג, אָן שום שכל און אַפילו אָן באַרעכנטער מורא. עפּעס האָט ער אַלעמאָל געצילט, אַז זיַין קלאַפּ זאָל טרעפן שטאַרקער, אכזריותדיקער. אויף וויפל איך האָב נאָר געקענט טראַכטן, האָבן איך ממש געפילט: נישט איך אַליין... אויך זיי, די אַרומיקע דאַרפן דאָס זען, דערשפּירן. אָבער דערנאָך איז אויך זיַין אויסגעטיילטקייט נעלם געוואָרן אין געדאַנק. אויך זיַין טריט האָט נאָר אָנגעזאָגט מיטן זעלבן אַלאַרם: מ'גייט... און נישט מער.

דאָך האָב איך אים נאָך איינמאָל געזען, דערזען מיט איבעראַשונג. ס'איז געווען דאָס לעצטע מאָל — און פאַרט ווייס איך, אַז קיין לעצט מאָל וועט שוין קיינמאָל נישט זיַין. כ'וועל אים שוין זען כסדר, אייביק...

געשען איז עס אין געציילטע מינוטן, מיטאָג־צייַט. אין גרויסן סיימגאָרטן האָבן זיך געוואַלגערט אַ צאָל ניי־געכאַפּטע, ביז די אָפיצירן וועלן ענדיקן דאָס מיטאָג און זיך נעמען צום „דרעסירן"... און מסתמא נאָך היינט פאַרענדיקן.

איך און נאָך אַ בחורל, פון אַ יאָר 16, זענען געקראָכן אויף אַלע פיר און מיט די פינגער געווישט דעם שטויב פון טראָטואַר, וואָס פירט צום אַריינגאַנג. ביז נאָך מיטאָג טאָר קיין שפּרענקעלע נישט בלייבן. האָבן מיר אויך געבלאָזן מיטן מויל אויף די ראָזלעכע שטיינער, צווישן די שפּאַלטן. ביסלעכווייז האָבן מיר זיך צוגערוקט צום טויער. אַ באַוואָפנטער וואַכמאַן, מיט אַ העלם אויפן קאָפּ, שטייט און היט. אַביסל ווייטער שטייט נאָך אַ פּאַטרול, נאָך איינער. מען טאָר נישט — און דאָך וואַרף איך אַ בליק אַ ה י ן : אַזוי נאָענט צום דרויסן... צו דער וועלט.

מיין חבר איז ייִנגער פאַר מיר און ער ציטערט סכנות פאַרן לעבן. כ׳ווייס: זיין פאָטער איז געווען דירעקטאָר פון אַ גרויסער שאָקאָלאַד־פאַבריק. מיט עטלעכע טעג צוריק איז ער נאָך געווען זאַט, אויסגעצערטלט. איצט איז ער איין שטיק פחד פאַרן טויט. ביים קריכן אויף אַלע פיר, נעבן מיר, האַלט ער אין איין אַרויסציטערן איינס און דאָס זעלבע וואָרט: ט ו י ט . איצט אָבער האָט ער מיטאַמאָל באַקומען אַן אויסדרוק פון נייער, קאָנקרעטער אימה. ער האָט מיר צוגעוואָרפן אַ פּאָר מבולבלע ווערטער, וואָס האָבן זיך געפלאָכטן איינס אינעם צווייטן, אייליק און שטיל. דאָס האָט ער מיטאַמאָל אַנטדעקט עפּעס אַ נייע, געפערלעכע סכנה: דו, לאָמיר אַרבעטן שנעלער!

זיין געאיידלט פּנים האָט געמאַכט אַ גרימאַסע, די טרערן האָבן אים פאַרהאַקט דעם אָטעם און כ׳האָב קוים אַרויסגעקליבן פון שטויב זיינע אָפּגעריסענע ווערטער: ער, דער שלעגער, שטייט ביים טויער... איך האָב געכאַפּט אַ קוק און געזען: יענער, דער מיט די באַזונדערע אויגן, שטייט מיט אַ פאַרהויבענעם קאָפּ. ער קוקט צו די אָפיצירישע פענצטער סתם־אַזוי, אַבי צו פאַרטרייבן די פוילע צייט. אונדז האָט ער זיכער נישט אין זינען. און אפשר? אָט האָט ער אָפּגעריסן דעם בליק... ער גייט... כ׳דאַרף נישט זען. די טריט קריצלען, וואָרעגען, שרייען, גרייטן זיך. צום טויער איז בסך־הכל אַ צענדליק מעטער. אפשר מאַכן דעם שפרונג? ניין. צו־שפּעט. מיין קאָפּ איז געבויגן איבער די שטיינער. כ׳וויל זיך איינרעדן, אַז יענער טאָר איצט נישט אַוועק פון זיין פּאָסטן... עמעצער גייט. יאָ. אָבער נישט ער, נישט ער... איך פיל אַ האַרטן, רציחה־געלאָדענעם שטויס. נו, דערויף בין איך געווען גרייט. דערנאָך איז געקומען אַ געשריי, אַז מ׳האָט עס געקענט הערן דורך אַלע פענצטער. אַהאַ, ער וויל באַווייזן זיין טריישאַפט. וואָס ער שרייט? בעסער נישט צו הערן. בלויז איין סעקונדע איז ער איינגעבויגן, טיף געבויגן. איך זע אים און זע פאַרט גאָרנישט. בלויז זיין שעפּטש קריכט אַריין טיפער: יודע, ווילסט אַנטלויפן?

כ׳ווייס נישט, אויב ער פרעגט אָדער איז חושד. מסתמאביידע נישט.

אין זכרון לויפן אַדורך פּריִער־געהערטע מעשׂהס וועגן נאַציס — און אַלע האָבן זיך פֿאַרענדיקט מיטן זעלבן: דערשאָסן ביים אַנטלויפן... כ׳קען נישט דערטראַכטן עפּעס ביזן סוף, ווייל מיין חבר פֿרעפּלט אַריין אויף פּויליש אין די שטיינער: ער וויל דערשיסן...

איין אויגנבליק. איצט זע איך זיינע אויגן. כ׳טאָר אים נישט גלייבן און גלייב אים בגוואַלד. דער מוח רודערט און דאָך זענען זיינע אויגן ווייך, זיי בעטן זיך פּשוט. זיין בליק זוכט רחמנות, איז פֿול מיט גרייטקייט און עקשנות. ער שטויסט שנעל אַרויס אויפּסניי זיינע ווערטער, אָן אַן אָטעם — אַזויווי ע ר וואָלט געבעטן אַ טובֿה:

— ייִד, ווילסט זיך נישט ראַטעווען? גיי צום טויער... אָבער שוין!!!

דאָס לעצטע וואָרט ווערט אָנגעלאָדן מיט באַפֿעל און דאָך גלעט עס אַלע גלידער. אָט שוין... און פּטור פֿון אַלץ. איך שאַר זיך דער ערשטער צום טויער. מיין חבר קריכט מיר נאָך. כ׳באַווייז אים נאָך צו זאָגן: אויב שיסן — איז פֿאַרפֿאַלן... מיר האָבן אַפֿילו נישט געזען ווען מיר זענען אַרויס, אַדורך דעם פּאַטרול. מיט די רוקנס אויסגעגלייכט האָבן מיר מאַרשירט עטלעכע צענדליק שריט געלאַסן, אַזויווי מ׳גייט ערגעץ אומגערן. ערשט ווייטער, ביים אויס־בייג פֿון אַ גאַס, האָבן די פֿיס גענומען ציִען מיט ווילדן, נישט־קאָנטראָלירטן אימפּעט.

וואָס קען מען דערביי זען? גאָרנישט. אָבער דורך איין אויגנבליק האָב איך אים ווידער געזען. דורך די שטאַכעטן. ער האָט שוין ווידער געשריגן צו די פֿריש־געבערענגטע. מסתמא געוואָלט אַנדערע צוויי, פּאָר די שטיינער. ערשט אַביסל ווייטער, ביי אַ קלויסטער, האָבן מיר זיך געשטעלט כאַפּן דעם אָטעם. זיין געשטאַלט האָט נאָכאַמאָל אַ שוועב געטון אין דער לופֿט און כ׳האָב נישט געקענט פֿאַרשטיין: ווער איז ער אַליין? פֿאַרוואָס האָט ער געשלאָגן שווערער ווי אַנדערע? ווי קומען צו אים אַזעלכע אויגן און אַזאַ פּנים? און ווער האָט אים געהייסן זיך אַראָפּבייגן איבער אונדז אַזוי אומגעריכט?

די קלוגע צייט האָט מיר שפּעטער אַריינגעשושקעט אַ סוד אין אויער, אָבער דאָס געפֿיל האָט ווייטער פּראָטעסטירט. ווער איז ער געווען? גיי ווייס... באַטש ביים שטעלן עטלעכע שאלות מיטאַמאָל, האָט איינע סייווי פֿאַרענט־פֿערט די צווייטע.

ד.

סוף נאָוועמבער 1939. אין לובלין. אַ בלוטיק־צעהאַקטער פֿון געסטאַפּאָ־יונגען, ליג איך אין אַ שטוב, אויף אַן ענג־ייִדישן הויף. קאָוואַלסקע נומער פֿיר. דעם באַלעבאָס אַליין געדענק איך כמעט נישט. ער קען אָבער מיין משפּחה.

ער האָט דאָרט אָנגעהאַלטן אַן אכסניה, ווו פּראָווינצער ייִדן פלעגן קומען אָפּעסן אַ היימיש מאָלצייט. נאָכן דייטשן אַריינמאַרש האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס׳וועט ווידער ווערן שטיל. ייִדן וועלן ווייטער קענען פאָרן קיין לובלין, איינקויפן אַביסל סחורה, אַהיימפאָרן אין שטעטל און אויסשלאָגן פּרנסה.

האָט מען דערווייל אַראָפּגעשלעפּט ייִדן פון די צוגן און זיי זענען געלם געוואָרן. זענען די איבעריקע געבליבן, געוואַרט ביז ס׳וועט זיך איינשטילן, געזעסן אין אכסניה און געקרעכצט. די שטוב איז אַ זייטיקע, אויף אַ ווינקלשטאָק. דער הויף ליגט אין בלאָטיקן, אָפּגעלעגענעם טייל פון לובלין. איז דאָ אַביסל זיכערער. רויכערט מען רויען טאַבעק און מ׳דערציילט זיך פון אַנדערע שטעט... השם ישמרנו! אַלעמאָל קומען אַריין פרישע ייִדן און די ענגשאַפט ווערט אַלץ שווערער און שווערער. די לופט, דער פּחד, דער ריח פון שווייס און אומעט לאָזט מיך נישט איינרוען. זיי זענען סוף־כל־סוף קונים, גיבן צו לייזן... און איך בין דאָ פאַרבונדן געוואָרן מחמת רחמנות. קיין גראָשן ביי זיך האָט איך נישט און דער ביסן שטיקט. צו וועמען זאָל איך האָבן טענות? איך ליג — און ייִדן זענען נייגעריק: האַ? צעשלאָגן נעבעך? געמאַכט פאַר אַ קאַליקע...

יעדער באַזונדער האָט אויף מיר רחמנות און וויל וויסן גענוי, וויאַזוי „דאָס" איז געשען. טייל נעמען אַפילו מוסר־זאָגן: ווי נעמט אַ ייִנגל און פאַרט היינטיקע צייטן מיט אַ באַן? געדאַרפט נייטיק אַריינפאַלן אין זייערע לאַפּעס? כ׳ווייס, אַז זיי מיינען עס צום גוטן. אָבער דאָס רחמנות שטעכט.

דערפאַר האָב איך זיך שטילערהייט אַראָפּגעגליטשט פון געלעגער און ווען קיינער האָט נישט באַמערקט, בין איך פאַרקראָכן צו דער טיר. נאָך אַ לאַנגן ריטשקען זיך איבער די טרעפּ בין איך שטיין געבליבן אויפן הויף. די זון, ווי אַלע הענדלער דאָרט, איז אַרויסגעקראָכן פון אַ לאָך. ווי אַ נגידישע יורדתטע האָט זי זיך צעלייגט מיט איר גילדענעם צירונג, וואָס איז איר געבליבן פון בעסערע צייטן.

אויך דער הויף איז געווען געדיכט אָנגעפּראָפּט. מענטשן האָבן זיך געריבן איינער אין צווייטן. דער טומל האָט זיך געקנאָטן מיט אָנגעפּעכטע ריחות פון גוייִשע, געשמירטע שטיוול און פערדן־מיסט. האָב איך זיך אַרויסגעקוליעט פון הויף און געלאָזט זיך פירן פון די אָנגערוישטע גאַסן. אומעטום שטייען גוייִם מיט אויפגעשטעלטע בוידן. מ׳טראָגט אַרום אַלטע אָנצוגער, געפאַרבטע קיכלעך, צוקערלעך. מענטשן קויפן און ווייסן אַליין נישט וואָס. דער פּוילישער האַנדל איז אַריין אין אַן אומבאַרעכנטן פיבער. באַלד פאַרקויפט מען וואָס מ׳האָט נאָר־וואָס געקויפט — און שוין לויפט מען ווידער נאָך, טאַקע דעם זעלביקן קונה. איך קריך אַלץ טיפער און טיפער אינעם תוהו־ובוהו און גאַף אויף דער צעחושטער וועלט.

ס׳איז פשוט, מלחמה. אַזוי וויל איך מיר אַלץ אָפּטייטשן מיטן שכל. דאָס מיינט: געקומען אַ צייט פאַר משוגעת, פאַרן ווילדן אַריבערשפּרינגען אַלצדינג, וואָס דער פאַרשטאַנד האָט געהאַלטן אין צוים. איך אָבער, מוז דאָ אַרומגיין צעשראָקן און נייגעריק, אינעם פאַרביק־פרעמדן שטראָם ווערט מיר מיטאַמאָל היימישער: אַ ייִד, מיט אַ קעסטל קליין־סחורה אויף דער ברוסט. פונעם האַלדז הענגט ביי אים אַראָפּ אַן אָנצוג, אויף אַ פאַרלייגטן שטעקעלע, ווי מ׳זעט עס אין די פענצטער אויף אַ הילצערנעם גולם. ער אָבער שפּרייזט אַ געהיטענער, מיטן בליק פון אַ שפּיר־חיה: טאָמער לויפט אָן אַ סכנה פון דער זייט.

פויערים, צערייצט פון אָנגעהערטע מעשׂהס, אַז ייִדן זענען שוין הפקר, קוקן אים נאָך מיט באַהאַלטענעם גיר. דער אָנצוג פון גרויס־שטאָטישן שניט לאָזט נישט רוען. אָט שטייט שוין איינער נעבן אים, וויל עפּעס אויסדינגען. אַ סך אויגן קוקן מיט קנאה, ווי יענער האַלט דעם שטאָף אין האַנט, מעסט אים, קנייטשט אים צווישן די פינגער.

דער ייִד באַשטייט נישט אויפן אָנגעבאָטענעם פּרייז. אָבער ער דערוויי־דערט מיט אַ שוואַך קול, האָט מורא אויפצורייצן דעם גוי. יענער אָבער ווערט ווילד, נעמט רייסן בגוואַלד דעם אָנצוג צו זיך. דער ייִד רייסט צוריק. עס ווערט אַן אָנגעלויף פון נייגעריקע פויערים. הגם זיי ווייסן שוין, אַז דער דייטש האָט איצט הפקר געמאַכט דעם ייִד — האָט נישט יעדער פון זיי די העזה צו רויבן פאַר אַלעמענס אויגן. זיי האָבן אָבער הנאה ווען איינער שעמט זיך נישט מער. פון זייער בליק ציט זיך אַ הייסער שטראָם גלייך צו יענעם; אַ מין אומ־געזענע שותפות מיט זיין רייסן און שלעפּן. דערפאַר האָבן זיך באַלד אויך געהערט קולות:

— נעם! היינט זענען אַנדערע צייטן. זאָלן זיי אויפהערן האַנדלען, די ייִדן! מ׳קען מיט זיי טון וואָס מ׳וויל... ס׳האָט זיך געענדיקט... זאָל אָנקומען אַ דייטש — וועסטו נאָך באַקומען אַ נאַגראַדע!

דער ייִד האָט זיך מיטאַמאָל דערשפּירט ווי אַריינגעשליידערט אין אַ ים. האָט ער זיך גענומען בעטן פאַרלוירן:

— אָבער מענטשן! וואָס איז געשען, זאָגט מיר... ס׳איז דאָך סחורה. ס׳איז היינט טייער... און כ׳קען נישט נעמען ווינציקער. ביי גאָט, ווי איך קען נישט...

קיינער האָט אים מער נישט געהערט. זיין בעטן זיך האָט נאָך מער באַ־וויזן ווי שטאַרק ער איז הפקר; אַז גאָט און מענטשן האָבן אים פאַרלאָזט און ער אַליין קען זיך נישט באַשיצן. רייסט עס די בלוטן. פון אַלע זייטן האָבן זיך גענומען שטרעקן הענט, געריסן פון אים אַלץ וואָס ער טראָגט אויף זיך. נאָכן

ערשטן געשריי זיינעם האָבן זיך געלאָזט הערן קלעפּ וואָס באַטויבן, פאַרשטומען לשון און געוויין. ס'האָט אויסגעזען ווי דער גאַנצער צוזאַמענדרענג מיטאַמאָל האָט אַרויסגעברומט דורך איין קול: מאַכט זיך אָרעם... אַבי מ'זאָל אים לאָזן אָנשטאָפּן פרישע זעקלעך גאָלד...

אַן אימה האָט גענומען שטעכן מיינע פאַרוויקלטע ווונדן. איך האָב זיך געלאָזט צוריק. אָט בין איך שוין ווידער אינעם געסלעך־פאַרפּלאָנטערטן, יִדישן געגנט. דאָ דרייען זיך יִדן, אַ סך יִדן. זיי גייען פּאַמעלעך, מיט שריט פון מענטשן, וואָס די צייט האָט שוין ווייניק צו זאָגן אויף זייער לעבן. זיי קענען זיך דערלויבן צו גיין פּאַמעלעך, נישט אַנטקעגן צו לויפן דעם שפּעטערדיקן — ווייל אַלץ איז שוין סייווי אָפּגעפּסקנט. אָבער פּלוצים נעמט זיך טראָגן אַן אומרו ווי אַ ווינט. אָט זאָגט עפּעס איינער צום צווייטן, דער צווייטער צו אַ דריטן — און מיטאַמאָל ווערט אַ בהלה. אַ פיבערדיקער ציטער צעיאָגט זיי ראַפּטום אין אַלע זייטן. ווי שנעל יִדן קענען נעלם ווערן! אָט זענען זיי געווען אַזויפיל — און שוין זענען זיי נישטאָ, פאַרשוווּנדן, איינגעזונקען געוואָרן. געציילטע יִדן האָבן ווינטיק אַדורכגעפלאַטערט ווי אונטערגעשאָסענע פייגל און איך האָב זיי גאָרנישט באַוויזן צו פרעגן. באַלד האָבן זיך צוגעהאַקט פענצטער, טויערן, הייף. עפּעס וועט דאָ באַלד זיכער פאָרקומען. אָט לויפן שוין צעיאַכמערטע דייטשן. אַ המון פאַרהאַלט דאָרט עמעצן, אַ פויער שרייט עפּעס מיט געבראָכן לשון צו די לויפנדיקע דייטשן. אַ ווייט געשריי רייסט אַדורך די לופט, אַזויווי לכל־הפּחות דאָס קול זאָל זיך ערגעץ קענען ראַטעווען... אַהאַ! נאָך אין דער אכסניה האָט מען געשמועסט, אַז די דייטשן גרייטן אַ פּאָגראָם; אַז עטלעכע טויזנט יִדישע קריגס־געפאַנגענע האָט מען נאָך נעכטן דערשאָסן הינטער דער שטאָט — — —

אַז מ'דאַרף זיך באַהאַלטן, ווייס איך שוין. כ'בין דאָ אָבער פרעמד און ווייס נישט וווּ צו לויפן. יעדער רגע קען די סכנה מיך כאַפּן ביים האַלדז. דער הייסער רציחה־געוויטער לויפט, קנוילט זיך גאָר נאָענט... ווער וועט מיך איצט אַריינלאָזן? איך מוז צוקומען צום הויף, פון וואַנעט כ'בין אַרויס. אָבער וויאַזוי? דער שכל זאָגט: גיי געלאַסן, מאַך זיך נישט וויסנדיק... אַ האַלב פּנים איז סייווי פאַרשטעלט פון לייוונט און זיי זענען דיך נישט מחויב צו דערקענען. אָבער אַלע נערוון זענען אויפגערודערט. לויף איך אָן געדאַנק, אָן אויגן, אָן כוח — און פאָרט שטיי איך ביים טויער. נסים! ער איז נישט צוגעהאַקט. איבערן הויף קנוידערט זיך שוין אַן אימהדיקע פוסטקייט. איך באַווייז נאָך צו עפענען די טיר, וואָס פירט צו די טרעפּ פון דער אכסניה. כ'הער קוים שרייען מיין אייגן קול: עפנט! כ'בעט אייך, עפנט... דאָס בין איך!

אַ פאַרגליווערט שווייגן. ריטשקעלעך שווייס קריכן אַרום אויף מיין פאַר־

בונדענעם רוקן ווי קבר־ווערעם. געשלאָסן! קריך איך ווידער אַראָפּ אין הויף, קוק זיך אַרום אין אַלע זייטן: וווּהין גייט מען? ס׳וואָלט גוט געווען, ווען עס עפנט זיך אַ וואַנט און שלינגט מיך איין. אָבער איך שטיי פאָרט אין מיטן בלאָטיקן הויף... אויסגעשטעלט צו יעדער בייז אויג וואָס קען דאָ אָנלויפן. מיטאַמאָל שטרעקט מיר אויס דער געדאַנק אַ דערמאָנונג: ד י ק ל ו י ז !

כ׳דערמאָן זיך, אַז אין הויף קעגנאיבער — אויפן דריטן גאָרן פון דער צעשאָסענער געביידע — איז פאַראַן אַ קלייזל. מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך פון דאָרט געהערט דאָס קול פון אַן איינציקן דאַווענער... קיינער קען אַזאַ הויז נישט אָפּשליסן. בין איך באַלד געקראָכן דורך די געדרייטע, צעלעכערטע טרעפּ, ביז איך האָב געפונען די טיר פונעם פאַרשימלטן, מיט שטויב־געהילטן פּאָליש.

אין אַלע שטובן אַרום איז נישטאָ קיין לעבעדיק נפש. ס׳איז אַ חורבה, וואָס קען איינפאַלן יעדן טאָג. איך בין איינער אַליין, אַרומגערינגלט מיט דער בהלה, וואָס קלאַפּט אַרויס פון האַרץ. אָפענעם ספרים־פּאָליצעס גאַפן מיר אַנטקעגן, מיט וווּנדער וואָס אַ לעבעדיק באַשעפעניש באַווייזט זיך דאָ. נישט ווייט פון פענצטער דערזע איך אַ קליינע ספרים־שראַנק, מיט אַ טירל צום עפענען. עפן איך עס, לאָז עס ווי אַ מחיצה צווישן מיר און דער טיר. בכדי מ׳זאָל נישט אַרויסזען מיינע פיס, קלעם איך אַריין אַ בענקל אין מיטן און שטעל זיך דערויף. אָבער דעם קאָפּ מוז איך איינבייגן, זיך איינקורטשען. בכדי מיט עפּעס צו פאַרשפּילן דעם געדאַנק, צי איך אַרויס אַ ספר, גראָב דאָרט איין דעם בליק: אפשר וועלן די אותיות צוימען מיין ווילדע שרעק.

אַ שטיק צייט קייכט דער הויף פון טעמפּער שטילקייט, אַזוי ווי עמעצער וואָלט אים צוגעשטאָפּט דאָס מויל. באַלד הער איך אָבער שווערע קלעפּ אין ווייטע טירן. אויף די שטיינער פון הויף נעמען הילכן זעלנערישע טריט. דערנאָך ווערט דער הויף פול מיט העמערן אין טויער, אַ געבראַזג פון שויבן. קיינער ענטפערט נישט. מ׳הערט נישט קיין געשריי, קיין געוויין. אַלעמאָל הילכט אָפּ אַן אַנדער טירן־ברוך און פאַלט באַלד אַריין אין דער געדיכטער שווייגעניש פונעם גאַנצן הויף. די שרעק שטיקט זיך אַביסל ווייטער — אין דער טיף פון אַ קעלער, אין אַ בוידעם־ווינקל... די טריט קומען אַלץ נענטער און נענטער צו די טרעפּ, וואָס פירן צו מיר. כ׳הער שוין אַן אויפגערעגט שעלטן אויף דייטש: צום טייוול... וווּהין האָבן זיך אַלע אָפּגעטראָגן? מ׳וואָלט געמעגט אונטערצינדן דאָס גאַנצע ייִדן־הויז...

מיט מיין געהער בין איך שוין אונטן, ביי זיי. דער פּחד האָט מיך שוין אַדורכגענומען ביז צו דער לעצטער האָר. זיי זוכן ייִדן און טרעפן נישט קיינעם. איך בין דער איינציקער — און אַזוי אָפט. וואָס וועט זיין, אַז איך איי־

נער וועל אַריינפאַלן אין אַזויפיל דייטשע הענט מיטאַמאָל? כ׳האָב זיך איינגעקורטשעט, געוואָרן נאָך קלענער, ווי אַ וואָרעם אויף וועלכן עס גרייטן זיך אומצייליקע פיס. דורך טויזנט חושים פאַרנעם איך די טריט, וואָס קלאַפּן אויס זייער אויפגערעגט זוכן איבער די טרעפּ. זיי גייען, זיי טראָגן זיך אַלץ העכער און העכער. דאָס האַרץ קלאַפּט צו מיר, ווי דורך אַ תּפיסה־וואַנט: וועלן זיי אַרויפקריכן ביז אַהער?

אָט קלאַפּט עס שוין אין דער טיר אַנטקעגנאיבער. מיין איינציקע שוץ איז דאָס שמאָלע טירל פון דער ספרים־שאַנק. אַריינוואַקסן אין די שטויביקע ספרים איז נישט מעגלעך. באַטאַפּ איך בלויז דאָס קליינע לעכל אין טירל: וועט עס מיך אויסגעבן? קען זיין, אַז זיי וועלן בלויז עפענען די טיר. מער גאָרנישט. זיי זעען דאָך שוין, אַז דאָס הויז איז ליידיק. און טאָמער וויל איינער כאַפּן אַ בליק? אַן עמוד, אַן אָרון־קודש, אַ וואַנט מיט ספרים... וועלן זיי דאָ אפשר אויסלאָזן דעם כעס? באַלד ווער איך אַזויווי פאַרשטאַרט. די טיר איז אויפגעריסן געוואָרן... שאַאַאַ... כ׳הער שווערע טריט אויף די קרעכצנדיקע, פוילע ברעטער. איך גליווער אויפן בענקל מיט אַ געשטאָרבן האַרץ. איך האָב אַפילו מורא אָוועקצולייגן דאָס אָפענע ספר פון מיין האַנט. כ׳מאָך עס אויך נישט צו. די בלעטער קענען אָנמאַכן אַ שטילן רויש. כ׳מוז שוין בלייבן געבויגן און אומבאַוועגלעך. בלויז דער בליק שטעקט אין לעכל און כ׳באַמי זיך צו זען, וואָס נאָר עס איז מעגלעך. זע איך:

ביי דער שוועל שטייט אַ דיקער, אָנגעפּאַקטער דייטש מיט אַ רעוואָלווער. כ׳הייב אָן צו ווערן וואָך, ווי אַ מויז ביים הערן דעם גרילץ פון אַ פּאַסטקע. איצט וויגט זיך מיין לעבן אויף אַ הענגענדיקער רגע און כ׳קען נישט וואַרטן, ביז דער סוף וועט מיך כאַפּן ביים קאַרק. כ׳לויף מיטן געדאַנק פאַראויס און וויל דערזען דאָס, וואָס וועט באַלד במילא קומען. דורכן לעכל פאַרש איך זיין מינדסטע סיגע, וויל דערפון באַנעמען וואָס ער האָט בדעה צו טון. אויף אַ סעקונדע, אָדער אַן אייביקייט, פאַרגעס איך אַפילו די גאַנצע לאַגע. עס ווילט זיך שיעור לאַכן פון מענטשלעכער בלינדקייט. אָט וויל ער שלאָגן, הרגענען; זיין גאַנצער געדאַנק איז דערויף אָנגעשטעלט — און אָט איז דער געזוכטער קרבן. אַלץ איז גרייט — נאָר אַ דין, נאַריש טירל שטייט אין מיטן און פאַרדעקט זיין צערייצטן חשק; לאָזט קאָכן ביי יענעם דאָס טריפהנע בלוט ווי אויף חוזק... אַ קליין, נאַריש טירל!

ער האָט מיך, ווייזט אויס, נישט דערשפּירט. זיין אויג איז פאַרכאַפּט פון עפּעס אַנדערש. כ׳זע און שטוין: נאָכדעם ווי ער קוקט זיך אַרום, צי קיינער זעט נישט, גייט ער צו דער אָפענער ספרים־פּאָליצע און בלעטערט אַ ספר, נאָך איינס... כ׳קען נישט קאָנטראָלירן די לענג פון צייט. יעדער סע־

קונדע איז אַ שטיק פּעך. יענער פּילט עס אָבער נישט. אַט געפּעלט אים איין ספר, נעמט ער עס אַרויס, זעצט זיך צו אַ רגע און קוקט דרײַן... קוקט? כ׳וואָלט געשווירן, אַז ער לערנט עפּעס אַרויס. און אפשר איז דאָ שולדיק מײַן צעפיבערטער דמיון? באַלד אָבער פּאַקט אים די אומגעדולד. לאָזט ער אָפּן דאָס ספר אויפן קוויטיקן טיש און גייט צום אָרון־קודש. איצט קען איך גאָרנישט זען. איך הער בלויז די טירלעך עפענען זיך מיט אַ קרעכץ, ווי די שטומע אויפגערודערטקייט פון אַן אָפּגעדעקטער צנועה... און באַלד גיט ער אַ טרייסל מיטן טירל, וואָס דעקט מיך צו. יאָ, איך בין פאַרפאַלן. אַט שפּיר איך שוין, ווי ער בלייבט שטיין איבער מיר מיט אַן איבעראַשט־מיסטישער שרעק. ער שרייט עפּעס אַרויס פון זיך. איך בלייב ווייטער געבויגן, מיט אַ מורא צו קוקן מײַן גורל אין פּנים אַרײַן. איך בין נאָך שולדיק אויך אין זײַן דערשרעק. וואָס וועט זײַן? אַ מין שאָטן פון זײַן פיגור קריכט מיר אַרײַן אײ־נעם בליק מיט זײַטיקער פאַרשטאַרטקייט און כ׳פיל מײַן אייגענעם ציטער.

ווי לאַנג האָט געדויערט דאָס שווייגן? זיכער גאַנצע מינוטן. ביי יעדן איינעם קאָכן די געדאַנקען, ווילן כאַפּן דאָס נאַרוואַס־פּאַסירטע, דאָס וואָס פּאַסירט איצט און וואָס עס דאַרף באַלד ערשט פּאַסירן. באַלד שפּיר איך ווי אַ האַנט נעמט אַן מײַן קאָפּ מיט פאַרזיכטיקער ברוטאַלקייט. שוין שטייט פּנים קעגן פּנים, אויג קעגן אויג. אונדזערע בליקן טוישן זיך, בייסן זיך אַרײַן איינס אין דאָס צווייטע מיט אַ שטיקעניש, אַ שטילקייט וואָס רייסט זיך פון די פּענטעס. הונדערטער דורות פון געשלאָגנקייט און רציחה באַקוקן זיך, פאַרשן זיך, פאַרמעסטן זיך צו אַ שלאַכט.

כ׳ווייס נישט וויאַזוי מײַן אויג איז אָנגעגאָסן געוואָרן מיט העזהדיקער הפקרות. אפשר האָט דאָס גורם געווען מײַן יאוש; דער שנעלער געדאַנק, אַז סיי־ווי איז שוין אַלץ פאַרפאַלן. כ׳טו נישט מער קיין דערשראָקענעם פינטל מיטן אויג. זעט אויס, אַז ע ר האָט זיך גאָר פאַרלוירן. אַט כאַפּט ער אַוועק דעם בליק, נעמט אָן מיט צוויי פינגער דאָס ספר אין מײַן האַנט און לייענט־איבער דעם העברעיִשן קאָפּ, שטיל, אַזוי־ווי פאַר זיך אַליין.

די פאַרוואונדערטקייט רייסט מיך ווידער אויף, צעשמעטערט מיך. כ׳דריי אויס מײַן קאָפּ אַ רגע, וויל זען בעסער וואָס דאָ טוט זיך. ווער איז ער? אָבער אין דער זעלבער רגע דערפיל איך אַ מעכטיקן פּראַסק, וואָס פאַרבלענדט מיר די אויגן, דעם מוח. אַ פלאַמיקער ווייטיק צעלויפט איבער אַלע מײַנע אברים, פאַרגיסט מײַן אויג, מײַן געהער. דוכט זיך, אַז איך בין געפאַלן. ווי דורך טויבע וועגט שפּריצט אין מיר אַ נאָענטער און ווייטער רויש פון אַוועקגייענ־דיקע טריט...

ווען כ׳קום צו זיך, בין איך שוין ווידער אַליין. בלויז דער ברען אויף

מיין באַק זאָגט עדות, אַז דאָס איז נאַר־וואָס געווען נאָך איינער... ווער? אַ קול פון הויף דערקלערט עמעצן: נישטאָ וואָס אַרויפצוגיין. כ׳בין געווען אין אַלע שטובן און קיינעם נישט אָנגעטראָפן... קיינעם.

ביים טיש האָב איך באַמערקט דאָס צעעפנטע ספר. דער ווינט, וואָס האָט געווייעט פון דער אָפענער שויב, האָט געמישט די בלעטער אַהין און צוריק. אפשר האָט ע ר פון דאָרט אַרויסגעלייענט דעם סוד פון יענעם, וואָס איז דאָ געווען — און וווהין ער איז אַוועק.

ה.

שפעט־זומער 1940. פונעם קאָנצענטראַציע־לאַגער האָט מען אויסגע־באַרגט אַ צאָל ייִדן דער „וועהרמאַכט״. טויזנטער זעלנער האָבן אָנגעפולט די קאַזאַרמע און ס׳איז געווען אַ סך אַרבעט. אָרט: נישט ווייט פון דער רוסי־שער גרענעץ.

דעם ערשטן טאָג האָט מען אונדז צוגעטיילט צו אַ גרופּע פון דער דייַ־טשער אַרבעטס־אָפּטיילונג „טאָדט״, וואָס זאָל אונדז לערנען אַרבעטן. ס׳איז אָנגעקומען אַ גרויסער צוג מיט שפּייז און דער טאָג איז געווען חמימה־דיק. מיר האָבן געדאַרפט נעמען די שווערע קאַסטנס אויף די פּלייצעס און זיי אַוועקטראָגן אין ווייטלעכן מאַגאַזין. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך דאָרט איז שוין פול. דערפאַר מוזן מיר אַרויפטראָגן די משא אויפן דריטן שטאָק.

די אַרבעטס־זעלנער, אַליין קאָמאַנדירט דורך געוויינלעכע סאָלדאַטן, האָבן זיך איצט אויסגעשטעלט אין רייען און אונדז אונטערגעטריבן. צום ערשט זענען זיי נישט געווען זיכער, אַז מ׳וועט זיי פאָלגן. אָבער ווען מיר האָבן גענומען שלעפּן די קאַסטנס מיט מער שנעלקייט און אונטערלויפן, איז עס זיי אַריין אין טעם. דאָס ערשטע מאָל קומט זיי אויס צו קאָמאַנדירן אַנ־דערע. האָט עס זיי שיכור געמאַכט. זענען געקומען די ערשטע שטויסן, קלעפּ — אָבער אַלץ אַזויווי אויסצופּרווון דעם אייגענעם כוח. ווען קיינער האָט זיך נישט קעגנגעשטעלט האָבן זיך די אָפּעטיטן צערייצט, עס האָבן גענומען פייפן בייטשן איבער די קעפּ, שטעקנס, אייזנס... קיינער איז איבער זיי אליין נישט געשטאַנען — און פון די פאַרמאַכטע קאַסטנס האָט געשמעקט מיט רייצנדיקע ריחות: ציגאַרן, שאָכטלען פלייש, שאָקאָלאַד — און מיר טראָגן זיי גאָר אַוועק אין פאַרשלאָסענע בוידעמס.

מיר האָבן געמוזט לויפן מיט די שווערע קאַסטנס און דער גאַנצער וועג איז באַשטעלט געוואָרן מיט די יונגע אַרבעטס־דינסטלער. יעדער פון זיי האָט געקלאַפּט, געזוכט וואָס שטאַרקער ווי צו טון. צום בוידעם האָבן געפירט, שמאָלע, אייזערנע טרעפּ ווי אויסגעבויגענע לייטערס. איין בייג מיטן שווערן

קאַסטן האָט געקענט אַראָפּשלעפּן צום שטיינערנעם ברוק. דאָס מיינט במילא — טויט. אָבער די יונגע דייטשלעך ציט צו די קאַסטנס. אויפן בוידעם וואָלטן זיי געקענט אויפברעכן איינעם, אַ צווייטן — און שלעפּן וואָס עס לאָזט זיך. זאָל נאָר דער איינציקער אָפּיציר אָפּציילן און פאַרשרייבן, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. דערפאַר האָבן זיי זיך אַוועקגעשטעלט אויף די שמאָלע טרעפּ, געשטויסן, געטריבן, געשלאָגן. די אויגן האָבן זיך אָבער איינגעטיילט אָן ווערטער. באַלד האָט זיך אַדורכגעגליטשט איינער, דערנאָך אַ צווייטער און אַ צענטער. דאָרט האָבן זיי זיך צוגעשלאָגן צו די טאָוולענע שאַכטלען, אויפגעריסן וואָס עס לאָזט זיך און געשטאָפּט די טאַשן, די טאָרבעס.

מיר האָבן עס נישט געטאָרט זען. דערפאַר האָט דאָס געשלעג אָנגעהויבן ווערן ווילדער, אַז ס'זאָל נישט בלייבן קיין סעקונדע פאַרן בליק. דער שוויס מיטן בלוט האָבן זיך אויסגעמישט. די אברים האָבן געצויגן צו דער ערד — אָבער מען האָט געמוזט ווייטער לויפן צווישן וואַלד פון שטעקנס און אייזנס. ס'האָט אויסגעזען, אַז זיי וועלן אונדז אַלעמען אויסהרגענען. אַלעמאָל זענען אָנגעלאָפן פרישע וואַגאָנעס און איין ייִד נאָכן צווייטן איז אַוועקגעפאַלן מיט אַ געשריי, געליגן, ביז אַ שטיק אייזן האָט אים ווידער אויפגעריסן פון אָרט. וואָס וועט זיין?

מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ גרין־זעלנערישער מונדיר. די אַרבעט־זעלנער האָבן גענומען סאַלוטירן, אָבער ער איז געגאַנגען ווייטער. עטלעכע מיטאַמאָל האָבן אים געוואָלט אָפּהאַלטן אויף אַ רגע און גענומען רעווען מיט באַגאַוווערטע קולות: יודען, הער פעלדפעבל! ער איז געבליבן שטיין אַ צוטומלטער: י ד ן ? מיט זיי האָבן איך אַ באַזונדערן חשבון. ש ו י ן זאָל מען זיי אַלע צונויפזאַמלען. אָבער זאָפאָרט! מיט זיי וויל א י ך קאָמאַנדירן!

באַלד האָט מען אונדז צוזאַמענגעטריבן אַרום אים. וואָס עס זאָל שפּעטער נישט געשען, איז אָבער גוט וואָס דערווייל האָט מען געכאַפּט אַביסל אָטעם. איך האָב געוואָרפן אַ בליק אויף זיין פּנים: שוואַרצע אויגן, די האָר, די נאָז... אַן אמתער ייִד! אָבער ער לאָזט נישט טראַכטן לאַנג. מיטאַמאָל איז ער געוואָרן איין שטיק שוים:

— איר ייִדנבאַנדע! קרעציקע שווינדלער און לייד־יונגען. ביז איצט האָט איר זיך אונטערגעפוילט, נאָר איך וועל אייך געבן אַ לעקציע וויאַזוי מ'אַרבעט פאַר דויטשלאַנד!

די פריִערדיקע שומרים האָבן שטיל געיובלט. זיי זענען שוין געווען גרייט צו דער נייער אָרגיע, אָבער ער האָט זיי צוריקגעהאַלטן: איצט וועל איך באַ־

פעלן — און אין זייער אייגענעם לשון. איר שטייט ביי די וואַגאָנעס און איך וועל זיין מיט זיי אין מאַגאַזין.

אויסגעשטעלט אין רייען, האָט ער גענומען ציילן אויף העברעיש: אלף, בית, גימל... דאָס האַרץ האָט גענומען זעצן מיט שרעק און אומהיימלעכקייט. ווער איז ער? אים איז געפעלן די איבערראַשונג: מ י מ ד ב ר ע ב ר י ת? עטלעכע הענט האָבן זיך אויסגעשטרעקט. האָט ער אונדז אוועקגעשטעלט באַזונדער: תלמודיסטן, האַ? ווען מיר זען, וואָס איר קענט... און אַ כוואַליע העברעיִשע ווערטער האָט אים גענומען פלייצן פון מויל, פול מיט גאַל און בלבול. ס'האַרץ האָט אַזש געקלעמט: דאָס ערשטע מאָל הער איך באַנוצן אַ ייִדיש לשון פון אַ זאַ מויל. עמעצער האָט זיך ווייזט אויס געוואָלט צו־חנפענען:

— אָבער הער פעלדפעבל, פון וואַנעט קענט איר אַזוי גוט העברעיִש און תלמוד?

אַ פלאַמיקער פּאַטש האָט יענעם איינגעשטילט: האַלט די פּרעססע! זענען מיר געשטאַנען און אויסגעהערט. ערשט ווען ער האָט זיך געכאַפּט, אַז די צייט שטייט נישט, האָט ער געגעבן אַ באַפעל: צו דער אַרבעט!!! דאָס געיעג האָט זיך ווידער אָנגעהויבן. ער אַליין האָט אויסגעזוכט אַ לאַנגע בייטש און גענומען שמייסן איבער לייבער. מער פון אַלע האָט ער געיאָגט די פּאַר העברעיִש־קענער. אַ מצווה אויף אונדז! ווער האָט זיך געהייסן אַרויס־שטעלן פאַר אַ דייטש?

אין מאַגאַזין זענען געווען טיפע ווינקלען, פאַרשטעלט מיט הויכע שטויסן. ווען מיר זענען אַרויפגעקומען, האָט יעדער געוואָלט אָפּלייגן זיין משא אויף אַ ליידיק אָרט, אין דער נידער. ער האָט זיך אָבער צעלאַכט:

— אַזוי לייכט ווילט איר עס האָבן? מאַרש ווייטער!

זענען מיר געקראָכן העכער, מיטן באַרג אויף די פּלייצעס, באַמיט זיך צו דערלאַנגען די מאַסע צום שפּיץ פון די קאַסטן־ווענט. פאַר אים איז אויך דאָס געווען ווייניק. אָט האָב איך באַקומען אַ שטויס פון אים: דו, טראָג אַוועק דיין קאַסטן אין יענעם ווינקל! פון זיין שטויס האָב איך זיך אַ וואַקל געטאָן, דאָך נישט אומגעפאַלן און די מורא האָט שוין מ י ך געטראָגן. אײ־נעם פאַרשטויבטן ווינקל האָב איך דערזען נאָך עטלעכע ייִדן — אַלע מיט שווייסיקע שטויב־מאַסקעס. וואָס וויל ער פון אונדז? די האַנט האָט אַ ציטער געטאָן פון ווייטיק און דער קאַסטן האָט זיך געקוליעט איבער מיין קאָפּ... דער סוף! די לייכטקייט האָט מיך געצויגן, פאַרגאָסן, אַנידערגעוואָרפן. כ'בין פאַרזינקען אין אַן איבלדיקער גאַרנישטקייט. אָבער מער וועל איך זיך נישט אויפהייבן. יעדער ברעקעלע לייב ווערט שווער, נאָך שווערער... ווי פון גאַר־

ווייט דערשפּיר איך דעם טוכלעם ריח פון דער מאַגאַזין־פּאַדלאָגע, פון די אָנגעשטאָפּטע זעק מיט ווייכלעכן ע פּ ע ס. פון יעדן פינגער מיינעם ווערט אַ געשוואָלענער באַרג און כ׳האָב נישט מיט וואָס אָנצוטאַפּן די אָנגעבלאָזענע שווערקייט. די אויגן לויפן אַרום אין רויטן נעפּל און אַלע אברים גיבן־אויף דעם גערענגל, לאָזן זיך שלעפּן אין דער פאַרגאָסענער טרייסלעניש.

מיטאַמאָל — אַ האַנט... אירע פינגער זענען דין, קיל און כ׳וווּנדער זיך וו ע ר עס קען נאָך האָבן אַזעלכע פינגער. זי ציט מיך, שלעפּט ביים קאָפּ. דער גאַנצער גוף מיינער שאַרט זיך אויף עפּעס, פאַרטשעפּעט זיך. אַ שווידער־שווייס שווענקט מיט אַלטע שפּיזלעך די הייס־אויסגעווייקטע שווערקייט. כ׳וויל שרייען, אויפוועקן זיך. אָבער די קולות בלייבן געשלאָסן... די זעלבע האַנט גלעט מיך שטיל, ווישט דעם שווייס, טרייסלט מיך. די אויערן נעמען ווידער אויפכאַפּן דעם ווייטן רויש. עפּעס דערמאָן איך זיך. די אויגן דער־קענען ווידער עפּעס, די זעק... אוי, דער מאַגאַזין! עפּעס שטופּט מיר די האַנט אין מויל. אַ מחיהדיקע זיסקייט שיילט אָפּ איין שטיק בליי נאָכן צווייטן פון די הענט, די פיס. שאָקאָלאַד, דאַכט זיך. דערנאָך גיסט זיך עפּעס אין מיין מויל מיט שטאַרקן, ליכטיקן ברען. כ׳רייס אויף די אויגן, דערקען עמעצן און וויל ווידער שרייען: ע ר ! דער פעלדפעבל... ער פאַרשפּאַרט מיר אָבער דאָס מויל מיט דער האַנט און ברילט: האַלטן די שנויצע!

און ער בייגט זיך ווידער אַראָפּ, קוקט מיט אַזויפיל רחמנות, גרייטקייט. ער גלעט מיך ווידער, ווישט ווייטער דעם שווייס און דאָס אויג זיינס איז וואַרעם און פייכט: ליג! קיינער וועט אַהער נישט קומען... איך מוז גיין! איך באַמערק ביי מיין זייט אַ פּעקל שאָקאָלאַד, קיכלעך, אַ פלעשעלע קאָניאַק.

איצט הער איך שוין קלאָר, וויאַזוי דאָס געיעג גייט דאָרט ווייטער אָן. איך ליג אומבאַוועגלעך און זאַפּ אין זיך איין דעם מינדסטן שאָרך. פון אַלע ווינקלען טראָגט זיך דער זעלבער וואַרעמער שעפּטש. איינמאָל דאָ און איינ־מאָל דאָרט. אָבער איך בין זיכער: ס׳איז ער... אומעטום ער.

ו.

פאַרנאַכט איז ער ווידער געקומען. כ׳האָב עפּעס געוואָלט פרעגן, אָבער זיין ערשט וואָרט איז געווען: ש וו יי ג ן ! דערנאָך האָט ער זיך געזעצט: כ׳האָב באַהאַלטן וויפל איך האָב נאָר געקענט. דאָ האָסטו נאָך שאָקאָלאַד... ער האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים. ערשט ווען איך בין שוין געשטאַנען אויף דער לייטער, אַראָפּצוגיין צום ציילן, האָט ער ווידער אַ צישע געטון: שווייגן! דו הערסט?

ווען מיר זענען שוין געווען אויף יענער זייט קאַזאַרמע־טויער, צו די באַ־

ראַקן, האָבן אַ סך געהאַט צו דערציילן וועגן יענעם לאַנגן טאָג. דער פאַר־שוין האָט כסדר געשלאָגן, ווען די חברה האָט צוגעקוקט. אָבער יעדעס מאָל האָט ער פאַרשלעפּט עמעצן־אַנדערש אין אַ ווינקל, געגעבן עסן און זיסוואַרג, שנאַפּס און ציגאַרן... טאַקע פון די קאַסטנס אַרויס. אַלעמאָל האָט ער געלאָזט רוען אין אַ לאַך אַן אַנדער גרופּע, ביז עפּעס אַ רוף האָט אַוועקגענומען די אַר־בעטס־זעלנער — און אויך ער האָט אויפגעהערט שלאָגן.

מיר זענען געגאַנגען אין דער ריי, גענאַגט מידערהייט שאָקאָלאַד און אַפּילו נישט געהאַט קיין כח מער צו רעדן. אָבער אַלע האָבן זיך געטראַכט דאָס זעלבע, ווייל אָט האָט איינער זיך שטילערהייט מיישב געווען מיט עמעצן, אָדער מיט דער הוילער לופט:

— אָבער קיין יידן זענען דאָך ביי היטלערן אין דער אַרמיי נישטאָ!?

קיינער האָט זיך נישט געוואָלט שפּאַרן. איז די פראַגע געבליבן הענגען אין מיטן וועג. מער האָבן מיר דעם פעלדפעבל נישט אַנגעזען פאַר די אויגן.

ז.

מיט דער צייט האָבן אַזעלכע זאַכן אויפגעהערט צו וווּנדערן. עטלעכע מאָל האָבן אַזעלכע דייטשן מיר דערכאַפּט דאָס לעבן אין דער לעצטער מינוט — און אַלעמאָל איז עס געקומען נאָך קלעפּ, נאָך צערייצטער רציחה... און אַלעמאָל זענען זיי מיר פאַרגעקומען אַזוי קענטלעך, אַזוי... יידיש. אַלעמאָל זענען די באַגעגענישן פאַרגעקומען אין בליץ; אין הייסע מינוטן, ווען בלויז די אינטויציע האָט געכאַפּט אַ ברעקל פון זייער פּלאָנטער — אָבער דאָס איז געווען צו ווייניק. ווער זענען זיי געווען?

יעדעס מאָל וויל איך עפּעס דערזאָגן און אַ ווונק פון האַרץ שטעלט מיך אָפּ. זאָל עס בעסער בלייבן ביים פראַגע־צייכן. נאָר דער חשק ווידער צו פרעגן באַפאַלט אַלעמאָל אויפסניי. זענען עס געווען בלוט־רעשטלעך פון יענע יידן, וואָס האָבן אין די צייטן פון מענדלסאָן און פרידלענדער זיך אַריינגעוואָרפן אין דייטשן שטראָם? האָט דער דייטש אין זיי געשלאָגן און דאָס פאַרבאָרגענע פּיצעלע ייד האָט געגלעט? קען זיין. יידן האָבן נעבעך געמיינט, אַז זיי איידלען זיך — און גאָר צוגעשטעלט נאָך הענט פאַר בייטשן; נאָך זעלנער צו מאָרד־אַרמייען... ס'האָט דען עמעצער אויסגעמאָסטן די געשיכטלעך־טראַגישע טיף פון אַזאַ אומשולדיק וואָרט ווי אַ ס י מ י ל אַ צ י ע ?

און דער חוזק: אַ ווייטער נאָכרוף פון אָפּגעווישטע דורות האָט זיך נישט געלאָזט דערשטיקן. ער האָט אַרויסגעשריגן פון אַ פּנים, פון אַן אויג. זיי אַליין האָבן עס מסתמא דערזען אין שפּיגל — און זיך געשעמט. דערפאַר האָבן זיי זיך געוואָלט איבערשרייען, פאַרטויבן מיט קלעפּ איבער יידישע אברים;

אפשר אויך געשאָסן, געהאָלפן פאַרגאַזן... ווער ווייסט? אפשר האָבן זיי דער־מיט געוואָלט פאַרברענען זייער אייגן רעשטל ייִד... בלויז אין געציילטע רגעס, ווען דער ווייטער פאַראַט פון געשטאָרבענע אָבות האָט זיי איבערגעזעטיקט, האָט דער פאַרבאָרגענער ייִד אַ זעץ־געטאָן די האַרץ־ווענטלעך מיט הונגעריקן שמאַך און פאַרלאַנגט דאָס זייניקע... און כח פאַר אַ קליינעם, רגעדיקן נצחון האָט ער נאָך פאַרמאָגט... ווער ווייסט?

פאַריז, 1946.

נאָכוואָרט

אויך דער צווייטער חלק „שמועסן" באַשטייט פון אַרבעטן, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין פאַרשידענע יאָרן. זיי זענען אָבער פאַרבונדן צווישן זיך דורך אַ בשותּפותדיקן לייט־מאָטיוו. אויך דאָ איז די כּוונה צו זען די ייִדישע צייט. מײַנע עסייען, וואָס האָבן אַ שײַכות מיט וועלט־ענינים געהערן נישט צום דאָזיקן ציקל. דער דגש דאַרף, אַגבֿ, געשטעלט ווערן אויף דער אינטימער זייט פונעם אינהאַלט. טייל שאלות און אויספירן קענען אפשר ווײַטן עמעצן — אָבער דער מחבר גופא איז אַ שותּף צום דאָזיקן ווייטיק. ער פירט דאָ גיכער אַ וויכּוח מיט זיך אַליין, איידער מיט אַנדערע.

די היסטאָרישע, אָדער טראַדיציאָנעלע, עלעמענטן און טייל עסייען זענען נאָר אַ ראַם פאַר „אַקטועלע" דור־מחשבות — און נישט קיין אַבסטראַקטע פאָרשונג. דאָך זענען זיי אויסן אַרײַנצופירן אין דער וועלט פון אייביק־ייִדישע ווערטן בכלל.

***

איך דאַנק אויפריכטיק דעם פאַרלאַג „קיום" סיי פאַרן אַרויסגעבן דעם איצטיקן באַנד און סיי פאַר דער גרייטקייט אַרויסצוגעבן בקרובֿ דעם דריטן חלק „שמועסן מיט דער צייט". כ'וויל האָפן, אַז אַלע דריי בענדער צוזאַמען וועלן קענען אָפּשליסן סך־הכּלדיק אַ צאָל שאלות — און אפשר אויך אַרויסברענגען דעם ענטפער.

ניו־יאָרק, יולי 1961.

באַמערקטע דרוק־פעלערן

זייט	שורה	ד אַ ר ף ז י י ן
20	32	אַ סך וועלטלעכער, ווייל ער האָט דאָך...
29	3	די אַלגעמיינע פּאָפּולאַריטעט שטעקט אָן
30	2	האָט געאָטעמט מיט אַלטן ווייַן
34	22	זיך אַריינברעכן אין דער יִדישער צייט
42	10	א ו י ך דער בית־המדרש
54	31	אָדער פּופּציק פּראָצענט
57	14	ו י ל ן בלייבן יִדן, וועלן זיי...
66	34	אויב עס האָט זיך ב כ ל ל אָפּגעשטעלט
74	33	פּירט אויף טויזנטער יאָרן צ ו ר י ק
75	36	פון ג אַ נ צ ן האַרץ זאָגן: מוחל.
83	19	און מערקווירדיק
83	28	ער האָט אָנגעוואָרפן אַ פּאַניק, אַ פ י ל ו
85	7	ה אָ ט אונדזערע ביידע ליטעראַטורן געפעלט
89	11	הנאה פון תנ״ך און מליצה. מחמת דעם...
91	17	ר׳ ג ד י א ל, נחשון און ווי נאָך...
96	30	ווייל „די דאָזיקע בלבולים...
97	17	פּאַרמאַכטע אויגן, ר׳ אברהם...
105	18	וועלט זיך גענומען דרייען, אָבער עפּעס האָט
132	26	טיילמאָל זענען זיי אַפילו באַגאַבטער
159	4	אלא שפּעטער? גאָר שפּעט?
172	27	ווייטער נאָכפּאָלגן יענער מאָסע
173	15	איצט האָט ער אים
175	25	זענען צערודערט
202	6	לעבעדיקע וועזנס, פ ו ל מיט...
208	32	הייסן הייסט עס, אַז זיי...
210	19	אויב מען וועט נאָר וויסן ווען איינס דאַרף אָפּטרעטן
218	17	ד אָ שטעלט זיך טיילמאָל
233	31	און דאָס סאָמע־קוריאָזסטע: כמעט קיינער
257	34	די אַנדערע דאַרפן זיך נעמען צ ו עפּעס אַנדערש

אינהאַלט

	זייט
טראַגעדיעס און זכותים פון דער יידישער ליטעראַטור — — —	7
ירחמיאל דער ערשטער — — — — — — — — — — — —	77
די מאַסע און דער פאַלשער משיח — — — — — — — — —	109
צווישן „נעכטן" און „מאָרגן" — — — — — — — — —	207
אַ פאָלק מיט אַ פראַגע־צייכן — — — — — — — — —	231
ר' ישראל סאַלאַנטער שרייבט אַ בריוו — — — — — — —	263
ווער זענען זיי געווען? — — — — — — — — — — —	315
נאָכוואָרט — — — — — — — — — — — — — — —	333

קיום
פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

פארלאג־אדרעס:
"KIUM"
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

דערשינענע ביכער:

1. דוד בן־גוריון — נצח ישראל
2. מענדל מאַן — אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף (אויספאַרקויפט)
3. יחיאל האַלפּערן — דער רעוואָלט פון אַ גלות־פאָלק
4. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפט
5. ה. לייוויק — אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים.
6. אפרים דקל — געהיים־דינסט פון דער „הגנה" אין ארץ־ישראל
7. ד"ר טעאָדאָר הערצל — דערציילונגען און פעליעטאָנען
8. י. לעשטשינסקי — דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות־יידנטום
9. מ. גראָס־צימערמאַן — יידן צווישן יידן
10. יצחק בן־צבי — מיט דער צווייטער עליה
11. רחלס לידער
12. מענדל מאַן — די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען
13. אריה לעאָן קובאָווי — וואָרצלען און פליגלען (אויספאַרקויפט)
14. שלמה סיימאַן — אין די טעג פון די ערשטע נביאים (אויספאַרקויפט)
15. יוסף וויץ — זכרונות
16. אפרים אויערבאַך — גילדענע שקיעה
17. מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט (אויספאַרקויפט)
18. יצחק יאַנאַסאָוויטש — מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד
19. פּנחס שטיינוואַקס — ציוניסטן (אויספאַרקויפט)

20־21. יעקב גלאַטשטיין — אין תוך גענומען (צוויי בענד)

22. שלמה ביקל — אַ שטאָט מיט יידן
23. חיים גרינבערג — ייִד און וועלט.
24. חיים גרינבערג — מענטשן און ווערטן
25. מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט (באַנד 2)

אין שפּאַניש:

Marie Syrkin: Al Servicio de una Causa (Agotado)
Ab. N. Polak: Así se forjó el Estado de Israel
Iehuda Burla: Las Hazañas de Acavia

Este libro se terminó de imprimir en el mes de julio de 1961 en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN S. R. L., Avda. Corrientes 1976 - Buenos Aires.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

•

Copyright by
M. STRIGLER
New York

•

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires

Editado por
Poale Sion Hitajdut
Departamento
Ediciones "**KIUM**"

M. STRIGLER

COLOQUIOS CON EL TIEMPO

(ENSAYOS)

BUENOS AIRES
1961